STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04095

DI GESHIKHTE FUN KRISTENTHUM

Max Lazar Bucans

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געשיכטע פון
קריסטענטהום

היסטאָרישע ערקלערונגען וועגען יהושע הנוצרי,
אַפּאָסטעל פאול און אלע אנדערע אידישע און
היידענישע גרינדער פון דער קריסטליכער אמונה.

— פון —

מ. בוקאנסקי, (בן פורת)

Hebrew Publishing Co.
632-634 BROADWAY
NEW YORK
1928

אנשטאט א הקדמה

(אויסצוג פון אלכסנדר הארקאווי'ס מיינונג וועגן דעם ווערק,
אין „אבענד פאסט“ פון יולי דעם 29־טען, 1901)

מר. בוקאנסקי (בן פורת) האט דעם יאהר ארויסגעלאזען פון זיין פעדער א גרויס ווערק אין אידיש מיט דעם טיטול „די געשיכטע פון קריסטענטום“, אין וועלכען ער גיט „היסטארישע ערקלערונגען וועגען ישוע הנוצרי, אפאסטעל פאול און אלע אנדערע אידישע און היידנישע גרינדער פון דער אמונה“.

איבער ישוע הנוצרי'ס לעבען און טויט זיינען אין פארשידענע שפראכען געשריבען געווארען אונצעהליגע ווערק, אבער ווייניג פון זיי פארדינען אונזער אויפמערקזאמקייט, ווייל די מעהרסטע שרייבער וועגען דעם קריסטליכען „ער־לייזער“ זיינען געוועזען פינסטערע רעליגיעזע מענשען. ביז דער צייט פון וואל־טעיר'ן געפינט מען ניט ביי קריסטען קיין שריפטשטעלער, וואס זאל האבען בארירט דעם געגענשטאנד ריין היסטאריש אדער קריטיש. וואלטעיר, שטראוס און רענאן, קען מען זאגען, זיינען געוועזען די ערשטע קריסטליכע געלעהרטע, וועלכע האבען דעם געגענשטאנד באהאנדעלט אויף א קריטישען ארט. וואס אנבאטרעפט אידען, איז ביי אונז קיין ביאגראפיע פון יעזוס'ן ניט באקאנט, אויסער „תולדות ישו“ (דער „מעשה תלוי“), א קליין ווערקעל מיט גרויסע שטותים. די אידישע פארשער פון די נייערע צייטען האבען, אמת, וועגען קריסטוס'ן געשריבען, אבער זיי האבען נאר בארירט איינצעלנע פונקטען.

היסטאריע און יעזוס זיינען אייגענטליך א תרתי־דסתרי און די ארבייט צוזאמענצושטעלען א היסטארישע ביאגראפיע איז דעריבער ווייט ניט קיין לייכטע. דא מוז מען פיהרען א קאמף מיט אומריינע קוועלען. די קוועלען דערצו זיינען די עוואנגעלישע ביכער („הברית החדשה“), די שרייבערייען פון די „קירכען־פאטערס“ און אפשר אויך עטליכע עלענדע, פארשטויסענע שטיקלאך פון תלמוד. אום צו קומען צו עפעס א שטיקעל טאלק, מוז דער שרייבער פון יעזוס'עס ביאגראפיע ארויסנעמען פון די קוועלען, ווען מעגליך, די שיקליכע פאקטען, זיי וועגען אין די וואג־שאלען פון זיין פארשטאנד, זעהן אויב זיי בינדען איינע מיט די אנדערע און אויב זיי שטימען מיט דער באקאנטער גע־שיכטע פון דער צייט, צו וועלכער זיי געהערען.

צום דעם וויל איך נאך צוזעצען, אז איינער, וואס שרייבט די געשיכטע פון א פרעמדער רעליגיע, דארף זיך ניט לאזען פארפיהרען פון זיין אייגענער

אמונה, ווען ער וויל זיין אומפּארטייאיש. ער דאַרף גערענקען, דאָס אַלע רע־ליגיעס זיינען פּאַרוויקעלט אין אַ טונקעלען שלייער און זיי ווידערשפּרעכען זיך אַליין. רעליגיע איז ניט קיין וויסענשאַפט, וועלכע באַרוהט אויף פעסטע געזעצען. זי איז אַזוי וואַקעלדיג און שאַקעלדיג ווי די נאַטורען פון די מענשען זעלבסט, וועלכע אַנערקענען זי. אַ שרייבער איבער אַ רעליגיע פון אַן אַנדער פאָלק דאַרף האָבען פאַר זיינע אויגען די אייגענשאַפטען פון זיין אייגענער אמונה, אום ניט צו זיין פּאַרטייאיש צו יענער.

אין זיין „געשיכטע פון קריסטענטום” באַמיהט זיך מר. בוקאַנסקי צו זיין אַזוי טריי צו היסטאָריע, ווי עס איז נאָר מעגליך ביי אַזאַ טונקעלען געגענ־שטאַנד. ער ברענגט אַלע מעגליכע קוועלען פון אַלטע און נייע שרייבער און צו־גלידערט זיי ווי אַ גוטער קריטיקער פון היסטאָריע. מר. בוקאַנסקי׳ס ווערק איז אייגענטליך ניט קיין געשיכטע, נאָר אַ קריטיק אויף דער געשיכטע פון יעזוס׳ן און קריסטענטום; עס איז אַ זאַמלונג פון מאַטעריאַל, פון וועלכע דער לעזער דאַרף אַליין פאַרפאַסען די היסטאָריע פון קריסטענטום נאָך זיין אייגענעם פאַרשטאַנד.

אָבער ווען מר. בוקאַנסקי׳ס „געשיכטע פון קריסטענטום” איז ניט קיין פּאַרטייגע היסטאָריע, איז איהר שטאָף אַזאַ רייכער, דאָס ער אַליין האָט בכח צוצוציהען דעם לעזער. וואָרום דאָס ווערק איז רייך באַזייט מיט היסטאָרישע פאַקטען און קוריאָזיטעטען, וועלכע דאַרפען אינטערעסירען יעדען אידען. דאָס ווערק מאַכט אונז באַקאַנט מיט פיעל קאַפּיטלען פון דער אידישער היסטאָריע און פון דער וועלט־געשיכטע, וועלכע מיר מעגען אויך וויסען, אָהן דער גע־שיכטע פון יעזוס׳ן און פון קריסטענטום.

מר. בוקאַנסקי׳ס קריטיק אויף דער געשיכטע פון יעזוס׳ן און קריסטענ־טום איז פיין און שכל׳דיג, אָבער ער פאַלט ערטערווייז אריין אין די פעהלערען, אין וועלכע פיעל קאָנסערוואַטיווע היסטאָריקער פאַלען אריין. ער קען זיך ניט אין גאַנצען צוריקהאַלטען פון דעם פאַנאַטיזם, וועלכען זיינע אייגענע רעליגיעזע איבערצייגונגען גיבען איהם אריין.

אָבער אין גאַנצען גענומען איז די „געשיכטע פון קריסטענטום” אַן עהרליך, אומפּאַרטייאיש און פאַרנינפטיג ווערק, אין וועלכע עס שטראַהלט אָפּ דער שיין פון טאָלעראַנץ פון אַ געבילדעטען פאַרפאַסער.

אלכסנדר הארקאווי

איינלייטונג.

דיא אידעען האבען פון אייביג אַן געשפּיעלט א וויכטיגע ראָללע אין דעם לעבען פון יעדען איינצעלנעם מענשען אונד פון גאנצע פעלקער אונד נאַציאָנען. אין דער טהאַט קען מען זאָגען, אז דאס גאנצע וועזען פון מענשען דריקט זיך אויס נור אין זיינע אידעאַלען, געדאנקען, ווינשונגען, האָפנונגען אונד אין אלע זיינע גייסטיגע שטרעבונגען, וועלכע שטעלען אונז פאָר דעם אינערליכען, אָדער ריכטיגער צו זאָגען דעם ווירקליכען מענשען. אָהן דיעזע אידעאַלען איז דער מענש קיין פיעל גרעסערער יחסן וויא אלע אַנדערע בעלי חיים.

דיעזע אידעאַלען אונד שטרעבונגען פון דיא פערפלאָסענע דורות, דיא לעבענסבילדער פון דיא פערגאַנגענע מענשהייט, ענטהאַלטען זיך אין דער וועלט־געשיכטע, וועלכע איז דאַרום איינע פון דיא וויכטיגסטע אונד ניטצליכסטע וויסענשאַפטען. גראַדע וויא דיא נאַטור, וועלכע צייגט אונז אַלעס וואס עס עקסיסטירט יעצט, אין אונזערע צייטען, איז דיא וועלט־געשיכטע אַ ריעזען־שפּיעגעל, אין וועלכען מיר זעהן אַללעס וואס עס האט פריעהער עקסיסטירט, דיא מערקווירדיגע טהאַטען פון פערשיעדענע גרויסמעכטיגע, היסטאָרישע פּערזאָנען, וועלכע האבען אין זייער צייט געמאַכט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם שיקזאַל פון זייערע דורות, הן צו גוטען, הן צו בייזען; דאס לעבען פון לענגסט־פערשוואונדענע פעלקער אונד גענעראַציאָנען; זייערע פערנינפטיגע, ניטצליכע זיטטען, וועלכע מיר קענען נעהמען אַלס מוסטער אין געוויסע צופאַללען נאָכצוטהון; זייערע פעראירונגען, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען שלעכטע פאָלגען וואס ברייגגען שאַדען זאָגאַר יעצט פיר אונז. דאס אַללעס צייגט דיא היסטאָריע, זאָגאַר יעדען איינפאַך־דענקענדען מענשען, וואס האט ניט דיא מעגליכקייטען אונד איז ניט פעהיג זיך צו בעשעפטיגען מיט טיעפערע היסטאָרישע פאָרשונגען, אום ער זאָלל קענען קלאָר פערשטעהן דיעניגע בעדינגונגען אונד אורזאַכען וואס האבען צו אַ געוויסער צייט, אָדער אין אַ בעשטימטען אָרט געבראַכט צו גלייכע אדער פערשיעדענע טהאַטזאַכען. דיעזע אונד עהנליכע ערקלערונגען הייסען אין דער וויסענשאַפט „היסטאָרישע פילאָזאָפיע", וועלכע האט זיך ערשט אין דיא לעצטע צייטען אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען.

דיא אורטהיילען וואס ווערען אויסגעשפראָכען ווענען דיא היסטאָרישע בעגעבענהייטען אין אַלגעמיין זיינען זעהר פערשיעדען. דיא זאָגענאַנטע טהעאָלאָגען, אדער גאָטטעס־געלעהרטע, אונד פיעלע אַנדערע אַזעלכע פאַנאַטיקער בעהויפּטען, אַז אַלע סיבות וואס טרעפען אויף דער וועלט, פון דאס קלענסטע ביז דאס גרעסטע, קומען בלויז דורך אַ קאַפּריזנעם, אונבעגרייפליכען רצון פון אַ פּערזענליכע גאָטטהייט, וועלכע מאַכט פּלוצלינגע ענדערונגען אין דעם סדר עולם, אָפּטמאָל זאָגאַר געגען דיא נאַטירליכע געזעטצען. דיזע אַנזיכט ערניעדריגט דיא האַרמאָנישע געטליכע אַללמאַכט אונד פערטומעלט דיא מוחות פון דיא מענשהייט. אַ צווייטע קלאַססע, אין וועלכע עס געפינען זיך זאָגאַר גרויסע דענקער, בעהויפּטען, אַז דיא איינציגע רעגיערער איבער אַלע וועלט־בעגעבענהייטען זיינען נור דיא בלינדע נאַטור־קרעפּטען, אָהן אַ ציעל, אָהן אַ שכל אונד אָהן אַ בעוואוסטזיין. פון דיעזע פאַלשע מיינונג האבען זיי געדרונגען, אַז גרעססטענטהיילס זיינען אַלע סיבות אין דער וועלט אַבּהענגיג בלויז פון איין אונבעשטימטען צופאַל. אבער דיא נייעסטע היסטאָריש־וויסענשאַפטליכע מענער בעווייזען מיט קלאָרע פאַקטען, אַז אָהן אַ „ווארום“ גיעבט קיין „דארום“, אַז אין דעם לעבען פון דער מענשהייט, וויא אין דער נאַטור אין אַלגעמיין, גיעבט עס פעסטגעשטעלטע, אונפערענדערליכע געזעטצען, וועלכע זיינען דיא איינציגע אורזאַכען פון אַלעס וואס עס קומט פאָר אויף דער וועלט צו יעדע צייט. דיעזע געזעטצען טיעפער צו ערגרינדען אונד ריכטיגער צו ערפאָרשען איז דיא אויפגאַבע פון דער היסטאָרישער וויסענשאַפּט.

גראַדע פון דעמזעלבען שטאַנדפּונקט קען מען אויך בעטראַכטען דיא רעליגיאָנס־געשיכטע, וועלכע איז אַן אונד פיר זיך דער וויכטיגסטער טהייל אין דער היסטאָריע פון קולטור אונד פּראָגרעס. דאס גרעסטע טהייל פון דער מענשהייט, אייבערהויפּט פון דער ניעדריגע פאָלקס־קלאַסען, איז אָבגעגעבען מיט לייב אונד זעעלע צו דיא אויסערליכע רעליגיאָנס־לעהרע, דאס הייסט, צו געוויסע רעליגיעזע פאָרמעס, אין וועלכע זיי זיינען איינגעגלויבט פון דער יוגענד אָן. דאס איז איבריגענס גאַנץ נאַטירליך. דער איינפאַכער מענש האט זעהר וועניג צייט אונד נאָך וועניגער פעהיגקייט צו דענקען ווענען אַזעלכע הויכע, איבערנאַטירליכע פראַגען, וויא גאָטט, וועלטאַלל אונד דער גלייבען. אונד צו וואָס דאַרף ער עס איבריגענס? ער האט זיך זעהר בעקוועם איינגעלעבט מיט דיא אבערגלווירישע מנהגים, ער העגנט אָן זיי מיט זיין גאַנצען צוטרויען, זיי דיענען איהם אלס שטיטצע אונד טרויסט אין דיא פערשיעדענע צושטאַנדען פון לעבען, זיי בעפריעדיגען אַלע זיינע געפיהלען אונד ער בעגניגענט זיך פאָלשטענדיג מיט דיעזע אויסערליכע זייטע פון רעליגיאָן, ניט אריין קריכענדיג אין

טיעפע חקירות וועגען איהר ערהאבענעם, אינערליכען וועזען. ביי דיעזע לייטע פון דיא ניעדריגע, אונגעבילדעטע קלאסע בלייבט דאס אויף אויביג א בוך מיט זיעבען זיעגלען.

אויף דיא העכערע שטופפע פון געזעלשאפטליכען לעבען, ביי דיא ענטוויקעלטע קלאססע, זיינען דיא אנזיכטען וועגען רעליגיאָן גאַנץ אנדערע. דיא מענשען פון יענע קרייזען זיינען מייסטענטהיילס אַזעלכע וואס האבען גענאָסען א גוטע שולל־בילדונג און זיי האבען זאָנסט אויך פיעל מעהר צייט אונד געלעגענהייט נאכצודענקען וועגען אידעאַלע פראַגען, דענאָך איז זעלטען אָנצוטרעפען ביי זיי א מאַן וואס זאָלל זיך אָבגעבען מיט רעליגיעזע פאָרשונגען. דיעזע לייטע האבען ליעב צו שפּיעלען דיא ראָללע פון פרייזיניגע דענקער, וועלכע בעטראַכטען דיא רעליגיאָן אלס א פאַנטאַזיע פון דיא פאָרצייטיגע יאהרען, אונד דאָרום קען זיא ביי א געבילדעטען מענשען גאָר קיין ווערטה ניט האבען. דיא רעליגיאָן, זאָגען זיי, איז נויטהווענדיג נור פאר דעם פּראָסטען המון, אלס א מיטעל זיי צו האַלטען אין מורא אונד געהאָרכזאַמ־קייט, אום דיא געזעלשאַפטליכע אָרדנונג זאָל ניט געשטערט ווערען, אָבער זיי, דיא חכמים, דאַרפען גאָר קיין רעליגיאָן. דיעזע בעהויפּטונג אליין בעווייזט וויא גרויס דער טעות איז פון אַזעלכע בלומרשט געלעהרטע העררען; זיי פערשטעהען זאָגאָר ניט דעם אונטערשיעד צווישען א פאָלקס־רעליגיאָן, דאס הייסט, דיא אויסערליכע צערעמאָניעס פון א רעליגיאָן, אונד דעם אינערליכען מאָראַלישען וועזען וואס ענט־האַלט זיך מעהר אָדער וועניגער אין יעדע רעליגיאָן, וועלכע האט דיא גרעסטע בע־דייטונג פיר דעם לעבען דער מענשהייט.

„דיא וואהרע געשיכטע דער מענשהייט איז דיא רעליגיאָנס־געשיכטע" זאָגט דער גרויסער היסטאָריקער מאקס מילער, נאַטירליך, איז דאָ ניט דיא רעדע וועגען דיא פערשיעדענע קירכליכע פאָרשטעלונגען וואס דיא פריסטער האבען אויפגעטראַכט. קיין מענש וואס איז אים שטאַנד עטוואס לאָגיש צו דענקען וועט ניט זאָגען אז דאס איז דיא גאַנצע רעליגיאָן, אין איהר פוללע בעדייטונג פיר דיא ענטוויקלונג דער מענשהייט. דיא געשיכטע בעוויזט אונז, אז וואו דער מענש האט נור זיך ערהויבען איבער דיא טהיערישע שטופפע פון א ראָהען נאַטור־לעבען, האט זיך שוין ביי איהם געפונען א וואונש, א בעדירפניס צו דיא רעליגיאָן. דיעזע בעדירפניס איז מיט איהם איינגעוואקסען ביז צו דיא העכסטע שטופפע פון בילדונג אונד דיענט אלס פונדאַ־מענט פון גאַנצען געזעלשאַפטליכען לעבען. לויט נאָך דיא נאַטירליכע פערהעלטניסע פון אירגענד א לאַנד, לויט נאָך דעם בילדונגס־צושטאַנד פון א געוויסע גרופּפּע מענשען אונד לויט נאָך פערשיעדענע אַנדערע בעדינגונגען, האט דיא רעליגיעזע

אנשויאונג אָנגענומען א געוויסע געשטאלט אונד אויסגעאיבט איהר איינפלוס, וועלכער האט ניט אימער געבראכט גליק אונד זעגען, זאָנדערן, גראדע פערקעהרט, זעהר אָפט האט דיעזער איינפלוס געבראכט שאדען אונד שטערונגען אויף דעם וועג פון מענשליכען פאָרשריט. דאס אליין בעווייזט אלזאָ, אז דיא רעליגיאָן איז נאָך ווייט ניט איין אויסגעשפּיעלטע זאַך, א פאָרצייטיגע פאנטאזיע, וועלכע איז נור פיר דיא ניעדריגע פאָלקס־קלאססען. דיא זעלבסט־געמאכטע פילאָזאָפען, וועלכע בעהויפּטען דאָס, פיהלען זאָגאר ניט, אז זיי אליין שטעהען אונטער דעם מעכטיגען איינפלוס פון דעם אייביג־אונענדליכען וועזען דער רעליגיאָן.

אויף זיין ערשטע שטופּע, פון א טהיערישען צושטאנד, איז דער מענש נאָך ניט אים שטאנד געוועזען זיך צו ערקלערען דיא ערשיינונגען אין דער נאטור. ער האט נור געשפּיערט אז זיי האבען אויף איהם א געוואלטיגע מאכט אונד קענען איהם טהון גוטעס אָדער שלעכטעס. דיא זונן, דיא לבנה, דער ליכטיגער טאָג, דיא דונקעלע נאכט, בליטץ, דונער אונד געוויטער, פייער אונד וואסער, יא, זאָגאר דיא געוואלטיגע טהיערע, דיא הויכע בערג, דיא גרויסע פעלזען — דאס אלעס האט אויף יענעם מענשען־קינד ארויפגעיאָגט א מורא אונד דיא איינבילדונגס־קראפט האט איהם געזאָגט, אז הינטער דיעזע ערשיינונגען זיינען פערבאָרגען געהיימניספאָלע מעכטיגע וועזענס, וועלכע ווילען איהם פערשאפען פערגניגען אונד ערהאלטען זיין לעבען, אָדער טהון שאדען אונד פערניכטען. זעלבסטפערשטענדליך דארף ער דאָך בעטען צו אזעלכע מעכטיגע וועזענס וואס האבען אויף איהם דיא גרעססטע שליטה אונד פון וועלכע זיין לעבען איז אבהענגיג. ער מוז זיי אונטערקויפען אָדער דאנקען מיט מתנות אונד אָפּפערס. אויף דיעזען אופן איז דאָן ענטשטאנדען דער ניעדריגסטער זאָרט פון געטצענדיענסט, אָדער וויא מען רופט עס אויף דער וויסענשאפטליכער שפּראכע דער „פעטישיזם“, ווען דער מענש האט פערגעטערט דיא נאטור־ערשיינונגען, אדער זאָגאר פערשיעדענע טהיערע, בוימער, פעלזען, בערג, וואסערען אונד דערגלייכען.

דער מענש איז געשטיעגען פון שטופּע צו שטופּע אימער העכער, זיין גייסט האט זיך אויסגעבילדעט, זיין ערפאהרונג איז געוואָרען ברייטער, זיין קענטניס רייכער. דעם גלויבען אין דיא ערשיינונגען אונד קרעפטען דער נאטור האט ער שוין לאנג אויפגעגעבען. ער בעטראכט שוין יעצט דיא וועלט מיט אנדערע, פיעל פערנינפטיגערע בליקען אונד ער דענקט וועגען דיא אורזאכען אונד דיא ווירקונגען וואס קוממען פון זיי ארויס. דאָרט אויף'ן וואנד הענגט איין אוהר, אָדער ער טראָגט אזעלכע ביי זיך אין טאש. דער מעכאניזם איז קונסטפאָלל, געמאכט מיט א קלוגע

בערעכנונג, פיר א געוויסען ציעל, דאס הייסט אלזאָ, א מעכאַניקער האט דיעזעס ווערק בעשאַפען, אין וועלכע עס ווירקט דיא קראַפט פון זיין ווילען אונד זיין אר־בייט. בעטראַכטענדיג דיא וועלט, דעם היממעל מיט דיא אונצעהליגע שטערנס, אין זייער האַרמאָניישען, וואוגדערבאַרען גאַנג אונד שטרענגע אָרדנונג, קומט דער מענש צו דעם לאָגישען בעשלוס, אז דיעזער גרויסאַרטיגער, אונבעגרייפליכער מע־כאַניזם איז אָהן א צווייפעל בעשאַפען געוואָרען פון א וועזען וועלכער איז אויף אזוי פיעל מעהר ערהאבען איבער וועלט אונד נאַטור וויא פיעל דער מענשליכער מעכאַ־ניקער איז ערהאַבען איבער דיא מאַשינע, אדער דיא אוהר וואס איז פון איהם גע־מאכט געוואָרען. דיעזע לאָגישע בערעכנונג ברענגט דעם מענשען צו א פיעל הע־כערען בעגריף וועגען גאָט. דאָרט אויבען איבער דיא שטערן וואהנט ער, דער בע־שעפער פון היממעל אונד ערד, פון פפלאַנצען אונד טהיערע אונד אויך פון דעם מענשען־געשלעכט. ער איז דער עוויגער, דער אַללמעכטיגער, אַללוויסענדער, אַלל־הייליגער, אַללגערעכטער, אונענדליכער. פון זיין טהראָן לענקט אונד רעגיערט ער דיא גאַנצע וועלט, וועלכע עקסיסטירט נור דורך איהם אונד אָהן זיין געטליכען ווילען קען קיין זאַך ניט געשעהען.

אָבער דיא ענטוויקלונג פון מענשען בלייבט ניט שטעהן אויף דיעזע שטופּע: זיין פערשטאַנד, זיין גייסט, דרענגט איהם אימער וייטער, צו זוכען דיא אייביגע וואהרהייט אונד באַלד איבערציינגט ער זיך, אז דיא וועלט־פאָרשטעללונג, וועלכע ער האט זיך פריעהער געמאַכט, איז צווייפעלהאַפט. ערהאַבענע דענקער, מיט זייערע שאַרפע בערעכנונגען, האבען דורכגעדרונגען דיא וייטעסטע הימעלס־געגענ־דען, נייע נאַטור־געזעטצען זיינען ענטדעקט געוואָרען אונד דיא גאַנצע וועלטען־גע־בײדע ערשיינט יעצט אנדערס. אנשטאַט דעם פריעהערינען היממעל שטעללען זיך פאָר דעם שטוינענדען מענשליכען פערשטאַנד אונענדליכע וועלטען־רוימען. אין שטרענגער געזעטצמעסיגקייט אונד אָרדנונג ווירקט דיא שעפּפונגס־קראַפט אין וועלטאַלל. פיעלע לעבענס־פאָרמען שטייגען אויף אונד פערגעהען, אונצעהליגע וועל־טען בילדען זיך אוים, ווערען בעלעבט און לעזען זיך ווידער אויף. דער בעגריף פון צייט אונד רוים פערשווינדעט אונד דער דענקענדער ערדען־זוהן ווערט דורכגע־דרונגען מיט א הייליגען שוידער, פיהלענדיג דעם אטהעם פון דיא אייביגע אונענד־ליכקייט, וואס וועהט אין דיעזע אונצעהליגע מילליאַרדען וועלטען, דיא קראַפט פון דעם אונבעגרייפליכען וועזען וואס שאַפט, בעלעבט אונד רעגיערט אין דיא נאַטור־געזעטצען, דעם פּרינציפּ פון דיא הערליכע וואהרהייט, וועלכע לערנט איהם דיא איינהייט פון גאָט אין וועלטאַלל.

מיר זעהען אלזאָ אז דיא רעליגיאָן, דיא ריינע אידעאלע רעליגיאָן, ענטוויקעלט זיך, פּראָגרעסירט אונד מאכט פאָרטשריטע, וויא יעדע אידעע, פון א ניעדריגע צו אַ העכערע אונד העכסטע שטופּע. זיא לערנט דעם מענשען דענקען, פערעדעלט זיינע מאָראלישע געפיהלען אונד בילדעט אויס אין זיינע געדאנקען אַ געוויסע אנזיכט, א פאָרשטעללונג פון דער וועלט אונד פון דיא פערהעלטניסע אין וועלכע דיא מענשען שטעהען צו איהר אונד איינע צו דיא אַנדערע. מיר רעדען דאָ ניט וועגען דיא זיטען־לעהרע, וועלכע ענטהאלט זיך אין יעדע רעליגיאָן. דיעזע לעהרען זיינען נור דיא פריכטע פון רעליגיאָנס־בוים. אויסערליך אָנצוזעהן זיינען זיי אלע שעהן, זאָגאר פּראַכטפאָלל, אבער אונטער דיעזע אויסערליכע שעהנהייט קענען זיין פערבאָרגען גוטע אדער שלעכטע פריכטע, ניטצליכע אָדער שעדליכע, לעבענס ברענגענדע אָדער טויטליכע, גיפטיגע. עס קומט אָן דארויף פון וואס פיר א ווארצעל זייא וואַקסען, דאס הייסט, פון דעם אינערליכען, רעליגיעזען פּרינציפּ.

דער וועלט־פּרינציפּ, אָדער דייטליכער צו זאָגען, דיא וועלט אנשויאונג, וועלכע דיא רעליגיאָן בילדעט אויס אין מענשען, האט אַ וויכטיגען, שטארקען איינפלוס אויף זיין אַלטעגליכען לעבען, אויף זיינע בעציהונגען צו אנדערע מענשען, אויף זייערע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע אונד געזעללשאפטליכע פערהעלטניסע, אויף דיא געזעצען אונד אָרדנונגען וועלכע רעגולירען דיעזעס לעבען. ווען מיר נעהמען אלס ביישפּיעל דעם אבערגלויבישען פּרינציפּ פון דיא כריסטליכע רעליגיאָן זעהן מיר, אז טראָצדעם וואס זיא פּרעדיגט שעהנע מאָראלישע זיטען האט זיא דענאָך געהאט דעם שעדליכסטען איינפלוס אויף דיא מענשליכע אנגעלעגענהייטען. דער גרינדער פון דיעזע רעליגיאָן, אַ פאַנטאַסט, א שווערמער, האט געוואָללט „פערבעסערן" דיא פּראקטישע לעהרען פון תורת משה; אנשטאט דיא מאַטעריעללע אינטערעסען אויף וועלכע אונזער געזעטצגעבער לעגט דעם גרעסטען געוויכט, האט דער פאַנאַטיקער פון גליל געוואָלט אז דיא מענשהייט זאָלל זיך אין גאנצען ענטזאגען פון דיעזע וועלט אונד פאנטאַזירען נור וועגען אַ מלכות שמים, דאפון איז ארויסגעקוממען א פאלשער, צווייפאכיגער פּרינציפּ, א פּרינציפּ וועלכער האט געשטעלט דיא פּריעסטערשאַפט העכער וויא דיא מענשהייט, דעם פּאבסט העכער וויא דעם מעכטיגסטען קייזער. אונד אזוי וויא דאָ האנדעלט זיך נור וועגען א געהיימניספאָללע יענע זייט, וועגען איין אונבעקאנטע הימעל־רייך, האט דאס פאָלק ניט געדארפט פערשטעהען אונד דענקען, זאָנדערן בלינד גלויבען אונד געהאָרכזאם ערפילען אללעס וואס דיא פּריעסטער זאָגען. דאס האט געפיהרט צום ערגסטען קירכליכען דעספּאָטיזמוס אונד צו דיא ניעדריגסטע גייסטיגע שקלאפעריי. דיא פּריעסטער זיינען געווארען פרעך, פערדאָר־

בען, טיראניש, דאס פאלק איז געזונקען איממער טיעפער אין שמוטץ אונד אבער־גלויבען; דאס האט געבראכט צו דיא גרויזאמסטע מערדערייען, פינסטערע אינקוויזיציאָנען, שרעקליכע בלוט־פערגיעסונגען, אללגעמיינעם יאָמער, עלענד אונד אונגליק, פון וועלכע דיא גאנצע מענשהייט האט אזוי פירכטערליך געליטען וועהרענד פיעלע יאהרהונדערטע. אונד שולדיג אין דעם אללעם איז, וויא מיר זעהען, נור איין פאלשע וועלט־בעטראכטונג פון איין אונפראקטישען אונד אונפעהיגען רעליגיעזען געזעטץ־געבער.

דער פרייזיניגער קעניג, פריעדריך דער גרויסער, האט וועגען דיא כריסטליכע קירכע זיך אויסגעדריקט אין אייניגע ווערטער, וועלכע שטעללען פאר כמעט איהר גאנצע געשיכטע. אין זיין פאררעדע צו א געוויסען בוך זאגט ער וועגען יעזוס׳ן, זיינע תלמידים אונד זיינע רוימישע פערטרעטער, דיא פאבסטען, פאלגענדעס: „א איד, פון דיא ניעדריגסטע פאלקס־קלאססע, וואס זיין געבורט איז אונבעקאנט אונד צווייפעלהאפט, וועלכער האט געענדיגט אויף דער תליה, ער איז דער העלד פון דער כריסטליכער סעקטע. צוועלף פאנאטיקער האבען אויפגערייצט דיא געמיטהער דורך פוסטע מאראל; דיא גרעסטע שופטען האבען מיט דער צייט געוואונען דיא הערר־שערמאכט; דיעזע שופטען זיינען געוואָרען פאבסטען אונד דיעזע פערעהרטע בע־טריגער האבען געמיסברויכט דעם נאמען פון העכסטען וועזען אונד זיך בעדיענט מיט דיא רעליגאָן אלס א מאסקע, אום זייערע פערברעכערישע געלוסטען, זייער חערשערזוכט אונד פריעסטערליכע אינטערעסען צו פערדעקען“.

דיעזע ווערטער זיינען געגרינדעט אויף אמת׳ע היסטארישע פאקטען, וועלכע מיר, אידען, דארפען אם נויטהיגסטען זיך ערקלערען אונד גרינדליך וויססען. מיר האבען פון דעם קריסטענטהום געליטען מעהר וויא פון אלע אנדערע רעליגיאָנען, מיר ליידען נאך יעצט אויך גרויזאמע פערפאלגונגען אין פערשיעדענע פינסטערע מדינות אונד זאגאר דארט וואו דיא קריסטען זיינען שוין אייניגער־מאסען געבילדעט אונד עטוואס מעהר טאלעראנט מאכען זיי אונז אויך פארווירפע אונד ערניעדריגען אונז, אים נאמען פון זייער געקרייציגטען גאטט. פאר אונז איז אלזא א וויכטיגע לעבענס־פראגע, מיר זאללען וויסען דיא וואהרהייט, דיא ריכטיגע פאקטען וועגען דיא געשיכטע פון קריסטענטהום. דאס וואללט אונז געגעבען מעהר זעלבסטאכטונג, מעהר מוטה זיך צו פערטהיידיגען געגען פאלשע בלבולים אונד מעהר האפפנונג אויף דיא צוקונפט, דען דיא געשיכטליכע בעגעבענהייטען בעווייזען אונז, אז דיא ליכטיגע אויפקלערונג זיעגט איבער דיא פינסטערע, פריעסטער־ליכע מאכט. דיא ציוויליזאציאָן פערטרייבט דעם קירכליכען פאנאטיזם; פיעלע

פון דיא קריסטען פערשטעהן שוין יעצט בעסער דיא ריכטיגע וואהרהייט אונד ווען זיי וועלען דאס אללע אנערקענען, ווען זיי וועלען אויפהערען צו פערגעטערן א געשטארבענעם אידען, דאן וועללען זיי אויך מעהר ניט פערפאלגען דיא לעבענדיגע אידען.

פיר דיעזען ניצליכען צוועק האב איך זיך אונטערנוממען צו שרייבען א „געשיכטע פון קריסטענטהום". דיא אויפגאבע איז זעהר א שוויעריגע, אזוי שוויעריג אז זאגאר דיא גרעסטע מענער דער וויסענשאפט האבען נאך איהר ניט געקענט אין גאנצען אויפלעזען, דארום האף איך אז דער געניינטער לעזער וועט מיר פערצייהען ווען אין מיין ווערק וועלען זיך געפינען פעהלערען, פון וועלבע זאגאר דיא גרעסטע היסטאריקער האבען זיך ניט געקענט אויסהיטען. מיין „אלגעמיינע געשיכטע פון אידישען פאלק", וועלכע איך האב געשריבען פיר דיא בעוואוסטע צייטונג „פאלקסאדוואקאט" האט געצויגען אויף זיך דיא אויפמערקזאמקייט פון איינטעלליגענטען לעזענדען פובליקום אונד איך דיעזע „געשיכטע פון קריסטענטהום" וועל איך זוכען פארצושטעללען וויסענשאפטליך ריכטיג, וויא וויים מיינע פעהיגקייטען אונד מעגליכקייטען וועללען ערלויבען, אונד אויב איך וועלל מיט מיין ארבייט ברענגען דעם קלענסטען נוטצען פיר דעם אידישען לעזער, וועט דאס זיין מיין בעסטע בעלאהנונג.

מ. בוקאנסקי. (בן פורת.)

1טעס בוך.

דיא געשיכטע פון יעזוס קריסטוס.

1טעס קאפיטעל.

דיא עוואַנגעלישע בעריכטע.

עוואַנגעליום איז א וואָרט וואס שטאמט פון דער גריעכישער שפראך, אויף וועלכע דער כריסטליכער נייער טעסטאמענט, אָדער ביבעל, (ברית חדשה) איז גע־שריעבען געוואָרען. דאס וואָרט בעדייטעט א בשורה טובה, נעמליך, אז דער רעט־טער, דער ערלעזער פון דיא וועלט, איז ערשיענען. עס גיעבט אין נייעם טעסטא־מענט פיער אַזעלכע עוואנגעליען, פון מאטהעאוס, מארקוס, לוקאס, אונד יאָהאַנעס. מאטהעאוס (אויף העברעאיש מתתיהו), דער זוהן פון א געוויסען אַלפעאוס, איז פריהר געוועזען אין דער פּאלעסטינישע פּראָווינץ גליל א צאהל־איינגעהמער, א מוכסן, פון דיעניגע קלאססע מענשען וועלכע דיא אידען אין פּאלעסטינא האבען טיעף פער־האסט, נאכהער איז ער געוואָרען איינער פון יעזוס'עס 12 תלמידים, אָדער, וויא זיי רופען עס, אפּאָסטעלס, ד. ה. שלוחים. וויא דיא זאגע ערצעהלט איז ער געשטאָר־בען אלס מערטירער, אין וועלכען אָרט ווייס מען ניט בעשטימט. דענאך האט דיא קאטאָלישע קירכע אין יאהר 954 געבראכט פון אירגענדוואו א טויטען קערפּער אונד ערקלערט אז דאס איז דער עוואנגעליסט מאטהעאוס. זיי האבען איהם בעערדיגט אין סאלערנאָ, איטאליען, וואו מען ציינט נאך עד היום זיין קבר. דער צווייטער עוואנגעליסט איז מארקוס, (אויף העברעאיש איז זיין נאָמען געוועזען יוחנן, דארום רופט מען איהם אויך יאָהאנעס־מארקוס). דער נאָמען פון זיין פאטער איז אונבע־קאנט. זיין מוטער איז געוועזען א געוויסע מרים, וועלכע האט געהאט א הויז אין

ירושלים, וואו דיא אפאָסטעלס פלעגען נאָך יעזוס'עס טוידט אָבהאַלטען זייערע גע־הײמע פערזאַמלונגען. מארקוס האט אלזאָ יעזוס'ן פערזענליך ניט געקענט. אלס פּאָול האט אונגעפעהר 20 יאהר נאָך יעזוס'עס טויט אָנגעפאנגען ארומצופאָהרען פּרעדיגען דיא נייע רעליגיאָן פון קריסטענטהום, האט מארקוס איהם בעגלייט אויף זיין ערשטע מיסיאָנס־רייזע, אלס געהילפע, אָבער אין מיטען וועג האבען זיי זיך צור־קריעגט אונד מארקוס איז צוריקגעקוממען נאך ירושלים, פון וואנען ער האט זיך בעגעבען נאָך דיא גריעכישע אינזעל ציפּערען. שפּעטער זאָל ער האבען געדיענט ביי דעם אפּאָסטעל פּעטרוס, אלס שרייבער, אָדער איבערזעטצער, אזוי בעהויפּטען דיא קירכליכע היסטאָריקער; אבער בעשטימט וויים מען עס ניט. מארקוס איז אויך געוועזען איינער פון דיא ערסטע טהעטיגע ארבייטער פיר דיא קריסטליכע אמונה אונד האט נעגרינדעט אין אלעכסאנדריען א געמיינדע פון בעקעהרטע כריסטען. זיין קערפּער איז שפּעטער געבראכט געוואָרען נאָך ווענעדיג אונד דארום רעכענט ער זיך אלס הייליגער בעשיטצער פון יענער שטאדט. דער דריטער עוואנגעליסט, לוקאס, איז שוין גאָר ניט געוועזען פון אידישער אָבשטאממונג, זאָנדערן א געבאָרע־נער גרעק, וואהרשיינליך א בעפרייטער שקלאַף. פּאָול האט איהם בעקעהרט צום קריסטענטהום אונד פון דאן אָן האט לוקאס איהם בעגלייטעט אויף אללע זיינע מיסיאָנס־רייזען, אלס געהילפע. מען קען אלזאָ רעכענען אז אויך לוקאס האט קיין מאָל יעזוס'ן אין דיא אויגען ניט געזעהען. אין איינע פון זיינע שריפטען עראינערט פּאָול אז לוקאס איז געוועזען א דאָקטאָר, אונד דאס איז זעהר וואהרשיינליך, דען אין יענע צייטען האבען מיט דיעזע פּראָפעסיאָן זיך בעשעפטיגט הויפּטזעכליך נור שקלאַ־פען. דער פיערטער עוואנגעליסט יאָהאנעס (יוחנן) איז געבאָרען געוואָרען אין גליל, פון זעבעדעאוס אונד זיין פרויא שולמית. דער פאטער, זעבעדעאוס, איז געוועזען א פישער אונד יוחנן מיט דעם עלטערן ברודער יעקב האבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט דיעזע פּראָפעסיאָן, ווען יעזוס האט זיי גערופען איהם נאכצופאָלגען אונד זיי זיינען געוואָרען פון דיא ערשטע תלמידים ביי איהם. דיאביידע ברידער ווערען גע־שילדערט אין פערשיעדענע שטעלען פון נייעם טעסטאמענט אלס אויפברויזענדע, היטציגע מענשען, וועלכע זיינען זאָגאר פערטיג געוועזען צו בענעהען גוואלט־טהאטען, דענאָך קוממט עס אויס פון פיערטען עוואנגעליום, וואס טראָגט דעם נאמען פון דיזען יוחנן, אָדער יאָהאנעס, אזוי וויא ער וואָלט געוועזען א מענש מיט א זאנפטען, שטילען כאראקטער, זאָ דאס ער איז זעהר בעליעבט געוועזען ביי זיין לעהרער יעזוס. יאָהאנעס האט נאָך יעזוס'עס טויט זיך בעגעבען נאָך שמרון, וואהרשיינליך אום

דיא ערשטע צייט זיך צו בעהאַלטען פון פערפאָלגונג, אונד דאַן האט ער צוריקגע־קעהרט נאָך ירושלים, וואו ער איז געווען איינער פון דיא גרעסטע אַנפיהרער אין דער נייא־געגרינדעטע יודען־כריסטליכע געמיינדע, דיא קירכליכע זאגע ערצעהלט, אז אין דיא עלטערע יאהרען האט ער געוואהנט אין עפעזוס, דיא הויפּטשטאדט פון גריעכישען קליין־אזיען, וואו ער איז געווען דער עלטעסטער, דער פאָרשטעהער, פון אלע דאָרטיגע כריסטליכע געמיינדען אונד אז ער איז דאָרט געשטאָרבען 90 אָדער זאָגאר 120 יאהר אַלט, אָבער היסטאָריש איז דאס ניט בעשטעטיגט. אין נייעם טעסטאַמענט געפינען זיך נאָך דריי בריעפע אונד דיא אָפּענבארונגען, (חזיונות נבואות,) וועלכע זיינען אויך געשריעבען אויף זיין נאָמען.

אויסער דיעזע פיער עוואנגעליען אונד דערצו נאָך 24 שריפטען, וועלכע ענט־האַלטען זיך אין נייעם טעסטאַמענט, גיעבט עס פיעלע אַנדערע שריפטען פון יענער צייט, וועלכע דערצעהלען וועגען יעזוס קריסטוס, וועגען זיין געבורטה, זיין לעבען אונד טויט. עס האט נעמליך ביז מעהר אלס 300 יאהר נאָך כריסטוס'ן גאָר קיין נייעם טעסטאַמענט ניט געגעבען. פון פערשיעדענע כריסטליכע סעקטען, וועלכע האבען איינע דיא אַנדערע געהאַסט אונד פערדאַמט, אלס אפּיקורסים, זיינען געשריעבען געוואָרען מאַססען ביכער. ווער דיעזע שרייבער זיינען געוועזן ווייס מען ניט, דען גרעסטענטהיילס זיינען דיעזע ביכער ארויסגעגעבען געוואָרען אונטער פאַלשע, פרעמ־דע נעמען. איבערהויפּט האבען זיך דיא פערפאַסער בענוצט מיט דיא נעמען פון זייערע פאַרצייטיגע, בעריהמטע מענער, וויא, צום ביישפּיעל, דיא אַפּאָסטעלס, דאס הייסט, דיא תלמידים, אָדער שלוחים פון יעזוס'ן אונד נאָך אזעלכע וויכטיגע פער־זאָנען, וואס זיינען געווען בעקאַנט אין אַלע כריסטליכע געמיינדען. דער ציעל פון אזעלכע פעלשונגען איז געווען אז דיא שריפטען אָדער דיא ביכער, זאָלען האבען מעהר וויכטיגקייט, מעהר גלויבווירדיגקייט, אום אויף דיעזען אופן צו פּראָפּאָגאַנ־דירען פיר דיא נייע כריסטליכע אמונה, אז זיא זאָלל וואס שנעללער אונד וואס ווייטער פערברייטעט ווערען. דיא געלעהרטע ביבעל־קריטיקער פון אונזערע צייטען האבען ענטדעקט פיעלע אזעלכע פעלשונגען, וואס דיא אונבעקאַנטע קריסטליכע שרייבער האבען דאַן געמאַכט. דער בעוואוסטער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר פאָן־מאָשהיים, טראָצדעם וואס ער איז אַלליין א גייסטליכער, זאָגט ער דענאָך אויס דעם אמת אונד אין זיינע „קאָמענטאַריען צור געשיכטע דעם קריסטענטהומס״ שרייבט ער פאָלגענדעס:

„אָבוואָהל עס טהוט אונז זעהר לייד, מוזען מיר דענאָך צוגעבען, אז אין דיא

ערשטע יאהרהונדערטע האבען ניט אללע קריסטען זיך בענוצט מיט עהרליכע, לוי־
בענסווערטהע מיטלען, אום פיר אונזער אמונה צו פראָפּאַגאַנדירען. אייניגע פון דיא
שוואַבערע ברידער, אין זייער חשק אונטערצוהעלפען גאָט מיט אלע זייערע קרעפטען,
האבען געמאכט אזעלכע פעלשונגען וואס עס איז אונמעגליך צו פערצייהען ; פעל־
שונגען וואס עס האט יעדענפאללס ניט געפּאַסט פיר דיא הייליגע זאַך וועלכע זיי
האבען געוואָלט אונטערשטיצען. וויססענדיג, צום ביישפּיעל, אז דיא גריעכען אונד
דיא רעמער פערגעטערען מיט דיא גרעסטע הויכאַכטונג דיא פּראָפעטינס פון אַל־
טערטהום, וועלכע זיינען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „זיביללען"*, האבען אייניגע

---

*) אין דיא גאַנץ אַלטע היידנישע צייטען זיינען דיא זיביללען געווען אזעלכע
פרויען, וואס האבען נביאות געזאָגט, איבערהויפּט אין דעם נאמען פון זייער אָבגאָט
אַפּאָללאָן. וועגען דעם צאהל פון דיעזע זיביללען, וויא מען האט זיי גערופען ביי דיא
נעמען אונד פון וואַנען זיי האבען געשטאַממט וויים מען אויף ריכטיג ניט. זיי פלעג־
גען זיך בעוויזען אין פערשיעדענע געגענדען פון גריעכענלאַנד, איטאַליען, קליין אזיען
אונד אַנדערע לענדער, איבערהויפּט אין אזעלכע ערטער וואו עס איז געווען אַ טעמ־
פעל מיט איין אָראַקעל, (דאס הייסט, וואו דיא געטער פלעגען דורך געוויסע מיט־
לען ערקלערען זייער ווילּלען צו דיא מענשהייט), אבער באַלד נאכדעם וויא אזא מין
טעמפּעל איז צופיעל בעריהמט געוואָרען אונד מאַססען מענשען האבען אָנגעהויבען
אַהין צו קומען, פלעגען דיא זיביללען פון דאָרט פערשווינדען. מען שילדערט זיי גע־
וועהנליך אַלס ריינע יונגפרויען, וועלכע פלעגען וואהנען אין איינזאַמע היילען, אָדער
ביי דיא ברעגעס פון דיא הייליגע קוועללען, אונד ווען זיי זיינען ערגריפען געוואָרען
דורך דעם גייסט פון דעם אָבגאָט אַפּאָללאָן, האבען זיי אין אַ ווילדע ענטציקונג
נביאות געזאָגט, וועגען דיא צוקונפט, אין אַ הויך־פּאָעטישע שפּראַך. דאס פאָלק
האט אויף זיי געקוקט מיט דיא גרעסטע עהרעפורכט אונד זיי וואַרען גערעכענט
אלס אַפּאָללאָן'ס פּריעסטערינען, אלס זיינע געליעבטע, שוועסטער, אָדער טעכטער.
צו דער צייט ווען דיא קריסטליכע אמונה האָט זיך אָנגעפאַנגען צו פערברייטען זיי־
נען שוין מעהר קיין זיביללען ניט געווען אונד דיא קריסטען האבען זיך דאמיט בע־
נוצט, ארויסגעבענדיג פאַלשע ביכער, ענטהאַלטענדיג פּראָפעצייאונגען פון דיעזע
זיביללען, אום דאמיט צו בעוויזען, אז נאך מיט פיעלע הונדערטע יאהרען צוריק
האבען דיעזע היידנישע פּריעסטערינען געזאָגט נביאות וועגען יעזוס'ן, וועגען אללע

קריסטען, אדער פיללייכט א גאנצע קריסטליכע געמיינדע, וועהרענד דיא רעגיערונגס־צייט תון דוימישען קייזער אנטאניוס פיוס ארויסגעגעבען אכט פאעטישע ביכער, אונטער דעם נאמען פון יענע זיביללען, אום דאמיט צו איבערציינגען דיא אונוויסענ־דע אונד לייכטגלויביגע היידען, אז זאגאר אין דיא אוראלטע צייטען האבען דיא זי־ביללען נביאות געזאגט, אז עס וועט אמאל קוממען א קריסטוס אונד גרינדען א נייע פראגרעסירענדע רעליגיאן. אזא מין פעלשונג איז געוועזן א וואהרער סקאנדאל דורך וועלכען זיי האבען געבראכט שאדען פיר דיא קריסטליכע זאכע, דען דיא געג־נער האבען דאדורך געפונען א ריכטיגען מיטעל צו שענדען דעם קריסטליכען נאמ־מען".

אנדערע וויעדער האבען זיך בענוצט מיט דעם נאמען פון הערמעס טריסמעגיס־טעס*) וועלכער וואר הייליג ביי דיא עגיפטער, אונד דארום האבען זיי אונטער דיעזען פערגעטערטען נאמען ארויסגעגעבען א ווערק, אונטער דעם טיטעל „פאמאנ־דער" אונד נאך אנדערע ביכער, פולל מיט כריסטליכע פרינציפען אונד בעהויפ־טונגען, אום דאמיט אבצונארען דיא וועלט אונד צו בעקעהרען צום קריסטענטהום דורך פאלשקייטען דיעניגע וועלכע מען האט ניט געקענט איבערציינגען מיט פער־נונפט. נאך פיעלע אזעלכע פרוממע בעטרוגען זיינען דאן אונד אין דיא נעכסטע יאהר־הונדערטע געמאכט געווארען, אין וועלכע עס ווארען זאגאר בעטהייליגט פיעלע שטרענג ארטהאדאקסישע פארטייען".

זיינע נסים וואס ער וועט טהון, וועגען זיין טויט אויפ'ן קרייץ אונד וויא ער וועט גאכהער לעבענדיג ווערען אונד אוועקפליעהען אין הימעל.

---

*) הערמעס טריסמעגיסטעס, הייסט אויף גריעכיש: „הערמעס דער דריי־מאל גרויסער". אזוי האבען דיא אלטע גריעכען א נאמען געגעבען דעם עגיפטישען גאט טהאט, וועלכען זיי האבען פערעהרט, אלס דעם היטער פון ארדנונג, געזעטץ, קונסט אונד וויסענשאפט, אויך אלס דעם ערפינדער פון דיא שריפט אונד שפראַ־כען. שפעטער האבען דיא קריסטען איהם פארגעשטעלט אלס קעניג אונד גרויסער פילאזאף, וועלכער האט געלעבט אין דיא אוראלטע צייטען אונד דאן פערפאסט גע־היימניספאללע ביכער. דיעזע ביכער זיינען אויך געפעלשט פון דיא קריסטליכע פראפאגאנדיסטען, גראדע וויא זייא האבען עס געטאהן מיט אללע זיביללינישע ביכער.

דאס זיינען דיא ווערטער פון א פרומען, אבער עהרליכען קריסט, וועלכער מיינט קיין המצאות ניט אונד זאגט דיא ריינע וואהרהייט. לײדער געפינען זיך זעהר ווייניג אזעלכע לייטע צווישען זייערע גייסטליכע געלעהרטע. גראדע וועגען דיעזען פאלל, דיא זיבילליניש בריעפע, וועלכע דיא וועלט האט שוין לאנג אנערקענט אלס א פעלשונג, געפינען מיר איין אנדער מיינונג, פון דעם יעזואיט פראנציסקוס פאאיערוס, וויא ער שרייבט מיט א היפאקריטישע פרעכהייט פאלגענדעס :

„אבוואהל דיא היידען זיינען געווען פערשטעלט מיט א דיקען, פינסטערען וואלקען, האט זייא דענאך גאט אריינגעשיקט א בעזאנדערע ליכט, וועלכע האט זיי העלל אונד קלאר געצייגט דעם וועג צו טוגענד אונד פרומקייט. פון דיעזע היידען זיינען נעמליך ארויסגעקומען דיא זיביללען, בעשיינט מיט א געטליכען גלאנץ, אונד זייערע פראפעצייאונגען האבען זאגאר אונזערע קירכען־לעהרער בענוצט, פיר דעם פארטהייל פון אונזער אמונה. עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, אז גאט האט עס אזוי געמאכט, דיא היידען זאלען אויפהאלטען אזעלכע וואהרהייטען, אום מיר זאלען זיי קענען שלאגען מיט זייערע אייגענע וואפען".

דער יעזואיט האט נאטירליך גוט געוואוסט, אז דיא זיביללענישע ביכער זיינען פאלש, דענאך מאכט ער זיך ניט וויסענדיג אונד שטעלט זיי ארויס אלס מוסטער פון עכטע נביאות, ווייל דאס איז נעטהיג צו זיין ציעל.

פון דיא מאסען אנדערע פעלשונגען, וואס דיא ערשטע סריסטען האבען געמאכט, אום זייער נייעם גלויבען צו פערשפרייטען, זיינען פאלגענדע זעהר אינטערעסאנט : לוציוס ענעאוס סענעקא, איז געווען איינער פון דיא גרעסטע רוימישע פילאזאפען. ער איז געבארען געווארען מיט א 4 יאהר פאר כריסטוס'ן אונד ערמארדעט איז זיין 69טען לעבענס־יאהר, אויף'ן בעפעהל פון דעם רוימישען קייזער נערא, דעם גרעסטען טיראן פון אללע צייטען. טראצדעם וואס סענעקא איז געווען זיין לעהרער, האט נערא געהייסען מען זאל דעם אלטען מאן אריינזעטצען אין א דאמפף באד אונד עפענען זיינע אדערען, וואו דער מערטירער איז באלד געשטארבען פון פערבלוטונג. סענעקא האט געשריעבען פיעלע, הויכגעלעהרטע ביכער, וועלכע פערנעהמען נאך יעצט א הויכען פלאטץ אין דער וויסענשאפט. פון זיינע רעליגיאן־מאראלישע שפריכע זיינען ווערטה צו עראינערען פאלגענדע, אלס ביישפיעל : „גאט איז דער בעשעפער אונד רעגיערער פון אלעס וואס עקסיסטירט, קיינער בעגרייפט איהם ניט, אבער יעדער שפיערט איהם אין זיין אייגענע ברוסט. מיר דארפען ניט

בעטען נור אין א טעמפעל, גראדע אזוי וויא דאָרט קען אונזער געבעט מעהר ער־הערט ווערען; נאָט איז איבעראַלל צו דיר נאָהענט, ער איז אין דיר, דארום זאָג איך: דער הייליגער גייסט וואהנט אין אונז אונד זעהט אללע אונזערע טהאַטען, וויא דיא גוטע אזוי אויך דיא שלעכטע. דיא גאנצע וועלט איז פולל פון דיא געט־ליכע נאַטור אונד פערנונפט".

דער טרויעריגער סוף פון דיעזען גרויסען דענקער האט נאך מעהר געוואונען פאר איהם דיא סימפּאַטהיע פון דער וועלט אונד זיין נאַמען איז געבליבען ביי אל־לעמען הויך פערעהרט, בעריהמט אונד בעליעבט. אום זיך מיט דיעזען נאַמען צו בענוטצען פיר זייער ציעל, האבען דיא קריסטען א לאַנגע צייט נאך זיין טויט אָנ־געפאנגען צו זאָגען, אז סענעקא איז געוועזען א געהיימער קריסט אונד שליעסליך האָ־בען זיי ארויסגעגעבען א זאמלונג פון בריעף, וועלכע סענעקא זאָלל האבען געשריבען צו זייער אַפּאָסטעל פּאָול. נאַטירליך האט עס זיך באלד קלאָר געגוג בעוויזען אז דיעזע בריעף זיינען געפעלשט.

נאך אזא מין פאַלשער דאָקומענט פון יענע אלטע צייטען געפינט זיך אין דיא ווערקע פון דעם קירכען־פאַטער עוזעביוס. דאס איז נעמליך א בריעף, איין אַנט־וואָרט, וועלכע יעזוס זאָל האבען געשריעבען צו אבגאַר, דעם שטאַטהאַלטער פון עפעזוס. אבגאַר, ערצעהלען זיי, האט געשיקט צו יעזוס'ן זיין קוריער אנאניאס אונד געבעטען ער זאָל צו איהם קוממען, אום איהם אויסצוקורירען פון א געוויסע קראַנק־הייט. יעזוס האט דארוף גענטפערט מיט א בריעף, וועלכער איז נאַטירליך שפּע־טער אין זיין נאַמען געפעלשט. דיעזער מערקווירדיגער בריעף ענטהאלט אין זיך פאָלגענדעס: „זעליג ביזט דוא ווייל דוא גלויבסט אין מיך, אבוואָהל דוא האָסט מיך ניט געזעהן, דען פון מיר שטעהט געשריעבען, אז דיא וואס זעהען מיך וועלען אין מיך ניט גלויבען, דאמיט דיא וואס זעהען מיך ניט זאללען גלויבען אונד זעליג ווערען. וואס אנבעטריפט דיין ביטע, צו דיר צו קומען, מוז איך פריעהער ערפיעלען אללעס, צוליעב וואס מען האט מיך געשיקט, אונד נאכדעם וויא איך וועל דאס ער־פיללען, וועל איך אויפגענומען ווערען צו דעם ווער עס האט מיך געשיקט. אונד ווען איך וועל זיין אויפגענומען, וועל איך דיר שיקען איינעם פון מיינע תלמידים, דאס ער זאָל דיין קראנקהייט אויסהיילען אונד שענקען לעבען אונד זעליגקייט דיר אונד דיא יעניגע וואס געפינען זיך ביי דיר".

אז דיעזער בריעף איז איין אונגעלומפּערטע פעלשונג איז קלאָר צו זעהען פון זיין אינהאַלט גופא. אין עוואנגעליום פון יאָהאנעס, קאפּ. 20, 29, איז אזוי גע־

זאגט: „זעליג זיינען דיעניגע וועלכע זעהען ניט אונד דאָך גלויבען זיי". אויך אין קאפ. 9, 39 איז אָנגעווענדעט דיזעלבע פראגע. עס קומט אלזאָ אויס, אז יעזוס האט זיך דאָ בענוצט פונקט מיט דיעזע ווערטער וואס זיינען געשריעבען געוואָרען בערך 150 יאהר נאך זיין טויט. נאטירליך איז דער בריעף געשריעבען געוואָרען פון איין אונבעקאנטען פעלשער, נאכדעם וויא דאס יאהאנעס עוואנגעליום איז פערפאסט געוואָרען אונד מען עס האט ארויסגעגעבען אויף יעזוס'עס נאמען, אום צו בעווייזען זיי־נע נסים. דענאָך ערלויבט זיך עויזעביוס דער ערסטער געשיכטע־שרייבער פון דיא קריסטליכע קירכע, ארויסצוגעבען דעם בריעף אלס עכט, ערקלערענדיג אז דיעזער דאָקומענט איז געפונען געווארען אין דעם ארכיוו פון דער שטאדט עפעזוס אונד ער וואר געשריעבען אין דער אידישער שפראכע, אונד א געוויססער סערדענוס זאָגט נאך זאָגאר באותות ומופתים, אז דער בריעף איז געווען פערמאכט מיט א זיעגעל, אויף וועלכען עס זיינען געווען אויסגעקריצט זיעבען העברעאישע בוכשטאבען.*)

אבער דאס איז נאך ניט דער איינציגער צופאלל, דען אָבוואהל עס איז גוט בעוואוסט אז יעזוס האט קיין איינציגען שריפטליכען וואָרט ניט איבערגעלאָזען, דע־נאך זאָגען דיא קריסטען אז זיי בעזיטצען א גאנצע זאמלונג פון זיינע ביכער אונד בריעף. מעהרערע פון זיי זיינען אראָבגעפאלען דירעקט פון הימעל. איינער האט זיך ענטהאלטען אין א שטיין, וועלכער איז אראבגעפאלען ביי בית לחם. דער שטיין האט זיך געעפענט, זאָגלייך וויא דער פאטריארך יאָהאנילאס האט איהם גענומען אין האנד. נאטירליך, זיינען דיעזע בריעף געשריעבען אין דער קירכען־שפראכע, אויף ליטיין, אונד איינער פון זייערע היסטאָריקער שעהמט זיך ניט צו בעהויפטען אז אין הימעל בענוצט מען זיך מיט דיעזען לשון. דיעזע פעלשונגען זיינען אזוי משונה ווילד, אז זאָגאר דיא כריסטליכע קירכע האט זיי ניט אנערקענט.

אויף דיעזען אופן זיינען פערפאסט געוואָרען פון אונבעקאנטע פערזאנען אלע אנדערע ביכער אין דיא ערשטע צייטען נאך דיא ענטשטעהונג פון קריסטענטהום; ביכער וואס זיינען פולל מיט דעם וואהנזיניגסטען אָבערגלויבען, וואס נור איין אי־בערטריבענע פאנטאזיע קען זיך אויסדענקען. אנפאנגס האט מען זיך אין דיא

---

*) דער צאהל זיעבען שפיעלט אין אללע קריסטליכע לעגענדעס א וויכ־טיגע ראָללע. אין דיא פאנטאזיעס וועלכע מען רופט „דיא אָפפענבארונגען פון יאָהאנעס" שילדערט ער, זיעבען קירכען, זיעבען מנורות, זיעבען גייסטער, זיעבען זיעגלען א. ז. וו.

קריסטליכע געמיינדען בעגניגט צו לעזען נור דעם אידישען אלטען טעסטאמענט, אונד דאביי פלעגען זיי זיך אויסוועניג דערצעהלען מעשות פון יעזוס׳עס לעבען און טהאטען, פון זיינע לעהרען אונד שפריכע. אזוי איז אוועקגעגאנגען מעהר וויא הונ־דערט יאהר, ווען די קריסטליכע פראפאגאנדירער האבען זיך מישב געווען אז עס איז נויטהיג שריפטליך אויפצוצייכענען אלעס וואס עס איז נוגע זייער נייע אמונה, דען זאנסט קען זיא מיט דער צייט פערגעסען ווערען. מען האט אנגעפאנגען ארויס־צוגעבען ביכער, אויף די נעמען פון זייערע אפאסטעלס אונד נאך אזעלכע בע־וואוסטע פערזאנען, וואס זיינען שוין צו יענער צייט לאנג געווען טויט. נאטירליך האט עס געהייסען, אז דיזע שריפטען זיינען געפונען געווארען. די צייט ווען זייא ווארען פערפאסט רעכענט זיך פון דעם ערשטען ביז דעם זעקסטען יאהר־הונדערט.

דער צאהל פון דיזע ביכער איז אהן א צווייפעל געווען מאסענהאפט, אבער מיט דער צייט זיינען פיעלע פון זיי פערלארען געגאנגען אונד יעצט ווייס מען פון אונגעפעהר זעכציג אזעלכע ביכער, אויסער די 27 וואס ענטהאלטען זיך אין דעם נייעם טעסטאמענט, (די קריסטליכע תורה.) גרעסטענטהיילס זיינען די פערפאסער געווען פון דיעניגע פארטייען וועלכע האבען נאך ניט געגלויבט אז קריסטוס איז גע־ווען גאט׳ס א זוהן, אדער גאט זעלבסט, זאנדערן זיי האבען איהם בעטראכט אלס א משיח, געשיקט פון גאט, אום די וועלט אויסצולעזען פון איהרע זינד, וואס וויי־טער האט זיך אבער פערמעהרט אונד פערשטארקט די געגען־פארטיי, וועלכע האט בעהויפטעט, אז יעזוס איז ניט נור גאטס א זוהן, זאנדערן גאט זעלבסט, דען גאט־פאטער אונד גאט־זוהן זיינען איין אונד דיזעלבע פערזאן. די פארטייען הא־בען איינע די אנדערע פערדאמט, אלס אפיקורסים; פלוך און צאנקעריי איז פאר־געקומען איבעראלל אונד דאס קריסטענטהום האט זיך געפיהרט אהן א סדר, אהן איין ארדנונג אונד אהן א בעשטיממטע ריכטונג, ביז די קירכען־פערזאממלונג, אין יאהר 325, וועלכע איז בערופען געווארען פון דעם רוימישען קייזער, קאנסטאנ־טין דעם גרויסען.

דיעזען טיטעל, אלס „דער גרויסער“. האט איהם געגעבען די קריסטליכע קירכע, וועלכע האט איהם זאגאר אויפגענומען אין דעם צאהל פון די הייליגע, וויילל ער איז געווען דער ערשטער רוימישער קייזער וואס האט פראקלאמירט דעם קריסטענ־טהום אלס א הערשענדע רעליגיאן. אין דער ווירקליכקייט האט ער דאס געטאהן נור דארום, ווייל דאס איז איהם דאן נויטהיג געווען צו זיינע פאליטישע אנגעלעגענ־הייטען, אבער ניט וויילל ער איז איבערצייגט געווען אין דער וואהרהייט פון די

קריסטליכע לעהרע, דען ער זעלבסט האט זיך ניט געלאָזען טויפען ביז צו דיא לעצ־טע מינוט פון זיין טויט אונד דאן ערשט, אויף זיין שטערבע־בעט האט ער זיך קוים געלאָזען דאצו איבער־רעדען פון דעם בישאָף עויזעביוס, פון ניקאָדעמיען. דיא קריס־טען, וויא געוועהנליך, דערצעהלען אויף וועגען דיזען צופאלל ווילדע נסים. אלס קאָנסטאַנטין איז איינמאָל אין א מלחמה געווען שטארק בעדרענגט, האט ער דער־זעהען אויפ'ן הימעל א פייערדיגען קרייץ אונד אונטער איהם איין אויפשריפט אויף ליטייניש: „in hoc signo Vinces. מיט דיזען צייכען וועסטו זיגען.*) ער האט דאן אויף דעם שטעללע זיך א נדר געטון אָנצונעהמען דעם קריסטענטהום אונד דאס האט איהם פערהאָלפען צו א גלענצענדען זיעג. וואס אנבעטריפט דיא „היי־ליגקייט" פון דיזען קייזער, איז ער אין דער טהאט געווען איינער פון דיא ערגסטע מאיעסטעטישע באנדיטען. ער האט ערמאָרדעט זיין שוואָגער לוציניוס, זיין אייגענע פרוי פאוסטא אונד זיין זוהן קריספוס. נאך זיין זיעג איבער דיא גאלליעל האט ער געהייסען זייערע אנפיהרער ווארפען אין דיא שטייגען צו ווילדע טהיערע, אונד ער זעלבסט פלעגט שטעהען אונד קלייבען נחת צו זעהען וויא דיזע אונגליקליכע ווערען צורריסען אויף שטיקער פון דיא בלוטדורשטיגע חיות.

אויף בעפעהל פון דיזען הייליגען טיראן זיינען צוזאמען געפאהרען אין א שטאָדט פון קליין־אזיען, וועלכע ווער בעוואוסט אונטער דעם נאמען ניקעא, 318 בישאָפען אונד נאך מעהר אנדערע גייסטליכע, און דאָרט האט דיזע קירכען־פער־זאמלונג אָנגענומען א גלויבענס־בעקענטניס, וועלכע דיענט נאך ביז היינטיגען טאָג אלס דער הויפט־פונדאמענט פון קריסטענטהום. דיא ערקלערונג, וואס זיי האבען דאן ארויס געגעבען, בעשטעהט ווערטליך אין פאָלגענדעם:

„מיר גלויבען אין א גאָט, דעם אָללמעכטיגען פאטער, דעם בעשעפער פון אָל־לעס וואס עקסיסטירט, אונד אין דעם הערין יעזוס קריסטוס, דעם זוהן פון גאָט, דעם איינציג־געבאָרענעם, וועלכער קומט ארויס פון דעם פאטער'ס וועזען; גאָט פון גאָט, ליכט פון ליכט, דער וואהרהאפטיגער גאָט פון דעם וואהרהאפטיגען גאָט, דער זוהן פון פאטער געצייגט, אבער ניט בעשאפען, וועלכער איז מיט דעם פאָטער פון גלייכען וועזען אונד דורך איהם איז געמאכט געוואָרען אָללעס אויף הימעל אונד ערד; ער איז צוליעב אונז מענשען אונד פיר אונזער זעליגקייט אראבגעקוממען

*) אז אין הימעל בענוצט מען זיך מיט דיא ליטיינישע שפראכע האבען מיר שוין פריעהער געזעהען.

אונד איז געוואָרען א גוף אין דעם געשטאַלט פון א מענשען; ער האט פאר אונז געליטען, דאן איז ער אויפ'ן דריטען טאָג נאָך זיין טויט אויפ'ן קרייץ לעבענדיג גע־וואָרען אונד ארויפגעפלויגען אין הימעל; ער וועט ווידער קומען צוריק, אום צו משפט'ן אללע לעבענדיגע אונד טויטע. מיר גלויבען אויך אין דעם הייליגען גייסט. מיר פערפלוכען אין נאמען פון דיא קאטאָלישע קירכע אלע דיא יעניגע וואָס זאגען אז עס איז געווען א צייט ווען דער זוהן האט ניט עקסיסטירט, אָדער אז ער איז פון איין אנדער וועזען אלס דער פאטער".

אבער דאס גרעסטע טהייל פון דיא רעליגיאָנס־ביכער, וואס זיינען דאמאלס געווען פערברייטעט צווישען דיא קריסטען, האבען מיט דיעזע ערקלערונג ניט איינ־געשטימט, אונד דיא מיטגליעדער פון דער פערזאמלונג האבען זיך ניט געקענט ענטשליעסען ארויסצוגעבען זייער אורטהייל, וועלכע פון דיעזע ביכער זיינען עכט אונד וועלכע זיינען פאלש, ווענינסטענס האט זיך זיי געוואָללט אז דיעזער אויס־וואהל זאָל געשעהען דורך א וואונדער, אום קיינער זאָלל דאגעגען ניט קענען פראָ־טעסטירען, אונד דאס האבען זיי אויפגעטאָהן אויף פאָלגענדען אופ'ן: אללע ביכער וואס בעהאנדלען דיא געשיכטע פון יעזוס קריסטוס, האבען זיי אוועקגעלעגט אויף איין אלטאר אונד א לענגערע צייט געבעטען צו דיעזען ניי־געקרוינטען גאָט, ער זאָל בעווייזען א נס אונד דורך א צייכען געבען צו וויסען, וועלבע פון דיעזע ביכער זיינען געשריעבען געוואָרען דורך דיא געטליכע אָפּפענבארונג, דאס הייסט, אונטער דעם איינפלוס פון הייליגען גייסט. אלס זיי זיינען אויף'ן צווייטען טאָג ווידער געקומען צום אלטאר, האבען זיי געפונען אז אויף איהם ליעגען נור 27 ביכער, דיא איב־ריגע זיינען געווען אראָבגעוואָרפען אויף דער ערד. דיעזע 27 ביכער, וואס זייער אינהאלט שטימט איין מיט דעם אויבען ערקלעהרטען גלויבענס־בעקענטניס, זיינען אלזאָ אָנגענומען געוואָרען אלס הייליג; מען האט זיי א נאָמען געגעבען דיא קאנאָ־נישע, דאס הייסט, רעגעלרעכטע שריפטען, אונד זיי בילדען ביז יעצט דיא תורה פון קריסטענטהום. אללע איבריגע ביכער זיינען אנערקענט געוואָרען אלס פאלש אונד זיי זיינען נאָך ביז יעצט בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „אפאָקריפען" דיא בעדייטונג פון דיעזען וואָרט אין גריעכיש איז געהיים, פערבאָרגען, אונד אלס אפאָקריפישע שריפ־טען האט מען אין דיא אלטע צייטען בעצייכענט אזעלכע ביכער וואס ענטהאלטען אין זיך געהיימע לעהרען פון געוויסע סעקטעס. אבער נאָך דיא קירכען־פערזאמלונג פון ניקעא האט דיעזעס וואָרט אָנגענוממען א נייע בעדייטונג אונד אלס אפאָקרי־פען, אדער דייטליכער צו זאָגען אלס אפיקורסיש, זיינען פערדאמט געוואָרען דיעניגע

רעליגיעזע ביכער וואס האבען ניט הארמאָנירט מיט דיא אנזיכטען פון דיא הערר־שענדע פארטייו, וועלכע האט געזיעגט אויף דיעזער פערזאמלונג.

דער ענטשלוס פון דיעזע קירכען־פערזאמלונג, איז דענאך ניט איבעראל אנער־קענט געוואָרען. אין פערלויף פון אונגעפעהר נאך 3 הונדערט יאהר זיינען פאָרגעקומ־מען שטרייטיגקייטען איבער דיזע ביכער אונד איבער אנדערע טהעאָלאָגישע, אָדער גלויבענס־פראגען. מיר געפינען, צום ביישפיעל אז זאָגאר דער הייליגער אויגוסטינוס, איינער פון דיא גרעסטע קירכען־פאטער, האט מיט א 400 יאהר שפּעטער געשריע־בען: „דיא ביכער וועלכע מען רופט עוואנגעליען זיינען פערפאסט געוואָרען פון אונ־בעקאנטע מענער, א לאנגע צייט נאך דיא אפּאָסטעלס, (דאס הייסט, נאך דעם טויט פון קריסטוס.) דיעזע פערפאסער האבען מורא געהאט אז דיא וועלט וועט ניט גלויבען זייערע ערצעהלונגען, וועלכע זיי האבען דאך אליין מיט דיא אויגען ניט געזעהען, אונד דארום זיינען דיא ביכער פון זיי ארויסגעגעבען געוואָרען אונטער דיא נעמען פון יענע אפּאָסטעלס, אונד דיעזע שריפטען זיינען פולל מיט אזעלכע דומהייטען אונד ווידערשפּרעכענדע נאבריכטען, אז זיי האבען צווישען זיך קיין איינשטימונג אונד קיין המשך איינע צו דיא אנדערע, אויף דיעזען אופן האבען זיי אריינגעשמור־געלט אין דיא שריפטען פון אונזער הערן פערשיעדענע אזעלכע זאכען וואס האבען מיט זיין לעהרע גאָר ניט צו טהון. אונד דאס איז אויך קיין וואונדער ניט, דען וויא איך האב שוין אָפט בעוויעזען, זיינען דיעזע זאכען געשריעבען געוואָרען ניט פון איהם זעלבסט אונד ניט פון זיינע אפּאָסטעלס, זאָנדערן זיי זיינען גרעסטענטהיילס געגרינ־דעט אויף לעגענדעס, אויף אונבעשטיממטע נאבריכטען, צוזאמענגעזעצט פון אונ־בעוואוסטע האלבע אידען, וועלכע האבען אונזער הערן אונד זיינע אפּאָסטעלס צור־געשריעבען זייערע אייגענע פאלשע מיינונגען".

אויסער אויגוסטינוס האבען נאך אנדערע קירכען־לעהרער אין דיא ערשטע יאהר־הונדערטע אזוי געדענקט; אבער צייט דאס קריסטענטהום איז געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן האט מען מיט דיא הילפע פון דיא וועלטליכע מאכט דורך פייער אונד שווערד פערפאָלגט אללע פּארטייען, וואס זיינען געווען געגען דיא איינ־מאָל א־גענוממענע קירכליכע בעשלוסען אין ניקעא אונד געגען דיא פערשידענע אנ־דערע פערזאמלונגען וואס זיינען שפּעטער פאָרגעקומען, זאָ דאס מיט דער צייט זיינען דיא 27 ביכער פון נייעם טעסטאמענט אין דער גאנצער קריסטליכער וועלט אָנגע־נוממען געוואָרען אלס הייליג, אלס דיקטירט פון גאָט אליין.

דער נייער טעסטאַמענט, וויא מיר האבען שוין ערקלערט, פאַנגט זיך אָן מיט דיא פיער ביכער, וועלכע זיינען אויפגעשריעבען געווארען פון אונבעקאַנטע פּערזאָנען, אונגעפעהר הונדערט יאהר שפּעטער, אויף דיא נעמען פון דיא לעגנסט פערשטאָר־בענע מאַטהעאוס, מארקוס, לוקאס אונד יאָהאַנעס. דיעזע ביכער זיינען איינפאַכע ביאָגראַפיען, לעבענס־בעשרייבונגען, וועגען יעזוס קריסטוס, וועגען זיין געבורטה, זיין לעהרע אונד זיין טויט. דיא ערשטע דריי עוואַנגעליען רופט מען דיא „סינאָפּטישע“ דאס הייסט, אזעלכע וואס זיינען געשריעבען פון איין אונד דעמזעלבען שטאַנדפּונקט, אָבוואהל אין דער טהאַט האבען זיי נור אייניגע ערצעהלונגען, שפּריכע אונד משלים וואס זיינען גלייך איינע צו דיא אַנדערע, וועהרענד אין אלע אַנדערע שטעללען, דאס הייסט, במעט אין גאַנצען, ווידערשפּרעכען זיי זיך אויף יעדען וואָרט. דאס פיער־טע עוואַנגעליום, אויף דעם נאמען פון יאָהאַנעס, האט מיט דיא ערשטע דרייא במעט קיין שייכות ניט. עס ווערען דאָרט בעשריעבען גאַנץ אנדערע בעגעבענהייטען, אָדער שפּריכע פון יעזוס'ן, פון וועלכע אין דיא סינאָפּטישע עוואַנגעליען איז קיין וואָרט ניט צו געפינען, דאגעגען זיינען אין יאָהאַנעס גאָר ניט ערמאַנערט וויכטיגע זאַכען וואס דיא ערשטע דריי ערצעהלען איינשטיממיג.

דיעזעס 4טע עוואַנגעליום, טראָצדעם וואָס ער טראָגט דעם נאממען פון יע־זוס'עס בעליעבטען תלמיד יאָהאַנעס, איז געשריעבען געוואָרען נאָך שפּעטער, בערך 150 יאהר נאָך יעזוס'עס טויט. דיא קירכען־שרייבער פון ערשטען יאהרהונדערט ערמאַנערען זאָגאר ניט וועגען דיעזע שריפט אונד אויסערדעם בעווייזט זיין אינהאלט גופא אז יאהאנעס האט ניט געקענט זיין דער פערפאַסער פון איהם, דיעזעס עוואַנ־געליום איז געשריעבען אין דעם זינן פון דיא גריעכישע פאַנטאַסטישע פילאָזאָפיע, וויא מיר וועלען עס שפּעטער גענויער ערקלערען, אונד יאָהאַנעס, א איד פון ניעד־ריגען שטאַנד, איין איינפאַכער פישער, האט ניט געקענט זיין בעוואַנדערט אין אזעלכע מעטאַפיזישע לעהרען. אויסערדעם זעהט מען פון זיין אַרט שרייבען אז דער פערפאַסער איז ניט געוועזן קיין געבאָרענער איד. פיעלע ערטער פון פאַלעס־טינא אונד נאָך אזעלכע נאָטיצען בעצייכענט ער מיט פאַלשע נעמען. דאס בע־ווייזט אַלזאָ אז ער איז זאָגאר אין פאַלעסטינא קיין מאָל ניט געוועזן.

דאס זעלבע קען מען אויך זאָגען וועגען דיא ערשטע דריי עוואַנגעליומס, אז לויט זייער אינהאלט האבען זיי ניט געקענט געשריעבען ווערען פון דיא פּערזאָנען אויף וועלכע זיי זיינען אָנגעגעבען. אלס בעווייז וועלען מיר אָנצייגען נור א פּאָר ביי־שפּיעלע: ביי מאַטהעאוס קאַפּ. 10 זאָגט ער אין נאממען פון יעזוס'ן: „אונד

ווער עס נעהמט ניט אויף זיך זיין קרייץ, אום מיר נאכצופאָלגען, דער איז מיר ניט ווערטה" אין קאפּ. 16 הייסט עס מיט אנדערע ווערטער: „ווער עס וויל מיר נאכפאלגען, זאָלל זיך ענטזאגען פון זיך זעלבסט, אונד נעהעמענדיג אויף זיך זיין קרייץ זאָל ער מיר נאכפאָלגען". דאס זעלבע געפינט מען אויך וויעדערהאָלט אין דיא עוואנגעליען פון מארקוס אונד לוקאס. דיא פראגע איז אַלזאָ, וויא אזוי האט יעזוס געקענט רעדען וועגען א קרייץ וועהרענד ער האט נאך געלעבט? דער קרייץ אין נאך דאמאָלס ניט געווען א צייכען פון קריסטליכען גלויבען; דיא קריסטען האבען איהם פערהייליגט שפּעטער, נאכדעם וויא יעזוס איז אויף איהם געשטאָרבען, אָבער ער זעלבסט האט דאך וועגען דעם קיין בעגריף ניט געקענט האָבען. דאס האָט אַלזא געזאגט אין זיין נאממען אירגענד א קריסט, אין דיא שפּעטערע צייטען, ווען מען האט שוין פון דעם קרייץ געמאכט א גאנצען ווענען.

דאס לוקאס עוואנגעליום פאנגט זיך אָן מיט פאָלגענדע ווערטער: „אזוי וויא פיעלע האבען שוין אונטערגענוממען צו ערצעהלען וועגען די בעגעבענהייטען וואס זיינען אין אונזער קריסטען־וועלט ערפיללט געוואָרען, לויט דיא ידיעות וואס זיינען איבערגעבליעבען פון דיעניגע וואס האבען אין אָנפאנג דאס אללעס אלליין געזעהען, ווען זיי זיינען געווען דיא דיענער פון וואָרט, (דאס מיינט ער קריסטוס'ן) דארום האב איך אויך בעשלאָסען, דיר, ליעבער טהעאָפילוס, אַלעס צו בעשרייבען, נאכדעם וויא איך האב זיך וועגען יענע געשיכטען ריכטיג ערקונדיגט, אום דוא זאָלסט א געוויסען גרונד ערפאהרען אין דער לעהרע, אין וועלכע דוא ביזט אונטעררייכטעט". פון דיעזע הקדמה זעהט מען; 1טענס, אז אין דער צייט ווען דער אונבעקאנטער פערפאַסער האט געשריעבען, איז שוין געווען ארויסגעגעבען א מאַסע אנדערע עוואנגעלישע ביכער, אונד דאס האט פּאסירט וועניגסטענס מיט א יאהר־הונדערט שפּעטער, אבער אין דיא צייטען פון לוקאס איז נאך וועגען דעם קיין אייגציגער וואָרט ניט געוועזן געשריעבען. צווייטענס זאָגט ער אז דיא עוואנגעליומס וואס זיינען פריעהער פאר איהם געשריעבען געוואָרען, האבען דיא פערפאסער צוזאמענגעשטעללט לויט דיא ידיעות וואס זיינען איבערגעבליעבען פון דיעניגע וואס האבען אלעס אליין געזעהען, דאס הייסט, פון יעזוס'עס תלמידים. דאפון זעהט מען שוין א קלאָרע ראיה, אז פון זיי, דאס הייסט, פון דיא תלמידים זעלבסט, איז קיין געשריעבענע ווערק ניט איבערגעבליעבען, אונד דריטענס: ער זעלבסט, הייסט עס, האט קיין זאך ניט געזעהן, אונד אום זיין עוואנגעליום צוזאממען צו שטעלען האט ער זיך געווי ערקונדיגט וועגען אללעס וואס איז אין אָנפאנג פאָרגעקומען. אזוי קען ניט שרייבען א

מאַן, וועלכער האט געלעבט אַ פּאָר צעהנדליג יאהר נאך יעזוס'ן, ווען דיא בענע־בענהייטען וועגען איהם זיינען נאך געווען פריש און דיא געדאנקען פון אלע זיינע נאכפאָלגער. שליעסליך זאָגט דאַ דער עוואַנגעליסט אויף זיך אַלליין עדות, אז ער האט זיין ווערק צוזאַממענגעשטעללט אויף אַ גאַנץ נאַטירליכען אופן, אבער ניט דורך דעם איינפלוס פון הייליגען גייסט, פון וועלכען אויך דיא איבריגע עוואַנגעליס־טען רעדען ניט קיין וואָרט. דאס בעווייזט אלזאָ וואס פיר אַ פאַנאַטישער וואהנ־זינן עס ליעגט אין דעם בעשלוס פון דיא שפּעטערע קירכען־פערזאַמלונגען, וועלכע האבען אָנגענומען אלס פונדאַמענט פון זייער גלויבען, אז דיעזע ביכער זיינען דיק־טירט פון גאָט אַליין.

דיעזע 4 עוואַנגעליען, וויא איבערהויפּט אַללע ביכער פון נייעם טעסטאַמענט, זיינען געשריעבען געוואָרען אין דער גריעכישער שפּראַכע. יעזוס'עס תלמידים האַ־בען פון דיעזע שפּראַכע קיין שום בעגריף ניט געהאט, וויא דאס בעווייזט דער פאַקט, אז זאָגאר זייער גרעסטער אַפּאָסטעל פּעטרוס האט ניט געקענט אליין שרייבען זיי־נע בריעף, זאָנדערן דער זאָגענאַנטער עוואַנגעליסט מאַרקוס האט ביי איהם געדינט אלס שרייבער אונד איבערזעטצער. פון דיא אַפּאָסטעלס איז אלזאָ קיין ריכטיגע געשיכטע וועגען יעזוס'ן ניט איבערגעבליעבען; נור אויף דעם אַפּאָסטעל מאַטהעאוס זאָגט מען, ער זאָלל האבען עטוואס געשריעבען אין העברעאיש. אזוי ערקלערען דיא אַלטע קירכען־שרייבער, אים נאַמען פון פּאַפּיאַס, וועלכר איז געווען אַ בישאָף אין היעראַפּאָלוס, פריגיען, אין צווייטען יאהר הונדערט נאך יעזוס'ן. דאס וואר אבער ניט אַ לעבענס־בעשרייבונג פון יעזוס'ן, זאָנדערן אייניגע שפּריכע פון איהם, וועלכע מאַטהעאוס זאָל האבען צוזאַממענגעשטעללט, אונד דיעזעס ווערק איז בענוצט גע־וואָרען פון אונבעקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע האבען מיט אַ הונדערט יאהר שפּעטער פערפאַסט דיא פערשיעדענע עוואַנגעליומס. דיעזע העברעאישע, וויא זיי רופען עס, אור־עוואַנגעליום פון מאַטהעוס אונד אויך אַלע גריעכישע אָריגינעלע האַנד־שריפ־טען פון דיא ביכער וואס ענטהאַלטען זיך אין נייעם טעסטאַמענט, זיינען מיט דער צייט פערלאָרען געגאַנגען, נאַכהער האט מען זיי ווידער אויפגעשריעבען, אבער ווען דאס איז געווען ווייס מען ניט גענוי. אין לאָנדאָנער בריטישען מוזעאום געפינט זיך דיא עלטעסטע גריעכישע האַנד־שריפטליכע זאַמלונג פון דיעזע אַללע ביכער, גע־שריעבען אויף פּערגאַמענט, אויף וועלכע זיי זאָגען אז זיא שטאַמט פון 5טען יאהר־הונדערט, אבער בעוויזען איז דאס ניט. אַ צווייטע קאָפּיע, וואס איז געשריעבען

געוואָרען אין דיא שפּעטערע צייטען, געפינט זיך אין וואַטיקאַן, דעם פּאַבסטליכען פּאַלאַסט אין רוים.

דער רוימיש קאַטהאָלישער קאַרדינאַל זשימענעס האט אין יאהר 1514 גע־לאָזט אָבדרוקען דיא בעוואוסטע פּאָליגלאָטען־ביבעל, דאס הייסט פיעל־שפּראַכיגע ביבעל, וועלכע ענטהאלט, אויסער דעם נייעם אויך דיא ביכער פון אלטען טעסטאַ־מענט (ת"נ"ך), לויט דיא גריעכישע איבערזעטצונג, וואס איז בעוואוסט מיט דעם נאַמען סעפּטואַגינטאַ. דער קאַרדינאַל האט געליעפערט דיא האַנד־שריפטען, וועלכע זיינען דורך אויסגעוועהלטע געלעהרטע דורכגעזעהן אונד קאָררעזשירט גע־ווארען. נאָך פריעהער, אין יאהר 1461, איז נעדרוקט געוואָרען אַ ליטיינישע ביבעל אונד איינינע יאהר שפּעטער אַ דייטשע, פיר וועלכע עס זיינען וואהרשיינליך אויך בענוצט געוואָרען דיא זעלבע גריעכישע האַנדשריפטען, דענאָך שטיממען זיי ניט אין פיעלע ערטער מיט דיא פּאָליגלאָטען־ביבעל פון קאַרדינאַל זשימענעס.

וועגען דיא איבריגע ביכער פון נייעם טעסטאַמענט וועללען מיר רעדען ביי איין אנדער געלעגענהייט. דאָ בלייבט אונז נור איבריג צו זאָגען איינינע ווערטער וועגען דיא אַפּאָקריפען, דיא יענינע רעליגיעזע שריפטען, וועלכע דיא קירכען־פערזאַמ־לונג פון ניקעאַ, האט פערדאַמט, אַלס אַפּיקורסישע. דיעזע אַפּאָקריפען זיינען אויך גראַדע אזוי אַלט וויא דיא קאַנאָנישע עוואַנגעליען, וואס זיינען אָנגענומען געוואָרען אלס הייליג אין נייעם טעסטאַמענט. דער אינהאַלט פוןביידע זאָרטען ביכער איז כמעט איין אונד דערזעלבער, דאָס הייסט, זיי אַלע זיינען פולל מיט בעשרייבונגען פון אונזיניגע לעגענדעס אונד ווילדע נסים. אין דיא אַפּאָקריפען געפינען זיך זאָגאַר אַז דיא בישאָפע, וואס ווארען פערזאַממעלט אין ניקעאַ, האבען פערוואָרפען דיעזע ביכער גראַדע דארום, ווייל דיא היידען וואָלטען געקענט האבען איין אורזאַכע אָב־צולאַכען פון אזעלכע אונגלויבליכע ערצעהלונגען; אבער דיעזע ערקלעהרונג איז ניט ריכטיג, דען אין דיא אָנגענוממענע פערהייליגטע עוואַנגעליומס זיינען אויך דאָ גענוג אזעלכע געשיכטעס, פון וועלכע דיא היידען וואָלטען געקענט מאַכען חוזק. דיא ריכ־טיגע אורזאַכע איז געווען אַ קאַמפּף צווישען דיא כריסטליכע סעקטעס פון אַנטי־אָכיען אונד אַלעכסאַנדריען, וויא מיר וועלען עס גענויער ערקלערען איז פערלויף פון אונזער געשיכטע.

נאָכדעם וויא דיעזע אַפּאָקריפישע עוואַנגעליומס זיינען פערדאַמט געוואָרען, האט מען אין פערלויף פון דיא נעכסטע צייט, ביז צום 5טען יאהר־הונדערט, מיט זיי זיך גאַנץ וועניג בענוצט. שפּעטער אבער זיינען זיי ווידער געקומען אין אַנזעהן;

מען האט זיי בעארבייט אונד איבערזעצט אין דיא ליטיינישע שפראך אונד פיעלע קירכען לעהרער האבען זיי בענוצט אלס היסטאריש־רעליגיעזע קוועללען. בישאף פולבערט פון שארטער, א וויסענשאפטליכער קירכען־שרייבער פון 10טען יאהרהונ־דערט, זאגט, „אבוואהל דיא קירכע האט דיעזע אונד עהנליכע ביכער אין קאנאן ניט אויפגענוממען, האט מען זיי דענאך ניט פעראורטהיילט פערניכטעט צו ווערען". גע־שריעבען זיינען דיעזע אפאקריפען טהיילווייזע אין ליטייניש, אנדערע אין גריעכיש, אראביש. מאהאמעד, דער גרינדער פון דיא אראבישע רעליגיאן, האט זיך אויך בע־נוצט מיט דיעזע ביכער אונד זיי זיינען ביי איהם אנגענוממען אלס היילִיג, גראדע וויא דיא קאנאנישע שריפטען. מאהאמעד בעשטעטיגט נעמליך אין קאראן (דיא נייע תורה וועלכע ער האט ארויסגעגעבען), אז מאריא האט געבארען יעזוס'ן דורך דיא מאכט פון היילִיגען גייסט אונד אז יעזוס איז געוועזען א פראפעט, א שליח פון גאט, אונד איז דארום אים שטאנד געוועזען צו טהאן אללע נסים, וואס ווערען פון איהם ערצעהלט.

וואס אנבעטריפט דיא פערזענליכקייט פון יעזוס'ן איז דער אונטערשיעד צווי־שען דיא ערשטע דריי עוואנגעליומס, דיא סינאפטישע, אונד דעם 4טען פון יאהא־נעסן זעהר בעדייטענד. אבוואהל דיא דריי עוואנגעליומס בעהויפטען, אז יעזוס איז געבארען געווארען פון היילִיגען גייסט, דענאך איז ער ביי זיי ניט פארגעשטעלט אלס א גאט, זאנדערן אלס א געטליכער משיח, וועלכער איז ערשיענען צו גרינדען א נייע היממלישע קעניגרייך פון צדיקים. מאטהעאוס אונד לוקאס וויזען אויף דעם יחוס פון יעזוס'ן, אז ער שטאממט דירעקט פון דוד המלך, דורך זיין פאטער יוסף. דיעזע בעהויפטונג ענטהאלט זאגאר אין זיך איין אינערליכען ווידערשפרוך, דען אויב מאריא איז געווארען שוואנגער פון היילִיגען גייסט, איז דאך יעזוס ניט יוסף'ס א זוהן, אבער וועגען אזעלכע אונפערשטענדליכקייטען אונד ווידערשפריכע, וועלכע מען געפינט אין דיא עוואנגעליומס במעט אויף יעדען טריט אונד שריט, האבען זיך יע־נע שרייבער וועניג בעקימערט. אין אללע דריי עוואנגעליומס רופט זיך יעזוס בן־אדם, דער מענשען־זוהן, אונד פון פיעלע שטעללען זעהט מען אז ער בעטראכט זיך ניט אלס א גאט. אונד אויב ער בערופט זיך אפט אויף זיין פאטער אין היממעל, איז דאס נור אין דעם זינן וויא יעדער אייינער, וואס גלויבט אין גאט, קען אזוי זא־גען. אין מאטהעאוס, צום ביישפיעל, קאפ. 12, זאגט יעזוס: „ווער עס רעדט געגען דעם מענשען־זוהן דעם וועט מען מוחל זיין, אבער ווער עס רעדט געגען דעם היילִיגען גייסט דעם וועט מען ניט מוחל זיין, ניט אויף דיעזער אונד ניט אויף יענער

וועלט.״ דאס בעווייזט אלזא, אז ער, דער מענשען־זוהן, בעטראכט זיך ניט אלס איין וועזען מיט גאט אונד דעם הייליגען גייסט, וויא דיא קריסטען האבען נאכהער אנגעפאנגען צו גלויבען. ווייטער, אין קאפ. 19, איז ערצעהלט: א מאן איז געקור־מען צו יעזוס׳ן אונד געזאגט: „גוטער לעהרער, וואס דארף איך טאהן אום איך זאל האבען עולם הבא?״ יעזוס האט איהם דארויף גענטפערט: „ווארום רופסט דוא מיך גוטער, קיינער איז ניט גוט, זאנדערן דער איינציגער גאט אלליין״. אין דיא לעצטע מאמענטען שילדערען זיי, וויא יעזוס האט געוואוסט, אז ער וועט ווער־רען געפאנגען אונד פעראורטהיילט צום טויט. ער איז דאן אוועקגעגאנגען עטוואס ווייטער פון זיינע תלמידים אונד פאללענדיג אויף זיין געזיכט, האט ער געבעטען צו גאט: „מיין פאטער, אויב עס מעגליך לאז מיך ניט טרינקען דיעזען בעכער פון פורעניות, דאך זאל געשעהען ניט וויא איך וויל, זאנדערן וויא דוא ווילסט.״ דאס ווארט בן־אדם, מענשען־זוהן, מיט וועלכען ער רופט זיך איבעראלל, האט ער וואהרשיינליך שוין יא געברויכט אין איין איבערנאטירליכען זינן, מיינענדיג דאמיט אנצוצייגען אויף דעם פסוק אין דניאל: (13, קאפ. 7) „איינער אין דער געשטאלט פון א מענשען־זוהן איז געקוממען מיט דיא וואלקענס פון היממעל אונד האט זיך דערנעהנט ביז צו דעם אלטען פון דיא טעג.״ אבוואהל זאגאר דיא קריסטליכע גע־לעהרטע גיעבען צו, אז מיט דיעזען ווארט מענשען־זוהן מיינט דער פראפעט דעם אידישען פאלק. אין יעזוס׳עס ראללע אלס משיח ווירד ער פארגעשטעללט אלס א נאציאנאלער, שפעציעל אידישער, וועלכער איז געקוממען „צו רעטטען דיא פערלא־רענע שעפסלאך פון בית ישראל״ דיא גאנצע איבריגע וועלט, פון היידען אונד גע־צענדינער, האט ער אויך פערהאסט אונד פעראכטעט, אזוי ווייט אז מען דארף זיי גאר ניט זוכען צו בעקעהרען צום וואהרען אידישען גלויבען. עס איז ניט גוט״ זאגט ער אויף איין שטעללע, צו געבען וואס הייליג איז פאר דיא הינד אונד צו ווארפען פערל פאר דיא דבר אחרים, דען זיי וועלען עס נור צו טרעטען אונטער זייערע פיסס אונד דאן בעפאללען אויף אייך. אזעלכע שפריכע געפינט מען זעהר פיעל אין אלע דריי עוואנגעליומס, אין וועלכע זיי בעהויפטען, אז יעזוס איז געקוממען נור צו דיא אידען אונד פיר דיא אידען. ערשט צום שלוסס, אלס ער איז נאך זיין טויט וויע־דער ערשיענען צו זיינע תלמידים, וויא זיי ערצעהלען, האט ער געזאגט: געהט אונד פרעדיגט דיא נייע לעהרע פיר אללע פעלקער פון דער גאנצער וועלט אונד טויפט זיי אין נאמען פון פאטער אונד זוהן אונד הייליגען גייסט.״ דיעזע לעצטע ווערטער

זיינען אָהן א צווייפעל צוגעשטעללט געוואָרען פון דיא שפּעטערע קריסטליכע שרייבער.

אונד גראַדע אין דער זינן איז שוין געשריעבען דאס פיערטע עוואַנגעליום פון יאָהאַנעס. דאָרט איז שוין יעזוס פאָרגעשטעללט אלס א טהייל פון גאָט, אלס גאָט זעלבסט. דיעזעס עוואַנגעליום פאַנגט זיך אָן מיט דיא פראַזע: „אין אָנ־פאַנג איז געווען דאס וואָרט,„ אונד דאס וואָרט איז געווען ביי גאָט אונד גאָט איז געווען דאס וואָרט.“ מיט דיעזען אויסדרוק „וואָרט“ בעצייכענט ער דעם „לאָגאָס“ פון דיא גנאָסטיקער, א גריעכישע פאַנטאַסטיש־פילאָזאָפישע סעקטע, וועלכע האט עקסיסטירט פאר קריסטוס'ן. דער „לאָגאָס“, דאס וואָרט, אדער דיא פערנונפט איז א געטליכע קראַפט, אָדער גאָט זעלבסט, וועלכער האט זיך פערקערפערט אין דעם פלייש־געוואָרענעם וואָרט. דער אנהענגער אונד פערברייטער פון דיעזע אידעע איז געווען דער גרויסער אידישער פילאָזאָף, פילאָ דער אלעכסאַנדרינער, אונד שפּע־טער האבען זיך דיא ערשטע קריסטען בענוצט דאמיט אום צו בעווייזען אז יעזוס איז דער „לאָגאָס.“ בייא א ווייטערע געלעגענהייט וועללען מיר דיעזע אידעע גענויער בעשרייבען.

דאס עוואַנגעליום שליעסט מיט דיא ווערטער: „דאס איז דער תלמיד (יאָ־האַנעס), וועלכער האט וועגען דיעזע זאכען געצייגט, אונד האט דאס בעשריעבען. אונד מיר וויסען אז זיין צייגניס איז ריכטיג.“ דיעזע ווערטער אליין בעווייזען שוין דייטליך גענוג, אז דאס עוואַנגעליום איז פערפאַסט געוואָרען שפּעטער, פון איין אונבעקאַנטען שרייבער, וועלכער האט עס פאַלש ארויסגעגעבען אויף דעם נאָממען פון יאָהאַנעס.

2טער קאַפּיטעל.

היסטאָרישע צושטענדע פאר יעזוס'ס צייט.

דיא קריסטליכע רעליגיאָן, וויא זיא האט שפּעטער ענטוויקעלט אונד אונטער דער געשטאַלט וויא מיר זעהען איהר יעצט, אונטערשיידעט זיא זיך פון אללע אנ־דערע רעליגיאָנען אין איין וויכטיגען פונקט, נעמליך: דיעזע רעליגיאָן איז פערבונ־דען מיט דיא פּערזאָן פון איהר זאָגענאַנטען גרינדער יעזוס קריסטוס. מיר זאָגען

זאָגענאַנטען גרינדער, דען אין דער טהאַט האט יעזוס גאָר ניט געהאט בדעה צו גרינדען אַ נייע רעליגיאָן, זאָנדערן צו פערשטאַרקען, אויסצובעסערען אונד צו רע־פאָרמירען נאך זיינע בעגריפען דיא אידישע רעליגיאָן. אַ גרינדער האט פון איהם געמאַכט שפּעטער דיא קירכע וועלכע איז בעשטאַנען במעט דורכאויס פון היידען, וואס האבען געוואָללט זיך אָבטהיילען פון יודענטהום אונד דאַרום האבען זיי מיט דיא שפּריכע, לעהרען אונד דיא פּערזאָן פון יעזוס'ן צוזאמענגעמישט זייערע משונה'־דיגע, פאַנאַטישע אַנזיכטען, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקוממען דיא עוואַנגעליומס אונד דאָן דאס קריסטענטהום. דער אונטערשיעד וועגען וועלכען מיר רעדען בע־שטעהט אין דעם, אַז דיעזע רעליגיאָן ענטהאַלט זיך פון אָנפאַנג ביז ענדע נור אין דער פּערזאָן פון איהר גרינדער, אין זיין געבורטה, אין זיין לעבען, אין זיינע טהאַטען, אונד שליעסליך אין דער פערעהרונג אלס אַ גאָט. אַ קריסט מוז גלויבען אין דיעזע עקרים, זאָנסט איז ער קיין קריסט ניט, וועהרענד, צום ביישפּיעל, אַ איד איז ניט מחויב צו גלויבען איז זיין געזעצגעבער משה, זאָנדערן אין גאָט אַללין, אונד משה'ס פּריוואַט לעבען האט גאַנץ וועניג צו טאָהן מיט דעם יודענטהום. דאס זעלבע איז אויך דער פאַלל אין אַללע אַנדערע אמונות; קיין איינציגע פון זיי שטעהט ניט אין אַזעלכע דירעקטע בעציהונגען צו זייערע גרינדער וויא דאס קריסטענטהום צו יעזוס'ן. דארום איז מעגליך צו לערנען דיא תורה, ניט וויסענדיג דיא ביאָגראַפּיע פון משה בן עמרם, צו שטודירען דעם קאָראַן, אָדער דיא זענד־אַוועסטאַ, אונד בעטראַכטען דיא היסטאָרישע ענטוויקלונג פון דיא מאָהאַמעדאַנישע אדער פּאַרזישע רעליגיאָן אונד דענאָך זיך ניט בעשעפטיגען מיט דעם לעבען פון מאָהאַמעד אָדער זאָראַסטער. פון דעם קריסטענטהום דאַגעגען איז ניט מעגליך זיך צו מאַכען אירגענד אַ בעגריף וואו מען זאָלל פריהער ניט אָנפאַנגען צו בעשרייבען דיא לעבענס געשיכטע פון יעזוס'ן.

דיא ערשטע פראַגע איז אַלזאָ, ווער איז געווען יעזוס קריסטוס אונד וואס האט ער בעצוועקט מיט זיין לעהרע? דער גלויביגער קריסט ענטפערט דארויף מיט אַ לעגענדע, אין וועלכע עס בעשטעהט דער עיקר פון זיין אמונה, אַז דורך דעם חטא פון אדם הראשון, פּאַרוואָס ער האט געגעסען פון עץ הדעת, איז דיא מאַכט פון שטן אַזוי גרויס געוואָרען, אַז דיא נשמות פון דיא מענשען אין אַללע צוקונפטיגע דורות, האבען געמוזט בלייבען אויף אייביג פערפאַלען ביי איהם אין גיהנום. ענד־ליך האט גאָט זיך ערבאַרעמט אויף דיא זינדיגע מענשהייט און זיך פערקערפערט אין אַ מענשען. ער האט זיך אַלזאָ געלאָזט געבאָרען ווערען פון אַ יונגפרוי אונד

דאַן, אלס מען האט איהם געבראכט פיר א קרבן צו גאָט, דאס הייסט, גאָט האט זיך געלאָזען אָפּפערען צו זיך אַלליין, איז דאמיט פערגעבען געוואָרען דיא ערשטע זינד פון אדם הראשון. יעזוס קריסטוס, אָדער גאָט, האט מיט זיין בלוט אויסגע־קויפט דיא מענשהייט פון שטן'ס הענד אונד אויסגעלעזט דיא זינדער פון אייביגע פערדאממונג. אונד אין אזא ווילדע דומהייט גלויבען ניט נור דיא מיללי‌אָנען פון קריסטליכען המון, זאָנדערן אויך זייערע הויכע געלעהרטע. דער קירכען־פאטער טער־טולליאַן, וועלכער איז זאָנסט געוועזען א שארפער דענקער, האט זאָגאר אָפען געזאָגט „Credo, quia absurdum est" איך גלויב גראדע דארום, ווייל דאס איז איין אונזינן. אונד ער איז אפשר גערעכט אויך, דען אין א פערנינפטיגע זאך, וואס עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, פערשפּאָרט מען צו גלויבען. איבריגענס איז זיך ניטאָ וואס שטארק צו וואונדערען אויף אזא פּערזאָן וויא טערטוליאַן, וועלכער האט געלעבט מיט 17 הונדערט יאהר צוריק, ווען זאָגאר אין אונזערע צייטען געפינען זיך קריסטליכע פּראָ־פעסאָרען, וועלכע האלטען אָב עפענטליכע פּאָרלעזונגען, אין דיא אוניווערזיטעטען, וועגען נאָך פיעל ערגערע דומהייטען. אלס ביישפּיעל איז גענוג צו צייגען אויף דיא פּאָרטרעגע פון פּראָפעסאָר באומץ, אין דער פילאָזאָפישע אקאדעמיע פון מינסטער, אים יאהר 1897. אין דיעזע פּאָרטרעגע האט ער געשילדערט דעם גיהנום, וואו ער געפינט זיך, וויא גרויס דיא היטץ אין איהם, וויא לאנג דיא זינדיגע נשמות מוזען דאָרט פערבלייבען אונד שליעסליך האט ער אויף איין פּלאַטץ ערקלערט, אז דיא בערג וואָס שפּייען מיט פייער, (דיא וואולקאַנען), זיינען דיא קוימענס פון גיהנום; אז איין ערד ציטערנים קוממט ארויס דאדורך ווייל דיא פייערדיגע ריעזען־וועלען פון גיהנום פאנגען אָן צו שטורמען. איין אנדער קריסטליכער געלעהרטער, פּראפעסאר דאקטאר לייסטעלע, רעקטאָר פון דעם אוניווערזיטעט אין דיללינגען, האט אין יאהר 1887 ארויסגעגעבען א בוך, אין וועלכען ער שילדערט אָב גענוי, וויא דער שטן זעהט אויס, וויא שטארק זיין שליטה איז אונד אין וועלכע געשטאלטען ער קען זיך פערוואנדלען, אום דיא זינדיגע מענשהייט צו פערפיהרען. דער מאָדערנער היסטאָ־ריקער מילמאַן, אין זיין „געשיכטע דעם קריסטענטהום", זוכט זאָגאר צו בעווייזען מיט נאטירליכע ראיות, אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען פון א ריינע, אונבעפלעקטע יונגפרוי, דורך דיא מאכט פון הייליגען גייסט.

וועהרענד דיא צייט פון אונגעפעהר 18 הונדערט יאהר האט זיך דיזער אבער־גלויבען פערפלאנצט פון דור צו דור אונד פון אללע קריסטליכע היסטאָריקער אונד געלעהרטע האט זיך גיט געפונען זאָגאר איינער וואס זאָל זיך האבען ערלויבט צו

בעשרייבען יעזוס'עס לעבענס־געשיכטע פון א נאטירליכען, היסטארישען שטאנד־פונקט. ערשט ביי'ן ענדע פון 17טען יאהר־הונדערט האט דער שווייצער געלעהרטער העסס דער ערשטער פערפאסט א „לעבענס־געשיכטע פון יעזוס". אין דיעזען ווערק איז ער דענאך ניט ווייט אוועקגעגאנגען פון דיא קירכליכע איבערנאטירליכקייט: דיא עוואנגעליומס זיינען ביי איהם אנערקענט אלס געטליך, דיא נסים וואס זיינען דארט בעשריעבען אלס ווירקליכע טהאטזאכען, אונד יעזוס זעלבסט אלס גאטעס־זוהן. צו גלייכער צייט בעט ער מחילה דעם קריסטליכען גלויבען אונד בעהאנדעלט יעזוס'עס פערזאן פון א מענשליכען שטאנדפונקט, ערקלערענדיג נאך זיין מיינונג דיא נאטירליכע אונד מאראלישע אורזאכען, מיט וועלכע דיא בעגעבעהייטען פון יעזוס'עס לעבען שטעהען אין צוזאמענהאנג, וויא אזוי דיא צושטענדע פון יענער צייט האבען געפאָרדערט דיא לעהרען אונד טהעטיגקייט וואס זיינען בעשריעבען אין דיא עוואנ־געליומס אונד וועלכע גליקען זיי האבען געבראכט פיר דיא וועלט.

נאך העס'ן האבען פילע אנדערע ביבעל־קריטיקער, פון דיא זאגענאנטע ראציאָ־נאליסטען, ארויסגעגעבען פערשיעדענע ווערקע וועגען דיעזען געגענשטאנד, אבער קוקענדיג דורך קריסטליכע ברילען זיינען זיי ניט אים שטאנד געווען וואהר־הייט אונד קלארהייט צו זעהען. דיא מעשות פון עוואנגעליום האבען זיי אפילו ניט בעטראכט אלס היילי, אלס דיקטירט פון גאט, אבער אלס אונצווייפעלהאפטע היסטארישע דאקומענטען, אונד אויף דיעזען אופן האבען זיי געזוכט צו ערקלערען דיא עוואנגעליומס פון א וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט. נאטירליך איז זיי ניט מעגליך געווען אזעלכע בויך־סברות צו בעווייזען, דען אין דיעזען צופאלל גיעבט עס קיין מיטעל־וועג. דא מוז מען אננעהמען איינס פון דאסביידע: ענטוועדער דיא ביאגראפיע וואס ענטהאלט זיך אין דיא עוואנגעליומס איז ריכטיג, דאן מוזען זיי דאך צוגעבען אז אין יעזוס'עס לעבען האבען געווירקט אזעלכע קרעפטען וואס מען געפינט אין קיין אנדערע מענשליכע געשיכטע, דאס הייסט, זיי מוזען אננעהמען אזא מין אנזיכט וואס האט גאר ניט צו טאהן מיט דיא וויסענשאפט, אדער זיי מוזען אין גאנצען פערווארפען דיא עוואנגעליומס, אלס פוסטע לעגענדעס, אונד זוכען צו־זאמען צושטעללען א געשיכטע פון יעזוס'ן לויט דיא פאליטישע, סאציאלע אונד קולטור־פערהעלטניסע פון יענער צייט.

דאס איז דער ריכטיגסטער וועג וואס קען פיהרען צו אירגענד וועלכע בע־שטיממטע ערקלערונגען וועגען דיא פערזאן פון יעזוס קריסטוס, אויב אזא פערזאָן האט אין דער ווירקליכקייט עקסיסטירט. אבער אויך אויף דיעזען וועג בעגעגנט

מיר זיך מיט אַזעלכע השערות אונד מיינונגען, וועלכע קענען ניט האבען קיין שום היסטאָריטען ווערטה. צו דיעזע זאָרט מיינונגען געהערט דיא משיח־אידעע, ביי דיא נאכפאָלגער פון יעזוס׳ן האט זיך שפּעטער ערטוויקעלט דיעזע איינבילדונג, אז ער איז געוועזן דער משיח, וואס שטאממט ארויס פון דוד המלך׳ס פאמיליע. דאס האבען געגלויבט דיא ערשטע יודען־כריסטען, וועלכע האבען ערווארט א נאציאָנאַלען, אידי־שען משיח, וואס וועט ערשיינען, אום צו בעפרייען דאס אידישע פאָלק פון גלות, פון אונטערדריקונג, אונד דאן גרינדען א אידישע וועלט־הערשאפט. דיא ערשטע סעקטע, פון יעזוס׳עס נאכפאלגער אין ירושלים, האבען זיך זאָגאר ניט גערופען מיט דעם נאמען קריסטען, זאָנדערן איינפאך נצרים.*) ערשט מיט א צייט שפּעטער האט דיא געמיינדע אין אנטיאָכען זיך א נאָמען געגעבען „קריסטען" דאס הייסט,

*) וועגען דעם וואָרט „נצרים" גיעבט עס פערשיעדענע מיינונגען: אין אַל־געמיין איז אָנגענומען אז אזוי וויא יעזוס איז געוועזן א נצרי, דאס הייסט א געבאָ־רענער פון דער שטעדטעל נצרת דארום רופען זיך זיינע נאכפאלגער נצרים. דאַ־נעגען בעהויפּטען אנדערע אז דיעזער וואָרט שטאממט פון נצר, א צווייג, וויל יע־זוס׳עס תלמידים האבען געמיינט אז דער פּסוק פון ישעיה (קאפּ. י"א, א׳) ונצר משרשו יפרה, א צווייג וועט ארויס שפּראָצען פון זיינע וואָרצלען, נעמליך פון דוד המלך׳ס פאמיליע, איז געזאָגט געוואָרען אויף א משיח, דארום האבען זייא וואהרשיינליך יעזוס׳ן, גערופען מיט דיעזען נאמען „נצר". נור אַנדערע ערקלערען, אז נצר איז אבגעלייטעט פון דעם וואָרט „נזיר". קריסטוס איז א גריעכישעס וואָרט, וואס בעדייטעט געזאלבטער, אויף העברעאיש משיח. אין דיא עוואנגעליומס געפינט מען קיין איינציגען דירעקטען אויסדרוק פון יעזוס׳עס נאמען, ער זאָל אויף זיך האבען געזאגט אז ער איז א משיח בן דוד. אינדירעקט איז וועגען דעם עראינערט אין צוויי ערטער: אין מאטהעאוס 22, 41, וואו יעזוס פרעגט ביי דיא פּרושים, ווענעם זוהן, מיינען זיי איז דער משיח? אלס זיי ענטפערן איהם אז ער איז דוד׳ס זוהן, פרעגט ער ווייטער, וויא אזוי רופט דוד זיין אייגענעם זוהן הערר? (תהלים 110, 1) דיא קשיא איז פון איין עם הארץ, וועלכער פערשטעהט ניט ריכטיג יענעם פּסוק אין תהלים צו פערטייטשען אונד ווייס ניט אז דיעזער קאפּיטעל איז גאָר ניט געשריעבען פון דוד׳ן זעלבסט. אין א צוויי־טע שטעלע (מאטהעוס 16, 14 א. וו.) וואו יעזוס האט א געשפּרעך מיט זיינע

משיחים, דער דיעניגע וואס גלויבען אין יעזוס'ן אלס משיח. אויב אידען האבען גראדע צו יענער צייט ערוואַרטעט אַ משיח מעהר וויא אַללע מאָל קען היסטאָריש ניט בעוויזען ווערען. יאָזעפוס פלאַוויאוס אונד פילאָ דער אלעקסאנדרינער, דיא גרויסע אידישע געשיכטע־שרייבער פון יענער צייט, עראינערען וועגען דעם קיין איינ־ציגען וואָרט ניט, זאָגאר דיא תנאים פון דאמאָלס רעדען אויך ניט וועגען אַ משיח, זאָנדערן וועגען אַ מלכות שמים, אַ היממעלרייך, אין וועלכען זיי שילדערן אללעגאָ־ריש, ד. ה. דרך משל, דיא מלאכים, אדער דיא בעציעהונגען פון דיא געטליכע

תלמידים אונד פרעגט זיך נאָך, וואס דענקט מען וועגען איהם, ווער איז ער אַזעל־כער? דיעזע גיעבען פערשיעדענע אנטוואָרטען, אבער קיינער זאָגט ניט אַז ער איז משיח, נור איין פעטרוס ענטפערט: „דוא ביזט דער קריסטוס (משיח) אַ זוהן פון לעבענדיגען גאָט. (דיעזע לעצטע ווערטער זיינען אָהן אַ צווייפעל געפעלשט אונד צוגעלעגט אין דיא שפּעטערע צייטען). יעזוס גיעבט עס צו אינדירעקט, אבער צו גלייכער צייט פערבאָט ער זיינע תלמידים זיי זאָלען דאס קיינעם ניט אויסזאָגען. דאס אַלעס בעווייזט אַלזאָ, אַז יעזוס איז ניט אויפגעטרעטען עפענטליך אלס אַ משיח אונד קיינער, זאָגאר זיינע אייגענע תלמידים האבען איהם אויך ניט געהאל־טען פיר אַזאַ פערזאָן. דאגעגען רופט זיך יעזוס זעהר אָפט בן אדם, מענשענזוהן. אין דיא עלטערע שריפטען פון ביבעל איז דיא בעדייטונג פון דיעזען וואָרט איינפאך אַ געוועהנליכער שטערבליכער מענש, וואס איז גראדע קיין גרויסער יחסן ניט אין פערגלייך מיט דיא אייביגע הערליכקייט פון גאָט. יחזקאל דאגעגען לאָזט זיך רו־פען בן אדם, אלס אַ ספּעציעללער טיטעל פון אַ נביא. אין דיעזען זינן רופט זיך אויך וואהרשיינליך יעזוס כמעט אין אללע שטעללען פון עוואנגעליום, וואו ער בעצייכענט זיך ניט מיט דעם בן־אדם אלס איין איבערנאַטירליכעס וועזען; נור אין אַ פּאָאר ערטער (מאַטהעאוס 13, 41. 24, 63) זאָגט ער, אז דער מענשען־זוהן וועט שיקען זיינע מלאכים, אדער אַז ער וועט זיטצען ביי דיא רעכטע זייט פון קראַפט אונד קוממען מיט דיא וואָלקען פון היממעל. מען מוז אלזאָ אננעהמען, אַז אנ־פאנגס האט יעזוס זיך געהאלטען פיר אַ נביא אונד אין דיא לעצטע צייטען האט ער שוין פיעל מעהר פאנטאזירט אונד אנגעפאנגען פון זיך צו דענקען וויא פון אַ מין היממלישע בעשעפעניס. איבריגענס איז זעהר וואהרשיינליך אַז דיעזע פּאָאר שטעללען אין דיא עוואנגעליומס זיינען אויך פעלשונגען, מיט וועלכע דיא קריסט־ליכע תורה איז פולל כמעט אין יעדען קאפּיטעל.

קרעפטע צו דיעזער וועלט, אונד דאדורך שטעללען זיי אויף איין ערהאבענע, רייגע זיטען־לעהרע.

דענאָך איז עס קיין צווייפעל ניט אז דיא משיח־האפנונג האט שוין דאמאלס עקסיסטירט ביי'ן אידישען פאָלק, פון וועלכען מען האט ערווארט א דאָפּעלטע אויפ־גאבע: ערשטענס וועט ער אלס פרינץ פון דוד המלך'ס הויז, אלס דער איינציגער וואס האט דאס רעכט צו בעזיצען דעם אידישען טהראָן, וויעדער אויפשטעלען דיא מלוכה אין איהר גאנצע פראכט אונד הערליכקייט, וויא אין דיא אמאָליגע צייטען. דאס פאָלק וועט קוממען צו דיא העכסטע שטופפע פון מאכט אונד צו א גלענצענ־דען פאָליטישען צושטאנד. אונד צווייטענס וועט דיעזער מלך המשיח, דורך דיא ערהאבענהייט פון זיין גייסט, גרינדען א רייך פון גערעכטיגקייט, דיא שעהנסטע מאָראלישע וועלט־אָרדנונג, מיט וועלכע ער וועט בעהעררשען זאָגאר אללע אנדע־רע אומות. א משיח וואס זאָל זיין נור א מאָראלישער וועלט־לעהרער, א משיח וואס זאָל ניט זיין אים שטאנד אויפצוהויבען דאס פאָלק צו גליק אונד וואהל־שטאָנד, — אזא משיח האט דער איד זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט אונד וואָלט איהם ניעמאלס אנערקענט.

אויף דיא פראגע אויב דיעזער משיח, וויא אידען האבען איהם ערווארטעט, איז צו אירגענד וועלכע צייט אָדער אירגענדוואו ערשיענען, איז דיא אנטוואָרט קלאָר אונד דייטליך, אז אזא משיח איז נאך פאָרלויפיג ניט נעקומען. עס איז צוואר ריכ־טיג, אז צו יענער צייט, פריעהער אונד נאך יעזוס'ן, זיינען ערשיענען איינצעלנע פרייהייטס־העלדען, וויא צום ביישפיעל, יהודה פון גליל, טהעאודאס, אנטראָנגעס אונד בר כוכבא, וועלכע האבען נעקעמפפט מיט זייער גאנצע מאכט אונד געאָפּפערט זייער לעבען, אום דיא האָפנונגען פון פאָלק צו ערפיללען אונד צו רעטטען דיא אידען פון עלענד אונד קנעכטשאפט. יעדער פון זיי האט געהאט ביי אידען פיעל מעהר נאכפאָלגער אלס יעזוס, אבער שליעסליך איז קיין איינציגער פון זיי ניט גע־ווען דער ערוואַרטעטער משיח.

אויב מען זאָל אפילו צוגעבען, וויא דיא קריסטליכע געשיכטע־שרייבער אונד אויך איניגע אידישע בעהויפטען, אז יעזוס איז געווען ביי אידען א מאָראלישער פאָלקס־לעהרער, א מין רעפאָרמאטאָר, וועלכער האט געוואָלט פערבעסערען דיא זיטען אונד אויפהויבען דיא אידען צו א העכערען גייסטיגען צושטאנד, איז דענאָך דאס אלעס ניט געווען גענוגענד אז ער זאָל דאמיט אליין אנערקענט ווערען אלס א משיח. אונד ווירקליך זעהט מען פון זייער אייגענעם עוואנגעליום, אז יעזוס האט

ביי אידען קיין שום אהנונג ניט געהאט, זאָגאר נאכדעם וויא ער האט גאנצע דרייא יאהר פּראָפּאגאנדירט אונד געפּרעדיגט. אין אפּאָסטעל־געשיכטע 1, 15 געפינען מיר א בעשטימטע ערקלערונג, אז נאך יעזוס׳עס טויט איז דיא גאנצע געמיינדע פון זיינע נאכפאלגער בעשטאנען נור אין דער צאָהל פון 120 מאן, וועלכע זיינען געווען וויא בעוואוסט, פון דיא ניעדריגסטע פאָלקס־קלאססע. דאס האבען אויך געמוזט איינזעהען דיא שפּעטערע קריסטען, אז דיזע בעהויפּטונג, וועגען יעזוס׳עס משיח־ראָללע, איז לעבערליך אונד ווידערשפּרעכט אללע געשיכטליכע טהאטזאכען, ווייל מיט זיין ערשיינען איז ניט מקוים געוואָרען קיין איינציגע האָפנונג וועלכע מען האט ערוואַרט פון א משיח. עס איז דארום נויטהיג געווען אויסצוגעפינען איין אנדער משיח־אידעע, איין אידעע וואס זאלל איבערהויפּט בעססער פּאססען צו דעם דאמאָל־ליגען קריסטענטהום, וועלכע איז שוין בעשטאנען כמעט דורכאויס פון פערשיעדענע היידנישע פעלקער, אונד אויף אזא אופן איז ביי זיי אָנגענוממען געוואָרען דיא אנזיכט פון איין איבענאַטירליכען משיח, פון א גאָט, אָדער פון גאָטס א זוהן, ער איז געקר־מען אָדער געשיקט געוואָרען ניט צו בעפרייען דיא אידען פון אונטערדריקונג, זאָנדערן אויסצולעזען דיא גאַנצע וועלט מענשען פון זיערע זינד, דורך וועלכע זיי זיינען אריינ־געפאללען אין דיא מאכט פון שטן. פון דיא נאטירליכע גאולה, וועלכע אידען האַ־בען ערוואַרטעט, איז אלזאָ געוואָרען איין איבערנאַטירליכע משוגעת, וועלכע איז ביז היינטיגען טאָג געבליעבען דער פונדאמענט, דער גרונד־געדאנקען פון קריסטענטהום.

איבריגענס איז דיזער געדאנק ניט אָריגינעל. דיא ערשטע היידען־קריסטען האבען איהם מיטגעבראכט פון זייערע אלטע זאגען, פון יענע צייטען ווען מען האט נאך געגלויבט, אז דורך א בייזע צויבער־מאכט קענען מענשען פערשאָלטען ווערען, אז זיי זאָלען אננעהמען דיא געשטאַללט פון אירגענד וועלכע טהיערע. עס איז נויטהיג געווען דאגעגען אָנצו־ווענדען א שטארקערען צויבער־מיטעל, אום אזא פער־שאָלטענעם מענשען אויסצולעזען. דיא אנזיכט פון שטראף אונד ערלעזונג האט דאן זיך ענטוויקעלט אין פערשיעדענע אלטע רעליגיאָנען, וועלכע האבען אָנגענומען אז אזעלכע אונד עהנליכע בעשטראַפונגען קומען אויף דיא מענשען דורך זייערע זינד, אונד דאפון קענען זיי ערלעזט ווערען ענטוועדער דורך גרויסע צויבערער, וואס זיינען אים שטאנד צו בעשווערען אונד פערטרייבען דעם רוח הטומאה, אָדער דורך געטער וואס נעהמען אן דיא געשטאַלט פון מענשען, אום זייא צו רעטען אונד בעפרייען.

דיא בעדינגונגען פיר אזא מין אויסלעזונג זיינען געוועזען דיזעלבע וויא מען זעהט זיי יעצט אין קריסטענטהום. דער ערלעזער האט געדאַרפט זיין איין איבערנאטיר־ליכע פערזאָן, וואס בעזיצט דיא העכסטע אונד שעהנסטע טוגענדען, א פערזאָן וועלכער ענטזאגט זיך פון אלעס, דאדורך אנדערע צו בעגליקען, וועלכער אָפּפערט זיך אוים מיטלייד צו דיא מענשהייט; ער ערטראגט אללע אונרעכטען, ער ליידעט מיט דעם גרעסטען מוטה אלע שמערצען, אום אנדערע צו העלפען.

אין דיא בודהיסטישע רעליגיאָן, וועלכע איז מיט א 600 יאהר עלטער אלס דיא קריסטליכע, געפינט מען איבעראלל דיזען ערלעזונגס־געדאנק. בודהא ערקלערט אין אלע זיינע רעדען, אז ער איז געקומען צו בעפרייען דיא פעעדאָרבענע וועלט מענשען פון זייערע זיטליכע ליידען. דער אלט־פערזישער זונן־גאָט מיטרא האט אויך געגאָלטען אלס ערלעזער אונד אלס פערמיטלער צווישען דיא געטער אונד מענשען, גראדע דיזעלבע ראָללע, וועלכע דיא קריסטען האבען א צייט שפּעטער איבערגע־טראָגען אויף יעזוס'ן. דיא כינעזישע מיטהאָלאָגיע ערצעהלט אויך פון פערשיעדענע ערלעזער, וואס זיינען געבאָרען געוואָרען אויף א וואונדערבארען אופן, אום נאכהער צו רעטען אונד בעגליקען דיא מענשהייט. נאך בעשטימטער אין דיזער הינזיכט איז דיא לעהרע פון דיא אינדישע בראהמאנען, לויט וועלכע דער גאָט ווישנו האט איבערגענומען דיא ערלעזונג אלס זיין הויפטגעשעפט. ווישנו איז דער צווייטער גאָט פון דיא טרימורטי, דאס הייסט פון דיא דריי הויפט געטער, אונד אום דיא וועלט צו ערהאלטען, אום צו פערשטארקען דאס גוטע אונד אָבצושאפען דאס אונרעכט, איז ער פון צייט צו צייט אראבגעשטיגען פון הימעל אונד יעדעס מאָל האט ער זיך פערוואנדעלט, אדער פערקערפּערט אין איין אנדער געשטאלט פון א מענשען, אָדער זאָגאר פון א טהיער, אונד האט דאביי בעוויעזען גרויסע נסים. ניין מאָל איז ער שוין אויף דיזען אופן ערשיענען אונד זיין צעהנטע פערקערפּערונג אדער ערשיינונג ערווארטען זיי נאך, ווען ער וועט קוממען, אום דיא יעצטיגע פערדאָרבע־נע וועלט צו פערניכטען אונד אנשטאט איהר א נייע צו שאפען, אין וועלכע עס וועט העררשען גערעכטיגקייט אונד עווינער וואהלשטאנד. אין איין אלטען שוועדישען געדיכט, וועלכעס ענטהאלט אין זיך דיא לעהרע פון דעם גאָט אָדין, וועי־גען דעם אָנפאנג אונד אונטערגאנג פון דער וועלט, קוממט אויך פאָר א נבואה פון א געוויסען אפּצעביוס, אין וועלכע ער פראָפעצייעט וועגען א וועלט־ערלעזער אין פאָלגענדע ווערטער: „דאַן וועט קוממען איין אנדערער, א מעכטיגער, דאָך קען איך זיך ניט אונטערשטעהען זיין נאמען צו עראינערען, דער שטארקער פון דיא

הויכע הימלען, ער, וועלכער רעגיערט איבער אלעמען, גיעבט ארויס זיינע אורטהיילען, שליעסט פריעדען צווישען שטרייטענדע אונד בעצאהלט יעדען לויט זיינע מעשים“.

אין דיעזע אלע אמונות שפיעלט אויך א וויכטיגע ראָללע דיא ערלעזונג פון איינצעלנע זינדיגע מענשען, וועלכע ווערען מגולגל אין פערשיעדענע טהיערע, אדער זייערע נשמות וואנדערן ארום אין א עולם התהו. זיי פאללען אריין אין גיהנום אונד ליידען פערשיעדענע שטראפען, ביז עס קוממט א הייליגער מאן אונד רעטעט זייא דורך תקונים, סגולות אונד תפילות. דיא בודהיסטישע רעליגיאָן לעגט א גרויסען געוויכט אויף תשובה. ווער עס האט פיעל געזינדיגט אויף דער וועלט וועט מגולגל ווערען אין פערשיעדענע טהיערישע קערפער אונד זעהר פיעל ליידען. ער קען דאפון ערלעזט ווערען נור דורך דיא תפילות פון א הייליגען בעל תשובה. אזוי האט, צום ביישפיעל, א בעריהמטער בודהיסטישער הייליגער געשטעללט דיא געטין קוואנאָן טויזענד שטאטוען, אום צו רעטען דיא נשמה פון א פרוי וואס איז מגולגל געוואָרען אין א שלאנג. אלס דיא לעצטע שטאטוע וואר אויפגעשטעלט איז דיא נשמה ערלעזט געוואָרען אונד אוועקגעפלויגען אין היממעל. אין יאפאן גלויבען זיי אז איבערהויפט דיא נשמות פון קינדער, וועלכע זיינען געשטארבען פאר זיעבען יאהר, מוזען ערלעזט ווערען, ווייל זיי אליין האבען דאך ביי'ן לעבען ניט געקענט בעגעהען גוטע טהאטען, אום זיך זעלבסט צו רעטען. אין קריסטענטהום, איבערהויפט אין דעם קאמהאָלישען, האבען דיא גלחים פון אזעלכע ערלעזונגען זיך געמאכט איין איינטרעגליכען געשעפט. דיא פאבסטען פלעגען פאנאנדער שיקען אגענטען איבער דיא גאנצע קריסטליכע וועלט, אום צו פערקויפען תשובה צעטלאך, וועלכע פלעגען זיי איינטראגען אוצרות מיט גאָלד, אונד דאס איז געווען איינע פון דיא אורזאכען דורך וועלכע עס איז ארויסגעקומען דיא רעפאָרמאציאָן, וויא מיר וועלען עס ביי איין אנדער געלעגענהייט נענויער בעשרייבען.

אויך דיא אידעע פון איין איבערנאטירליכען משיח האט עקזיסטירט ביי אנדערע פעלקער מיט הונדערטע יאהרען פריעהער פאר יעזוס'ן. אין דיא אלטע בינעזישע ביכער איז בעשריעבען, אז עס וועט א מאָל קומען א משיח, וועלכער וועט דיא פעלקער „אָבפרישען אונד בעגליקען, וויא דער מילדער רעגען ערפרישט דיא פערוועלקטע פלאנצונגען“. דיא האָפנונגען אויף זיין ערשיינונג זיינען אויסערגעוועהנליכע אונד זיין פערזאָן ווירד געשילדערט מיט זאָנדערבארע פאנטאזיעס. ער איז דער הייליגער פון אללע פעלקער אונד אללע צייטען; ער צייכענט זיך אויס פון אללע

שטערבליכע, דאמיט וואס ער וועט געבארען ווערען ניט וויא געוועהנליך פון א מענשליכען פאטער, אונד אין איהם וועללען זיין פעראייניגט אללע שטראהלען פון חכמה אונד דיא פאָללקאָמענהייט פון אללע טוגענדען, זיין רעגיערונג וועט ער אנ־פאַנגען מיט דיא אויסראָטונג פון אללע שעדליכע פלאַנצונגען, אום דיא גוטע פרוכ־טען זאָללען בעסער וואקסען אונד געדייהען, אבער זיין העכסטע אויפגאַבע וועט זיין אומצוקעהרען דיא מענשען צו זייער ערסטע טוגענד, זייא צו בעגליקען מיט א נייעס לעבען אונד נייע קראפט. אלס פריעדענס־פירסט וועט ער אללע טיראַנען פון דער וועלט פערניכטען אונד זייערע טהראָנען שטירצען. ער וועט גרינדען א רייך, אין וועלכע עס וועט הערשען נור וויזהייט, גערעכטיגקייט, ארדנונג אונד ליעבע.

נאָך מעהר פאַנטאסטיש איז דאָס בילד וועלכען דיא אלטע אינדיער האבען זיך פאָרגעשטעללט פון זייער ערוואַרטעטען משיח, אלס וועלט־רעטער. ער וועט קוממען אין דיא וואלקענס פון הימעל, זיטצענדיג אויף א ווייסען פערד מיט ווייסע פליעגלען, אין זיין האנד א פלאמענדער שווערד, וועלכער לייכט וויא א קאָמעט. מיט איין זעטץ פון דיא פאָרדערסטע פוסס וועט זיין פערד צושמעטערען דיא גאַנצע ערד אונד פערניכטען דיא פערדארבענע מענשהייט, דאַן וועט אויפשטייגען א נייע ערד, אויף וועלכע עס וועט זיך אָנפאַנגען דיא הערליכע צייט פון ריינהייט אונד פאָלל־קאָמענהייט. אויך דיא אלטע פערזער האבען אויף דיעזען אופן זיך אויסגעמאָלט זייער „סאָזיאָש“, א מעכטיגער זיעגעס־העלד, וועלכער וועט ערשיינען צום ענדע פון אללע צייטען, איידער דיא געשטארבענע וועללען אויפשטעהען פון זייערע קברים. ער וועט גרינדען דעם לאַנג ערוואַרטעטען רייך פון ליכט, אין וועלכע אללעס אונריינע, בייזע אונד שמערצהאפטע וועט פערטיליגט ווערען אונד אללע פינסטערניסע וועללען פערקלערט ווערען אין ליכט אונד ליעבע.

ביי אידען האט קיינמאל ניט עקסיסטירט דיעזע אידעע פון א פערקערפערטען גאָט, פון א וועלט־ערלעזער, וועלכער זאָלל אראב קוממען פון הימעל שפיעלען דיא ראָללע פון א משיח. דארויף דארף מען קיין גרויסע ראיות ניט האבען, דען דאס איז נעגען דיא אידישע רעליגיאָן אונד נעגען דעם גייסט פון יודענטהום. גראדע פערקערט: מיר געפינען אז זאָגאר אין דיא שפעטערע צייטען, ווען דיא משיח־אידעע האט זיך שוין בייא אידען שטארקער ענטוויקעלט, אונד מען האט שוין אָנגעפאַנגען זיך פאָרצושטעללען זיין צוקינפטיגע ערשיינונג מיט פערשיעדענע וואונדער, האט דענאָך געזאגט אזא אויטהאָריטעט וויא שמואל: אין בין עולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד מלכות בלבד, פון דיא יעצטיגע ביז דיא משיח־צייטען גיעבט עס קיין אונטערשיעד, אויסער אז דאן וועט מען ניט זיין אונטערדריקט פון א קעניגליכע הערר־

שאפט. וואס אנבעטרעפט יעזוס'ן אלליין האט ער אויך, אלס איד, וועגען אזא מין היידנישע משיח־ראללע ניט געקענט דענקען אונד די אללע מאמרים אין די עוואנגעליומס, וואס ענטהאלטען דיעזען זינן, זיינען אהן א צווייפעל צוגעשריעבען געווארען נאכהער, פון די שפעטערע היידען־קריסטען.

מיר זעהען אלזא אז די גאנצע משיח־אידעע, הן די שפּעציעל אידישע, הן די אללגעמיינע היידנישע, האט אין די טהעטיגקייט פון יעזוס'עס לעבען במעט גאר קיין ראללע ניט געשפּיעלט. אין עוואנגעליום מאטהעאוס (קאפּ. 22, 21) איז געזאגט אין נאמען פון יעזוס'ען: גיבט דעם קיסר וואס געהערט צום קיסר אונד צו גאט וואס געהערט צו גאט. דיעזעלבע אונד פיעלע עהנליכע שפּריכע אין נייעם טעסטאמענט בעווייזען, אז יעזוס האט זיך לחלוטין גאר ניט געקימערט וועגען די פּאליטישע אנגעלעגענהייטען פון אידישען פאלק אונד אויך ניט וועגען די מאטעריעללע פערהעלטניסע פון זיין צייט אין אללגעמיין. „מיין מלוכה איז ניט אויף דיעזער וועלט“, זאגען די עוואנגעליום אין פערשיעדענע ערטער. זעלבסטפערשטענדליך אז אזעלכע ווערטער קען ניט רעדען א פּערזאן וואס וויל אויפטרעטען אלס א פּאליטישער משיח, אלס א נאציאנאלער פרייהייטס־קעמפּפער, וואס איז געקאמען צו רעטען זיין פאלק פון פרעמדע אונטערדריקונג.

אין וואס איז אלזא בעשטאנען יעזוס'עס טהעטיגקייט אונד צו וועלכען ציעל האט ער געשטרעבט? אום דאס צו פערשטעהען מוז מען בעטראכטען ניט די פּאליטישע צושטאנדע פון לאנד, זאנדערן די סאציאל־רעליגיעזע סעקטעס וואס האבען דאמאלס עקסיסטירט בייא אידען, נעמליך: די צווייא הויפּט־פּארטייען, די פּרושים אונד די צדוקים, דאן איבערהויפּט די געהיימניספאללע פאנטאזי־טען, די אסים (עסענער), אין פּאלעסטינא, אונד די טהעראפּעווטען, אין עגיפּטען. דיעזע לעצטע צווייא סעקטעס, וועלכע זיינען אין דער טהאט איין אונד דיעזעלבע, האבען זאגאר אויף דעם היסטארישען לעבען פון די אידען קיין שום איינפלוס ניט געהאט, אבער דאפיר זיינען זייא זעהר וויכטיג פיר די ווייטערע ענטוויקלונג פון דעם אור־קריסטענטהום, דאס הייסט, פיר דעם אנפאנג פון די אידיש־קריסטליכע בעוועגונג.

אבער דיעזע בעטראכטונג, וועגען די דאמאליגע אידישע סעקטעס אונד פּארטייען*) איז ניט אזוי איינפאך וויא מען וואללט אין פלוג קענען גלויבען, די

*) דר. יאסט, אין זיין „געשיכטע דעם יודענטהום'ס“, בעמערקט גאנץ ריכטיג, אז דיעזע אידישע אבטהיילונגען, וואס האבען איבער געוויסע היסטארישע

מיינונגען פון דיא היסטאָריקער אין דיעזער הינזיכט זיינען זעהר ווייט פערשיעדען, אונד וועהרענד איינינע בעהויפּטען, אז דיעזע פּאַרטייען האבען זיך בעשעפטיגט מיט אַלגעמיינע פילאָזאָפישע פראַגען, ערקלערען אנדערע אז זיי האבען נור געשטרעבט צו געוויסע פּאָליטיישע ציעלען. שליסליך גיעבט עס נאָך א דריטע, וואהרשיינליך דיא ריכטיגסטע מיינונג, אז דיא גאַנצע טהעטיגקייט פון דיעזע פּאַרטייען איז בע־שטאַנען נור אין רעליגיעזע פראַגען אונד אין שטרעבונגען אויף וועלכען אופן דעם יודענטהום בעסער צו ענטוויקלען.

איינער פון דיא גרעסטע אידישע היסטאָריקער יענער צייט איז געווען יאָזעפוס פלאַוויאוס, אדער יוסף בן מתתיהו הכהן, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין יאהר 37 נאָך דיא קריסטליכע צייט־רעכנונג אונד האט בייגעוואָהנט דעם חורבן פון ירושלים. און זיינע צוויי גרויסע ווערקע, „דיא אידישע מלחמות„ אונד „דיא אידישע אַלטערטהימער“ רעדט ער אין אייניגע ערטער וועגען דיעזע פּאַרטייען, וואס האבען דאַן עקסיסטירט ביי אידען. „דיא פרושים“, שרייבט ער אין פערשיעדענע ערטער „פיהרען איין איינפאַכען לעבען אונד פעראַכטען דיא תענוגים פון גוטע שפייזען, זייער בענעהמונג איז אין יעדער הינזיכט זעהר פערנינפטיג. זיי רעספּעקטירען זעהר דיא עלטערע מענשען אונד וועללען זיך ניעמאַלס ערלויבען אזעלכע פערזאָנען עטוואס צו ווידערשפּרעכען. אָבוואהל זיי בעהויפטען אז אללעס וואס עס פּאַסירט אויף דער וועלט קוממט דורך דיא פריעהערדיגע בעשטימונג פון א געטליכע השגחה, דענאָך זאגט זייער לעהרע, אז דער מענש האט א פרייען ווילען צו טהון גוטעס אָדער שלעכטעס. זיי גלויבען אז דיא מענשליכע נשמות זיינען אונשטערבליך

אורזאכען צו יענער צייט זיך געבילדעט, קען מען ניט אָנרופען „סעקטעס“, זיי זיינען ניט געווען בעזונדערע געמיינדען, מיט בעזונדערע גאָטעס דיענסטליכע איינריכטונגען, אַללע זיינען זיי געווען פעראייניגט אונטער דעם געדאַנקען, אז דאס אידישע געזעטץ מוז פון יעדען ריכטיג ערפיללט ווערען אונד יעדער ווער עס האט דיעזען עיקר אנער־קענט איז געווען בעטראַכט אלס א מיטגליד פון דער געמיינדע, זיי אללע האבען גע־שטרעבט צו דעמזעלבען ציעל, אבצושיידען דיא פרעמדע עלעמענטען פון יודענט־הום אונד צו פערשטאַרקען דאס געזעץ. דיא פראַגע האט זיך נור געהאַנדעלט וועגען דעם, וויא מען זאָלל דיעזען געזעטץ אונטער געוויסע אומשטענדען בעסער ערפיללען, דען פיעלע אַנזיכטען אין יודענטהום זיינען צו יענער צייט נאָך ניט געווען פאָללקאָ־מען ענטוויקעלט, דארום איז עס גאַנץ נאַטירליך אז דיא אידישע לעהרער אונד פאָרשטעהער האבען זיך אין זייערע מיינונגען געמוזט צוטהיילען.

אונד אז אונטער דער ערד, (דאָס הייסט, נאָכ'ן טויט) גיעבט עס א בעלאָהנונג, אָדער א בעשטראָפונג, לויט נאכדעם וויא זיי האבען געלעבט, טוגענדהאפט אדער זינדיג. דיא נשמות פון שלעכטע מענשען וועלען געהאלטען ווערען אין איין אייביגע געפענגניס, וועהרענד דיא גוטע וועללען ווידער לעבען אין אנדערע קערפערס, דורך דיעזע לעהרען האבען דיא פרושים א גרויסען איינפלוס אויפין פאָלק, אונד וואָס זיי בעפעהלען אין דיא אנגעלעגענהייטען פון גאָטעס דיענסט, געבעטען אונד קרבנות ווירד ריכטיג ערפיללט. אין אללע שטעדט ווערען זיי הויכגעאַכטעט פאר זייער טור־גענדנדהאפטע אויפפיהרונג, וויא איין דיא טהאטען פון זייער לעבען זאָ אויך אין זייערע געשפרעכען. דיא פרושים זיינען פריינדליך איינע צו דיא אנדערע אונד שטרע־בען אז איבעראלל אין פאלק זאלל בעשטעהען פריעדען. דיעזע פרושים זיינען אין יעדער הינזיכט עהנליך צו דיא גריעכעשע פילאָזאָפישע סעקטע דיא סטאָיקער.

יאָזעפוס אלליין, וויא ער שרייבט אין זיין אייגענע ביאָגראפיע, האָט אויך געהערט צו דיעזע פארטייא פון דיא פרושים, דענאָך זאָגט ער אויף איין אנדער שטעללע, אז דיא פרושים זיינען געווען שטאָלץ מיט זייער געלעהרזאמקייט אין דיא אידישע געזעטצען אונד האבען געזוכט אז מענשען זאָללען אין זייא גלויבען, אלס אין א סעקטע וואָס בענוצט זיך מיט א בעזונדערע גנאדע פון גאָטט. אָפטמאָל זייד נען זייא אויפגעטרעטען נעגען דיא קעניגע אין אָפענעם קאמפף אונד האָבען דאמיט זייער פיעל שאדען געבראכט. דיעזע מיינונג האט יאָזעפוס אָהן א צווייפעל געשריע־בען מיט איין אבזיכט, אום זיך צו שמייכלען צו דיא רוימער אונד איז אלגעמיין אין זיין געשיכטע פערפאסט אין דיעזען זינן.

וועגען דיא צדוקים שרייבט יאָזעפוס נאָך וועניגער, ערקלערענדיג בלויז אז דיעזע סעקטע לייקענט אָב אין גאנצען דיא השגחה פון גאָטט אויף דיעזע וועלט. עס גיעבט נאָך זייער מיינונג קיין פאראויס בעשטיממונג אונד גאָטט קיממערט זיך ניט וועגען אונזערע גוטע אָדער שלעכטע טהאטען. דער מענש איז פאָללשטענדיג פרייא זיך אויפצופיהרען אין לעבען וויא ער וויל. דיא צדוקים גלויבען אז דיא נשמה שטארבט אָב צוזאמען מיט דעם קערפער אונד אז עס גיעבט קיין בעשטראפונג אונד קיין בעלאָהנונג אין איין אנדער וועלט נאָך'ן טויט. אבער פון דיעזע לעהרען האלטען נור וועניגע, פון דיא העבערע קלאססע, אונד אין אללגעמיין זיינען זייא גאָר ניט אים שטאנדע עטוואס צו טהון. ווען זייא זיינען אָפטמאָל געצוואונגען אָנ־צונעהמען דיא אָמט פון א ריכטער מוזען זייא ניט וויללענדיג נאכטהון דיא פרושים, רען זאָנסט וואָללט קיינער זייא ניט וועללען געהאָרכען. דיא צדוקים, זאָגט יאָזע־

פוס אויף איין אנדער שטעללע, זיינען איינינער מאסען ווילד אונד אונפריינדליך אין זייערע געשפרעכען זאָגאר צווישען זיך, גראַדע וויא זייא וואָללטען געווען פרעמד איינער צום צווייטען, דענאָך בעהויפּטעט ער אויך, אז זייא ליעבען צו דיספּוטירען וועגען הויך פילאָזאָפישע פראגען.

דאַפיר געפינען מיר בייא יָזעפוס'ן א פיעל גענויערן בעריכט וועגען דיא עסעער *) (אסים). עסעער, ערקלערט ער, פערוואַרפען אללע פערגניגען וועלכע זייא

*) בייא יאָזעפוס געפינט זיך קיין ערקלערונג וואס דיעזע נעמען פון דיא דרייא אידישע פארטייען, פרושים צדוקים אונד אסים האָבען צו בעדייטען אונד פון וואַנען זייא האָבען זיך גענומען. דיא מיינונגען פון דיא נייעסטע היסטאָריקער זיינען וועגען דעם פערשיעדען; אייניגע זאָגען אז פרושים בעדייטעט אָבגעזאָנדערטע, אזויא האָבען זייא זיך גערופען אָדער אנדערע האבען זייא געגעבען דיעזען נאמען, וויל לויט זייערע שטרעננע בעאָבאכטונג דיא דינים פון טומאה וטהרה, ריין אונד אונריין, האבען זייא זיך אָבגעזונדערט פון דעם אללגעמיינעם געזעלשאפטליכען פערקעהר. אנדערע בעהויפטען, אז פרושים מיינט ערקלערער, וויל זייא האבען ערקלערט דיא ביבלישע געזעטצען אויף פערשיעדענע אופנים אונד דאדורך פעסטגעשטעללט נייע דינים. — וועגען דעם נאמען צדוקים גיעבט עס אויף פערשיעדענע השערות, אבער דיא ריכטיגסטע איז וואהרשיינליך, אז דיא גרינדער פון דיעזער פארטייא זיינען געווען צדוק אונד ביתוס, צווייא תלמידים פון אנטיגנוס איש סוכו. לויט דיא לעהרע פון דיעזען גרויסען תנא, אז א מענש דארף דיענען גאָטט ניט צוליעב שכר, בעלאָהנונג אדער בעצאָהלונג, האבען זייא וויטער ענטוויקעלט דיא אידעע, אז עס גיעבט גאָר קיין בעלאָהנונג אונד קיין בעשטראפונג, אונד ממילא איז מען געקומען צו דיא אנזיכט, אז עס איז ניטאָ וועך אונד וועמען צו בעשטראפען, ד. ה. עס גיעבט קיין אונשטערבליבע זעעלע. דיא נאכפאָלגער פון יענע צווייא תלמידים רופען זיך אלזאָ צדוקים אונד א קלענערע טהייל פון דיעזע פארטייא ביתוסים. — וועגען דיא בעדייטונג פון דעם וואָרט עסעער, אָדער אסים, איז זעהר פיעל געשריעבען געוואָרען, אָבער דיא מייסטע זיינען נעקומען צו דער אנזיכט, אז דיעזער נאמען בעדייטעט ערצטע, וויל דיא עססעער פלעגען זיך ווירקליך בעשעפטיגען מיט הוילען קראנקע. א צווייג פון דיעזער אידישע פאלעסטינישע סעקטע האט זיך געפונען אין עגיפטען, וועלכע האבען אויך געפיהרט פונקט אזא לעבען וויא דיא עסעער, יענע האָבען זיך גערופען טהעראפעווטען, דאס הייסט אויך ערצטע אין דיא גריכישע שפראך.

בעטראַכטען אַלס זינד אונר שטרעבען צו בעהערשען זייערע געלוסטען אונד אונטער־צודריקען זייערע תאוות, ווייל דאָס איז דיא גרעסטע טוגענד. מייסטענהיילס הייראַטהען זייא ניט, נור זייא נעהמען איבער פרעמדע, גאַנץ יונגע קינדער, אַלס זייערע אייגענע, אונד ערציעהען זייא נאָך זייער לעבענס אַרט. אָבוואָהל זייא זיינען קיינע אַבזאָלוטע געגנער פון חתונה האַבען, ווייל דאס איז דאָך נויטהיג צו דיא עקסיסטענץ פון מענשליכען געשלעכט, אָבער זייא זיינען זעהר פאָרזיכטיג געגען דיא אויפפיהרונג פון דיא פרויען, ווייל נאָך זייער איבערצייגונג גיעבט עס קיין איינציגע וואס זאָל בלייבען געטרייא צו איהר מאַן.

דיעזע מענער פעראַכטען פאַלשטענדיג דאס רייכטהום אונד מען געפינט בייא זייא קיין איינציגען וועלכער זאָל בעזיטצען מעהר וויא דער אַנדערער, ווייל עס איז בייא זייא אַ געזעטץ אַז דער וואס קוממט זיך אַנשליעסען צו זייא מוז צוערסט איבערגעבען זיין גאַנצען אייגענטהום פיר זייער גאַנצע געזעלשאַפט. עס גיעבט דאַ־רום בייא זייא קיין רייכע אונד קיין אַרמע, אַללע בענוטצען זיך גלייך פון דיא בע־זיטצונגען וואָס געהערען צו דיא פאַרטייא. זייא האַבען פערוואַלטער, וועלכע זיינען נעזעצט געוואָרען אין זייערע עמטער צו פיהרען דיא אַללגעמיינע אינטערעסען פון דיא גאַנצע פאַרטייא, דען בעזונדערע אינטערעסען גיעבט עס בייא זייא ניט. קיין איינציגער פון דיא ברידער פיהרט קיין אייגענע געשעפטען. זייא זיינען ניט בעזעצט אין אירגענד אַ בעזונדערע שטאַדט, זאָנדערן אין יעדע שטאַדט געפינען זיך פיעלע פון זייא; אונד ווען אירגענד וועלכע פון זייער סעקטע קוממען פון אַנדערע פּלעצער אין פאַר זייא אַלעס אָפּפען, גראַדע וויא זייא וואָלטען דאָ געהאַט זייער אייגענטהום; אונד אויך אזעלכע וואס מען האט קיין מאָל געקענט ווערען עמפּפאַנגען וויא אַלטע גוטע פריינד. דאַרום נעהמען זייא זאָגאַר אויף אַ לענגערע רייזע קיין זאַך ניט מיט אויסער זייערע וואַפען, אום זיך צו פערטהיידיגען געגען רויבער. לויט דיעזע אָרדנונג איז אין יעדער שטאַדט וואו זייא וואהנען געזעצט אַ מאַן, וואָס זיין פּפליכט איז צו בעזאָרגען דיא דורך־רייזענדע ברידער מיט קליידער אונד אַללעס וואס איז נויטיג צום לעבען. אַבער זייא קריגען קיין נייע קליידער אדער שיך ביז דיא אַלטע זיינען אין גאַנצען אָבגעטראָגען אונר צוריסען. זייא קויפען אונד פערקויפען קיין זאַך איינער דעם אַנדערן, זאָנדערן יעדער נעהמט אונד גיעבט אומזיסט דעם צוויי־טען וואס דיעזער ברויכט.

וואס אנבעטרעפט זייערע בעציעהונגען צו גאָטט זיינען זייא זעהר פרום. איידער דיא זונן געהט אויף רעדען זייא קיין וואָרט וועגען וועלטליכע זאַכען, אויסער זייערע געוועהנליכע תפילות אונד עס זעהט אוים פונקט וויא זייא וואָלטען בעטען

אַז די זונן זאָלל אויפגעהען, נאָכדעם שיקט זייא דער פאָרשטעהער פון דער געמיינדע צו דער אַרבייט, בייא וועלכע זייא פערברענגען ביז דיא פינפטע שטונדע. דאַן פערזאַמלען זייא זיך אין איין פּלאַטץ אונד נאכדעם וויא זייא האָבען זיך איבערגעטהון אין ווייסע קליידער באָדען זיי זיך אין קאַלטעם וואַסער. נאָך דיזע רייניגונג פערזאַמלען זייא זיך אין זייער אַלגעמיינעם שפּייזע-צימער, וועלכע איז בעטראַכט אַלס אַ סאָרט הייליגער טעמפּעל, וואו קיין זייטיגער מענש, וואָס געהערט ניט צו זייער סעקטע, דאַרף ניט אַריינקומען. זיי זעצען זיך שטיל אויף זייערע פּלעצער: דער בעקער לעגט אַוועק פאַר יעדען אַ געבעק ברויט; דער קוכער ברענגט אויך פאַר יעדען אַ טעלער מיט אַ זאָרט שפּייז, אָבער קיינער דאַרף ניט אָנפאַנגען צו עסען, ביז דער פּריעסטער שפּרעכט אוים אַ געבעט. נאָכ'ן עסען בענשט דערזעלבער פּריעסטער ווידער אַ געבעט אונד דאַן, נאָכדעם וויא זיי האָבען אויסגעטהון דיא ווייסע קליידער, בעגיבען זיי זיך אַלע צוריק צו דער אַרבייט אונד פאַרנאַכט קעהרען זיי זיך צוריק אַהיים צום אבענד-ברויט, וועלכען זיי שפּייזען אויף דער זעלבער אַרט. אין זייערע פערזאַמלונגען הערט מען קיין הויכען וואָרט. מען גיעבט יעדען איינעם די מעגליכקייט רוהיג אויסצושפּרעכען זיין מיינונג, וועהרענד אַלע אַנדערע זיצען אונד האָרכען צו גאַנץ שטיל; דיעזע שטילקייט אין הויז קומט אוים ביי אַ זייטיגען מענשען ווי עטוואָס שרעקליכעס, געהיימניספאָללעס, דיא אורזאַכע איז ווייל זיי זיינען שטענדיג ניכטער: (זיי געברויכען קיין ויין אונד קיינע שטאַרקע געטרענקע) אונד געניעסען רעגעלמעסיג אימער דיזעלבע פּאָרציאָן שפּייזען, וועלכע איז פאַר זיי פּאָלקאָמען גענוּגענד. (פלייש איז געוועזן ביי זיי פאָללשטענדיג פערבאָטען).

אונד ווירקליך דאַרפען זיי קיין זאַך ניט טהון אָהן דיא ערלויבניס פון זייער פאָרשטעהער אויסער אין צוויי צופאַלען זיינען זיי פרייא צו האַנדלען נאָך זייער אייגענעם ווילען. נעמליך צו העלפען דעם יעניגען וועלכער איז ווירדיג אונד געבען שפּייז צו הונגעריגע; אָבער זיי האָבען קיין רעכט צו געבען עטוואס פיר זייערע קרובים אָהן דיא ערלויבניס פון דעם פאָרשטעהער. זיי בעהערשען אימער זייער צאָרן אונד זייערע געלוסטען, זיי זיינען בעוואוסט מיט זייער עהרליכקייט אונד פרידליכקייט. ווען זיי זאָגען אַ וואָרט איז דאָס וויכטיגער ווי אַ שבועה, דען שווערען איז ביי זיי אַ גרויסע זינד (אויסער די פירכטליכע שבועות וועלכע יעדער האָט געמוזט אָבגעבען ביים איינטריט אין זייער סעקטע). דען זיי זאָגען אַז דער יעניגער וואָס מען גלויבט ניט זיין וואָרט אָהן אַ שבועה, איז ווערט פעראַכטעט צו ווערען. זיי בעמיהען זיך אויך זעהר פיעל צו שטודירען די אַלטע ביכער אונד אויסצו-

וועהלען די לעהרען וואס זיינען ניטצליך פיר זייער זעעלע אונד קערפער; אונד זיי זוכען שטענדיג פערשיעדענע גראזען אונד מעדיצינישע שטיינער וועלכע קענען זיי דיענען אלס רפואות אין פאלל פון א קראנקהייט.

ווען אירגענד א פרעמדער זאלל וועלען זיך אנשליסען צו זייער סעקטע, ווירד ער ניט גלייך אנגענומען, זאנדערן ער מוז צוערשט א גאנצען יאהר לעבען נאך זייערע געזעצען וועהרענד ער איז בעזונדער אבגעטהיילט. נאך דיזער צייט ווען ער בעווייזט זיך ווירדיג, קומט ער א שטופע העכער אונד ער מעג אנטהייל נעהמען מיט זיי אין די רייניגונגס-צערעמאניע (טבילות), אבער נאך לאזט מען איהם ניט צוזאמען מיט זיי צו וואהנען. ערסט ווען עס זיינען אוועק נאך צוויי יאהר אונד ער האט בעוויעזען זיין ענטשלאסענהייט אונד ווירדיגקייט, דאן ווירד ער אין גאנצען אנגענומען אין זייער געזעלשאפט. אונד איידער מען ערלויבט איהם אריינצוקומען אין דעם הייליגען שפייזע-זאאל מוז ער אבגעבען פירכטער־ליכע שבועות אז ער וועט זיין פרום געגען גאט און בעהאנדלען מיט גערעכטיג־קייט אלע מענשען; אז ער וועט קיינעם ניט טהון קיין שלעכטעס, זאגאר אין אזא פאלל ווען מען זאל איהם צווינגען דאצו; אז ער וועט אימער פערהאסען די רשעים אונד העלפען די עהרליכע; אז ער וועט אימער זיין געטריי צו אלע מענשען, אי־בערהויפט צו די וועלטליכע בעאמטע, דען נאך זייער מיינונג איז יעדער רעגיערער בעשטימט פון גאט אליין. אויב ער אליין וועט זיין א בעאמטער זאל ער אויף קיין פאל ניט געברויכען זיין מאכט צו שלעכטעס אונד אויף קיין ארט ניט שטאל־צירען געגען זיינע אונטערטהאנען, זאנדערן אימער זאל ער ליעבען די וואהרהייט אונד בעשטראפען מיט פארווירפע די יעניגע וואס זאגען ליגען. ער זאל האלטען זיינע הענד רייז פון גזלה און זיין זעעלע זאל ניט געלוסטען אונעהרליכעס גוט. ער זאל קיין זאך ניט האלטען בסוד פון זיינע סעקטען־ברידער אונד זאל קיינ־מאל ניט ארויסגעבען דיא געהיימניסע פון זייער סעקטע, זאגאר ווען ער זאלל דאפיר געצוואונגען זיין צו בעצאהלען מיט זיין לעבען. ער מוז אויך האלטען אין געהיים זייערע ביכער אונד די נעמען פון די מלאכים. דאס ווארען דיא שבועות וועלכע יעדער ניי־אנגענומענער האט געמוזט געבען.

די יעניגע וואס האבען זיך אין עטוואס פערזינדיגט זיינען אויסגעשטויסען געווארען פון זייער געזעלשאפט אונד אזא פערשטויסענים איז קיין אנדער מיטעל ניט געבליבען ווי צו שטארבען אין גרוים עלענד, דען לויט די שבועות וועלכע ער האט אבגעגעבען איז איהם געווען פערבאטען זאגאר אנצוריהרען פרעמדע שפייז, (וועלכע איז געווען ביי זיי טמא, אונריין), ער פלעגט אלזא בלייבען

ליעגען אויפ'ן פעלד אונד עססען גראָז, ביז ער איז געשטאָרבען פון הונגער; אבער דיא געזעללשאפט האט זעלטען געלאָזען ...ם זאָלל דאצו קוממען, גרעססטענטהיילס האט מען איהם אין דעם לעצטען מאָמענט ווידער אויפגענומען, אלס אזעלכען וואס איז שוין גענוג בעשטראפט געוואָרען פיר זיינע זינד.

זייער בעשלוס אין דיעזע צופאללען איז אימער פינקטליך אונד גערעכט. זיי גיבען קיין מאָל נימ ארויס איין אורטהייל וואו עס געפינען זיך וועניגער וויא הונדערט מיטגליעדער אלס ריכטער, אונד וואס אזא געריכט פון הונדערט פער־זאָנען האט בעשטימט דארף ניט אומגעענדערט ווערען. מעהר וויא אללעס, נאָך גאָט זעלבסט, פערעהרען זיי דעם נאָמען פון זייער געזעטץ־געבער משה, אונד ווען יעמאנד זאָלל איהם לעסטערען ווירד ער פיר אזא פערברעכען בעשטראפט טיט'ן טויט, עס איז ביי זיי איינגעפיהרט א שטרענגע געהאָרזאמקייט צו זייערע פאָר־שטעהער אונד צו דיא גרעססערע צאהל דעות, זא דאס ווען צעהן זיטצען צוזאמען וועט קיינער ניט שפרעכען ווען דיא אנדערע ניין ערלויבען עס ניט, זיי היטען זיך אויס צו שפייען אין מיטען צימער אָדער ביי זייער רעכטע זייט. מעהר וויא אללע אנדערע אידען פערהייליגען זיי דעם זיעבענטען טאָג (שבת), שפייז ווירד פאָר־בערייטעט מיט א טאג פריעהער, אום זיי זאָללען ניט דארפען מאכען פייער אום שבת, אונד אין דיעזען טאג איז ביי זיי פערבאָטען איבער צו טראגען א כלי פון איין אָרט אויפ'ן אנדערען אונד צו געהען דארויף שטולגאנג. אין דיא וואָכען טעג בעאָבאכטען זיי ביי אזא בעדירפנים דיא גרעסטע צניעוה, וויא עס איז פאָרגעשריבען אין דער תורה, אונד דאן געהען זיי נאכדעם טבילה.

זייער געזעללשאפט איז איינגעטהיילט אין פיער בעזונדערע קלאססען אונד ווען איינער פון דיא העבערע קלאססע האט זיך אָנגעריהרט אן א מיטגליעד פון א ניעדריגערע קלאססע מוז ער באלד געהען טבילה, דען מיט דיעזע בעריהרונג איז דער העבערער פעראונרייניגט געוואָרען. דיא דינים פון טומאה וטהרה זיינען ביי דיא עססער געוועזען אזויא שטרענג אז זיי האבען זיך ניט געטאָרט אנריהרען אן א פרעמדען, זאָגאר אן א אידען, וועלכער האט ניט געהערט צו זייער סעקטע. נאטירליך זיינען ביי זיי אויך געוועזען פערבאָטען אללע פרעמדע שפייזען, וואס וואָרען ניט פאָרבערייט פון זייער איינענע געזעללשאפט.) זיי לעבען דורכשניטליך זעהר לאנג, אנדערע מעהר וויא הונדערט יאהר, אונד דאס קוממט דאפון ווייל זיי פיהרען א רעגולערען לעבען אונד געניעסען איינפאכע שפייזען. זיי פעראכטען דיא ליידען פון לעבען קימערין זיך איבערהויפט ניט וועגען יסורים, ווייל זייערע

זיינען ערהאבען, אונד ווען עס קומט זיי אויס צו שטארבען א רוהמפאָללען טויט דאן בעטראכטען זיי אלס בעסער עס לעבען. אין דער צייט ווען מיר האבען געפיהרט קריעג מיט דיא רוימער האט מען זעהר אָפט געקענט זעהען וואס פיר א מעכטיגע זעעלען־קראפט זיי בעזיטצען. מען פלעגט זיי פייניגען, מארטערן אונד רייסען אויף שטיקער מיט פערשיעדענע אינסטרומענטען, אום דאמיט זיי צו צווינגען אז זיי זאללען לעסטערען דעם נאמען פון אונזער געזעטץ־געבער (משה), אדער זיי זאָללען עססען פערבאָטענע שפייזען, אבער זיי האבען עס ניט געטהון. ניין, ניעמאלס האט אירגענד ווער פון זיי זיך געבעטען ביי דיא פייניגער אונד זאגאר א טהרער ניט פערגאָסען. אין מיטען פון דיא ערגסטע יסורים פלעגען זיי לאכען אונד שפאָטען פון זייערע הענקער אונד אויפגעגעבען דעם גייסט מיט דעם גרעסטען העלדענמוטה, זייענדיג זיכער אז דיא זעעלע וועט באלד צוריק קוממען.

דען זייער לעהרע בעשטעהט אין פאָלגענדעם: דיא קערפערס מוזען צערשטערט ווערען, דען זיי בעשטעהען פון אזעלכע שטאָפען וואס קענען אויביג ניט עקסיסטירען, אבער דיא זעעלען זיינען אונשטערבליך אונד לעבען אויביג, זיי בעשטעהען פון גאנץ צארטע, דינע לופט אונד דורך א געוויסע נאטירליכע אנציעהונג ווערען זיי פעראייניגט מיט דיא קערפערס, אין וועלכע זיי מוזען פערבלייבען א בעשטימטע צייט, ביז זיי ווערען בעפרייעט פון געפאנגענשאפט אונד שטייגען ארויף מיט פרייד נאך אויבען. דיעזע לעהרע איז עהנליך צו דיא מיינונג פון דיא גריכען, וועלכע גלויבען אז דיא גוטע זעעלען האבען זייער וואָהנונגס־אָרט הינטער'ן מעער, אין א געגענד וואו עס גיעבט קיין שטורמס, קיין שנעע אונד קיין שטארקע היטץ, נור א לייכטער ערקוויקענדער ווינטעלע וועהעט דארט איממער פון מעער; דאגעגען אבער ווערען דיא זעעלען פון דיא שלעכטע מענשען געשטירצט אין א פינסטערען, שטורמדיגען אבגרונד, וואו זיי ליידען אייביגע שטראפען. דיעזע מיינונג פון דיא גריכען, וועגען בעשטראפונג אונד בעלאָהנונג אין איין אנדער וועלט, בעווייזט אלזאָ אז זיי גלויבען אין דיא אונשטערבליכקייט דער זעעלע; דאדורך פערבעסערען דיא גוטע מענשען זייער אויפפיהרונג אין לעבען, האָפענדיג אז זיי וועללען בעלאָהנט ווערען נאכ'ן טויט, אונד דיעניגע וואס זיינען גענייגט צו זינדיגען, בעצווינגען זייערע תאוות, וויסענדיג אז דאפיר וועללען זיי ליידען אייביגע שטראפען. דאס איז דיא געטליכע לעהרע פון דיא עססער וועגען דיא זעעלע, א לעהרע וואס איז זעהר אנציעהענד פיר יעדען איינעם וועלכער איז נור בעקאנט געווארען מיט זייער פילאָזאָפיע.

עס גיעבען אויך צווישען זיי פּערזאָנען וואס נעהמען זיך אונטער פאראויס צו זאגען אזעלכע זאכען וואס וועלען פּאָרקוממען אין דער צוקונפט אונד עס טרעפט זעהר זעלטען אז זייער נבואה זאָלל ניט צוטרעפען.

עס גיעבט נאָך אויסערדעם איין אנדער אָרדען פון דיא עסעער, וועלכע פיהרען אויך אזא זאָרט לעבען אונד שטיממען איין מיט זייערע געוואהנהייטען אונד געזעטצען, אבער זיי אונטערשיעדען זיך פון דיעזע אין דעם פּונקט וועגען הייראַטהען, דען זיי זאגען אז אויב מען זאָלל ניט הייראַטהען דאַן קען דאָך דאס מענשליכע געשלעכט קיין קיום ניט האבען. דענאָך בעאָבאַכטען זיי פריעהער וועהרענד דריי יאהר, אויב זייערע (צוקינפטיגע) פרויען האבען דיא נאַטירליכע ריי־ניגונגען, אום זיך פאראויס צו איבערצייגען אז זיי וועלען זיין פרוכטבאר, זיי בער־יהרען ניט דיא פרויען וועהרענד דיא צייט ווען דיעזע זיינען שוואַנגער, אום דאמיט צו בעווייזען, אז זיי האבען געהייראַטהע ניט אויס פערגניגען, זאָנדערן נור אום צו ערציעהען א נאכקאָמענשאַפט.

אין איין אנדער שטעללע ריהמט יאָזעפוס דיא עסעער, אלס מענשען וואס זיינען אויף דער העכסטער ארט פרום, עהרליך טוגענדהאַפט אונד רעכטשאַפען, זייער געמיינדע צעהלט בערך 4000 פּערזאָן אונד זיי לעבען אָבגעשלאָסען, אין א בעזונדערע געגענד, וואו זיי בעשעפטיגען זיך מיט ערד־ארבייט. דאס זיינען דיעניגע וועלכע הייראַטהען קיינע פרויען אונד האַלטען אויך קיין דיענערשאַפט, ווייל זיי גלויבען אז דורך פרויען ווערען דיא מענער פערפיהרט צו אונגערעכטיגקייט אונד פון דיענער קוממען ארויס היימישע צאַנקערייען, דארום געפינען זיי אז עס איז בעסער זיך צו בעגעהען אהן דיענער אונד זיי בעדיענען איינער דעם אַנדערען. דא פערגלייכט זיי יאָזעפוס מיט א געוויסע סעקטע, דיא נאכפאָלגער פון דיא געהיימניס־פאָללע לעהרע, געגרינדעט פון דעם פילאָזאָף פיטאַגאָרעאס.

אויסער דיעזע דריי ערינערט נאָך יאָזעפוס וועגען א פיערטע „פילאָזאָפישע"*)

*) דער נאמען „פילאָזאָפישע" מיט וועלכען יאָזעפוס רופט אן דיא אידישע קנאים, קען ניט בעטראכט ווערען אלס ריכטיג אין דעם שטרענגען זינן פון דיעזען וואָרט. דיא קנאים האבען אין רעליגיאָנס־אנגעלעגענהייטען געהאלטען פאָלקאָממען דיא לעהרע פון דיא פּרושים, נור זיי האבען זיך אבגעטהיילט אלס א מיליטערישע געזעלשאַפט, אום צו בעפרייען זייער פאטערלאנד פון דיא רוימישע טיראַנישע אונטערדריקונג. יאָזעפוס בעאבזיכטיגט וואהרשיינליך צו פערמאַסקירען דיא ריכ־טיגע שטרעבונגען פון דיא קנאים, אום דאמיט זיך צו שמייכלען צו דיא רוימער,

סעקטע, וועלכע איז געגרינדעט פון יהודה הגלילי. דיעזע מענער שטיממען איין אין אללע הינזיכטען מיט דיא לעהרען פון דיא פרושים, אבער זיי זיינען שטארק צוגעבתדען צו דער פרייהייט אונד בעהויפטען אז זייער רעגיערער אונד הערר איז נור גאָטט אלליין, זיי פעראכטען אויך דעם טויט אונד עס קימערט זיי ניט ווען זייערע פריינדע אונד פערוואנדטע שטארבען. דיעזע מורא מאכט קיין איינפלוס אויף זיי, אז זיי זאָללען דאריבער אירגענד וועלכען מענשען אנרופען מיט דעם נאמען הערר. דאס וואר צו יענע צייטען, ווען געסיוס פלאָרוס איז געווען דער פראָ־קוראטאָר, (דער רוימישער גאָווערנאר אין פאלעסטינא). וועלכער האט דורך דעם מיסברויך פון זיין מאכט געבראכט דאצו, אז דיא אידען זיינען געוואָ־רען וואהנזיניג פון צאָרן אונד האבען רעוואָלטירט געגען דיא רוימער.

דיא שילדערונגען וועלכע יאָזעפוס שטעלט דא פאָר, וועגען דיא אידישע פארטייען פון יענע צייטען, האבען געוויס א גרויסען היסטאָרישען ווערטה, אבער זיי זיינען דענאך זעהר אונגעניגענד, יאָזעפוס בעווייזט טיט קיין ריכטיגען פאקט זיינע אנזיכטען, אז דיא גריכישע פילאָזאָפישע סיסטעמען האבען געהאט אירגענד איין איינפלוס אויף דיא אידישע לעהרען אונד וואס אנבעטריפט איבערהויפט דיא פרושים איז דאס זאָגאר אונגלויבליך, ווייל דיעזע פארשטעהער פון דעם דאמאלי־גען יודענטהום האבען מיט זייער גאנצע מאכט געקעמפפט גראדע דאגעגען, אבצושטויסען אונד צו פערהיטען אז דיא גריכישע לעהרען אונד זיטטען זאָללען ניט איינדריגנען אין אידישען געזעלשאפטליכען אונד רעליגיעזען לעבען. אויסער דעם געפינען מיר ביי יאָזעפוס קיין ערקלערונג איבער וועלכע ווירקליכע אורזאכע עס זיינען ארויסגעקומען ביי אידען דיעזע שפאלטונגען, דען איבער פוסטע פילאָ־זאָפישע אידעען, וואס שוועבען אין דער לופט אונד האבען קיין וואורצעל אין דעם לעבען פון פאָלק, זיינען קיינמאל ניט ענשטאנדען אירגענד וועלכע פארטייען. אום זיך וועגען דעם צו מאכען א ריכטיגען בעגריף איז אלזאָ נויטהיג צו בעט־ראכטען דיא פריעהריגע בעגעבענהייטען, נעמליך, דעם קאמפף צווישען יודענטהום אונד גריעכענטהום, דאן ערסט וועט זיין מעגליך צו פערשטעהן וויא אזוי עס איז געקומען דאצו, אז בייא דיא אידישע נאציאָן, לויט איהרע צושטענדע פון יענע צייטען, איז געבאָרען געווארען א קריסטענטהום.

דאס געפינט מען זעהר אָפט אין דיא ווערקע פון דיעזען גרויסען היסטאָריקער אונד דאָרום בעטראכטען פיעלע געשיכטע שרייבער זיינע ערקלערונגען אלס צווייפעלהאפט.

דיעזער קאַמפף צווישען דיא אידישע אונד גריעכישע אידעען האט זיך אָנגעפאנגען נאך בערך 200 יאהר פריעהער, נאכדעם וויא פאַלעסטינא אונד דיא אַללע ארומיגע קליין־אזיאטישע פראָווינצען זיינען שוין לאנג געשטאַנען אונטער דיא הערשאַפט פון דיא גריעכישע קעניגע, אנפאנגס אונטער דיא פטאָלאָמער, וואו האבען געהערשט אין עגיפטען, אונד דאַן אונטער דיא סעלאוסידען, דיא גריעכישע קעניגע פון סיריען. אין אַלעכסאנדריע, דיא הויפטשטאדט פון עגיפטען, אויך אין פיעלע אַנדערע דאָרטיגע שטעדט, זיינען געגרינדעט געוואָרען בליהענדע אידישע קאָלאָניעס, וועלכע האבען ביסלעכווייז אָנגענומען גריעכישע זיטטען אונד דיא אידישע דענקער האבען אָנגעפאנגען זיך שטארק צו בעשעפטיגען מיט דיא גריעכישע פילאָזאָפישע לעהרען. דאַגעגען האבען דיא סירישע גריעכען געגרינדעט פיעלע קאָלאָניעס אין פאַלעסטינא אונד עס האט אונפערמיידליך געמוזט קוממען דאצו, אז זיי זאללען מאכען א שטארקען איינפלוס אויף דעם יודענטהום, אָדער ווענינגסטענס אויף א געוויסע קלאססע פון אידישען פאָלק. צו דיעזע קלאססע האבען געהערט דיא רייכע אַריסטאָקראטען, איבערהויפט דיא נאכקאָמענשאפט פון יוסף בן טוביה, וועלכער האט צוזאממען געקליעבען גרויסע אוצרות, וועהרענד דיא צייט וואס ער האט רעגיערט אונטער דיא עגיפטישע קעניגע, אַלס גאָווערנאר אונד שטייער־פערוואַלטער אין פאַלעסטינא אונד איינינע אַנדערע פראָווינצען פון קליין אַזיען. אויס פריינדשאפט צו זיין קעניגליכען הערר האט שוין יוסף אַללין איינגעפיהרט ביי אידען פיעלע גריעכישע מנהגים אונד מען האט אין פאַלעסטינא זאָגאר אנגעפאנגען צו פייערן דעם גריעכישען יום טוב פון שכורים, לכבוד דעם גאָט פון וויין דיאָניזיאָס. דיא לעהרען פון דעם גריעכישען פילאָזאָף עפיקור, אז גאָט וויל ניט אָדער קען זיך ניט קיממערן וועגען דיא רעגיערונג פון דיעזע קליינע ערדענוועלט אונד אַז דעם מענשען'ס אויפגאבע איז נור צו פערברענגען א גליקליכען לעבען*), האבען געפונען א שטארקערן אָבקלאנג ביי דיא אידישע רייכע

---

*) דיא לעהרע פון דיעזען גרויסען פילאָזאָף האבען זיי ניט ריכטיג פערשטאַנען. עפיקור ערקלערט אז דער מענש דארף זוכען צוזיין ד י ע ר ה א פ ט גליקליך, דורך טוגענד, וויסענשאפט אונד גייסטיגע פאָללקאָממענהייט, דורך דיא ערקענטניס אונד בעגריף פון דעם נאַטור אונד דורך דיא אַלגעמיינע פערנינפטיגע איינזיכט אין דיא בעדינגונגען פון לעבען. זיי האבען אבער פערשטאַנען פאַלש, אז גליק קען מען זיך פערשאפען ווען מען איז איממער לוסטיג אונד מען זוכט וואס מעהר פערגניגען צו געניעסען, ניט קוקענדיג דארויף

קלאססע אונד זייער רייגע אידישע מאָראל איז פערדאָרבען געוואָרען דורך גריעכישע אויסגעלאסענהייט.

פאלעסטינא איז א קורצע צייט נאכדעם געקוממען אונטער דיא הערשאפט פון דיא אנטיאָכוס'עס, דיא גריעכישע קעניגע אין סיריען, אונד איבער געוויסע היס־טאָרישע אורזאכען האבען דיא גריעכישע זיטטען אונד זייער לעבענסארט נאך מעהר פערשפרייט ביי אידען. אין ירושלים איז ענטשטאנדען א פארטיי פון אידישע העל־לעניסטען, (העללענען, איז דער נאמען מיט וועלכען דיא גריעכען רופען זיך אלליין), וועלכע האבען ניט נור ערצויגען זייערע קינדער לויט דעם גריעכישען מאָדעל, זאָנ־דערן זיי האבען געזוכט צו פערפלאנצען דעם גריעכענטהום אין גאנצען פאָלק. גריע־כישע היידנישע שפיעלען, טהעאטערס מיט אויסגעלאסענע פרויען אונד נאך אזעלכע שענדליכקייטען זיינען ביי זיי איינגעפיהרט געוואָרען דורך דיעזע העללעניס־טען, צו וועלכע עס האבען געהערט דיא פריעסטער אונד דיא גאנצע רייכע אידישע קלאססע.

דיעזע איבערטריעבענע העללעניסטישע בעוועגונג האט ארויסגערופען א שטארקע אָפאָזיציאָן, פון דיעניגע וואס זיינען געבליעבען טריי צום יודענטהום. עס האט זיך געבילדעט דיא בעוואוסטע פארטיי פון דיא חסידים, ביי וועלכע עס האט זיך גראדע דארום ענטוויקעלט א שטארקער רעליגיעזער פאנאטיזמוס. דער קאָנט־ראסט צווישען דיעזע ביידע פארטייען איז געוועזן אזוי ווייט גראדע וויא זיי וואָלטען געהערט צו צוויי בעזונדערע פיינדליכע נאציאָנען. דיא חסידים האבען פערדאמט דיא העללעניסטען, אלס שענדליכע געזעטץ־ברעכער אונד געפעהרליכע אפיקורסים, וועהרענד דיא העללעניסטען האבען אויסגעלאכט דיא חסידים, אלס נאר־רישע פאנאטיקער, וועלכע פערהינדערן דיא ענטוויקלונג פון פאָלק אונד שא־דען דעם גליק פון לאנד.

פון רעליגיעזע דיספוטען איז באלד געקומען צו א פאָליטישען קאמפף. דיא אנפיהרער פון ביידע פארטייען האבען געזוכט צו האלטען אין זייערע הענד דיא הערשאפט אין לאנד אונד יעדע פארטיי האט זיך געווענדעט צום קעניגליכען הויף אין אנטיאָך, דיא הויפטשטאָדט פון סיריען, בעטענדיג שטיטצע פיר זיך אונד בעשטראפונג פיר זייערע געגנער. אבער דיא העללעניסטען האבען זיך דאביי בעגאנגען אלס געמיינע פעררעטהער אונד דורך זייערע שענדליכע אינטריגעס

אז אזא מין גליק קען דאָך ניט זיין דויערהאפט אונד גרעסטענטהיילס האט עס זאָ־גאר א שעדליכען איינפלוס אויף דעם מענשען'ס געזונדהייט.

האבען זייא געבראכט אויף דאס לאַנד גרויס אונגליק אונד פערדערבען.

דיא מאכט פון דיא העללעניסטען איז פערשטארקט געוואָרען ווען דער וויל־דער טיראַן אנטיאָכוס עפּיפאַנעס האט דורך מאָרד אונד אינטריגע אוועקגערויבט דעם טהראָן אונד איז געוואָרען דער קעניג פון סיריען, צו וועלכע פּאַלעסטינא האט דאַן געהערט אַלס אַ פּראָווינץ. דיא אידען זיינען אריינגעפאַלען אין דיא הענד פון איין אונגעהויער, מיט אַ הארץ פון שטיין, אָהנע אירגענד וועלכע מענשליכע געפיהלען. ווען אין פּאַלעסטינא וואָללט געווען שטילל אונד רוהיג קען זעהר מעגליך זיין אז אַנטיאָכוס וואָללט גאָר קיינמאָל ניט אויפמערקזאם געוואָרען אויף דאס קליינע אידישע לאַנד, אבער דיא העללעניסטען האבען אליין זיך באלד געווענדעט צו איהם מיט דיא ביטטע ער זאָלל זיך אריינמישען אין דיא אינערליכע אַנגעלעגענ־הייטען פון פּאַלעסטינא אונד דאביי איהם פּאָרגעשטעללט פערשיעדענע פאַלשע מסירות אויף אידען, זאָ דאס זייא האבען דעם טיגער נאָך מעהר אויפגערייצט. דעם רעגיערער פון פּאַלעסטינא, דעם כהן גדול אָניאס, וועלכער איז געווען דער אנפיהרער פון דיא נאַציאָנאַלע פּאַרטיי, האט אַנטיאָכוס געלאָזט ברענגען נאָך זיין הויפּטשטאדט, וואו ער איז אַ קורצע צייט נאכדעם דורך דיא העללעניסטישע אינ־טריגעס ערמאָרדעט געוואָרען. דיא אַמט פון אַ כהן גדול האט מען אבגעגעבען זיין ברודער יאזאָן, וועלכער האט געהערט צו דיא גריעכישע פּאַרטייא. ער האט איינ־געפיהרט אין ירושלים אַלע היידנישע שאנדט־האטען אונד אויסגעשריעבען גריעכי־שע לעהרער, אום צו איבען דיא אידישע יוגענד אין דיא אָלימפּישע געטצענדיענערי־שע שפּיעלען. זייענדיג אַ אידישער כהן גדול האט ער געשיקט גרויסע סומעס געלד, אלס אָפּפער פיר דעם טעמפּעל פון דעם אָבגאָט הערקולעס אונד האט געטהאָן אַללעס מעגליבע, אום זיך איינצושמייכלען ביי דיא גריעכישע רעגיערונג.

דעננאָך איז דיא העללעניסטישע פּאַרטייא מיט איהם ניט געווען צופריעדען; ער האט נאָך זייער מיינונג ניט גענוג געארבייט, אום צו שטירצען דיא אידישע רע־ליגיאָן. זיי האבען זיך וויעדער געווענדעט צום קעניג אנטיאָכוס אונד געבראכט דאצו אז יאזאָן האט געמוזט ענטלויפען. זיין אַמט אלס כהן גדול האט מען איבערגעגע־בען אַ געוויסען מענעלאוס, וועלכער איז גאָר ניט געווען פון אהרן'ס אבשטאממונג, זאָנדערן פון שבט בנימין, דיעזער מענעלאוס האט אייניגע מאָל בערויבט דעם טעמפּעל אונד ער מיט זיין פּאַרטייא האבען שליעסליך געבראכט דאצו אז אנטיאָ־כוס איז געקומען מיט אַ גרויסע אַרמעע נאָך ירושלים אונד האט אויסגעשלאַכטעט אַ גרויסע טהייל פון דיא אידישע איינוואהנער. דאַן איז ער אריין אין טעמפּעל און

בעם איז נעקומען מיט א גרויסע ארמעע קיין ירושלים אונד האט אויס געשלאכטעט א א גרויסע טהייל פון דיא אידישע איינוואָהנער, דאן איז ער אריין אין טעמפעל אונד צוגענומען אללע גאָלדענע כלים אונד דיא אוצרות געלד וואס זיינען נאך דארט פערבליעבען. מענעלאוס האט בייא דיעזען רויב־צוג געדיענט אלס אנפיהרער אונד האט געהאלפען שענדען דעם טעמפעל. א קורצע צייט שפעטער האט אנטיאָכוס ווידער געשיקט איין ארמעע מיט ברוטאלע סאָלדאטען נאך ירושלים, וואו זייא האבען געמאכט נאך א גרעסערע הריגה, זאָ דאס דיא אידישע הויפט־שטאדט איז כמעט וויא פערוויסטעט געווארען.

דאס אללעס איז נאך אבער פאר דיא העללעניסטען געווען וועניג, דען זייא האבען געוואלט דורכאויס אז דיא אידישע רעליגיאָן זאלל אין גאנצען פערניכטעט ווערען. מענעלאוס האט אלזא פארגעשטעללט דעם טיראנישען אנטיאָכוס א פראָיעקט אז מען זאלל צווינגען דיא אידען מיט געוואלט אנצונעהמען דעם גריעכישען גלויבען. אנטיאָכוס האט נאטירליך באלד דארויף איינגעשטימט אונד אנגעפאנגען מיט דיא שרעקליכסטע מערדערישע פערפאָלגונג דיעזען פראָיעקט אויסצופיהרען. א בעפעהל איז פאנאנדער געשיקט געווארען נאך אללע שטעדט פון פאלעסטינא, אז אידען מוזען זיך ענטזאגען פון זייער רעליגיאָן אונד ברענגען קרבנות נור צו דיא גריעכישע געטער. אנטיאָכוס האט איבעראלל געזעצט גרויזאמע בעאמטע, זייא זאללען איבער־הויפט אכטונג געבען אז אידען זאללען ניט מוהל זיין זייערע קינדער, זייא זאללען ניט היטען שבת אונד ימים טובים אונד ניט געברויכען צום עסען פלייש פון כשרה בהמות. ווער עס האט געהאלטען אירגענד וועלכע פון דיעזע אידישע געזעטצען איז אויף דער שטעללע בעשטראפט געווארען מיט'ן טויט. אין דעם אינערליכען הייליגטהום פון טעמפעל איז אויפגעשטעללט געווארען דיא סטאטוע פון דעם אבגאָטט יופיטער אונד אויף דעם אלטאר האט ער געהייסען אָפפערן חזרים. דאס בלוט פון דיעזע אונריינע טהיערע האט מען בעשפריצט דעם גאנצען טעמפעל אונד דיא ספרי תורות וואס האבען זיך דארט געפונען, וועלכע מען האט נאכדעם פערברענט. דער כהן גדול מענעלאוס אונד דיא איבריגע אידישע העללעניסטען האבען מיט פרייד אנטהייל גענומען אין דיעזע אללע שענדליכקייטען אונד גענעסען דעם פלייש פון דיא געאָפפערטע חזרים.

הונדערטע אונד טויזענדע אידישע מערטירער, אין פאלעסטינא אונד אללע אנדערע ארומיגע לענדער, האבען געליטען דיא פירכטערליכסטע מיתות משונות אונד זיינען דענאך געבליעבען טריי צו דעם גלויבען פון זייערע עלטערן. פון יענע צייטען שטאמט דיא זאגע וועגען דיא פרויא חנה מיט איהרע זיעבען זיהן, וועלכע

מען האט אין איהר געגענוואַרט איינעם נאך אנדערען געמארטערט אונד געקוילעט. וועהרענד דיא מוטער האט זייא אויפגעמונטערט צו שטארבען אויף קידוש השם, אונד דאן האבען דיא טיראַנען איהר אויך ערמאָרדעט. פון דיא גרעסערע שטעדט האבען אנטיאָכוסעס מלאכי חבלה זיך פערשפרייט אין דיא קלענערע אונד איבעראלל געצוואונגען דיא אידען מיט בארבארישע גרויזאמקייט צו ערפיללען דעם בעפעהל פון זייער קעניג, זייא זאללען אָפפערען אויף דיא אלטארען פון דיא געטצען, עסען שווייגען־פלייש אונד מיטמאבען דיא ווילדע פראָצעסיאָנען לכבוד דעם גריעכישען אבגאָטט פון שכורים באכוס. דיעניגע פרויען וואס זיינען ענטדעקט געווארען אין קינד בעט מיט נייגעבאָרענע זכרים, וועלכע זיי האבען געמהל'ט, זיינען אויפגעהאנגען געווארען אויף דיא וועגט פון שטאדט צוזאממען מיט דיעזע קינדער.

מאסען אידען זיינען דאן ענטלאָפפען פון דיא שטעדט אונד האבען זיך בעד־האלטען אין דיא הייל... אונד אנדערע פערבאָרגענע ערטער פון דיא בערג אין לאנד יהודה. דיא העללעניסטישע פעררעטהער פלעגען זייא יעדעס מאל אויסשפיאנירען אונד אונטערשיקען דיא גריעכישע סאָלדאטען. אזא שוידערהאפטער צופאלל האט געטראפפען אין א געוויסען טאג פון שבת. מעהר וויא א טויזענד פערזאָן, מענער פרויען אונד קינדער, זייגען געלעגען בעהאלטען אין א הייל, אלס דיא גריעכישע סאָלדאטען זיינען אונטערגעקומען אונד האבען זייא אויפגעפאָדערט אים נאמען פון קעניג אנטיאָכוס זייא זאָללען ערפיללען זיינע בעפעהלען. דיא אידען האבען זיך איינ־שטיממיג ענטזאגט מחלל שבת צו זיין אונד צו דינען דיא געטצען. דיא בארבארישע גריעכען האבען דאן אנגעפאנגען ווארפען ברענענדיגע שטיקער האָלץ אין הייל, אזוי לאנג ביז פון דיא אונגליקליכע אידען איז קיין איינציגער אם לעבען געבליעבען. פיעלע זיינען פערברענט געווארען לעבעדיגערייט אונד דיא איבריגע זיינען דערשטיקט געווארען פון רויך.

אזעלכע בלוטיגע פערפאָלגונגען זיינען פארגעקוממען זעהר אָפט אונד איבער־אלל. דיא אידישע נאציאָן איז געשטאנען אין גרויס געפאהר פאָלקאָמען פערניכטעט צו ווערען. דיא איינציגע אידישע בעשיטצער, דיא חסידים, האבען נור געקענט ציינען א העלדענמוטהיגען ביישפיעל וויא צו שטארבען פאר זייער רעליגיאָן, אבער קעמפפען געגען דעם גרויזאמען שונא, מיט וואפפען אין דיא הענד, איז קיינער פון זייא ניט אים שטאנד געוועזן. עס קען דענאך זעהר מעגליך זיין אז צווישען זייא וואלטען זיך געפונען טיכטיגע קריעגס העלדען אונד ענטשלאָסענע מענער אויפצוטהון אונד צו פיהרען א רעוואָלוציאָן, אבער הויפטזעכליך האט זייא דארין געשטערט דער טאג שבת, אין וועלכען זייא האבען ניט געוואללט בעריהרען קיין וואפען, אום

זיך צו פערטהיידיגען. דיא גריעכען האבען דאס גאנץ גוט געוואוסט אונד פלעגען זיך דאמיט בענוטצען, אום גראדע אין דיעזען טאג צו בעפאללען אויף זייער אונגליק־ליכע אָפּפער, וועלכע זייא האבען אויף דיעזען אופן געקענט גאנץ אונגעשטערט אויסשלאכטען.

ענדליך איז אויפגעשטאנען איין אידישע פאמיליע, וועלכע האט בעשלאסען ניט צו זיטצען פערצווייפעלט אונד ווארטען ביז דיא גריעכישע מערדער וועללען קומען אויסהרג'ענען, זאָנדערן צו אָרגאניזירען א מאכט אונד קעמפּפען פיר זייער פאָלק. דיעזע פאמיליע איז בעשטאנען פון איין אלטען פאטער מתתיהו בן יוחנן, פון דיא פריעסטערליכע משפחה חשמונאים, *) אונד זיינע פינף זיהן, וועלכע האבען וועהרענד דיא צייט פון דיא גזרות פערלאזען ירושלים אונד זיך צוריק געצויגען נאך דיא קליינע שטעדטעל מדון, פינף מייל פון דיעזע יודישע הויפּשטאָדט. אלס אפּעלעס איינער פון דיא גריעכישע אויפזעהער, איז געקוממען אהין מיט זיינע סאָל־דאטען אונד אויפגעפאָרדערט דיא איינוואהנער זייא זאללען ברענגען אָפּפער אויף דעם אלטאר פון געטץ יופּוטער, האבען מתתיהו אונד זיינע זיהן זיך ענטגעגען געשטעללט אונד דיעזע ערסטע מלחמה האט זיך געענדיגט מיט א גליקליכען זיעג. אפּעללעס אונד זיינע סאָלדאטען זיינען כמעט אללע געפאללען אין שלאכט אונד פון דיעזען מאָמענט האט זיך אנגעפאנגען דיא רעוואָלוציאָן, דער קאמפּף פיר פרייהייט. א קליינע מחנה העלדען האבען זיך באלד פערזאמלעט ארום דיא חשמונאים אונד עס איז דיא ערסטע זאך בעשלאסען געווארען אז פון יעצט אן זאלל דער טאג שבת ניט זיין קיין אבהאלט, אום דעם הייליגען קריעג צו פיהרען. אויך דיא חסידים האבען שליעסליך אויף דיעזען בעשלוס איינגעשטיממט אונד אין דיא נעכסטע מלחמות האבען אידען בעוויזען זעלטענע גבורות, איבערהויפּט ווען דער אלטער מתתיהו איז א קורצע צייט נאכדעם געשטארבען אונד זיין דריטער זוהן יהודה

*) אין א פּאאר שטעללען פון תלמוד רופען זייא איהם מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, אבער דאס שטיממט ניט מיט דיא געשיכטע, אין וועלכע עס איז בעוואוסט, אז דיא פאמיליע חשמונאים זיינען געוועזען כהנים הדיוטים. דיא הויכע אמט פון א כהן גדול איז איבערגעגאנגען אין זייער פאמיליע ערסט נאכדעם, ווען זייא האבען גלענצענד געזיעגט אונד בעפרייעט דאס לאנד פון גריעכישען יאָך.

המכבי *) איז געווארען דער אנפיהרער פון דיא אידישע קריעגער.

מיט דיא פערגרעסערונג פון יהודה'ס מאכט אונד נאכדעם וויא ער האט דעם פיעל מעבטיגערען שונא געשלאגען אין איינינע מלחמות, האבען זיך צו איהם אנגעשלאסען דיעניגע פון דיא העללעניסטען וואס זיינען נאך ניט געווען אין גאנצען פערדאָרבען, אבער דאס גרעסטע טהייל פון זייא זיינען געבליעבען פיינדע פון זייער פאָלק אונד פעררעטהער פון זייער פאטערלאנד. פיעלע פון דיא העללעניסטען האבען געדיענט אלס וועג־ווייזער ביי פערשיעדענע גריעבישע מיליטער־אבטהיילונגען וואס זיינען געגאנגען בעפאללען דיא אידען; אנדערע האבען אינטריגירט אין אנטיאָך אונד נאך מעהר אויפגערייצט דעם טיראנישען קעניג, ער זאלל אנוועגדען זיין גאנצע מאכט, אום דיא רעבעללישע אידען אויסצוראָטטען ביז איינעם אונד דאן בעזעטצען זייער לאנד מיט פרעמדע פעלקער. יהודה האט אבער וואס ווייטער אימער גלענצענדער געזיעגט, ביז עס איז איהם געלונגען במעט אין גאנצען צו פערטרייבען דיא גריעכען פון פאלעסטינא אונד אלס. ער איז מיט טריאומף אנגע־קומען נאך ירושלים, אן דער שפיטצע פון זיינע גבורים, האבען דיא העללעניסטען א לענגערע צייט זיך געהאלטען איינגעשלאסען אין דיא שטארקע פעסטונג אקרא אונד איינינע אנדערע פעסטונגען פון לאנד. ביז עס איז ענדליך אויף זייא געקוממען דיא לעצטע מפלה. יהודה'ס דריטער נאכפאָלגער, זיין ברודער שמעון החשמונאי, האט זיי איבעראלל בעזיעגט. א גרויסע טהייל פון זייא האבען אויסגעוואנדערט נאך עגיפטען, פיעלע זיינען געפאללען אין מלחמות געגען דיא

---

*) פון דיעזען וואָרט „מכבי" שטאממט דער נאמען מאכאבעער, מיט וועלבען דיא פאמיליע חשמונאים איז בעוואוסט אין דער וועלט־געשיכטע. דיא בעדייי־טונג פון דיעזען וואָרט איז נאך ביז יעצט ריכטיג ניט ערקלערט געווארען. אייניגע גלויבען אז ער שטאממט פון דעם ווארט „מקב", א האממער, דאס הייסט, אזויא האט מען גערופען דעם העלד יהידה, ווייל ער האט צוקלאפט דיא גריעבען וויא מיט א האמער. אנדערע זאגען, אז „מכבי" איז צוזאמענגעשטעללט פון דיא אנפאנגס־בוכשטאבען: „מי כמוך באלים ד." א העלדען שטראָפע פון ביבעל, וועלבע איז געווען אויפגעשריעבען אויף יהודה'ס קריעגס־פאהנע. עס גיעבט וויעדער א מיינונג וואס זאגט אז דיעזע אנפאנגס־בוכשטאבען בעדייטען: „מתתיהו כהן בן יוחנן" דיא ווערטער וואס ווארען אויסגעקריצט אויף זיין זיעגעל. דאס אללעס זיינען אבער נור היסטאָרישע השערות.

אידען אונד דיא איברינע זיינען צוריק אויפגענומען געווארען אין דיא אידישע געמיינדע, נאכדעם וויא זייא האבען פערשפראָכען אוועק צו־ווארפען דעם געטצענ־דיענסט אונד וויעדער צו ווערן געטרייע זיהן פון זייער פאָלק.

נאכדעם וויא דער שטורם אין לאַנד איז פאָראיבער אונד דיא אידישע נאציאָן האט זיך אין גאנצען בעפרייעט פון דעם גריעכישען יאָך, האבען דיא חסידים, אלס א בעזונדערע פארטייא, אויפגעהערט צו עקסיסטירען. אלס רעלי־גיעזע שווערמער אונד שטרענגע פאנאטיקער האבען זייא אייגענטליך זיך קיינמאל ניט אינטערעסירט מיט דיא געוועהנליכע אינטערעסען פון לעבען. נור אויף א קורצע צייט האט זייא דיא רעליגיאָן בעגייסטערט אנטהייל צו נעהמען אין קאמפף אונד דאן, אלס דיא הויפט־נעפאהר איז פארבייא געגאנגען, האבען זייא זיך צוריק געצויגען. ניט נור פון שלאכט פעלד, זאָנדערן אייך פון עפענטליכען לעבען. פיעלע פון זייא האבען זיך בעזעצט אין דיא וויסטע געגענדען, ארום דעם טויטען מעערי אום זיי זאָללען דאָרט אונגעשטערט זיך אבגעבען צו זייערע פאנטאסטישע בעטראכטונגען. אבער דאס גרעסטע מהייל פון זייא האבען געהאט פיעל מעהר פראקטישע רעליגיעזע אנזיכטען אונד געבילדעט פון זיך א נאציאָנאלע פארטייא, מיט דעם ציעל צו פערשטארקען דעם יודענטהום, אז אללע פאָליטישע אונד עפענטליכע אנגעלעגענהייטען זאללען געפיהרט ווערען לויט דיא פאָרדערונגען פון רעליגיאָן, אבצוזאנדערען דיא אידען פון יעדען פערקעהר מיט דיא היידנישע פעלקער אונד דאמיט צו פערהיטען אז אזעלכע העללעניסטישע פעררעטהער זאללען מעהר אין פאָלק ניט קענען ענטשטעהן. דאס זיינען נעמליך געוועזען דיא פארטיי פון דיא פרושים, צו וועלכע עס האבען געהערט דיא גרעסטע געלעהרטע מענער, דיא ערקלערער פון געזעטץ אונד גרינדער פון פערשיעדענע אידיש־וויסענשאפטליכע שוללען. דיא פרושים האבען פון צייט צו צייט ארויסגעגעבען נייע געזעטצען, וועגען דיא דינים פון ריין אונד אונריין, (טומאה וטהרה), וועגען דיא אָרדנונג פאָן גאָטטעס דיענסט אין טעמפעל, וועגען אבגאבען (תרומות, מעשרות א. ז. וו.,) וועגען דיני ממנות (סיוויל) אונד דיני נפשות (קרימינעלל), זאָגאר וועגען דיא פאָליטישע פערהעלטניסע פון פאָלק צום הערשער אונד אין אללגעמיין וועגעז יעדע זאך וואס האט געקענט נוגע זיין דעם אלטעגליכען לעבען, וויא פון אייגצעלנעם מענשען זא אויך פון דיא גאנצע נאציאָן. דיעזע אללע פעראָרדנונגען אונד דינים זיינען אויף דעם וועג פון דרוש ארויסגענומען געווארען פון דער תורה אונד דיא אלטע מנהגים (טראדיציאָנען), וועלכע זיינען געגרינדעט געווארען אלס אידען זיינען צוריקגעקוממען פון גלות בבל, דורך עזרא הסופר אונד דאן פון דיא אנשי כנסת הגדולה. דיעזע

מנהגים, (דברי סופרים), זיינען מינדליך איבער געליפערט געווארען פון דור צו דור אונד מען האט זייא בעטראכט גראדע אזוי הייליג וויא דיא געבאָטען פון תורת משה.

דיא צדוקים האבען אזעלכע לעהרען ניט אנערקענט. צו דיעזער פארטיי האבען געהערט דיא רייכע אידישע אריסטאָקראטען, דיא טאפּפערע קריעגער, דיא גענעראַלען, וואס האבען זיך אויסגעצייכנעט אין פערשיעדענע מלחמות, דיא הויכע בעאמטע אונד דיא געזאנדטע, וועלכע זיינען געקוממען פון פרעמדע לענדער אונד האבען זיך אין דער וועלט ערווארבען פיעל פרייערע אנזיכטען. עס איז אויך זעהר וואהרשיינליך, אז צו דיעזער פארטייא האבען זיך אנגעשלאָסען דיא געוועזענע העללעניסטען, וואס זיינען נאכהער צוריק אויפגענומען געווארען אין דיא אידישע געמיינדע. דיא צדוקים זיינען געוועזען בעגייסטערטע פאטריאָטען אונד דער מאַטע־ריעלער וואָהלשטאנד פון לאנד איז בייא זייא געוועזען פיעל וויכטיגער וויא דיא רעליגיעזע פרומקייט. אלס מענער מיט ערפאהרענהייט האבען זייא איינגעזעהן, אז בעשווערען דעם פאָלק אונד אבזונדערען מיט צופיעל רעליגיעזע געזעטצען מוז שאדען דיא ענטוויקלונג פון לאנד אונד דארום האבען זייא איינגענומען אז נור דיא בעפעהלען פון תורת משה מוזען ערפיללט ווערען, אבער דיא איבריגע פאָרצייטיגע מנהגים, וואס זיינען געגרינדעט אויף מינדליכע איבערליעפערונגען, זיינען ניט פפליכטמעסיג, אָבוואהל זייא האבען דענאך ניט אין גאנצען פערווארפען אללע דיעזע מנהגים.

פון דיא אלגעמיינע אנזיכטען האבען זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט פער־שיעדענע מיינונגען. אויף דיא איינוועגדונג פון דיא צדוקים, אז דיא לאנדעס־אינ־טערעסען דארפען שטעהען העכער אלס דיא רעליגיאָן האבען דיא פרושים ערוויע־דערט, אז יעדער מענש אונד דיא גאנצע נאציאָן צוזאמען שטעהט אונטער דיא השגחה פון גאָטט; אללעס איז פאָראויס בעשטימט אונד קיינער איז ניט אימ־שטאנד דורך זיינע טהאטען אונד שטרעבונגען דעם שיקזאל צו ענדערן. אבער וואו איז דאן דיא געטליכע גערעכטיגקייט? אויב גאָט בעשטיממט אללעס פאָרויס טאָ פארוואָס זעהט מען גאנץ אָפט אז דער גוטער עהרליכער מאן ליידעט ארמוטה אונד נויטה, וועהרענד דער שלעכטער באָדעט זיך זיין גאנצעס לעבען אין גליק אונד אלע תענוגים? דארויף האבען דיא פרושים געענטפערט אז דיא בעשטראפונג אונד בעלאָהנונג וועט קומען ערסט אויף איין אנדער וועלט אונד דאפון האט זיך ממילא ענטוויקעלט דיא לעהרע פון תחית המתים, דאס הייסט, אז דער קערפער וועט וויעדער לעבענדיג ווערען. דיא צדוקים האבען צוואר געגלויבט אין אונשטערבליכ־

קייט דער זעעלע, אבער דיא אידעע פון שכר ועונש נאכ'ן טויט אדער פון תחית המתים, האבען זיי פאָלקאָמען פערוואָרפען. גאָטט האט געגעבען דעם מענשען א פרייען וויללען, אום ער זאלל אלליין קענען פערבעסערען זיין לאגע, דען פון השגחה אדער שיקזאל איז קיין זאך נוט אבהענגיג. דאס זעלבע איז אויך מיט דיא גאנצע נאציאָן. מען דארף איהר ניט אבזונדערען אונד שטערען איהר ענטוויקלונג איבער רעליגיעזע שוויערינקייטען. דאס פאָלק מוז אנטהייל נעהמען אין דיא וועלט־בעגעבענהייטען אונד בענוצען יעדע פּאָליטישע אנגעלעגענהייט אום צו א העכערע שטופפע צו קוממען. וואס אנבעטרעפט דיא פראקטישע רעליגיעזע צערמאָניעס איז נאַטירליך אויך געווען א גרויסע אונטערשיעד צווישען דיאביידע פּארטייען. דיא צדוקים האבען ניט אנערקענט א גרויסע טהייל פון דיא דינים וועגען טומאה וטהרה, וועגען נסוך המים אויפ'ן מזבח, וועגען אבגאַבען פיר דעם קרבן תמיד אונד נאך אזעלכע שטרייט־פראגען ביי'ן טעמפעל־דיענסט אונד בייא געריכטליכע פער־האנדלונגען. אז דיא ביידע פּארטייען האבען געהאט א שטארקען איינפלוס אויף דיא פּאָליטישע בעגעבענהייטען בעווייזט זיך מיט פיעלע היסטאָרישע פאקטען, אונד דאס האט אנדערס ניט געקענט זיין אין אזא לאנד וויא פּאלעסטינא, וואו דיא לאנדעס־געזעטצע זיינען געווען פערהייליגט אלס רעליגיעזע דינים. גראדע דארום זיינען דיא צדוקים געווען זעהר אונבעליעבט ביי'ן פּאָלק, דאפיר וואס זייא האבען פערוואָרפען פיעלע פון דיעזע מנהגים אונד דינים, וועלכע זיינען געווארען אזוי וויא צוזאמען־געוואקסען מיט דעם אידישען לעבען אין פערלויף פון הונדערטע יאהרען אונד פיר וועלכע טויזענדע מערטירער האבען בעצאהלט מיט זייער בלוט. אויסערדעם זיינען דיא אריסטאָקראטישע צדוקים געווען צופיעל שטאָלץ, אבשטויסענד אונד האבען אראבגעקוקט אויף דעם ניעדריגען פאָלק מיט פעראכטונג.

דאס פאָלק איז אונטערדעסען געווען מיט לייב אונד זעעלע אבגעגעבען פיר דיא לעהרע פון די פרושים, וועלכע האבען עס אין דער טהאט פאָלקאָמען פערדיענט, דען דיעזע מענער זיינען מייסטענטהיילס געווען הויך מאָראליש, עדעל, פריינדליך אונד גוטהערציג צו יעדען איינעם. טראָץ זייער שטרענגע רעליגיאָזיטעט זיינען זייא דענאָך געווען נאכזיכטיג אונד מילד צו דיא מענשליכע שוואכקייט. אין זייערע געריכטס־הייזער האט מען אימער געזוכט מיט אללע מיטלען א בעשולדיגטען ניט צו פעראורטהיילען אונד שטרייטיגקייטען צווישען צווייא געגנער אויף א פריעדליכען אופן צו שליעסען. עס קען זעהר מעגליך זיין, אז אין דיא שפעטיגערע צייטען איבערהויפט זיינען צווישען זייא געווען אזעלכע פערזאָנען וואס האבען בענוצט דיא אויסערליכע פרומקייט אלס א מאסקע. דעם נאמען צבועים שדומים לפרושים

ערינערט שוין זאָגאר ינאי המלך, אבער דורכשניטליך, אלס פּארטייא, זיינען זייא געווען דיא נאָבעלסטע פאָרשטעהער פון יודענטהום, אונד דיא אללע בעשולדיגונגען, וועלכע ווערען געמאכט געגען זייא אין דיא עוואנגעליומס אונד אין דיא פאָרשטעלונגען פון פערשיעדענע כריסטליכע געשיכטע־שרייבער, זיינען דורכאויס פאַלש אונד אונגערעכט, גראדע וויא עס איז גרונד פאלש זייער גאנצע שילדערונג, אין וועלכע זייא שטעללען פאר, אז דיא אידישע רעליגיאָן איז אין יענע צייטען געשטאַנען זעהר ניעדריג אונד זייערע זיטטען זיינען געוועזן העכסט פערדאָרבען. דאס בעהויפּטען זייא, נאַטירליך, אום צו בעווייזען וויא נויטוועגדיג עס איז געווען דיא טהעטיגקייט פון יעזוס'ן, וועלכער האט געוואלט מיט זיין לעהרע דאס אללעס פער־בעסערען אונד רעפאָרמירען. אין דערווירקליכקייט אבער בעווייזט דיא אונפּאר־טייאישע געשיכטע אז דער אידישער מאָראלישער צושטאנד איז דאמאלס געוועזן ניט דער ערך בעסער אונד שעהנער וויא בייא אללע אנדערע פעלקער. דאגעגען מוז מען אבער צוגעבען, אז דיא פרושים, דיא איינציגע פאָלקס־פּארטייא, האבען צופיעל פערנאכלעסיגט דיא ניעדריגע קלאססע, וועלכע זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאמען עמי הארצים. דורך דיא שטרענגע דינים פון טומאה וטהרה זיינען דיעזע עמי הארצים געווען בעטראכט אלס א זאָרט אונריינע בעשעפּניסע אונד איבער דיא פראגען פון מעשרות איז געשטערט געווארען דער האנדעלס־פערקעהר מיט זייא. דאס אללעס האט שליעסליך געבראכט דאצו אז בייא דיעזע ניעדריגע קלאססע האט זיך ענטוויקעלט א מין האסס צו דיא אידישע געלעהרטע אונד דאס איז געווען איינע פון דיא הויפּט־אורזאכען דורך וועלכע דיא פּראָפּא־גאנדע פון כריסטענטהום האט געקענט האבען א געוויסען ערפאָלג אין דיעזע אידישע קרייזען. אין דער טהאט זיינען יעזוס'עס ערסטע נאכפאָלגער אונד דאן דיא ערסטע כריסטליכע געמיינדען בעשטאנען נור פון אזא זאָרט אידען.

אויסער דעם האט עס אין דער אידישער נאציאָן געגעבען איין אַנדער על־מענט, מיט גאנץ בעזונדערע לעהרען אונד אנזיכטען, אין וועלכע דאס כריסטענ־טהום האט זיך געקענט גאנץ לייכט איינוואָרצלען אונד פערברייטען. אונד דא זעהען מיר ווידער דעם אייבינען אידישען פיינד, דעם העללעניזמוס, וועלכע מען האט נאָך לאנגע בלוטיגע מלחמות פערטריעבען פון פּאלעסטינא מיט דיא מאכט פון וואפען, אבער אין אויסלאנד, אין דיא אידיש־גריעכישע קאָלאָניעס, האט זיך דיעזער העללעניזמוס, געקענט גאנץ אונגעשטערט וייטער פערפלאנצען אונד ענטוויקלען. דארט זיינען ניט פאָרגעקוממען אזעלכע צופאללען וויא אין פּאלעסטינא; יענע אידען האט מען קיין מאל ניט געצוואונגען מיט פייער אונד

שווערט, זייא זאללען דיענען צו דיא גריעכישע געטצען. דאָרט האט דער שטיללער קאמפף זיך געפיהרט אין דער אידעען־וועלט, אויף דעם פריעדליכען פעלד פון פילאָזאָפישע וויסענשאַפט, אונד אין דיעזען קאמפף האט דער העללעניזמוס פאלשטענדיג געזיעגט. דיא לעהרען פון יודענטהום האבען אנגענומען א גריעכישע ריכטונג, וועלכע האט זיך נאך פערלויף פון א געוויסע צייט פערברייטעט אויך אין פאלעסטינא, אונד פון דיעזע פעראייניגונג איז געבאָרען געוואָרען איין קריסטענטהום.

דער כאַראַקטער, לעבענסאַרט, דיא זיטטען אינד וועלט־אנזיכטען פון דיא אַלטע גריעכען זיינען געוועזן אין יעדע אייצעלנהייט גאַנץ אַנדערס, אדער דייטליכער צו זאגען פונקט פערקעהרט וויא בייא דיא אידען. פיר אונזער ציעל אבער איז נור נויטוועענדיג צו בעטראַכטען דיא גריעכישע רעליגיאָן, זייער געטטער־לעהרע, וועלכע בעשטעהט קורץ געשילדערט אין פאָלגענדעס: אין אַנפאַנג איז געוועזן דאס כאַאָס. (תהו ובהו), איין אָפענער, אונענדליכער רוים; פון איהם זיינען ארויסגעקוממען דריי וועזענס: דיא געא (ערד), דער טאַרטאַראָס. וועלכער ליעגט אין דיא דונקלע טיעפענעס אונטער דער ערד אונד דער עראָס, דער גאָט דער ליעבע. אויסערדעם האט דאס כאַאָס געבאָרען דעם ערעבאָס, (גאָט דער פינסטערנים) אונד דיא ניקס (נאַכט). פון דיא ערד איז ארויסגעקומען דער אוראַנאָס, (הימעל), דיא בערג אונד דער פאָנטאָס, (דער מעער). דיא ערד (געאָ) האט חתונה געהאט מיט איהר זוהן, אוראַנאָס, אונד פון דיעזע פאאר פאָלק זיינען צו ערסט ארויסגעקוממען דיא טיטאַנען, 12 געטטער, 6 מענליכע אונד 6 ווייבליכע. דיעזע בריעדער אונד שוועסטער האבען צווישען זיך געהייראַטה אונד עס איז פון זייא ענטשטאַנדען א גרויסע צאהלרייכע פאַמיליע, דיא טיטאַנען־געטטער. דיא מוטער ערד האט אונטערדעסען וויטער געקינדעלט אונד האט געבאָרען דיא ציקלאָפען, געטטער מיט איין אויג אין שטערן, וועלכע ארבייטען אונטער דער ערד אין א שמיעד־הויז אונד מאכען דעם דונער, דעם בליטץ אונד דיא ליכטיגקייט. ענדליך האט דיא ערד געבארען דרייא שרעקליכע פערזעהניסען, דיא העקאַטאָנרעיכען (הונדערט־הענדיגע). יעדער פון דיעזע משונה'דיגע ברואים האט נאך דאצו געהאט פונפציג קעפ.

דעם געטליכען געמאהל אוראַנאָס זיינען דיעזע לעצטע קינדער זעהר ניט געפעללען געוואָרען אונד ער האט זייא אריינגעזעצט אין א געפענגניס, אין דעם פינסטערען טאַרטאַראָס. דיא מוטער ערד האט דאס זעהר פערדראָסען אונד זיא האט אויפגעפאָרדערט איהרע קינדער, דיא טיטאַנען, זייא זאללען דאפיר נעהמען ראַכע פון זייער פאַטער. דער איינגסטער פון זייא, קראָנאָס, דער גאָטט וואס פאָללענדעט אללעס, האט דארויף איינגעשטימט אונד איז בייא נאַכט בעפאַללען אויף זיין

פאַטער אונד מיט איין האַק פון זיין גרויסען, שארפען מעסער האט ער ביים אוראַנאָס'ן אויסגעשניטען די מענליכקייט. די טראָפּפּענס בלוט פון דעם אַלטען גאָטט זיינען אראבגעפליעסען אין מעער, וועלכער האט אויפגעקאָכט מיט אַ געוואַלטיגען שוים אונד פון דיעזען שוים איז ארויסגעקומען די אַפראָדיטע, די געטין דער ליעבע. פון די טראָפּפּענס בלוט וואס האבען אראבגעשפּריצט אויף דער ערד זיינען ענשטאנדען די אונגעהויערע ריעזען־געטער, וועלכע מען רופט גיגאַנטען, די ערינעען (געטינען דער ראַכע) אונד זיא נימפען, געטינען פון די עשען־בוימער, פון וועלכע מען מאַכט שפּיעזען. אוראַנאָס איז געווארען אויס־גאָטט אונד האט דאפיר געפלוכט קראָנאָס'ן, אז ער זאלל אויך געשטירצט ווערען פון זיינעם אַ קינד.

יעצט זיינען די טיטאַנען געווארען די וועלט־הערשער אונד זייער איינגסטער ברודער קראָנאָס דער הויפּט גאָטט. דענאָך האבען די טיטאַנען ניט בעפרייעט זייערע אַנדערע ברידער, די ציקלאָפּען אונד די העקאַטאָנכעירען, וועלכע זיינען געבליעבען ווייטער שמאַכטען אין זייער אונטעראירדישע געפענגניס. קראָנאָס האט חתונה געהאט מיט זיין שוועסטער רהעיא (די געטין פון געטער אונד מענשען), אונד אום זיך צום פערזיכערען אז זיין פאטער'ס פלוך זאל ניט מקוים ווערען האט קראָנאָס איינגעשלונגען יעדען פון זיינע קינדער, באַלד נאָכדעם וויא זייא זיינען געבארען געווארען. קראָנאָס האט שוין אויף דיעזען אויפן אויפגעפרעסען פינף פון זיינע קינדער, דרייא טעכטער אונד צווייא זיהן. נעמליך: העסטיא (די יונגפרויליכע געטין פון די סטאַדעס בהמות אונד פון הויזליכען זעגען); דעמעטער, (די געטין פון פעלדער אונד בירגערליכע ארדנונג). אונד הערא (די געטין פון דער לבנה, שפּעטער די הויפּטגעטין). די צווייא פערשלונגענע זיהן ווארען: האדעס (דער גאָטט פון די אונטערוועלט), אונד פּאָסיידאָן (דער גאָטט פון וואסער). די מוטער רהעיא איז זעהר ערביטערט געווארען איבער די גרויזאַמקייט פון איהר מאן אונד אלס עס איז געקומען נאהענט די צייט זיא זאלל געבאָרען אַ זעכסטען קינד איז זיא אוועק אויף די אינזעל קרעטא אונד דארט, אין אַ פערבאָרגענע הייל, האט זיא געבאָרען אַ זוהן צעאוס, וועלכער איז נאָכהער געווארען דער פאטער אונד דער קעניג פון אללע געטער. רהעיא איז דאַן צוריקגעקומען צו איהר געמאהל אונד האט איהם געגעבען אַ שטיין, איינגעוויקעלט אין וויגדעלאָך. קראָנאָס, גלויבענדיג אז דאס איז דער נייגעבארענער קינד, האט דעם שטיין איינגעשלונגען גראַדע וויא די פריעהעריגע קינדער.

צעאוס איז אונטערדעסען אין פערלויף פון אַ יאהר אויסגעוואקסען אלס פאָלשטענדיגער גאָטט אונד באַלד איז ער אויפגעטרעטען געגען זיין פאטער קראָנאָס.

צוערסט האט ער איהם איינגעגעבען א געוויסען צויבער־טראַנע, דורך וועלכען קראָנאָס אין געצוואונגען געווען אויסצושפייען אללע פערשלונגענע קינדער. פריעהער איז ארויסגעקומען דער שטיין, דאן נאך דער רייהע פּאָסיידאָן, האדעס, הערא, דעמעטער אונד העסטיא. צו דעם שטיין האבען דיא גריעכען נאך אין דיא שפּעטי־גערע צייטען געדיענט אין דעם טעמפּעל פון דעלפיא, אונד אין געוויסע פייערטאגע פלעגען זייא איהם זאלבען מיט עהל אונד בעפּוצען מיט טהייערע בענדער.

יעצט האט זיך אנגעפאנגען א קאמפף צווישען דיאביידע געטער־פּארטייען. פון איין זייט צעאוס מיט זיינע ברידער אונד שוועסטער; פון דער צווייטער קראָנאָס מיט דיא טיטאַנען אונד זייערע קינדער. דעננאך האבען ניט אללע פון זייא גע־האלטען מיט קראָנאָס; דער הויפּט פון דיא טיטאַנען, אָקעאַנאָס, האט דארין גאר קיין אַנטהייל גענומען אונד זיין ערסטגעבאָרענע טאָכטער, דיא סטיקס, האט זאגאַר געבראכט צעאוס'ן צו הילפע איהרע פיער קינדער: דעם זעלאָס (אייפער), דיא ניקע (זיעג) דעם קראַטאָס (קראַפט) אונד דיא ביאַ (געוואלט). דיא מלחמה האט זיך געצויגען 10 יאהר אונד קיינער פון דיא קעמפּפענדע פּארטייען האט דיא אנדערע ניט געקענט בעזיעגען. ענדליך האט צעאוס בעפרייעט פון זייער געפענגניס אין דער אונטערוועלט דיא ציקלאָפּען אונד דיא העקאַטאָנכעירען אונד מיט זייער הילפע זיינען דיא טיטאַנען־געטער פאָללשטענדיג בעזיעגט געווארען. מען האט זייא דאן געשמיעדט אין קייטען אונד אראבגעשליידערט אין טארטאַראָס, וועלכער איז אזויא וזייט אונטער דער ערד וויא וזייט דיא ערד איז פון הימעל. דארט ליעגען זייא אין דיא שווארצע פינסטערניס, ארומגערינגעלט מיט איין אייזערנע מויער אונד דיא העקאַטאָנכעירען זיינען זייערע וועכטער. א זאָנדערבארע שטראַפע איז נגזר געווארען אויף דעם גאָטט אטלאַס, דעם זוהן פון דעם טיטאַן יאַפּעטאָס. צעאוס האט איהם פעראורטהיילט ער זאלל אייביג שטעהן בייא דעם וועסטליכען ענדע פון דער וועלט אונד טראגען אויף זיך דעם הימעלגעוועלב.

קראָנאָס, טראָצדעם וואס ער איז געשטירצט געווארען אין אונטערוועלט, ווערט דענאך פערעהרט ביי דיא גריכען אלס דער גאָט־פאטער. אין פערשיע־דענע ערטער זיינען געשטאַנען זיינע בילדער אין דיא טעמפּלען אונד געוויסע פייער־טאַגע אין יאהר זיינענ פיר זיין כבוד געווען נעגרינדעט. דיא זאגע ערצעהלט, אז אזויא לאַנג וויא קראָנאָס איז געווען דער הערשער אין הימעל האבען דיא מענשען געפיהרט א לעבען פון גליק אונד פרייד. מען האט דאמאלס ניט געוואוסט פון קיין ארמוטה, קראַנקהייט, אדער שוואַכקייט אויף דער עלטער. ווען עס איז געקומען דיא צייט פיר א מענשען צו שטארבען פלעגט ער זיס איינשלאָפען אונד דאן

נאכ'ן טויט האט ער ארומגעוואַנדעלט אויף דער ערד אַלס א גוטער גייסט. דאס איז געוועזן דיא ערסטע גאלדענע צייט פון דער וועלט. דיא צווייטע הייסט דיא זילבערנע צייט, ווען דיא מענשען זיינען געווארען צו פיעל שטאלץ אונד אונגעהאָר־זאם געגען דיא געטער. צעאוס, דער נייער אויבער־גאָטט, איז דאפיר זעהר בייז געווארען אונד האט גוזר געוועזן, אז דיא פערשטאָרבענע מענשען זאללען מעהר ניט ווערען פערוואַנדעלט אין גוטע גייסטער, זאָנדערן זייא זאללען בעגראָבען ווערען אין דער ערד. דאן איז געקוממען דיא קופערנע צייט; דיא מענשען זיינען געזונקען נאך טיעפער אין זייערע זינד, אימּמער האבען זייא געפיהרט צווישען זיך קריעג אונד ערמארדעט איינע דיא אנדערע מיט קופערנע שפּיעזען. דיעזע אללע זינדיגע דורות זיינען פערשוואונדען געוואָרען אין דיא פינסטערע אונטערוועלט. דיא פיערטע צייט איז ענדליך געוועזן דיא אייזערנע, דיא מענשען זיינען געווארען אזויא שלעכט אונד פערדאָרבען איז דיא עסטרעע, דיא יונגפרוויליכע געטין פון גערעכטיגקייט, האט פערלאזען דיא ערד אונד איז ארויף אין הימּמעל. צו יענער צייט האט געלעבט נור איין פרוממע פּאָאר, דער פירסט דעאוקאַליאָן אונד זיין פרויא פּירעהאַ. ער איז געוועזן א זוהן אונד זיא א ניכטע פון דעם גאָטט פּראָמעטהעאוס. אַלס צעאוס האט בעשלאָסען אויסצוראָטטען דיא גאַנצע זינדיגע מענשען־געשלעכט דורך א מבול, האט פּראמעטהעאוס דיעזע פּאאר איין עצה געגעבען זייא זאללען זיך בויען א שיף, אין וועלכע זייא האבען געשוואומען איבער דיא שטורמדיגע הויכע וואסערען ניין נעכט, ביז זייא זיינען געקוממען צום בארג פּארנאַס, אויף וועלכען עס האט גע־וואָהנט דיא געטין פון נבואה טהעמיס, מיט איהרע ניין מוזען, דיא געטינען פון פערשיעדענע קונסטען אונד וויסענשאפטען. אבשטעללענדיג זיך בייא דיעזען בארג האט דעאוקאַליאָן ארויס געשיקט א טויב, וועלכע ער האט פריעהר מיטגענוממען אין זיין שיפעל. דיא טויב איז איינינע מאל געקוממען צו איהם צוריק, ביז זיא איז שליעסליך פערשוואונדען. דיא געפאהר פון מבול איז אַלזאָ פּאָריעבער אונד דאס פרוממע פּאאר האט קורץ נאכדעם געקענט פערלאזען דאס שיפעל. זייא האבען געבראכט קרבנות צום אויבער־גאָטט צעאוס, אַלס דאנק פיר זיין רעטטונג, אונד דאַן געפרעגט איין עצה בייא דיא געטין טהעמיס וויא צו מאכען דיא ערד זאלל וויעדער בעפעלקערט ווערען מיט מענשען. טהעמיס האט זייא דארויף געענטפערט דורך איהר פּריעסטערין פּיטהיאַ, זיי זאָללען פערדעקען זייערע קעפּ, אָבגאַרטלען זייערע קליידער אונד וואַרפען הינטער זיך דיא קנאָכענס פון דיא גרויסע מוטער. דעאוקאַליאָן האט ריכטיג פערשטאַנדען דיא בעדייטונג פון דיא לעצטע ווערטער, אז דיא גרויסע מוטער מיינט מען דיא ערד אונד איהרע קנאָכענס זיינען דיא שטיינער,

ער אונד זיין פרויא האבען ריכטיג געטהון וואס דיא געטין האט זייא געהייסען. פון דיא שטיינער וועלכע ער האט געווארפען היגטער זיך זיינען ענטשטאנדען מאנס־פערזאנען אונד פון פירהא׳ס שטיינער פרויענצימער. דיא נייע מענשהייט איז שוין געוועזען פיעל בעסער אונד איבער זייא האבען געהעררשט דיעזע געטער־קינדער, דעאקואליאן אונד זיין פרוי פירהא. דאס פרוממע פאאר, האבען דאן געהאט א זוהן העללען, פון וועלכען עס זיינען ארויסגעקומען דיא העללענען, דאס הייסט, דיא גריעכען, וועהרענד אללע אנדערע פעלקער שטאממען ארויס, וויא געזאגט, פאן דיא געווארפענע שטיינער.

דיא אללע וויטערע לעגענדעס וועגען דיא גריעכישע געטער זיינען נאך מעהר משונה׳דיג ווילד אלס דיא ערסטע. יאזעפוס פלאוויאוס, אין זיין אנטווארט צו דעם בעוואוסטען גריעכישען אנטיסעמיט אפיאן, שטעלט פאר דעם אונטערשיעד צווישען דיא גריעכישע אונד אידישע רעליגיאן. עס איז ניט מיין אבזיכט, פאנגט אן יאזעפוס, אבצושפאטען אונד צו לעסטערען דיא געטער פון פרעמדע פעלקער, דען א אידען איז איבערהויפט אזא זאך פערבאטען. אבער דיא געלעהרטע גריעכען זעלבסט פער־דאממען זייערע געזעטץ געבער, פארוואס זייא האבען פון אנפאנג אן פארגעשטעללט אזעלכע ניעדריגע אנזיכטען וועגען זייערע געטער. מאססען געטער אהן א צאהל, שטאממען אב איינע פון דיא אנדערע, אונד אזויא וויא דיא טהירע וואהנען זייא אין פערשיעדענע עלעמענטען; איינע אין דיא וואסערען, אנדערע אויף דער ערד אונד וויעדער, דיא עלטערע געטער, ליעגען געשמיעדט אין קייטען אונטער דער ערד אין טארטאראס. דיא נייעסטע פאמיליע געטער וואהנען אין הימעמל אונד האבען דארט איין אויבער־גאט צעאוס, וועלכער פיהרט זיך אויף וויא א טיראן, זא דאס זיין אייגענע פרויא, זיין ברודער אונד זיין טאכטער האבען שליעסליך געמאכט א פערשווערונג, אום איהם צו פאנגען אונד איינ־צושפארען, גראדע וויא ער האט געטהון מיט זיין פאטער. דיא געביל־דעטע גריעכען לאכען אלליין דארויף וויא מען שטעללט פאר דיא געטער אלס שמיע־דען, וועבער, מוזיקאנטען, יעגער א. ד. ג. דאן ערצעהלען דיזעלבע לעגענדעס וויא דיא געטער פיהרען אינטריגעס, גנב׳ענען אונד נאררען אב איינע דיא אנדערע; וויא זייא קריעגען אונד שלאגען זיך אונד ווערען זאגאר פערוואונדעט פון מענשליכע הענד. נאך מעהר: דער אויבער גאטט אליין טהוט אב ריא ערגסטע סקאנדאלען; ער פערפיהרט פרעמדע פרויען אונד קיממערט זיך גאר ניט ווען מען שטירצט זייא דאפיר אין געפענגניס, אדער מען ווארפט זייא אריין אין מעער. ער איז ניט אים שטאנד צו רעטטען זיינע אייגענע קינדער ווען דאס שיקזאל האט בעשטיממט זייא זאללען אונטערגעהען. יעדער וואהלדענקענדער מענש מוז מיט אבשויא פערדאממען אזעלכע עקעלהאפטע דומהייטען, אז געטער זאללען דיענען אלס קנעכט בייא מענ־

שען, בייא וועלכע זייא בויען הייזער, פיטערען בהמות אונד טהוען נאך אזעלכע ארבייט פיר געלד.

אונד שולדיג אין דעם, שרייבט ווייטער יאָזעפוס, זיינען דיא רעליגיעזע גע־זעטצגעבער, וועלכע האבען קיין שום בעגריף ניט געהאט פון דעם ריכטיגען געטלי־כען וועזען; פיעלמעהר האבען זייא איבערגעלאזען דיא פראגע, וויא אירגענד א קלייניגקייט, פון וועלכע יעדער פאנטאסטישער דיכטער מעג פלוידערען וויא פיעל ער וויל. אויך האבען דיא מאָלער אונד בילדהויער בייא דיא גריעכען צופיעל פרייהייט. זייא דענקען זיך אויס א געשטאַלט אונד שטעללען עס צוזאמען פון גאָלד אונד עלפענביין, וועלכע זייא גיעבען ארויס אלס א גאָטט. אויסערדעם טרעפט עס זעהר אָפט אז אין פערלויף פון דער צייט בייטען זיך דיא אנזיכטען אונד דיא אלטע געטער וועלכע מען האט אמאל הויך געאכטעט ווערען פערנאכלעסיגט. דאפון קוממט עס אז פיעלע אלטע טעמפלען שטעהען יעצט לעער, ווייל אייניגע פערזאָנען האבען אויסגעטראכט נייע געטער אונד בויען פיר זייא אנדערע טעמפלען.

דאגעגען צייגט יאָזעפוס דיא הערליכקייט פון דיא אידישע גאָטט־אידעע, לויט וועלכע אללעס איז פון גאָטט. ער איז פאָלקאָמען, אהן איין אנפאנג אונד אהן איין ענדע. מיר פערשטעהען איהם נור דורך זיינע ווערקע אונד גנאַדען, אבער זיין געשטאַלט איז אונז אונבעקאנט. דיא טהייערסטע שטאָף איז ניט ווירדיג געגוג זיין בילד פאָרצושטעללען אונד דיא גרעסטע קונסט איז ניט אימשטאַנד זיין גלייכ־ניס אויס צו דענקען. זיינע ווערקע זעהען מיר: ליכט, הימטעל, ערד, זונע מאָנד, דיא וואסערען, דיא לעבענדיגע ברואים וואס פערמעהרען זיך, דיא פלאַנצונגען וועלכע וואקסען. דאס אללעס האט גאָט געמאכט, ניט מיט הענד, ניט מיט דיא אנשטרענגונג פון זיינע קרעפטען, זאָנדערן נור דורך זיין וויללען צו שאפען גוטעס. דיעזען גאָטט מוזען אללע געהאָרכען אונד איהם פערעהרען אויך מיט טהון גוטעס, דען נור דאס איז דער ריכטיגער גאָטטעס דיענסט. דער איינציגער גאָטט זאָלל האבען נור איין טעמפעל, וועלכער מוז זיין דאס אייגענטהום פון אללע מענשען.

וויא מיר זעהען אלזאָ איז דער אונטערשיעד צווישן יודענטהום אונד גריע־כענטהום ניט נור אין דער אנערקענונג פון איין גאָטט אונד פיעלע געטער, זאָנדערן אין אזעלכע הויפט־פרינציפען וועלכע האבען געמוזט מאכען א טיעפע, פערשיעדענע ווירקונג אויף דיא לעבענס־אנזיכטען אונד דיא מאָראלישע בעגריפע פון ביידע פעל־קער. דיא ערנסטע, ערהאבענע רעליגיאָן האט אויף דעם אידען ארויפגעלעגט גע־וויסע פפליכטען צו ערפילען אונד צו גלייכער צייט, טראַטצדעם וואס זיין לעבען איז אויף יעדען טריט אונד שריט געוועזן איינגעאָרדענט דורך בעשטיממטע

געזעטצען איז ער דענאך געווען פרייא צו האנדלען לויט זיין אייגענעם וויללען. דעם אידען האט זיין רעליגיאָן געלערענט, אז דער בלינדער שיקזאל האט אויף איהם קיין שום שליטה, זאָנדערן ער קען דורך זיינע אייגענע טהאטען דאס בעסטע ערייבען. דיעזע מענשליכע גאָטט בעוואוסטע פרייהייט האט אימער אויפגעמונטערט דיא מאָראלישע קראפט פון דעם אידען, ער זאלל שטרעבען צו דעם עדעלסטען. העבסטען ציעל. אין גריעבענטהום דאגעגען זעהען מיר דאס אללעס פערקעהרט; אין זיין רעליגיאָן האט ער ניט געהאט קיין געזעטצען אין לעבען, קיין זיטטען לעהרע אונד קיין מאָראלישע אנהאלט. פון זיינע געטער, וועלכע דיא זאגע האט געשילדערט אין דיא ניעדריגסטע פארבען, האט ער קיין גוטען ביישפיעל זיך ניט געקענט נעהמען. דיעזע געטער אליין זיינען געווען אונטערוואָרפען צו דיא מאכט פון איין אונבעקאנטען, בלינדען שיקזאל *) אונד דארום האט דאך דער מענש געוויס ניט

*) לויט דיא גריעבישע געטער־לעהרע גיעבט עס בעזונדערע געטינען, דיא מאָירען, טעכטער דער נאכט, דונקעלע אונערפאָרשליבע מעכטע. וועלכע האלטען אין זייערע הענד דעם שיקזאל פון געטער אונד מענשען. זייא בעשטיממען פאָראוים דיא פאסירונגען וואס זאללען מים יעדען איינעם טרעפען. דיא מעהרסטע פון דיא גריעבישע דיכטער זאגען אז דיעזע געטינען שטעהרען העבער זאגאר וויא דער אויבערגאָט צעאוס. דיעזע לעהרע פון פאָרוים־בעשטיממונג איז אנגענוממען געווארען אלס א הויפט פרינציפ אויך אין קריסטענטהום. זייער הייליגער קירכען־פאטער אויגוסטינוס האט נאך אין 4 טען יאהר הונדערט אויפגעשטעללט דיא לעהרע פון דיא „ערב־זינדע“, דאס הייסט, אז דורך דעם חטא פון אדם הראשון איז דיא גאנצע צוקינפטיגע מענשהייט פערורטהיילט געווארען צו אייביגע פערדאממונג, נור געוויסע פערזאנען זיינען בלויז דורך געטליכע גנאדע דאפון אויסגעשלאסען געווארען. דאפון האט זיך אויסגעבילדעט דיא לעהרע פון פרעדעסטינאציאָן, דאס הייסט, פאָראוים־בעשטיממונג פון שיקזאל, פון וועלכע דער מענש קען זיך ניט רעטען זאָגאר דורך גוטע טהאטען. איבער דיעזע לעהרע האבען דיא קריסטליכע טעהאָלאגען זעהר פיעל דעבאטירט אונד זיא איז אנגענוממען געווארען זאגאר אין פיעלע רעפאָרמירטע קירכען. איבריגענס איז דאך דיא גאנצע געשיכטע פון יעזוס'ן, אז איהם איז נאך פון פאר בריאת העולם געווען בעשטיממט אויפגעאָפפערט צו ווערען פיר דיא זינד פון דיא גאנצע מענשהייט, אויך נור אזא מין פרעדעסטינאציאָן, אונד אויף דיעזע וואהנזיניגע אידעע איז געגרינדעט דער פונדאמענט פון כריסטענטהום.

געקענט האבען אירגענד א האָפנונג דורך זיינע גוטע טהאטען עטוואס בעסערעס צו ערייכען. דאס איז דיא פינסטערע לעהרע פון פאטאליזמוס, דער גלויבען אין א בעשערט, אין א פאָראויס־בעשטיממונג, וועלכע נעהמט אוועק ביי'ן מענשען זיין פרייהייט, זיין מוטה אונד זיין גאַנצע מאָראַלישע קראַפט.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט אז דאס גריעכישע פאָלק איז מיט דער צייט געזונקען ביז צו א ניעדריגע מאָראַלישע שטופע אונד זייערע זיטטען זיינען געוואָרען העכסט פערדארבען. בייא קיין פאָלק האט זיך ניט ענטוויקעלט אזא קלאססע פאַלשע דענקער וויא דיא סאָפיסטען. וועלכע האבען פערקויפט פיר געלד זייער שארפע רעדענסקראַפט אונד הויכע טאַלענטען, אום צו בעווייזען אז רעכט איז אונרעכט. ארומרייזענדיג איבעראַלל האבען זייא דיעזע לעהרע פערברייטעט אונד דאַמיט געמאַכט דעם ערגסטען איינפלוס אויפ'ן פאָלק. געגען דיעזע געלעהרטע פערפיהרער איז צוערסט אויפגעטרעטען דער ערהאבענער פילאזאָף אונד עדלער דענקער סאָקראַטעס. אָבוואָהל ניט פון א רעליגיעזען שטאַנדפונקט האט ער פילאָזאָפיש בעוויזען אז נור דעם מענשענס גוטע טהאטען קענען איהם ברענגען דיא וואהרע גליקזעלליגקייט. נאַטירליך האָט סאָקראַטעס ניט געקענט רעדען צו זיינע גריעכען וויא א אידישער פראָפעט, אים נאמען פון א גאָט, אין וועלכען זיי האבען דאָך ניט געגלויבט, אבער אין זיין לעהרע געפינען זיך דעננאָך ריינע אידעען, וועגען דיא וואהרהייט פון איין איינציגען גאָט. פיר דאס אַללעס האבען דיא שענד־ליבע גריעכען איהם פעראורטהיילט צום טויט אונד ער איז געשטאָרבען אַלס מארטירער.

נאָך סאָקראַטעס'ן איז זיין שיללער פּלאַטאָ געוועזען איינער פון דיא גרעסטע גריעכישע פילאָזאָפען. אין זיין לעהרע בעהויפטעט ער אז דיא אידעען זיינען ניט נור פאָרשטעללונגען אין דעם געדאַנקען פון מענשען, זאָנדערן ווירקליכע איבערנאַ־טירליכע וועזענס. דיא העכסטע אידעע איז דאָס וואָס מיר בעגרייפען אונטער דעם וואָרט „גוטעס" אונד דיזע איז ניט פערשיעדען פון גאָט זעלבסט, דאס הייסט, דיזע אידעע איז דיא וואהרע גאָטהייט. דיא אַנדערע אידעען זיינען צו איהר אונטער־גע־אָרדענט אונד זיי ווערען בעטראַכט אַלס אונטער־געטער. פון דיעזע לעהרע האָ־בען זיך אין דיא שפּעטערע פילאָזאָפישע שוללען ביי דיא גריעכען אויסגעבילדעט דיא אַללעגאָריעס, דאס הייסט, א פאבעל, א משל, דורך וועלכען זיי האבען געזוכט צו ערקלערען אז דיא ערצעהלונגען אונד זאָגאר דיא ווערטער פון זייער געטער־לעהרע דאַרף מען ניט אָנעהמען אין איינפאַכען זינן, זאָנדערן עס ליגט אין זיי פערבאָרגען א טיעפער זינן, געהיימניספאָללע בעדייטונגען, וועלכע מען דאַרף פיעל שטודירען אום

ריכטיג צו פערשטעהען. דיעזע לעהרע הייסט מיטהאָלאָגיע, דיא וויסענשאַפט פון דיא מיטהען, אָדער פון דיא זאגען. זיי אונטערשיידען דיא פיזישע מיטהען, דאס הייסט, אזעלכע וואס זיינען בעשטאַנען פון דיא נאַטור אונד איהרע ערשיינונגען; דאַן דיא עטהישע מיטהען, דיעניגע וואס אין זיי איז פערבאָרגען א געוויסע מאָראַלישע לעהרע, אונד שליעסליך דיא היסטאָרישע, וועלכע ענטהאַלטען געוויסע צופאַלען אין דער געשיכטע. זאַ, צום ביישפיעל, בעהויפטען זיי, אז דיא מלחמות צווישען דיא געטער־פאַמיליעס בעדייטען פערשיעדענע רעליגיעזע ענטוויקלונגען, וועלכע האבען אין דיא אוראַלטע צייטען נאכגעפאָלגט איינע דיא אנדערע. אויף דיעזען אופן האבען דיא גריעכישע פילאָזאָפען געזוכט דורך אללגאָרישע בויך־סברות אויסצוגעפינען א זינן אין דיא אונזיניגע היידנישע געטער־לעהרע פון זייערע אור־עלטערען.

זעהר פיעל אללעגאָריע האט זיך אויך ענטהאַלטען אין דיא מיסטעריען, דיא געהיימניספאָלע רעליגיעזע צערעמאָניעס וועלכע די אוראַלטע געצען־דינער ביי פערשיעדענע אזיאַטישע פעלקער אונד דאַן אויך דיא גריעכען פלעגען פייערן לכבוד זייערע געטער, אָבער דאס גריעכשע פאָלק אין אַלגעמיין האט אין דיזע מיסטעריען זיך ניט געדאַרפט בעטהייליגען, זאָנדערן א געוויסע קלאַסע פון העכער געשטעללטע פערזאָנען. אנשליעסען זיך צו דיעזע קלאַססע איז פיר א זייטיגען מענשען געוועזען זעהר שווער. אויב מען האט דעם נייעם מיטגליעד געפונען ווירדיג צו אזא עהרע האט מען איהם פריעהער א לענגערע צייט אונטערוואָרפען צו פערשיעדענע שטרענגע פראָבען. אונד שליעסליך האט ער געמוזט אָבגעבען א פירכטערליכע שבועה, אז ער וועט קיין וואָרט ניט ענטדעקען פון אללעס וואס ער האט געזעהען אונד געהערט אונד ווער עס האט עובר געוועזן זיין שוואור איז דאפיר בעשטראפט געוואָרען מיט'ן טויט. דיעזע סודות, דיעזע פערבאָרגענהייטען, האבען ארויפגעיאָגט א שרעק אויף יעדען איינעם אונד גראַדע דאַרין איז בעשטאַנען זייער געוואַלטיגע אַנציעהונגס־קראַפט. דיא צערעמאָניעס האט מען געפייערט איבערהויפט ביי נאַכט אונד זיי זיינען בעשטאַנען אין טבילות, תשובה טהון, ברענגען אָפּפער, אין פּראָצעסיאָנען, זינגען ליעדער, טאַנצען, זאָגאַר אין שיכרות, ניאוף אונד נאָך אזעלכע העסליכקייטען. אלס ביישפּיעל איז נענוג צו עראינערן דיא מיסטעריען וואס האבען געהייסען פאַללאָס. מען האט נעמליך פון רויטהע לעדער געמאַכט דיא געשטאַלט פון מענגליכען גליעד אונד מען האט זיך דאַמיט ארומגעטראַגען אין א פּראָצעסיאָן, לכבוד דעם גאָט פון פרוכטבארקייט דיאָניזיאָס, מיט געזאַנג אונד פרעהליכקייט, אין וועלבע עס האבען אנטהייל גענוממען מענער אונד פרויען. דיא צערעמאָניעס פון פיעלע

אנדערע מיסטעריען זיינען ניט געווען אזויא שטארק אונמאָראַליש, וויא צום ביי־שפּיעל דיא בעריהמטע עלעוזינישע, וועלכע מען האט געפייערט מיט גרויס פּאַראַד לכבוד דיא געטינען דעמעטער אונד איהר טאָכטער פּערזעפּאָנע. אין זייער טעמפּעל האבען געדיענט דיא פּאָרנעהמסטע פּריעסטער־פּאַמיליען, וועלכע האבען געהאט זייערע עמטער בירושה. פון עלטערן צו קינדער. דיא הויפּט־בעאַמטע ביין רעליגיעזען דיענסט זייענען געווען: איין אויבער־פּריעסטער, (היעראָפאַנט) איין פאקעל־טרעגער, (דאַדוכאָס), אַ הייליגער העראָלד (היעראָקעריקס) אונד איין אַלטאר־פּריעסטער (עפּיפּאָמיאָס.) דיא מיטהאָלאָגישע זאגע ערצעהלט נעמליך, אז דיא געטין פּערזעפּאָנע איז גערויבט געווארען פון האַדעס, דעם גאָטט דער אונטער וועלט, וועלבער האט איהר אבגעפיהרט אין זיין שאַטען רייך. איהר מוטער, דיא געטין דעמעטער, האט איהר אין פערלויף פון 9 טעג געזוכט איבעראלל אונד פון גרויס טרויער האט זיא זיך ענטזאגט אנטהייל צו נעהמען אין דעם ראַטה פון דיא גרויסע 12 געטער, וואו זיא איז אַ מיטגליעד, אונד דיא ערד, פון וועלכע זיא וואר דיא געטין, האט אויפ־געהערט ארויסצוגעבען דיא פּרוכטבאַרקייט. שליעסליך האט דער אויבער־גאָטט צעאוס געמאַכט אַ פּשרה, אז דיא פּערזעפּאָנע זאלל דיא פיער ווינטער־מאָנאטע פערבלייבען בייא איהר געמאַהל, אין דער אונטער־וועלט, אונד דיא איבריגע אַכט מאָנאַטען בייא איהר מוטער, אויף דער ערד. דיא גרויסע עלעוזינישע מיסטעריען און וועלכע עס האבען געקענט אַנטהייל נעהמען נור אויסגעוועהלטע פּערזאָנען, פּלעגען געפייערט ווערען מיט זאָנדערבאַרע צערעמאָניעס, יעדען יאהר אין פערלויף פון 9 טעג, אנפאַנגענדיג פון 15טען פון מאָנאַט בעדראָמיאָן (אַנפאַנג אָקטאָבער), יעדען טאָג זיינען פּאָרגעשטעללט געווארען אנדערע געהיימניספאָללע צערעמאָניעס, וועלכע האבען געהאט דעם אַללעגאָרישען זינן, צו פערעהרען דיא וויעדער־אויפלע־בונג פון דער נאַטור אונד דיא מענשליכע אונשטערבליכקייט. דען דיעזע אידעען. הייסט עס, שטעללט פּאָר דיא זאַגע, וויא פּערזאָפּאָנע ווירד צוואַר פערשוואונדען, אבער זיא שטייגט נאכהער צוריק ארויף פון דער אונטער־וועלט. פיעלע אַנדערע מיסטעריען האבען דורך דיא הייליגע לעגענדעס פּאָרגעשטעללט פערשיעדענע אידעען וויא דיא גאָטהייט, דאס אונענדליך גייסטיגע, איז פערבונדען מיט דער נאַטור אלס אַ פערבאָרגענע מאַכט, צו וועלכע מען דאַרף שטרעבען צו קוממען נעהענטער, דורך דיא בעהערשונג פון דיא קערפּערליכע געלוסטען, זא דאס דער גייסט פון מענשען זאלל זיך ערהויבען פרייער אונד העכער, אום זיך אין גאַנצען צו פעראייניגען מיט דיא גאָטהייט.

אויף דיעזען אופן האט דיא גריעכישע געטער־לעהרע בעקוממען איין אויסער־

ליבען פילאָזאָפישען גלאַנץ אונד איין אנציהענדען געהיימניספאָלען רייץ. דער הויפּט צענטער פון דיעזע לעהרען אונד פון דער וויסענשאַפט אין אַלגעמיין איז דאַמאַלס געוועזען דיא גרויסע, בעריהמטע שטאדט אַלעכסאַנדריען, דיא רעזידענץ פון עגיפּטען. דאָרט פלעגען צוזאַממען קוממען פון אַללע דאַמאַלס בעקאַנטע וועלט־טהיילען דיא אַנהעגנער פון פערשיעדענע סעקטען אונד רעליגיאָנען, אום אין דיא אַלעכסאַנדרי־נישע שוללען אונד ביבליאָטהעקען צו שטודירען. יעדע אמונה האט דאָרט געהאַט איהרע פאָרשטעהער, פאַנאַטישע בודהיסטען פון אינדיען, פערזישע פערעהרער פון דעם זונען־גאָט מיטרא, אבערגלויבישע געטצען־דיענער פון עגיפּטען, כאַלדעאישע מאַגיער, דיא האַלב וואהנזיניגע אידישע טהעראַפּעוטען*) אונד זייערע סעקטען־

*) דיא טהעראַפּעוטען זיינען געוועזען א אידישע סעקטע אין עגיפּטען, אויך אַזוי אָבגעשלאָסען אונד געהיימניספאָלל וויא דיא עסענער, אבער נאָך מעהר פאַ־נאַטיש, נאָך מעהר פערקראָכען אין היממלישע חלומות. דיא טהעראַפּעוטען האַ־בען זיך פאָלשטענדיג ענטזאַגט פון דער וועלט אונד זיך צוריקגעצויגען אין איינזאַמע געגענדען, וואו זיי פלעגען פערברענגען דעם גאַנצען לעבען אין אָבגעשלאָסענהייט. קיין בעשעפטיגונג, קיין ארבייט האבען זיי ניט געטהון אונד נור אימער פאַנטאַ־זירט וועגען דעם צו אונטערדריקען אַלע קערפּערליכע נויטהווענדיגקייטען, אום דיא אונשטערבליכע נשמה זאָלל קענען פריי אונד אונגעשטערט דענקען וועגען איהר היממלישע ליכטיגע הייםאַטה. דיא גאַנצע וואָך פלעגט יעדער פון זיי פער־ברענגען איינזאַם אין זיין צעללע, פערטיעפט אין אַזעלכע רעיונות, נור שבת פלעגען זיי זיך פערזאַמלען צו איין אַלגעמיינען געבעט אונד דאַן האבען זיי געשפּייזט צוזאַ־מען דיא שבת׳דיגע מאָהלצייט, וועלכע איז בעשטאַנען נור פון ברויט, זאַלץ אונד וואַסער. דאַן האט זיך אָנגעפאַנגען א הייליגער טאַנץ, וועלכער פלעגט דויערען א גאַנצע נאַכט, זינגענדיג דאַביי פרוממע ליעדער, אונד וואס וויי־טער זיינען זיי דאַ־דורך געקוממען אין אַזא עקסטאַז, אין אַזא ברענענדיגע התלהבות, אַז זיי האבען שליעסליך פערלאָרען דאס לעצטע ביסעל מענשליכען זינן. דיעזע טהעראַפּעוטען האבען וואהרשיינליך נאָכדעם אַלע זיך אנגעשלאָסען צו דעם נייע־געגרינדעטען קריס־טענטהום, דען וויא עס איז בעוואוסט פון דיא קירכען־געשיכטע, זיינען אין עגיפּטען ענטשטאַנדען דיא ערסטע כריסטליכע מענכע (גלחים), וועלכע האבען געפיהרט אַזא לעבען וויא דיא טהעראַפּעוטען. דיעזע ווילדע פאַנאַטיקער אונד אויך זייערע סעקטען־ברידער, דיא פּאַלעסטינישע עסענער, דאַרפען בעטראַכטעט ווערען אַלס דיא ערסטע אונד הויפּט.עלעמענטען פון וועלכע עס האט זיך נאָכהער אויסגעביל־

ברייעדער, דיא עסענער. דיעזע צוזאַממענמישענעם פון פערשיעדענע פאנטאזיעס אונד געהיימניספאָללע רעליגיעזע סיסטעמען מיט דיא גריעכישע מאָראַל־פילאָזאָפיע האט נעמוזט מאַכען א טיעפע ווירקונג, איבערהויפט אויף דיא דאָרטיגע אידען, וועלכע האבען שוין צייט מעהר וויא 300 יאהר געלעבט אלס א בעזונדערע געמיינדע אויסער פאלעסטינא אונד זיינען געווען האלב אָבגעפרעמדעט פון פא־לעסטינישען יודענטהום.

דיעזע גריעכישע מאָראַל־פילאָזאָפיע האט צו יענער צייט איבערהויפט געבלי־העט אין אַלעכסאַנדריען, דיא שטאדט וועלכע איז אויך געווען דער צענטרום פון דיא עגיפּטישע אידישע געמיינדע. גריעכיש איז געווען זייער מוטער־שפראכע, אין וועלכע זיי האבען אויך איבערגעזעצט דיא ביבעל. א געוויסע צייט האבען זיי זאָ־גאר געהאט אין עגיפּטען א בעזונדערן טעמפּעל, מיט בעזונדערע פריעסטער, וועל־כע ווארען אונאבהענגיג פון דעם טעמפּעל אין ירושלים. דעננאָך איז עס אויך פאָל־קאָממען ריכטיג אז זיי ווארען גאנץ געטרייע זיהן צו זייער פאָלק אונד דאס יודענ־טהום איז געווען ביי זיי טהייער. זיי האבען נאך געוואָלט עטוואס בעסערעס אויפ־טהון, זייער שטרעבונג איז געווען צו פערשעהנערען דיא אידישע רעליגיאָן, איהר פאָרשטעללען אלס איין ערהאָבענעם מוסטער פיר דיא געבילדעטע גריעכישע וועלט. אום דיעזען ציעל צו עררייכען האבען זיי אנגעווענדעט דיא זעלבע מיטלען וויא דיא גריעכישע פילאָזאָפען מיט זייער געטער־לעהרע. אויף דיעזען אופן האבען דיא אידי־שע דענקער אין עגיפּטען אָנגעפאנגען אויך אין דעם ביבעל צו זוכען אללעגאָריעס, דאס הייסט, אז דיא געזעטצען פון דער ביבעל זיינען נור איהר אויסערליכע גע־שטאלט, אין וועלכע עס ענטהאלטען זיך אינערליכע פיעל העכערע אידעען. דיא בעאָבאכטונג פון שבת איז ניט אזוי וויכטיג וויא דער געדאנקען אז גאָט האט בעשאפען דיא וועלט, דאס הייסט ער איז דיא אורזאכע פון אללע אורזאכען, פאָלגליך אויך דיא אורזאכע פון זיך זעלבסט. בעשניידונג מיינט נור אז דער מענש זאָל אָבשניידען,

---

דעם דאס כריסטענטהום. יעזוס אלליין איז אָהן א צווייפעל אויך געווען איינער פון דיא עסענער, אָדער וועניגסטענס איין אָנהענגער פון זייער לעהרע, צו וועלכע ער האט געוואָללט בעקעהרען אללע אידען, וויא מיר וועללען עס בעווייזען אין דעם ווייטערן פערלויף פון אונזער געשיכטע. דיא עסענענער האבען נאך יעזוס'עס טויט כמעט אללע אָנגענוממען זיין גלויבען אונד מיט דער צייט זיינען זיי פערמישט גע־וואָרען צווישען דיא היידען.קריסטען אונד האבען אויפגעהערט צו עקסיסטירען אלס א אידישע סעקטע.

ערוויימערן פון זיך, אללע ליידענשאפטען אונד איבריגע תאוות וואס פיהרען צו זיין פערדערבען. דאס זעלבע איז אויך מיט אללע איבריגע געזעטצען פון דער רעליגיאָן, אין וועלכע מען דארף נור זוכען די געוויסע געהיימניספאָללע אידעען, אבער די ערפיללונג פון די געזעטצען אין פראקטישען לעבען איז ניט וויכטיג.

עס איז צוואר ריכטיג אז די פרושים אין פאלעסטינא האבען אויך געזוכט אויף דעם וועג פון דרוש, פון פאָרשונג אונד ערקלערונג, אויסצוגעפינען א בעזונדערן זינן אין די געבאָטען פון דער תורה. דער אונטערשיעד איז אבער אז זיי, די פרושים, האבען צו גלייכער צייט פערהיילינט אונד פערהיט מיט פערשיעדענע נייע אונד טיעפערע לעהרען, אום קיין געזעטץ פון דער תורה זאָלל ניט געמינדערט ווערען אונד דאדורך זאָללען די אידען בלייבען אָבגעזונדערט פון די היידען, אז זיי זאָללען איינע מיט די אנדערע זאָגאר אין א בעריהרונג ניט קוממען. דאגעגען האבען די אללעגאָריעם פון די אלעקסאנדרינער אידען זיי דערוויימערט פון דער תורה אונד געבראכט נעהנטער צו די גריעכישע היידנישע פילאָזאָפיע, זאָ דאס פיעלע פון זיי, איבערהויפט פון די העבערע געבילדעטע קלאססע, האבען אין דער טהאט שליעסליך אָנגענוממען דעם היידענטהום.

דער ערסטער אידישער געלעהרטער פון דיעזער ריכטונג איז געוועזען אריסטאָבול, א מאַן וואס איז געשטאנען אין הויכע עהרען ביי דעם עגיפּטישען קעניג פּילאָמעטער. די אנזיכטען פון דיעזען דענקער שטיממען איין פאָלשטענדיג מיט די אידעען פון דעם בעריהמטען גריעכישען פילאָזאָף פלאטאָ, וועלכער האט געשעפּפט זיינע לעהרען, וויא אריסטאָבול בעוויזט, איבערהויפט פון תורת משה. דאס זעלבע האבען זאָגאר אויך די עלטערע גריעכישע פילאָזאָפען אונד דיכטער זיך בענוצט מיט אידישע אנשויאונגען. אויף די פראגע פון קעניג פּילאָמעטער האט אריסטאָבול אין איינעם פון זיינע ווערקע ערקלערט, אז דער אידישער גאָטעסדיענסט איז נור א בילדליכער אויסדרוק פון א טיעפערען, אינערליכען זינן, אונד די הייליגע שריפט דארף מען פערשטעהען ניט בוכשטעבליך, זאָנדערן נאך די פערבאָרגענע אידעע וואס ענטהאלט זיך אין איהר. די ערשיינונג פון גאָט אויפ'ן בארג סיני, זיין רעדען צו משה'ן אונד די שילדערונגען וועגען דער געטליכען געשטאלט, זיינען נור אללעגאָריעס, וועלכע מען דארף ניט אננעהמען אין איינפאכען זינן. אריסטאָבול ערקלעהרט דאס אללעס אויף זאָ אַ אופן, אז דיעזע ביבעל־ערצעהלונגען זאָלען הארמאָנירען מיט די גריעכישע פילאָזאָפישע לעהרע.

נאך ווייטער איז נעגאנגען דער בעריהמטער אידישער פילאָזאָף פילאָ פון אַלעקסאַנדריען. ער איז געבאָרען געוואָרען מיט 20 יאהר פאר יעזוס'ען אונד האט געלעבט ביז צום יאהר 54, אלזא צו דער צייט ווען עס האבען זיך אנגעפאנגען צו בילדען דיא ערסטע אידיש־כריסטליכע געמיינדען. פילא איזט מיט זיין גאנצען הויבען גייסט געווען אבגעגעבען פיר דעם יודענטהום אונד האט זאגאר פיעל געקעמפפט געגען דיא אַלעקסאַנדריניִשע אידען וואס האבען געוואָללט פערוואַרפען דיא אויסערליכע געזעטצען פון דער תורה. זאללען מיר דען ניט האלטען שבת, פרעגט ער, דארום וויל מיר ווייסען וואס פיר איין אינערליכע בעדייטונג עס איז פערבאָרגען אין דיעזען געבאָט? זאללען מיר דען ניט בעאָבאַכטען דיא ימים טובים דארום וויל מיר פער־שטעהען אז זיי זיינען נור אַ בילד פון זעעלען־פריעדען אונד פון דאנקבאַרקייט צו גאָט? זאללען מיר דען ניט בעשניידען אונזערע קינדער וויל אין דיעזען געבאָט ענטהאַלט זיך איין אַנדערע אינערליכע מיינונג? ניין, גראַדע פערקעהרט, פיר אונז דאַרפען ביידע זיין הייליג, וויא דיא אינערליכע וואהרהייט פון געזעטץ אזוי אויך דאס געזעץ גופא. דיא וואהרהייט איז דיא זעלע אונד דאס געזעץ איז דער קער־פער; אונד פונקט וויא מיר היטען אונזער קערפער, וויל ער איז דיא וואהנונג פון דער זעלע, אזוי דאַרפען מיר אויך שעטצען דעם בוכשטאַב פון געזעטץ, וועל־כער איז דאס קלייד, דער גוף, פון דיא אינערליכע וואהרהייט.

פילאָ האט אלזאָ געוואָללט עררייכען אַ דאָפּפעלטען ציעל: ערשטענס אז אידען זאללען בלייבען טרייא צו דעם בוכשטאַב פון תורת משה אונד פינקטליך ערפיללען יעדע געבאָט פון זייער רעליגיאָן אונד צווייטענס, צו בעווייזען פאר דער וועלט אז אַללע מאָראַלישע לעהרען אונד דיא וואהרהייטען פון דיא גריעכישע פילאָזאָפישע אידעען ענטהאלטען זיך שוין פון פריהער אין דעזעלבער אידישער תורה, אין וועלכע מען קען זיי אויסגעפינען אויף דעם וועג פון אַללעגאָרישע ערקלערונגען. פילאָ איז גע־ווען פאָללשטענדיג איבערצייגט אז דיא תורה איז דיא העכסטע, אייביגע וואהרהייט, אונד אזוי וויא דיא פילאָזאָפישע לעהרע פון דיא גריעכען איז דאך אויך וואהר, דארום מוזען זיך איהרע אידעען געפינען אין דער תורה. אַלס בעגייסטערטער אנ־הענגער פון דעם בעריהמטען פילאָזאָף פלאַטאָ האט פילאָ געוואָלט אויסגעפינען אין דער תורה דיא אידעען פון דיעזען גרויסען גריעכישען דענקער, טראָצדעם וואס דיעזע קענען אויף קיין אופן ניט הארמאָנירען מיט דיא אידישע לעהרען. אַלס ביי שפּיעל וועללען מיר בעטראַכטען דיא פראגע וועגען דיא בעשאַפונג דער וועלט. ווען אַ מענש שאַפט אונד מאַכט עטוואס זאָגען מיר, אז פריהער האט זיך ביי איהם גע־פונען דיא אידעע אונד נאַכדעם האט ער איהר פערווירקליכט. ווען איין אַרכיטעק־

טאר ווילל אויפשטעלען א געביידע האט ער צוערשט ביי זיך אין געדאנקען דעם פלאן, דיא אידעע, אונד דאן בויעט ער אויס דאס הויז לויט דעם פלאן. דער ארכיטעקטאר איז אלזא פריעהר געוועזן א דענקענדעס וועזען אונד דאן איז ער געענדערט געווארען אין א טהוענדע,* שאפענדע פערזאן. גאט איז דאך אבער אונפערענדערליך, אויף איהם איז דאך אונמעגליך צו זאגען אז צו א געוויסע צייט דענקט ער און דאן שאפט ער, דארום איז נאך דיעזען גאנג אינמעגליך זיך פארצושטעללען דיא לעהרע פון יודענטהום וועגען א וועלט־בעשעפער. אום דיזען וויעדערשפרוך צו פערענטפערען האט פילא דורך דיעזעלבע מיטלען פון אללעגאריעס אויסגעפונען אין דער ביבעל איין גאנץ אנדער סיסטעם, וועלכע קלינגט עטוואס פאנטאסטיש, גראדע וויא דיא לעהרע פון דעם פילאזאף פלאטא. גאט איז אומגעבען פון א אידעען־רייך, פון געדאנקען־וועלטען, אויף וועלכע זיין מאכט ווירקט אינדירעקט. דיעזע אידעען, זיינען דיא אור־טיפען, דיא אורזאכען, פון אללעס וואס איז בעשאפען געווארען אין אלע צוקונפטען. דיא גייסטיגע מאכט וואס ווירקט אלס פערמיטלונג צווישען גאט אונד וועלט איז דער לאגאס*), דיא שאפענדע געטליכע פערנונפט. דער לאגאס, דער ערסט געבארענער זוהן פון גאט, שטעהט אויף דער גרענעץ צווישען דיא ענדליכקייט אונד אונענדליכקייט, אונד דורך איהם זיינען זייביידע צוזאמענגעשלאסען. דער לאגאס איז אייגענטליך ניט גאט זעלבסט, אבער ער איז דעמנאך אהן איין אנפאנג אונד אהן איין ענדע. ער איז דער געדאנקען־בעגריף פון אללע וועלטען, דיא מאכט וועלכע גיעבט איבער גאט'ס רצון, דער הימלישער כהן גדול, מיט איין ווארט, דער פערמיטלער צווישען גאט אונד וועלט.

דיא אידעע וועגען א „לאגאס", אין דעם זינן וויא פילא נעהמט עס אן, געפינט זיך שוין ערינערט אין דיא אלטע גלויבענס לעהרען פון דיא פערזער אונד עגיפטער אונד גריעכען. ביי דיא גריעכישע פילאזאפען, האט דער לאגאס געשפיעלט א וויכטיגע ראללע. פלאטא האט דארויף געגרינדעט זיינע פילאזאפישפאנטאסטישע אנזיכטען וועגען דיא אידעען־וועלט; דיא סטאיקער*) האבען דא־

---

*) „לאגאס" אין דער אלטגריעכישע שפראך בעדייטעט א ווארט, א געדאנקען, אדער אויף חכמה דער לאגאס פון גאט וועט אלזא הייסען גאטעס ווארט, אדער גאטעס פערנונפט, דורך וועלכע ער האט בעשאפען דיא וועלט.

---

*) סטאא האט געהייסען דיא זיילען־האללע אין דער גריעכישער רעזידענץ אטהען, וואו דער גרויסער דענקער זענא האט עפענטליך פארטראגען זיינע לעהרען

רויף געבויעט זייער ערהאבענע לעהרע ווענען דיא וועלט פערנונפט, לויט וועלכע עס קוממט אויס, אז אין דעם שטאָף אין דער מאַטעריע פון דער וועלט, ענטהאלט זיך דיא געטליכע קראַפט, דיא פערנונפט, זאָ דאס איינע אָהן דיא אנדערע עקסיסטי־רען ניט בעזונדער. דיעזע אנזיכט איז א פאָללשטענדיגער ווידערשפרוך צום יודענ־טהום, לויט וועלכען גאָט איז איבער דער נאַטור, איבער דיא וועלט; דענגאָך האט פילאָ, אויף דעם וועג פון אללעגאָריעס געוואָלט בעווייזען אז דיא גאַנצע גרי־כישע פילאָזאָפיע ווענען „לאָגאָס“ ענטהאלט זיך אין איין וואָרט פון דער אידישער ביבעל, וויא צום ביישפיעל אין דעם פסוק: ויאמר אלהים, גאָט האט געזאָגט, אלזאָ איז דיא וועלט בעשאפען געוואָרען דורך דעם לאָגאָס, אָדער וויא אין תהילים (קאפ. 33. 6) בדבר ד' שמים נעשו, דורך גאָטעס „וואָרט“ זיינען דיא הימלען בע־שאפען געוואָרען.

זעלבסטפערשטענדליך האט פילאָ אין זיינע אללעגאָריעס אויף אָנגענוממען דיא פאנטאזיעס פון דיא גריעכישע טהעאזאָפישע (גאָטעס געלעהרטע) סעקטען, וועלכע זיינען צו דיא ערסטע צייטען פון כריסטענטהום בעוואוסט געוואָרען אונטער דעם נאמען גנאָסטיקער, ד. ה. דיא וויסענדע. זיי האבען ניט געגרינדעט אירגענד פילאָזאָפישע סיסטעמען, אבער אין זייערע פאנטאסטישע בעטראכטונגען האבען זיי זיך אויך בעשעפטיגט מיט דיעזעלבע פראגען, וויא דיא אונענדליכע אונד אונפער־ענדליכע גאָטהייט האט געקענט קוממען אין בעריהרונג אונד בעשאפען א וועלט וועלכע איז דאך זאָ ענדליך אונד פערענדליך; וויא אזוי איז פון דיא הייליגע געט־ליכע פאָללקאָממענהייט ארויסגעקוממען דער בייזער פרינציפ פון זינדע אונד שלעכטקייט? דיא גנאָסטיקער האבען אלזאָ אנערקענט אז עס גיעבט פערשיעדע־נע מעכטע; איינער א גאָט, וועלבער הייסט, דיא „שטילקייט“ אדער דיא „רוהע“ ער קוממט מיט דיא וועלט אין קיין בעריהרונג אונד זיינע מידות זיינען גנאָדע אונד ליעבע. פון איהם פליעסען ארויס מעכטע, וועלכע זיי האבען גערופען „עאָנען“ (וועלטען), אונטער דיעזע עאָנען שטעהט דער צווייטער גאָט דעמיורגאָס, דער

ווענען מאָראל, טוגענד אונד פילאָזאָפיע. דיא נאכפאָלגער פון זענאָ, וועלכע הא־בען געבילדעט א גרויסע פילאָזאָפישע שולע, זיינען דארום בעוואוסט אונטער דעם נאמען „סטאָיקער“. פיעלע פון זייערע זיטען־לעהרען, ווענען דיא געטליכע ליעבע צו דיא מענשען אונד ווענען דיא מענשליכע פפליכטען איינע צו דיא אנדערע זיינען נאכהער אנגענוממען געוואָרען אין כריסטענטהום.

וועלט־בעשעפער. דער ערסטער אויבערסטער גאָט איז דער מידת הרחמים אונד דער צווייטער איז דער מידת הדין. אויסערדעם גיעבט עס א דריטע מאכט, דער חומר היולי, אָדער דיא אור־מאַטעריע, פון וועלכע עס קוממט אויף דער וועלט אַללעס וואס איז אונפאָללקאָממען אונד שלעכט. דיעזע סיסטעמע איז געוועזן אָנ־גענוממען ביי אַללע גנאָסטיקער. אָבוואָהל אין פערשיעדענע הינזיכטען האבען זייע־רע סעקטעס זיך וויט אונטערשיעדען איינע פון דיא אַנדערע. זייערע מיינונגען הא־בען אויף דיא גנאָסטיקער ערקלערט דורך פערשיעדענע אַללעגאָריעס אונד זאָגאר דורך ספירות*). פערהעלטניסמעסיג צו דיעזע סיסטעמע האבען זיי אויף דיא מענ־שען איינגעטהיילט אין דרייא קלאַססען: דיא גייסטיגע, וועלכע זיינען העכער וויא דאס געזעטץ; דיא זעעלען מענשען, וואס שטעהען אונטער דעם געזעטץ פון דעם צווייטען גאָט דעמיורגאָס אונד דיא געוועהנליכע זינדיגע מענשען. דער העכסטער ציעל איז אַלזאָ דורך סיגופים אונד פייניגונג פון קערפער צו בעפרייען דיא זעעלע, וועלכע זאָל זיך דאן ערהויבען צו דיא אור־קוועלע פון גנאַדע אונד ליכט, וואס פליעסט ארויס פון דעם אויבערשטען גאָט. דיא גנאָסטיקער האבען זיך אָנגעשלאָססען צום כריסטענטהום, באלד נאכדעם וויא דיעזע נייע אמונה איז פראָ־קלאַמירט געוואָרען, אונד פון זיי האבען זיך אין דיא ערסטע פֿאַר יאהרהונדערטע געבילדעט פערשיעדענע סעקטעס, ביז זייא זיינען אין גאנצען אונטערגעגאנגען, נאכדעם וויא דאס כריסטענטהום איז געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן. דענאָך זיינען פיעלע פון זייערע פאַנטאַסטישע אידעען געבליעבען אין דער כריסט־ליכער קירכע.

אויך דיא פילאָזאָפישע לעהרען פון פילאָ דעם אלעכסאנדרינער האבען זעהר פיעל געדינט צו לעגען דעם פונדאמענט פון כריסטענטהום. זיינע ערקלערונגען וועגען דעם לאָגאָס, זיינען א צוזאמענמישונג פון די גריעכישע פילאָזאָפישע אונד גנאָסטישע אידעען, פון וועלכע עס איז שליעסליך ארויסגעקוממען דער כריסטליכער גאָטטעס־זוהן. שוין דיא ערסטע עוואַנגעליסטען ערינערען וועגען דעם, וויא צום ביישפיעל, לוקאס (קאפ. 1, 2) בעצייכענט דיא כריסטען אלס דיא דיענער פון וואָרט

*) דיא ספירות, צאהלען, א פאנטאזיע, וויא דורך צוזאמענשטעללונג פון גע־וויסע ציפער ארויסצונעהמען ראיות וועגען גאָט, וועלט אונד פערשיעדענע איבער־נאַטירליכע זאכען. דיעזע לעהרע געפינט זיך איבערהויפט אין דיא שולע וואס איז געגרינדעט געוואָרען פון דעם גרויסען פילאָזאָף פיטהאַגאָראס אונד אויך פילאָ בעשעפטיגט זיך דאמיט זעהר פיעל.

(לאָגאָס). נאָך דייטליכער זאָגט יאָהאַנעס: (קאַפּ. 1, 1־3) „אין אנפאַנג וואר דאס וואָרט (לאָגאָס) אונד דאס וואָרט וואר בייא גאָט אונד גאָט וואַר דאס וואָרט. אַללעס איז דורך דעם וואָרט בעשאַפען, אונד אהן איהם איז קיין זאַך ניט בעשאַפען געוואָרען פון אַללעס וואס עקסיסטירט". דאס איז אַלזאָ בוכשטעבליך דיא לעהרע פון פילאָ וועגען א גאָט אונד גאָטעס־זוהן. עס האט נור אַלזאָ נאָך געפעהלט דיא דריטע פערזאָן אין דיא כריסטליכע דריי־אייניגקייט, נעמליך: דער היילינער גייסט, (רוח הקודש) אונד דיעזער האט זיך גענוממען פון דיא אידישע עססענישע סעקטע, וועלכע ווארען דיא ערסטע גרינדער פון כריסטענטהום.

דיא געשיכטע שרייבער אונטערשיעדען דיא עססענער אין צוויי אבטהיילונגען, דיא פראַקטישע אונד טהעאָרעטישע; דיא ערסטע האבען געלעבט אין פאַלעסטי־נא אונד דיא צווייטע, בעוואוסט מיט דעם נאמען טהערעאַפעוטען, אין עגיפּטען. אין דער טהאַט אָבער זיינען זיי געוועזן איין אונד דיעזעלבע סעקטע, וועלכע דער תלמוד בעצייכענט מיט דעם שפּאָטישען נאמען חסיד שוטה; וויא מיר האבען שוין פריעהער ערקלערט שטאממען זיי ארויס פון דיא אמאַליגע חסידים, וועלכע האבען זיך צוריקגעצויגען פון עפענטליכען לעבען אין דיא וויסטע מדבריות, אום זיי זאָלען דארט קענען אונגעשטערט זיך איבערגעבען צו זייערע פאַנטאַסטישע בע־טראַכטונגען. ביי אזא זאָרט לעבען האבען אויף זיי געמוזט מאכען א גרויסען איינ־פלוס דיא פילאָזאָפישע פאַנטאַזיעס פון דיא אַלעכסאַנדרינער אידען, וועלכע האבען אריינגעשלעפּט אין יודענטהום געהיימע צערעמאָניעס, נאָך דעם מאָדעל פון דיא גריכישע געטצענדיענער. דיא עססענער זיינען צוואר געוועזן טריי איבערגעגעבען דעם יודענטהום, זיי האבען ערפיללט דיא געזעטצען פון דער רעליגיאָן נאָך מעהר שטרענג אונד מעהר פּינקטליך וויא אלע אַנדערע אידען אונד זיי וואָלטען קיין מאָל ניט אָנגענומען דירעקט פרעמדע היידנישע מנהגים, אבער דורך דיא פערמיטלונג פון דיא אידיש־גריעכישע שוללע אין אַלעכסאַנדריען האבען דיעזע מנהגים אָנגענו־מען א אידישע געשטאַלט. דיא ערקלערונגען אז דאס אויסערליכע אידישע געזעטץ בלייבט היילינ האט פאָלשטענדיג בעפריעדיגט דעם רעליגיעזען געפיהל פון דיא עסענער אונד דיא געהיימניספאָלע אַללעגאָריעס, דיא אידעען, אז אין יעדען בוכ־שטאַב פון געזעטץ זיינען בעהאַלטען הימלישע סודות, האבען געמוזט שטאַרק אנציע־העז דיא איינבילדונג פון דיעזע פאַנאַטיקער. דיעזע סיסטעמע געפינט מען אויך איבעראַלל אין עוואַנגעליום, וואו עס ווירד ערקלערט אין יעזוס'עס נאמען, אז יעדער בוכשטאַב פון דער תורה איז הייליג, אָבער אונטערדעסען איז דאס געזעץ ניט אַזוי וויכטיג וויא דער אינערליבער זינן, וועלכער איז דער איינציגער וועג צו פיהרען

דעם מענשען אין היממעלרייך, (מלכות השמים) אונד וועגען דעם רעדט יעזוס אויך מיט פערשיעדענע אללעגאָריעס:

אז יעזוס האט געהערט צו דיעזע עסעגישע סעקטע בעווייזען פאָלגענדע פאַקטען: ערסטענס, אין דיא וואַנגעליומס רעדט ער זעהר אָפט מיט א ברענענדיגע האסס געגען דיא אידישע פּאַרטייען דיא פרושים אונד דיא צדוקים, וועלכע ער בעשולדיגט אלס הייכלער אונד פאַלקספערפיהרער, אבער וועגען דיא עססענער ערואַנערט ער זאָגאר מיט קיין איינציגען וואָרט. צווייטענס, זאגען דיא וואַנגעליומס אז יעזוס האט זיך געלאָזט טויפען פון יוחנן המטבל אונד דיזער לעצטער איז אָהן א צווייפעל געווען איין עסענער. עס איז אויך זעהר וואהרשיינליך אז יעזוס האט א געוויססע צייט פערבראַכט מיט דיעזע עסענער, אין פּאַלעסטינא אדער אין עגיפּטען, אונד האט געהערט צו זייער סעקטע. אָבוואָהל קיין ריכטיגע היסטאָרישע פאַקטען דאַרויף גיעבט עס ניט, ווייל מען ווייס איבערהויפּט ניט וואו ער איז געוועזן ביז זיין 30סטען געבורטס-יאהר. דריטענס, אָבוואָהל פון דיא עססענער זיינען ניט איבערגעבליעבען פאָללשטענדיגע ביכער, אָבער דיא ערקלערונגען וועלכע מען געפינט וועגען זיי ביי פילאָ דעם אלעכסאנדרינער שטיממען איין פאָללשטענדיג מיט דיא לעהרען פון וואַנגעליום. אויך זייער ארט לעבען, אללע זייערע מנהגים, וויא זיי זיינען בעשריעבען ביי יאָזעפוס אונד אַנדערע, ווערען איבעראלל געפּרעדיגט פון יעזוס'ן אין דיא וואַנגעליומס, אלס א מוסטער פון פרומקייט. פעראַכטען רייכטהום, זיך ענטזאגען פון דער וועלט אונד איהרע פערגניגען, פון פאטער, מוטער אונד קרובים, אום נור צו שטרעבען צום הימעלרייך, דיא גיטער-געמיינשאַפט, דיא אבגרענצונג פון הייראטהען, דעם פערבאָט צו שווערען — אלע דיעזע אונד פיעלע עהנליכע לערען וואָס ווערען אנגעזאגט אין דיא וואַנגעליומס, זיינען גענומען דירעקט פון דיא עססענער. פיערטענס, דיא גייסטליכע אָרדענס פון דיא כריסטען זיינען געווען פאָלקאָממען עהנליך צו דיא עסענער אין אללע הינזיכטען, דיא עססענער האבען אויך געהאט קירכען*), בישאָפע, דעקאנען, עלטעסטע, פריעסטער, קלעריקעס א. ז. וו. אללעס פונקט אזוי וויא אין כריסטענטהום אונד שליעסליך, פינפטענס, דער עלטעסטער היסטאָריקער פון כריסטענטהום עזעביוס. אין 4טען יאהרהונדערט, זאָגט אין זיין קירכען-געשיכטע דייטליך: „דיעזע טעראַפּעוטען (אָדער עססענער) זיינען

*) דאס וואָרט קירכע שטאממט פון גריעכישען Kyriakon, „דאס הערן-הויז. אזוי האבען וואהרשיינליך דיא עססענער גערופען זייערע געבעט-הייזער.

געווען כריסטען אונד זייערע אלטע שריפטען דאס זיינען אונזערע עוואנגעליומס". עס איז אלזאָ זעהר וואהרשיינליך, אז א געוויסע צייט נאך יעזוס'ן האט דיעזע איי־דישע סעקטע בלויז געביטען דעם נאָמען פון עסענער אויף כריסטען אונד פון זייא האט זיך אָנגעפאנגען דיא בעוועגונג פיר דיא נייע אמונה. דאמיט איז אויך לייכט צו ערקלערן וואָרום יאָזעפוס פלאוויאוס, וועלכער האט געלעבט אונד געשריבען זיינע היסטאָרישע ווערקע א 30־40 יאהרנאך יעזוס'ן, ערינערט זאגאר ניט איין וואָרט וועגען כריסטען, זאָנדערן וועגען עסענער, ווייל דאן האָבען זייא זיך נאָך גערופען מיט דיעזען נאמען. דאגעגען געפינען מיר אז דער רוימישער היסטאָריקער טאציטוס, אין אנפאנג פון 2טען יאהרהונדערט, עראינערט וועגען כריסטען, ווייל דאן זיינען זיי שוין געווען בעוואוסט מיט דיעזען נאמען.

דאס כריסטענטהום האט אלזאָ געירש'עט פון עסעניזמוס דיא היידנישע אל־לעגאָרישע פאנטאזיעס, וועלכע דיא גריעכען האבען איבערגענוממען פון דיא אלטע געטצענדיענער אונד דיא אלעכסאנדרינישע שוללע אין עגיפטען האט זיי פעראי־דעשט. צווישען דיעזע אללעגאָריעס האבען דיא פאנאטיסע עסענער איבערהויפט זיך אָבגעגעבען מיט דיא אידעע פון א היילינגען גייסט, וועלכע שטאמט אויך ארויס פון דיא אלטע היידען. און אינדיען, אין יענעם לאנד וואָס וואר דיא קוועללע פון אללע אונזיניגע אבערגלויבענס, האבען זיי זיך פאָרגעשטעלט דעם היילינגען גייסט אין דעם געשטאלט פון א טויב. אויך אין רוים, איז א טויב געווען דער צייכען פון דיא ווייבליכע בעשאפענדע קראפט אונד דיא געטין דער ליעבע וועגוס איז אימער פאָר־געשטעלט אין דער בעגלייטונג פון א א טויב. אויך אין פיעלע אנדערע אמונות פון דיא אמאָליגע געטצענדיענער ערשיינט אימער דער הייליגער גייסט פערוואנדעלט אין א טויב, אונד דאס זעלבע געפינען מיר אויך אין עוואנגעליום, וואו עס ווירד ערצעהלט, אז אלס יעזוס האט זיך געטויפט איז דער הייליגער גייסט ארויף געפלוי־גען אויף איהם פון הימעל אלס א טויב.

דיא עסענער האבען אין זייערע געהיימע פאנטאסטישע לעהרע אויך געהאט א בעגריף פון דעם הייליגען גייסט אלס א רוח אלהים, דער געטליכער אטהעם, וועל־כער האט בעשאפען אונד בעלעבט אללע וועלטען, אונד לויט נאך זייער סיסטעמע האבען זייא געזוכט דאס צו בעווייזען פון געוויסע פסוקים אין ביבעל, וויא צום ביי־שפיעל אין תהלים (קאפ. 33, 6) „בדבר ד' שמים נעשו וברוח פיו כל צבאם" דורך גאָטעס „וואָרט" זיינען דיא הימלען בעשאפען געוואָרען אונד דורך דעם אט־העם פון זיין מונד אללע זייערע הערדשאַרען. מיט דעם ערסטען האלבען פסוק, וויא מיר האבען געזעהען, האט זיך בענוצט פילא, אום צו בעווייזען זיין בעהויפטונג

ווענן א „לאָגאָס", א געטליכען וואָרט, א גאָטטעס־זוהן, אונד פון דעם צווייטען האַלבען פסוק האבען דיא עסענער געדרש'ענט זייער אידעע ווענן גאָטטעס־אָטהעם, דעם הייליגען גייסט, אונד וויא אין יענעם אזוי אויך אין דיעזען פאלל האבען זיי איבערגעטראָגען אין יודענטהום היידנישע אנזיכטען פון די אַלע געמצענדינער. אין דיא בראַהמאַנישע לעהרע פון דיא אינדיער הייסט עס אז דיא פּראַנא איז דער לעבענס־פּרינציפּ, דער אָטהעם, דורך וועלכען דער בעשעפּער בראַהמאַ בעלעבט דיא מאַטע־ריע. אין דיא היידנישע געבעט־ביכער פון דיא סיריער איז געזאָגט: „לויב צו דיר הייליגער גייסטינער אָטהעם, וועלכער איז דער הייליגער גייסט; לויב צו דיא דריי פּערזאָנען וועלכע זיינען דער איינציגער וואהרער גאָט". דיעזען רוח אלהים, רוח הקודש, הייליגען גייסט, געפינען מיר איבעראַלל אין עוואַנגעליום.

דיא גריעכען האבען איבערגענוממען פון פערשיעדענע אַנדערע היידנישע פעלקער זייערע אַבערגלויבישע לעהרען, פּערקליידעט אין פּאַנטאַסטיש־פילאָזאָפישע אידעען אונד האבען עס איבערגעגעבען צו דיא אַלעכסאַנדרינישע אידען, דיעזע צו דיא עסענער. יעזוס, אַלס איינער פון דיעזע סעקטע, האט געוואָלט זייערע לעהרען אריינברענגען אין יודענטהום, אבער דאס אידישע פאָלק האט זיי אָבגעשטויסען אונד דאפון האט זיך געבילדעט א בעזונדערע סעקטע, פון וועלכע עס איז ארויס־געקוממען דאס כריסטענטהום.

3טעס קאַפּיטעל.

יעזוס'עס ביאָגראַפיע.

נאָכדעם וויא דיא ערסטע שטראהלען פון דיא מאָדערנע וויסענשאַפט האבען אין דיא לעצטע צייטען פערטריעבען דיא דיקע פינסטערניס פון כריסטליכען פאַנאַטיזם אונד דיא גרויזאמע, בלוטיגע הערשאַפט פון קרייץ אונד שווערד איז עטוואס אבגעשוואכט געווארען, האבען פערשיעדענע געלעהרטע מענער אנגעפאַנגען זיך צו בעשעפטיגען מיט יעזוס'עס פערזאָן פון א היסטאָרישען שטאַנד־פּונקט. פריהער, אין דיא אבערגלויבישע צייטען פון מיטעל־אַלטער, האט קיינער ניט געדאַרפט זיך ערלויבען אוים צו רעדען זאגאר איין איינציגען וואָרט געגען דיא אמונה אז יעזוס איז געווען א גאָט בן גאָט, אונד ווענן א גאָט איז דאָך ניט

מעגליך צו שרייבען ביאָגראַפיעס, אָדער צו אונטערזוכען וועגען זיין געבורטה אונד פאָרשען ווער אונד וואס ער איז געוועז. דיא וויסענשאַפט אָבער קען זיך מיט פוסטע פאנטאזיעס אונד פלוידערהאַפטע נסים ניט צופריעדען שטעללען; דיא וויסענשאַפט האט אלזאָ אראבגענומען פון יעזוס'ען דעם מאנטעל פון וואונדער־באַרקייט אונד אנגעפאנגען איהם צו בעטראַכטען אלס א מענשען, א געוועהנליכען אָדער א העכערען מענשען, אבער יעדענפאללס א בשר ודם, וויא אללע אנדערע מענשען פון דער וועלט.

אָבער ווען מען שרייבט א ביאָגראַפיע מוז מען דאָך דיא ערסטע זאַך וויסען אז דיא פערזאָן וועגען וועלכע עס האנדעלט זיך האט אין דער טהאט עקסיסטירט. אין דער היסטאָריע רעדט מען נור וועגען אזעלכע מענשען וואס האבען ווירקליך גע־לעבט אויף דער וועלט, אבער ניט וועגען אזעלכע וועזענס וואס אירגענד א פאנ־טאסט האט אויסגעטראַכט. וואס אנבעלאַנגט יעזוס'ען איז וועגען דיעזע פראגע זעהר פיעל דעבאטירט געוואָרען, דען דיא היסטאָרישע קריטיק האט נאָך ביז יעצט ניט געקענט אויסגעפינען ריכטיגע אונצווייפעלהאַפטע פאַקטען, אז יעזוס האט ווירקליך געלעבט צו יענער צייט וויא דיא עוואַנגעליומס שרייבען וועגען איהם. דאָ האנדעלט זיך נאַטירליך ניט וועגען אזאַ פערזאָן וויא דיעזע עוואַנגעליומס שטעללען פאָר, אלס א איבערנאַטירליכען מענשען־גאָט, אָדער גאָט־מענש, וואס האט בע־וויעזען נסים ונפלאות, פון מיט אזעלכע לעכטרליכקייטען קען אין א היסטאָרישע ביאָגראַפיע קיין רייד ניט זיין; דיא פראגע איז בלויז אויב א מענש יהושע, אָדער וויא זיי האבען איהם נאכהער א נאָמען געגעבען נאָך דעם לאַטיינישען שפראַך־געברויך יעזוס, פון דער שטעדטעל נצרת, אין דער פאַלעסטינישער פראָווינץ גליל, אויב ער איז א ווירקליכע פערזאָן, אָדער נור איין אויסגעטראַכטעס פאנטאַזיען־בילד.

דיא אידיש היסטאָרישע קוועלען אָדער היסטאָריש־רעליגיעזע גיעבען אויף דיע־זע פראגע קיין בעשטימטע אנטוואָרט. דער גרויסער אידישער פילאָזאָף פילאָ דער אלעכסאַנדרינער, וועלכער האט געשריעבען זיינע בעריהמטע היסטאָרישע ווער־קע אונגעפעהר צו דערזעלבער צייט ווען יעזוס זאָלל האבען געלעבט, ערינערט וועגען איהם א וואָרט ניט. דאס בעווייזט יעדענפאללס, אז אויב יעזוס איז ווירקליך אויפגעטרעטען אלס רעפאָרמאַטאָר, וויא דיא קריסטען זאָגען, האט ער צו יענער צייט קיין ווערטה אונד קיין איינפלוס ניט געהאט. עגיפטען איז פערהעלטניסמעסיג ניט ווייט פון פאַלעסטינא אונד דער פערקעהר צווישען דיא ביידע לענדער, איבערהויפט פון דיא אלעכסאַנדרינער אידען נאָך ירושלים, איז דאן געוועזן זעהר לעבהאַפט. פילאָ זעלבסט, וויא עס איז היס־

טאָריש בעוואוסט, האט אויך בעזוכט ירושלים אונד דענאך האט ער וויא עס שיינט ניט געהערט פון קיין יעזוס'ען אונד פון קיין יעזוס געמיינדע, דען זאָנסט וואָלט אזא געוויסענהאפטער מאן וויא ער איז וועגען דעם געשריעבען.

דער צווייטער אידישער היסטאָריקער פון יענע צייטען איז געווען יאָזעפוס פלאַוויאוס, וועלכער האט געשריעבען זיינע ווערקע עטוואס שפעטער, נעמליך אין דער צייט פון אונגעפעהר 66 ביז 93 יאהר נאך יעזוס'עס געבורטה. דיא כריס־טען האבען אימער בעהויפטעט, אז ביי דיעזען אידישען געשיכטע־שרייבער געפינט מען יא דיא געזוכטע פאקטען וועגען יעזוס'ן. דער ערסטער פון דיעזע פאקטען איז אינדירעקט, יאָזעפוס בעשרייבט (אלטערטהימער 18, 5, 2) וועגען יאָהאנעס דעם טויפער, וועלכער האט געפרעדיגט אז מען זאָלל קוממען צו איהם תשובה טאָהן אונד זיך טובל זיין. אלס עס האבען זיך צו איהם צוזאמען געקליבען מאסען פאָלק אונד דיא אויפרעגונג איז געווען זעהר גרויס האט דער אידישער טעטראַרך (גאָ־ווערנאר) הורדוס אנטיפאס איהם געהייסען ארעטירען אונד הינריכטען. דאס איז צוואר גאנץ ריכטיג, דען אז יאָהאנעס דער טויפער איז געווען א ווירקליכע היסטאָ־רישע פערזאָן איז גאָר קיין צווייפעל ניט. דיא פראגע איז אבער, אויב עס זאָלל זיין ריכטיג וויא דיא עוואנגעליומס ערצעהלען, אז יעזוס איז אויך געקוממען צו יאָ־האנים'ען זיך לאָזען טויפען אונד נאכהער האט ער געשפיעלט אזא וויכטיגע ראָללע אלס יאָהאנים'עס נאכפאָלגער, טאָ פארוואס ערווענט יאָזעפוס ניט וועגען יעזוס'ן גראדע אויף דיעזער פאסענדער שטעללע? דאס אלליין בעווייזט אלזאָ אז יאָזעפוס האט אויך ניט געוואוסט פון א יעזוס'ען, וועניגסטענס ניט פון אזא יעזוס'ען וויא דיא עוואנגעליומס ערצעהלען.

איינע פון דיא שענדליכסטע כריסטליכע פעלשונגען איז פאָלגענדער זאטץ, וועלכער געפינט זיך אין יאָזעפוס'עס געשיכטע (אלטערטהימער 18, 3, 3) דאָרט שטעהט נעמליך געשריעבען: „צו דיעזער צייט איז ערשיענען א געוויסער יעזוס, א געלעהרטער מאן, (אויב מען קען איהם רופען מיט דעם נאמען מאן, דען ער האט בעוויעזען גרויסע וואונדער אונד איז געווען א לעהרער פון דיעניגע וועלכע ווילען אננעהמען דיא וואהרהייט מיט פריידען) אונד ער האט אָנגעצויגען צו זיך פיעלע אידען (אונד אויך פיעלע גריעכען. ער איז געווען דער משיח) אונד ווען פילאַטוס דורך דיא אויפהעטצונג פון אונזערע גרויסע מענער, האט איהם פעאורטהיילט צום קרייץ, זיינען דיעניגע ביי וועלכע ער וואר פון אָנפאנג אָן געליעבט, פון איהם ניט אָבגעפאללען, (דען ער איז נאך אמאָל ערשיענען צו זיי לעבעדיג, אויף דעם דריטען טאָג, פונקט וויא דיא הייליגע נביאים האָבען דאס פאָראוים געזאָגט אונד אונצעל־

בארע אגדערע וואונדער וועגען איהם.) דיא סעקטע פון דיא כריסטען, וועלכע רו־פען זיך נאך איהם עקסיסטירען ביז היינטיגען טאָג."

אין דיעזען זאטץ וואס איז דאָ געבראכט ריכטיג איבערזעצט איז נויטהווענ־דיג צו בעמערקען דיא ווערטער וועלכע זיינען איינגערינגעלט, ווייל דיא כריסטען קענען ניט אָבלייקענען אז דער זאטץ איז געפעלשט אונד אום דאך עטוואס צו האבען א בעוויז, אז יאָזעפוס ערינערט וועגען יעזוס'ן, גיעבען זיי צו אז דיעזע איינגע־רינגעלטע ווערטער זיינען ווירקליך צוגעשריעבען נאכדעם; אבער דער גאנצער איברי־גער זאטץ איז אָריגינעל, פון יאָזעפוס'ען. אין דער טהאט אבער איז דער גאנצער זאץ א פאלשער אונד דאס זיינען מודה אפילו דיא כריסטליכע היסטאָרישע קריטיקער וועלכע זיינען נור ניט פערבלענדעט מיט זייער פאנאטיזמוס. אלס א קלאָרער בעוויז דיענט דער פאקט, אז אין דיא ווערקע פון דעם כריסטליכען קירכען־פאָטער אָריגענעס, וועלכער האָט געלעבט אין 3טען יאהר הונדערט נאך יעזוס'ען, איז וועגען דיעזען זאטץ פון יאָזעפוס א וואָרט ניט ערינערט. ערשט א הונדערט יאהר שפעטער געפינט מען דיעזען זאטץ אין דיא ווערקע פון דעם קירכען־געשיכטע שריי־בער עוזעביוס אונד דארום איז גאָר קיין צווייפעל אז ער האט עס געמאכט דיעזע פעלשונג. אויסערדעם איז דייטליך צו זעהען פון דעם טעקסט אין יאָזעפוס, אז דיעזער זאטץ האט קיין המשך ניט מיט דיא פאָריגע אונד שפעטערע ערצעהלונגען, זאָ דאס ביי'ן ערסטען בליק בעמערקט מען אז דיא ווערטער זיינען נאכהער ארייג־געשטעללט, אונד איבערהויפט איז עס אונמעגליך צו גלויבען, אז יאָזעפוס פלאַווי־אוס, וועלכער האט געשריעבען זיינע ווערק פיר דיא רוימער אונד געזוכט זיך צו זיי צו שמייכלען*), זאָלל רעדען וועגען א אידישען משיח, וועגען אזא זאך וואס דיא רוימער וואָלטען איהם דאפיר פערדאמט אלס דעם געפעהרליכסטען רעוואָ־לוציאָנער.

דער דריטער אונד דער לעצטער זאטץ, אויף וועלכען דיא כריסטען בעציעהען זיך, זיינען דיא ווערטער אין יאָזעפוס'עס געשיכטע, (אלטערטהימער 20, 9, 1) אין וועלכע עס ווירד ערצעהלט, אז אנאנוס כהן גדול האט צוזאממען גערופען דיא סנהדרין אונד געלאָזט ברענגען פיר זיי צום געריכט דעם ברודער פון יעזוס'ען, וועל־

*) וויא וויים יאזעפוס איז געווען א חונף זעהט מען פון זיינע ווערטער (אידי־שע קריעג 4,5,6) וואו ער זאָגט אז וועספאסיאן, דער רוימישער קייזער, וואס האט חרוב געמאכט ירושלים אונד אויסגעשלאכט במעט א האלבע נאציאָן אידען, איז געווען בעשטיממט פון גאָטט אלס רעגיערער פון אידישען פאָלק.

בען מען האט גערופען משיח, וואס זיין נאמען וואר יעקב, אונד איינינע אַנדערע. דען ער האט פאָרגעשטעללט א בעשולדיגונג געגען זיי אלס פערברעכער געגען געזעטץ, אונד זיי זיינען דורך איהם אָבגעגעבען געוואָרען צו פערשטיינען. אויך אין דיזען זאטץ זיינען דיא ווערטער אַז יעזוס'ען האט מען גערופען משיח געפעלשט, צו געשריעבען נאכהער, דאס גיעבען אויך צו אללע כריסטליכע היסטאָרישע קריטיקער.

פון היסטאָריש רעליגיעזע אידישע קוועללען איז קיין געשיכטליכע פאַקטען וועגען יעזוס'ען ניט מעגליך ארויסצונעהמען. אין דער תלמודישער ליטעראַטור געפינט מען קיין איינציגען מאמר אין דעם נאמען פון דיעניגע מענער וואס וואַרען אין יענע צייטען ווען דיא געשיכטע מיט זעזוס'ען זאָל האבען פאָרגעקוממען; אללע מאמרים אין תלמוד וואס עראינערן וועגען „ישו"*) זיינען געשריעבען געוואָרען מיט איינינע הונדערט יאהר שפּעטער, ווען דיא כריסטליכע אמונה איז געוואָרען א העררשענדע אונד דיא אידען האבען שוין פון איהר זעהער פיעל געליטען, דאָרום איז עס אויך קיין וואונדער ניט אַז דיעזע מאמרים זיינען דורכגעדרונגען מיט א טיעפען האסס. יעדענפאַללס איז אָבער ניט מעגליך פון זיי ארויסצונעהמען עטוואס בעשטימטעס וועגען דיא פּערזאָן פון יעזוס'ן, אונד דיא זאַגען וואס ענטהאַלטען זיך אין זיי זיינען פערדרעהט מיט אזעלכע לעגענדעס וועלכע עס איז אונמעגליך צו בעגרייפען. מיר געפינען צום ביישפּיעל א בעהויפּטונג, אַז זיין מוטער אין געוועזען מרים סטדא, אָדער מרים מגדלא, אונד זיא האט איהם געבאָרען פון א געוויסען פּאַנדירא, וועהרענד איהר מאַן איז געוועזען פּאַפּוס (פיללייכט יוסף?) בן יהודה (סנהדרין ס"ז ע"ה): אין איין אַנדער שטעלע הייסט עס, אַז ישו איז געוועזען א תלמיד פון יהושע בן פרחיה, וועלכער האט געלעבט אין דיא צייטען פון ינאי המלך (סנהדרין ק"ז ב".) דאס קוממט אלזאָ אויס מיט אונגעפעהר הונדערט יאהר פריעהער אלס דיא געשיכטע מיט יעזוס'ען האט פּאַסירט. אין דיא שפּעטערע אידישע ליטעראַטור געפינט מען דאָרום סברות, אַז דיעזער יש"ו איז גאָר ניט דעריעניגער יעזוס אין וועל־

*) דער נאמען ישו ערקלערט מען אלס אבגעקירצט פון יהושע, אבער דיא היסטאָרישע בעדייטונג דאפון איז ניט בעוויזען. דער קירכען לעהרער אירענעוס' אין 2 טען יאהר הונדערט בעהויפּטעט, אַז דיא וואַלענטינישע גנאָסטיקער האבען (נאך פיעל פריעהער וויא דער תלמוד) בענוצט דיעזען נאמען „ישו" אונד זיי האבען דאס אויסגעלעגט פון א נוטריקון, אלס א גאָט וואס איז דער בעזיטצער פון הימעל אונד ערד.

כען דיא אייראָפּעאישע פעלקער גלויבען. דאס זעלבע האט אויך בעהויפּטעט אונ־טער אַ שבועה רבי יחיאל פון פּאַריז, דעם 25טען יוני 1240, וועהרענד ער אונד נאָך דריי רבנים, האבען געהאט ביי'ן קעניגליכען הויף אַ דיספּוט מיט אַ געוויסען משומד ניקאָלאַי, וועלכער האט בעשולדיגט דעם תלמוד, אז אין איהם ענטהאַלטען זיך בעליידיגונגען געגען כריסטענטהום. דיא רבנים האבען ערקלערט, אז אין תלמוד געפינען זיך ווירקליך בעליידיגונגען געגען אַ יעזוס דעם זוהן פון פּאַנדיראַ, אבער דאס האט גאָר ניט צו טהון מיט יעזוס פון נצרת, דעם גרינדער פון כריסטענטהום. ווייל דער תלמוד רעדט גאָר וועגען איין אַנדערען, וועלכער האט אויך געטראָגען דעמזעלבען נאָמען אונד געלעבט אַ לאַנגע צייט פריעהער. רבי יחיאל האט נאָך דאַביי אָנגעציינט דאַרויף, אז היעראָנימוס אונד דיא אַנדערע קירכען־פּאַטערס, וועל־כע וואָרען גוט בעקאַנט מיט דעם תלמוד, ערואינערען זאָגאָר ניט אַ וואָרט, אז דאָרט זאָללען זיך געפינען אירגענד וועלכע פיינדליכע אויסדריקע געגען דיא כריסטליכע אמונה. פון דיעזע אַללע ערקלערונגען קומט אַלזאָ שליעסליך ארויס, אז אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור איז גאָר אַ וואָרט ניט ערוואָהנט וועגען דעם יעזוס'ן פון דיא עוואַנגעליומס, אונד דיעזע פאַלשטענדיגע אַבוועזענהייט איז איינע פון דיא ראיות מיט וועלכע עס בענוטצען זיך דיעניגע וואס בעהויפּטען אז יעזוס איז גאָר איין אויסגעטראַכטע לעגענדע אונד אז אין דער ווירקליכקייט האט אַזאַ פּערזאָן קיין מאָל ניט עקסיסטירט*).

עבען דאָס זעלבע איז אויך ביי דיא געשיכטע־שרייבער פון דיא אומות העולם, וואס האבען געלעבט אין יענע צייטען, ניט צו געפינען קיי איינציגען פאַקט וועגען דיא פּערזאָן פון יעזוס'ן. צום ערסטען מאָל ערואינערט וועגען איהם דער היסטאָריי־קער טאַציטוס, וועלכער האט עס געשריעבען אונגעפעהר אַ הונדערט מיט 10 יאהר נאָך כריסטוסען. טאַציטוס ערצעהלט וויא דער טיראַנישער קייזער נעראָ האט גע־הייסען אונטערצינדען רוים אונד דאַן ארויפגעוואָרפען דעם בלבול אויף דיא כריסטען, וועלכע מען האט דאַפיר מאַסענהאַפט אויסגעמאָרדעט מיט דיא שרעקליכסטע

---

*) אַלס איינע פון דיא אידישע קוועללען וועגען יעזוס'ען רעכענט מען אויך דעם בעוואוסטען ביכעל תולדות ישו"י, וועלכער איז פערפאַסט געוואָרען אונבעקאַנט פון וועמען אונד אונבעשטיממט צו וועלכע צייט. דאס ביכעל איז פולל מיט נאַר־רישע פאַנטאַזיעס אונד פּוסטע לעגענדעס, ער האט קיין היסטאָרישען ווערטה אונד קיין ליטעראַרישען זינן, דאַרום געפינען מיר ניט פיר נויטהיג אַזאַ ביכעל אין אַנבע־טראַכט צו נעהמען.

מיתות משונות. טאַציטוס גיעבט צו אז גראַדע אין דיעזען פערברעכען פון אונטער־צינדען דיא שטאָדט רוים זיינען זייא אונשולדיג געווען, אבער זיי האבען כשר פער־פערדינט אזוי בעשטראפט צו ווערען, ווייל זיי זיינען פינסטערע מענשען־פיינדע אונד אבערגלויבער. דער גרינדער פון זייער רעליגיאָן איז געווען כריסטוס, וועלכער איז הינ־געריכטעט געווארען דורך דעם פראָקוראַטאר פּאָנטיוס פּילאַטוס, ווערענד דיא רעגיערונגס־צייט פון קייזער טיבעריוס.

דאס וואללט אייגענטליך געקענט דיענען אלס א היסטאָרישער פאקט, ווען אזא געשיכטע שרייבער וויא טאַציטוס זאגט אז עס האט עקסיסטירט א כריסטוס אונד ערצעהלט באותות ומופתים וועגן אונד דורך וועמען ער איז הינגעריכטעט גע־ווארען. ליידער גיעבט טאַציטוס ניט אָן דיא קוועללע פון וואנען ער נעהמט ארויס דיעזען פאקט. האט ער אונטערזוכט דיא קייזערליכע ארכיוועך פון רוים אונד גע־זעהן דעם אָריגינעללען בעריכט פון פּאָנטיוס פּילאַטוס ? אויף דיעזע פראגע ווייס נאָך דיא געשיכטע ביז יעצט קיין בעשטיממטע אנטוואָרט צו געבען. דיא קירכען־פעטער יוסטין מארטיר אונד עזעביוס בעהויפּטען אפילו אז אין 2טען יאהרהונדערט האט עקסיסטירט א שריפט, אונטער דעם טיטעל „דיא טהאטען פון פּילאַטוס" וועלכע מען פלעגט לערנען מיט דיא קינדער אין דיא היידנישע שוללען, אום זיי צו ווארנען געגען דיא קריסטען ; אבער אויף אזעלכע עדות וויא דיעזע קירכליכע גע־שיכטע־שרייבער קען מען זיך ניט פערלאָזען. וואס אנבעטריפט טאַציטוס זעלבסט איז ער צוואר א וויכטיגער היסטאָרישער אויטהאָריטעט, אבער עס גיעבען פאקטען וואס צייגען, אורזאכע אז פיעל זאכען אין זיינע ווערקע האט ער געשריבען פון הערען־זאגען. עס איז גענוג צו בעטראַכטען מיט וואס פיר א שענדליכע רשעות ער בעשרייבט דיא געשיכטע פון אידען, אונד וועלכע נארישע לעגענדעס ער האט דאָרט אין דיעזע געשיכטע צוזאמענגעשלעפּט, נאכפּלוידערענדיגג דיא פריהעריגע אַנטיסעמיטען, ניט געמענדיג זיך דיא מיהע צו קאָנטראָלירען אויב דיא ערצעהלונגען פון די יודען־פיינדע האבען אירגענד א שטיקעל ממשות. מיט אזא פּארטייאישען היסטאָריקער מוז מען אָלזאָ פּאָרזיכטיג זיין אונד מען דארף איהם ניט גלויבען אויפ׳ן וואָרט, וואו ער צייגט ניט אָן דיא קוועלע פון וואנען ער האט זיין בעהויפּטונג גענומען.

אויך אַנדערע רוימישע שריפטשטעללער פון יענער צייט ערינערען וועגען כריסטוס אונד דיא כריסטען, וועלכע זייא שילדערען אלס א קלאססע פון געפער־ליכע פערדאָרבענע מענשען, דענאָך קען מען אויך פון דיעזע אללע ווערקע ניט ארויסנעהמען קיין בעשטיממטען פאקט וועגען דיא ווירקליכע עקסיסטענץ פון יעזוס

כריסטוס. זייא וויעדערהאָלען נור כמעט דיזעלבע ערצעהלונגען וואס זיינען בע־שריעבען אין דיא עוואַנגעליומס, וועלכע זיינען שוין צו יעדער צייט געווען פער־פאַסט.

דיא איינציגע קוועללען וועגען יעזוס׳עס לעבען בלייבען אַלזאָ נור דיא עוואַנ־געליומס, וועלכע, וויא מיר האבען שוין ערקלערט, זיינען געשריעבען געוואָרען ניט פון זיינע דירעקטע נאכפאלגער, זאָנדערן פון אונבעקאַנטע פערזאָנען, אין א פיעל שפּעטערע צייט, בערך א יאהרהונדערט אדער מעהר פון דיא כריסטליכע צייט רע־בענונג; דאַגעגען זיינען דיא שריפטען פון פּאול, דעם ערסטען משומד, פערפאסט געוואָרען מיט א געוויסע צייט פריעהער. פּאול האט געלעבט באַלד נאָך יעזוס׳ען אונד ער איז געשטאַנען אין פערקעהר מיט דיעניגע פערזאָנען וואס וואַרען יעזוסעס תלמידים. עס איז אַלזאָ כמעט וויא אונמעגליך זיך פאָרצושטעלען אַז פּאָול זאָלל האבען דיא גאַנצע געשיכטע אויסגעטראַכט, אונד זיינע שריפטען, איבער־הויפּט דיעניגע וואס זיינען אַנערקענט אלס אָריגינעל, צוזאַממען מיט דיא עוואַנגע־ליומס, שטעלען פאָר א היסטאָרישען מאַטעריאַל, אום דאַפון צו בעארבייטען א בי־אָגראַפיע פון יעזוס כריסטוס.

דיא ערסטע פראַגע איז נאַטירליך ווען איז יעזוס געבאָרען געוואָרען. דיא כריסטען רעכענען יעצט 1900 יאהר פון יעזוס׳עס געבורטה. דיעזע רעכנונג איז געגרינדעט פון א געוויסען גלח דיאָניזיוס עקסיגוס, וועלכער האָט געלעבט אין 6טען יאהרהונדערט. דער גלח האָט זיין חשבון געמאַכט לויט דיא ערקלערונג פון עוואַנגעליום לוקאס (קאַפּ. 3, 1 אונד 3, 23) אַז יעזוס האָט אויפגעטרעטען אין דיא עפענטליכקייט מיט זיינע לעהרען אלס ער איז אַלט געווען 30 יאהר אונד דאס איז געווען אין דעם 15טער רעגיערונגס־יאהר פון קייזער טיבעריוס. לויט דיא פאַקטען פון דער געשיכטע קוממט אויס, אַז דיעזער 15טער רעגיערונגס־יאהר איז געווען 754 יאהר נאָך דיא אויפבויאונג פון דער שטאָדט רוים, אין דיעזען יאהר, הייסט עס, איז געבאָרען געוואָרען יעזוס אונד פון דאַן אָן פאַנגט זיך אָן צו צעהלען דיא כריסט־ליכע צייט־רעכענונג. אונטערדעסען אבער ערצעהלט דער עוואַנגעליסט מאַטהע־אוס, אַז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען וועהרענד דיא רעגיערונג פון דעם אידישען קעניג הורדוס דעם גרויסען, וועלכער איז, וויא בעוואוסט, געשטאָרבען אין יאהר 750 נאָך דיא ערבויאונג פון רוים. אויב מען זאָל אפילו אַנערקענען אַז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען גראַדע אין דעם יאהר ווען הורדוס איז געשטאָרבען, קומט אַלץ אויס דער חשבון אַז פון דאַן אָן איז שוין אוועק 1904 יאהר. דיא היסטאָרישע

פֿאַרשער פון אונזער צייט ניעבען צו אַז דער גלח עקסינוס האט געמאַכט א טעות אין חשבון אונד דיא כריסטליכע צייט־רעכענונג איז אַלזאָ מיט 4 יאהר וועניגער וויא עס דאַרף זיין אין דער ווירקליכקייט.

ווער זיינען געוועזן יעזוס'ס עלטערען? אויף דיעזע פראַגע געפינען מיר אין דיא עוואַנגעליומס פון מאַטהעאוס אונד לוקאַס א צווייפאַכיגע ערקלערונג: ערסטענס, אַז מאַריא אָדער מרים האַט געבאָרען דיעזען זוהן פון דעם געטליכען היילינגען גייסט אונד צווייטענס אַז מרים'ס מאַן יוסף איז געוועזן זיין פאַטער. מיט דיא ערסטע בעהויפטונג, אַלס א לעגענדע, וועללען מיר אויף דיעזער שטעללע זיך ניט בעשעפטיגען, ווייל דאַ דאַרפֿען מיר בעטראַכטען נור נאַטירליכע פאַקטען. אַלזאָ יעזוס, אָדער יהושע, איז געוועזן א זוהן פון יוסף אונד מרים, אינד ווייל דיא עוואַנגעליסטען ווילּלען דאָך אויספיהרען, אַז דיעזער יעזוס איז געוועזן דער לענגסט־פערשפּראָכענער אונד ערוואַרטעטער משיח בן דוד, דאַס הייסט, אַזעלכער וואס שטאַממט ארויס פון דוד המלך'ס פאַמיליע, דאַרום בעהויפטען זייא אַז יוסף איז ווירקליך געוועזן פון דיעזע קעניגליכע פאַמיליע אונד צייגען דאַבייא אויף זיינע יחוס־בריעף; אַבער דיא היילינגע עוואַנגעליסטען האַבען וויא עס ווייסט אוים ביידע געזאָגט היילינגע ליגענס; דאַס איז צו זעהען פון דיא פאָלגענדע אויסציגע, וועלכע מיר שטעללען דאַ צוזאַממען, איינע נעגען דיא אַנדערע, אום צו בעווייזען וויא זייא פּלוידערען אונד וויעדערשפּרעכען זיך כמעט אין יעדען פונקט:

מאַטעהוס קאַפּיטעל 1.

1.) דיעזעס אין דאס בוך פון דער געבורטס ישוע המשיח, דער זוהן פון דוד, דער זוהן פון אברהם.

2.) אברהם האַט געבאָרען יצחק, יצחק האט געבאָרען יעקב אונד יעקב — יהודה מיט זיינע ברידער.

3.) יהודה האַט געבאָרען פּרץ אונד זרח פון דיא תמר, פּרץ האַט געבאָרען חצרון אונד הצרון—רם.

4.) רם האַט געבאָרען עמינדב, אונד עמינדב דעם נחשון אונד נחשון דעם שלמון.

5.) אונד שלמון האַט געבאָרען בעז

לוקאַס קאַפּיטעל 3.

23.) אונד ישוע איז אַלט געווען אונגעפעהר 30 יאהר אַלס ער האַט אַנגעפאַנגען זיין טהעטיגקייט אונד מען האַט איהם גערעכענט אַלס דעם זוהן פון יוסף, וועלכער וואַר דער זוהן פון עלי.

24.) דיעזער וואַר איין זוהן פון מתת, דער זוהן פון לוי, דער זוהן פון מלכי, דער זוהן פון ינּי, דער זוהן פון יוסף.

25.) דיעזער וואַר א זוהן פון מתתיהו דער זוהן פון אמוץ, דער זוהן פון נחום, דער זוהן פון חסלי, דער זוהן פון נגי,

26.) דיעזער וואַר א זוהן פון מחת, דער זוהן פון מתתיהו, דער זוהן פון שמעי

פון דיא רחב אונד בעז האט געבאָ־רען עובד פון דיא רות אונד עובד האט געבאָרען ישי.

6.) אונד ישי האט געבאָרען דעם קעניג דוד אונד דוד דעם שלמה, פון דיא פרוי וועלכע ער האט אוועקגענוממען פון אוריה.

7.) אונד שלמה האט געבאָרען דעם רחבעם אונד רחבעם דעם אביה אונד אביה דעם אסאָ.

8.) אונד אסאָ האט געבאָרען דעם יהושפט אונד יהושפט דעם יהורם אונד יהורם דעם עזיהו.

9.) עזיהו האט געבאָרען יותם אונד יותם דעם אחז אונד אחז דעם חזקיהו.

10.) אונד חזקיהו האט געבאָרען מנשה אונד מנשה דעם אמון און אמון דעם יאשיהו.

11.) אונד יאשיהו האט געבאָרען יכניהו אונד זיינע ברידער, וועלכע ווארען פערטריעבען נאך בבל.

12.) אונד נאכדעם וויא זיי זיינען געוועזען פערטריעבען אין בבל האט יכניהו געבאָרען דעם שלתיאל אונד שלתיאל דעם זרובבל.

13.) אונד זרובבל האט געבאָרען דעם אביהוד אונד אביהוד האט געבאָ־רען אליקום אונד אליקום דעם עזור.

14.) אונד עזור האט געבאָרען צדוק אונד צדוק דעם יכין און יכין דעם אליהוב·

12.) אונד אליהוב האט געבאָרען

דער זוהן פון יוסף, דער זוהן פון יודה.

27.) דיעזער וואר א זוהן פון יוחנן, דער זוהן פון רישא, דער זוהן פון זרובבל דער זוהן פון שאלתיאל, דער זוהן פון נרי.

28.) דיעזער וואר א זוהן פון מלכי, דער זוהן פון אדי, דער זוהן פון קוסם, דער זוהן פון אלמודם, דער זוהן פון ער.

29.) דיעזער וואר א זוהן פון ישוע, דער זוהן פון אליעזר, דער זוהן פון יורים, דער זוהן פון מתת, דער זוהן פון לוי.

30.) דיעזער וואר א זוהן פון שמעון דער זוהן פון יהודה, דער זוהן פון יוסף, דער זוהן פון יונם, דער זוהן פון אליקום.

31.) דיעזער וואר א זוהן פון מליא דער זוהן פון מינא, דער זוהן פון מתתה, דער זוהן פון נתן, דער זוהן פון דוד.

32.) דיעזער וואר א זוהן פון ישי, דער זוהן פון עובד, דער זוהן פון בעז דער זוהן פון שלמון, דער זוהן פון נחשון.

33.) דיעזער וואר א זוהן פון עמינדב דער זוהן פון ארני, דער זוהן פון חצרון, דער זוהן פון פרץ, דער זוהן פון יהודא.

34.) דיעזער וואר א זוהן פון יעקב, דער זוהן פון יצחק, דער זוהן פון אברהם דער זוהן פון תרח דער זוהן פון נחור.

35.) דיעזער וואר א זוהן פון שרוג, דער זוהן פון רעו, דער זוהן פון פלג, דער זוהן פון עבר, דער זוהן פון שלח.

אלעזר אונד אלעזר דעם מתן אונד מתן דעם יעקב.

16.) אונד יעקב האט געבאָרען יוסף דעם מאַן פון דיא מרים, פון איהר איז געבאָרען געוואָרען ישוע, וועלכען מען רופט משיח.

17 אונד דער צאהל פון דיעזע דורות איז נעמליך: פון אברהם ביז דוד 14 דורות. פון דוד ביז גלות בבל 14 דורות אונד פון גלות בבל ביז דעם משיח 14 דורות.

36.) דיעזער וואר א זוהן פון קינן דער זוהן פון ארפכשד, דער זוהן פון שם, דער זוהן פון נח, דער זוהן פון למך.

37.) דיעזער וואר א זוהן פון מתושלח דער זוהן פון חנוך, דער זוהן פון ירד, דער זוהן פון מהללאל, דער זוהן פון קינן.

38.) דיעזער וואר א זוהן פון אנוש, דער זוהן פון שת, דער זוהן פון אדם, דער זוהן פון אלהים.

וויא מיר זעהען אלזאָ רעכענט מאטהעאוס אין א נאכפאָלגענדע רייהע פון אברהם ביז יוסף אונד ישוע ווערענד לוקאס רעכענט אין איין ארויפשטייגענדע רייהע פון ישוע ביז אָדם הראשון. אום דיעזעביידע טאבעללען צו פערגלייכען דארף מען אל־זאָ לעזען מאטהעאוס פון אויבען אראָפּ אונד לוקאס פון אונטען ארוף, דאן געפינט מען באלד, אז דיא צוויא יחוס בריעף ענטהאלטען פאלשע ערקלערונגען אונד לייקע־נען אָב איינע דיא אנדערע. נעמליך:

1) אין דעם סדר הדורות רעכענט לוקאס אז ארפכשד האט געבאָ־רען קינן אונד פון דיעזען קוממט ארויס שלח, דאן ווידער דער זוהן פון חצרון ארני אונד פון ארני רם. דיא ביידע אנגאבען זיינען א שקר מוחלט. אין דער ביבעל (בראשית רות אונד דה"י) איז אוסדריקליך געזאָגט אז ארפכשד האט געבאָרען שלח אונד אז חצרין האט געבאָרען רם. פון א קינן אונד איין ארני איז קיין זכר ניט דאָ.

2) מאטהעאוס זאָגט, אז יעזוס שטאממט אָב פון דוד המלך אונד זיין זוהן שלמה, נאך דער רייהע פון דיא מלכי יהודה, ווערענד לוקאס בעהויפטעט אז יעזוס קוממט נאָר ארויס פון דוד המלך'ס זוהן נתן, דעם עלטערן ברודער פון שלמה, אונד דאן רעכענט דיעזער לוקאס אָן א גאנצע רייהע דורות ביז ער קוממט צו זרובבל בן שאלתיאל, וועלכער, וויא עס קוממט אויס נאך דיעזע פאלשע ער־קלערונג, שטאממט ארויס פון נתן בן דוד, ווערענד אין דער ביבעל (ד"ה 3.) איז דייטליך געזאָגט אז זרובבל איז איין אייניקעל פון יכניה מלך יהודה, אלזאָ איין אבקאָמלינג פון שלמה המלך, אבער ניט פון נתן בן דוד. דאס בעווייזט אלזאָ אז

אַללע נעמען וועלכע לוקאס צייגט אין דער רייהע פון נתן ביז זרובבל זיינען אויסגע־טראַכטע לינעגס. אונד אז דיעזער „הייליגער" שרייבער איז פשוט געווען א גראָבער יונג, וואס האט ניט געוואוסט ריכטיג זאָגאר דיא איינפאַכע געשיכטע פון „דברי הימים".

3) מאַטהעאוס רעכענט די רייהע פון דיא מלכי יהודה אז יהורם האט געבאָרען עזיהו, וועהרענד דער פאַקט איז, אז יהורם האט געבאָרען אחזיהו, פון דיזען איז דער זוהן יואש, פון יואש, אמציהו אונד דיעזער האט דאן געבאָרען עזיהו. מאַטהעאוס לאָזט אַלזאָ דורך דריי קעניגע, ווייל ער דאַרף האבען פאר זיינע דוממע רעכענונגען אז פון דוד המלך ביז גלות בבל זאָל זיין א צאהל פון 14 דורות. ווייטער קוממט עס ביי איהם אויס, אז יכניה (אָדער יהויכין) איז א זוהן פון יאשיהו, וועהרענד אין דער טהאט איז יכניה א זוהן פון יהוקים אונד יהויקים איז דער זוהן פון יאשיהו, דאַן זאָגט ער אז יכניה האט געהאט ברידער, וועהרענד אין דער ביבעל איז וועגען דעם א וואָרט ניט ערינע רט.

4.) מאַטהעאוס וויל דאָ בעווייזען אין דער 3 מאָל 14 צאהל, נעמליך: פון אברהם ביז דוד, פון שלמה ביז גלות בבל און פון שאלתיאל ביז יעזוס, אז דיא גאַנצע אָבשטאַממונג נאך דיעזע פעריאָדען איז א געטליכע אָרדנונג, ווייל 7 אָדער 2 מאָל 14 איז א הייליגע צאהל, לויט דיא עסעניש־מיסטישע לעהרע. אונטערדעסען קען ער זאָגאר ניט ריכטיג איבערצעהלען, דען נאכדעם וויא ער האט אָנגערעכענט דעם גאַנצען יחוס געפינען זיך פון אברהם ביז יעזוס אייגערעכענט ניט 42 זאָנדערן נור 41 דורות. לוקאס ווידער האט געוואָללט האבען פון אדם הראשון ביז יעזוס'ען 77 דורות, אַלזאָ 11 מאָל זיעבען אונד ביי איהם שטימט דיעזער צאהל נור דאַן ווען ער רעכענט גאָט אויך צו אלס א דור.

5.) פון זרובבל'ס נעכסטע נאכפאָלגער, וועהרענד דיא גאַנצע צייט פון בית שני, גיעבט עס קיינע ריכטיגע געשיכטליכע פאַקטען ווער עס זיינען געווען דיא פרינצען פון בית דוד. אין אַלגעמיין זיינען דיא גרעסטע טהייל פון דיא אידישע פאַמיליען־רעגיסטערס אונד זייערע יחוס־בריעף נאך מיט א צייט פריעהער פערלאָרען געגאַנגען, אונד דיא איבריגע האט דער דעספאָט הורדוס פערניכטעט. דענאָך קוממען דיא צוויי עוואַנגעליסטען אונד רעכנען פון זרובבל ביז יעזוס'ען געוויסע נעמען, וועלכע וויא עס איז דייטליך צו זעהן האבען זיי אויסגעטראַכט וויא עס איז זיי איינגעפאַללען אין זינען אונד דארום האט יעדער געשריעבען גאַנץ אַנדערע נעמען. מאַטהעאוס זאָגט אז זרובבל האט געהאט א זוהן אביהוד אונד לוקאס גיעבט איהם א נאמען רישא, וועהרענד פון דברי הימים איז צו זעהן אז זיי זאָגען ביידע

לינען.(קאפ. 3, 19)יוסף, דער זאָגענאַנטער פאטער פון יעזוס'ן, איז א זוהן פון יעקב, ווערענד ביי לוקאס איז ער גאָר א זוהן פון עלי, אונד אזוי ווייטער אין דיא גאנצע רייהע פון דיא דורות, אין וועלכע דיעזעביידע כראָנאָלאָגישע שרייבער פון יעזוס'ען שטיממען ניט איין זאָגאר מיט קיין איינציגען וואָרט.

איבערהויפט איז עס אונגלויבליך, אז אירגענד אין א שטעדטעל פון גליל, בייא א אידישען האַלץ־ארבייטער, וויא דיעזער יוסף דער מאן פון מרים איז גע־ווען, זאללען זיך געפינען יחוס בריעף פון גלות בבל, א צייט פון בערך 600 יאָהר. אונד אז דער יחוס וואס דיא עוואנגעליסטען רעכנען אוים איז פאבריצירט, זעהט מען שליעסליך אויך דאפון, אז ווערענד אזא לאנגע צייט האבען לויט וויא מאט־העאוס זאָגט עקסיסטירט נור 14 דורות. לוקאס רעכענט אוים ווערענד דיעזע צייט 20 דורות אונד דאמיט האט ער געוואָללט מאכען אז זיינע שקרים זאָללען זיך ניט אזויא ווארפען אין דיא אויגען.

וואו איז יעזוס געבאָרען געוואָרען?

אין מיכה (קאפ. 5) האבען זייא דערזעהען א פסוק: אונד דוא בית לחם אפרתה, אבוואָהל דו ביזט אזוי ווינציג אונטער די טויזענדע פון יהודה, דענאָך קומט פון דיר ארויס איינער צו זיין א הערשער אין ישראל, אונד זיין אבשטאממונג איז פון פריהער פון אוראַלטע צייטען". אז דער פראָפעט מיכה האט דאָ גערעדט וועגען זיינע צייטען זעהט מען קלאָר מיט א פאאר פסוקים ווייטער, וואו ער זאָגט אז די־זער אידישער הערשער וועט רעגיערען איבער דיא קעניגרייך אשור. אלזאָ האנדעלט זיך דאָ געוויס ניט וועגען דיא ווייטע משיח־צוקונפט, ווען אשור איז שאן לאנג אוף דער וועלט ניט געווען. דיא עוואנגעליסטען האבען אבער זיך גאנץ ווענינ געקימערט, אדער זייא האבען פשוט ניט פערשטאַנען דעם היסטארישען אונד לאגישען זינן אין דער ביבעל; פאר זייער ציעל איז נויטהיג געווען אוים צוגעפינען אין יעדען פסוק נביאות אויף א משיח אונד צו בעווייזען מיט פוסטע ראיות אז דיעזע אללע פראָ־פעצייאונגען זיינען געזאָגט געוואָרען אויף יעזוס'ען; האט מיכה מיט דיעזע ווערטער אויך געמיינט א משיח אונד אום דאס זאָלל פאסען אויף יעזוס'ען איז דאָך נויטהיג געווען ער זאָלל געבארען ווערען אין בית לחם, אבער דאס איז שוין ניט געווען אזויא לייכט וויא צו פלוידערען מיט אויסגעטראכטע פאלשע נעמען, אז יעזוס שטאממט ארויס פון דוד המלך'ס פאמיליע. דער יחוס פון יעזוס'עס עלטערען איז געוויס ניט געווען בעוואוסט אונד דארום האט דאָך קיינער ניט געקענט בעוויזען אז דיעזע בע־הויפטונג איז לינען, דאגעגען איז יעזוס געווען א נצרי, דאס הייסט פון דער שטאדט נצרת, אונד יעדער איינער האט דאָך געקענט וויסען אז דאָרט איז געווען דער וואָהנונגס־

אָרט פון זיינע עלטערן. אַלזאָ וויא זאָלל מען דאָך פּאָבריצירען אַ וואהרשיינליכען לינען אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען אין בית לחם?

אויך אין דיעזען פאַלל ווידערשפּרעכען זיך דיא עוואַנגעליסטען איינער דעם אנדערן אונד יעדער ערצעהלט אַ בעזונדערע מעשה. מאַטהעאוס שילדערט אין דיא ערסטע צוויי קאַפּיטלען דיא גאַנצע געשיכטע פון יעזוס'עס געבורטה אונד זאָגט איינפאַך, אז דאס איז פּאָרגעקומען אין בית לחם, עס הייסט אַלזאָ, אז זיינע ערטערן האבען דאַן געוואָהנט אין יענער שטאָדט, וואו מאריא איז נאך דאַן געוועזען ניט יוסף'ס פרוי זאָנדערן נור זיין כלה, אונד באַלד נאכדעם זיינען זיי ביי נאכט, וואהרשיינליך דיזעלבע נאכט, ענטלאָפען נאך עגיפּטען, וויל דער אידישער קעניג הורדוס האט געזוכט דעם ניי געבאָרענעם „משיח" צו ערמאָרדען. אין עגיפּטען זיינען זיי פערבליעבען ביז הורדוס אוז געשטאָרבען, אָבער וויא לאַנג דאס האט געדויערט איז ניט ערקלערט. זיי האבען דאַן געוואָלט צוריק קעהרען נאך בית לחם, אבער אונטער דער רעגיערונג פון הורדוס'עס נאכפאָלגער ארכעלאוס האבען זיי זיך אויך ניט געפיהלט זיכער אונד דארום האבען זיי זיך בעזעצט אין דער שטעדטעל נצרת, פון דער פּראָווינץ גליל. אויף דיעזען אופן וויל מאַטהעאוס מאכען רעכט ביידע זאכען, אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען אין בית לחם אונד דענאך האט מען איהם גערופען נצרי, נור דארום וויל ער איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרען אין נצרת.

דאגעגען ערצעהלט לוקאס דיא געשיכטע גאַנץ אנדערס. יעזוס'עס עלטערן האבען געוואהנט אין נצרת, אבער אין יענע צייטען האט דער רוימישער קייזער אויגוסטוס ארויס געגעבען אַ בעפעהל אז מען זאָלל צעהלען אַללע איינוואהנער פון לאַנד. דאס וואר דיא ערסטע צעהלונג וועלכע איז פּאָרגעקוממען וועהרענד קווירינוס איז געוועזען דער גאָווערנאר פון סיריען. פון גאַנצען לאַנד האט אַלזאָ יעדער זיך בעגעבען אין זיין שטאָדט, אום דאָרט איינגעשריבען צו ווערען. אונד יוסף, וועלכער וואר פון דוד המלך'ס פאמיליע, איז פיר דיזען צוועק אויך געפאהרען נאך בית לחם, די דוד־שטאָדט. מיט איהם צוזאמען איז געפאהרען זיין שוואַנגערע כלה מרים, אום זיא זאָלל אויך איינגעשריעבען ווערען. אלס זייא זיינען דאָרט געקוממען האט זיא געבאָרען איהר בכור, דעם יעזוס'ען, וועלכען זיא האט איינגעוויקעלט אין ווינדעלאך אונד אוועקגעלעגט אין אַ קאָריטע, וויל זייא האבען אין אכסניה ניט געקענט קריעגען קיין פּלאַץ וואו צו נעכטיגען.

נאך פערלויף פון אכטאג האט מען דעם נייגעבאָרענעם מהל געוועזען אונד אַ

נאמען געגעבען ישוע, דאן האבען זיי בעזוכט ירושלים, אום צו ברענגען דעם געזעטצ־ליכען קרבן אונד פון דאָרט צוריקגעקעהרט נאך זייער היימאטה־שטעדטעל נצרת.

דיעזע ערצעהלונג, אין וועלכע יעדעס וואָרט איז ליגען, בעווייזט אז דאס עוואנגעליום לוקאס, גראדע וויא אַללע אנדערע, איז פערפאסט געוואָרען פון איין אונבעקאנטען אונד אונגעבילדעטען שרייבער אין פיעל שפעטערע צייטען, דען לוקאס, וועלכער האט געלעבט באלד נאך יעזוס׳ען, וואלט דאך געמוזט וויסען דיא וואהרע בעגעבענהייטען אונד וואָלט דאך ניט געקענט אנפלוידערען אזעלכע שקרים. אין דעמזעלבען עוואנגעליום, באלד אין אָנפאנג, זאָגט ער אויך גראדע וויא מאטעאוס, אז דאס אַללעס איז פאָרגעקוממען וועהרענד דיא צייט פון הורדוס׳עס רעגיערונג. אונטערדעסען ווייס מען פון דיא רוימישע געשיכטע, אז דיא צעהלונג וועלכע קווירינוס, דער רוימישער גאָווערנאָר, האט דעם ערסטען מאָל געמאכט אין פאלעסטינע, איז אונטערגענוממען געוואָרען אונגעפעהר 10 יאהר שפעטער נאך הורדוס׳עס, טויט נאכדעם וויא הורדוס׳עס נאכפאָלגער ארכעלאוס, איז אָבגעזעצט געווארען פון טהראָן אונד דאס לאַנד יהודה איז צוגענוממען געוואָרען אלס רוימישע פראָווינץ.

דיא מאָדערנע כריסטליכע טהעאָלאָגיען זוכען צו פערענטפערען דיעזען ליגען פון זייער „הייליגען" עוואנגעליסט אונד צייגען אָן דארויף, אז קווירינוס איז צוויי מאָל געווען גאָווערנאָר אין סיריען, דעם ערסטען מאָל נעמליך וועהרענד דיא צייט פון הורדוס׳עס רעגיערונג אין פאלעסטינא, אָבער דאס איז א קנאפער תרוץ, דען דאמאָלס, אונטער הורדוס׳ען איז פאלעסטינא געווען א בעזונדערע קעניגטהום, אונד לויט רוימישען געזעטץ האט א צעהלונג געקענט געמאכט ווערען נור אין א לאַנד וואָס איז געשטאנען דירעקט אונטער זייער הערשאפט, אלס א רוימישע פראָווינץ, אום צו פערשרייבען דיא איינוואהנער אונד זייער פערמעגען, פיר דעם צוועק ארויפצולעגען אויף יעדען געוויסע שטייערען. ביי אזא צעהלונג האט דיא רוימישע רעגיערונג קיין מאָל ניט געפאָדערט אז יעדער זאָל זיך בעגעבען נאך דער שטאָדט פון וואנען זיין פאמיליע שטאַממט ארויס, גראדע פערקעהרט: מען האט פערשריעבען יעדען דאָרט וואו ער האט געוואָהנט, אום מען זאָל אויף דיעזען אופן ריכטיגער קענען וויסען זיין פערמעגענס־צושטאנד. אונד עס וואָלט ווירקליך געווען לעכערליך צו בעהויפטען, אז יוסף, ווען עס זאָל אפילו זיין אמת אז ער קומט ארויס פון דוד׳ס פאמיליע, האט געמוזט פאָהרען זיך פערשרייבען אין בית לחם, ווייל מיט אונגעפעהר טויזענד יאהר צוריק איז דאָרט געבאָרען געוואָרען דוד המלך.

דיא רוימישע רעגיערונג האט זיך ביי אזא צופאַל וועגען דיא אידישע אָבשטאַמונג נאָך זייערע שבטים גאָר ניט געקימערט, אונד זיי וואָללטען אויך אזא זאַך קיינ־מאָל ניט געקענט ברענגען אין אָרדענונג, דען דאמאלס איז שוין געווען גאַנץ וועניג בעוואוסט ווער עס שטאַממט פון וועלכען שבט.

ווייטער איז א ליגען דיא בעהויפטונג אז מאריא איז מיטגעפאָהרען נאָך בית לחם מיט איהר פערלאָבטען יוסף, אום זיא זאָלל דאָרט אויך פערשריעבען ווערען. דאס איז נויטהיג געווען נור פיר דעם עוואַנגעליסט, אז מאריא זאָלל אהין פאהרען, אום דארט צו ברענגען אויף דער וועלט זיין משיח, וועלכער מוז דאָך גע־בארען ווערען אין דער דוד־שטאדט; אבער וואס אַנבעטריפט דיא רוימישע געזעצען האט זיך אזא זאַך גאר ניט געפאָדערט, דיא רוימישע בירגער זיינען ניט פער־פליכטעט געווען צו ברענגען זייערע פרויען אונד קינדער צו א צעהלונג, זאָנדערן נור אָנצוגעבען זייערע נעמען. ווען לוקאס זאָל האבען געזאָגט, אז מאריא איז מיט געפאהרען מיט איהר חתן פרייוויללינ, וואָלט עס געווען נור אונוואהרשיינליך, אז א פרוי אין דיא לעצטע מאָנאטען פון שוואַנגערשאפט זאָלל אָהן א בעזונדערע נויטהווענדיגקייט מאכען אזא וויימע רייזע, אָבער ווען ער בעהויפטעט אז מא־ריא איז געווען געצוואונגען צו דיעזע רייזע, אום זיך צו פערשרייבען ביי דיא צעה־לונג, איז דאס פשוט א ליגען.

אויך אין אייניגע אנדערע ערטער, וואו לוקאס פאנגט אָן צו רעדען וועגען היסטאָרישע פאקטען, געפינט מען אז זיינע בעהויפטונגען זיינען פאַלש. דער פער־פאסער פון דיעזען עוואנגעליום, אונטער לוקאַס'עס נאמען, האט וואהרשייליך עט־וואָס געהערט וועגען אזעלכע בעגעבענהייטען, אבער ער האט ניט געוואוסט ווען אונד וואו זייא האבען פאסירט, אין קאפיטעל 3, 1 זאגט ער, צום ביישפיל, אז יוחנן המטבל האט געפּרעדיגט צו דער צייט ווען אין פּאלעסטינא איז געווען א טעט־ראַרך, דאס הייסט א גאווערנאר, א געוויסער ליזאניאס, וועהרענד אין דער געשיכ־טע איז בעוואוסט אז ליזאניאס איז אומגעבראַכט געווארען מיט א 60 יאהר פריהער.

דיא גאַנצע געשיכטע אלזאָ, וויא ביידע עוואַנגעליסטען ערצעהלען, אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען אין בית לחם, צייגט זיך ארויס אַלס פאַלש אונד אונבעגרינ־דעט. אין זייערע אייגענע עוואנגעליומס אונד איבעראל אין נייעם טעסטאַמענט איז געזאָגט אז ער איז געווען א גלילי, א נצרי, דאס הייסט א געבאָרענער פון דער שטעד־טעל נצרת, אין דער פּראָווינץ גליל, אונד זיינע נעכסטע נאכפאָלגער האבען זיך אויף גערופען מיט דעם נאמען נצרים, דער עוואַנגעליסט יוחנן (קאפּ. 7, 41־42)

זאָגט דייטליך, אז דיא אידען האבען אין איהם געצווייפעלט ווייל ער שטאַמט ארויס פון גליל, וועהרענד דער אמת'ער משיח דאַרף זיין פון דוד'ס פאַמיליע פון שטאָדט בית לחם. דיעזער עוואַנגעליסט גיעבט אלזאָ צו, אז יעזוס איז ניט געווען פון דוד'ס פאַמיליע אונד איז ניט געבאָרען געוואָרען אין בית לחם.

אין דיעזער שטעדטעל נצרת האט יוסף געלעבט אלס איינפאַכער האָלץ־אַר־בייטער, א סטאָליאַר, פון דיא ניעדריגע פאָלקס־קלאַססע. מרים, אָדער וויא זייא האבען שפּעטער א נאָמען געגעבען מאַריא, איז געווען זיין כלה, דאס הייסט זיין פרוי מיט וועלכע ער איז מיט איהר נאָך ניט צוזאַמען געקוממען, דען דאַמאָלס פלעגט מען א כלה מקדש זיין גלייך צו תנאים. וועגען דיא פאָרגעשיכטע פון דיעזע מאַריא איז אין דיא עוואַנגעליומס גאָר ניט ערינערט. דאגעגען געפינט מען אין דיא אַפּאָקריי־פישע שריפטען אז מאַריא'ס פאטער איז געווען א געוויסער יאָאפים, (יהונתן) אויך פון שבט יהודה, ער האט געוואהנט אין נצרת, אלס רייכער בעזיטצער פון סטאַ־דעס. אלס ער איז אַלט געוואָרען 20 יאהר האט ער געהייראַטה א געוויסע חנה, א מעדכען פון בית לחם, וועלכע שטאַממט אויך ארויס פון דוד המלך'ס פאַמיליע. חנה איז א לאַנגע צייט געווען איין עקרה, אונד שליסליך נאָך 20 יאהר פון איהר פערהייראַטהונג האט זיא געבאָרען דיעזע טאָכטער מאַריא.

וועגען די ווייטערע פערהעלטניסע פון יעזוס'עס משפחה וויס מען נור אזוי פיעל אז ער האט געהאט ברידער אונד שוועסטער. דיא עוואַנגעליסטען (מאַטהעאוס 13, 55, מאַרקוס 6, 3) רופען אָן דיעזע ברידער מיט נעמען: יעקב, יוסף, שמעון אונד יהודה. אויב זייא זיינען געווען יעזוס'עס לייבליכע ברידער פון מאַריע'ן, אדער האלב ברידער, וועלכע יוסף האט געהאט פון א פריעהערע פרוי, וויא דיא אַפּאָקריפען ער־צעהלען, איז אונבעקאַנט. פיעל וואהרשיינליכער איז אָבער אז זיי זיינען ווירקליך מאַריא'ס קינדער, וועלכע זיא האט נאָכהער געבאָרען, דען מאַטהעאוס (2, 25) זאָגט דייטליך אז יעזוס איז געווען איהר ע ר ס ט ע ר זוהן. יעדענפאַלס זעהט מען פון דיא עוואַנגעליען, אז יעזוס איז געווען אָבגעפרעמדעט פון זיין משפחה אונד זיי האבען אין איהם ניט געגלויבט. מאַרקוס ערצעהלט זאָגאַר אז זיי האבען איהם געוואָלט ארעטטירען, אלס א משוגע'נעם. (קאפּ. 3, 21). ערסט נאָך זיין טויט האבען דיא ברידער אונד דיא מוטער זיך אָנגעשלאָסען צו דיא ערסטע געמיינ־דע פון זיינע גלויביגער אונד יעקב האט געשפּיעלט א וויכטיגע ראָללע אלס פאָר־שטעהער אין דיעזע געמיינדע.

צעלזוס, א בעריהמטער פילאָזאָף, האט אין 2 טען יאהרהונדערט נאָך יעזוס'ען ארויסגעגעבען א וויכטיגע פּאָלעמישע שריפט געגען דיא כריסטען, אין וועלכע ער

רופט זייא אבערגלויבער אונד שווערמער. דאבייא ערקלערט ער אויך, אז מאריא איז שוואנגער געוואָרען פון א געוויסען סאָלדאַט פּאַנדירא, אונד דאפיר איז זיא פון איהר מאן פערשטויסען געוואָרען. פון יענע צייטען שטאַממט אויך א זאגע, וועלכע איז זאָגאר ניט היסטאָריש, אבער יעדענפאללס קען מען איהר אויך אזויא פיעל גלויבען וויא דיא מעשות פון עוואנגעליום, דיעזע זאגע בעשטעהט אין פאָלגענדעם:

א געוויסער אויפאנעס, פון דיא סעקטע טהעראַפּעוטען (עסענער), האט זיך מתודה געוועזען פאר דעם עלטעסטען פון זייער געמיינדע אין פּאַלעסטינא, אז נאך פסח צייט איז ער געוועזען אין דער שטעדטעל נצרת. עס איז דאן ענטשטאנדען א פירכטערליכער שטורם אונד געהעגדיג פארבייא א הויז האט ער דערזעהען ביי'ן אָפענעם פענסטער א בילד שעהנעס מעדכען, וועלכע האט געקוקט אויף דעם ברויזענדען מעער אונד מיט גרויס אנגסט גערופען דעם נאמען יאָזעף. אויפאנעס, אנגעטהאָן אין זיינע ווייסע קליידער, וויא די עסענער האבען עס געטראגען, איז אריינגעגאנגען אין הויז אונד געזאָגט צו דאס מעדכען: „שרעק זיך ניט, דוא וועסט געבאָרען א זוהן וויא דוא ווינשט זיך אלליין." זיא אבער האט דארויף געפרעגט: „וויא איז דאס מעגליך אז איך, א יונגפרויא, זאלל געבאָרען א זוהן?—יא, איך בעט נור גאָט, אז ווען עס וועט קוממען דיא צייט זאלל איך האבען א זוהן, וועלכער זאל וויא יהושע פון אמאל קעמפפען אונד בעפרייען זיין פאלק."

דער עסענער, וועלכער איז געבלענדעט געוואָרען פון איהר שעהנהייט, האט איהר איינגערעדט, אז דורך דיא מאכט פון הייליגען גייסט קען ער איהר בענטשען אז איהר וואונש זאָל ערפיללט ווערדען. דאביי האט ער איהר געזאָגט א סימן, אז ער קוממט יעצט פון יוטא, וואו עס וואהנט איהר פערוואנדטע אלישבע, דיא פרוי פון דעם כהן זכריהו, וועלכע וואר פיעלע יאהרען אונפרוכטבאר, אבער יעצט האט איהר גאָט געבענטשט אונד זי איז שוואנגער אין 6טען מאָנאט*). דאס מעדכען

---

*) דיא זאגע שטיממט פאָלקאָמען מיט דיא ערצעהלונג פון עוואנגעליסט לוקאס, אין ערשטען קאפּיטעל, וואו ער זאָגט אויך, אז אלישבע, דיא מוטער פון יוחנן המטבל, איז צו יענער צייט געוועזען אין 6טען מאָנאט פון איהר שוואנגערשאפט, אלס איהר פערוואנדטע מאריא פון נצרת איז צו איהר געקוממען אונד ערצעהלט, אז א מלאך איז ביי איהר געוועזען אין נצרת אונד זיא איז שוואנגער געוואָרען פון הייליגען גייסט.

האט דאן איהם געגלויבט אונד אין דעם רויש פון עקסטאז האט זיא זיך איהם איבערגעגעבען.

איידער מאריא האט נאך ערוואכט פון דיעזע פאנטאסטישע בעצויבערונג איז אויפאנעס ענטלאפען, בערעכענענדיג וואס פיר א שאנדטהאט ער איז דא בע־גאנגען אונטער דעם איינפלוס פון א פערפיהרערישען מאמענט. מאריא איז צו זיך געקומען אונד געזעהען אז קיינער איז אין הויז ניט דא. באלד נאכדעם האט אויך צוריקגעקעהרט איהר פערלאבטער יוסף, וועלכער וואר אבגעפאהרען אין זיין שיפעל אויפ'ן ים. מאריא אין איהר אונשולד האט יוסף'ן ערצעהלט וואס מיט איהר איז דא פארגעקוממען אונד ערקלערט, אז דאס איז געווים געוועזען א מלאך פון גאט, וועלכער האט איהר געבראכט אין א צושטאנד פון הייליגע ענטציקונג. יאזעף האט ניט געוואוסט אויף וואס זיך צו ענטשליעסען אונד איז אוועקגעגאנגען גאר ניט ענטפערענדיג.

דריי מאנאטען זיינען פארביי געגאנגען. מאריא האט אנגעפאנגען צו שפיע־רען אז זיא איז שוואנגער, אונד האט זיך דאן בעגעבען צו איהר קרובה אלישבע, דיא פרוי פון כהן זכריה. דיא זאך איז באלד אויך בעוואוסט געווארען אין דיא אומ־גענענדען פון גליל, אונד פיעלע פרומע אידען האבען געגלויבט אז א מלאך איז ווירקליך געוועזען בייא דיא מאריא אונד אז עס וועט פון איהר געבארען ווערען דער פערשפראכענער משיח, וועלכער וועט ברענגען דיא גאולה פיר זיין פאלק. מאריא זעלבסט איז דאן צוריק געקוממען נאך נצרת אונד ענטדעקט איהר חתן יוסף, אז זיא איז שוואנגער פון א מלאך. יוסף, ניט פיעל קליגער וויא אללע זיינע לאנדס־לייטע, האט מורא געהאט איהר צו פערשטויסען אונד אויסערדעם איז ער געוועזען פאלקאסמען איבערצייגט אין איהר אונשולד, דארום האט ער זיך ניט געקענט ענטשליעסען צו ברענגען אויף איהר א קלאגע אלס פערברעכערין אין זנות. צוערסט איז זיין אבזיכט געוועזען איהר שטללערהייט, אהן עדות צו געבען א גט, אלס ער האט אבער געהערט אז אויך דער כהן זכריהו האט זיך זעהער דערפרעהט מיט דיא בשורה פון דעם מלאך, איז ער א לענגערע צייט ארומגעגאנגען טיעף פערטראכט מיט דיעזע געדאנקען, ביז דאס האט אזויא שטארק געווירקט אויף זיין איינבילדונג־קראפט, אז ער האט אין חלום ווירקליך געזעהן איין איבערנאטירליכע ערשיינונג, א זארט מלאך, אונד איהם האט זיך געדוכט אז דיעזער מלאך וויעדערהאלט דאס־זעלבע וואס מאריא האט איהם געזאגט. פון דאן אן האט ער זיך ענטשלאסען צו געבען מאריא'ן זיין נאמען אונד מיט איהר צו הייראטהען אונד איהר ניט צו בע־ריהרען, ביז ,יא וועט ענטבונדען ווערען.

דיעזע זאגע האט אין זיך זעהר פיעל וואהרשיינליכקייט, יעדענפאללס מעהר וויא דיא פוסטע נסים פון דיא עוואנגעליומס, וועלכע זיא ערקלערט אויף א גאנץ נאטירליכען אופן. אין יענע אבערגלויבישע צייטען, איבערהויפט נאך אין אזא פראָווינץ ווי גליל, האט אזא זאך גאנץ לייכט געקענט פאָרקומען. אין גליל איז דאן ניט געוועזן קיין שפור פון אידישע וויסענשאפט; איהרע איינוואהער וואָרען דורכשניטליך עמי הארצים, פאנאטיקער אונד פערזונקען אין טיעפסטען היידנישען אבערגלויבען, וועלכען זיי האבען אָנגענוממען פון זייערע שכנים, דיא סיריסע גריעכען. דיא אידען פון גליל, אין זייער אונוויסענהייט האבען געגלויבט באמונה שלמה אין שדים, רוחות, מזיקים, גלגולים, וועלכע פליעהען אריין אין מענשליכען קערפּער אונד זיינען דיא אורזאכע פון אללע קראנקהייטען; רייגע, אונריינע אונד הייליגע גייסטער האָבען געשפּיעלט א וויכטיגע ראָללע אין יענער פאנאטישער פראָווינץ אונד דאָרט אלזא האט מאריא'ס ערקלערונג, אז זיא איז שוואנגער געוואָרען פון א הייליגען גייסט, געקענט געפינען פיעלע גלויביגער.

ביי דיא אלטע געטצענדיענער אונד אונד אויך ביי דיא דאמאָליגע גריעכען אין געוועזן זעהר שטארק פערברייטעט דיא אמונה, אז א מענש קען געבאָרען וועררען דורך דעם איינפלוס פון הייליגען גייסט. דיא אידען פון יענע לענדער, איבערהויפט דער פראָסטער המון, האט אויך דארין פאָללשטענדיג געגלויבט, אונד אויף דיעזען אופן קען זעהר מעגליך זיין אז אייד'ער יעזוס איז נאך געבאָרען געוואָרען האט מען דאָרט שוין ערווארט זיין ערשיינונג אלס פון איין איבערנאטירליכען וועזען, אלס א משיח, אָדער א גאָטעס־זוהן, וואס וועט זיין אים שטאנד צו שאפען נייע גליקליכע צייטען פיר זיין פאָלק.

ווען מען זאָלל זיך פאָרשטעללען, אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען אונטער אזעלכע אומשטענדען, אז ער איז ערצייגען געוואָרען אין דיזען גלויבען פון א געטליכע פאטערשאפט אונד נאכהער איז ער געקוממען אין בעריהרונג מיט דיא געהיימניספאָללע, ווילדע לעהרען פון דיא עסענישע סעקטען, ווען מען זאָלל בעטראכטען דעם צוזאמענהאנג פון דיעזע אללע בעגעבענהייטען, דאן זעהט מען פאר זיך א בילד פון א יונגען פאנאטיקער, בעגייסטערט פון זיין געבורטסטאג אן מיט וואהנזיניגע אידעען, וועלכער גלויבט אויף זיך אליין, אז ער איז מבטן אמו, נאך פון פאר זיין געבורטה, דורך איין איבערנאטיליכע געטליכע מאכט, בערופען דאצו דיא וועלט איבער צו מאכען, צו שאפען א הימעלרייך אויף דיעזער ערד אונד צו בעקעהרען אללע אידען, אז זייא זאללען קוממען צו דיא חויכע מדרגה פון פאָללקאָמענע עסענישע צדיקים.

וואס אנבעטריפט דיא עסענער איז דיעזע זאגע נאך פיעל וויכטיגער. אויב דיא ערצעהלונג וואס ענטהאלט זיך אין איהר זאלל זיין ריכטיג, דאן איז קיין צוויי־פעל נים אז דיא פארשטעהער פון זייער סעקטע האבען גענוממען דיא גרעסטע אינטערעסע אין יעזוס'עס געבורטה אונד ערציעהונג, אין זיין לעבען אונד זיין גאנצען שיקזאל. דיא עסענער האבען גרעסטענטהיילס קיין מאלל נים געהייראט אונד זייא פלעגען אימער זוכען אבצונעהמען קינדער פון פרעמדע, אום דאמיט זייער סעקטע צו פערגרעסערען מיט טרייע מיטגליעדער, וועלכע זיינען פון פריעהעסטען יוגענד צו דיעזען צוועק ערצויגען געוואָרען. איבערהויפט אבער ווען איינער פון זייערע ברידער איז אין א שוואכע שטונדע געקוממען אין בעריהרונג מיט א פרויענצימער, דאן איז דער אָרדען געוועזן פערפפליכטעט דעם קינד וואס איז דאפון געבאָרען געוואָרען איבערצונעהמען, איהם אין זייערע לעהרען צו ערציעהען אונד צו בעשיטצען . זיין גאנצען לעבען.

יעזוס איז אויפגעטרעטען אין דיא עפענטליכקייט אלס ער איז שוין אלט געוועזן 30 יאהר. זיין לעבענס געשיכטע ביז דיעזע צייט איז פאלקאמען אונבעקאנט, אבוואָהל מען דארף אננעהמען אלס א ריכטיגע השערה אז ער איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט דיא עסענישע סעקטע אין פאלעסטינא אונד פילייכט אויך אין עניפטען. וועגען דיעזע עניפטישע זאגע גיעבט עס פיעלע אנדייטונגען, וועלבע צייגען אז יעזוס האט דארט ווירקליך געמוזט פערברענגען א בעשטיממטע צייט פון זיין פריעהעסטען לעבען. וויא מיר האבען שוין געזעהען ערצעהלט דער וואנגעליסט מאטהעאוס, אז זיינע עלטערען זיינען אהין ענטלאפן מיט איהם אלס ער וואר נאך א קינד. אין פיעלע אפאָקריפישע וואנגעליען איז אויך בעשריבען דיזעלבע געשיכטע, אז יעזוס איז מיט זיינע עלטערען געוועזן אין עניפטען מעהרערע יאהרען אונד האט דאָרט נאך אלס יונגער קנאבע בעוויעזען נסים ונפלאות. מען דארף אלזא אָהן א צווייפעל אננעהמען, אז אין יענעם לאנד, וועלכע וואר דאמאלס דער מיטעלפונקט פון אללע הבלים אונד אבערגלויבענס, האט יעזוס געהאט דיא געלעגענהייט מיט דיעזע געהיימניספאללע לעהרען בעקאנט צו ווערען. דיא געשיכטע וואס דער וואנגעליסט לוקאס ערצעהלט, אז אלס יעזוס איז אלט געוועזן 12 יאהר האט ער מיט זיינע עלטערען עולה רגל געוועזן נאך ירושלים אונד דארט איז ער פון זי פערשוואונדען געוואָרען אונד אז נאך פערלויף פון דרייא טעג האבען זייא איהם געפונען אין טעמפעל צווישען דיא אידישע געלעהרטע מענער, מיט וועלכע ער האט דיספוטירט אין דער תורה אונד זייא זיינען געוועזן איבעראשט פון זיין גרויסע קענטניס, פון זיינע טיעפזיניגע שאלות אונד תשובות — אָט דיעזע גאנצע געשיכטע איז געוויס איין

אויסגעטראַכטער שקר. אזא זאַך האט געקענט שרייבען איז דיא שפּעטערע צייטען אירגענד אַ היידען־כריסט, וואס האָט זאָגאר ניט געוואוסט, אז אין טעמפּעל, אין דעם נאַציאָנאַלען היילינגטהום פון אידען, האט מען נור אָבגעהאַלטען גאָטעס־דינסטע, אבער קיינע פאַרטרעגע אין דער לעהרע פון געזעטץ אונד קיינע דיספּוטען האבען דאָרט ניט געקענט פאַרקוממען.

דיא בעציהונגען פון יעזוס צו יוחנן המטבל, אדער וויא זייא רופען איהם יאהאַנעס דער טויפער. בעוויזען אויף דעמזעלבען פאַקט, אז זייא ביידע האבען געהערט צו דיא סעקטע פון דיא עסענער. ווענגען די געבורטה פון דיעזען יאָהאַנעס, געפינען מיר אַ גענויע בעשרייבונג אין דעם עוואַנגעליום פון לוקאַס, וואו עס ווירד ערצעהלט, אז ער איז אַ זוהן פון אַ געוויסען כהן זכריהו, וועלכער איז געוועזען פערהייראַטה מיט אַ בת כהנת אלישבע. ביז צו דיא עלטערע יאהרען האבען דיעזע פּאַאר קיין קינדער ניט געהאַט אונד שליעסליך האט אלישבע געבאָרען אַ זוהן, וועלכען מען האט אַ נאָמען גענעבען יוחנן (יאָהאַנעס). אלס אלישבע איז נאך שוואַנגער געוועזן אין 6 טען מאָ־נאַט איז צו איהר געקומען פון נצרת איהר קרובה מרים, וועלכע וואר שוין אויך דאן שוואַנגער פון היילינגען גייסט. אונד ביידע פרויענצימער האבען דאן אָנגעפאַנגען נביאות צו זאגען וואס פיר אַ ראָללע זייערע קינדער וועלען שפּיעלען, פון וועלכע איינער וועט זיין אַ מין אליהו הנביא אונד דער אנדערער אַ משיח. אבגעזעהען פון דיעזע פוסטע נסים, וועלכע האבען קיין היסטאָרישען אונד קיין לאָגישען זינן, איז אבער דיא געשיכטע אזויא פיעל וויכטיג אז זיא בעשטעטיגט כמעט אין גאַנצען דיא אייבען בעשריעבענע עסענישע זאגע, לויט וועלכע עס ערקלערט זיך ווער עס איז געוועזן יעזוס'עס נאַטירליכער פאַטער.

ווענגען יוחנן המטבל איז קיין צווייפעל ניט אז ער איז אַ ריכטיגע היסטאָרישע פערזאָן אונד אז ער האט געהערט צו דיא עסענישע סעקטע. אללע עוואַנגעליסטען ערצעהלען, אז ער איז צו אַ געוויסע צייט אויפגעטרעטען אין מדבר יהודה, דאָרט וואו עס זיינען געוועזן דיא בעזיטצונגען פון דעם עסענער אָרדען, אונד האט אָנגעפאַנגען צו פּרעדיגען, אז אידען זאָללען תשובה טהון אונד זיך פאָרבערייטען צו עמפּפאַנגען דיא מלכות השמים, דעם הימעל־רייך, וועלכע וועט קירצליך געגרינדעט ווערען אויף דער וועלט. דאבייא שילדערען זייא, אז יוחנן איז געוועזן געקליידעט אין אַ מאַנטעל פון קעמעלהאָאר אונד מיט אַ לעדערנעם גארטעל אויף זיינע לענדען. אזא שילדערונג איז פאר זייא נויטהיג, אום פאָרצושטעללען דיעזען יוחנן זאָגאר אין דיא קליידונג אלס אַ מין אליהו הנביא, וועלכער דאַרף ערשיינען פריעהער איידער משיח וועט קוממען.

יוחנן האט יעדען איינעם וואס איז צו איהם געקומען געהייסען זיך מתודה זיין אויף זיינע זינד אונד דאן האט ער איהם טובל געווען אין וואסער. דאס זיינען איבערהויפט עסענישע לעהרען לויט וועלבע די טבילה איז געווען איינע פון דיא וויכטיגסטע רעליגיעזע געבאָטען. נאך פיעל וויכטיגער וויא, צום ביישפיעל, קרבנות אונד אנדערע צערעמאָניעס, וועלכע מען האט געברויכט אום דיא זינד צו פערגעבען: דאס טויפען אדער דיא טבילה, האבען דיא עסענער בעטראכט ניט נור אלס א רעליגיעזען געבאָט, זאָנדערן אז דארין ליגט א געהיימע, הייליגע קראַפט, דורך וועלכע דער מענש קומט נעהנטער צו דיא איבערנאַטירליכע געטליכע מעכטע. דיא עסענער האבען אויך דיעזע אידעע איבערגענומען פון דיא געטצענדיענער, ביי וועלכע דיא טבילה איז אויך געווען נראדע אזויא הייליג. מיר געפינען דאס זעלבע אין דער לעהרע פון דיא אלטע אינדיער אונד פון דעם פערזישען געזעטצגעבער זאראָאסטער, אז דאס וואסער ענטהאלט אין זיך א מאכט צו ריינינגען דעם קערפער פון שמוטץ אונד דיא זעלע פון זינד. ביי דיעזע אונד פיעלע אנדערע היידנישע פעלקער איז געווען א געזעטץ טובל צו זיין אדער צו טויפען דעם קינד באלד אדער איינינע טעג נאכדעם וויא ער איז געבאָרען געוואָרען אונד ביי דיעזע טויפע איהם א נאמען צו געבען. די טבילה איז אין דער אידישער רעליגיאָן איין איינפאכע געזעטצגעבונג, אהן אירגענד וועלכע מיסטעריעזע בעדייטונגען; דיא עסענער האבען אין פיעלע אזעלכע צופאללען געוואָללט מוסיף זיין, פערמעהרען, פערשטארקען דעם געזעטץ, אבער זייא האבען דאדורך נור גורע געווען, פערמינדערט, פערניכטעט דיא רעליגיאָן. אויך אין דיעזען ביישפיעל האבען זיי אנשטאט דיא אידישע טבילה איינגעפיהרט דיא געהיימניספאלע צערעמאָניעס אונד דיא אמונה פון דיא היידען, אז דורך דיא טויפע קוממט אויף דעם געטויפטען דיא מאכט פון הייליגען גייסט אונד מיט דיעזע אנזיכטען זיינען זייא איבערגעגאנגען צום כריסטענטהום. אין וועלכען דיא טויפע האט ביז היינטיגען טאג דיזעלבע בעדייטונג.

דאס אללעס בעווייזט אז יוחנן, אדער יאָהאנעס, האט געוואָללט טויפען דיא אידען אים נאמען פון עסעניזמוס, אָדער ריכטיגער צו זאָגען אים נאמען פון דעם פאָר־כריסטענטהום. דיא עוואנגעליסטען, וויא זייער שטייגער איז, בעריכטען וועגען דעם אויף פערשידענע ארטען; מאַטהאוס (קאפ, 3, 7) ערצעהלט, אז פיעלע פון דיא פרושים אונד די צדוקים זיינען געקומען זיך טויפען אונד יוהנן האט זיך אויף זיי געבייזערט מיט דיא ווערטער; „שלאנגען קינדער, ווער האט אייך געגעבען דיא עצה זיך צו רעטטען פון דעם נעכסטען געטליכען צארן?" לוקאס זאָגט אויך דאסזעלבע אז יוחנן האט אזוי געטענה'ט צום גאנצען המון פון פאלק, וואס איז געקוממען צו

איהם זיך טויפען. אין דיעזע ווערטער זעהט מען שוין דעם גיפטיגען האסס פון דיא ווילדע עסענישע פאַנאַטיקער צו דעם אידישען פאָלק. דורך זייער איבעטריי־בען דיא דינים פון טומאה וטהרה זיינען זיי געקוממען צו דיא פינסטערע אַנזיכט, אַז יעדער איינער וואס איז זיך נים טובל נאך זייערע צערעמאָניעס אונד געהערט נים צו זייער סעקטע איז אונריין אונד אונווירדיג. מיט דער צייט האט דיעזע אַנזיכט אין כריסטענטהום זיך ענטוויקעלט נאך שטארקער אונד דאדורך זיינען ארויסגע־קוממען אינקוויזיציאָנען, מאַסענמאָרדען אונד נאך אַזעלכע פירכטערליכע אונגליקען פיר דיא גאנצע מענשהייט.

מאַטהעאוס אונד לוקאס בעריכטען, אַז יוחנן האט געוואָרנט דאס פאָלק זיי זאָללען תשובה טהון, ווייל באַלד קוממט אָן דאס היממעל־רייך, דאס הייסט, דיא משיח־צייטען. דער עוואַנגעליסט יאָהאַנעס ערצעהלט ווידער אַ גאַנץ אַנדער גע־שיכטע: (קאפ. 1, 19) אַז דיא אידען פון ירושלים האבען געשיקט צו יוחנן המטבל אָנפרעגען ווער איז ער אַזעלכער אונד ער האט אָפּפען געזאָגט, אַז ער איז נים דער משיח, נים אליהו, נים אַ נביא, זאָנדערן ער איז אַ „קול קורא במדבר", אַ שטיממע וואס רופט אין דער וויסטעניס. דיעזער אונטערשיעד איז אויך איינער פון דיא בעווייזע אַז דאָס פיערטע עוואַנגעליום, אים נאמען פון יוחנן, איז געשריע־בען געוואָרען מיט אַ צייט שפּעטער. אין דיא ערסטע דרייא עוואַנגעניומס איז יעזוס נאך בעטראַכט אַלס משיח, וואס איז געבאָרען געוואָרען פון רוח הקודש, דאַרום הייסט עס ביי זיי אַז זיין פאָרגענגער, דער טויפער יוחנן, האט געשפּיעלט דיא ראָללע פון אליהו הנביא, וועלכער דאַרף ערשיינען איידער משיח קוממט. דאַ־געגען איז דאס 4טע עוואַנגעליום פון יוחנן פערפאַסט געוואָרען דאַן ווען צום כריס־טענטהום האבען זיך שוין אָנגעשלאָסען מאַססען פון דיא היידען, אונד לויט זייערע אַנזיכטען האט מען שוין יעזוס׳ען אָנגעפאַנגען צו בעטראַכטען נים אַלס אַ אידישען משיח, זאָנדערן אַללס אַ גאָט, וואס איז געקוממען אויף דיעזע וועלט אויסצולעזען דיא מענשען פון זייערע זינד. צו אַזאַ מין גאָט־משיח דאַרף מען שוין אויך נים הא־בען דעם אידישען אליהו הנביא; דאַרום געפינט מען שוין אין 4טען עוואַנגעליום נים אַז דער טויפער זאָלל האבען אויפגערופען דאס פאָלק זיך פאָרצובערייטען צו דיא משיח־צייטען, זאָנדערן אַז ער איז געקוממען אַלס אַ קול קורא במדבר, אַלס אַ שטיממע וואס רופט מען זאָל אין דעם מדבר פאָרבערייטען אַ וועג פיר גאָט.

אויך אין דיא וויטערע ערצעהלונגען פון דיא ערסטע דרייא עוואַנגעליומס איז אין פיעלע ערטער ערקלערט דיא אידיש־נאַציאָנאַלע אידעע, אַז יאָהאַנעס דער

טויפער איז געווען אליהו הנביא, וועלכער איז ערשיענען אנצוזאָגען אז משיח קומט. (מאטהעאוס 11, 14. 17, 13 מארקוס 11, 31. לוקאס 7, 97, 20, 4), וועהרענד אין דעם 4טען עוואנגעליום איז וועגען אזא ראָללע פון יאָהאנעס דעם טויפער גאָר ניט ערווינערט. נאך מעהר אונטערשיעד זעהט מען דארין, אז ביי דיא ערסטע עוואנגעליסטען זאָגט יעזוס אז ער איז געקוממען נור צו אידען אונד פיר דיא פער־לאָרענע שעפּעלאך פון בית ישראל, וועהרענד דיא פרעמדע, ניט־אידען, רופט ער כלבים, (מאטהעאוס 15, 24 מארקוס 7, 27), דאגעגען זאָגט שוין יעזוס אין 4טען עוואנגעליום: „איך האב אנדערע שעפּשעלאך, וועלכע געהערען ניט צו דיעזע שטאַ־דע, אונד זיי דארף איך פיהרען“. יעזוס ווערט שוין אין דיעזען עוואנגעליום גערופען מיט דעם נאָמען כריסטוס, א נאמען וועלכער איז ענטשטאנדען שפּעטער, ביי דיא היידען־כריסטען, ווען יעזוס איז אָנגענומען געוואָרען אלס א גאָט. דער 4טער עוואנגעליום איז געשריעבען מיט א ברענענדיגע שנאה צום גאנצען אידישען פאָלק, וועהרענד אין דיא ערסטע דריי עוואנגעליומס רעדען זיי מיט האסס נור געגען דיא פרושים אונד צדוקים, אבער ניט געגען דעם פאָלק אין אלגעמיין.

אין איין זאך שטימט איין די ערצעהלונג פון אלע עוואנגעליסטען, אז יוחנן המטבל האט געזאָגט צום פאָלק: איך בין געקוממען אייך טויפען מיט וואסער, אבער נאך מיר וועט ערשיינען איינער וואס איך בין ניט ווערטה אָבצושניידען די שנירלאך פון זיינע שיך; ער וועט אייך טויפען מיט פייער אונד מיט דעם הייליגען גייסט. אלס יעזוס איז דאן געקומען צו איהם אונד זיך געלאזען טויפען, איז אראפּגעשטויגען אויף איהם פון הימעל דער רוח הקודש, אין דעם געשטאלט פון א טויב.

דאס אללעס זיינען צוואר לעגענדעס, וועלכע דארפען אייגענטליך ביי א גע־שיכטליבע אונטערזוכונג קיין ווערט ניט האבען אבער זיי זיינען דענאך וויכטיג אלס פאקטען וואס בעווייזען קלאר אונד דייטליך אז דער נביא פון עסעניזמוס האט געפּ־רעדיגט היידענישע אידעען, וועלכע זיינען פאָלקאָמען פרעמד דעם יודענטהום. די טויפע דורך פייער איז געווען א מנהג בייא דיא פעלקער וואס האבען געדיענט צו דיא זונן, אלס דיא העכסטע שטופּע פון רייניגונג. מען פלעגט דיעזע צערעמאָניע דורכפיהרען אויף פערשידענע אופנים. אונד ווען איינער האט געוואָלט ווערען א ריכטיגער קאנ־דידאט פיר עולם הבא, פלעגט ער שנעלל דורכלויפען דורך א פלאמם פייער. דער בעוואוסטער געלעהרטער הומבאָלד ערצעהלט אין איינע פון זיינע ווערקע, אז דיעזע ווילדער מנהג עקסיסטירט נאך יעצט בייא מאנכע פעלקער אין טיעף אזיען. דיא אלטע דיענער צום פייער האבען געגלויבט, אז דער יעניגער וואס אָפּפערט זיין גוף צו דיא פלאממען רייניגט דאמיט זיין זעעלע, אז זיא זאָלל קענען זוכה זיין ארויפצו־

שטיינען אין דיא העכסטע הימטלען אונד אַנדערע האבען געלעהרט, אז דיא זינדען קענען ניט אויסגערייניגט ווערען אנדערס וויא דורך פייער אויף דיזער וועלט, זאָנסט וועט דער זינדער ליידען דעם אייביגען פייער פון גיהנום. איין אנדייטונג צו דיזעלבע אידעע געפינט מען אויך אין דיא ווערטער פון יעזוס'ען, וועלכע זיינען אין זיין נאמען געזאָגט אין פערשיעדענע ערטער פון עוואַנגעליום: „ווער עס פערליערט זיין לעבען פיר מיך, דער וועט עס ווידער געפינען". דער אַפּאָסטעל פּאָול זאגט שוין אויס־דריקליך, (קאָרינטעהער 3, 13־15) אז דיא רייניגונג דורך פייער איז א נויטווענדיגע זאַך. דארויף האט זיך אויך סומך געווען דער גרויסער מערדער טאָרקוועמאַדע, דער גרינדער פון דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן. ער האט נעמליך בעהויפּטעט, אז אום צו רעטען דיא נשמות פון דיא זינדיגע אידען אונד אפּיקורסים מוז מען זייערע גופים פערברענען לעבעדיגערהייט אויפ'ן שייטערהויפען

דיא טויפע דורך דעם היילינען גייסט איז א צערעמאָניע פון דיא אַלטע הייד־נישע אמונות אונד עס קען זעהר מעגליך זיין אז דיא עסענער האבען עס פּראַקטיצירט אין זייערע געהיימע נאַטעס־דיענסטען. דיא טויפע דורך דעם היילינען גייסט פלעגט בייא דיא היידען ערפיללט ווערען דורך א הויך מיט דעם אָטהעם אויף דעמיעניגען וואס האט זוכה געווען צו אזא גנאַדע. דער פּריסטער האט אויף אזא מין קאַנדידאַט אויף עולם הבא געגעבען א בלאָז מיט'ן מויל אונד דאמיט האט מען געגלויבט רוהעט שוין אויף איהם דער געטליכער אָטהעם, דער רוח הקודש. דיזע צערעמאָניע האט אויך יעזוס ערפיללט אונד דאס געפינט מען דייטליך אין 4 טען עוואַנגעליום (קאַפּ 20, 22) וואו עס ווירד ערצעהלט, אז נאָכדעם וויא יעזוס איז געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ איז ער ווידער לעבענדיג געוואָרען אונד זיך בעוויזען צו זיינע תלמידים, אויף וועלכע ער האט געגעבען א בלאָז אונד געזאָגט: עמפּפאַנגט דאמיט דעם היילינען גייסט."

דער רוח הקודש אין דער געשטאַלט פון א טויב, וועלכע שטייגט ארויף ביי געוויסע צופאַללע, אבער שוועבט ארויף אין הימעל, איז איין זעהר אַלטע לעגענדע, וועלכע מען געפינט אין דיא זאַגען פון פיעלע, פּאַרצייטיגע פעלקער, אז אַללע זעעלען, אדער גייסטער, נעהמען אן די געשטאַלט פון א טויב, אונד אויך נאָך זעלבסט, אלס א גייסט, א זעעלע, בעווייזט זיך אין דיזע געשטאַלט. אויף פערשיעדענע בע־וואוסטע מאָנארכען אונד היילינע פון אַלטערטהום ערצעהלט מען, אז אין דעם מאָ־מענט ווען זייא זיינען געשטאָרבען, האט מען געזעהען זייערע זעעלען אלס טויבען ארויף פליעהנדיג צום הימעל. ערשט, דער גאָט דער ליעבע, אדער דיא געטליכע ליע־

בע, פלעגט אָפט אראָבשטייגען אַלס אַ טויב, אום צו בענטשען דיעניגע וואס האבען זיך טובל געווען, לויט דיא אַלטע היידנישע צערעמאָניעס.

יאָהאַנעס דער טויפער אונד יעזוס זיינען אַלזאָ געווען קרובים. ביידע האבען געוואוסט אז בייא זייער געבורטה זיינען פאָרגעקוממען זאָנדערבארע אומשטענדע, נסים, דורך וועלכע זויא זיינען בעשטיממט געוואָרען דורך אַ געטליכע קראַפט פיר אַ געוויסען ציעל, אום דורך זיי זאָללען ערפילט ווערען אַללע פּראָפעצייהונגען וועגען דיא צוקינפטיגע משיח צייטען. ביידע האבען אָהן אַ צווייפעל זיך ערצויגען אין דיא שווערמערישע לעהרען פון די עסענישע סעקטע אונד דאס האט זייא נאך מעהר גע־מוטט בעגייסטערען פיר זייער מיססיאָן. עס איז אַלזאָ וואהרשיינליך אנצונעהמען אז זייא זיינען ניט געווען אבזיכטליכע פערפיהרער, זאָנדערן פאַנאטישע אַניטאַטאָרס, צו פערברייטען אונד בעקעהרען דעם אידישען פאָלק צו דיא עסענישע לעהרען, וועלכע זיינען בייא זייא ווירקליך געווען הייליג אונד טהייער.

דיא זאך ערקלערט זיך אַלזאָ גאנץ איינפאך: יאָהאַנעס האט פארדעם גע־וואוסט פון דיא ראָללע וואס יעזוס וועט שפּיעלען אונד נור אויף איהם האט ער געזאָגט דיא ווערטער, אז קירצליך וועט קוממען איינער, וועלכער וועט טויפען מיט פייער אונד מיט דעם הייליגען גייסט. אין דיעזען זינן ערצעהלט אויך מאַטהעאוס, אז אַלס יעזוס איז געקוממען זיך טויפען האט יאָהאַנעס צו איהם געזאָגט: עס דארף דאך אייגענטליך זיין פערקעהרט, אז איך זאָלל פון דיר געטויפט ווערען, אבער יעזוס האט ערוויעדערט: „לאָזט י ע צ ט זיין אזויא, דען דאס איז נויטהיג. אום אונזער גערעכטען ציעל צו ערפיללען. די וויי‍טערע ערצעהלונגען פון דיא וואַנגעליומס זאָגט יעזוס צו זיינע תלמידים, אז יאָהאַנעס איז דער גרעססטער פון אַלע נביאים, דעריע־ניגער וואס איז געשיקט געוואָרען פאָרצובערייטען דעם וועג פיר דיא אָנקוממענדע הימעלרייך. מען זעהט אַלזאָ אז דיא צוויא מענשען האבען זיך גוט געקענט. דא־געגען איז אבער אין דעם שפּעטערען 4טען וואַנגעליום פון דיעזע געשיכטע גע־מאַכט געוואָרען אַ בעזונדערער נס. דאָרט ווירד ערקלערט, אז זעהענדיג וויא יעזוס קוממט זיך טויפען האט יאָהאַנעס געזאָגט: דאָ קוממט דאס געטליכע שעפּשעלע וועלכע טראָגט דיא זינדע פון דער וועלט. איך קען איהם צוואר ניט, אבער איך זעהע אז אַ טויב שטייגט אראב פון הימעלע אויף זיין קאָפּ אונד דעריעניגער וואס האט מיך געשיקט טויפען דאס פאָלק האט צו מיר געזאָגט, אז דער וואס דו וועסט אויף איהם זעהען דיעזען סימן איז גאָמס אַ זוהן.

אויף דיעזער אויסדורק „גאָטעס שעפּשעלע" ווירד צום ערסטען מאָלל גע־ברויכט אין דעם 4טען וואַנגעליום, אונד דאס איז אויך איינער פון בעווייזע, אז דער

שרייבער איז געווען א היידען־קריסט, פון דיא וואס האבען זיך נאָכהער אנגעשלאָסען צו דיא נייע אמונה. דיא פראזע „גאָטעס שעפסעלע, אדער דער שעפס אלס גאָט, שטאמט פון דיא געטצענדיענער, וועלכע האבען פערגעטערט בהמות. קרישנא, דער געקרייציגטער גאָט פון דיא אלטע אינדיער, הייסט ביי זייא אויך: „דאס הייליגע שעפסעלע“. דיא מעקסיקאנער האבען געהאט זייער „הייליגען ווידער־באָק“: (באראָן) דיא „געטליכע קאלב“ פון דיא סעלטער אונד דער „געטליכער אָקס“ פון דיא עגיפטער, קוממען אללע ארויס פון דיזעלבע היידנישע פאנטאזיע.

יאָהאנעס דער טויפער האט ווארשיינליך מיט זיין אגיטאציאָן געמאכט אַ געוואלטיגען אויפרוהר. יאָזעפוס פלאוויאוס, דער אידישער געשיכטע־שרייבער פון יענע צייטען, ערצעהלט, אז דער אויפרוף פון יאָהאנעס האט געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דאס פאָלק אונד גאנצע מאסען זיינען צו איהם געקומען זיך לאָזען טויפען; דארום איז דער אידישער טעטארך (גאָווערנאָר) פון יענער פראָווינץ הורדוס־אנטיפאס זעהר בעזאָרגט געוואָרען, אז דער איינפלוס פון יאָהאנעס איז שוין צו גרויס אונד ער קען נאך פיללייכט אויפרייצען דאס פאָלק צו מאכען א מרידה געגען דיא בעשטעהענדע רעגיערונג. דער גאָווערנאר האט אלזאָ בעשלאָסען צו פערהינדערען איר־גענד איין אונגליק, וואס קען דאפון ארויס קוממען, אונד געלאָזט יאָהאנעס׳ן ארעטירען. ער איז אבגעפיהרט געוואָרען געפאנגען אין פעסטונג מאכעראס, וואו ער איז אויף הורדוס׳עס בעפעהל היינגעריכטעט געוואָרען.

דער עוואנגעליסט מאטהעאוס ערצעהלט וועגען דעם א גאנץ אנדער געשיכטע, אז דער טעטראַרך אנטיפאס האט געהייראט מיט דיא הערָאדיא, זיין ברודער׳ס שוועסטער: אונד אלס יאָהאנעס האט איהם פאָרווירפע געמאכט פיר דיעזע זינדע איז ער דאפיר ארעטירט געוואָרען. א געוויסע צייט נאכדעם, וועהרענד אנטיפאס האט געפייערט זיין געבורטסטאג, איז דיא טאָכטער פון הערָאדיא געקוממען אונד געטאנצט פאר איהם אונד דיא געסט אזוי שעהן אז אנטיפאס איז דאפון ענטציקט געוואָרען אונד האט געשוואָרען, אז ער וועט ערפילען יעדע ביטע וואס זיא וועט פון איהם פערלאנגען. אויף דעם בעפעהל פון איהר מוטער האט זיא אלזאָ געבעטען אז מען זאָלל איהר געבען דעם קאָפּ פון יאָהאנעס דעם טויפער. דעם טעטראַרך האט דאס זאָגאר פערדראָסען, אָבער ער איז געצוואונגען געווען זיין שבועה צו האלטען. ער האט אלזאָ געשיקט אין געפענגנים, וואו מען האט יאהנעס׳ען אָבגעהאַקט דעם קאָפּ, וועלכען דיא טאָכטער האט דאן געבראכט אויף א טעללער צו איהר מוטער.

אין דיזער גאנצע געשיכטע איז קיין איינציגער ווארט אמת ניט דא; דאס זיינען אויך מודה אפילו דיא כריסטליכע היסטאריקער. דער שרייבער פון מאטהע־אוס עוואנגעליום האט אלזא אויסגעטראכט א לעגענדע, אום פארצושטעללען יאהא־נעס׳ען אלס מערטירער, איבער דיא ערפילונג פון זיין הייליגע פפליכט, אונד אבצו־שילדערען מיט דיא שווארצעסטע פארבען זיינע אידישע געגנער. דאס בעווייזט ווי־דער אמאל, אז דיא כריסטליכע תורה־מאכער זיינען געוועזען אונפערשעמטע ליגנער, וועלכע האבען אנגעפלוידערט בבא מעשות אום נור אויפצורייצען זייערע אנהענגער געגען אידען, אונד דאס האט זיי ליידער זיך איינגעגעבען נאך מעהר וויא זיי האבען געוואונשען. דיא פערפאלגונגען אונד דער גרויזאמער האסס פון קריסטען צו אידען ביז היינטיגען טאג, קוממען ארויס נור פון אזעלכע עוואנגעלישע שקרים.

וויא לאנג יאהאנעס איז געזעסען אין געפענגניס ביז מען האט איהם הינגע־ריכטעט איז היסטאריש אונבעקאנט. עס איז אויך פון היסטארישע פאקטען ניט ערקלערט אויב יאהאנעס וועהרענד ער איז געזעסען געפאנגען האט ערפאהרען ווע־גען יעזוס׳עס עפענטליכע טהעטיגקיים; נור אין דיא עוואנגעליומס געפינט מען איין אנדייטונג, אז יאהאנעס האט געשיקט זיינע תלמידים פרעגען ביי יעזוס׳ען: ביזט דוא דער משיח, אדער מיר זאללען ווארטען אויף איין אנדערען? (מאטהעאוס 11, 2. לוקאס 7, 20.) דיזע פראגע איז איינענטליך א פאלשטענדיגער וויעדער־שפרוך צו דיא ערסטע בעהויפטונג, אין וועלכע דיזעלבע עוואנגעליסטען ערקלערען, אז יאהאנעס האט אנערקענט אין איהם דעם משיח באלד דעם ערסטען מאמענט, וויא יעזוס איז געקוממען צו איהם זיך טויפען. וויימער ערצעהלען דיזעלבע עוואנ־געליסטען, אז דיא תלמידים פון יאהאנעס זיינען געקוממען צו יעזוס׳ען אונד האבען איהם געפרעגט: מיר אונד דיא פרושים פאסטען זעהר פיעל תענתים, ווארום פאסטען ניט דיינע תלמידים? (מאטהעאוס 9, 15.)

דיזע פראגען זיינען זעהר וויכטיג, וויל זייא ציינען אין וועלכע בעציהונגען יא־האנעס איז געשטאנען צו יעזוס׳ען, נאכדעם ווי דיזער לעצטער איז אויפגעטרעטען אין עפענטליכע טהעטיגקיים. אין דער טהאט, ווען מען בעטראכט דיזעביידע פערזאנען געפינט מען צווישען זייא א גרויסען אונטערשיעד. דיא וועניגע ער־קלערונגען וועלכע עס געפינען זיך וועגען יאהאנעס דעם טויפער ציינען, אז ער איז ווירקליך געוועזען א שטרענגער, פינסטערער פאנאטיק, פון דיעניגע עסענער וואס האבען פערהאסט דיא וועלט אונד זיך זעלבסט געפייניגט מיט פערשיעדענע סגופים. „ער האט זיך ערנעהרט מיט היישעריקען אונד ווילדען האניג" זאגען דיא עוואנגעליסטען אויף איהם. פון זיינע תלמידים אונד נאכפאלגער האט ער געווס

אויך געפאָדערט אז זייא זאָלען טהון דאס זעלבע אונד איבערהויפּט פּינקטליך ער־פילען דיא פאַרשריפטען פון עסעניזמוס. ביי זיין ערסטען אויפטריט האט ער גלייך אנגעפאנגען צו פרעדיגען דיא טבילה, דיעזע געהיימניספאָללע צערעמאָניע, אויף וועלכע די עסענער האבען געלעגט דעם גרעסטען געוויכט. צום פאָלק אין אלגעמיין האט ער גערעדט מיט א בייזען טאָן, מיט הארטע אויסדריקע פון צאָרן. „שלאַנגען־קינדער" האט ער צו זיי געזאָגט „דענקט ניט אז איהר קענט גערעטעט ווערען דאַ־רום ווייל אברהם איז אייער פאטער. דיא האק איז שוין אויפגעהויבען אויף דיא בוימער וואס ברענגען קיין פריכטע, אום אזעלכע אונגיטצליכע בוימער אויסצו־וואָרצ־לען אונד זיי צו פערברענען אין פייער". מען זעהט פון דיעזע ווערטער מיט וואס פיר א טיעפען האסס דיא עסענער האבען שוין דאַן געקוקט אויף אללע אַנדערע אי־דען, כל זמן דיעזע האבען זיך ניט אנגעשלאָסען צו זייער סעקטע.

יעזוס, וויא מיר האבען געזעהען, איז געוועזן יאָהאַנעס'עס א קרוב אונד איז אויך ערצויגען געוואָרען ביי דיא עסענער. אלס זיי זיינען ביידע ארויס אין עפענט־ליכע טהעטיגקייט, צו בעקערען דאס פאָלק צום עסעניזמוס אונד דאמיט אראָבצו־ברענגען דיא מלכות השמים, האט יאָהאַנעס גאָר ניט געצווייפעלט, אז יעזוס וועט אויך פיהרען זיין אגיטאציאָן אין דעמזעלבען שטרענג עסענישען גייסט אונד דאַן וועלען געוויס באלד אָנפאנגען דיא משיח־צייטען. עס איז אונטערדעסען א לענגע־רע צייט אוועקגעגאנגען, יאָהאַנעס איז נאך געוועזן א געפאַנגענער אין פעסטונג אונד דאָ האט ער ערפאהרען פון זיינע תלמידים, פון וועלכע פיעלע האבען זיך גע־ווים אנגעשלאָסען צו יעזוס'ען, אז ער איז אייניגער מאססען אָבגעטרעטען פון דיא עסעניסע ריכטונג. אין דער טהאט זעהען מיר, אז יעזוס'עס שיטה איז געוועזן גאַנץ אַנדערס; ער האט ניט געפּרעדיגט קיין סגופים, קיין תענתים, קיין טבילה. ער האט צוואר אויך גערעדט מיט שטרענגע פאָרווירפע, כמעט מיט דיזעלבע אויסדרי־קע וויא יאָהאַנעס „שלאַנגען־קינדער" (מאטהעאוס 12־34), אבער מיט דיעזע ווער־טער האט ער זיך געווענדעט נור צו די פאַרשטעהער פון די פרושים, וועלכע זיינען געקוממען מיט איהם דיספוטירען אונד האבען איהם פערפאָלגט. וואס אנבעטרופט אבער דעם גאנצען פאָלק אין אלגעמיין, האט ער געזוכט צו געווינען זייער פריינד־שאפט מיט גוטמוטהיגע ווערטער פון ליעבע אונד מיטלייד. זיינע לעהרען זיינען אפילו אין דיעזער הינזיכט אוננאטירליך אונד איבערטריעבען, אָבער ביים פּראָסטען המון האט ער ווירקליך דאמיט געקענט זיך מאַכען בעליעבט. ער האט פון זיינע נאכפאלגער נור געפאָדערט אז זיי זאָלען ניט זיין צופיעל אָבגעגעבען פיר זאמלען רייכטהיממער אונד שטרעבען נאך געלד, אבער ער האט ניט פערלאנגט זיי זאָללע

זיך פייניגען אונד אין גאנצען ממאס זיין דיא וועלט, גראדע פערקעהרט: ער זאָגט בדרך משל, אז כל זמן דער חתן איז מיט זיי האבען זיי ניט וואס צו טרויערען. דיא פרינציפּען פון דיא עסענישע לעהרען האט ער אויך זעהר פעסט געהאלטען. ער זאָגט אויך צו זיינע תלמידים: שווערט ניט; אייער יא זאָל זיין יא, אונד אייער ניין—ניין; אויך אויף איין אנדער שטעללע זאָגט ער: עס איז ניט גוט צו הייראַטהע. וואס אנבעטריפט אבער דיא אויסערליכע עסענישע צערעמאָניעם האט יעזוס וויא עס שיינט ווענינ וואס דאפון געהאלטען וועהרענד זיין עפענטליכע טהעטיגקייט. ער האט זאָגאר געטרונקען וויין אונד געגעסען אונריינע שפּייזען מיט פערשיעדענע זינ־דער, מוכסים, עמי הארצים אונד אויסגעלאַסע׳נע פרויענצימּמער, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין נאהענטען פערקעהר. דאס אללעס איז געוועזען שטרענג פערבאָטען לויט דיא געזעטצען פון דיא עסענער אונד דיעניגע פון זייער סעקטע, וועלכע האבען זיך געוויס געפונען צווישען זיינע נאכפאָלגער, האבען מיט אזא אויפפיהרונג פון זייער משיח געמוזט בלייבען אונצופריעדען.

אלס דער טויפער יאָהאנעס, דער שטרענגער פאנאטיק, האט ווענען דעם ערפאהרען אין געפענגניס, איז בייא איהם אויסגעקוממען א צווייפעל, אויב דיעזער יעזוס איז אין דער טהאט דער וואהרער משיח, אדער ער איז אויך נור א מין פאָר־געגנער, א פּראָפעט, א צווייטער אליהו הנביא, וועלכער איז געקוממען אנזאגען וועגען דעם הימּמעלרייך, וועגען דיא משיח־צייטען וואס וועללען נאך שפעטער אנ־קוממען, אונד יוחנן, וויא מיר זעהען, האט געשיקט וועגען דעם אנפרעגען יעזוס׳ען. מאריא׳ס זוהן אבער, טראָטץ דיא זאגע פון זיין איבער נאַטירליכע געבורטהע, איז וויא עס ווייזט אויס צום אנפאנג פון זיין אויפטרעטען בייא זיך אלליין נאך ניט געוועזען זיכער וואס פיר א ראָללע ער איז בערופען צו שפּיעלען, אונד דארום האט ער אויף דיעזע פראגע קיין דירעקטע אנטווארט ניט געגעבען. ער האט נור גע־זאָגט צו דיא שלוחים, אז זיי זאלען ערצעהלען דעם טויפער וועגען דיא נסים, וואס זיי זעהען זעלבסט מיט דיא אויגען (מאטהעאוס 11, לוקאס 7, 22). ערסט שפּעטער, אלס זיין ערסטער תלמיד שמעון פעטרוס האט איהם געזאָגט אז ער איז דער משיח, האט יעזוס דאָרויף מודה געוועזען, אבער צו דערזעלבער צייט זאָגט ער אָן זיינע תלמידים זיי זאָללען עס קיינעם ניט ענטדעקען:

אויב יעזוס האט ווירקליך אויפגעגעבען דיא עסענישע לעהרען, וועהרענד דיעזע צייט וואס ער האט געפּרעדיגט דעם הימּמעלרייך, אָדער ער האט נור געוואָלט ערלייכטערן דיא הארטע געזעטצען פון זיין סעקטע, אום דאס פאָלק זיכערער אונד שנעללער פיר זיך צו געווינען, קען מען מיט בעשטימטהייט ניט זאָגען. פון דיא

עוואַנגעליומס איז צו זעהען, אַז ער האט גערייזט איבער פערשיעדענע פּראָווינצען פון פּאַלעסטינא, אבער מען געפינט קיין ערינערונג ער זאָל זאָגאר איינמאל האבען בעזוכט יענע געגענדען ארום טויטען מעער, וואו עס איז געוועזן דער הויפּטזיטץ פון דיא עסענער. טראָטצדעם אבער איז קיין צווייפעל ניט, אַז יעזוס איז דיא גאַנצע צייט געשטאַנען אין געוויסע פערבינדונגע מיט יענע געזעלשאַפט, וועלכע האט איהם ערצויגען, וויא מיר וועללען עס זעהען אין פעלויף פון דיא ווייטערע בעשרייבונגען וועגען איהם.

אין וועלכע בעציעהונגען יעזוס איז געשטאַנען צו דיא הויפּט־לעהרע פון אידישען פאלק, דיא פּרושים אונד דיא צדוקים, וואס ער האט אייגענטליך געהאַט געגען זייא אויסצוזעטצען אונד מיט וועלכע אויגען זייא האבען איהם געקענט בעטראַכטען, דאס זיינען אַזעלכע פראַגען פון וועלכע מען קען זיך מאַכען אַ בעגריף ערסט דאַן, ווען מען זאָל פריעהער עטוואס גענויער אונטערזוכען אין וואס זיינען אייגענטליך בעשטאַנען זיינע זאָגענאַנטע מאָראַלישע אונד רעליגיעזע לעהרען. ווען מען זאָגט אויף אַ געוויסען מאַן, אַז ער איז אַמאָל אויפגעטרעטען אַלס רעליגיאָנס־לעהרער אונד שליעסליך האט איהם אַ וועלט אנגענוממען אַלס אַ גרינדער פון אַ נייע רעליגיאָן, דאַן איז דאָך נאַטירליך דיא פראַגע, וואס האט ער דען געלעהרט ? איבערהויפּט וואס האט ער אַזעלכע נייעס געלעהרט, וואס די וועלט האט פריעהער פאַר איהם ניט געוואוסט. אין דיא עוואַנגעליומס געפינען מיר איבעראלל, אַז יעזוס ערקלערט זיך אַלס אַ שליח פון גאָט, וועלכער איז געשיקט געוואָרען אויף דיעזע וועלט, אום אַ געוויסען צוועק צו ערפיללען. אין וואס אבער בעשטעהט דיע׳ער צוועק? האט יעזוס געזאָגט אַז מען זאָלל פערוואַרפען דיא געזעטצען אונד דיא מנהגים פון אידען אונד אַנשטאַט דעם ערפילען אַנדערע געבאָטען? האט ער, צום ביישפּיעל, אַנשטאַט מילה געהייסען זיך טויפען? האט ער געשטעללט אַז מען זאָלל פייערען זונטאַג אַנשטאַט שבת? האט ער אַנשטאַט דיא אידישע סינאַגאָגע געגרינדעט אַ קירכע? האט ער מבטל געוועזן דיא געבאָטען פון תורת משה אונד געמאַכט אַנשטאַט זייא אַנדערע געזעצען ?

דאס כריסטענטהום, וויא עס האט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אונד וויא עס עקסיסירט יעצט, קען אויף דיזע פראַגען קיין אַנטוואָרט ניט געבען, דען דיא יעצטיגע כריסטען טהוען גראַדע דאס וואס יעזוס האט ניט געהייסען אונד ערפיללען קיין איינציגען פון דיא געבאָטען וואס זיינען ביי איהם געוועזן בעטראַכט אַלס הייליג. ווען מען וויל אַלזא אויף דיעזע פראַגען דאָך געפינען איין אַנטוואָרט מוז מען זיך ווידער ווענדען צו דיזעלבע עוואַנגעליומס, אבוואָהל, וויא מיר האבען

שוין פריעהער געזעהען, זיינען דיעזע קוועללען זעהר אונזיכער אונד מען קען זיך אויף זייא ווענינ פערלאַזען. דיא פערפאַסער פון דיעזע שריפטען, וועלכע האבען געלעבט מעהר וויא הונדערט יאהר שפּעטער נאך יעזוס׳ען, האבען געהאט אגאנץ אנדער ציעל, אויסצופּוצען דיא פּערזאָן פון זייער משיח מיט פערשיעדענע הויך־מאָראלישע זאגען, וועלכע זייא אלליין האבען אבער פון איהם ניט געהערט. צווייא פון דיעזע עוואַנגעל־יומס זיינען געשריעבען געוואָרען אויף דיא נעמען פון יעזוס׳עס תלמידים, מאטהעאוס (מתתיהו) אונד יוחנן (יאָהאַנעס). דענאך געפינען מיר אויף קיין שטעללע ניט אז דער שרייבער זאלל זאגען: איך בין דאבייא געוועזען, יעזוס האט צו מיר געזאגט, אדער איך בין מיט איהם דא אונד דאָרט געוועזען, זאָנדערען עס הייסט איבעראלל: אונד ער איז געגאַנגען, אונד ער האט געשפּראָכען, אונד ער האט דאס אדער יענעס געטהון.

דענאך, ניט האבענדיג קיין אנדערע קוועלען, מוז מען זיך בעגנינען מיט דיעזע שפּעטינערע עוואַנגעלישע בעריכטע. מיר וועללען צוערסט בעטראַכטען וועלכע מאָ־ראַלישע לעהרען האט יעזוס געפּרעדיגט אונד וואס פיר נייע לעהרען ענטהאלטען זיך אין זייא. דיא כריסטען בעריהמען זיך איבערהויפּט מיט דעם זאָגענאַנטען „גאָלדענעם רעגעל,“ וועלכער איז אויסגעשפּראָכען אין יעזוס׳עס נאמען בייא מאטהעאוס (קאַפּ, 7, 12) וואו עס איז געזאגט פאָלגענדעס: דארום זאללט איהר טהון פאר מענשען דאסזעלבע וואס איהר ווינשט אז זייא זאללען טהון פיר אייך.“ מיר געפינען אבער, אז קאָנפוציוס האט מיט א 500 יאהר פאר יעזוס׳ען געזאגט פונקט דאסזעלבע: „טהוע דעם צווייטען דאס וואס דוא ווינשט אז ער זאלל פיר דיך טהון.“ דיזעלבע ווערטער האבען מיט לאנגע צייטען פריהער געשריבען פילע מאָראל־פילאָזאָפען, אונד אויב יעזוס האט פון זייא ניט געהערט איז איהם אבער געוויס געגוג בעקאַנט געוועזען דער שפּרוך פון דעם גרויסען אידישען געלעהרטען הילל, וועלכער האט געלעבט נור מיט א פאאר צעהנדליג יאהר פריעהער. דיעזער ערהאבענער רעליגיאָנס־לעהרער האט געמליך געזאגט:„ וואס דוא ווינשט זיך ניט זאללסטו אויף דעם צווייטען ניט טהון.“ מען זעהט אלזאָ אז יעזוס האט דעם גאָלדענעם רעגעל ניט אליין ערפונדען, זאָנדערן ער האט עס קאָפּירט, נאכגערעדט וואס אנדערע האבען פריעהער פאר איהם געזאגט.

אז פיעלע פון דיא זיטען־לעהרען וועלכע ענטהאלטען זיך אין דיא עוואַנ־געליומס זיינען שוין פריעהער געשריעבען אין תורת משה, אין דיא נביאים אונד אין

תלמוד*) איז א בעקאַנטע טהאַטזאַך, איבער וועלכע עס איז ניט נויטהיג זיך פיעל צו פערברייטען, זא דאס זיין מאַהל איז פאר די דאַמאַלגע אידישע וועלט ניט גע־ וועזן קיין נייעס. אויך דער עלטעסטער געשיכטע־שרייבער פון זייער קירכע עוזעביוס, וועלכער האט געלעבט אין אנפאנג פון 4מען יאהרהונדערט נאך כריסטוס, אלס בישאף אין סעזעארעא, זאגט אויסדרקליך: אז דיא רעליגיאָן וועלכע יעזוס האט גע־ פּרעדיגט איז נים געוועזן נייא אדער פרעמד. עוזעביוס זאגט נעמליך אין דיעזען קאַ־ פּיטעל (4טעס הויפּטשטיק) פאלגענדע אינטערעסאַנטע ווערטער: אבוואהל מען קען אין פלוג גלויבען אז מיר (דאס הייסט דיא כריסטען) זיינען א נייע געמיינדע, דען דיעזער נאמען כריסטען איז דאך ערסט א קורצע צייט צוריק צו אללע פעלקער בעקאַנט געוואָרען, וויל אויך דענאך צייגען, אז אונזערע רעגעלען, אונזער אַרט אונד וייזע פון לעבען אונד אונזערע רעליגיאָנס־זאַגען זיינען ניט ערסט קירצליך אויס־ געטראַכט געוואָרען, זאָנדערען אז זיי זיינען שוין בעשטאַנען פון פריעהער, לויט דיא לעהרען וואס דיא פּאַרצייטיגע גאָטעס פירכטיגע מענשען האבען פעסטגעשטעללט, אונד לויט דיא בעגריפען וואס זיינען פון דער נאַטור איינגעאָרדענט, אונד נעמליך אויף פאָלגענדען אופן: עס איז אלעמען בעקאַנט אז דאס העברעאישע פאָלק איז ניט נייע אונד עס שטעהט אין גרויס אכטונג בייא אללע מענשען וועגען זייער אלטער־ טהום. דיעזעס פאָלק בעזיצט ביכער אונד שריפטען פון גרויסע פאַרצייטיגע מענער, וועלכע האבען זיך אויסגעצייכענט מיט פרומקייט, רעכטשאפענהייט אונד אללע איבריגע הויכע טוגענדען, מען קען פאָללשטענדיג זאגען, אז דיעזע אללע מענער, פון אברהם ביז אדם הראשון, זיינען געוועזן כריסטען, צוואר ניט נאך'ן נאמען, אבער אין דער טהאַט. דען אונטער דעם נאָמען כריסט פערשטעהען מיר אזא מענשען וועל־ כער צייכענט זיך אויס דורך דיא ערקענטניס פון כריסטוס'עס לעהרע מיט מעסיג־ קייט, גערעכטיגקייט אונד אלע גוטע זיטטען, א מענש וואס פערעהרט דעם איינ־ ציגען, אלליינינגען אונד אללמעכטיגען גאָט, אונד אין דיעזע טוגענדען זיינען יענע מענער געוועזן גראדע אזוי גרויס וויא אונזערע כריסטען"

ווען דאס כריסטענטהום אין זיין וייטערע ענטוויקלונג וואָלט שטרענג גע־ האַלטען דיעזע הויכע טוגענד־אידעאַלען, וואָלטען מיר היינט געהאט א גאַנץ אנדערע,

---

*) מען דאַרף דאביי ניט איינווענדען אז דער תלמוד איז פערפאסט געוואָרען אין 4טען יאהרהונדערט נאך יעזוס'ען. דער תלמוד איז בלויז דאן צוזאמען געשטעלט געוואָרען, אבער זיינע שפּריכע, זיינע דינים אונד מאמרים האבען שוין עקסיסטירט פריעהער, אלס תורה שבעל פה.

פיעל בעסערע וועלט. ליידער אבער זיינען דיעזע ווערער נור שעהנע פראזען, וועלכע דיא כריסטען האבען איז דער ווירקליכקייט, אין פראקטישען לעבען קיין מאָל ניט ערפיללט; דיא אורזאכע דאפון איז גאנץ איינפאך, ווייל יעזוס׳עס מאָראל איז איבערטריעבען א לעהרע וועלכע איז בעשאפען געוואָרען פון א פאנטאסט, פון א פערזאָן וואס האט קיין בעגריף ניט געהאט וועגען דיא מענשליכע נאטור אונד וועגען דיא גרונד־פרינציפען אויף וועלכע א מענשליכע געזעללשאפט קען אויפגעבויעט ווערען.

„אונד איך זאָג אייך״ פרעדיגט ער צו זיינע תלמידים„ שטעלט זיך ניט געגען דעמיעניגען וואס קומט אייך טהון שלעכטעס אונד אויב ער וועט דיר שלאָגען אויף דעם רעכטען באק שטעל איהם אויך אויס דיא לינקע, אונד ווער עס וויל ביי דער אוועקנעהמען דיא העמד גיעב איהם אויך דעם ראָק, אונד ווער עס צווינגט דיך זאָלסט מיט איהם געהען איין שטיק וועג געהע מיט איהם צוויי מאָלל אזויא וויט. איהר ווייסט אַז אין דער תורה איז אָנגעזאָגט: דוא זאָלסט ליעבען דיין פריינד אונד האססען דיין פיינד*). אבער איך זאָג אייך ליעבט אייערע פיינדע אונד בעט פאר דיא וואס פערפאָלגען אייך.... דארום זאָג איך אייך זאָרגט ניט וועגען עסען אונד טרינקען אונד וואו איהר זאָללט נעהמען א קלייד מיט וואס אייער קערפער צו בעדעקען. קוקט אויף דיא פויגעלאך אין דער לופט, זייא זייען ניט, זייא שניידען ניט, זייא זאממלען ניט איין אין שייערען אונד אייער פאטער אין היממעל שפייזט זייא

---

*) דער צווייטער האלבער זאטץ איז א שקר מוחלט: „ואיבית את־אויביך״ דוא זאָללסט האססען דיין פיינד, דאס האט צוגעלעגט דער עוואנגעלישער שרייבער, וועלכער איז געוועזן אזא גראָבער יונג אז ער האט זאָגאר ניט פערשטאנען דעם גייסט פון תורת משה, וואו עס איז אָנגעזאָגט, דוא זאָלסט ניט זוכען צו נעהמען ראכע, דוא זאָלסט ניט בעהאלטען א שנאה אין הארצען, דוא זאָלסט העלפען דיין דיין פיינד ווען ער איז אין א פערלעגענהייט. דאס איז דער גרויסער אונטערשיעד פון משה׳ס פערנינפטיגע פראקטישע לעהרע ביז יעזוס׳עס נארישע פאנטאזיעס. דיא תורה זאָגט ניט מען זאָלל ליעבען דעם פיינד, ווייל דאס וואללט דאך געווען אונמעגליך, אוננאטירליך פיר א מענשען צו ערפיללען, דאגעגען הייסט זיא אבער מען זאָל ניט טראָגען קיין שנאה אויף איהם אונד העלפען אין א צייט פון נויטה. יעזוס אבער פלוידערט וועגען ליעבע צום פיינד, וועגען לאָזען זיך פון איהם שלאָגען אונד פלוכען. אזא לעהרע איז נור פאר אידיאָטען, אבער ניט פיר מענשען מיט א געזונדען פערשטאנד.

דאָך. אונד ווארום זאָלט איהר זאָרגען וועגען קליידער? בעטראַכט דיא ליליען אויפ'ן פעלד, וויא זיי וואַקסען; זיי ארבייטען ניט אונד שפּינען ניט. ווען גאָט קליידעט אזוי שעהן דיא גראָז אויפ'ן פעלד, וועלכע שטעהט דאָך נור היינט און מאָרגען וואַרפט מען איהר אריין אין אויווען, וועט ער דאַן אלזאָ דאס זעלבע ניט טהון פיר אייך? אָה, איהר קליין־גלויביגע! דארום זאָלט איהר ניט זאָרגע אונד ניט פרעגען; וואס וועלען מיר עסען? וואס וועלען מיר טרינקען? מיט וואס וועלען מיר זיך קליידען? דען וועגען אזעלכע זאכען טראַכטען נור דיא גוים, אבער אייער פאַטער אין הימעל וויים אז איהר דאַרפט דאס אַלעס. אַם ערסטען זאָללט איהר טראַכטען וועגען גאָטעס רייך אונד וועגען זיין גערעכטיג־קייט, אונד דיא אַלע איבריגע זאַכען וועט מען אויך שוין געבען צוגאָב אַלס מתנות. זאָרגט ניט וועגען מאָרגען, זאָלל דער מאָרגענדיגער טאָג פיר זיך אַליין זאָרגען.

א שעהנע מאָראַל! וויא לאַנג וואָללט געקענט עקסיסטירען א מענשליכע געזעלשאַפט וועלכע זאָל וועלען לעבען נאָך דיא געבאָטען פון אזא מין וואָהנזיניגע לעהרע?

עס איז צוואר ריכטיג אז עס געפינען זיך אויך אין דיא עוואַנגעליומס אַנ־דערע זעהר שעהנע זיטען־לעהרען. דעם גאָטעס־רייך שטעללט יעזוס פאַר אז דאס ענטהאלט זיך ניט אין דיא אויסערליכע פערהעלטניסע, זאָנדערען אין מענשען גופא; ניט אין מאַכט אונד גלאַנץ, זאָנדערען אין דעם עהרליכען ריינעם געמיט. ווער עס וויל געניסען פון דיעזען רייך זאָלל זיך ניט צופיעל אבגעבען מיט דיא אינטערעסען פון דיעזער וועלט, זאָנדערען ער זאָלל רייניגען זיין הערץ, לויטערען זיין אויפפיהרונג אין לעבען אונד האלטען דיא וואַהרע טוגענד. דיא בירגער פון גאָטעס־רייך זיינען דיא איינפאַכע, בעשיידענע, זאַנפטע, בארמהערציגע, פריעדליכע מענשען, וועלכע שטרעבען צו גערעכטיקייט אונד ווערען דאַפיר פערפאָלגט. גאָט איז דער פאַטער פון אַללע מענשען, וועלכע זאָללען דארום אַלס ברידער אונד שוועסטער לעבען אין ליעבע אונד פריעדען.

דיזע אונד פיעלע עהנליכע מעהר פערנינפטיגע מאָראַלישע שפּריכע זיינען אבער, וויא מיר האבען שוין בעמערקט, קיין נייעס גיט. ניט יעזוס האט זייא ערפונדען, זאָנדערן ערהאַבענע מענער, וואס האבען געלעבט מיט א לענגערע אָדער א קורצע צייט פאַר איהם. איבערהויפּט זיינען זייא גענומען געוואָרען פון תורת משה אונד דיא נביאים. פון תלמוד געפינען מיר זאָגאַר קאָפּירט גאַנצע מאמרים אונד פיעלע אויסדריקע; אבער נאָך מעהר איז וויכטיג צו בעטראַכטען, אז זעהר פיעלע פון דיעזע מאָראַלישע שפּריכע וואס געפינען זיך אין דיא עוואַנגעליומס אונד אַנדערע ביבער

פון נייעם טעסטאמענט זיינען פריעהער פראָקלאמירט געוואָרען פון דיא היידנישע דענקער, איבערהויפט פון דיא גריעכישע פילאָזאָפען.

זענאָ דער 2טער, דער בעריהמטער גרינדער פון דיא סטאָישע פילאָזאָפישע שולע, האט געזאגט נאך מיט 200 יאהר פאר יעזוס'ן, אז נור דעריעניגער קען ווערען גערעכענט אלס חכם ווער עס בעהערשט זיך זעלבסט אונד זיינע ליידענשאפטען. דיא וואהרע גליקזעלליגקייט בעשטעהעט אין א לעבען וואס שטרעבט נאך דיא געטליכע פאָללקאָמענהייט". אט זיינען אין א פּאָאר ווערטער ערקלערט אללע פּרעדיגטען פון יעזוס'ען וועגען דעם געטליכען הימעלרייך, צו וועלכע דיא טור־נענדהאפטע מענשען זאָלען שטרעבען. אין דיא ווייטערע לעהרען פון דיא סטאָישע שולע איז כמעט וואָרט אין וואָרט צו געפינען דאס זעלבע וואס איז נאכהער איבער גענומען געוואָרען אין די עוואנגעליומס, נור ביי יענע גרויסע דענקער קומט עס אויס פיעל פערנינפטיגער. זאָ ערקלערען זייא צום ביישפּיעל: גאָט איז דער בעשאפער, דער אויפהאַלטער אונד דער פיהרער פון אללעם וואס עקסיסטירט, אלזאָ, אויך פון דעם מענשען; דיעזע, אלס זיינע קינדער, זיינען דארום אללע גלייך, אונד אלס ברידער, דארפען זיי ליעבען אונד בעגליקען איינער דעם צווייטען דורך וואהלטהאט; יא, זאָגאָר דעמיעניגען וואס שאַדעט אונז דארפען מיר טהון גוטעס, דען מיר מוזען מיט איהם האבען מיטלייד אונד בערעכענען אז ער איז א פערבלאָנזעטער, ער וויים נים וואס עט טהוט (דאס זעלבע לוקאס 23, 34); דען גאָט זעלבסט צייגט דאך אויך זיינע וואהלטהאטען זאָגאר דעם זינדער. (דאס זעלבע מאטהעאוס 5, 45.) דיא וועלט איז איין אלגעמיינע, גרויסע רייך, אין וועלכע אלע מענשען זיינען גלייך־בערעכטיגטע בירגער, וועלכע דארפען שטרעבען צו חכמה, צו בעהעררשען זייערע תאוות, צו פיהרען איין איינפאכען אבער טוגענדהאפטען לעבען. מיר געפינען אלזאָ אין דיעזע לעהרען פון דיא סטאָיקער אללע געדאנקען מיט וועלכע דיא עוואנגעליומס שילדערען א הימעלרייך אויף דיעזער וועלט.

דיא זעלבע מאָראלישע לעהרען געפינט מען אויך בייא אנדערע דענקער פון יענע צייטען. דער גרויסער פילאָזאָף סענעקא, וועגען וועלכען מיר האבען שוין אויף איין אנדער שטעללע פון דיעזען בוך ערינערט, שרייבט אין איינע פון זיינע ווערקע: וואָהלטהאטען דארף מען בעווייזען אללעמען אָהן אונטערשיעד אונד אָהן אירגענד וועלכע פערצעגערונג, אָפּטמאל אזויא געהיים, אז דער גוטליידענדער זאלל אליין נים וויסען ווער עס האט איהם געגעבען הילפע. (דאס זעלבע מאטהעאוס 6, 1־4).

דאַגעגען זיינען אין דיא עוואַנגעליומס געזאָגט געוואָרען אין יעזוס'עס נאַמען אזעלכע ווערטער וואס זיינען שוין גאָר ניט מאָראַליש, ווייל זיי ענטהאַלטען אין זיך א ווילדען פאַנאַטישען האסס אונד פּרעדיגען געגען יעדע פּערנינפטיגע געזעלשאַפט־ליכע אָרדנונג. „וואהל איז צו דיא ארמע אונד וועה צו דיא רייכע" (לוקאס 6, 21 אונד 24.) דאָ איז אויסגעדריקט סתם א שנאה צו דיא רייכע אונד א סימפּאַטהיע צו דיא אָרמע, אָהן אונטערשיעד אויב זיי זיינען גוטע אָדער שלעכטע מענשען. אויך אין פיעלע אנדערע ערטער פון דיא עוואַנגעליומס געפינען זיך אזעלכע וואהנזיניגע שפּריכע וועלכע בעוויזען אז יעזוס האט ניט געהאט קיין געפיהל פון יושר אונד גע־רעכטיגקייט. דער משל אין לוקאס (16, 1־10) ערצעהלט, וויא ביי א רייכען מאַן איז געווען א פערוואַלטער, וועלכער האט דיא ווירטהשאַפט געפיהרט וויא א וואַה־רער פערברעכער, מיט שווינדעל, בעטרוג אונד גנבות. שליעסליך אַלס דער הערר האט איהם געפאָדערט אָבצוגעבען רעכענונג אונד דאַביי ערקלערט אז ער קען איהם מעהר ניט האַלטען, בעגעהט דער פערוואַלטער א גאַנצע רייהע פון אַנדערע פערברעכענס אונד גיעבט ארויס אויף זיין הערר'ס נאַמען פאַלשע דאָקומענטען, אום דאַמיט זיך צו געווינען פריינדע ביי זיין הערר'ס בעלי חובות. אונד אזא מין ניכטסווירדיגען שופט ריהמט יעזוס, דאַפיר וואס ער האט „קלוג" געהאַנדעלט. יעזוס זאָגט צו זיינע תלמידים זיי זאָלען זיך פון איהם אראָבנעהמען א ביישפּיעל אונד שליעסט מיט דיזע ווערטער: איך זאָג אייך, קויפט זיך פריינד מיט דעם אונגערעכטען מאַמאָן."

א צווייטעס ביישפּיעל (מאַטהעאוס 21, 2־7) ציעגט, אז יעזוס האט ניט געאַכטעט פרעמדעס אייגענטהום. ער הייסט זיינע תלמידים זייא זאָללען געהען אין נעקסטען דאָרף, וואו זייא וועללען געפינען אנגעבונדען צווייא עזלען, וועלכע זייא זאָ־לען איהם ברענגען. דאַבייא איז זעהר קאָמיש צו בעטראַכטען דיזע עוואַנגעלישע געשיכטע, וועלכע ערצעהלט, אז יעזוס איז אריינגעפאָהרען אין ירושלים רייטענדיג אייף ב י י ד ע עזלען צוזאַממען.

„ווער עס רופט דעם צווייטען נארר וועט דאַפיר אריינפאַלען אין גיהנום."— וויא פריינגיעביג יעזוס איז צו בעשטיממען דיא גרוֹיזאַמסטע אונד שרעקליכסטע שטראַפען פיר יעדע קלייניגקייטען! צו גלייכער צייט זעהען מיר אז טראָמץ אללע שעהנע ווערטער פון ליעבען דעם פיינד אונד נאָך אזעלכע פראַזען האט יעזוס אלליין פערדאַמט אונד געשימפּפט אויף זיינע געגנער, וועלכע ער רופט חנפים, רייסענדע וועלף, שלאַנגען־קינדער אונד נאָך אזעלכע זילזולים. עס הייסט אַלזאָ אז יעזוס זאָגט נור דעם צווייטען צו זיין גוט אונד פרום,

וועהרענד ער אלליין טהוט גראדע פערקעהרט. אזויא טהוען אויך אלע כריסטליכע גלחים ביז היינטיגען טאג.

יעזוס זאגט אז נור דעריעניגער איז ווערטה צו זיין בייא איהם א תלמיד וועד עס האסט זיין פאטער, שוועסטער אונד קרובים. (לוקאס 14־26) אין איין שטעללע (מאטהעאוס 19־12) ריהמט ער זאגאר דיעניגע וואס נעהמען פון זיך אלליין אוועק דיא מענגליכע קראפט. (סריסים) אום צו קומען אין הימעלרייך. וויא נארריש, דומם אונד שענדליך אזעלכע שפריכע זיינען.

מיט אזעלכע אונד פיעלע עהנליכע משוגעת׳ן איז פולל דער גייער טעסטא-מענט אונד דאפון זעהט מען אז דיא ווירקליך גוטע מאראלישע לעהרען, האט יעזוס נעבארגט פון דיא פריעהעריגע גרויסע אידישע דענקער אונד אנדערע פילאזאפען, אבער דארט וואו ער רעדט מיט זיינע אייגענע אנזיכטען פלוידערט ער נור א זעלכע דוממהייטען. אויסערדעם זעהט מען אז ער איז זעווען א פינסטערער פאנאטיקער, ראכזיכטיג, אינטאלעראנט אזויא פיעל אז ער הייסט מען זאלל ברענגען צו איהם דיעניגע וואס ווילען אין איהם ניט גלויבען אונד זייא ערמארדען אין זיין געגענווארט. (לוקאס 19־27). זיין נעכסטער נאכפאלגער שמעון פעטרוס, האט ערמארדעט מיט א בליק א מאן מיט א פרויא, דאפיר וואס זייא האבען א טהייל פון זייער פער־מעגען בעהאלטען פיר זיך אלליין אונד ניט אוועקגעגעבען פיר דיא גאנצע געמיינדע (אפאסטעל־געשיכטע 5) זעלבסטפערשטענדליך האבען אזעלכע ביישפיעלען גע־מוזט ברענגען דאצו אז זא באלד וויא דיעזע כריסטיליכע אמונה איז געווארען א הערשענדע האט זיא איהרע געגנער אונד אלע פרעמד־גלויביגע פערפאלגט מיט די שרעקליכסטע מערדערייען, מיט אינקוויזיציאנען, פון וועלכע מיר געפינען קיין ביישפיעל ניט אין דער געשיכטע פון אללע אנדערע אמונות.

דער אידישער מאראלישער צושטאנד, וויא דיא געשיכטע בעווייזט, איז גראדע דאמאלס געוועזן פיעל בעסער ווא אין דיא פערגאנגענע צייטען אונד פיעל שעהנער וויא ביי אנדערע פעלקער. דיא שטרענג רעליגיעזע לעהרען פון בית שמאי אונד דיא הויך מאראלישע פון בית הילל זיינען שוין דאן געוועזן שטארק פערברייי־טעט אין פאלק אונד איינגעפיהרט אין זייער רעליגיעזען לעבען. אבער יעזוס דורך זיינע עסענישע ברילען האט געקוקט אויף זיי מיט אנדערע אויגען אונד איהם האט זיך געוואלט איבערמאכען דיא גאנצע אידישע געזעלשאפט אונד זיי פערוואנדלען אין א באנדע פאנאטישע קאמוניסטען. א כאראקטעריסטישע שילדערונג וועגען דעם געפינען מיר אין דיא עוואנגעליומס גופא. (מאטהעאוס 19, 16־22.) א רייכער

קויפמאן איז געקוממען צו איהם אונד ערקלערט: „פון מיין יוגענד אן האב איך געהיט דיא געבאָטען פון דער תורה. איך האב ניט בעגאנגען קיין מאָרד, קיין זנות, קיין גנבה, קיין פאלשע עדות געזאָגט; איך האב געעהרט מיינע עלטערן אונד געליעבט מיין נעבסטען וויא זיך זעלבסט. וואס דארף איך נאך טהון?" אנ־שטאט איהם צו געבען א פערנינפטיגע אנטוואָרט ענטפערט איהם יעזוס; אויב דוא ווילסט זיין א בן עולם הבא פערקויף דיין גאנצען אייגענטהום אונד צוטהייל עס פיר ארעמע, דאן קום אונד געה מיט מיר. דער יונגער מאן האט נאטירליך ניט געפאָלגט אונד איז אוועקגעגאנגען, דאן האט יעזוס געזאָגט: גיכער קען א קעמעל דורכנעהען דורך דיא קעפעל פון א נאָדעל אלס א רייכער צו עולם הבא." זאָגאר זיינע תלמידים זיינען דאריבער ערשטוינט געוואָרען און מען קען זיך פאָרשטעללען אז ביי דיא גאנצע איבריגע רייכע קלאסע, אדער זאָגאר ביי דיא מיטעל־מעסיגע בע־פעלקערונג, האט יעזוס מיט אזעלכע פרעדיגטען זיך געוויס קיין פריינדע ניט געקענט קויפען.

מיט זיין עסענישע אידעע וועגען א הימעלרייך, האט ער אויך געמוזט גע־פינען זעהר פיעל געגנער בייא אידען, איבערהויפט נאכדעם וויא עס איז בעוואוסט געוואָרען אז ער גיעבט זיך ארויס פיר א משיח. אונטער די פערזאָן פון א משיח הא־בען אידען ערוואַרט א העלד, א לאנדעס־רעטער, א מאן וואס זאָל זייא בעפרייען פון דעם רוימישען יאָך, אונטער וועלכען זיי האבען אזויא פיעל געליטען. שליעסליך קוממט אזא שווערמער, א פאנטאסט, אונד זאָגט אז דאס הימעלרייך איז שוין דאָ; ער איז דער משיח אונד דיא גליקען בעשטעהען דארין אז אללע זאָללען ווערען קאָ־מוניסטישע צדיקים. מען קען זיך פאָרשטעלען מיט וועלכע ביטערע געפיהלען פון האסס אונד איראָניע דיא אידען איהם געמוזט בעטראכטען, איבערהויפט די פאט־ריאָטישע קנאים, וועלכע האבען אימער אגיטירט מען זאָל זיך אויפאָפפערען אונד קעמפפען געגען דיא טיראנישע רוימישע הערשאפט, ווערהרענד יעזוס האט גאר גע־הייסען איינבויגען דעם קאָפף אונד „אוועקגעבען דעם קייסער וואס געהערט צו איהם" אונד דאס הייסט א אידיש'ער משיח.

נאך מעהר האט ער געמוזט ווערען פערדאמט ביי די פאָרשטעהער פון די אידי־שע רעליגיעזע לעהרע, ביי די פרושים אונד טהיילווייז אויך ביי די צדוקים. די אַלטע אידישע טראדיציאָנען, דיא רעליגיעזע מנהגים אונד דינים, פיר וועלכע גאנצע דורות האבען זייער לעבען געאָפפערט, זיינען שוין דאמאלס לויט דיא לעהרען פון דיא פרושים געוועזן איינגעפיהרט אין פראקטישען לעבען פון פאָלק, אלס תורה שבעל פה. וועלכע איז בייא אידען געוועזן פונקט אזויא הייליג אונד טהייער וויא תורת

משה. יעזוס האט דיעזע לעהרע פון דיא פרושים אין גאנצען פערווארפען, וויא עס איז צו זעהען פון פיעלע אין ערטער עוואנגעליום אונד אויף איין שטעלע (מאטהע־אוס 16, 6, 10) זאגט ער צו זיינע תלמידים אויסדריקליך, אז זיי זאללען זיך היטען פון דיא תורה פון דיא פרושים אונד די צדוקים.

וואס אנבעטריפט דיא תורת משה זאגט ער צוואר, אז ער איז ניט געקומען צערשטערען איהרע געזעטצען, זאנדערן פינקטליך ערפיללען. הימעל אונד ערד וועלען אונטערגעהען, אבער פון משה׳ס לעהרע קען אפילו איין איינציגער יוד ניט געמינדערט ווערען. אונטערדעסען זעהען מיר אז יעזוס האט מבטל געווען פיעלע גע־זעטצען פון דער תורה, ענטוועדער דירעקט דורך זיינע טהאטען, אדער אינדירעקט, דורך זיינע פוסטע משלים. יעזוס האט צוואר ניט געשפראכען געגען דיא קרבנות, אבער דאמיט וואס ער האט אויף זיך גענוממען דיא ראללע פון א מוחל עונית, צו פערגעבען דיא זינד דורך זיין ווארט, האט ער דיא קרבנות אין דער טהאט מבטל געווען. לויט די תורת משה האט א זינד געקענט פערגעבען ווערען נור דורך א קרבן, וואס איז געבראכט געווארען אין בית המקדש, דורך א כהן; אבער ניט דורך דיא ברכות פון אירגענד א יעזוס. דיא פרושים האבען דאפיר איהם בעטראכט אלס א מעניש וואס לעסטערט דעם געזעטץ, (מאטהעאוס 8, 2־3), אבער יעזוס האט זייא דארויף גענטפערט, אז דער בן־האדם; וויא ער רופט זיך, האט דאס רעכט צו פערגעבען דיא זינדע, נור מיט זיין ווארט.

בייא דעם צופאלל ווען זיינע תלמידים האבען געריסען זאנגען אום שבת אונד דיא פרושים האבען איהם דאפיר פארווירפע געמאכט, ערוויעדערט יעזוס, פארוואס מעגען דיא כהנים מחלל שבת זיין אין בית המקדש, אבער ער, זאגט ער אויף זיך, איז גרעסער וויא דער בית המקדש, ער איז דער הערר איבער׳ן שבת. אזעלכע ווער־טער האבען נאטירליך דיא פרוממע פרושים געמוזט אזוי שרעקליך איבערראשען, אז זיי זאלען איהם ווירקליך בעטראכטען אלס א מחרף ומגדף, אלס א לעסטערער פון דיא אידישע רעליגיאן.

וייטער ערצעהלט דאס זעלבע עוואנגעליום, אז פרושים אונד שריפט־געלעהרטע פון ירושלים זיינען געקומען איהם פרעגען, פארוואס זיינע תלמידים וואשען זיך ניט צום עסען, וויא דאס פארדערט זיך לויט דיא טראדיציאנען, דיא תורה שבעל פה. יעזוס ערוויעדערט זיי דארויף, „פארוואס פערלאזט איהר דיא געטליבע געבאטען איבער אייער תורה?“ שליעסליך ערקלערט ער צו זיינע תלמידים, אז אלעס וואס קומט אריין אין מענשען׳ס מויל מאכט איהם ניט אונריין, זאנדערן וואס עס געהט ארויס פון זיין מויל דאדורך ווערט ער טמא. נאך דיעזע לעהרע קוממט עס

אַלזאָ אויס אז מען מעג עסען נבלות, טרפות אונד אַללעס וואס איז פערבאָטען לויט תורת משה, דען קיינע שפייזען איבערהויפט, וויא יעזוס זאָגט זיינען דאך דעם מענשען ניט מכּכא.

אין זיין בעוואוסטע בערג־פּרעדיגט (מאטהעאוס 5, 32) זאָגט יעזוס אז מען טאר ניט אבגעט'ען א פרויא, אויסער ווען זיא האט בעגאנגען דיא עברה פון זנות. דאסזעלבע ווידערהאָלט ער אויך אויף איין אנדער שטעללע, אין זיין אנטוואָרט צו דיא פרושים. אזא לעהרע איז געגען תורת משה אונד דאצו נאך זעהר לעבערליך. דען א פרויא, איין אשת איש, וואס האט מזנה געווען קוממט איהר דאך לויט משה'ס געזעטץ מיתה אונד אויף דיעזען אופן דארף זיא דאך קיין גאט ניט האבען.

וויא וויט יעזוס איז געווען געבילדעט אין דיא דאמאָליגע וויסענשאפטען אונד איבערהויפט אין דיא לעהרע פין דיא אידישע רעליגיאָן, איז פון דיא עוואנ־געליומס דייטליך ניט צו זעהען. יעדענפאללס אבער דארף מען אננעהמען מיט גרויס וואהרשיינליכקייט אז ער האט פון דיא עסענער אין פאלעסטינא אויסגעלערענט אַללע זייערע געהיימע וויסענשאפטען אונד עס איז אויך מעגליך אז ער האט זעהר פיעל ערפאהרען פון די צווייטע עסענישע סעקטע די טהעראפּעוטען אונד אנדערע געלעהרטע אין עגיפּטען, וואו ער האט וואהרשיינליך פערבראכט א לענגערע צייט פריעהער, ביז ער איז אויפגעטרעטען אין דיא עפענטליכקייט. זיינע דיספּוטען מיט דיא פרושים צייגען, אז ער האט מעהר אָדער וועניגער געהאט א בעגריף אין דיא אידישע רעליגיאָנס־לעהרע אונד עס איז אויך זעהר מעגליך, אז ער האט פערשטאנען עטוואס אין דער דאמאָליגער מעדיצין, וועלכע דיא עסענער איבערהויפט האבען דאמאלס פראקטיצירט. דאפון שטאממען אָהן א צווייפעל דיא אללע נסים וועגען זיינע היילונגען וואס ווערען ערצעהלט פון איהם אין דיא עוואנגעליומס.

וואס אנבעטריפט דיא דאמאָליגע אידישע פארטייא די צדוקים, האט יעזוס'עס לעהרע מיט זיי געוויס ניט געקענט איינשטיממען אין קיין פונקט. די צדוקים, וויא מיר האבּען שוין ערקלערט אויף איין אנדער שטעללע, האבען ניט געגלויבט אין שכר ועונש, אין תחית המתים אונד איבערהויפּט אין א לעשען נאך'ן טויט, וועהרענד יעזוס'עס גאנצע לעהרע בעשטעהט נור אין דיעזע הויפט עיקרים.

וויא לאנג יעזוס האט פּראָפּאגאנדירט אלס וואנדער־לעהרער, איבער דיא שטעדט אונד שטעדטלאך פון גליל אונד יהודה, איז בעשטיממט ניט בעוואוסט; דיא ערסטע כריסטליכע שריפטשטעלער בעהויפטען, אז דאס האט אין גאנצען געדוי־ערט נור איין יאָהר. יעצט איז און אַללגעמיין אנגענוממען, אז ער האט זיין אגי־

טאציאָן געפיהרט אין פערלויף פון דרייא יאָהר. אזויא פיעל איז יעזוס געוועזן קלוג גענוג אויסצומיידען מיט זיינע רעפאָרם־פרעדיגטען דיא רייכע קלאססע אין ירושלים אונד אַנדערע גרויסע שטעדט, וועלכע וואָלטען איהם געוויס צוריק געשטויסען מיט שפּאָט אונד פעראַכטונג. דאָרט וואָלט ער אויף זיך ניט געקענט אונטער־שטעהען צו רעדען אַ וואָרט געגען דיא רעגירענדע פּארטיי פון דיא פּרושים. יעזוס האט זיך דארום בענעבען נאך דיא לאַנד געגענדען, אין דיא ווייטע פּראָווינץ פון גליל, וואו דאס פאָלק איז געוועזן ווענינ געלעהרט, זעהר פאַנאַטיש אונד אבערגלויביש. דאָרט האט ער זיך געווענדעט צו דיעניגע וואס ווארען בעטראַכט אלס אויס־ווירפע, אויסגעשטויסענע פון דיא אידישע געמיינדע: דיא מוכסים, דאס הייסט, איינגעהמער פון שטייערען, וועלכע מען האט גראדע דארום טיעף פעוהאסט אונד פעראַכטעט; דיא אונוויסענדע ארבייטער, (עמי הארצים), וועלכע האבען פיללייכט קיין מאָל ניט בעזוכט דיא אידישע הויפטשטאדט אונד דיא אידישע לעהרע איז זיי געוועזן גאַנץ אונבעקאַנט; אויך צו פערשיעדענע פרויענצימממער, וועלכע האבען גע־פיהרט איין אויסגעלאַסענעם לעבען. מיט זיי האט ער געפיהרט געזעלשאַפט אונד אין אַזעלכע ניעדריגע קרייזען האט ער געקענט געפינען אַ מאַסע אַנהענגער:

זיין ערסטער אויפטריט איז געוועזן אין זיין געבורטס־שטעדטעל נצרת, וואו ער האט זיך געוואָלט אויפשפּיעלען אַלס לעהרער אונד פּראָפעט. וואהרשיינליך האט ער געדעכענט, אז דאָ איז דאָך מעהר וויא איבעראַלל בעקאַנט דער נס וויא ער איז געבאָרען געוואָרען פון הייליגען גייסט אונד דארום וועט מען איהם באַלד אַנ־ערקענען אַלס אַ געטליכען מאַן. אבער פון יענער צייט איז שוין אוועק 30 יאהר. דיא געשיכטע איז שוין לאַנג פערגעסען געוואָרען, אדער מען האט אויך פריעהער מייסטענס גאַנץ ווענינ געגלויבט אין מאַריא׳ס געטליכע פאַנטאַזיעס. יעדענפאַללס איז עס אַ פאַקט, אז דעם ערשטען שבת, אַלס יעזוס האט אַנגעפאַנגען ביי זיי אין שוהל צו דרש׳נען, נאַטירליך וועגען דיא נאָהענטע מלכות השמים, האט מען זיך אויסגעלאַכט פון יוסף דעם האָלץ־ארבייטער׳ס זוהן, וועלכען זייא האבען פון קינד־הייט אָן גוט געקענט. אונד שליעסליך האט זיך דיא סצענע געענדיגט דאמיט, אז פיעלע פון דיא אנוועזענדע זיינען שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען אויף זיין חוצפה אונד האבען איאם ארויסגעוואָרפען פון שולל.

יעזוס האט זיך אַלזאָ פון נצרת בעגעבען נאך איין אנדער שטעדטעל פון גליל, וועלכע וואר דאמאַלס בעוואוסט מיט דעם נאמען כפר נחום, וואו ער האט געגרינ־דעט זיין הויפטקוואַרטיר. דיעזע שטעדטעל איז געלעגען ביי׳ן טייך גניסר, אין אַ שעהנע, בליהענדע געגענד, מיט בעקוועמע וועגען נאך פערשיעדענע ריכטונגען, זאָ

דאס יעזוס האט איממער געהאַט דיא מעגליכקייט צו ענטלויפען פון דאָרט נאך א זיבערען פלאַטץ, אים פאַל ווען מען זאָל איהם פערפאָלגען. צווישען דיא אידישע איינוואהנער פון כפר נחום זיינען געוועזן פיעלע אונוויסענדע פישער. פון זיי האט יעזוס זיך אויסגעוועהלט זיינע ערסטע תלמידים, א געוויסען שמעון, וועלכען זיי האַבען אין דיא עוואַנגעליומס צוגעלעגט דעם נאמען פעטרוס, (אויף גריעכיש הייסט עס פעלזען,) אונד זיין ברודער אַנדרי,ביידע דיא זיהן פון דעם פישער יונה. באלד האבען זיך צו איהם אנגעשלאָסען נאך צוויי פישער, יעקב אונד יוחנן, דיא זיהן פון זבדי. אין כפר נחום איז ער וויא עס ווייזט אויס עמפפאנגען געוואָרען פיעל בעסער אונד ער פלעגט דאָרט שבת אין שולל אָבהאַלטען זיינע דרשות. עס איז זעהר וואהרשיינליך אַז יעזוס האט געהאַט א טיכטיגע רעדענס־קראַפט, מיט וועלכע ער איז אימשטאַנד געוועזן צו ווירקען איבערהויפט אויף דיא פאַנטאַזיע פון פראָסטען המון. „ער רעדט ווי איינער וואס איהם איז געגעבען געוואָרען א מאַכט“ האבען געזאָגט זיינע צוהערער, וויא דיא עוואַנגעליסטען ערצעהלען, אָבוואָהל דיעזע „מאַכט“ בעשטעהט נור אין ברייטע פראַזען אונד הויכשפּרעכענדע פאַנטאַזיעס. „קוממט צו מיר, גלויבט אין מיר, — איך בין דער טרויסט פיר דיא בעטריבטע, — איך בין דיא קוועללע פון לעבען — אַללעס האט מיין פאָטער אין היממעל מיר איבערגעגעבען“ — אַזעלכע אונד עהנליכע ווערטער בעווייזען דיא זעלבסט־בעריהמעריי פון דעם פרעדיגער, אבער זיי קענען אויך ערוועקען דעם גרעסטען פאַנאַטיזם ביי דיא אונגעבילדעטע מאַססע.

פון כפר נחום האט יעזוס אלס א וואַנדער־פרעדיגער ארום געררייזט איבער דיא פראָווינץ גליל, וועלכע איז דאַמאָלס געוועזן געדיכט בעפעלקערט ניט נור מיט ידען אַלליין, זאָנדערן אייך מיט גריעכען, אראַבער אונד פון נאך אַנדערע נאציאָנען. דיא שפּראַכע וועלכע דיא אידען אין גליל האבען דאַמאָלס געפיהרט איז געוועזן א צוזאַמען געמישטע פון ארמית, גריעכיש אונד אַנדערע לשונות. אין דער געבילדעטער שטאָדט ירושלים האט מען איממער געלאַכט פון דיא גליל שפּראַכע אונד דיא אידען פון דיזען פראָווינץ זיינען געוועזן פערעכענט אַלס דורכשניטליכע בורים אונד עמי הארצים. יעזוס וואָלט אַלזאָ מיט אזעלכע רעדעס אין ירושלים געוויס ניט געקענט אויפטרעטען, אבער פאר זיינע לאַנדס־לייטע אין גליל איז ער געוועזן גוט גענוג. זיינע רעדען פלעגט ער אבהאַלטען אין די שולען, ביי די טייכען אונד אין אַנדערע עפענטליכע פלעטצער.

ביי דיא ערסטע צייט פון זיין עפענטליכע טהעטיגקייט איז, וויא עס ווייזט אויס, יעזוס פון קיינעם ניט פערפאָלגט געוואָרען. ער האט דאַן זיך נאך ניט

ארויסגעגעבען אלס א משיח ,אלזא איז מיט זיינע לעהרען ניט גשווען פערבונדען קיין פּאָליטישע אגיטאציאָן, דארום געפינט מען קיין נאכריכט אז דער גאָווערנאר פון יענע פראָווינצען הורדוס אנטיפאס זאָלל עטוואס געגען איהם אונטערנעהמען. עס איז הויך זעהר וואהרשיינליך אז צו יענער צייט האט יעזוס קיין פיעל נאכפאָלגער ניט געהאט אונד עס איז קיין איבריגער גערודער ועגען איהם אין לאנד גיט געווארען, דען זאָנסט וואללט איהם הורדוס געוויס אויך געהייסען הינריכטען, וויא ער האט עס געטהון מיט יאָהאנעס דעם טויפער. איבריגענס ערצעהלט אויך דער וואנגע־ליסט יוחנן (קאפ. 6 66) אז פיעלע פון זיינע נאכפאָלגער האבען צו א געוויסע צייט פון איהם זיך צוריקגעצויגען אונד זיינען מיט איהם מעהר ניט מיטגעגאנגען.

צו דיזער צייט האט זיך צו איהם אנגעשלאסען א געוויסער מתתיהו אדער לוי, א רייכער מוכסן, שטייער איינעהמער, וואהרשיינליך פון פּאָרט כפר נחום אונד אין זיין הויז פלעגט יעזוס זעהר אָפט זיך אבשטעללען, ברענגענדיג מיט זיך א קאָמפּאַ־ניע מיט נאך אזעלכע פערזאָנען פון דיא ניעדריגסטע קללאססע, אויף וועלכע מען האט געקוקט מיט דיא טיעפסטע פעראכטונג. צווישען זיי ווארען אויך אויסגעלאַ־סענע פרויען, אונד איינע א געוויסע מרים, פון דער שטאדט מגדלה, פון וועלכע יעזוס זאָלל האבען ארויסגעטריעבען זיעבען רוהות, שפּיעלט א וויכטיגע ראָללע אין דיא ערצעהלונגען פון נייעם טעסטאמענט אונד דיא כריסטען פערגעטערען איהר אלס א הייליגע.

אויב יעזוס האט יענער צייט בעזוכט ירושלים, וויא דער וואנגעליסט יאָהאנעס ערצעהלט, איז אונבעקאנט, ווענינגסטעס איז בייא דיא אנדערע וואנגעליסטען דאפון גאָר ניט ערינערט. אין זיינע וויטערע וואנדערונגען איבער דיא שטעדט פון גליל האט יעזוס, וויא עס וויזט אויס, אויך געהאט וועניג ערפאָלג אונד זאָגאר פון כפר־נחום האט מען איהם שליעסליך געמוזט ארויסטרייבען. אין דיא וואנגעליומס איז ערצעהלט וויא ער האט געשימפּפט אונד געפלוכט אויף דיא שטעדט כחרין אונד בות צידה, פארוואס זייא האבען איהם ניט עמפּפאנגען. "אונד דוא כפר נחום, זאָגט ער "וואס דוא ביזט ערהויבען געוואָרען צום הימעל, יעצט אבער ווערסט דוא איינגעזונקען ווערען אין אָבגרונד." דאן איז מען שליעסליך אין ירושלים אויפמערקזאם געוואָרען אויף זיין טהעטיגקייט, וועלכע האט אין פיעלע הינזיכטען ניט איינגעשטיממט מיט דיא לאנדעס־געזעטצען אונד מיט דיא רעליגיעזע געבאָטען. געלעהרטע פרושים פון ירושלים זיינען געקומען זעהן וואס פיר א פערזאָן דאס איז, פון זיינע אנטוואָרטען אויף געוויסע פראגען האאבען זייא זיך געקענט איבערציינען, אז

ענטוועדער ער איז אונגעבילדעט, אדער ער פלוידערט מיט א מיין, אום דעם פּראָס־טען המון צו זיך אנצוציעהען. יעזוס האט געמוזט איינזעהען אז ער איז אין געפאַהר אונד ער איז דאַן אָבגעפאָהרען אויף א שיף, נאך אירגענד איין איינזאַמע געגענד אויף יענעם זייט טייך, וואוהין עס האבען איהם נאכגעפאָלגט א קלענערע אָדער א גרע־סערע צאהל אנהענגער.

דעננאָך איז ער דאָרט ניט לאנג פערבליעבען אונד באלד האט ער זיך וויע־דער בעוויזען אין כפר נחום, וואו ער האט פון זיינע נאכפאָלגער אויסגעוועהלט 12 אפּאָסטעלס (שלוחים), נאך דעם צאהל פון דיא אידישע שבטים. דאס וואַרען נעמליך דיא אויבענדערמאָנטע פינף, שמעון, אנדרי, יעקב, יוחנן אונד מתתיהו. דיא איבריגע וואַרען פיליפּ, פון בית־צידה; בר־תלמי (באַרטהאָלאמיי), אדער נתנאל, פון קנה; תומה (טהאָמאס), אויף וועלכען מען וויים ניט בעשטימט פון וואַנען ער איז געוועזן;*) יעקב דער זוהן חלפי, אויף וועלכען אנדערע געשיכטע שרייבער זאָגען, אז דאס איז דערזעלבער יעקב, יעזוס'עס ברודער; תדי, אָדער וויא לוקאַס רופט איהם יהודה בן יעקב; שמעון, דער קנאי, אָדער פון דער שטאָדט קנה*) אונד דער 12טער איז געוועזן יהודה איש־קריות, אויף וועלכען דיא עוואַנגעליסטען ערצעהלען, אז ער האט שליעסליך יעזוס'ען פערראַטהען. דיא מייסטע פון דיעזע אללע שלוחים זיינען געוועזן אידען פון גליל, פון ניעדריגען שטאנד אונד אויך זיי זאָגט עס יעזוס, אז זיי זיינען דיא ליכט פון דער וועלט.

צו דיעזער צייט האט דער טויפער יאָהאַנעס פון געפענגנים געשיקט זיינע שלוחים צו יעזוס'ען פרעגען אויב ער ער איז דער משיח, איבער דיא אורזאכען וועל־כע מיר האבען שוין פריעהער ערקלערט. יעזוס האט אונטערדעסען וויעדער געהאט

*) עוזעביוס, אין זיין קירכען־געשיכטע בעהויפּטעט, אז דער ווירקליכער נאָ־מען פון דיעזען טהאָמאַס איז געוועזן יהודה אונד אז ער איז דאס איינער פון יע־זוס'עס ברידער. איין אלטע זאגע ערצעהלט וויעדער אז ער איז געוועזן פון אנטיאָ־כען, וואו ער האט זאָגאר געהאט א צווילינג־שוועסטער מיט דעם נאָמען ליזיא.

*) ביי מאַטהעאוס הייסט ער שמעון הכנעני, אָבער דאס איז וואהרשיינליך א טעות פון וואָרט קנאי, דען עס איז ניט וואהרשיינליך אז יעזוס זאָלל האבען אויסגעוועהלט א גוי אלס איינעם פון זיינע שלוחים, וועלכע ער האט דאך געשיקט דורכאויס צו אידען.

דיספוטען אויך מיט דיא שלוחים פון דיא פרושים אונד ער האט זיך נאך אמאל צוריקגעצויגען אין איין איינזאמע געגענד ביי דיא געבירגען פון חרמון. דארט האט ער צום ערסטען מאלל זיך ענטדעקט נור צו זיינע 12 תלמידים אז ער איז דער משיח; אבער ער האט אויך זאגאר דאן ניט געקענט זיך ענטשליסען אפען דאס ארויסצוזאגען, זאנדערן דורך אינדירעקטע פראגען איז עס אויסגעקומען אז זיי האבען איהם אנערקענט אלס משיח. „וויא זאגען דיא מענשען אויף מיר, ווער בין איך?" פרעגט ער ביי זיי. אייניגע האבען געענטפערט אז מען רעכענט איהם פאר אליהו הנביא, אדער וויא זאגסט איין אנדער פראפעט. „אבער וויא דענקט איהר ווער בין איך?" פרעגט ער זיי „דוא ביסט דער משיח" האט שמעון פעטער דארויף געענטפערט. יעזוס האט איהם דאפיר געריהמט אונד צו גלייכער צייט אנגעזאגט, אז זיי זאלען דיעזען סוד קיינעם ניט ענטדעקען.

אייניגע טעג שפעטער האבען דיזעלבע תלמידים ביי איהם געפרעגט וואו איז דען געבליעבען אליהו הנביא, וועלכער דארף דאך קוממען פריעהער פאר משיח'ן? יעזוס ערקלערט זיי אז אליהו הנביא איז דאס גיוועזען דערזעלבער יאהאנעס דער טויפער. פון דיעזע אללע ערקלערונגען איז דייטליך צו זעהען, אז יעזוס האט ביז יעצט פיר קיינעם זיך ניט ארויסגעגעבען אלס משיח אונד האט אויף ווייטער אויך ניט געהאט בדעה עפענטליך זיך ארויסצוגעבען אלס א משיח. וואהרשיינליך האט ער געהאט דיא אבזיכט פריעהער צו פערברייטען זיין פראפאגאנדא אונד צו געווינען א גרעסערע מאכט ביים פאלק, אונד ערסט דאן מיט מעהר זיכערהייט אויפצוטרעטען אין דיעזע ראללע;

דעננאך האבען זיינע תלמידים דעם סוד ניט איינגעהאלטען אונד אין א קורצע צייט האט זיך פערברייטעט דיא נאכריכט אז יעזוס גיעבט זיך ארויס אלס א משיח. דאס האט געמוזט מאכען א געוואלדיגע אויפרעגונג אונד דיא גאנצע עפענטליכע מיינונג איז אויפגעשטאנען געגען איהם. מען האט אנגעפאנגען פון איהם צו פארדערן, ער זאל ציינען מיט אותות ומופתים אז ער איז ווירקליך דער ערווארטעטער משיח, אבער יעזוס איז ניט געוועזען אים שטאנד דאס צו בעווייזען אונד האט אויף אללע פראגען געזוכט זיך ארויס צו מאכען מיט זייטיגע רייד. יעזוס איז געקוממען אין גרויס פערלעגענהייט דען אויך זיינע תלמידים האבען שליעסליך אנגעפאנגען אין איהם צו צווייפלען: מען האט שוין יעצט פון איהם ערווארט ער זאלל געהן נאך ירושלים אונד זיך צייגען פאר'ן גאנצען פאלק אלס א משיח. יעזוס איז אלזא געצוואונגען געוועזן אונטערצונעהמען דיעזע רייזע, טראטצדעם וואס ער האט גוט געוואוסט אז זיא איז פאר איהם זעהר געפעהרליך. אויסערדעם האט ער

זיך שוין דאמאלס אין גליל אויף ניט געפיהלט זיכער אונד האט זיך געמוזט האל־טען פ'ערבארגען אין פערשיעדענע איינזאמע געגענדען, וועהרענד די סאלדאטען פון גאווערנאר הורדוס אנטיפאס האבען איהם איבעראלל פערפאלגט אלס א געפעהר־ליכען אגיטאטאר. דאס וואר צו יענער צייט ווען ער האט געזאגט צו זיינע אייניגע אנהענגער: „ דיא פוקסען האבען זייערע היילען, דיא פייגלאך אין דער לופט האבען זייערע נעסטען, אבער דער מענשען־זוהן האט ניט וואו זיין קאפף אוועק צו לעגען.

קומענדיג נאהענט פון ירושלים האט ער זיך אבגעשטעלט אין די אומגעגענדען פון שטאדט, אין איין ארט בית עניה, ארום הר הזתים, בייא א געוויסען קרעציגען שמעון, וועלכער אלס אונריינער איז געווען אויסגעשטויסען פון שטאדט. דא האבען זיך צו איהם אנגעשלאסען א קליינע צאהל פון דיא ניעדריגע פאלקס־קלאססע, מע־נער אונר פרויען. צווישען זייא ווארען דיא צווייא שוועסטער מרים אונד מרתה אונד זייער ברודער אלעזר, אויף וועלכע דיא עוואנגעליומס דערצעהלען א נס, אז יעזוס האט איהם פון טוידט לעבענדיג געמאכט, נאכדעם וויא ער איז שוין גע־ווען 4טעג בעגראבען.

מיט אזעלכע אונד עהנליכע נסים ווענען יעזוס'ען זיינען פולל אללע עוואנגעל־יומס. נאטירליך זיינען זייא מייסטענטהיילס פוסטע לעגענדעס, אויסגעטראכט פון דיא שפעטיגערע עוואנגעליש שרייבער, אום צו מאכען פון יעזוס ן א גאט, וועלכער איז אים שטאנדע געווען מיט איין ווארט צו שטיללען דעם שטורם אויפ'ן ים, צו געהען אויפ'ן וואסער גראדע וויא אויף דער יבשה, צו שפייזען מיט 5 לעבליך ברויט אונד צווייא פיש 5 טויזענד מענשען, אדער צו מאכען פון טויט לעבענדיג. דיא עוואנגעליסטען אלליין זאגען אונטערדעסען אז דיא פארשטעהער פון אידישען פאלק האבען בייא איהם געפרעגט ער זאלל צייגען א מופת, א וואונדערליכען צייכען, אום זייא זאללען קענען אין איהם גלויבען, אבער יעזוס האט עס ניט געטהון. דאס הייסט גאנץ איינפאך וויל ער איז ניט אים שטאנדע געווען אזעלכע מופתים צו בעווייזען. וואס אנבעטריפט זיין היילען קראנקע, קען זעהר מעגליך זיין אז זא עטוואס האט יא פאסירט. יעזוס איז געווען פון דיא עססענישע סעקטע, וועלכע האט זיך בעשעפטיגט מיט אויסגעפינען פערשיעדענע רפואות אונד דארום איז עס זעהר וואהרשיינליך אז ער האט מעהר אדער וועניגער געוואוסט פון דיא דאמאליגע מעד־דיציניש קענטניסס. דענאך איז אויך קיין צווייפעל ניט אז דיא גאנצע זאך איז צו־פיעל איבערטריעבען אין דיא עוונגעליומס, לויט דיא אבערגלויבישע אנזיכטען פון יענע צייטען. מען האט דאמאלס אויף יעדע בעדייטענדע פערזאן ערצעהלט אזעלכע

וואונדערליכע היילונגען, וויא צום ביישפיעל דער רוימישער היסטאָריקער טאציטוס ערצעהלט, אז דער קייזער וועספאסיאן אלס ליעבלינג פון דיא געטער, איז געווען אים שטאנד צו טהון וואונדער. ער האט געמאכט א בלינדען זעהענדיג אונד געהיילט אנדערע קראנקע נור מיט א בלאָז.

אזעלכע מיני לעגענדעס ערצעהלען אויך דיא עוואנגעליומס וועגען יעזוס'עס אריינפאָהרען אין ירושלים. דאס גאנצע פאָלק, זאָגען זייא האט איהם עמפפאנגען מיט דיא גרעסטע בעגייסטערונג, אלס א משיח בן דוד, דאן איז ער געקוממען אין טעמפעל אונד געהייסען ארויסוואַרפען דיא טישען פון דיא געלד;וועקסלער אונד דיא טויבען פערקויפער. נאכדעם האט ער איינינע טעג געדרש'ענט אין טעמפעל אונד אָבגעהאלטען שימפף־רעדעס געגען דיא פרושים אונד דיא געלעהרטע פאָר־שטעהער פון פאָלק. אונטערדעסען דערצעהלען דיא עוואנגעליומס וויטער, אז איי־ניגע טעג שפעטער, אלס ער איז פעראורטהיילט געוואָרען געקרייציגט צו ווערען האט דער רוימישער פראָקוראטאָר פאָנטיוס פילאטוס פאָרגעשלאָגען דיא גאנצע פערזאמלונג פון פאָלק אז יעזוס זאָל בעפרייט ווערען, אזוי וויא דיא זיטע איז דאָ־מאָלס געווען, אז איין פערברעכער וועמען זיי וועלען אויסקלייבען זאָל פאר דעם יום טוב פסח פריי געשפראָכען ווערען. דאס פאָלק האט דעננאָך געשריען אז מען זאָל בעפרייען א געוויסען מערדער בר־אבא, אָבער יעזוס זאָל דורכאויס געקרייציגט ווערען. פילאטוס האט דאן געפרעגט פארוואָס פערלאנגט איהר עס ? וועלכע שלעכטעס האט ער דען געטהון? אבער דיא אידען האבען ניט אויפגעהערט צו שטורמען מען זאָלל יעזוס'ען דורכאויס טויטען. אלס פילאטוס האט געזעהען אז ער קען דיא אי־דען ניט איבעררעדען אונד דיא מהומה ווערט אלץ גרעסער, האט ער אין זייער גע־געגענווארט אבגעוואשען דיא הענד אונד געזאָגט, איך בין ריין פון די בלוט פון דיזען צדיק, אבער דיא אידען האבען געשריען, זיין בלוט זאָלל פאללען אויף אונז אונד אונזערע קינדער.

דאָ זעהט מען דיא נידערטרעכטיגקייט פון דיא וואנגעלישע ליגנער. צוערסט איז פאר זיי נויטהיג אז יעזוס זאָלל אנערקענט ווערען פון דיא אידען אלס א משיח אונד זיי עמפפאנגען איהם מיט געזאנג אונד פרייד. דאן וויללען זיי ווידער וואַרפען דיא שולד פון יעזוס'עס טויט דורכאויס אויף אידען, אום איינצופלאנצען געגען זייא איין אייביגע שנאה פון דיא כריסטען, אונד דאס זעלבע פאָלק, אין דער זעלבער שטאָדט ירושלים, וואו זייא האבען יעזוס'ען עמפפאנגען מיט אזא בעגייסטערונג, שרייט שוין בלויז א פאָאר טאָג שפעטער אז מען זאָלל איהם דורכאויס קרייציגען.

וואס אנבעטריפט דעם עוואנגעלישען צדיק פאָנטיוס פילאַטוס. דעם רוימי־שען גאָווערנאר אין ירושלים, איז ער אין דער טהאַט געוועזן א פינסטערער טיראַן, א רויבער אונד דאַצו נאָך אַנידערטרעכטיגער מערדער. אידען האבען פון איהם געליטען דיא ערנסטע צרות, ער האט זאָגאר בערויבט דעם טעמפעל אונד אַלס עס איז דאדורך ארויסגעקומען איין אויפרוהר האט ער מאַסען פון דיא אידען ער־מאָרדעט. אונד אויף אזא באנדיט זאָגען דאס דיא עוואנגעלישע ליגנערס, אז ער האט ניט געוואָללט הינריכטען יעזוס'ן, זאָנדערן דיא אידען האבען איהם דאַצו גע־צוואונגען!

א קורצע צייט נאָך יעזוס'עס טויט איז פונקט אזא געשיכטע פארגעקוממען אין שמרון, וואו איינער פון זוי האט זיך ארויסגעגעבען אַלס א משיח אונד אין זיין דאַרף האבען זיך צו איהם פערזאממעלט מאססען אנהעננער, וועלכע ער האט פער־שפּראָכען צו צייגען אויפ'ן בארג גריזים דיא הייליגע כלים וואס זיינען בענוצט גע־וואָרען אין משכן, וועהרענד די צייטען פון משה. אַלס פאָנטיוס פילאַטוס האט דאַ־פון ערפאהרען איז ער געקוממען מיט זיינע סאָלדאטען נאָך שמרון אונד געמאַכט אזא פירכטערליכע הריגה, אז מען איז זאָגאר אין רוים דאַרויף אויפמערקזאם געוואָ־רען אונד מען האט איהם דאפיר אָבגעזעצט פון זיין אמט. דיעזער לעצטער פאַקט בעווייזט דייטליך גענוג, אז פילאַטוס האט געוויס ניט געפרעגט בייא אידען א דעה אויב ער זאָלל יעזוס'ען בעשטראָפען מיט'ן טויט אונד אז דיא עוואנגעלישע שרייבער וועלכע בעשולדיגען נור דיא אידען, האבען אויסגעטראכט אזעלכע שקרים, אום דיא ברענעדיגע שנאה פון זייערע אנהעננער געגען אידען נאָך מעהר אויפצורייצען.

אויף דיא געשיכטע אז יעזוס זאָלל האבען ארויסגעטריעבען פון טעמפעל די געלד־וועכסלער אונד טויבען. פערקויפער, איז א פשוט'ער ליגען אויסגעטראכט אום צו וואַרפען שמוטץ אויף אידען, אז אין דעם הייליגען טעמפעל האט מען אָב־געהאַלטען א מארק ניט בייא יאָזעפוס פלאוויאוס אונד בייא קיין אַנדערען היס־טאָריקער געפינט מען ניט אז זאָ עטוואָס זאָלל אין טעמפעל האבען פאָרגעקוממען, אונד יעדענפאַללס האט יעזוס אין ירושלים געהאט א קנאפע דעה, אז ער זאָלל קענען דאָרט אַזעלכע זאַכען אויספיהרען.

דיא וייטערע געשיכטעס פון דיא עוואנגעליומס, וויא יעזוס איז געוואָרען אר־רעטירט, פעראורטהיילט אונד געקרייציגט, איז זעהר ניט קלאָר אונד אונדייטליך, מען זעהט דאַרין מעהר לעגענדעס אַלס היסטאָרישע וואהרהייט. צוערסט הייסט עס, אז איינער פון זיינע תלמידים, יהודה איש־קריות, האט איהם פערראטהען. ער האט

גענוממען בייא דיא אידישע פארשטעהער א געוויסע סומע געלד אונד קומענדיג מיט א גרויסען בעוואפענטען המון דארט וואו יעזוס איז געווען מיט זיינע תלמידים, האט ער מיט זייא אבגערעדט אז דעם יעניגער וועמען ער וועט געבען א קוסס זאללען זיי אררעטירען, דען דער איז יעזוס. אונטערדעסען דערצעהלען דיזעלבע עוואנגעליומס, אז יעזוס איז גאנצע טעג געווען אין ירושלים אונד פלעגט פרעדיגען אין טעמפעל, נור אויף בייא נאכט איז ער יעדעס מאלל אוועק הינטערען שטאדט. צו וואס איז אלזא איבערהויפט נויטהיג געווען יהודה'ס פערראטה? ווארום האבען דיא אידען איהם ניט געקענט ארעטירען בייא טאג, ווען ער איז געווען אין טעמפעל? דיא עוואנגעליומס ערקלערען, אז דאס פאלק האט געהאלטען מיט יעזוס'ען אונד דארום האבען דיא פארשטעהער מורא געהאט איהם צו ארעטירען בייא טאג, טאמער וועט דאפין ארויסקוממען א צו גרויסער אויפרוהר. אבער דערזעלבער אויפרוהר, האט דאך געקענט ארויסקוממען נאכדעם, אלס מען האט איהם ארעטירט בייא נאכט אונד דאן עפענטליך פערראורטהיילט, דענאך האבען דיא פארשטעהער גאר ניט מורא געהאט דאס צו טהון. יהודה איש־קריות האט אבגעמאכט, אז ער וועט איהם א קוסס געבען, אום אנצוצייגען וועמען זייא זאללען ארעטירען, אבער צו וואס איז דיעזע קאמעדיע נויטהיג געווען? אויב יעזוס איז איינינע טעג עפענטליך אויפגעטרעטען פאר'ן גאנצען פאלק, האבען זייא דאך אהן יהודה'ס קוס איהם אויך גוט געקענט, אונד יעדענפאללס וואס האט זייא אבגעהאלטען צו ארעטירען איהם מיט אללע תלמידים, וועלכע זיינען דאך אויך געווען מיטשולדיגע, וועניגסטענס אויף אזוי פיעל אז עס איז בייא דיא אונטערזוכונג געוויס נויטהיג געווען זיי צו שטעלען איינינע פראגען?

איינינע היסטאריקער זוכען צו ערקלערען דיעזע בעגעבענהייט אויף פאלגענדע אופן: דיא אללע פרעדיגטען, וועלכע יעזוס האט אבגעהאלטען זיינען ניט געווען געניגענד, אום דאפון ארויס צו נעהמען פאקטען, לויט וועלכע מען זאלל איהם קענען בעשולדיגען אין אירגענד א פערברעכען. דיא רעדע פרייהייט האט דאמאלס פאלקאמען עקסיסטירט בייא אידען. ביי פערשיעדענע דעבאטען האט יעדער גע־האט דאס רעכט אויסצודריקען זיין רעליגיעזע מיינונג, אזויא לאנג וויא ער האט נור ניט געשפראכען געגען דיא עיקרים פון דיא אידישע אמונה. יעזוס האט צוואר זיך אלליין גערופען „דער זוהן פון גאט", אבער אזויא האט זיך דאך געקענט רופען יעדער איד דארום איז געווען נויטהיג צו האבען א פאקט אין וועלכען זינן יעזוס האט עס גע־זאגט אויף זיך, דאס הייסט, אויב ער האט געמיינט אין דער טהאט צו בעהויפטען אז ער איז געבארען געווארען פון גאט, אום דיעזען ציעל צו ערדייכען איז אבער

נויטהיג געווען אז צוויא עדות זאָללען דאס הערען אונד ערסט דאן האט יעזוס לויט געזעטץ געקענט פעראורטהיילט ווערען אלס א מחרף ומגדף, דאס הייסט, אזעלכער וואס לעסטערט גאָטעס נאמען, אדער אלס מסית ומדיח, דאס הייסט, אלס איינער וואס רעדט אָב דיא אידען פון זייער רעליגיאָן. מען האט אלזאָ אונטערגעקויפט יהודה איש־קריות, איינעם פון יעזוס'עס תלמידים, אז ער זאָלל מיט איהם פיחרען וועגען דעם א געשפרעך, וועהרענד צוויא עדות וועללען זיין דאבייא פערבאָרגען אונד זיך איינהערען יעזוס'עס רייד, אום מען זאָלל אויף דיעזען אופן האבען געגען איהם דיא נויטהיגע בעווייזע.

דאס אללעס איז אָבער נור א היסטאָרישע השערה, א מייגונג, וואס איז ניט געגרינדעט אויף פאקטען. דיא עוואנגעליסטען ערצעהלען כמעט אלע איינשטי־מיג, אז יעזוס'עס אידישע בעשולדיגער, קיפה דער כהן גדול אונד דיא סנהדרין, האָ־בען געזוכט עדות געגען יעזוס'ען, אבער זיי האבען ניט געפונען אזעלכע וואס זאָללען קענען בעווייזען געגען איהם א פערברעכען. ענדליך זיינען געקוממען צוויי אונד עדות געזאָגט, אז יעזוס האט זיך בעריהמט דאס ער קען דעם טעמפעל צוברעכען אונד אין דריי טעג ווידער אויפבויען. אויף דעם כהן גדול'ס פראגע אויב דאס איז אמת האט יעזוס גאָר ניט געענטפערט. דאן האט דער כהן גדול איהם בעשוואָרען אים נאמען פון לעבענדיגען גאָט, ער זאָל ערקלערען, אויב ער איז ווירקליך דער משיח, גאָטעס זוהן. יעזוס האט דארויף געענטפערט: „דאס זאָגסט דוא. איך ערקלער אייך אָבער אז פון יעצט אָן וועט איהר זעהען אז דער מענשען־זוהן זיצט ביי דיא רעכטע האנד פון דעם אללמעכטיגען גאָט אונד קוממט מיט דיא וואָלקענס פון היממעל.“ דאן האט דער כהן גדול געריסען קריעה אונד אויסגערו־פען: וואס דארפען מיר נאך עדות? איהר הערט דאך וויא ער לעסטערט גאָטעס נאמען. דיא סנהדרין האבען איהם דאן פעראורטהיילט צום טויט. דאס אללעס זאָלל האבען פאָרגעקוממען דאָנערסטאג ביי נאכט, פאר ערב פסח, אָדער זאָגאר דיא ערסטע נאכט פון פסח.

ווען מען פערגלייכט דאס אללעס מיט דיא אידישע געזעצען זעהט מען באלד ארויס אז דיא גאנצע געשיכטע איז שקר וכזב. קרימינאל פראָצעסען (דיני נפשות) האבען געקענט זיך אָנפאנגען נור ביי טאָג אונד האָבען געקענט דעמזעלבען טאָג געשלאָסען ווערען נור דאן ווען דער אָנגעקלאָגטער איז ארויס פריי; אבער אים פאלל ווען עס איז נויטהיג געווען איהם צו פעראורטהיילען האט מען דעם פראָצעס געמוזט אבלעגען אויפ'ן צווייטען טאָג. דאס אורטהייל האט דעמזעלבען טאָג ניט געדארפט אויסגעשפראָכען ווערען, דען פיליכט וועט זיך איבער נאכט געפינען אויף

איהם א זכות. דארום האט מען אזעלבע קרימינאל פראצעסען ניט געטארט אנפאנ־גען ניט אום ערב שבת אונד ניט אום ערב יום טוב, (סנהדרין לב״, א׳) דען היני־ריכטען דעם פעראורטהיילטען אום שבת טאר מען ניט. אויף איין אנדער שטעללע איז נאך דייטליכער געזאגט: (סנהדרין מ׳ א׳.) אז ווען מען געפינט אויף דעם בעשולדיגטען קיין זכות איהם פריי צושפרעכען, זאלל דער אורטהייל אבגעלעגט ווערען אויפ׳ן נעבסטען טאג. דיא ריכטער דארפען צווישען דיזע צייט וועניג שפייז געניסען אונד קיין וויין ניט טרינקען. זיי זאללען פּאָראוויז זיך בעראטהען וועגען דיא זאך, ביז זיי קוממען דעם צווייטען טאג ווידער אין געריכטס־הויז.

נאך דיא עוואנגעליומס קומט עס אויס. אז יעזוס איז אין איין נאכט פראַ־צעסירט אונד פעראורטהיילט געווארען. אויסער דעם וואס אזא פראצעס האט אין קיין נאכט זיך ניט געקענט אנפאנגען האט עס ניט געקענט געשעהען גראדע אין דיזע נאכט, וועלכע ווארע ענטוועדער פאר ערב יום טוב, אדער זאגאר אום יום טוב. עס פרעגט זיך אלזא, וויא איז דאס מעגליך אז א אידישער סנהדרין זאלל עפענטליך ברעכען אזוי פיעל דינים ביי אזא וויכטיגען פראצעס וואו עס האנדעלט דעלט וועגען לעבען אונד טויט? גראדע פערקעהרט: דער פאקט איז, אז דיא חקירה ודרישה ביי אזעלבע אנגעלעגענהייטען איז געווען זעהר שטרענג אונד מען האט געזוכט אללע מעגליכקייטען אום צו געפינען א זכות אויף דעם שולדיגען, ער זאלל קענען בעפרייעט ווערען.

אונד פאר וועלכען פערברעכען האט יעזוס געקענט פעראורטהיילט ווערען פון א אידישען סנהדרין? דיא אויסזאגע פון דיא עדות, וועגען זיין בעריהמען זיך אז ער קען צוברעכען אונד ווידער אויפבויען דעם טעמפעל, האט קיין ווערטה גע־קענט האבען, דען דאפיר איז ניט מעגליך געווען יעמאנדען צו פעראורטהיילען צום טויט. דאס קען נור זאגען איין עוואנגעלישער עם הארץ, וואס וויים ניט פון קיין אידישען דין. דאפיר וואס יעזוס האט זיך גערופען משיח אדער זאגאר גאטעס זוהן, איז אויך ניט מעגליך געוועזן איהם צו פעראורטהיילען, דען ערסטענס האט דער כהן גדול קיין רעכט געהאט איהם צו פרעגען, אזוי לאנג וויא עס איז קיין עדות גע־גען איהם ניט געווען, אונד צווייטענס ענטהאלטען זיך אין יעזוס׳עס ווערטער ניט אזא לעסטערונג וויא דאס פאָרדערט זיך לויט געזעטץ (סנהדרין, נה. ב.) עס איז דארום ניט מעגליך אז דער כהן גדול זאלל דאס האבען אנערקענט אלס א פערברע־כען אונד אז א סנהדרין זאלל איהם דאפיר פעראורטהיילען. אויסערדעם איז גע־שיכטליך בעוואוסט, אז צו יענער צייט האט שוין א אידישער סנהדרין קיין רעכט געהאט צו משפט׳ן דיני נפשות. ווען זייא וואללטען זאגאר יעמאנדען פעראורטהיילט

וואָלט דיא רוימישע רעגיערונג ניט ערלויבט אזא אורטהייל צו ערפּיללען. צו וואס האט אַלזאָ געקענט נויטהיג זיין דיעזע גאַנצע קאָמעדיע מיט יעזוס׳ען?

דעם נעכסטען טאָג, זאָגען די עוואַנגעליומס, האבען דיא אידישע פאָרשטעהער אָבגעפיהרט יעזוס׳ן צום גאָוועמאר פאָנטיוס פּילאַטוס אונד געבראכט געגען איהם אַ גאַנץ אַנדערע בעשולדיגונג. פּילאַטוס וואָללט דאך נאַטירליך קיין מאָל ניט איינגעשטיממט צו הינריכטען יעזוס׳ען נור דאפיר וואס ער האט בעגאַנגען געוויסע פערברעכען געגען דיא אידישע רעליגיאָן, דען לויט דיא רוימישע געזעטצען האט עס דאַפיר קיין שטראָפע געגעבען. מען האט איהם אַלזאָ בעשולדיגט, הייסט עס, אז ער איז אַ פערברעכער געגען דיא רוימישע רעגיערונג, אז ער גיעבט זיך ארויס אַלס אַ אידישער קעניג אונד רייצט אויף דעם פאָלק צו רעוואָלוציאָן. פּילאַטוס, זאָגען זיי, האט איהם פערהערט אונד שליעסליך ערקלערט, אז ער געפינט אין איהם קיין שולד ניט אונד דעננאָך האט ער איהם געהייסען קרייציגען. פאַרוואס? ווייל דיא אידען האבען אזויא געוואָללט? אבער וויא איז דאס מעגליך אז אַ רוימישער גאָווענאר זאָלל הייסען טויטען אַ מענשען נור אום צו ערפּיללען דעם וואונש פון דיעזע אידישע פאָרשטעהער, וועלבע ער האט נאך דאצו פערהאַסט אונד פעראַכט?

דיא עוואַנגעליען ווידערשפּרעכען זיך אין דיעזע ערצעלונגען ביי יעדען וואָרט. דיא ערסטע דרייא עוואַנגעליסטען זאָגען, אז פּילאַטוס האט איבערגעגעבען יעזוס׳ן צו זיינע סאָלדאַטען, זיי זאָללען איהם קרייציגען, וועהרענד דער פיערטער עוואַנגעליום, וועלכער איז געשריעבען מיט נאך אַ פיעל גרעסערע שנאה צו אידען, ערצעהלט, אז פּילאַטוס האט איהם איבערגעגעבען צו אידען. דיעזע ביידע בעריכטען זיינען העכסט אונוואהרשיינליך. ביי אידען איז איבערהויפּט אזא מין טויט־שטראָפע וויא קרייציגען קיין מאָל ניט פאָרגעקוממען אונד האט ניט געקענט פּאַסירען ווייל דאס איז געגען דעם געזעטץ. ביי דיא רוימער פּלעגט מען יאָ קרייציגען, אבער נור דיא ניעדריגסטע אונד געפעהרליכסטע פערברעכער, וויא צום ביישפּיל רויבער אונד מערדער. יעזוס אבער האט לויט נאך די בעשולדיגונגען וואס זיינען געגען איהם געבראכט געוואָרען ניט געקענט ווערען געקרייציגט.

אַללע איבריגע ערצעהלונגען, וויא מען האט יעזוס׳ען געשמיעסען, געשלאָגען, געשפּיגען אין געזיכט אונד געלאכט פון איהם זיינען אויך גאַנץ אונגלויבליך. בייא אידען האט אזא זאך געוויס ניט געקאָנט פאָרקוממען אונד זאָגאַר ביי דיא רוימער איז געווען אַ געזעטץ, אז מען זאָל דיא פעראורטהיילטע צום טויט ביז צו דער לעצטע מינוט שיטצען פון יעדע בעליידיגונג.

יעזוס איז געהאנגען אויפ'ן קרייץ אונגעפעהר 3 ביז 6 שטונדען, וויא דאס קוממט אויס פון דיא עוואנגעלישע ווידערשפרעכונגען, דאן איז ער געשטארבען אונד מען האט איהם בעערדיגט. אבער דאס איז אויך זעהר אונגלויבליך, דען פון קרייציגונג ווערט נים בעשעדיגט קיין וויכטיגער גליעד, אונד פון דיעניגע וואס זיינען דאמיט בע־שטראפט געווארען האט עס נאך קיינמאל ניט פאסירט, אז אירגענד יעמאנד זאלל שטארבען פריעהער וויא צווייא אדער דרייא טעג. עס זיינען זאגאר געוועזען ביישפיעלע אז דיא געקרייציגטע האבען געלעבט א וואך אונד נאכדעם וויא מען האט זייא אראבגענוממען פון קרייץ זיינען זייא ווידער געזונד געווארען.

פון דיעזע אלע היסטארישע, וויסענשאפטליכע אונד געזעטצליכע פאקטען מוז מען קוממען צו דעם שלוסס, אז ענטוועדער דיא גאנצע געשיכטע מיט דעם קרייציגען איז פאלש, אדער אז געגען יעזוס'ען זיינעןווירקליך געוועזען בעווייזע אלס א געפעהר־ליכען אגיטאטאר, אז ער האט ווירקליך געוואללט אויפטהון א מרידה געגען דיא רוימישע רעגיערונג אונד פאנטיוס פילאטוס האט איהם געהייסען קרייציגען, וועה־רענד אידען האבען דארין דעם מינדעסטען אנטהייל ניט גענוממען. יעדענפאללס איז במעט זיכער, אז יעזוס איז אויפ'ן קרייץ ניט געשטארבען. עס קען זיין אז ער איז נור געפאללען אין אהנמאכט אונד זיינע אנהענגער האבען בעוויזען איהם אראב צו נעהמען אונד ברענגען אירגענד וואו אין א זיכערען, פערבארגעם ארט, וואו ער איז ווידער צו זיך געקוממען. דאמיט ערקלערען זיך אויף א נאטירליכען אופן דיא זאגען, אז יעזוס האט נאך'ן טויט זיך לעבענדיג בעוויזען אין אייניגע ערטער.

דיא הויפט־פערזאן ביי דיעזע לעצטע בעגעבענהייטען איז געוועזען א געוויסער יוסף פון רמתים, א געהיימער אנהענגער פון יעזוס'ן, א מיטגליד פון סנהדרין, א רייך־ער מאן, מיט א גרויסען איינפלוס. אויף זיין ביטע האט פילאטוס איהם ערלויבט אראבצונעהמען יעזוס'ן פון קרייץ נאך דעמזעלבען טאג אונד דאן האט דיעזער יוסף אויף, זיין אייגענעם פלאטץ בעערדיגט יעזוס'ן אין א פעלזען־געוועלב. וויי טער ער־צעהלט דיא זאגע, אז דעם דריטען טאג, זונטאג אין דער פריה, אלס דיא פרויען פון יעזוס'עס חברה זיינען געקומען צום גראב, האבען זיי איהם געפונען לעדיג אונד דאביי ווארען צוויי ווייס געקליידעטע מענער. דיא פרויען האבען באלד געגלויבט אז דאס זיינען מלאכים אונד בכן איז יעזוס פון טויט לעבענדיג געווארען. דיעזער גלויי־בען הערשט נאך יעצט אין דער כריסטליכער קירכע ; אבער אויף א נאטירליכען וועג קען מען זיך לייכט ערקלערען וואס דא איז פארגעקוממען. יעזוס, וויא בע־

וואוסט, האט געהערט צו דעם עסעניישען אָרדען אונד אויסערדעם האט ער געמוזט האבען אייניגע געהיימע אנהעננער פון דיא איינפלוסרייכע אידען, וויא צום ביישפיעל דיעזען יוסף פון רמתים אונד א נעוויסען נקדימון, אויך א מיטגליעד פון דיא סנהדרין. דיעזע אַללע האבען יעזוס׳ן נעוויס ניט פערלאזען אונד זייא, וויא איבערהויפט דער עסענישער אָרדען, האבען געוויס אַלעס מעגליכע אנגעווענדעט אום יעזוס׳ן צו שיט־צען אונד צו רעטען. ווען מען ערינערט זיך דאַבייא אז דיא עסענער פלעגען טראַ־גען ווייסע קליידער, איז עס גאַר קיין צווייפעל ניט אז זייא האבען מיט דיא הילפע פון יעזוס׳עס געהיימע אנהעננער איהם ארויסגענוממען פון דיא פעלזען־הייל אונד אָבגעפיהרט מיט זיך, נאך זייערע בעזיטצונגען אין דער מדבר. עס קען אויך זיין אז פאר׳ן אברייזען האט יעזוס ווירקליך זיך געזעהן מיט זיינע תלמידים אונד אנגע־זאָגט זייא זאָללען אָבווארטען, ביז ער וועט קירצליך צוריק קוממען, אין דער האפפנונג אז דיא זאך וואס עס איז איהם יעצט ניט געלונגען וועט ער אין דער נעכסטער צייט דענאָך געפינען א געלעגענהייט אויסצופיהרען. דאַמיט ערקלערען זיך דיא זאגען פון עוואַנגעליום, אז יעזוס האט זיך בעוויעזען צו זיינע תלמידים נאכ׳ן טויט.

דאס איז אָבער נאך ניט אַלעס. וויא דיא היסטאָרישע אומשטענדע פון יענע צייט בעווייזען, האט דאָ געמוזט עטוואס וויכטיגערעס פאָרקוממען. דיא עסענישע סעקטע, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אונגעפעהר 150 יאהר פאר יע־זוס׳ען, איז צו דיא צייט פון זיין געבורטה גטוועזן פערהעלטניסמעסיג זעהר שטאַרק אונד טהעטיג. אין פאַלעסטינא אַלליין האבען זיי געצעהלט ביי א פיער טויזענד מיטגליעדער, וועלכע ווארען מיט לייב אונד זעעלע איבערגעגעבען צו זייער פאנאטי־שע לעהרען. אָבוואָהל זיי האבען געלעבט פאר זיך אַלליין, צוריקגעצויגען אין דיא וויסטענעס, ביין טויטען מעער, האבען זיי געוויס צו יענער צייט אָנגעפאנגען צו ובען מיטלען וויא צו „רעטען" דעם אידישען פאָלק אונד צו בעקעהרען אַללע אידען צו זייער לעהרע, דען דאס איז דאָך געוועזן דער פרינציפּ פון זייער סעקטע, וואס מעהר פרעמדע אין זייער מיטטע אויפצונעהמען. איינמאָל איז דיעזער בעשלוס אָנ־גענוממען געוואָרען האט מען ארויסגעשיקט צוויי פון זייערע מיטגליעדער יאָהאַנעס אונד יעזוס, וועלכע זיינען נאך דיא מיינונג פון דיעזע פאנאטיקער דורך א געטלי־כע השגחה פון געבורט אָן בעשטימט געוואָרען אויפצוטהון וואונדער. יעזוס האט אַלזאָ אהן א צווייפעל גיהאט הינטער זיך דיא שטיטצע פון גאַנצען עסעניסען אָרדען אונד וועהרענד דיא גאַנצע צייט פון זיין עפענטליכע טהעטיגקייט איז ער געוויס געשטאַנען מיט זיי אין געהיימע פערבינדונגען.

אלס א וואהרשיינליכען ביישפיעל קען מען אנגעהמען די געשיכטע וואס ווערט דערצעהלט אין דיא עוואנגעליומס, אז וועהרענד יעזוס מיט זיינע תלמידים זיינען ענטלאָפען אין דיא איינזאַמע ערטער פון גליל, האט ער זייא געבראַכט אויף א גאנץ הויכען בארג אונד דאָרט האט יעזוס געהאַט א לענגערען געשפרעך מיט צוויי מע־נער, וועלכע זיינען געווען אנגעצויגען אין העלל ווייסע קליידער. וויא געוועהנליך ער־צעהלען דא דיא עוואנגעליסטען וואונדער איבער וואונדער אונד דיא תלמידים האבען באלד „דערקענט" אז דיעזע צוויא מענער זיינען משה אונד אליהו, אבער וואהל עס איז דאך פיר א געזונדען מענשען־פערשטאנד אונמעגליך צו בעגרייפען וויא אזוי האבען דאס דיא אידישע עמי הארצים פון גליל געקענט וויסען אז דיעזע צוויי מענער זיינען משה אונד אליהו? אבער נים קוקענדיג אויף אזעלכע פוסטע נסים איז גאַנץ לייכט צו בעגרייפען אז דיעזע געהיימניספאללע מענער זיינען געווען אבגעזאנד־טע שלוחים פון דיא עסענישע סעקטע, מיט וועלכע יעזוס האט געהאט א געהיימע בעשפרעכונג. אלס זייא זיינען אוועקגעגאנגען האט ער געהייסען זיינע תלמידים זייא זאָללען קיינעם וועגען דיעזען בעזוך נים ערצהלען. עס איז זעהר וואהרשיינליך אז יעזוס האט געהאט פיעלע אזעלכע בעזוכען פון עסענישע שלוחים וועהרענד דיא צייט פון זיין ארום וואנדערען.

אבער יעזוס'עס מיססיאָן איז נים געלונגען. מען האט איהם שליעסליך גע־קרייציגט אונד דיא עסענער מיט דיא הילפע פון יעזוס'עס אנהענגער האבען איהם זעהר לייכט געקענט רעטען. ער איז דאן אויף אימער פערשוואונדען פון דיא עפענטליכע טהעטיגקייט אונד איז מעהר צוריק נים געקוממען, טראָטצדעם וואס זיינע אנהענגער האבען דארויף זעהר געווארט, לויט דעם וויא ער האט עס זיי פער־שפראָכען פאר זיין פערשוואינדען. וואו אונד ווען יעזוס איז געשטאָרבען איז ריכטיג היסטאָריש נים בעוויזען, אבער עס קען זעהר מעגליך זיין אז מיט דער צייט וועט דיא גאנצע געשיכטע אונד אללע זיינע בעציהונגען צום עסענישען אָרדען דייט־ליכער ערקלערט ווערען.

עס איז זאָגאר זעהר וויטלויפיג צו רעכענען אז דיא כריסטליכע געלעהרטע זאָללען זיך שטארק וועללען בעמיהען אזא ענטדעקונג צו מאַכען, דען דאדורך וואלל־טען דאך פערפלויגען א מאססע הייליגע פאנטאזיעס, וועלכע זיינען דיא עיקרים פון זייער אמונה. אונטערדעסען גיעבט עס שוין אין דיעזער הינזיכט א געוויסע ערקלע־רונג, וועלכע דער בעוואוסטער געלעהרטער רייזענדער דר. לאנגע ערצעהלט אי זיינע „עגיפטישע רייזע־ערינעערונגען." אין עגיפטען גיעבט עס נעמליך א בעזונדערע סעקטע כריסטען, מיט דעם נאמען „קאָפטער", וועלכע קוממען ארויס פון יענע

עניפּטער וואס האבען אנגענוממען דעם כריסטענהום אין דיא ערסטע צייטען נאך יעזוס'ן. דיעזע קאָפּטער צעהלען אונגעפעהר 150 טויזענד נפשות אונד זייא האבען בעזונדערע 12 בישאָפע. די איבריגע כריסטליכע וועלט בעטראכט זיי אלס אפּיקורסים, ווייל זייא גלויבען ניט אין דיא געטליכע נאטור פון יעזוס'ן. דער אויבענגענאנטער שריפטשטעללער לאנגע איז אין איין אראבישען קאפפע־הויז פון דער שטאָדט דאָמיעט בעקאנט געוואָרען מיט צווייא קאָפּטישע גלחים, וועלבע האבען איהם אונד זיין מיטרייזענדען, א יונגען איטאַליענער, אוועקגעפיהרט אין דיא רואינען פון דער אמאָליגער שטאָדט טימיאטים, וואו עס געפינט זיך אין אור־אלטער בית עולם. דאָרט האבען זייא דיא רייזענדע געצייגט א קבר אויף וועלכען עס שטעהט א מצבה. וואס דיא צייט האט שוין כמעט אין גאנצען פערניכטעט אונד דאָבייא האבען דיעזע גלחים ערקלערט אז אונטער דער מצבה איז בעגראָבע: יעזוס פון נצרת. אלס דיא רייזענדע האבען דאגעגען ערוויעדערט אז דאס איז ניט מעגליך, ווייל וויא בעוואוסט געפינט זיך דאך יעזוס'עס קבר אין ירושלים, האבען דיא גלחים געענטפערט „ניין, יעזוס כריסטוס איז געשטאָרבען דא אין דאמיעט אונד ער וואר דאמאָלס 60 יאָהר אלט. דיא קאטאָלישע קירכע בעהויפּטעט, אז 40 טעג נאכדעם וויא יעזוס איז אויפגעשטאנען לעבענדיג פון זיין קבר איז ער אוועקגעפלויגען אין הימעל, אבער דאס איז ניט אמת. אין דער ווירקליכקייט איז דיא מעשה אזויא געווען: יעזוס איז אויפ'ן קרייץ ניט געשטאָרבען; ער איז נור געוואָרען שווער פערוואונדעט אונד איז דאן געפאללען אין אָהנמאכט,„ אבער דעמזעלבען אבענד האבען זיינע פריינדע איהם פון קרייץ ארונטער גענוממען. וועהרענד ער איז געהאנגען אויפ'ן קרייץ האט איהם צוואר א רוימישער סאָלדאט א שטאך געטהון מיט'ן שפּיעז, אבער דאס האט איהם קיין לעבענס־געפעהרליכע פערלעטצונג ניט געבראכט. דיזעלבע נאכט איז דער געקרייציגטער צוריק געקוממען צום זינען אונד באלד נאכדעם האבען זיינע פריינדע איהם פון דאָרט געהיים אבגעפיהרט אום איהם צו שיטצען אונר פערזיכערען פון זיינע פערפאָלגער, דאן האט מען איהם געבראכט אהער, אין דיעזע עגיפּטישע שטאדט דאמיעט. אלס זיינע וואונדען זיינען אין גאנצען פערהיילט געוואָרען, איז ער נאך אמאל אוועק נאך ירושלים אונד האט זיך געזעהען מיט זיינע תלמידים, וועלכע ער האט אנגעזאגט, אז זייא זאללען זיין לעהרע פערברייטען אין דער גאנצער וועלט, דאן האט ער צוריק געקעהרט נאך דאמיעט, וואו ער האט זיין איבריגען לעבען פערבראכט אין שטיללע פערבאָרגענהייט.„

אללע וואנגעליומס שליעסען אויך מיט דיזעלבע ערצעהלונגען, אז יעזוס איז נאך'ן קרייציגען ערשיענען צו זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער האט זאָגאר גענעסען

אונד געטרונקען, דאן האט ער זייא פאר'ן אבשיעד אנגעזאָגט, אז זייא זאָללען פרע־דיגען זיין לעהרע פאר אללע פעלקער. דיא כריסטען וויללען אבער דורכאויס גלוי־בען אז יעזוס איז פריעהער געווען טויט אונד נאכהער לעבענדיג געוואָרען. פון קיין פערנינפטיגע, נאטירליכע ערקלערונג ווילען זיא ניט וויסען.

4טעס קאפיטעל.

דיא קריסטליכע לעגענדעס'

נאכדעם וויא מיר האבען אין פאָריגען קאפיטעל בעשריבען יעזוס'ען אלס א געוועהנליכען מענשען, וועללען מיר יעצט איהם בעטראכטען פון דעם שטאנד־פונקט וויא דיא כריסטען קוקען אויף איהם אונדמיר וועלען זעהן אויב זייערע בעהויפטונגען האבען אירגענד א ממשות, זאָגאר דעם קלענסטען שאטען פון וואהר־שיינליכקייט.

דיעזע כריסטליכע בעהויפטונגען וועגען יעזוס'ן זיינען איינגעטהיילט אין צוויי גאנץ בעזונדערע אופנים: דיא ערסטע דרייא עוואנגעליסטען, וועלכע זיינען וואהר־שיינליך געווען אידען, האלטען זיך נאך בייא דעם אידישען פרינציפ, אז יעזוס איז געווען א משיח אונד אויף איהם זיינען מקוים געוואָרען אללע נביאות וואס עס גע־פינען זיך אין דעם אלטען טעסטאמענט וועגען דעם צוקינפטיגען משיח.

לויט דעם אידישען בעגריף, וואס האט זיך אויסגעבילדעט נאך גלות בבל, איז משיח א פערזאָן וואס וועט ערשיינען אין אירגענד א צוקינפטיגע צייט. ער שטאממט ארויס דירעקט פון דוד המלך או;ד זיין אויפגאבע וועט זיין אויסצולעזען דיא אידען פון גלות. ער וועט זיי אויפזאממלען פון דיא גאנצע וועלט אונד צוריק ברענגען נאך פאלעסטינא, וואו ער אונד זיין נאכקאָממענשאפט וועלען רעגירען אין אללע אייביגע צייטען. ער וועט רעגירען מיט רעכטשאפענהייט אונד גערעכ־טיגקייט אונד דיא אידען וועללען געניעסען גליק אונד פריעדען. ער וועט אויך שאפען איין אלגעמיינעם וועלט-פריעדען אונד אלע אומות וועלען אנערקענען דיא וואהרהייט פון דעם איינציגען גאָט.

דיא עוואנגעליסטען זאָגען אז דיעזער משיח איז געווען יעזוס, נור דאבייא האבען זייא צונעלעגט דיא לעגענדע, אז ער איז געבאָרען געוואָרען ניט פון א מאנס־פערזאָן, זאָנדערן דורך א בלאָז פון דעם הייליגען גייסט. דעם ווידערשפרוך, אז אין דיעזען פאלל איז ער דאך ניט געווען פון דוד המלך'ס פאמיליע, זוכען זייערע געלעהרטע

צו פערענטפערען מיט פערשיעדענע בויך־סברות, וואס האבען קיין לאָגישען זינן. דעם צווייטען וויעדערשפרוך, אז דיעזע אַללע פּראָפּעצייאונגען זיינען דאָך אין יע־זוס'עס צייטען ניט מקוים געוואָרען, היינט וויא אזוי איז מעגליך אז ער זאָלל האבען געווען דער משיח? אָבער אין יענע צייטען, ווען דיא עוואַנגעליומס זיינען געשריעבען געוואָרען, האבען זיי נאָך גערעכענט, אז גאָר קירצליך וועט יעזוס וויע־דער ערשיינען פון הימעל, גראָדע וויא ער האט פערשפּראָכען, אונד דאַן ערסט וועללען אָנפאַנגען דיא אמת'ע משיח־צייטען.

אַלס דאס קריסטענטהום איז איינגעפיהרט געוואָרען צווישען דיא היידען האט מען שוין געדאַרפט דיעזע משיח אידעע איבערלעגען אויף א גאַנץ אַנדער אופן. פּרעדיגען וועגען א שפּעציעל אידישע ערלעזונג האט מען געקענט נור אין ירושלים אבער ניט אין רוים. מען האט אַלזאָ געדאַרפט ענדערען ניט נור די משיח־אידעע זאָנדערן אויך דיא פּערזאָן פון דעם משיח גופא. דיא רוימישע וועלט וואָללט קיין מאָל ניט געוואָללט אננעהמען אזא אמונה, אין וועלכע דיא הויפּט־ראָללע בפיעללט א איד, א בן־דוד, פון שבט יהודה, וועלכער איז געקוממען פון אידען אונד פיר אידען. דער איבערגעמאַכטער יעזוס, לויט דעם 4טען עוואַנגעליום, וועלכער איז אהן א ספק געשריעבען געוואָרען פון א גוי, איז שוין אַלזאָ ניט א איד, זאָנדערן א גאָט, א געטליכער וואָרט, (לאָגאָס), ער איז אראָבגעשטיגען פון הימעל אויף דיזע וועלט, וואו ער איז געוואָרען א בשר ודם, אונד געטהון האט ער אזא מעשה נור אויס ליעבע צו דיא וועלט אונד צו דיא מענשהייט, פיר וועלכע ער האט זיך דאָ אויפגעאָפּפערט, אום דאַמיט מכפּר צו זיין אויף דיא ערסטע זינד וואס אדם הראשון האט בעגאַנגען. דאס זיינען דיא גרונד־פּרינציפּען, דיא עיקרים פון כריסטענהום ביז היינטיגען טאָג. אונד אויף דיעזע פּרינציפּען בעגרינדען זייא אויך דיא נביאות פון אַלטען טעסטאַמענט.

שליעסליך האט עס געגעבען אין יעדען דור צייט דאס כריסטענהום איז געבאָרען געוואָרען, פיעלע אזעלכע פערזאנען וואס האבען ניט געוואָללט גלויבען אין יעזוס'עס געטליכקייט, אונד מעהרערע אַנדערע וועלכע האבען געצווייפעלט אין דיא גאַנצע געשיכטע, אונד נאָך גענויערע אונטערזוכונגען האבען זיי אויסגעפונען אז יעזוס כריס־טוס איז נור איין אויסגעטראַכטע לעגענדע אונד עס איז זיכער צו גלויבען אז אזא פערזאָן האט איז דער ווירקליכקייט גאָר ניט עקסיסטירט אויף דער וועלט.

מיר וועלען צוערסט בעטראַכטען אייניגע פּסוקים פון דער ביבעל, פון וועלכע דיא אַמאָליגע אידען־קריסטען האבען ארויסגענוממען זייערע הויפּט־ראיות, אז דיא נביאות פון יענע פּסוקים וועגען דעם צוקינפטיגען אידישען משיח זיינען געזאָגט גע־

וואָרינן אויף יעזוס׳ען. געהענדיג כסדר קוממען מיר צוערסט צו דעם פסוק (בראשית 49, 10) „אז די רעגיערער אונד געזעטצגעבער פון שבט יהודה וועלען נים אבגע־טאָהן ווערען ביז עס וועט קוממען „שילה" אונד צו איהם וועללען געהאָרכען די פעלקער". יעקב אבינו, בעהויפּטען די קריסטען, האט אלזאָ נביאות געזאָגט, אז די רעגיערונג פון שבט יהודה וועט ניט אויפהערען ביז עס וועט קוממען שילה, דאס הייסט משיח, אונד דאס איז געמיינט אויף יעזוס׳ען, והא ראיה, אז באלד נאכדעם וויא ער איז געקוממען האט ווירקליך די אידישע רעגיערונג אויפ־געהערט.

אז „שילה" איז דער נאָמען פון משיח; געפינען מיר זאָגאר אין תלמוד (סנהדרין צח. ב.) אונד דאס איז אויך די מיינונג פון פיעלע ביבלישע ערקלערער, אָבער צו זאָגען אז דאס געהט אויף יעזוס׳ען איז נור לעכערליך, דען די רעגיערונג פון שבט יהודה האט דאָך אויפגעהערט מיט דעם קעניג צדקיהו. בײ׳ן חורבן בית ראשון, מעהר וויא 450 יאהר פאר יעזוס׳ען, היינט וואס פיר א שייכות קען מיט איהם האבען דיעזע נבואה? איבריגענס האט דער עוואנגעליסט ניט פערשטאַנען דעם ריכטיגען זינן פון פסוק, וועלכער מיינט גאָר ניט צו זאָגען אז נאכדעם וויא שילה וועט קומ־מען וועט די רעגיערונג פון יהודה אויפהערען. אויסערדעם גיעבט עס פערשיעדענע ערקלערונגען וועלכע בעווייזען, אז מיט דיעזען וואָרט שילה איז ניט געמיינט א משיח.

א צווייטע הויפּטראָללע שפּיעלט אין די עוואנגעליומס די נבואה פון ישעיה (7. 14) „די עלמה וועט שוואנגער ווערען אונד געווינען א זוהן." דעם וואָרט „עלמה" פערטייטשען די עוואנגעליסטען מעדכען, בכן האט דאס ישעיה נביאות געזאָגט אויף מאַריאַ׳ן, אז זיא וועט אלס מעדכען געבאָרען א זוהן אונד ער וועט זיין דער משיח. אין דער טהאַט אבער איז די בעדייטונג פון וואָרט עלמה ניט נור א מעדכען, זאָנדערן א יונגע פרויענצימממער אין אללגעמיין. אויסערדעם דארף מען בעטראַכטען די געשיכטע ווענען וואס דאָ האנדעלט זיך, אום צו פערשטעהען ווי לעכערליך די כריסטליכע בעהויפּטונג איז. די זאַך האנדעלט זיך נעמליך ווענען דעם: אחז מלך יהודה האט דאמאָלס געדאַרפט געהען האלטען מלחמה מיט צוויי מעכטיגע פיינדע אונד ישעיה פּראָפייציייהעט איהם אז ער וועט זיעגען. ער מאַכט איהם דאביי אויף פּאַרווירפע פארוואס ער גלויבט ניט אונד זאגט אלס צייכען ער זאָלל זיך איבערצייגען אז די נבואה איז ריכטיג: די עלמה וועלכע איז שוואנגער וועט געבאָרען א זוהן. היינט וויא איז דאס מעגליך אז דאמיט זאָלל זיין געמיינט יעזוס? וויא אזויא וואָלט דאָ דער פּראָפעט ישעיה געקענט וועללען איבערצייגען

דעם קעניג מיט א בעגעבענהייט וואס וועט פארקוממען דורך 600 יאהר שפעטער? אין דער טהאט האט ישעיה דאמיט געמיינט זיין איינענע פרויא, וויא דאס בעווייזט דער צוזאמענהאנג פון גאנצען קאפיטעל.

ישעיה איז דער הויפט פראפעט פון וועלכען דיא כריסטען נהעמען ארויס פאלשע פרושים; אז ער האט נביאות געזאגט אויף יעזוס'ן, אלס א צוקינפטיגען משיח. וואו זיי געפינען נור א פסוק וואס זאל זיין עהנליך תאפען זיי ארויס א פאאר ווערטער אונד דרשנ'ען עס אויף יעזוס'ן. ער האט ארומגעוואנדערט אין גליל, אין יענע געגענדען וואו עס זיינען אמאל געוועזען דיא בעזיטצונגען פון דיא שבטים זבולון אונד נפתלי, אלזא הייסט עס, אז מיט דעם פסוק 23 קאפ. 9, וואו עס איז וועגען יענע ערטער עראינערט, האט ישעיה נביאות געזאגט אויף איהם. זיי דארפען עס האבען דארום, ווייל אין דעם נעכסטען פסוק איז געזאגט: דאס פאלק וואס געהט אין דער פינסטערנים האט דערזעהן א גרויסע ליכט. אונטערדע־דען צייגט דער גאנצע קאפיטעל קלאר אונד דייטליך, אז דער פראפעט רעדט דא וועגען דיא בעגעבענהייטען פון זיין צייט, וועגען דיא מלחמות וואס זיינען דאן פאר־געקוממען צווישען דיא צוויי אידישע קעניגרייכע אונד צווישען דעם מעכטיגען קעניג פון אשור געגען זיי ביידען. דער עוואנגעלישער דרשן וויל אבער אז דאס זאל געהען אויף יעזוס'ען אונד איהם קיממערט ניט אז זיינע ווערטער קלעפען אזוי וויא איין ארבעס צום וואנד, דען גלויביגע חמורים האט עס געגעבען גענוג דאמאלס אונד נאך מעהר פון זיי גיעבט עס אין דיא יעצטיגע צייטען.

דאס זעלבע איז אויך מיט אללע אנדערע פסוקים פון דיא נביאים וכתובים, אויף וועלכע דיא כריסטען זיינען זיך סומך, אום צו בעווייזען פון אלטען טעסטאמענט, אז יעזוס איז געוועזען פון פאראויס בעשטימט אלס א משיח, אלס איין ערלעזער פון אידישען פאלק. דיעזע אלע עוואנגעלישע דרשות האבען קיין לאגי־שען זינן אונד קיין היסטארישען ווערטה, דען ערסטענס זעהט מען איבעראלל אויף ארט אונד שטעללע אז דיא פסוקים קענען מיט יעזוס'ען קיין שום שייכות ניט הא־בען אונד צווייטענס איז איבערהויפט אין אלטען טעסטאמענט ניט צו געפינען קיין איינציגע שטעללע וואס זאל קענען בעדייטען א משיח גראדע אין דעם זינן וויא אי־דען האבען עס פערשטאנען נאכהער, אין דיא צייטען פון צווייטען טעמפעל.

דאס ווארט „משיח" וואו ער געפינט זיך נור אין דער ביבעל, איז אנגעווענ־דעט געווארען, אונד געלעגט געווארען אויף א קעניג, א פריעסטער אדער אויף א נביא. דיעזע פערזאנען פלעגען געזאלבט ווערען צו זייער אמט אונד משיח בעדייר־טעט א געזאלבטער. איבעראלל וואו עס ווערט געברויכט דיעזער טיטעל זיינען

געמיינט נור אזעלכע מענער וואס האבען געלעבט אין יענע צייטען. זאגאר דער ערסטער אונד גרעסטער אידישער ערלעזער, משהרבינו. וועלכער האט דאס פאלק ארויסגעפיהרט פון גלות מצרים, אי קיין מאל ניט גערופען געווארען משיח אונד ביז צו דיא צייטען פון גלות בבל האבען אידען ניט געהאט קיין אורזאכע צוווארטען אויף א משיח אונד האבען אויך קיין אידעע ניט געהאט וועגען אזא פערזאן. עס איז אלזא דייטליך גענוג אז דיא נביאים האבען ניט געקענט, רעדען וועגען א צוקונפטיגען משיח, וועלכען מען האט אין דיא שפעטיגערע צייטען ערווארטעט. דער בעוואוסטער מאמר התלמוד: (סנהדרין 48)„ אין להם משיח לישראל שכבר אכלוהו בימי יחזקיהו”, איז געווים אויסגעשפראכען געווארען אין דיעזען זינן.

יעצט ווילען מיר בעטראכטען דיא פרעטענזיעס פון דיא שפעטיגערע היידען־קריסטען, וועלכע האבען יעזוס׳ען אויפגעהויבען צו דיא שטופפע פון א געטליכען וועלט משיח, וועלכער איז געקוממען פון הימעל אונד האט זיך אויפגעאפפערט, אום צו רעטען דיא מענשהייט פון א גייסטיגען טויט, פון א רוח הטומאה, אין וועלכע זייא זיינען געוועזען פערזונקען צוליעב דעם חטא וואס אדם הראשון האט בעגאנגען, דאמיט וואס ער האט גענעסען פון עץ הדעת. עס קומט אלזא אויס, אז גאט׳ס בעס פאר דיעזע זינד האט ניט געקענט ווערען געשטילט, ביז ער האט זיך געבראכט פאר א קרבן צו זיך אלליין. דיא געשיכטע איז אן אונד פיר זיך אזוי ווילד, אזוי אבערגלויביש, אז מען מוז ווירקליך ערשטוינט ווערען צו בעטראכטען, וויא מילליאנען מענשען, צווישען וועלכע עס ווארען דאך מאססען געבילדעטע לייטע, האבען געקענט צייט טויזענדע יאהרען פלוידערען אזעלכע דוממהייטען. דענאך געפינען זיך יעצט אויך געלעהרטע קריסטען, וועלכע נעהמען אן דיא מעשה מיט דעם נחש אונד חוה אין א בוכשטעבליכען זינן אונד בעהויפטען, אז דאס אלעס געהט אויף יעזוס׳ען. איבערהויפט דרשן׳ען זייא פון דעם 15 פסוק אין 3טען קאפיטעל פון בראשית, וואו גאט זאגט צום נחש, „אונד איך וועלל מאכען א פייגדשאפט צווישען דיר אונד דיא פרויא, צווישען דיין נאכקאמענשאפט אונד איהרע; ער וועט דיר פערוואונדען דעם קאפ אונד דוא וועסט איהם פערוואונדען דעם טריט. דיעזער „ער”, הייסט עס, איז יעזוס, וועלכער האט פערוואונדעט אדער צובראכען דעם קאפ פון נחש הקדמוני.

דיא אידישע מפרשים פון אללע צייטען האבען איממער בעטראכט די געשיכטע פון עץ הדעת אלס איין אללעגאריע, א משל, אין וועלכען עס ענטהאלט זיך א געוויסע אנזיכט פון מאראל, אדער פון דיא ערשיינונגען דער נאטור. יאזעפוס, דער אידישער געשיכטע־שרייבער פין אללטערטהום, זאגט, אז נאכדעם וויא משה

האט ערקלערט וויא דיא וועלט איז בעשאפען געוואָרען פאננט ער אן צו רעדען וועגען פילאָזאָפיע. דער רמבם (מורה נבוכים ח״ב. 21) ערקלערט וויט אונד ברייט וואס עס איז געמיינט אונטער דיעזע גאנצע אלגאָריע פון עץ הדעת, אונד דאסזעלבע האבען אויך פיעלע אנדערע גרויסע מענער פון אידען געגעבען פערשיעדענע ערקלע־רונגען וואס דיא ביבעל האט דאמיט געמיינט. אין דער טהאט פערשטעהעט עס אזויא יעדער גלויביגער איד וואס אכטעט זיין רעליגיאָן אונד איז פאָללשטענדיג איבערציוגט, אז משה רבינו, דער גרעסטער זשעני פון אללע צייטען, האט ניט גע־קענט אנשרייבען אזעלכע פאנטאזיעס, ווען עס וואָללט ניט געווען אין זייא פערבאָרגען וויכטיגע סודות פון דער מאָראלישער אונד נאַטירליכע וועלט.

כריסטען גלויבען דענאך באמונה שלמה אז די מעשה מיט׳ן עץ הדעת האט אין דער טהאט אזוי פאסירט וויא דאס איז אין דער ביבעל בעשריבען. מיר וועלען זיך אויף א ווײלע שטעלען אויף זייער שטאנד פונקט אונד בעטראכטען אויב אויף דיזען אופן איז דא מעגליך צו געפינען אירגענד וועלכען פערנינפטיגען זינן. גאָט האט בעשאפען אדם אונד חוה אונד זייא וואָרען גאנץ אונשולדיג, זייא האבען נאך ניט געוואוסט צו אונטערשיידען פון גוטעס ביז שלעכטעס. צוזאממען מיט זייא איז דאָרט געווען א שלאנג, א נחש הקדמוני, וועלכער וואר פיעל קליגער פון זייא אונד ער האט זייא אנגערעדט צו עסען פון דיא פערבאָטענע פרוכט פון עץ הדעת. דיא שולד פאללט דאך אלזאָ ניט אויף זייא, זאָנדערן אויף דעם אָנרעדער, דעם נחש. זייא האבען דאך דאס ניט געטהון במזיד, זאָנדערן אויס אונוויסעהייט זיינען זייא געפאללען אלס אָפּפער. יעדער מענשליכער פאטער וואלט בייא אזא צופאלל מוחל געווען זיינע קינדער, נור גאָט, דער רחום וחנון, האט עס ניט געוואָללט, אדער, וואו דיא כריסטען זאָגען, ער האט ניט געקענט גובר זיין דעם רוח הטומאה, אין וועלכען זייא זיינען צוליעב דעם חטא אריינגעפאללען.

גאָט האט געזאָגט צו אדם׳ן „דעם טאג ווען דוא וועסט עסען פון עץ הדעת וועסטו שטארבען.״ אלס אדם האט עובר געווען אויף דיעזען געבאָט האט גאָט אויסער דיעזע שטראפע פערפלוכט צו ליעב איהם דיא וועלט אויך. דיא שטראפע אליין איז אן אונד פיר זיך איין אוניערעכטיגקייט, אבער דער פלוך איז זאָגאר א גרויזאמקייט. ווען מען זאָלל ווירקליך פון גאָט דענקען אזעלכע מידות וואָללט דאס געווען איין אמת׳ע לעסטערונג פון זיין נאמען.

אונד פארוואס האט גאָט בעשטראָפט חוה'ן? זיא האט דאָך קיין זינדע נעטהאָן, דען איהר איז דאָך ניט געווען אָנגעזאָגט זיא זאָלל ניט עססען פון עץ הדעת.

אונד וויטער געפינען מיר נאָך א מערקווירדיגען פסוק: „אונד גאָט האט געזאָגט: זעהע, דער מענש איז געוואָרען וויא איינער פון אונז אונד ער ווייס שוין פון גוטעם אונד שלעכטעס, יעצט וועט ער נאָר פיללייכט אויסשטרעקען זיין האנד אונד עססען פון לעבענס־בוים, דאַן וועט ער דאָך לעבען אייביג". נון, אונד ווען יא? פארוואס האט עס גאָט ניט געוואָללט.

וויא פערנינפטיג איז עס געווען פון דיא אידישע דענקער צו זוכען דעם פערבארגענעס בעהאלטענעם זינן פון דיעזע אללעגאָריע, אונד וויא דומם אונד לעכערליך איז דיא קריסטליכע בעהויפטונג אז דאָ האנדעלט זיך פשוט וועגען איין איינפאכע געשיכטע פונקט וויא זיא איז בעשריעבען.

נאָך מעהר, דיא כריסטען בעגוטצען זיך מיט די מעשה בראשית', אום צו ברענגען א ראיה צו זייער אמונת השילוש, דעם גלויבען אין דיא דריי־איינינקייט. זיי זאָגען, אז דאס בעווייזט דער פסוק וויא גאָט האט געזאָגט: נעשה אדם, לאָמיר בעשאפען א מענשען, דאס הייסט אלזאָ, אז גאָט רעדט וועגען זיך אין פיעלפאכע צאהל. אבער אז איבעראלל איז דאָך געזאָגט ויברא אלהים, גאָט האט בעשאפען ויעש אלהים, גאָט האט געמאכט, אלזאָ אין לשון יחיד, וועגען דעם רעדען זיי ניט דיא היפאָקרימישע כריסטליכע ביבעל־פערדרעהער; זיי ווילען ניט פערשטעהען, אז דיא אמונת השילוש, דער גלויבען אין א דריי־איינינקייט, איז א געטצענדיענסט אונד א פאָללשטענדיגער ווידערשפרוך צו דעם הויכען פרינציפ פון אחדות הבורא, אויף וועלבען דיא גאַנצע ביבעל איז געגרינדעט.

אויך דיא רעיות פון אללע פראָפעטען, וועלכע דיא קריסטען ברענגען, אום צו בעווייזען דיא געטליכקייט פון יעזוס'ען, זיינען אויך אבזאָלוט פאלש. זאָ, צום ביישפיעל, בעהויפטען זיי, אז דער פסוק 5 קאפיטעל 9 פון ישעיה מיינט געוויס יעזוס'ען. דארט זאָגט נעמליך דער פראָפעט: „א קינד איז אונז געבאָרען געוואָרען, א זוהן איז אונז געגעבען געוואָרען אונד זיין נאמען איז: וואונדערליכער ראטגעבער, מעכטיגער גאָט, אייביגער פאטער, הערר פון פריעדען, אונד ער וועט זיטצען אויף דעם שטוהל פון דוד המלך אונד וועט רעגיערען מיט גערעכטיגקייט." די כריסטען בעהויפטען אלזאָ, אז דאס איז דאָך שוין געוויס געזאָגט געווארען אויף יעזוס'ען, דען וועמען זאָנסט פון דיא געבאָרענע קען מען רופען מיט אזעלכע נעמען וויא מעכטיגער גאָט אונד אייביגער פאטער? אבער דיעזע אינוויסענדע פאנאטיקער

האבען פשוט ניט פערשטאנען דעם איינפאכען פשט פון פסוק. ישעיה רעדט דארט וועגען דעם נייגעבארענעם קעניג חזקיהו, וויא דאס איז דייטליך צו זעהען פון אללע איבריגע קאפיטלען אונד דער פראפעט זאגט: ויקרא שמו אונד ער האט גערופען זיין נאמען, וועה? דער וואס ער איז א וואונדערליכער ראטהגעבער, א מעכטיגער גאט, איין אייביגער פאטער,—ער האט גערופען דעם נאמען פון דעם נייגעבארענעם, דער הערר פון פריעדען.

אויך אין דיא נביאות פון ירמיהו האבען זייא געפונען אזא זארט פרעטענזיע. אין קאפיטעל כ״ג. פראפעצייעט דער נביא וועגען א נייעם קעניג וואס וועט ענט־שטעהען פון דוד׳ס הויז, וועלכער וועט רעגיערען מיט געזעטץ אונד גערעכטיגקייט, אונד דאס איז זיין נאמען וועלכער גאט ווירד איהם רופען: אונזער גערעכטיגקייט. דיא כריסטען זאגען אז דאס מיינט אונזער גערעכטער גאט, וועהרענד אין דער טהאט איז דא דיא רייד נור וועגען דעם אידישען קעניג צדקיהו, א נאמען וועלכער בעדייטעט דיזעלבע, גאטעס גערעכטיגקייט.

דיא הויפט ראלע אין דיא כריסטליכע משיח־לעגענדעס שפיעלט דער גאנצער 53 קאפיטעל פון ישעיה אונד דארום איז עס אינטערעסאנט איהם גענויער צו בעט־ראכטען. וויא דיא נייעסטע ביבעל־פארשער האבען ריכטיג אויסגעפונען, איז דער ספר ישעיה איינגעטהיילט אין צוויא העלפט. דער ערסטער, ביז צום 40קאפיטעל, איז אונצווייפעלהאפט געשריעבען פון ישעיה אונד דארט בעהאנדלען זיך דיא בעגע־בענהייטען פון דאמאלס, ווען דער פראפעט האט געלעבט, וועהרענד אין דעם צוויי־טען פון 40 קאפיטעל אונד ווייטער, איז דיא רייד פון דיא צייטען ווען כורש, דער קעניג פון פרס, האט בעזיעגט דעם קעניג פון בבל אונד דאן ערלויבט דיא אידען צוריק צו קעהרען נאך זייער פאלעסטינישע היימאטה. דיזע קאפיטלען, פון 40טען ביז צום 52טען, ענטהאלטען ליעבליכע פאעטיש עטרויסטונגען. דער נביא פערזיכערט דיא אידען אז זייערע זינד זיינען שוין פערגעבען געווארען אונד וועקט אין זייא אויף א האפנונג אויף א בעסערע צוקונפט. כורש איז בערופען אלס א משיח, וועלכער איז אויסגעוועהלט דאצו צו בעפרייען אידען פון גלות. דער נביא שילדערט ווייטער דיא צערשטערונג פון בבל אונד מונטערט אויף אידען זייא זאללען פערלאזען דיע־זעס לאנד אונד צוריק קעהרען נאך פאלעסטינא. דאן קוממט דער 53 קאפיטעל, אין וועלכען דער נביא שילדערט ווי אידע זיינע געוועזען געפלאגט, געמארטערט, פער־אכט אונד פערפאלגט, וויא מען האט זייא געשלעפט צום שלאכטען וויא דיא שעפ־סען; אבער יעצט וועללען דיא ארומיגע נאציאנען אונד זייערע רעגיערער איבער־ראשט ווערען, צו זעהען וויא אידען וועללען ווידער אויפבליהען אלס א מעכטיגעס

פאָלק אין זייער לאַנד. זייא, דיעזע אידישע שונאים, וועללען אנערקענען אז אידען האבען געליטען איבער פרעמדע זינד, איבער אומזיסטען האסס.

דיא הויפט כאראקטעריסטיק ביי דיעזען נביא איז אז ער רופט דיא אידען אין לשון יחיד, מיין קנעכט יעקב, מיין אויס געוועהלטער ישראל. דיא כריסטען האבען זיך דאַמיט בענוצט אונד זאָגען אז דער פראָפעט רעדט דאָ ווירקליך נור וועגען איין פערזאָן, דאס הייסט אלזאָ וועגען יעזוס'ען. אונד אזוי וויא דער 53טער קאפּיטעל פאסט צו די מעשה פון זייער משיח, האבען זיי דאס אָנגענומען אלס די הויפט נבואה וועגען איהם. אין יעדען בוך פון דיא מיסיאָנערען געפינט מען לאַנגע דרשות גראדע וועגען דיעזען קאפּיטעל אונד ביי אלע זייערע ויכוחים נעגען אידען בענוטצען זיי זיך מיט ראיות פון דיעזע נבואה.

פון איינער זייטע האבען דיא כריסטען אָנגענומען דעם אידעאַל פון א אידישען משיח א מעכטיגען פּרינץ פון דוד המלך'ס פאמיליע, א העלד, וועלכער וועט ערשיינען אום דיא גאַנצע וועלט אין א בעסערע אָרדנונג צו ברענגען. ער וועט פערניכטען אונד צערשמעטטערען דיא זינדער, ער וועט גרינדען א וועלט־רעגיערונג פון אייביגען פריעדען, טוגענד אונד גערעכטיגקייט. פון דער אַנדערער זייטע, לויט נאך די פּראָפעצייאונגען פון קאפּיטעל 53, איז שוין זייער משיח אַ ניעדערגעשלאָגענער, א פּער־פאָלגטער, צובראָכען, בעדעקט מיט וואונדען, מען שלעפּט איהם וויא א שעפּס צום שלאַכטען אונד ער שטוממט, ער פּראָטעסטירט זאָגאר דאגעגען ניט מיט איין וואָרט. ער ליידעט פיר דיא זינד פון דער וועלט, אבוואָהל ער זעלבסט איז אונ־שולדיג. וויא שטיממען אלזאָ דיעזע קאָנטראסטען אין איין אונד דעמזעלבען פּער־זאָן פון א משיח?

דאָ געפינען מיר פאר נויטהיג צו ווידערהאָלען אויף וואס פיר איין אופן די קריסטען בעהויפּטען אז אין דיעזען קאפּיטעל איז דיא רייד וועגען זייער יעזוס דעם משיח. אין זייער קאַטעכיזים, דיא עיקרים פון זייער אמונה, הייסט עס אזויא: אדם הראשון האט איבערגעטרעטען דעם בעפעהל פון גאָט אונד דאדורך איז ער אריין גע־פאללען אין זינד אונד צוזאמען מיט איהם דיא גאַנצע נאכפאָלגענדע מענשהייט ביז דיא וויטעסטע דורות, זאָ דאס יעדער מענש ווערט געבאָרען אונריין, בעפלעקט מיט זינד. יעזוס איז ערשיענען פון הימעל, אום דיא מענשהייט צו רעטען אונד דיעזע אויפלאגע האט ער ערפיללט דאמיט וואס ער איז געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ אונד זיך אויפגעאָפּפערט פאר דיא גאַנצע וועלט. ווער עס גלויבט אין איהם איז דאדורך גערעטעט פון דיא זינד־ירושה, וואס איז געבליעבען פון אדם הראשון. דאס אללעס, זאָגען דיא כריסטען, ענטהאלט זיך אין דעם 53טען קאפּיטעל, פון 5 ביז

דעם 12 פסוק. דיא כריסטען גלויבען אין א דרייא־איינינקייט, דאס הייסט, דרייא פערזאָן אין איין גאָט. דער זוהן, דער 2טער פערזאָן, איז דאס געווען יעזוס, אונד יעדער פאַנאַטישער כריסט איז נאָך שטאָלץ אויף דיזען אונזיניגען אבערגלויבען אז גאָט אלליין איז פיר איהם געשטאָרבען אונד מיט דעם געטליכען בלוט איז אבגע־וואַשען זיינע זינד. דאס אללעס זיינען נאַטירליך אבערגלויבישע פלוידעריייען, אבער דאמיט אלליין קענען מיר ניט יוצא זיין. מיר דארפען וויסען וואס צו ענטפערען אויף דיא טענות פון דיא מיסיאָנערען. מיר מוזען אלזאָ אויף א ווייל בעטראַכטען דיא זאַך פון זייער שטאַנדפונקט אונד זעהען אויב זייערע בעהויפטונגען קענען געבען אנטוואָרטען אויף דיא מיגדעסטע פראַגע.

1.) ענטהאַלט זיך אין דיעזען קאַפיטעל אירגענד א רמז פון א נבואה וועגען א משיח ?

מיר געפינען אין דעם גאַנצען קאַפיטעל קיין איינציגען וואָרט ניט וועגען דעם. גראַדע פערקעהרט: דיעזע נבואה, וועלכע פאַנגט זיך אָן פון 13טען פסוק קאַפיטעל 52 ערעפענט זיך מיט דיא ווערטער; הנה ישכיל עבדי א. ז. וו. דיעזען וואָרט עבדי, מיין קנעכט, געברויכט דער נביא 17 מאָל אונד יעדעס מאָל איז דאס אנגעווענדעט אויף דעם אידישען פאָלק, היינט ווארום זאָל גראַדע דיעזען איינציגען מאָל דער וואָרט בעצייכנען א משיח ? זאָללען אדרבא דיא קריסטען בעווייזען פון איין אנדער שטעללע אין דער ביבעל אז גאָט האט גערופען משיח'ן מיט דיעזען אויסדרוק: מיין קנעכט, אבער זיי וועללען עס קיין מאָל ניט קענען בעווייזען. שליעסליך ווען מען זאָל אננעהמען וויא ריכטיג איז, אז אין דיעזען קאַפיטעל איז דאָס אידישע פאָלק פאָרגעשטעללט, אלס איין פערזאָן וואס לייִדעט אונד איז אומזיסט פערפאָלגט, דאן האט עס א לאָגישען צוזאַמענהאַנג מיט דיא פאָריגע אונד פאָלגענדע קאַפיטלען, דאגעגען ווען דאס זאָל געהען אויף יעזוס'ן, וויא די קריסטען זאָגען, האט דער קאַפיטעל גאָר קיין שייכות ניט מיט אלע איבריגע, אין וועלכע עס האנדעלט זיך נור וועגעז דיא צייט ווען אידען זיינען ארויס פון גלות בבל.

2.) וויא קוממט עס אז אין דיעזען קאַפיטעל איז ניט ערואינערט דאס וואָרט „משיח" ?

מיר געפינען במעט אין קיין איינציגען פון אללע פסוקים, אויף וועלכע דיא כריסטען האבען פרעטענזיעס, אז דאָרט זאָלל זיין ערינערט דער וואָרט „משיח; אבער דאָ, אויף דיעזער שטעלע. וואָללט עס געווען וויכטיגער וויא איבעראלל, וויילל לויט וויא דיא כריסטען בעהויפטען איז דיעזער קאַפיטעל דער איינציגער אין גאַנצען

ביבעל, וואו עס איז קלאָר אונד דייטליך אנגעצייגט געווארען דיא צוקונפטיגע מיס־סיאָן פון יעזוס'ען אונד זיין ראָלע וואס ער וועט שפּיעלען אלס א וועלט־משיח, אלס ערלעזער דער מענשהייט. דענאך האט דער פּראָפעט גאָר נים געפונען פאר נויט־היג צו מאָל א ווארט צו ערינערען אז דא האנדעלט זיך וועגען א משיח. נאך מעהר: גראדע וויא אויף להכעיס דיא כריסטען רופט דער נביא דעם היידנישען קעניג כורש מיט דיעזען טיטעל משיח (45. 1.) אונד שליעסליך זאגט ער אויף אויף זיך אלליין אז ער איז א געזאלבטער (61. 1) נור אין דיעזען קאפּיטלל, וואו נאך דיא כריסטליכע אנזיכט װאללט דאך דאס געווען אם נויטהיגסטען, איז וועגען דעם א וואָרט ניט ערינערט. דאס אלליין בעווייזט אלזאָ, אז דיא אללע משיח־פּרושים אויף דיעזער שטעללע זיינען הוילע פּלוידערייען.

3.) וואס פיר א בעדייטונג האט א משיח אלס א קרבן פיר דיא וועלט?

דיא כריסטען זאָגען, אז מיט זיין טויט האט יעזוס מכפּר געווען אללע חטאים פון דיעניגע וואס גלויבען אין איהם. דיזע ערקלערונג איז איינע פון די הויפּט־אורזאכען וואס האט געבראכט דאצו אז זייער רעליגיאָן האט געוואונען אזא גרויסע מאכט. אבער דיעזע ערקלערונג איז איינע פון דיא געפעהרליכסטע וואס האט געבראכט פערדאָרבענהייט אונד אונגל יקאויף דיא גאַנצע וועלט. דאס כריסטענטהום גיעבט יעדען זינדער דיא מעגליכקייט צו ווערען א חייליגער אויף גאנץ לייכטע בעדינ־גונגען. יעדער פערברעכער, זאָגאָר א גנב, א רויבער, א מערדער, ווען ער גלויבט נור אין יעזוס'ען איז שוין דאפיר אלליין א פערטיגער בן עולם הבא. יעזוס אלליין האט געזאָגט צו איינעם פון דיא מערדער וואס מען האט צוזאממען מיט איהם געק־רייציגט: „ דוא וועסט זיין היינט צוזאממען מיט מיר אין גן־עדן.“ (לוקאס 43,23) נור דאפיר ווייל דיעזער פערברעכער האט אויפ'ן קרייץ איהם ערקלערט אז ער גלויבט אין איהם.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט אז דאס כריסטענטהום האט צו זיך צוגע־צויגען מאסען פון אזעלכע באנדיטען, װעלכע זיא האט געמאכט פיר הייליגע צדיקים. דיא גאַנצע געשיכטע פון כריסטענטהום איז געגרינדעט אויף דיעזען געפעהר־ליכען פּרינציפּ. דיא ערסטע נאכפאָלגער פון יעזוס'ן, וויא דיא טוואנגעליומס אלליין ערצעהלען, זיינען געווען די ערגסטע אויסוואורפען, מוכסים, עברינים, אויסגעלאסענע פּרויענצימער, וועלכע ער האט געמאכט פאר הייליגע, אונד דורך דעמזעלבען שענד־ליכען פּרינציפּ איז דאס כריסטענטהום געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן. דער רומישער קייזער קאָנסטאנטין איז געווען איינער פון דיא בלוטיגסטע טיראנען, ער

האט ערמאָרדעט זיין אייגענע מוטער, זיין פרויא, זיין זוהן אונד פיעלע אנדערע. דער מאיעסטעטישער מערדער האט זיך צוערסט געווענדעט צו דיא היידנישע פריעס־טער, זייא זאָללען פיר איהם אויסבעטען א פערצייאונג בייא דיא געטער; אבער דיעזע פריעסטער האבען איהם אבגעוויעזען מיט דיא ערקלערונג, אז פיר זיינע פיעל־פאַכע בלוטיגע טהאטען קען ער קיין כפרה ניט האבען. אויף דעם ראטה פון זיינע פריינדע האט ער דאן זיך געווענדעט צו דיא כריסטליכע גלחים אונד דיעזע האבען איהם באַלד פערזיכערט, אז אללע זיינע פערברעכענס וועללען פערגעבען ווערען, ווען ער וועט נור אַננעהמען דעם גלויבען אין זייער יעזוס'ן. קאָנסטאַנטין האט דאפיר געמאכט זייער רעליגיאָן אַלס א העררשענדע אונד אין זייער קירכע איז ער קאַנאָניזירט געווארען אַלס א הייליגער.

אונד אזויא איז עס איממער ווייטער געגאַנגען אין דער געשיכטע פון כריס־טענטהום, וועלכע איז פולל מיט אזעלכע הייליגע מערדער. דער גרויס־אינקוויזיטאר טאָרקוועמאדאַ אונד אַלע זיינע נאכפאָלגער האבען לעבענדיגערהייט פערברענט הונ־דערטע טויזענדע מענשען אונד דאפיר זיינען זייא הייליגע. אַללע בלוטיגע פערפאָל־גונגען, אינקוויזיציאָנען, מאַססען־מאָרדען זיינען נור ארויסגעקוממען פון דיעזען פינס־טערען אבערגלויבען, פון דעם פאַנאַטישען פרינציפּ, אז יעזוס האט מיט זיין טויט מכפר געווען אַללע זינדען פון זיינע גלויביגע נאכפאָלגער.

אונד וויא גרויס איז דער אונטערשיעד צווישען דיא ליכטיגע לעהרען פון יודענטהום געגען דיעזען שעדליכען פרינציפּ פון כ־יסטענטהום! עס איז צוואר ריכטיג אז אין משה'ס תורה זיינען אויך געגעבען געוואָרען געזעטצען פיר קרבנות, אבער ניט פיר אזעלכע שרעקליכע פערברעכען וויא מאָרד, בלוט פערגיעסונג אונד נאך אזעלכע טהאטען, וועלכע האבען דורך קיין אָפּפער ניט געקענט פערצייהעט ווערען. קרבנות איבערהויפּט האבען געקענט ווערען געבראכט ענטוועדער פיר אזעלכע עברות וואו מען האט געטהאן בשוגג, דורך א טעות, אדער פיר קלענערע זינדע, וואס די שטראף איז פיר זייא ניט גרויס. דענאך האבען אין דיא נאכפאָלגענדע צייטען אַללע נביאים פיעל מאָל געזאָגט, אז גאָט פערלאַנגט ניט איין אָפּפער, זאָנדערן דער מענש זאָלל זיך אויפפיהרען גוט אונד ריכטיג ערפיללען אַללע געבאָטען פון דער תורה. דיא רעליגיאָן פון יודענטהום פאָרדערט פון מענשען מעשים טובים, עדעלע טהאטען, וועהרענד דער וואהנזיניגער כריסטענטהום, לויט דיא לעהרע פון דעם ערסטען משומד פּאָול, האט דיא גאַנצע תורה מבטל געווען אונד זאָגט אז עס גענוג נור צו גלויבען אין יעזוס'ען, אין איהר וועלכער האט זיך געבראכט פאר א קרבן פיר זייא אללעמען.

יעזוס, זאָגען זייא, איז געווען גאָט'ס א זוהן, אונד גאָט דער פאטער האט איהם געשיקט ער זאָלל ליידען פיר דיא גאַנצע וועלט. אבער דאס אלליין איז דאך דיא גרעסטע אונגערעכטיגקייט. ווען א מענש זאָלל מאכען דעם צווייטען אונשול־דיגען ליידען פאר דיא זינד פון איין אַנדערען, וואללט מען דאך אזא מענשען פער־דאַמט דאפיר, דענאך זאגען דיא כריסטען אן גאט, דער פאטער פון גערעכטיגקייט, האט עס יא געטהון. אין דיעזען פּרינציפּ אלליין ענטהאַלט זיא דיא ערנסטע לעס־טערונג פון גאָטעס נאמען. אין דער אידישער תורה איז אין פיעלע ערטער אנגעזאָגט, אז יעדער איינער מוז אלליין ליידען פיר זיינע זינד. דיא כריסטען לעגענדע, וועגען יעזוס'ען אלס אונשולדיגען קרבן, איז אלזאָ פאָללשטענדיג געגען דעם זינן פון דער תורה אונד דענאך זוכען זייא גראדע אין דערזעלבער נביאות אויף יעזוס'ען. איז דאס ניט דער גרעסטער אונזינן אדער דער שענדליכסטער היפּאָקריטיזם וועלכע מען קען זיך נור פאָרשטעללען?

4.) וואס פיר א מחותן איז אזא מין יעזוס מיט אידען?

דיא פרעטענזיעס פון דיא ערסטע כריסטען, אַז יעזוס איז געווען א אידישער נאציאָנאלער משיח, זיינען נאך אייניגערמאסען פערשטענדליך ווארום ער האט גע־דארפט ערשיינען גראדע בייא דעם אידישען פאָלק. אבער דאן קוממען די היידען־כריסטען מיט זייער לעגענדע, אז יעזוס איז בוכשטעבליך גאָט'ס א זוהן אונד ער איז געשיקט געוואָרען אלס ערלעזער פיר דיא גאנצע מענשהייט. עס פרעגט זיך אלזאָ וואס פיר א מחותן איז אזא מין יעזוס מיט אידען? ווארום איז אזא מין וועלט־משיח געבאָרען געוואָרען פון א אידישע יונגפרויא אין פאלעסטינא? ווארום האט ער ניט געקענט געבאָרען ווערען אין רוים, גריכענלאנד, פראנקרייך, רוססלאנד אָדער אין אירגינד איין אנדער טהייל? ווייטער בעהויפּטען זייא, אז גאָט האט נאך מיט טויזענדע אונד הונדערטע יאָהרען פריעהער אנגעזאָגט וועגען דעם צוקונפ־טיגען יעזוס דורך דיא אידישע פּראָפעטען. וואָרום גראדע דורך דיא אידישע? אויב יעזוס איז געשיקט געוואָרען פיר אזעלכע וועלט־נאציאָנען, מוז וואס האט גאָט גע־וואָלט גראדע פון דעם קליינעם אידישען פאָלק? פארוואס האט ער ניט פראָקלא־מירט דיעזע בשורות דורך א סאָקראטעס, פלאטא אונד אנדערע גרויסע מענער פון דיא אומות אעולם?

אונד ווארום האט גאָט געזוואָרט אזויא לאַנג? אדם הראשון האט געזינדיגט אונד דאדורך איז נגזר געוואָרען אויף אללע מענשען א גייסטיגער טויט, דענאך האט עס גאָט צוגעלאָזען טויזענדע יאָהרען, ביז ער האט ענדליך געשיקט זיין זוהן דיא מענשהייט צו רעטען. פארוואָס האט עס נאָט דאמאָלס באַלד גיט געטהון, אז די

פיעלע הונדערטע דורות פון פריעהער זאָללען אויך גערעטעט ווערען? א מענש איז יא מחויב דעם צווייטען צו רעטען, ווען ער האט נור א מעגליכקייט דאצו, אונד גאט, וואס ער איז א רחום וחנון, האט עס ניט געטהון; קען עס געבען א גרעסערע דוממהייט ווי אזא כריסטליכע בעהויפטונג?

5 פאסט דיעזע נבואה אויף יעזוס'ען?

ווען מען בעטראכט גענויער די כריסטליכע פרעטענזיעס אויף דיעזען קאפיטעל זעהט מען וויא אונזיניג זייערע בעהויפטונגען זיינען, דען אין דער טהאט פאסט קיין וואָרט פון דעם פראָפעט אויף דיא געשיכטע וואס זייא דערצעהלען פון יעזוס'ן. לאָמיר נעהמען אלס ביישפיעל דעם פסוק: „ דיא קעניגע וועללען שליעסען זייערע מיילער געגען איהם, דען וואס מען האט זיי ניט ערצעהלט האבען זיי געזעהען אונד וואס זויא האבען ניט געהערט האבען זיי פערשטאנען. וועלכע קעניגע האבען יעזוס'ען געזעהען ? ווען מען האט זיי ערצעהלט איז ער דאך שוין לאנג אויף דער וועלט ניט געוועזן. אונד וואס האבען זייא פערשטאנען? איז דען דאָ א מעג־ ליכקייט צו פערשטעהען אזעלכע לעגענדעס וויא א גאָטעס־זוהן, א דריי־געטערדיגער גאָט וואס איז איינער, א יעזוס וואס איז צו איין אונד דער זעלבער צייט א מענש אונד א גאָט?

אונד ווען מען זאָלל אפילו אננעהמען אז אין דיעזען קאפיטעל איז ניט דיא רייד וועגען דיא ליידענדע אידישע נאציאָן, זאָנדערן וועגען א געוויסען איינצעלנעם מענשען, וואס האט געליטען אלס אונשולדיגער מערטירער, איז דאפון א ראיה אז דאס איז נור געמיינט יעזוס? ווארום גראָדע ער? זיינען דאן געוועזן ווייניג אזעלכע מערטירער פריעהר פאר איהם? ווען מיר וועלען נעהמען אלס ביישפיעל יעדען איינעם פון הונדערטע אזעלכע אונשולדיגע קרבנות, קען דיעזע נבואה אויף איהם פאססען בעסער וויא אויף יעזוס'ן.

.6) איז יעזוס אלס גאָט, ניט געוועזן א זעלבסט מערדער?

דיעזע פראגע איז געשטעלט געוואָרען ניט צום אָבלאכען, זאָנדערן אין פוללען ערנסט. מיר רעדען יעצט וועגען דעם שטאנדפונקט פון דיא קריסטען, וועלכע בע־ הויפטען, אז דער קרבן וואס איז געבראכט געוואָרען אום צו רעטען דיא וועלט פון גייסטיגען טויט, פון דיא טומאה, אין וועלכע זיא איז פערזונקען נאך אדם הראשון'ס חטא, אזא קרבן האט ניט געקענט זיין א מענש, דען יעדער מענש איז דאך געלע־ גען אונטער דיזעלבע קראפט פון דיעזע טומאה, הײנט וויא אזוי וואָלט ער געקענט מכפר זיין אויף אנדערע ? דאפון איז געדרונגען, זאגען דיא כריסטען, אז יעזוס איז

געווען א גאָט, אונד נור אַלס א גאָט איז ער געווען ווערטה אונד האט געקענט זיך ברענגען פיר א קרבן.

א קרבן? צו וועמען?

מיר האבען שוין איינינע מאָל אָנגעצייגט וויא ווילד אונד משוגע דיזע בע־הויפטונג איז, אז יעזוס, אַלס א גאָט, האט זיך געבראכט פיר א קרבן צו זיך אַליין. אבער דאָ האנדעלט זיך וועגען איין אנדער פראגע: יעזוס איז געווען א גאָט, זאָ־גען זיי, אונד ער איז געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ. דער פּראָסטער המון פון דיא כריסטען וויים פון קיין המצאות ניט אונד זיי גלויבען עס בוכשטעבליך. אין אַללע כריסטליכע שפראכען, זאָגאר אין דיא געבילדעטע, געפינט מען אַזעלכע אויסדריקע וויא כריסטוס־פערדעטהער, כריסטוס־פייניגער, כריסטוס־מערדער, מיט וועלכע זייא מאכען פאַרווירפע דיא אידען. דיא געלעהרטע כריסטען אבער האבען דאָך געמוזט איינזעהען וויא לעבערליך דיזע בעהויפטונג איז, אז גאָט זאָל שטאַרבען. זיי זוכען דארום דיזען ווידערשפּרוך צו פערענטפערען מיט פערשיעדענע פוסטע השערות, אז אין יעזוס'ען זיינען געווען צוויי נאַטורען, א מענשליכע אונד א געטליכע, די מענש־ליכע איז געשטאָרבען אונד דיא געטליכע איז געבליבען לעבען. אבער צו דערזעל־בער צייט גלויבען זיי דאָך, אז דער זוהן אונד דער פאָטער זיינען איינס, יעזוס דער גאָט אונד גאָט דער יעזוס זיינען איין אונד דאס זעלבע וועזען, אָהן איין אָנפאנג אונד אָהן איין ענדע. היינט וויא קען זיך פעראייניגען מיט דיזע געטליכע נאַטור א מענשליכע, וועלכע האט יא איין אָנפאנג אונד איין ענדע?

אבער מיר וועללען אויף א ווייל'ע צוגעבען אז דאס האט געקענט טרעפען אונד יעזוס דער גאָט האט געלאָזען אין זיך ערמאָרדען די צווייטע נאטור, די מענשליכע; אָבער יעזוס אַלס גאָט, האט דאָך מיט איין בלאז געקענט פערניכטען אַללע זיינע אנגרייפער, דיא רוימער מיט דיא אידען צוזאמען, אונד אויב ער האט עס ניט געטהון, אויב ער האט זיך געלאָזען קרייצינען, דאן איז ער דאָך גאנץ איינפאך גע־ווען א זעלבסטמערדער. ווען א מענש זאָל בייא אירגענד א צופאַלל פון סכנה האבען דיא מעגליכקייט צו רעטען זיין לעבען אונד ער טהוט עס נים וועט איהם יעדעס געריכט־הויז אנערקענען אַלס זעלבסטמערדער אונד דיזען אורטהייל איז אויך פאַללקאָמען ריכטיג צו זאָגען אויף יעזוס'ן אַלס גאָט.

מיר האבען אַלזאָ פון דיא איינינע ביישפּיעלע געזעהען, אז דיא ראיות וואס דיא כריסטען זוכען ארויסצונעהמען פון דער ביבעל וועגען יעזוס'עס געטליכקייט, האבען קיין ממשות אונד קיין זינן. וויא מיר זעהען האט יעזוס ניט געקענט זיין קיין

אידישער משיח אונד נאך וועניגער א כריסליכער גאָט. דאס אַללעס, דיעזע אונ־וואהרשיינליכקייטען, דיא אומעגליכקייטען אונד דיא ווידערשפּריכע אין דיא עוואנ־געליומס, האבען אימער נעדיענט אַלס אורזאכע צו צווייפלען, אויב אזא פּערזאָן ווי יעזוס האט אין דער ווירקליכקייט ווען עס איז עקזיסטירט. מיר האבען אויף איין אנדער שטעללע שוין אָנגעצייגט, אז קיין איינציגער היסטאָריקער פון יענע צייטען, וועלכע האבען געלעבט ארום דער צייט פון יעזוס, טוט נאָר ניט ערוועהנען זיין נאמען אונד דיא אייניגע היסטאָרישע, זאָגענאנטע פאקטען, מיט וועלכע דיא כריסטען וויללען בעווייזען דיא עקסיסטענץ פון יעזוס'ען זיינען ענטוועדער פאַלש אָדער אונגלויבהאפט. עס בליי־בען אַלזאָ איבריג נור דיא עוואנגעליומס אונד דיא אייניגע שריפטען פון אַפּאָסטעל פּאָול, אָבער פיר דיענינע וואס צווייפלען קענען דיעזע שריפטען ניט דיענען אַלס היס־טאָרישע דאָקומענטען. דיא עוואַנגעליומס, וויא מיר האבען געזעהען, וויעדערשפּרע־בען זיך איינע דיא אַנדערע אויף יעדען וואָרט אונד אויסער דעם זיינען זיי פערפאסט געוואָרען בערך 150 יאהר נאך יעזוס'ן, אונד אום דיא זאכע גלויבהאפטער צו מאכען האבען יענע אונבעקאנטע שרייבער געמאכט א פעלשונג אונד ארויפגעשטעלט אויף דיא עוואַנגעליומס דיא נעמען פון יעזוס'עס תלמידים. וואס אַנבעטריפט אַפּאָס־טעל פּאָול, האט ער יעזוס'ען קיין מאָל אין דיא אויגען ניט געזעהען; אַללעס וואס ער האט אָנגעשריעבען איז נור פון הערען־זאָגען אונד אויף זאָ איין עדות קען מען נאטירליך זיך ניט פערלאָזען, אום א היסטאָרישען פאקט צו בעגרינדען.

דיעזער צווייפעל האט זיך נאך פערשטאַרקט אין דיא נייעסטע צייטען, ווען מען האט אנגעפאנגען צו שטודירען דיא אוראַלטע שפּראַכען פון דיא פּאָרצייטיגע היידנישע פעלקער, וויא צום ביישפּעל דיא אינדיער, דיא עגיפּטער, פּערזער, אונד אייניגע אַנדערע. זיי האבען אייך איבערגעלאָזען זאָגענאַנטע הייליגע שריפטען, רעל־ליגיעזע ביכער, וועלכע זיינען פולל מיט לעגענדעס פון זייערע געטער. ווען מען פער־גלייכט אבער זייערע לעגענדעס מיט די כריסטליכע בעוויזט עס זיך, אז דיעזע לעגע־טע זיינען וואָרט אין וואָרט גענוממען געוואָרען פון יענע היידען. עס קומט אַלזאָ אויס אז אונבעקאנטע שרייבערס האבען צוזאמען געגנב'עט פרעמדע לעגענדעס פון פער־שיעדענע געטצען־דיענער אונד האבען דאפון בעשאפען א יעזוס'ען. זייא האבען גאָר דאבייא גאַנץ וועניג או־בייט געהאט, דאס הייסט נור צו ענדערען דיא נעמען פון יענע היידנישע געטער אונד הייליגע אויף אַנדערע אויסגעטראכטע אידישע נעמען. פון אַזעלכע: מענשען וואס האבען אין דער טהאט גאָר ניט עקסיסטירט.

אונד דיעזע מיינונג האט אין זיך זעהר פיעל וואהרשיינליכקייט. דיא צייט

איז דאמאלס געווען אזעלכע ווען דיא רעליגיעזע סיסטעמען פון דיא גריכיש־רוימישע געטצענדינער האט געהאלטען ביי'ן אונטערגעהן. דיא געבילדעטע קלאססע האט אויפגעהערט צו גלויבען אין דיא נביאות פון זייערע פריעסטער אונד געציינט איין עפענטליכע פעראכטונג צו דיא געטער. דיא מאסען, קוקענדיג אויף די קליגערע האבען זיי אויך פערלארען דעם צוטרויען צו דיזע אמונה אונד צו גלייכער צייט האבען זייא זיך נים געקענט בעגניגען מיט דיא דרשות פון זייערע פילאזאפען, אז מען קען לעבען אהן א רעליגיאן, ווען מען ערפיללט נור דיא פפליכט פון טוגענד אונד רעכט־שאפענהייט. פאר דיא פראפאגאנדא פון א נייע רעליגיאן איז אלזא דאמאלס גער־ווען דיא בעסטע צייט אונד מען דארף צוגעבען אז דיזע כריסטליכע ערפינדער זיינען געגאנגען צו זייער ארבייט זעהר געשיקט. זייא האבען גענוממען דיא מעשות פון די יידען אונד איבערגעטראגען אויפ'ן באדען פון יודענטהום, דען פרעדיגען פאר יידען איין אנדער היידענטהום וואלט דאך קיין זינן ניט געהאט; מען האט אלזא די נייע אמונה געדארפט אנטהון א אידישע מאסקע אונד דאמיט האט מען געקענט געווינען זעהר פיעל אנהענגער, דען ערסטענס זיינע ביי די אידען געווען פערשיעדענע משיחים, וועלכע מען האט אומגעבראכט, דארום האט אזא געשיכטע מיט א יעזוס'ן געקענט אויסקוממען זעהר גלויבהאפט, אונד צווייטענס האבען דיזע לעגענדעס געמוזט ריה־רען דעם מאראלישען געפיהל פון יעדען איינעם, אז אזא גוטער יעזוס איז אינגעריכ־טעט געווארען פון דיא שלעכטע, פערהאסטע אידען; אז ער, וועלכער איז געקוממען רעטען דיא וועלט אונד געפרעדיגט דיא שעהנסטע, עדעלסטע זיטען אונד ליעבע צו אללע מענשען, איז דאפיר פערפאלגט געווארען אונד מען האט איהם דאפיר געפאטשט, אונד געשמיסען, געמארטערט אונד געקרייציגט. אזעלכע שילדערונגען האבען געמוזט ווירקען אויף די פאנטאזיע פון המון אונד זיי בעגייסטערען נאך ביז היינטיגען טאג די גאנצע פאנאטישע כריסטליכע וועלט.

דאס אללעס זיינען נאטירליך קיינע היסטארישע פאקטען, וועלכע עס איז אונ־מעגליך צו בעווייזען, ווייל עס זיינען דאך וועגען דעם קיינע דאקומענטען נים גע־שריבען געווארען, אבער א"ס השערות, אלס מיינונגען, האבען זיי זעהר פיעל וואהר־שיינליכקייט, דען ווען יעזוס זאלל האבען אין דער ווירקליכקייט געלעבט אונד גראדע אזוי ווי דאס איז בעשריעבען אין די עוואנגעליומס, איז עס העכסט אונגלויבליך אז מיט איהם זאללען האבען פארגעקוממען פונקט דיזעלבע פאסירונגען אונד בעגע־בענהייטען ווי מיט דיא היידנישע וועלט־ערלעזער. אונד אז דיא יעזוס־לעגענדעס שטיממען פאלקאממען מיט דיא פריעהערינע היידנישע, פון דעם

ערסטען מאָמענט ביז צום לעצטען וועללען מיר זעהען פון די פאָלגענדע בעשרייבונגען.

כמעט אין אללע זאגען פון דיא פאָרצייטיגע פעלקער געפינען מיר פיעלע אזעלכע זאגען וועגען פרויען וואס האבען געבאָרען זיהן פון גאָט. אדער אז גאָט האט זיך פערקערפערט אונד זיך געלאָזען געבאָרען ווערען פון א מענשליכע פרויא, אום דאמיט צו רעטען אונד ערלעזען דיא וועלט פון איהרע זינד. אלס ביישפיעל וועללען מיר געהמען דיא געטליכע מוטערס פון צווייא בעוואוסטע אלטע פעלקער, די אינדיער אונד דיא עגיפטער, אונד פערגלייכען מיט דיא קריסטליכע, אום צו צייגען אז ניט נור די געשיכטע אן אונד פיר זיך, זאָנדערן זאָגאר דיא נעמען אונד די געבעמען צו זייא זיינען בייא דיא אללע דרייא פאלקאָמען עהנליך. בייא דיא אלטע אינדיער איז אויך דער 2טער גאָט פון דיא דריי אייניקייט ווישנו געבאָרען געוואָרען פון די יונגפרויא נארי; בייא דיא עגיפטער איז דער געטליכער וועלט ערלעזער האָרוס געבאָרען פון דיא יונגפרויא איזיס אונד בייא דיא כריסטען איז וויא בעוואוסט מאריא דיא מוטער פון יעזוס. דיא געבעטען צו דיעזע גאָטעס־מוטעד זיינען פאָלגענדע:

אינדיער

הייליגע נארי—מאריאמא, מוטער פון אייביגע פרוכטבארקייט. מוטער פון דעם פערקערפערטען גאָט ווישנו. מוטער פון קרישנא. אייביגע יונגפרויענשאפט. מוטער־ריינעם וועזען. העכסטע צנועה יונגפרוי. מוטער פון דיא פינף טוגענדען, אָדער עלעמענטען. מוטער טריגאנא פון דריי עלעמענטען, דיא מאכט פון גייסטיגע רייכטהום, ליעבע אונד גאנצע שפינעל פון העכסטען בעוואוסטזינן. מוטער פון ווייזהייט שפיגעל פון גערעכטיגקייט. געדערעם פון גאָלד. קעניגין פון הימעל. נארי האט געבאָרען ווישנו אָהן זינד און אונבעפלעקט.

עגיפטער.

הייליגע איזיס, מוטער פון וועלטען און געטער. מוטער פון האָרוס. הייליגע יונגפרוי די ערצייגערין פון דור דורות. מוטער־זעעלע פון יוניווערזום. יונגפרוי, הייליגע וועלט מוטער פון אלע טוגענדען. הערליכע איזיס, די מעכטיגע, די גנאדענפולסטע אונד די גערעכטעסטע. שפיעגעל פון גערעכטיגקייט אונד וואָרהייט. געהיימניספאָללע מוטער פון דער וועלט (געהיימע ווישענשאפט) שפיעגעל פון טוגענד אונד ריינהייט. פיסטרום (מוזיק אינסטרומענט) פון גאָלד: קעניגין פון הימעל אוניד אוניווערזום. איזיס איז די וונגפרוי־מוטער.

כריסטען.

הייליגע מאריא. מוטער פון געטליכע גנאדע. מוטער פון גאָט. מוטער פון כריסטוס. יונגפרוי פון אלע יונגפרויען מוטער די העכסט צנועה פון געטליכע גנאדען. מוטער פון ריינהייט, אונבעפלעקט. מוטער פון העכסטע ליעבענסווירדיגקייט, מוטער פון דיא העכסטע בעוואונדערונג. יונגפרוי די העכסט מעכטיגע. יונגפרוי, דיא העכסט גנאדענפאָללע. יונגפרוי די העכסט געטריע, שפיגעל פון גערעכטיגקייט. הויז פון גאלד, קעניגין פון הימעל. מאריא וועלכע איז שוואנגער געוואָרען אָהן נד.

מיר זעהען אלזאָ אז דיא שבחים צו מאריא'ן זיינען גענוממען געוואָרען וואָרט פיר וואָרט פון דיא געבעטען צו אינדישע אונד עגיפּטער מוטערס פון זייערע געטער, דען יענע לעגענדעס האבען עקסיסטירט מיט פיעלע הונדערטע יאָהרען פריד הער וויא דיא צייט אויף וועלכע מען זאָגט אז יעזוס האט דאן געלעבט. אויסער־דעם איז זאָגאר אין דיא נעמען צו בעמערקען א געוויסע עהנליכקייט. די אינדישע גאָטעס מוטער הייסט נארי, דיא כריסטליכע מאריא. פון דיא עגיפּטישע מוטער איזיס איז איבערגעמאכט געוואָרען אויף איהם אלליין יעזוס.

אין דער טהאט האט יעדע אוראלטע נאציאָן געהאט אזעלכע לעגענדעס, פון יונגפרויען וואס זיינען שוואנגער געוואָרען פון גאָט. אבער דיא כריסטען האבען גאָר אזוי וויט ניט געדארפט זוכען, דען דיא גריעכען אונד רעמער, איידער זיי זיי־נען בעקעהרט געוואָרען צום כריסטענטהום, האבען זייא געגלויבט, אז דער אויבער־גאָט יופּיטער האט שוואנגער געמאכט פיעלע פרויען, וועלכע האבען געהאט פון איהם קינדער. דאנעא, דיא טאָכטער פון קעניג אקריזיאָס, האט געהאט פון יופּי־טערן א זוהן פּערזעהוס, אין וועלכען עס וואָרען אויך צוויי נאטורען, דיא געטליכע אונד דיא מענשליכע. פּערזעאוס האט געטהון פיעל וואונדער אונד נאכדעם וויא ער איז געשטאָרבען איז ער ווידער לעבעדיג געוואָרען אונד ארויפגעפלויגען אין הימעל צו זיין פאטער. פונקט אזא לעגענדע ערצעהלט מען פון הערקולעס, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען פון גאָט יופּיטער אונד דיא קעניגין אלקמענא.

פּאָול דער משומד־אפּאָסטעל, האט דער ערסטער אָנגעפאנגען צו אניטירען אונד בעקעהרען דיא היידען צום כריסטענטהום, אום זיי אנצוציהען האט ער זאָ־גאר מבטל געווען אללע געבאָטען פון דער תורה, וועלכע דיא ערסטע אידען־קריס־טען האבען געהיט, אונד בעהויפּטעט אז עס איז גענוג צו גלויבען אין יעזוס'ן. פאר איהם אלזאָ איז אזא גריעכישע לעגענדע געווען א גאנץ פּאסענדע זאך. ער האט נור געדארפט איבערמאכען דיא נעמען אונד פּראָקלאמירען אז פונקט אזא מעשה האט דאָ גאָר ניט לאנג געטראָפען אין פּאלעסטינא, אום דאמיט ארייננצושלעפּען די גריעכישע אונד דיא רוימישע היידען צוזאממען מיט זייערע לעגענדעס אין כריסטענטהום.

דיעזען פאקט זיינען מודה זאָגאר דיא אלטע כריסטליכע רעליגיאָנס־לעהרער. יוסטין דער מערטירער האט בערך 150 יאהר נאך כריסטוס'ען ארויסגעגעבען א פערטהיידיגונגס־שריפט פאר זייער אמונה, אין וועלכע ער שרייבט פאָלגענדעס:

(קאפּ. 28). „ אונד ווען מיר בעהויפּטען אז דער לאָגאָס, דער בכור פון גאָט, געמליך, יעזוס כריסטוס, אונזער הערר, איז געבאָרען געוואָרען פון היילינגען גייסט, אז ער וואר געקרייציגט אונד געשטאָרבען, דאן איז ער צוריק ארויפגעשטויגען אין הימעל, איז דאס אַלעס ניט קיין נייעס, דען מיר ערקלערען דאך דאס זעלבע וואס איהר גלויבט וועגען דיא זיהן פון יופּיטער." ווייטער אין קאפּיטעל 30 : „וואס מיר בעהויפּטען אז יעזוס איז געבאָרען געוואָרען פון א יונגפרויא דארפט איהר אַנ־נעהמען אַלס א פּונקט אין וועלכע מיר שטימען איין מיט אייך, גראדע דאסזעלבע וואס איהר גלויבט וועגען פּערזעאוס."

יוסטין מארטיר איז בייא זיין גאַנצען פאַנאַטיזמוס דענאך געווען א פילאָזאָף אונד אום יוצא צו זיין פיר אַנדערע דענקענדע מענשען שרייבט ער פאָלגענדע מערק־ווירדיגע פּערדרעהעניס: (קאפּ. 70.) „דיא דיכטער פון דיא היידען האבען אויס־געטראַכט דיזעלבע לעגענדעס אונטער דעם איינפלוס פון שטן, אום דאמיט די וועלט נאכהער צו פערפיהרען. דער שטן האט געוואוסט אז כריסטוס וועט אמאָל ערשיי־נען, דארום האט ער אריינגעגעבען א דעה דיעזע היידנישע דיכטער זייא זאָללען פאָראויס שרייבען פּונקט אזעלכע בעגעבענהייטען, אום נאכהער זאָללען די אַפּיקור־סים אונד די אונגלויביגע האבען א פּתחון פּה צו צייגען אז די געשיכטע מיט כריס־טוס'ען איז נור א לעגענדע, וועלכע האט שוין עקסיסטירט מיט א צייט פריהער איידער ער איז געבאָרען געוואָרען.

יעדער אינטעליגענטער כריסט מוז רויטה ווערען פון חרפּה הערענדיג אזעלכע משוגעתן אונד דענאך געפינט מען דיזעלבע טענות זאָגאר יעצט אין די שריפטען פון זייערע מאָדערנע רעליגיאָנס־לעהרער.

אויסער דיא אינדיער, עגיפּטער, גריכען אונד רוימער, געפינען זיך ביי פער־שיהדענע אנדערע פעלקער, יונגפרויען אונד פרויען, וועלכע האבען געבאָרען זיהן פון היילינגען גייסט, וויא צום ביישפּיעל: מאַיא, דיא מוטער פון סאקיא מוני, דעם פריעהריגען אינדיישען ערלעזער; אישטאר, וועלכע דיא אַלטע באַבילאָנער האבען פערעערט אַלס גאָטעס מוטער אונד פיעלע אנדערע. אין גריעכענלאנד אונד רוים איבערהויפּט האט מען זאָגאר אויף פילע היסטאָרישע פּערזאָנען געגלויבט אז זיי זיינען געבאָרען געוואָרען פון געטער. אויף אַלעכסאַנדער מוקדון, וועלבער האט געלעבט מיט 33 יאָהר פאר כריסטוס'ען, האט מען געזאָגט, אז זיין מוטער האט איהם גע־באָרען פון יופּיטער־אממאָן. דער גרינדער פון דיא שטאָדט רוים, ראָמולוס, איז גע־באָרען געוואָרען פון א יונגפרויא רהעא סילוויא, וועלבע איז שוואַנגער געוואָרען פון גאָט מארס. זאָגאר אויף דעם גרויסען פילאָזאָף פּלאַטאָ האט מען געזאָגט, אז זיין

מוטער פריקציאָנע האט איהם געבאָרען אַלס מעדכען, פון דעם גאָט אפאָללאָ. זיא איז אויך דאַמאַלס געווען פערלאָבט מיט אריסטאָן אונד אפאָללא האט איהם אנ־געזאָגט ער זאָל איהר ניט פערשטויסען, דען זיא איז שוואַנגער פון איהם. מען זעהט אַלזאָ אז דיא געשיכטע פון עוואַנגעליום, וויא א מלאך האט יאָזעף׳ן אנגעזאָגט אין חלום אז זיין כלה מאריא איז שוואַנגער פון היילינען גייסט, איז נור א געגנב׳עטע גריעכישע לעגענדע.

דער אינדישער רעליגיאָנס־לעהרער בודדהא האט געלעבט מיט 600 יאָהר פאר יעזוס׳ען אונד דיא בודדהא־עוואַנגעליומס זיינען אויך אייניגע הונדערט יאָהר עלטער אַלס דיא כריסטליכע. ווען מען פערגלייכט דיעזעביידע עוואַנגעליומס גע־פינט מען באַלד, אז דיא כריסטען האבען כמעט וואָרט בייא וואָרט איבערגעשריע־בען דיא אינדישע לעגענדע, אין וועלכע זיי האבען נור געענדערט דיא נעמען פון די פערזאָנען אונד דיא ערטער, אונד דאַפון האבען זייא געמאַכט פאר זיך א נייע תורה.

בודדהא הייסט אויף דיא אַלטע אינדישע שפראך דער ערוועקער, דאס הייסט, אזעלכער וואס האט אייפגעוועקט. גערעטעט דיא וועלט פון דעם שלאָף דער זינדע אונד איז געקוממען צו דיא ערקענטנים פון דיא העכסטע וואהרהייט. דיא אונדישע זאגע ערצעהלט, אז יעדעס מאָל ווען דיא וועלט פערזינקט צו טיעף אין דעם אב־רונט פון זינד שיקט גאָט אראב, ריכטיגער צו זאגען ער שטייגט אליין אראב אונד לאָזט זיך געבאָרען ווערען פון א יונגפרויא, אדער ער פערקערפערט זיך אויף איר־גענד איין אנדער אופן, אונד דורך זיינע ליידען רעטעט ער דיא מענשהייט אונד נעהמט אייף זיך זייערע זינד. אין דיא היילינע ווערדאס, דיא אינדישע תורה, וועלכע איז מיט א 2000 יאָהר עלטער וויא דיא כריסטליכע, הייסט דער העכסער היממעלס־גאָט דיאוס־פיטאַר, דאס הייסט גאָט דער פאַטער. אויף דער אינזעל ציילאָן שטעהט די גאָלדענע שטאַטוע פון בודדהא, אויף וועלכע עס איז אויפגעשריבען אז גאָט האט איהם געזאַלבט פיר א קעניג. בודדהא איז ערשיענען צוא דיא בעשטיממטע צייט, לויט דיא פראָפעצייאונגען פון זייערע נביאים. נאך זיין מענשליכע נאַטור שטאַממט ער פון א בעריהמטע אוראַלטע קעניגליכע פאמיליע אונד מען רופט איהם אויך דער „לייב פון שטאַם סאַקיא,“ גראדע וויא זייא רופען יעזוס׳ען, דער „לייב פון שבט יהודה“ בודדהא׳ס מוטער הייסט מאַיא, יעזוס׳עס מוטער—מאַריא. מאַיא איז נאך געווען א יונגפרויא, אַלס א מלאך איז צו איהר ערשיענען אונד בענריסט אז זיא וועט געבאָרען א געטליכען זוהן אונד מאַיא איז שוואַנגער געוואָרען פון היילינען גייסט. צו דעם פערלאָבטען מאַן פון מאַיא איז ערשיענען א מלאך אונד געזאָגט:

„פירכט זיך ניט. מאיא וועט געבאָרען זוהן, וועלכער וועט זיין א גרויסער קעניג אונד א רעטער פון דער וועלט.“ קורץ פאר דעם געבורטה פון איהר זוהן איז מאיא גע־פאָהרען צו א בעזוך צו איהע פערוואַנדטע, פונקט אזוי וויא דער עוואַנגעליסט ער־צעהלט וועגען מאריא. (לוקאס 1־39). אויך מאיא איז געבליבען א יונגפרויא, זאָגאר נאכדעם וויא זיא האט געבאָרען דעם וועלט־ערלעזער בודדהא. אלס בודדהא איז געבאָרען געוואָרען זיינען מלאכים אבגעשטויגען פון הימעל אונד געזונגען: „פריידען אויף דער וועלט אונד א עת רצון פיר אלע מענשען, דען דער וועלט־רעטער איז געבאָרען געוואָרען.“ דיזעלבע געשיכטע ערצעהלט אויך לוקאס וועגען דיא געבורטה פון יעזוס'ען, אז מלאכים זיינען געקומען אונד אנגעזאָגט די פאסטוכער דאס דער וועלט־ערלעזער איז געבאָרען געוואָרען.

אונד אויך פאר בודדהא איז ערשיענען איינער, א מין אליהו הנביא, פונקט וויא יאָהאנעס דער טויפער פאר יעזוס'ען. דאס וואר געמליך קרישנא, אויך א פער־קערפערטער גאָט דיא אינדיער גלויבען אויף אין א דרייאיינינקייט; בראהמא, גאָט דער פאטער, ווישנו, גאָט דער זוהן, אונד סיווא, דער געטליכער מידת הדין, אדער דער הייליגער גייסט. ווישנו איז אויך דער מידת הרחמים אונד אוים ליעבע צו דער וועלט האט ער זיך געלאָזט געבאָרען ווערען פון דיא יונגפרוי דעוואַנאגוא. אויך די עהנליכקייט פון דיזע ביידע ווערטער, קרישנא אונד כריסטוס, איז א קלאָ־דער בעווייז פון וואנען דיזער לעצטער איז גענוממען געוואָרען. דיזער קרישנא איז געבאָרען געוואָרען מימ 1200 יאָהר פריעהר פון יעזוס'ען, אלזאָ 600 יאהר פאר בודדהא, אבער מערקווירדיג איז, אז אויף זיי ביידען זאָגט מען דאס זייער געבורטס טאָג איז דעם 25 דעצעמבער, גראָדע וויא דיא כריסטען האבען עס שפּעטער איבער־גענומען אויף יעזוס'ן, אונד ביז יעצט פייערען זייא דיזען טאָג קריסטמאס, דאס הייסט, דעם געבורטס־טאָג פון יעזוס'ען.

אויך אין דיא לעגענדעס פין פיעלע אנדערע פעלקער געפינען מיר אז זייערע ערלעזער, די זיהן וואס זייערע יונגפרויען האבען געבאָרען פון הייליגען גייסט, האבען אַלע געהאט זייער געבורטס טאָג דעם 25 דעצעמבער. דיא אידעע שטאַמט פון דיא אַלטע היידען, וועלכע האבען געדיענט צו די זונן. דער 25 דעצעמבער איז דער טאג ווען די ווינטערליכע זונן ווענדעט זיך פון איהר ניעדערגאנג צום אויפשטייגן אונד דער טאג פאנט אן גרעסער צו ווערען. מען לעגט אלזאָ איבער דיזע נאטור־ערשיינונג, אז דיא געטליכע זיהן זיינען די גייסטיגע זונן אויף הימעלרוים דער מענשהייט אונד אין דעם דונקעלען ווינטער פון זינדע אונד פערדאָרבענהייט זיינען זייא ערשיענען, אום דיא וועלט צו בעלויכטען אונד א נייעם לעבען פיר דיא מענשהייט צו

ברענגען.

אלס יעזוס איז געבארען געווארען, ערצעהלט דער עוואנגעליסט, זיינען געקר־ מען שטערנזעהער פון מארגענלאנד נאך ירושלים אונד זיך נאכגעפרעגט וואו איז דער ניי־געבארענער אידישער קעניג, ווייל זיי האבען געזעהן ווי זיין שטערן איז אויפ־ געגאנגען. אלס דער דאמאליגער אידישער קעניג הורדוס האט דאפון ערפאהרען איז ער דערשראקען געווארען, טאמער וועט דער נייגעבארענער אוועקנעהמען פון איהם דעם טהראן. ער האט אלזא אין געהיים אבגעמאכט מיט די שטערנזע־ הער זיי זאללען אויספארשען וואו עס געפינט זיך דיעזער קינד, אונד אלס זיי זיינען ווייטער געגאנגען איז דערזעלבער שטערן פאר זייא אויפגעשטיגען אונד האט זיך אבגעשטעללט אויף דעמזעלבען ארט וואו דער יעזוס קינד האט זיך געפונען . דיא שטערנזעהער זיינען אריינגעקומען אין הויז אונד דערזעהען מאריא מיט איהר קינד. זיי זיינען דאן געפאללען צו דער ערד אונד זיך געבוקט צו איהם. זיי האבען געעפענט זייערע אוצרות אונד געאפפערט צו איהם מתנות, גאלד, בשמים אונד ווייררויך. אין חלום האט מען זיי אנגעזאגט זיי זאלען ניט צוריקקעהרען צו חורדוס'ען אונד זיי זיינען אוועק נאך זייער לאנד .

אלס הורדוס האט געזעהען אז דיא שטערנזעהער האבען איהם אבגענארט איז ער זעהר בייז געווארען אונד אויף זיין בעפעהל האט מען אוים געשלאכט אין בית לחם אונד דיא אומגעגענדען אללע קינדער וואס ווארען איגנער ווי 2 יאהר. דאן איז מקוים געווארען וואס ירמיהו הנביא האט געזאגט: א קלעגליכע שטיממע אונד א ביטערעס געוויין הערט זיך אין דער הויכקייט; רחל וויינט איבער איהרע קינדער אונד ווילל זיך ניט לאזען טרויסטען איבער איהרע קינדער, דען עס איז אוים מיט זייא.

מען מוז ווירקליך ערשטוינט ווערען צו בעטראכטען וויא אירגענד א מענש האט זיך געקענט ערלויבען צו שרייבען פיר דיא עפענטליכקייט אזעלכע אונזינן אונד פלוידערייא. דיא נבואה פון ירמיהו איז געזאגט געווארען אויף דעם אידישען פאלק, דאס איז צו זעהען פון דעם גאנצען קאפיטעל. אין דעם נעכסטען פסוק הייסט עס: גאט זאגט צו דיא וויינענדע רחל:„ לאז דיין שטיממע אויפהערען צו וויינען אונד דיינע אויגען זאללען נים גיעסען טהרערען—זיי, דיינע קינדער, וועלען צוריקקומען פון פיינדליכען לאנד " וועלכע קינדער? דיא וואס הורדוס האט געהייסען אויסהרגע־ נען? זייא וועללען צוריקקוממען פון גלות? אונד דאס הייסט א עוואנגעליום, א נייע תורה, וועלכע מילליאנען מענשען פערהייליגען צייט טויזענדע יאהרען ! אויסער־ דעם איז דיא גאנצע מעשה א ליגען. ווען הורדוס וואללט געלאזען אויסהרג'ענע

אזויא פיעל קינדער וואללט דאס געוויס געוועזען בעשריעבען אין דיא געשיכטע פון יענע צייטען. בייא יאָזעפוס פלאוויאוס, וועלכער ערצעהלט יעדע קלייניקייט וואס האט פאסירט אין הורדוס'עס רעגיערונג, איז וועגען דעם א וואָרט ניט ערינערט.

אונד אויך דיעזע לעגענדע איז גענגב'עט געוואָרען פון דיא פריעהעריגע געט־צענדריענער. קעניגע אונד פרוממע געלעהרטע האבען געזוכט בודדהא'ס שטערן, וועל־כען זייא זיינען נאכגעגאנגען אונד געפונען דיא גאָטעס־מוטער מאיא מיט דעם ניי־געבאָרענעם ערלעזער, צו וועלכען זייא האבען געאָפּפערט מתנות אונד ווייראויך, אלס צו גאָטעס־זוהן. לויט דיא זאגע פון דיא בראהמינען איז קרישנא, דער פאָרגענגער פון בודדהא, געבאָרען געוואָרען אין א קאָריטע, צווישען אָקסען, אין א שטאל, פונקט וויא דיא עוואנגעליומס דערצעהלען וועגען יעזוס'ען. קרישנא'ס אָנקעל, דער ראיאה (א מין קעניג אָדער פירסט) פון מאדורא, האט מורא געהאט אז קרישנא וועט פיי־לייכט מיט דער צייט אוועקנעהמען זיין טהראָן, דארום האט ער געהייסען דעם נייגעבאָרענעם ערמאָרדען; אבער דער פלאן איז איהם ניט געלונגען, ווייל קרישנא'ס בעשיטצער האבען איהם בעהאלטען, דאן האט דער ראיאה געהייסען מען זאָלל אויסמאָרדען אללע נייגעבאָרענע זכרים. אויך בייא דעם געבורטה פון בודדהא וויא דיא לעגענדע ערצעהלט, איז פארגעקוממען אזא צופאלל פון קינדער מאססען מאָרד.

בייא דעם עוואנגעליסט לוקאס איז וועגען דיא געשיכטע מיט הורדוס'ן גאָר ניט ערינערט. ער דערצעהלט ווידער אין אנדער מעשה, אז אלס מען האט יעזוס'ן געבראכט צום פדיון הבן אין ירושלים, אום מקריב צו זיין פאר איהם דעם געזעטצ־ליכען קרבן, איז דאָרט געוועזען איין אלטער מאן, א געוויסער שמעון, א גרויסער צדיק, וועלכער האט גענומען דעם יונגען יעזוס אויף דיא הענד אונד נביאות געזאָגט, אז דיעזעס קינד וועט זיין דיא ליכט פון דער וועלט אונד דיא עהרע פון פאָלק ישראל. יעצט, ווען זיינע אויגען האבען געזעהען דעם ערלעזער, וויל ער שוין גערן שטערבען. אויך בייא בודדהא'ס געבורטה איז געקוממען איין אלטער מאן אונד אויך געזאָגט דיזעלבע ווערטער. נאטירליך האט דיעזער ניט ערינערט וועגען א פאָלק ישראל, דאס האט שוין צוגעלעגט דער עוואנגעליסט, אום דיה אלטע היידנישע לעגעדע צו פעראידישען. אויך אלטע פרויען האבען נביאות געזאָגט אויף בודדהא, אז ער איז דער וועלט־רעטער, גראדע וויא עס ווערטה ערצעלט בייז דעמזעלבען עוואנגעל־יום וועגען א געוויסע אלטע חנה, וועלכע האט געדאנקט גאָט אז דער ערלעזער איז געבאָרען געוואָרען.

דיא פאָרשטעללונג פון יעזוס'ן אין טעמפעל, אלס ער איז אלט געוואָרען 12 יאהר, איז איין אוראלטע אינדישע זיטטע, דאָרט עקסיסטירט נאך דיעזער מנהג ביז היינטיגען טאָג אונד אויך דיא כריסטען האבען דאפון גענוממען זייער רעליגיעזע צערעמאָניע, צו קאָנפירמירען דיא קינדער ווען זיי ווערען אלט 12 יאהר. אלס בודדהא איז פאָרגעשטעללט געוואָרען אין טעמפעל ביי א גרויסען פעסט האבען זייגע עלמערען איהם פערלאָרען. מיט שרעק אונד זאָרג האבען זיי איהם געזוכט איבעראלל, ביז דער פאטער האט איהם געפונען וויא ער זיצט צווישען דיא בע־ריהמטע געלעהרטע אונד ער ערקלערט זיי דיא רעליגיעזע וויסענשאפט, זאָ דאס אללע זיינע צוהערער זיינען ערשטוינט געוואָרען. אויך דיעזע געשיכטע ערצעהלט דער עוואנגעליסט וועגען יעזוס'ן.

בודדהא האט איינינע וואָכען געפאסט אין דער איינזאמקייט פון מדבר. דאָרט איז צו איהם געקוממען דער שטן אונד געזוכט איהם צו פערפיהרען. ער האט איהם אָנגעבאָטען דיא בעסטע מאכלים אונד אללע אוצרות פון דער וועלט, אונד בודדהא איז בייגעשטאנען ביי אללע נסיונות, ענטפערענדיג דעם שטן מיט פסוקים פון זייערע היילינע שריפטען. דיא עוואנגעליסטען, וועלכע ערצעהלען דיזע לעגענדע פון יעזוס'ען, האבען עס אלזאָ קאָפירט פון דיא אינדישע רעליגיעזע ביכער. דער אונטערשיעד איז נור, ביי דיא אינדיער קוממט אוים דיעזע לעגענדע מעהר פאָעטיש. ביי זיי הייסט דער שטן מארא אונר ער וואהנט אויף א גאנץ הויכען בארג, וואהין ער האט געבראכט דעם בודדהא אונד אלס בודדהא האט זיך ענט־זאגט פון דיא מאכלים אונד דיא אוצרות, האבען איהם דעם שטן'ס שעהנע טעכ־טער געוואָלט פערפיהרען; אבער בודדהא איז אויך ביי דיעזען דריטען נסיון ביי־געשטאנען. ביי יעזוס'ען קוממט אוים דער דריטער נסיון, אז דער שטן האט איהם געבראכט אויפ'ן דאך פון טעמפעל אונד איהם געזאָגט, ער זאָל זיך ארונטערוואר־פען אויף דער ערד. א ווילד־משוגענע פאנטאזיע פון א אונפעהיגען, עוואנגעלישען דיכטער! אלס דער שטן איז אוועקגעגאנגען זיינען געקומען מלאכים אונד האבען בודדהא'ן בעדיענט, דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט יעזוס'ען.

בודדהא האט זיך טובל געווען אין היילינען טייך אונד פון דיעזען מאָמענט פאנגט זיך אָן זיין טהעטיגקייט אלס וועלט ערלעזער. אונד גראדע דאן האבען זיך געעפינט דיא הימעלען אונד א שטימע פון דאָרט האט זיך געהערט, אז נאָם איז וואהלגעפעלליג מיט זיין ערסטגעבאָרענעם, צו וועלכען אללע דארפען גע־האָרכען. בודדהא האט אויך אָנגעפאנגען צו פרעדינען אלס ער איז אלט געווען 30 יאהר אונד אויך מיט דיזעלבע ווערטער: טהוט תשובה, דען דאס הימעל־

רייך איז געקוממען. בייא יעזוס׳ען ערצעהלען דיא עוואנגעליסטען, אז ער האט זיין ערסטע פרעדיגט אבגעהאלטען אויף א בארג אונד האט אנגעפאנגען מיט דיא בע־וואוסטע 8 זעגונגען: „וואהל איז צו דיא ארמע, וויל צו זייא געהערט דיא הימעלרייך א. ז. וו. (מאטהעאוס 5—3). אבער אזא בערג־פרעדיגט, מיט פונקט דיזעלבע 8 זעגונגען, האט בודדהא אבגעהאלטען מיט 600 יאהר פריעהער.

אונד שליעסליך קוממט דער מערקווירדיגסטער פאקט, וועלכער בעווייזט אז דיא כריסטען האבען איבערגענוממען פון דיא אינדיער זייער גאנצע תורה זאגאר מיט איהר אָריגינעללען נאמען. בודדהא׳ס לעהרע הייסט ביי זיי סובטא סיטא, אויף העברעאיש איבערגעזעצט מיינט עס בוכשטעבליך בשורה טובה אונד אויף גריכיש בעדייטעט עס עוואנגעליום.

בודדהא האט אויך געהאט 12 תלמידים אונד נאך מעהר: די ראללעס וועל־כע דיזע תלמידים שפיעלען זיינען גראדע דיזעלבע וויא עס איז בעשריעבען איין די כריסטליכע עוואנגעליומס מיט יעזוס׳עס תלמידים. בודדהא׳ס תלמיד אנאנדא איז וויכהערציג, זאנפט אונד דער ליעבלינג פון זיין לעהרער. גראדע פון אזא מילדען כאראקטער איז יעזוס׳עס ליעבלינגס־שילער יאהאנעס, אדער יוחנן, א נאמען וואס קלינגט זעהר עהנליך מיט דעם אינדישען אנאנדא. איין אנדערער פון בודדהא׳ס תלמידים הייסט דער זייל, אדער דער פעלזען גראדע וויא שמעון־פעטרוס ביי יעזוס׳ען, דען פעטרוס הייסט אויף גריעכיש פעלזען. נאך איינער פון בודדהא׳ס תלמידים איז געווען א צווייפלער, אונד אויך תומה, אדער טהאמאס, פון יעזוס׳עס תלמידים, וויא זייא ערצעהלען, האט געצווייפעלט אין דיא מעגליכקייט אז יעזוס זאללווירקליך קענען לעבעדיג ווערען, נאכדעם וויא מען האט איהם געקרייציגט, אונד דאפיר רופט מען איהם דער אונגלויבינגער טהאמאס. אונד שליעסליך געפינט זיך אויך בייא בודדהא איינער וואס וואר א פעררעטהער, אזויא וויא יהודה איש קריות, וועלכער האט פעראטהען יעזוס׳ען. דיעזער פעררעטהער איז אויך וויא יהודה געשטארבען מיט א מיתה משונה. זאגאר דער שפרוך פוי דיא בעוואוסטע צווייע תלמידים, וועלכע האבען געבעטען בייא יעזוס׳ען ער זאלל זייא אין הימעל אויפנעהמען צו זיטצען ביי איהם פוןביידע זייטען, פעהלט אויך נית אין דיא לעגענדע פון בודדהא. אויך ביי איהם געפינען זיך אזעלכע צוויא וואס שפרעכען אויס דיעזע ביטע מיט דיזעלבע ווערטער. בודדהא האט ארויס געשיקט פאאר וויז 60 פון זיינע נאכפאלגער, אום צו פרעדיגען זיין לעהרע, אונד יעזוס האט אויך צו דיעזען צוועק ארויס געשיקט

70. דא איז דער צאהל אומגעענדערט, ווייל 70 בעדייטעט בייא אידען די גרויסע סנהדרין.

דיא ווייטערע בעשרייבונגען אין דיא אינדישע עוואנגעליומס ערצעהלען, אז בודדהא האט געטהון זעהר פיעל נסים. ער האט געהיילט פיעלע קראנקע אונד געזעטיגט הונגעריגע. ער האט ארויסגעטריעבען בייזע רוחות אונד ביי איינעם אזא צופאלל האט ער זייא אריינגעיאגט אין א דבר אחר. בודדהא האט געוואוסט דיא געדאנקען פון אנדערע אונד ער איז אים שטאנד געווען צו רעדען אויף פערשיעדענע שפראכען. ער איז אויך געגאנגען איבער א טייך, גראדע וויא אויף דער יבשה, אונד מיט א קורצע צייט פאר זיין טויט איז ער פערקלערט געווארען, גראדע אזויא וויא יעזוס בייא דיא געוויסע געשיכטע אויפ'ן בארג, וואו עס זיינען צו איהם געקוממען אויף א קאנפערענץ אליהו הנביא אונד משה רבינו. בודדהא זאגט אויך דיזעלבע ווערטער: דיא פויגלאך האבען זייערע נעסטען, אבער בודדהא האט ניט וואו זיין קאפף אוועקצולעגען. אויך אללע איבריגע סצענעס זיינען גראדע דיזעלבע וויא אין דיא קריסטליכע עוואנגעליומס. בודדהא איז אריין געפאהרען אויף איין עזעל אין הויפטשטאדט. גאנצע מאססען פון פאלק זיינען איהם געקוממען ענטגעגען אונד האבען איהם עמפפאנגען מיט פרייד אונד געזאנג. בייא דעם לעצטען מאהלצייט האט ער צו זיינע תלמידים געזאגט, אז זיין צייט צו שטארבען איז געקוממען אונד דאבייא נעהמט ער פון זייא אבשיעד פונקט מיט דיזעלבע ווערטער וויא יעזוס פון זיינע תלמידים. עס פעהלט אויך ניט דאבייא דיא סצענע מיט דיא זינדיגע פרויא, וועלכע בודדהא האט בעקעהרט. זי וואשט זיינע פיסס מיט טהייערע עהל אונד ווישט זיי אב מיט איהרע האאר.

בודדהא'ס געגנער, דיא פריעסטער פון דיא פאריגע רעליגיאן האבען אבגע־האלטען א ראטה וואס זייא זאללען געגען איהם טהון. זייא האבען זיך צוערסט גע־ווענדעט צום פירסט פון לאנד, וועלכער האט אבער ניט געוואללט איינוויללינגען אז מען זאל געגען איהם עטוואס אונטערנעהמען. אויך בודדהא איז ארעסטירט געווארען בייא נאכט אין א גארטען דורך געדונגענע מערדע'ר אונד זיינע תלמידים האבען איהם געוואללט פערטהיידיגען, אבער בודדהא האט זייא דאפון צוריק געהאלטען. ער, דער וועלט־ערלעזער, בעגוויהיגט זיך ניט אין דיעזען שוטץ, ווייל עס איז געקומ־מען זיין צייט, דיא שטונדע ווען ער דארף אבקוממען פאר די זינד פון דער וועלט אויך ווען בודדהא איז געשטארבען איז געווארען איין ערד־ציטערנים אונד דיא זונן האט זיך פערפינסטערט. אויך בייא יעזוס'עס טויט איז דאס אללעס פארגעקוממען, נור דיא עוואנגעליסטען לעגען נאך צו, אז דער פרוכת אין טעמפעל איז צורריסען

געוואָרען אונד טויטע זיינען אויפגעשטאַנען פון זייערע קברים אונד האבען ארומגע־שפאַצירט אין שטאָדט. אויך ביי בודדהא'ס טויט האבען זיך דיא קריעגער געטהיילט מיט זיינע קליידער אונד ער האט דאביי געשפראָכען זיעבען ווערטער. צולעצט האט ער געזאָגט: „עס דורסטעט מיך."

מאיא, זיין מוטער, אונד זיין ליעבלינגס־תלמיד אנאנדא, זיינען אנוועזענד גע־וועזען ביי זיין קרייציגונג אונד באַלד נאך זיין טויט האט מען איהם פערגעטערט. אויך ער איז דאַן ארויפגעשטיגען אין הימעל אונד זיינע גלויביגער האָפפען נאך עד היום אז צו דער בעשטימטער צייט וועט ער ווידער ערשיינען אונד גרינדען אויף דער וועלט א רייך פון גערעכטיגקייט. ווער עס גלויבט אין בודדהא אלס וועלט־ערלעזער דער איז גערעטעט. זיינע אנהענגער רופען זיך „גאָטעס־קינדער." בודדהא האט אויך אנגעזאָגט זיינע תלמידים זייא זאָללען פרעדיגען זיין לעהרע אין דער גאַנצער וועלט אונד זייא זאָללען ניט טראַכטען וועגען דעם וואס צו רעדען אונד ווי צו רעדען, דען זיין גייסט וועט שוין צוריק רופען אין זייער געדעכטניס אללע פער־געסענע ווערטער אונד בוכשטאַבען. שליעסליך פאַנגען זיך אן בודדהא'ס רעדען אין זיינע עוואַנגעליומס גראדע מיט דיזעלבע ווערטער וויא יעזוס: „ווירקליך, איך זאָג אייך" אדער: „ווער עס האט אויערען זאָלל הערען" אונד זעהר אפט איז אויפ אויף איהם געזאָגט: „אום עס זאָלל ערפיללט ווערען וויא עס שטעהט געשריעבען," א פראַזע, וועלכע אין דיא כריסטליכע עוואַנגעליומס ווירד אנגעווענדעט כמעט ביי יעדען צופאַלל. „מיין קעניגרייך איז ניט פון דיזע וועלט" ערקלערט בודדהא איבער־אַל אונד יעזוס זאָגט איהם נאך.

ביי דיא בודדהיסטען איז אויך דער קרייץ אימגער געוועזען א הייליגער צייכען פון ערלעזונג. אין אינדיען, זאָגט מען, גיעבט עס אוראַלטע בודהיסטישע טעמפּלען, נאך פון פאר־כריסטליכע צייטען, אין וועלכע עס געפינען זיך פון זייער וועלט־ערלע־זער שטאַטוען, וואס שטעלען פאר א מענשען וועלכער העננט אויף א קרייץ. דער כריסטליכער קירכען־פאַטער יוסטין מארטיר זאָגט, אז דיא היידען האבען פון אייביג אן געבעטען צו א געקרייציגטען גאָט אונד דיא כריסטען האבען אלזאָ דאמיט גאָר קיין נייעס ניט אויפגעטהון.

אויסער קרישנא אונד בודדהא זיינען ביי פערשיעדענע פעלקער פון אלטער־טהום אויך געוועזען אזעלכע לעגענדעס פון געקרייציגטע געטער. תמוז פון סיריען, יאָא פון נעפּאול, העזוס פון דיא סעלטישע דרואידען, קוועקסאלקאָטע פון די אלטע מעקסיקאַנער, קווירינוס פון רוים, פּראָמעטהעאוס פון דיא אלטע גריעכען, טהולים אדער זולים פון דיא אַלטע עגיפּטער, אינדרא פון טהיבעט אונד אייניגע אנדערע,

זיינען אַללע געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ אונד האבען געליטען מארטערנים אונד טויט אום אבצוקוממען פאר דיא זינד פון דיא מענשהייט. דיעזע אַללע לעגענדעס האבען עקסיסטירט מיט פיעלע הונדערטע יאָהרען פאַר יעזוס'ען אונד אַללע איינצעלנע בעגעבענהייטען וואס ווערען ערצעהלט וועגען איהם געפינען זיך אויך ביי יענע אַלטע היידען.

דיעזע אַללע פאַקטען בעווייזען אז דיא לעבענס־געשיכטע פון יעזוס'ען, וויא זיא ווירד ערצעהלט אין זייערע עוואַנגעליומס, איז צוזאַממענגעשטעללט פון פערשידענע היידנישע לעגענדעס. דענאָך קען מען דאַפון ניט ארויסנעהמען אַ קלאָרע ראיה אז יעזוס איז אַ לא־היה ולא־נברא. עס קען זעהר מעגליך זיין אז אזא מין אַגיטאַטאָר איז צו יענער צייט געווען ביי'א אידען, אבער זיין טהעטיגקייט איז געווען אַזויא אונבעדייטענד, אז קיינער איז דאַן אויף איהם נאָר ניט אויפמערקזאַם געוואָרען, נור אין די שפּעטערע צייטען האבען זיינע אנהענגער פערברייטערט וועגען איהם איבערגעטריעבענע נסים אונד אום אנצוציעהען די היידען האבען זיי זיך דאַצו בענוצט מיט זייערע אייגענע לעגענדעס.

מערקווירדיג איז אבער צו זעהן וויא פיעלע מילליאָנען כריסטען פעראַכטען אונד פערשפּאָטען דיא היידען מיט זייערע געטער־געשיכטעס, אונד דענאָך גלויבען זיי אין דיא די מעשות פון יעזוס'ען, וועלכע זייגען דאָך מעהר ניט ווי אַ קאָפּיע פון דיעזע היידנישע געשיכטע.

ענדע פון ערסטען טהייל.

צווייטער טהייל.

5טעס קאפיטעל.

די אַפאסטאָלישע צייט.

די דראמא פון יעזוס'עס לעבען, וועלכע איז דער פונדאמענט פון כריסטענטהום, פאנגט זיך אָן מיט א חלום אונד ענדיגט זיך מיט אונגלויבליכע, ווידערשפּרעכענדע לעגענדעס. ווען מען זאָלל פרעגען א כריסט פון וואנען וויים ער אז מאריא האט געבאָרען יעזוס'ן פין הייליגען גייסט אונד ניט פון אירגענד א געוויינליכען מאנסע־פּרזאָן? פון די עוואנגעליסטען איז בייא מארקוס אונד יאָהאנעס ווע־גען דעם גאָר ניט ערינערט: לוקאס ערצעהלט אז דער מלאך גבריאל איז געקוממען צו מאריא'ן אונד אנגעזאָגט אז זיא וועט שוואנגער ווערען פון רוח הקודש. פון וואנען וויים דאס לוקאס? ער איז דאך דאבייא ניט געווען, אונד אויב מיר זאָללען אננה־מען, אז מאריא האט דאס אירגענד יעמאנדען ערקלערט, איז דאך דאס אזא מעשה וואס יעדע שוואנגערע מעדכען קען זאָגען, אום איהר שאנדע צו פערדעקען. אלס איינציגען „פאקט“ וועט א כריסט אלזאָ צייגען אויף די ערקלערונג פון עוואנגעליסט מאטהעאוס, אז א מלאך האט יוסף'ן אנגעזאָגט אין חלום, ער זאָלל זיין כלה נוט פערשטויסען, וויל זיא איז טראָגענדיג געוואָרען פון הייליגען גייסט. דער אנפאנג פון כריסטענטהום איז אלזאָ געגרינדעט אויף א חלום, אונד דאצו נאך דערצעהלט עס ניט דער בעל החלומות אלליין, זאָנדערען א צווייטע פערזאָן, וועלכער האט נאטירליך אלליין ניט געזעהען קיין חלום אונד קיין מלאך.

נאך מעהר זיינען ווילד אונד וויעדערשפרעכענד די לעגענדעס וועלכע עס ווע־רען דערצעהלט וועגען דעם וויא יעזוס איז פון טויט לעבענדיג געוואָרען אונד איז ארויפגעשטויגען אין הימעל. דיא דריי סינאפטישע עוואנגעליסטען ערצעהלען, אז פון דעם מאָמענט ווען יעזוס איז געשטאָרבען אויפ'ן קרייץ איז אין פערלויף פון דרייא שטונדען דיא זונן געוועזן פערפינסטערט א געוואלטיגע ערד־ציטערנעס האט אויסגעבראָכען אונד דער פרוכת אין טעמפעל איז צוריסען אויף העלפט. מאטהעאוס לעגט נאך צו א לעגענדע, אז קברים האבען זיך געעפענט, לענגסט־פערשטאָרבענע זיינען אויפגעשטאנען אונד געקוממען אין שטאָדט, מערקווירדיג, טראָטץ דיזע אַללע גרויסע נסים האט מען דענאך אין יעזוס'ן ניט געגלויבט.

אונד די עוואנגעלישע ערצעהלונגען וויא יעזוס איז לעבענדיג געוואָרען וועדער־שפרעכען זיך אויף יעדען וואָרט. מאטהעאוס זאָגט אז זונטאג פארטאָג זיינען ביידע מאריאס געקוממען צו יעזוס'עס קבר; א מלאך פון הימעל איז אראָב מיט א שטורם אונד אנגעזאָגט אז יעזוס איז לעבענדיג געוואָרען. ער האט אָבגעקייקעלט דעם שטיין פון קבר אונד געצייגט, אז יעזוס געפינט זיך שוין דארט ניט, דאן האָט ער דיא זעלבע פרויען געהייסען דיזע בשורה ברענגען צו זיינע תלמידים וועלכע זאָללען געהען פון ירושלים צוריק אין גליל אונד דאָרט וועט יעזוס זיך צו זייא בעוויזען. מארקוס ערצעהלט, אז אויסער דיא ביידע מאריאס איז נאך געוועזן מיט זיי א דריטע פרויא שולמית, אלס זיי זיינען זונטאג פריה געקוממען אונד געפונען, אז דער שטיין פון קבר איז שוין אבגעקייקעלט. אינוועניג איז געזעסען א יונגער מענש אנגעטהון אין ווייסען אונד ער האט זיי ערקלערט, אז יעזוס איז לעבענדיג געוואָרען דאן האט זיך יעזוס זעלבסט בעוויזען צו די עלף תלמידים, וואו אונד ווען איז ניט ערקלערט, נאכדעם איז ער ארויף אין הימעל, אויב די תלמידים האבען עס געזעהען איז אויך ניט ערקלערט. לוקאס ערצעהלט, אז זונטאג פריה זיינען געקוממען מעהרערע פרויען צום קבר אונד האבען געפונען אז דער שטיין איז שוין אבגעקייקעלט. פלוצלינג זיינען ערשיענען צווייא מענער וועלכע האָבען זייא ערקלערט אז יעזוס איז לעבענדיג געוואָרען. דעמזעלבען טאָג האט זיך יעזוס בעוויזען צו זיינע תלמידים אונד מיט זייא געגעסען; דאן האט ער זיי ארויס־געפיהרט הינטער'ן שטאָדט אונד אין זייער געגענוואַרט איז ער אוועקגעפ־ויגען אין הימעל. דער 4טער עוואנגעליסט יאָהאנעס ערצעהלט שוין וויעדער גאר איין אנדער מעשה, אז זונטאג פארטאָג, ווען עס איז נאך געוועזן פינסטער, איז מאריא פון מאגדאלא אלליין געקוממען צום קבר אונד אלס זיא האט זיך איינגעקוקט אינוועניג

זיינען דאָרט געזעסען צווייא מלאכים, וועלכע האבען איהר גאָר ניט געזאָגט, נור אלס זיא האט זיך אומגעווענדעט איז מיט איין מאָל געשטאנען הינטער איהר א מאַן אונד ער האט זיך געגעבען צו דערקענען אלס יעזוס, וועלכער איז לעבענדיג געוואָרען. יעזוס האט זיך בעוויזען צו זיינע תלמ׳דים אין אכט טאָג ארום אין ירושלים אונד דאן נאך א מאל אין גליל, ביי׳ן טייך טבריה. וועגען דעם אז זייא זאָללען האבען געזעהען וויא יעזוס איז ארויפגעפלויגען אין הימעל איז גאָר ניט ערינערט.

שליעסליך גיעבט עס נאך א פינפטע לעגענדע, וועלכע וויעדערשפּרעכט אללע ערצעהלונגען פון די פאָריגע עוואנגעליסטען. אין דער אפּאָסטעל־געשיכטע הייסט עס: יעזוס האט אין פערלויף פון פערציג טעג, נאכדעם וויא ער איז פון טויט לע־בענדיג געוואָ־ען, פערבראכט מיט זיינע תלמידים אין ירושלים אונד האט זיי אנגע־זאָגט, אז זייא זאָללען דיעזע שטאָדט ניט פערלאָזען. נאך פערלויף פון דיעזע צייט האט איהם פאר זייא אין דיא אויגען א וואָלקען אוועקגעטראָגען אונד אין דעמזעל־בען מאָמענט האבען זיך פּלוצלינג בעוויזען צווייא מענער, אנגעטהון אין ווייסען, אונד ערקלערט דיא תלמידים אז יעזוס איז אויפגענוממען געוואָרען אין הימעל.

דיא כריסטליכע רעליגיאָן הייסט גלויבען אז דיעזע אללע שריפטען זיינען הייליג, דען יעדעס וואָרט פון זייא איז דיקטירט פון גאָט אלליין. מיללי׳אָנען מענשען גלויבען עס נאך ביז היינטיגען טאָג, טראָטצדעם וואס זייא זעהען דאך אז איין וואָרט קוממט צום צווייטען ניט אונד אז אויב איינער זאָגט אמת מוזען דאך דיא אנדערע פיער זיין ליגנער. דער עיקר פון דיא כריסטליכע אמונה בעשטעהט אין דעם אז יעזוס איז לעבענדיג געוואָרען, דען זאָנסט איז ער דאך ניט געוועזן קיין גאָט. פּאָול זאָגט(1 קאָרינט. 15, 17) „אויב כריסטוס איז ניט לעבענדיג געוואָרען, דאַן איז אייער גלויבען נאר ניט ווערטה, דאַן זייט איהר נאך אזויא זינדיג וויא פריעהרער.“ ווען א שוואנגערע בתולה זאָל איי אונזערע צייטען זאָגען אז דער הייליגער גייסט האט עס איהר געמאכט, וואלט מען זיך פון איהר אויסלאכען; ווען איינער זאָל היינט קוממען אונד ערצעהלען אז א געוויסער מענש איז פון טויט לעבענדיג געוואָ־רען וואָללט מען אויף איהם געזאָגט אז ער איז א נאַרר אונד א ליגנער; אבער ווען מען ערצעהלט זייא אזעלכע מעשות פון 19 הונדערט יאָהר צוריק מוז מען עס גלויבען אלס הייליג, אלס אמת. יעזוס, הייסט עס, האט זיך בעוויזען צו דיא אפּאָסטעלס, אז זייא זאָללען זיין עדות אונד פּראָקלאמירען דיעזע געשיכטע פאר די גאנצע וועלט. דאס איז געוועזן דיא העכסט וויכטיגסטע זאך, אום דיא מענשהייט זאָל עס גלויבען

אונד דאדורך גערעטעט ווערען. אבער וואָרום האט עס דורכאויס געמוזט בעקאנט ווערען דורך עדות? פארוואס האט יעזוס זיך ניט בעוויעזען עפענטליך, אז אללע זאָללען איהם זעהען אונד גלויבען אין איהם, זייא זאָללען דאדורך ווערען גערעטעט?

מען דארף גלויבען, זאָגט דאס כריסטענטהום, אז יעזוס האט געלעבט צו א געוויסע צייט, דאן איז ער געשטאָרבען אונד מען האט איהם בעגראָבען. דאס איז זעלבסטפערשטענדליך אונד אויף אזעלכע זאכען דארף מען גאָר קיין עדות ניט האבען. אז א מענש האט געלעבט אונד איז געשטאָרבען, דאס קען מען גלויבען יעדען איינעם וואס דערצעהלט עס. אז דערזעלבער מענש איז נאכהער לעבענדיג געוואָרען איז שוין אונמעגליך, ווייל אזא זאך האט אין דער וועלט־געשיכטע ניט פאַסירט. אלזאָ האט דיא געשיכטע מיט יעזוס'עס תחית המתים אייגענטליך גע־דארפט פארקוממען אויף זאָ איין אופן אז דאס זאָלל זיין פאר דיא וועלט וואהר־שיינליכער, אז צו א געוויסע צייט זאָללען דאס אללע האבען געזעהען. אין דיא עוואנגעלישע געשיכטעס קוממט עס אויס דענאך גראדע פערקעהרט: יעזוס'עס טויט האט פאַססירט עפענטליך, פאר א גאנצ'ן פאָלק אין געגענווארט, אבער דיא פיעל וויכטיגערע בעגעבענהייט, זיין לעבענדיג ווערען, איז פאָרגעקומהען אין געהיים. זיין קערפער איז פערשוואונדען געוואָרען, קיינער וויס ניט וואוהין אונד דאן זאָלל מען גלויבען אז ער איז לעבענדיג געוואָרען, ווייל א פאאר ווייבער זאָללען האבען אזויא געזאָגט.

ווען מען ווענדעט זיך אב פון דיעזע לעגענדעס אונד מען פאַנגט אָן צו בעטראַכטען דיא בעגעבענהייטען וואס קענען אנגענוממען ווערען אלס היסטאָרישע פאַקטען, זעהט מען אז אויב יעזוס זאָלל ווירקליך האבען געלעבט איז זיין איינפלוס געווען גאַנץ קליין אונד אונבעדייטענד. דיא אפּאָסטעל־געשיכטע זעלבסט ערצעהלט, אז נאך יעזוס'עס טויט האבען זיך אין גאנצען געפונען א 120 פערזאָן פון זיינע גלויביגע; דאגעגען איז אין דיא געשיכטע פון יאָזעפוס פלאוויוס ערקלערט, אז גראדע צו יענער צייט זיינען ערשיענען אין פאַלעסטינא מעהרערע פראָפעטען, וועלכע האבען אויך פראָקלאַמירט א מין גאולה אונד זייא האבען געהאַט פיעלע טויזענדע ענטהוזיאסטישע נאכפאָלגער.

אונטער דיא אנפיהרונג פון יעזוס'עס תלמידים האבען דיעזע קליינע צאָהל גלויביגע געגרינדעט א בעזונדערע געמיינדע אין ירושלים. זייא האבען געפיהרט א קאָמוניסטישען לעבען, כמעט וויא דיא עססענער. יעדער איינער וואס האט זיך גע־האלט צו זיי אנשליעסען האט געדאַרפט פערקויפען זיין אייגענטהום אונד איבערגע־

בען דאס געלד צו זייערע געמיינדע־פאַרשטעהער. אין אללע הינזיכטען האבען זייא זיך שטרענג געהאלטען בייא דיא געבאָטען פון די אידישע רעליגיאָן, נור מיט דעם אונטערשיעד, אז לויט זייער מיינונג איז דער ערוואַרטעטער משיח שוין ערשיענען, נעמליך יעזוס, וועלכער איז פון טויט לעבענדיג געווארען. דיעזע מיינונג איז אויך ניט געווען געגען דיא אידישע רעליגיאָן, אין וועלכע דיא אידעע פון תחית המתים איז שוין צו יענע צייט געווען שטארק אויס־געברייטערט.

דיא הויפט פאַרשטעהער פון דיעזע נייע געמיינדע זיינען געווען יעקב, א ברו־דער פון יעזוס'ן, וויא מען בעהויפטעט. אונד זיינע צווייא תלמידים שמעון פעטער אונד יוחנן יאָהאנעס). פון דיעזע פאַרשטעהער געפינען זיך אין נייעם טעסטאמענט, וויא זייא רופען זייער כריסטליכע תורה, אייניגע שריפטען, וועלכע זיינען אויך גע־פעלשט, גראדע וויא די עוואנגעליומס. דער ברועף אויף'ן נאמען פון יעקב, יעזוס'עס ברודער, איז פערפאַסט געוואָרען פון איין אונבעקאנטען שרייבער בערך 130 יאָהר שפעטער. דיעזער בריעף שטעלט פאר א דעבאטע פון די אידען־כריסטען, וועלכע האבען געזאָגט אז דער גלויבען אלליין ווען מען האלט ניט דיא אידישע געבאָטען איז גאָר ניט ווערטה, געגען דיא היידען.כריסטען, וואס האבען בעהויפטעט גראדע פערקהרט, אז דיא אידישע תורה איז שוין בטל געוואָרען אונד מען דארף נור גלויּ־בען אין יעזוס'ן, דאן איז מען שוין געווים א בן עולם הבא. דיעזע לעצטע אנזיכט איז ארויסגעקוממען שפעטער, לויט דיא לעהרע פון דעם משומד להכעיס. וועלכען זייא רופען אפאָסטעל פאָול, אונד דארום האט יעקב ניט געקענט דיספוטירען פון אזא געגענשטאנד וואס עס איז נאך וועגען איהם דאמאָלס קיין רייד ניט געווען. טראָצ־דעם איז אין דעם גאנצען טאָן פון דיעזען בריעף צו בעמערקען, אז דער פערפאסער זוכט אויסצוגלייכען דיא פערשיעדענע מיינונגען פון דיעזע ביידע כריסטליכע סעקטעס.

פון פעטרוס גיעבט עס אין דעם זעלבען נייעם טעסטאמענט צווייא בריעפע, וועלכע זיינען אויף פערפאַסט געוואָרען פון אונבעקאנטע שרייבערס אויף דעם נאמען פון פעטרוס, בערך 130 יאָהר שפעטער, וועהרענד דיא צייט ווען דיא כריסטען זיינען געווען פערפאָלגט, אונטער דיא רוימישע קיסרים טראיאן אונד האדריאן. דיא פעלשונג איז געמאכט געוואָרען זעהר אונגעלומפערט, דען פון דיא בריעף גופא זעהט מען, אז דער פערפאסער רעדט דאָרט וועגען אזעלכע אכען וואס זיינען אין פעטרוס, צייטען גאָר ניט פאָרגעקוממען. אויסערדעם זעהט מען דעם שקר פון אוובען אויף וורייל לויט דיעזע בריעפע קוממט עס אויס, אז פעט־

ווענדעט זיך צו די געמיינדען וואס זיינען געגרינדעט פון פּאָול'ן אונד געזאָגט אז זייער גלויבען איז ריכטיג, וועהרענד פּעטער איז געווען א געגנער פון פּאָול'ן אונד וואָלט אזא זאך נים געקענט בעהויפּטען.

וועגען דעם 4טען עוואַנגעליום, וועלכער טראָגט דעם נאמען יאָהאַנעס, האבען מיר אויף איין אַנדער שטעללע בעוויזען, אז דיעזעס בוך איז פערפאַסט געוואָרען בערך 150 יאָהר שפּעטער. דאס עוואַנגעליום פאַנגט זיך אָן מיט דיא לעהרע פון „לאָגאָס," וועלכע איז פערברייטעט געוואָרען צו יענער צייט צווישען די כריסטליכע געמיינדעס פון קליינאַזיען, וועהרענד יאָהאַנעס אונד זיינע נאכפאָלגער האבען פון זעלכע אידעען קיין בעגריף נים געקענט האבען. דאס עוואַנגעליום איז פולל מיט א ברענענדיגע שנאה צו אידען מעהר ווי אַלע אַנדערע שריפטען פון נייעם טעסטאַמענט אונד געשריעבען האט דיעזע פאַלשע ווערק א היידען־כריסט, וועלכער איז קיין מאל נים געווען אין פּאַלעסטינא, וויא דאס איז צו זעהען פון דיא פעהלערען וועלכע דער שרייבער האט אין פיעלע ערטער געמאַכט. אויסערדעם געפינען זיך אין דעם נייעס טעסטאַמענט דריי בריעפע אויף דעם נאמען פון דעמזעלבען יאָהאַנעס, וועלכע זיינען אָהן א צווייפעל אויך געפעלשט.

שליעסליך געפינט זיך אין נייעם טעסטאַמענט א מין חזיון, א פאַנטאַזיע, אויף דעם נאמען פון יאָהאַנעס, וועלכע איז געשריעבען געוואָרען אין 70 יאָהר פון דיא כריסטליכע צייט־רעכנונג, דאן ווען דער צווייטער טעמפּעל איז חרוב געוואָרען דורך טיטוס'ן. דיא ביבעל־קריטיקער צווייפלען אויב יאָהאַנעס איז ווירקליך דער פערפאַסער פון דיעזע שריפט, אונד איבריגענס מאַכט עס גאַנץ ווייניג אויס ווער עס האט אויפגעשריעבען אזא מין שוואַטץ, וועלכער האט קיין היסטאָרישען ווערטה. יעדענפאַלס זעהט מען, אז דער פערפאַסער איז געווען איינער פון דיא אידען־כריסטען, וועלכער האט נאך דעם מוסטער פון דיא אַלטע אידישע פּראָפעטען. ווי צום ביישפּיעל יחזקאל אונד דניאל, צוזאַמענגעשטעללט אזא מין פאַנטאַסטישע נבואה, אין וועלכע ער שילדערט אָב וויא דער משיח וועט אין קורצען וויעדער ערשיינען. דיא טיראַנישע מאַכט, וועלכע איז פאָרגעשטעללט וויא א משונה'דיגע שרעקליכע חיה, וועט געבראָכען ווערען אונד ער וועט גרינדען א הערשאַפט פון הייליגע אין דער נייער שטאָדט ירושלים. דיעזער גלויבען אז יעזוס וועט באַלד צוריק קוממען פון הימעל, איז דאַמאָלס געווען שטאַרק פערברייטעט צווישען דיא נייא געגרינדעטע כריסטליכע געמיינדע:

דיעזע דרייא פאָרטשעהער פון די ערסטע נוצרים־געמיינדע אין פּאַלעסטינא האבען אַלזאָ אויך קיין שריפטליכע זאך נים איבער געלאָזען. אונצווייפעלהאַפטע

היסטארישע פאקטען איז פון זייא פונקט וויא פון יעזוס'ען ניט געבליעבען. אללעס וואס מען ווייס פון זייא ענטהאלט זיך אין דער אפאסטעל־געשיכטע, וועלכע איז אין דער טהאט א צווייטע טהייל פון דעם לוקאס־עוואנגעליום אונד געשריעבען פון דעמזעלבען פערפאסער, דאס הייסט אלזא מעהר וויא הונדערט יאהר נאך יעזוס'ען. דיעזע געשיכטע ענטהאלט אין זיך אויך ווילדע נסים, וועלכע האבען קיין ווערטה אז מען זאלל זייא וויעדערהאלען. וויא פיעל מען קען פון איהר ארויסנעהמען עטוואס ענליכעס אויף היסטאריע בעשטעהט דארין, אין א געוויסען טאג האבען זיך אירגענד אין א דאך־שטיבעלפון ירושלים פערזאמעלט די בעוואוסטע עלף תלמידים פון יעזוס'ן, צוזאמען מיט פרויען, מיט יעזוס'עס מוטער אונד זיינע ברידער. פעטרוס האט דארט אבגעהאלטען א רעדע אונד זייא האבען אויסגעוועהלט א 12טען צו זייער צאהל וואס רופען זיך אפאסטעלס. זייא האבען זיך דאן אין א געוויסען טאג שבועות ארגאנאזירט אונד אנגעפאנגען צו פראפאגאנדירען דעם גלויבען, אז יעזוס איז געווען דער ערוואַרטעטער משיח אונד עס איז זייא געלונגען צו בעקעהרען בערך 3000 מענשען צו דיעזען גלויבען. פעטרוס, וועלכער האט יעצט געשפיעלט דיא ראללע פון יעזוס'ען, האט אויך אזוי וויא ער בעהויפטעט, אז דיא געבאטען פון דער תורה מוזען פינקטליך ערפיללט ווערען אונד אז יעזוס דער משיח איז געקוממען נור פיר אידען. טראָטצדעם וואס ער איז ביי'ן לעבען פון זייא ניט עמפפאנגען געווארען זאללען זיי דענאך איהם יעצט אנערקענען אונד גלויבען אז ער איז פון טויט לעבענדיג געווארען, דען ער אונד זיינע חברים האבען דאס אלליין געזעהען אונד זיינען עדות דארויף.

פון דיעזע איינפאכע ערצעהלונג איז דייטליך צו זעהען אז דיא גאנצע מעשה מיט יעזוס'ען איז ענטוועדער א ליגען, אדער דיא זאך איז פארגעקוממען ניט אזויא וויא עס איז בעשריעבען אין דיא עוואנגעליומס. ווען יעזוס וואָללט ווירקליך געווען פעראורטהיילט פון א אידישען סנהדרין, אלס א פערברעכער געגען רעליגיאן, אונד פון דעם רוימישען גאווערנאר אלס רעוואלוציאנער; ווען מען וואללט איהם עפענטליך היגעריכטעט פיר זיינע פאלשע לעהרען אונד אויפרוהר געגען דיא רעגיערונג, וואללטען זיינע תלמידים אונד אנהענגער געוויס ניט געקענט ריזיקירען בלויז איינינע וואכען נאכדעם אויפצוטרעטען אין דיזעלבע ירושלים, עפענטליך צו פרעדיגען אין זיין נאמען אונד צו בעקעהרען פיעלע מענשען צו זייער נייעם גלויבען. אונד אויב זיי זאָללען עס דענאך האבען געטהון וואללט מען געוויס מיט זיי פיעל צערעמאניעס ניט געמאכט אונד פעראורטהיילט אלס פאליטישע אניטאטארס, וואס זיינען שעדליך פיר דעם פריעדען פון לאנד. עס איז אלזא פיעל וואהרשיינליכער אנצונעהמען, אז אין ירושלים האט מען פון קיין יעזוס'ען גאר ניט געוואוסט, נור אז אין גליל

איז אירגענד וואו געוועזן אזא מין שווערמער אונד אז אייניגע פון זיינע אנהענגער האבען זיך נאכהער צוזאמענגעקליבען אין ירושלים אונד אנגעפאנגען צו פרעדיגען זיניע לעהרען, אונד דערצעהלען דאבייא פערשיעדענע נסים, וויא דאס פלעגט געוועהנליך פארקוממען אין יענע צייטען בייא אזעלכע צופאללען.

דיעזע ערסטע אידישע נוצרים־געמיינדע אין ירושלים האט געלעבט אין א מין קאמוניזמוס. דיא אפאסטעל־געשיכטע ערצעהלט, אז יעדער האט פערקויפט זיין גאנצעס אייגענטהום מיט אללעס וואס האט צו אוהם געהערט אונד אוועקגע־לעגט דאס געלד צו דיא פיסס פון דיא אפאסטעלס, אום אללע מיטגליעדער זאלען קענען זיך בענוטצען דאמיט אין גלייכע טהיילען. וואהרשיינליך איז דיעזער קאמו־ניזם איבערגענומען געווארען פון דיא עססענער, פון וועלכע פיעלע האבען אחן א צווייפעל זיך באלד אנגעשלאססען צו דיעזע געמיינדע. זייערע מיטגליעדער האבען מיט קיין איינטרעגליכע פראפעסיאן זיך ניט בעשעפטיגט, וועניגסטענס געפינט מען ווע־גען דעם אין דער געשיכטע קיין עראינערונג, דאגעגען איז קלאר געזאגט אז זיי האבען געלעבט אין ארמוטה, פון נדבות, וועלכע מען האט צוזאממען־געקליבען פון פערשיעדענע סימפאטהיזירער.

וויא שטרענג דיעזע קאמוניסטישע פרינציפען זיינען געהאלטען געווארען איז צו זעהען פון דיא געשיכטע, וויא פעטרוס האט אומגעבראכט א געוויססען הנניה אונד זיין פרוי, דאריבער וואס זיי האבען א טהייל פון זייער געלד בעהאלטען פיר זיך. דיא אפאסטעל־געשיכטע וויא געוועהליך ערצעהלט דאביי נסים, אז פעטרוס האט דיעזע „זינדער" געטויט מיט זיינע בליקען, אבער עס איז קיין צווייפעל ניט אז ער האט דאביי צוגעלעגט דיא הענד אויך. ווען אירגענד וועלכע אנפיהרער פון א קאמוניסטישע געמיינדע און אונזערע צייטען זאלען טהון אזא זאך, וואלטען אונזע־רע פרוממע כריסטליכע רעגיערער זיי פעראורטהיילט אלס מערדער, אבער פעטרוס ווערט פאר דעם זעלבען מארד בעטראכט אלס הייליגער אונד קוקענדיג אויף איהם האבען אללע קירכליכע פארשטעהער ביז היינטיגען טאג זיך גענוממען דאס רעכט צו רייסען געלד פון לעבענדיגע אונד פון טויטע, מיט אללע ערלויבטע אונד אונ־ערלויבטע מיטלען.

דיא ערסטע צייטען האבען דיא אידישע רעגיערער פון ירושלים גאנץ ווענינ אויפמערקזאם געשאנקען צו דיעזע נייע סעקטע, וועלכע האט דאך אבגעהיט אללע דינים פון דרר תורה אונד דארום האט מען זיי בעזאנדערס אין קייז זאך ניט געקענט בעשולדיגען. זייער בעזאנדערער לעבענס־ארט האט אויך איבריגענס ניט

געקענט אויפפאללען, דען דיא עסענער וואס האבען זיך אויך אזויא אויפגעפיהרט האבען דאך שוין עקסיסטירט מיט לאנגע צייטען פריעהער, ניט נור אין זייער הויפט־זיטץ, אין דעם מדבר, זאנדערן אויך אין פערשיעדענע שטעדט. שליעסליך אבער, ווען דער אויפרוהר פון זייער פראפאגאנדא איז געווארען מעהר בעוואוסט, האט זיך ארויסגעוויזען אז זייא פרעדיגען אזעלכע זאכען וואס זיינען געגען דיא טראדיציאנען אונד ערווארטונגען פון אידישען פאלק. אז משיח איז שוין געקוממען, וועלכער איז געבארען געווארען פון א הייליגען גייסט, מען זאלל זיך טויפען (טובל זיין) אין זיין נאמען, גלויבען אין איהם אז ער וועט באלד ווידער ערשיינען אונד דאן איז מען שוין א פערטיגער בן עולם הבא.

דיא אידישע רעגיערענד'ע פארטייען פון יענע צייטען האבען אזא פראפאגאנדא ניט געקענט צולאזען. דיא פרושים האבען איינגעזעהען אז אזעלכע עפענטליכע ער־קלערונגען זיינען במעט אזויא וויא רעליגיאנס־לעסטערונג. דיא צדוקים וועלכע זיינען געוועזען געגען דיא אידעע פון תחית המתים האבען אויך געוואללט אונטערדריקען דיעזע סעקטע וואס איהר הויפט־פרינציפ, דער עיקר פון איהר פראפאגאנדא איז געגרינדעט אויף דיעזע אידעע: אונד ביידע צוזאמען, דיא פרושים מיט דיא צדוקים, האבען ניט געקענט צולאזען אז דורך דיא פרעדיגטען פון דיעזע נוצרים זאלל ווערען אין שטאדט איין איבריגער אויפרוהר, דען דאס וואללט זעהר פיעל געשאדעט דעם אידיישען פאלק. וועלכער איז שוין דאמאלס געשטאנען אונטער דיא רעגיערונג פון דיא רוימישע בעאמטע. דיעזע טיראנען האבען נור געזוכט אזא צופאלל, אום זייא זאללען האבען איין אויסרייד דיא אידען נאך מעהר צו רויבען אונד אונטערדריקען.

דיא אנפיהרער פון די נייע סעקטע זיינען אלזא גערופען געווארען אין סנהדרין אונד דארט איז אבגעהאלטען געווארען א בעראטהונג וואס מען זאלל מיט זייא טהון. דער שרייבער פון דיא אפאסטעל־געשיכטע ערצעהלט דכבייא פאלגענדען קוריאזען פאקט: אז דיא מיטגליעדער פון סנהדרין האבען זיך באלד איבערציינגט, אז זייא האבען דא צוטהון מיט גראבע יונגען (הדיוטים), וועלכע קענען זאגאר ניט לעזען א ספר*.) מען האט מן הסתם גערעבענט, אז דיעזע אונוויסענדע פישער פון

---

*) אין דיזעלבע אפאסטעל־געשיכטע איז ערצעהלט אז מיט איניגע טעג פריע־העד האט זייא דער הייליגער גייסט אויסגעלערענט אללע לשונות, וויא קוממט עס אלזא אז זיינען דענאך געבליעבען אזויא אונוויסענד אונד האבען זאגאר קיין אידיש ניט געקענט?

גליל, וועלכע פיהרען זאָגאר א לעבערליכע שפּראך, קענען יעדענפאללס אין דער גע־בילדעטער אידישער רעזידענץ קיין שום איינפלוס ניט האבען אונד מען האט זיך בעגניגענט דאמיט זייא אנצוזאָגען, אז זייא זאָללען זיך ניט אונטערשטעהען וויטער צו פּרעדיגען. נאך א געוויסע צייט זיינען זייא ווידער אררעטירט געוואָרען אונטער דיזעלבע בעשולדיגונג אונד עס האט געהאלטען דאביי מען זאָל זיי שווער בעשטראָפען אבער שליסעליך האט מען זיי דענאך ווידער בעפרייט וויל איינער פון די פּרושים, מיט'ן נאמען גמליאל, א רעליגיאָנס־לערער, וועלכער וואר זעהר געאכטעט ביי'ן פאָלק, האט זייא, דיא בעשולדיגטע, פערטהיידיגט אונד דיא סנהדרין האבען זיין ראטה געפאָלגט.

דיא אפּאָסטעל־געשיכטע ערינערט דאָ אָהן א צווייפעל דעם נאמען פון רבן גמליאל בן שמעון, בן הילל הזקן, וועלכער איז צו יענער צייט געווען דער פּרעזידענט פון סנהדרין. דיא פערטהיידיגונג וועלכע ווערט דאָ ערצעלט איז זעהר וואהרשיינ־ליך, דען רבן גמליאל איז בעריהמט אין דער געשיכטע אלס עדעלער, ליבעראלער מאן, ער האט זאָגאר מתקן געווען, אז דיא ארמע פון היידען זאָללען אונטערשטיצט ווערען צוגלייך מיט דיא אידישע, דארום איז קיין וואונדער ניט אז ער האט געזוכט מען זאָל דיעזע אידישע סעקטאנטען ניט שטארק פערפאָלגען. אבער דיא כריסט־ליכע שרייבער קענען וויא עס ווייזט אויס זיך ניט בעגעהען אָהן נאַרדישע שקרים אונד אויך בייא דיעזען פאלל פּלוידערען זייא וואס עס איז ניט געשטויגען, ניט גע־פלויגען. „רבן גמליאל" ערצעהלט די אפּאָסטעל־געשיכטע, האט זיך געווענדעט צו זיינע קאָללעגען מיט פאָלגענדע ווערטער: „איהר מענער פון ישראל, נעהמט אייך אין אכט, ווען איהר וויללט עטוואס טהון דיעזע מענשען, דען פריעהר אלס אין דיעזע צייטען איז אויפגעשטאנען טהעאודאס, וועלכער האט זיך ארויסגעגעבען אז ער איז עטוואס, אונד אונגעפעהר 400 מאן, האבען זיך צו איהם אנגעשלאָסען; ער איז געהרג'עט געוואָרען אונד אללע זיינע נאכפאָלגער זיינען צו־זייט אונד צושפּרייט. נאך איהם איז אויפגעשטאנען יהודה הגלילי, אין דיא טעג פון דיא שאטצונג, וועלכער האט פערפיהרט מאססען פון פאָלק; ער איז אויך געפאללען אונד אללע וואס האבען זיך צו איהם אנגעשלאָסען זיינען אויך צושפּרייט געוואָרען. דארום זאָג איך אייך, לאזט אב דיעזע מענשען אונד זאָללען זייא געהען, דען אויב זייער טהאט איז פון מענשען וועט עס ממילא אונטערגעהען, איז דאס אבער פון גאָט, דאן קענט איהר דאס ניט אבהאלטען, זאָנסט וועט אויסקומען אז איהר פיהרט א שטרייט געגען גאָט."

דער כריסטליכער שרייבער האט דא געוואָללט בעווייזען אז זאָגאר אין יענע צייטען האט א גרויסער אידישער געלעהרטער האלב מודה געווען אז זו ער פראָפאַ־גאנדא איז א געטליכע. דאבייא האט דיעזער פערפאסער געוואָללט בעווייזען זיינע קענטניס אין דער געשיכטע אונד ער איז מיאוס דורכגעפאללען. דער אויפשטאנד פון דעם פאלשען משיח טהעאודאס, וויא בעוואוסט, האט אויסגעבראָכען וועהרענד די צייט ווען קוספיוס פאדוס איז געווען דער גאָוועגנער פון פאלעסטינא, דאס הייסט מיט אונגעפעהר 10 יאָהר שפעטערי אלזאָ האט דאך רבן גמליאל ניט געקענט רעדען וועגען דעם אלס א זאך וואס איז שוין פריעהער פאָרגעקוממען.דאגעגען איז יהודה הגלילי אויפגעטרעטען אין קאמפף געגען די רוימער, א קורצע צייט נאך דעם טויט פון קעניג הורדוס דעם 1טען, אלזאָ מעהר וויא דרייסיג יאָר פריעהער פון דיזע צייט. וויא איז עס אלזאָ מעגליך רבן גמליאל זאָל זאגען אז יהודה׳ס אויפשטאנד איז פאָר־געקומען נאך טהעאודאס ? דאס אליין בעווייזט אז די אפאָסטעל־געשיכטע איז ניט געשריעבען פון לוקאס׳ען, וויא זייא גיעבעז אָן, דען ער האט דאך געלעבט אין יענע צייטען. אונד דארום האט ער דאך געמוזט וויסען דיא בעגעבענהייטען וואס האבען דאן פאסירט. פלוידערען אזעלכע זאכען האט געקענט נור אירגענד איין אונוויסענדער פערפאסער פון דיא פיעל שפע־טערע צייטען.

די ערסטע אידען וואס זיינען בעקערט געוואָרען צו גלויבען אין יעזוס׳ן זיינען געווען ענטוועדער אזעלכע וואס זיינען צוזאמען געקוממען פון פערשיעדענע פאלעסטינישע געגענדען, איבערהויפט פון גליל, אדער דיא זאָגענאנטע גריכישע אידען, וועלכע זיינען געבאָרען אונד ערצויגען געוואָרען אויסער פאלעסטינא אונד האבען אויך גערעדט די גריעכישע שפראך. דיעזע לעצטע זיינען אָהן א צווייפעל געווען דיא מטהרצאָהל, דאס בעווייזט דיא געשיכטע וועגען דעם שטרייט וואס איז פאָרגעקוממען צווישען דיא פאלעסטינישע אונד דיא גריכישע אידען, וועלכע האבען זיך בעקלאָגט אז מען גיעבט ניט גענוג אונטערשטיטצונג פיר זייערע ארמע אונד אלמנות, דיא אפאָסטעל האבען דארויף בעשלאָסען מען זאָלל אויסוועהלען זיעבען אויפזעהער אדער פערוואל־טער (דעקאנען), וועלכע זאָללען זיך בעשעפטיגען מיט דיא מאטעריעללע אנ־געלעגענהייטען פון דער געמיינדע, אונד אויסגעוועהלט זיינען דיעזע פאָרשטעהער געוואָרען פון דער גריעכישער פארטייא, אזויא וועניגסטענס בעווייזען זייערע נעמען, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין דער אפאָסטעל־געשיכטע: איינער פון זייא מיט דעם נאמען ניקאלאוס איז זאָגאר געווען א גר, אלזאָ א חיידע, פון אנטיאָכען. דיא פאָרשטעהער האבען אויף דיעזע אויסגעקליעבענע זיעבען פערוואלטער

ארויפגעלעגט זייערע הענד אונד דאמיט זיינען זייא איינגעזעצט געווארען אין זייערע נייע עמטער.

דיא ערסטע נוצרים־געמיינדע אין ירושלים איז אויף דיעזען אופן איינגעאָר־דענט געוואָרען אלס א קאָמוניסטישע, אבער ניט אין דעם זינן וויא מען פערשטע־העט עס געוועהנליך אין אונזערע צייטען. זייא זיינען ניט געווען אַ גרופּפּע מענשען וועלכע האבען זיך פעראייניגט אום צוזאממען זיך צו בעשעפטיגען מיט ניצליכע אר־בייט, פיר דעם וואהל אונד בעסטען פון יעדען מיטגליד בעזונדער אונד דיא גאנצע געמיינדע אין אלגעמיין. דיא כריסטליכע היסטאָריקער פון אונזערע צייטען זוכען צו בעווייזען, אז די ערסטע נוצרים־געמיינדע אין ירושלים זיינען נימ געווען קאָמוניסטען, דאס הייסט, אז די פּריוואט־איינענטהימער פון יעדען מיטגליעד האט ניט געהערט צו דיא גאנצע געמיינדע, וויא דאס איז געווען איינגעפיהרט ביי דיא אידישע־עסענישע סעקטע אונד וויא דאס עקסיסטירט נאך אין אונזערע צייטען בייא דיא יעצטיגע קאָמוניסטישע געזעללשאפטען. בייא יענע נוצרים, זאָגען זייא, האט יעדער געקענט האבען זיין בעזונדערען אייגענטהום, נור עס וואר געגרינדעט איין אלגעמיינער פאָנד, א מין קופּה של צדקה, צו וועלכע די רייכע האבען בייגעטראָגען נדבות, אום דאמיט מפרנס צו זיין די אָרמע פון זייער געמיינדע.

דיעזע פרומע כריסטליכע געלעהרטע, וויא צום ביישפּיעל מיללמאן, מאָשהיים אונד אַנדערע, קענען זיך ניט צופריעדען שטעללען מיט דעם געדאנקען, אז יענע ערסטע נוצרים, דיא גרינדער פון כריסטענטהום, זיינען געווען איינפאכע קאמוניסטען אָדער אז זייא האבען געפיהרט אזא לעבען וויא דיא עסענער. דאס וואָללט דאך אלזאָ בעווייזען דיא ריכטיגע, נאטירליכע ענטוויקלונג, אז דאס כריסטענטהום שטאמט ארוים פון דיא אידישע עסענישע סעקטע, צו וועלכע יעזוס אלליין האט אויך געהערט, אונד דאן וואָללט מען דאך מעהר ניט געקענט רעדען וועגען איבערנאטירליכע, פאנ־טאסטישע נסים, וועגען יעזוס' עס געטליכקייט, וועגען דעם הייליגען גייסט אונד נאך אזעלכע פוסטע לעגענדעס. דארום מוזעו זייא האבען אזעלכע בויך כבריות, אז דיא נוצרים־געמיינדע איז געווען א נייעס, וועלכע איז גיגרינדעט געוואָרען פון גאָט אלליין.

וויא פאלש דיעזע אנזיכטען זיינען זעהט מען פון זייער איינענעם נייעם טעס־טאמענט (אפּאָסטעל־געשיכטע 4־32) וואו עס איז דייטליך געזאגט, קיינער פון די גלויביגע האט ניט נעהאט איין אייגענטהום פיר זיך אלליין זאָנדערן וואס איינער האט נעהאט האט געהערט צו אללעמען. אויסערדעם זעהט מען פון דער געשיכטע, וויא פעטרוס האט ערמאָרדעט א געוויסען חנניה אונד זיין פרויא, דאפיר וואס זיי

האבען געוואָללט בעהאַלטען פאר זיך נור איין טהייל פון זייער אייגענטהום, פון װעלכע זויא האבען שוין דאס געעסטע טהייל געהאט אָבגעגעבען פאר דיא געמיינדע. אויב עס וואָלט ווירקליך געווען אמת וואס זייא זאָגען, אז יעדער פון די מיטגליע־דער האט געמעגט האבען א בעזונדערע פערמעגען טאָ פארוואָס האט געקוממט חנניה מיט זיין פרויא צו ערמאָרדען? ווייטער בעווייזט דער לעבענס־ארט, ווי עס איז בעשריעבען פון יענע נוצרים. אז זייא האבען זיך אין יעדער הינזיכט געפיהרט פאָללקאָמען וויא דיא עסענער, אונד אין דער טהאט האט דיעזע אידישע סעקטע נור געענדערט דעם נאמען, פון עסענער זיינען זייא געוואָרען נוצרים.

דער אייציגער אונטערשיעד צווישען זיי איז בעשטאנען אין דעם אז וועהרענד דיא עסענער האבען זיך בעשעפטיגט מיט ניטצליכע ארבייט אונד יעדער האט אויף זיין טהייל פערדינט מיט דיא ווערק פון זיינע הענד, זיינען דיא מיטגליעדער פון די נוצרים געווען פוסטע לעדיג־געהער אונד אומזיסטע עסער. זייער גאנצע בעשעפטי־גונג איז בעשטאנינען אין דעם אנטהייל צו נעהמען אין דיא אַללגעמיינע מאָהלציי־טען אונד צו פאנטאזירען אין ערצעלונגען וועגען יעזוס'עס נסים אונד אין תפילות צו איהם, אז ער זאָלל ווידער ערשיינען אונד גרינדען א היממעלרייך פון צדיקים.

אין פערלויף פון דיא ערסטע אייניגע יאָהר האבען דיא עשענישע נוצרים נור פראָפּאגאנדירט אין דיא אומגעגענדען פון ירושלים אונד אנדערע ערטער פון פאַ־לעסטינא אונד דער צאָהל פון זייער אנהענגער פערגרעסערט געוואָרען פון דיא ני־דריגע קלאססע אידען, דיא עמי הארצים, דיא לאַנד־בעוואָהנער, וועלכע האבען געהאט א קליינעם בעגריף פון דיא אידישע לעהרען, ווייל דיא פרושים, דיא לעה־רער פון יודענטהום, האבען דיעזע קלאַסע צופיעל פערנאַכלעסיגט אונד זאָגאר פער־אַכטעט; דארום איז עס גאנץ לייכט געווען אַזעלכע אונוויסענדע מענשען אנצורע־דען פערשיעדענע לעגענדעס אונד איינצו־האָרצלען אין זייא דעם גלויבען אז יעזוס איז געוועז א משיח, געזאנדעט פון גאָט. מיט דער צייט, ווען דיא געמיינדע איז אויף דיעזען אופן פערגרעסערט געוואָרען, האט זיך דיא פראָפּאגאנדא ווייטער פער־ברייטעט, אבער דאס וואָללטען ניט געקענט אויפטהון דיא זאָגענאנטע אפּאָסטעלס, די תלמידים פון יעזוס'ן. וועלכע זיינען געווען איינפאכע פישער, אונגעלערענט אונד אונפעהיג, אירגענד וועלכע רעליגיעזע פאָרטרעגע צו האלטען. אזא מין פראָפּאגאַ־דא, צו בעקעהרען וואס מעהר אנהענגער צו דעם גלויבען אין יעזוס'ען האבען איבער־הויפּט געפיה־ט די גריעכיש־שפּרעכענדע אידען, וואס האבען זיך שוין געהאט אנגע־

שלאָסען צו די נוצרים־סעקטע. נאך ירושלים פלעגען ביי יעדען פון די דריי גרויסע זעהרליכע ימים טובים צוזאממען פאָהרען אידען פון פערשיעדענע גריעכישע לענדער, אונד צווישען ד'יעזע רייזענדע זיינען געווען מאסען ארומטרייבער, בעטלער, אָהן א היימאטה אונד אָהן אירגענד וועלכע בעשעפטיגונג. פון דיעזען עלעמענט האט דיא נוצרים־געמיידע בעקוממען מאססען נייע אנהענגער. דיא ארמע לעדיג־געהער האַבען נאטירליך מיט פערגעניגען זיך אנגעשלאָסען צו אזא סעקטע, בייא וועלכע זייא האבען נים געדארפט ארבייטען אונד געקראָגען אומזיסט אללעס וואס זייא ברויכען צום לעבען, אונד אין אללגעמיין האבען דיא גריעכישע אידען געהאט א גאנץ קליינעם בעגריף פון דיא אידישע רעליגיעזע געזעטצען. צייט לאנגע דורות האבען זייא געלעבט צווישען היידען אונד זאָגאר דיא געלערענטע פון ד'יעזע אויסלענדישע אידען זיינען געווען מעהר בעקאנט מיט דיא גריעכישע־היידנישע לעהרען אלס מיט דיא אידישע. דארום איז עס געווען גאנץ לייכט זייא צו בעקעהרען צו דעם נייעם גלויבען אין איין איבערנאטירליכען משיח, וואס איז געבאָרען געוואָרען פון הייליגען גייסט, ווייל דאס האט זיך זעהר גוט אנגעפאסט צו דיא היידנישע אנזיכטען, וועלכע זייא האבען זיך פריעהער אנגעהערט. פיעלע פון ד'יעזע נייע נוצרים, נאכדעם וויא זייא האבען זיך אנגעשלאָסען צו זייער געמיינדע, זיינען אליין געוואָרען פרעדיגער אונד מיססיאָנערען; זייא האבען דאן אנגעווענדעט זייער גאנצע רעדענס־קראפט אום זייערע לאנדס־לייטע, די אנדערע גריעכישע אידען, צו בעקעהרען צו דעם נייעם גלויבען.

דיא פאלעסטינישע אידען, פון וועלכע דיא נוצרים־סעקטע איז אין אנפאנג בעשטאנען, זיינען, יעצט כמעט וויא פערשוואונדען אין דיא מאססען גריעכישע אידען אונד דאמיט איז אויך זייער געמיינדע געוואָרען א גאנץ אנדערע. די ערסטע נוצרים האבען פינקטליך ערפיללט אללע רעליגיעזע געזעטצען אונד דאצו זיינען זיי געווען גאנץ ווענינ אין צאָהל, דארום זיינען דיא אידישע פאָרשטעהער אין ירושלים כמעט וויא גאר נים אויפמערקזאם געוואָרען, אונד יעדנפאלס האבען זייא נים געפונען פאר נויטהיג איבריגענס געגען זייא אויפצוטרעטען; אבער דיא גרעכישע נוצרים, ענטוועדער אוים אוניויסענהייט אדער אויף להכעיס, האבען אנגעפאנגען צו פרעדיגען געגען תורת משה אונד צוטהון עפענטליך אזעלכע זאכען וואס זיינען געגען די אידישע רעליגיאָן. אין אזא הייליגע שטאָדט וויא ירושלים האט דאס נאטירליך געמוזט מאכען א געוואלטיגען אויפרוהר, מען האט אנגעפאנגען צו בעטראכטען די נוצרים אלס א געפעהרליכע סעקטע אונד דיעניגע וואס האבען זיך געשטעללט עפענטליך פרעדיגען זייערע היידנישע יעזוס לעגענענדעס האט דאס פאלק פערדאמט

אלס גאָטעס־לעסטערער. דענאך האבען נים אללע פערשטאנען זייער שפראכע, דען זייא האבען געוועהנליך גערעדט גריעכיש. פון דיא וועניגע וועלכע האבען יא פערשטאנען זייער פרעדיגטען איז געוועזען איינער שאול, פון דער גריעכישער שטאָדט טארסוס, א תלמיד פון דיא פרושים, אונד אלס א גרויסער פאנאטיקער האט ער געברענט מיט א פייערדיגען צאָרן געגען דיא גאָטלאָזע נוצרים־פרעדיגער. אזא גריכישער אגיטאטאָר איז געוועזען א געוויסער סטעפאנוס, איינער פון דיא זיבען, וועלבע דיא אפאָסטאָלען האבען אויסגעקליבען אלס פערוואלטער פון די נוצרים־געמיינדע. סטעפאנוס איז געוועזען א וואהרער משומד להכעים אונד א גרויסער עזות פנים. אין זיינע עפענטליכע רעדען פלעגט ער לעסטערען די אידישע רעליגיאָן אונד דעם טעמפעל. שאול האט דארויף אויפמערקזאם געמאכט דיא בעפעלקערונג אונד אלס סטעפאנוס האט ווידער זיך געשטעללט פרעדיגען זיינען זיי איהם בעפאללען אונד ארויסגעשלעפט הינטער'ן שטאָדט, וואו זייא האבען איהם פערוואָרפען מיט שטיינער, ביז ער איז געפאללען טויט.

דיא אפאָסטעל־געשיכטע, וויא געוועהנליך, ערצעהלט וועגען דיעזען צופאלל נסים מיט שקרים. יענע כריסטליבע שרייבער האבען נור געזוכט בייא יעדע געלעגענהייט צו בעשולדיגען די אידישע פאָרשטעהער אין פערפאָלגונגען געגען די ערסטע נוצרים. אויך דא הייסט עס בייא זייא, אז סטעפאנוס איז געבראכט געוואָרען פאר דיא סנהדרין, וואו ער האט אבגעהאלטען א לאנגע רעדע אונד זייא שטארק געמוסר'ט, פארוואס זייא האבען ערמאָרדעט יעזוס'ען. דאן האט ער מיט איינמאָל, אונטער דעם איינפלוס פון היילינגען גייסט, אויסגערופען: איך זעהע וויא די הימלען האבען זיך געעפענט אונד דער מענשען זוהן (יעזוס) שטעהט בייא דיא רעבטע זייט פון גאָט. דאצו, זאָגען זייא, האט מען אויסגעשטעללט געגען איהם פאלשע עדות אז זיי האבען געהערט וויא ער האט געלעסטערט דיא אידישע רעליגיאָן. אָט דאס הייסט כריסטיבע לאָגיק! זייא אליין זאָגען, אז סטעפאנוס האט גערעדט אזעלבע ווערטער וואס זיינען ווירקליך געגען דיא אידישע רעליגיאָן אונד דענאך זיינען דיא עדות געוועזען פאלש. איבריגענס איז אין דער אפאָסטעל־געשיכטע נים ערקלערט אויב דיא סנהדרין האבען איהם פערמשפט צום טויט אונד נאך דיא אומשטענדע פון יענע צייטען איז דאס אויך זעהר אונוואהרשיינליך. עס איז אלזאָ זיכער אנצונעהמען אז דאס אויפגערעגטע פאָלק האט זיך אליין מיט איהם אבגערעכענט.

דיזער צופאלל מיט סטעפאנוס האט אבער געבראכט צו וויכטיגע בעגעבענהייט. אין ירושלים, האט מען פון דאן אָן מעהר שטרענג אנגעפאנגען צו פערפאָל־

גען דיא נוצרים. פיעלע פון זייא האט מען אריינגעזעצט אין דיא געפענגניסע אונד דער ווער עס איז געפונען געוואָרען שולדיג אין פרעדיגען אז יעזוס איז געוועזן א משיה אדער אין אירגענד וועלכע האנדלונג געגען די געבאָטען פון דיא אידישע רעליגיאָן האט מען איהם געשלאָגען מלקות. צום טויט וואר דענאך קיינער פון זיי ניט פעראורטהיילט, דאס זאָגען זאָגאר די כריסטליכע העטצע־שרייבער אויך ניט; אבער דיעזע פעַרפאָלגונגען זיינען געווען גענוג אום ארויף צו יאָגען א שרעק אויף די אידי־שע גריכישע נוצרים, וועלכע זיינען אנטלאָפען פון ירושלים אונד האבען זיך פער־ברייטעט אין פערשיעדענע שטעדט, וואו זייא האבען צווישען דיא דאָרטיגע אידען פאָרטגעזעצט זייער פראָפאגאנדא. אין ירושלים זיינען נור געבליעבען דיא איינגע־באָרענע פאלעסטינישע נוצרים, אדער אזעלכע וואס האבען ריכטיג ערפיללט דיא געזעטצען פון דיא אידישע רעליגיאָן. זייא אונד זייערע אנפיהרער, דיא אפאָסטעלס שמעון פעטער, יעקב, יעזוס'עס ברודער אונד יוחנן (יאהאנעס) האט אויך ביז דיא שפעטערע צייטען קיינער ניט פערפאָלגט.

דיא נוצרים וואס זיינען ארויסגעטריעבען געוואָרען פון ירושלים האבען אונ־טערדעסען אין פערשידענע שטעדט געארבייט, אום צו בעקעהרען דיא דאָרטיגע גריעכיש שפרעכנדע אידען צו דעם גלויבען אין יעזוס'ען. דיעזע מיסיאָנערען זיינען גרעסטענטהיילס געווען היימאטהלאָזע ארומטרייבער אונד אין זייער קרייז האבען זייא ליכט געפונען פיעלע אזעלכע וואס האבען זיך אנגעכאפט מיט גרויס צופריע־דענהייט אָן אזא אידעע, צו גרינדען א רעליגיעזע קאָמוניסטישע סעקטע, וועלכע וועט זייא געבען מיטלען צו לעבען א גוטען טאָג אָהן זאָרג. דיא הויפט־פראָפאגאנדא איז געפיהרט געוואָרען אין דיא שטעדט אנטיאָך אונד דמשק, וואו דיא דאָרטיגע גריעכישע אידען זיינען געווען אבערגלויביש, אונוויסענד אונד דארום איז זייא געווען גאַנץ לייכט איינצוריידען, אז דיא צייט איז שוין געקוממען ווען אויף דער וועלט זאָל נעגרינדעט ווערען א הימעלרייך, אין וועלכע עס וועללען זוכה זיין אנטהייל צו נעהמען דיעניגע וואס טויפען זיך אונד גלויבען אז יעזוס איז געוועזן דער משיח, וועלכער איז שוין איינמאל ערשיענען, האט געליטען דעם טויט פאר דיא זינדיגע מענשהייט אונד באלד וועט ער ווידער קוממען.

אין דיעזע צוויא שטעדט, אנטיאָך אונד דמשק זייזען גאָר אין א קורצע צייט נעגרינדעט געוואָרען צאָהלרייכע נוצרים־געמיינדעס, וועלכע האבען זיך אויך אויפ־געפיהרט וויא דיא נוצרים אין ירושלים. אויסערליך איז גאָר ניט מעגליך געווען זיי צו אונטערשיידען פון אידען, זייא האבען אויך פינקטליך ערפיללט אַללע געבאָטען

פון דער תורה, אבער צו גלייכער צייט זיינען בייא זייא איינגעפיהרט געוואָרען נייע צערעמאָניעס, פון וועלכע עס איז געווען דייטליך צו זעהען אז פריעזער אדער שפּעטער וועט פון זייא ארויסקוממען נאָר א נייע, בעזונדערע אמונה. דיא מאָהל צייטען פלעגען זייא געניעסען צוזאמען, גראדע וויא דיא עסענער, אבער דאבייא האבען זייא געטרונקען וויין נאך דער רייהע פון איין בעכער אונד דאס ברויט געגעסען צו דיא אנדענקונג וויא יעזוס האט עס געטהאן אין זיינע לעצטע שטונדען. נאך דעם עסען האבען אללע, אהן אונטערשיעד פרויען אדער מענער, איינע דיא אנדערע געגעבען דעם פריעדענס־קוסס. דאן האט מען גענוממען זינגען פערשיעדענע געבעטען מיט אזא ברענענע התלהבות אז פיעלע זיינען געקוממען אין א מין ענטציקונג אונד אנגעפאנגען צו פלוידערען מיט אונפערשטענדליכע ווערטער, אונד דאס האט געהייסען אז זייא זאָגען נביאות דורך דעם איינפלוס פון היילינגען גייסט. עס איז דענאך גאָר קיין ספק ניט, אז דיעזע אוננאטירליכע בעגייסטערונג, דיעזע ווילדע משוגעת׳ען וואָללטען לאנג ניט געקענט אנהאלטען אונד מיט דער צייט וואָללט דיא סעקטע אויפגעלעזט געוואָרען. דאס כריסטענטהום וואָללט געוויס געשטאָרבען, נאך איידער עס איז געבאָרען געוואָרען אונד דיא נאכקוממענדע וועלט וואָללט פיללייכט נאָר ניט געוואוסט אז אזא בעוועגונג האט אירגענד ווען עקסיסטירט! אבער גראדע צו דיעזער צייט איז ערשיענען א מאן וועלכער האט אנגעפאנגען א גאנץ נייע פּראָפּאגאנדא, אין דעם נאמען פון יעזוס׳ען, איבערהויט צווישען דיא היידען, אונד פון די קליינע אידישע נוצרים־סעקטע איז געווארען א כריסטליכע וועלט־רעליגיאָן.

דיעזער מאן איז געווען שאול, אדער וויא ער האט זיך גערופען פּאָול, פון דער גריעכישער שטאָדט טארסוס, אין דער פּראָווינץ סיליסיא, וואו עס איז געווען א הייך־שולע פון געבילדעטע גריעכען אונד דארום בעריהמען זיך דיא כרוסטען אז פּאָול, זייער צווייטער יעזוס, איז אויך געווען א געלעהרטער מאן; אבער אז דאס איז א ליגען זעהט מען פון זיינע אייגענע ווערטער אין דעם ברועף צו דיא גאלאטיער (11,6) אין וועלכען ער דריקט זיך אוים וויא שווער עס איז איהם געווען אָנצושרייבען אזא גרויסען בריעף. אין אללגעמיין געפינט מען, אז ער האט מיט א ברענענדיגען פאנאטישען האסס פערדאממט דיא וויסענשאפט מיט אזעלכע אוםדריקע וואס נור א גראָבער יונג וואס האט קיין בעגריף ניט פון בילדינג קען רעדען אויסערדעם וויים מען, אז ער האט שטענדיג מיט זיך געפיהרט א שרייבער, א מין סעקרעטער, וואס זאָלל איהם פערפאסען זיינע בריעף, אונד דאס איז א געניגענדער בעווייז אז דיעזער ערסטער אידישער משומד אונד גרויסער כריסטליכער

לעהרער איז געוועזן אזויא ווייט אונגעבילדעט אז ער האט אפילו ניט געקענט שרייבען.

ווען דיעזער שאול אדער פּאָול איז געבאָרען געוואָרען ווייס מען ניט אונד אויך איז ניט ריכטיג בעקאַנט צו וועלכע צייט ער איז געקוממען פון טאַרסוס נאך ירושלים, יעדענפאַללס איז דאס געוועזן נאך יעזוס'עס טויט, וועלכען ער האט קיין מאָל אין די אויגען ניט געזעהען. די בעהויפּטונג פון די כריסטען אז ער איז געוועזן א תלמיד פון רבן גמליאל הזקן איז היסטאָריש ניט בעוויעזען. דעם ערסטען מאָל הערט מען פון איהם אַלס הויפּט־אנפיהרער פון המון, וואס האט געטויטעט דעם פרעכען גאָטעס־לעסטערער סטעפאַנוס. ווען דיעזע בעגעבענהייט איז פאָרגעקוממען איז אויך ריכטיג ניט בעוואוסט; אייניגע רעכנען אז דאס האט פּאַסירט א יאָהר נאך יעזוס'עס טויט אונד אנדערע מיינען אז פריעהער וויא פיער יאָהר נאכדעם האט אזא געשיכטע ניט געקענט טרעפען. שאול איז נאך דאן געוועזן א יונגער מענש, א פערברענטער פאַנאַטיק, פון א קראַנקהאַפטען, אויפגערעגטען כאַראַקטער. די אַפּאָסטעל־געשיכטע שילדערט איהם אַלס דעם ערגסטען, גרויזאַמסטען פערפאָלגער פון דיא נוצרים־סעקטע. ביי דיא שטייניגונג פון סטעפאַנוס'ען איז ער אויך געוועזן אנוועזענד אונד וואהרשיינליך האט ער אויפגעטהון דעם גאנצעו אויפרוהר. דאן איז ער געגאַנגען פון הויז צו הויז אונד געשלעפּט אין געפענגניס יעדען איינעם אויף וועלכען עס איז געפאַללען א פערדאַכט אז ער געהערט צו דיעזע סעקטע. שליעסליך האט ער זיך געווענדעט צום כהן גדול אונד האט פון איהם ערהאַלטען פאָללמאַכטס־בריעף צו דיא פאָרשטעהער פון דיא אידישע געמיינדע אין דמשק, אז מעזאָלל איהם געבען הילפע דאָרט צו ארעטירען וועמען ער וועט נור אויסגעפינען אַלס א נוצרי, אום אַזעלכע בעשולדיגטע צו ברענגען נאך ירושלים. אין וועג, אַלס ער איז שוין געוועזן ניט ווייט פון דמשק, איז אויף איהם געקוממען איין אונבעגרייפליכע איבערקעהרעניס אונד פון א שטרענגען פערפאָלגער איז ער געוועזן א פייערדיגער אנהענגער פון יעזוס'עס סעקטע.

וואס דיא אורזאַכע איז געוועזן פון שאול'ס פּלוצלינגע ענדערונג איז ניט ערקלערט געוואָרען. דיא אַפּאָסטעל־געשיכטע ערצעהלט, אז אין וועג האט זיך יעזוס צו איהם בעוויעזען אונד געפרעגט: „שאול, ווארום פערפאָלגסטו מיך?" דאס איז זעלבסטפערשטענדליך קיין ערקלערונג ניט, דען אַלס היסטאָריע נעהמט מען געוועהנליכע, נאַטירליכע בעגעבענהייטען, אבער קיינע ווילדע נסים. דענאָך איז עס אויך אויף דיעזער שטעללע אינטערעסאַנט צו בעטראַכטען וויא אַללע ערצעהלונגען פון דיעזע הייליגע שרייבערס זיינען אונוואהרשיינליך אונד ווידערשפּרעכענד. אויב

אין ירושלים זיינען דאן פאַרגעקוממען אזעלכע גרויזאמע פערפאָלגונגען געגען דיא נוצרים, וויא דיא כריסטליכע שרייבער שילדערען עס, איז אין אללגעמיין זעהר צוויי־פעלהאפט, נאך מעהר אונגלויבליך איז עס, אז א כהן גדול זאָל שיקען פון ירושלים א שפעציעללען שליח נאך דמשק, אום פון דאָרט צו ברענגען מענשען ארעטירט אונד געבונדען. אזעלכע מענשען וואס זייער איינציגער חטא איז בעשטאנען אין פרע־דיגען אידען וואס שטיממען ניט איין מיט דיא אידישע רעליגיאָן. איבער דמשק האט דאמאָלס רעגיערט דער אראבישער קעניג ארעטאס־פילאָדעמוס, אונטער דיא אויבערהערשאפט פון דיא רוימער. דיא אידישע געמיינדע איז דאָרט געשטאנען אונטער א בעזונדערען עטנארך, (א מין גאָווערנאָר), וועלכען דער קעניג האט יעדעסמאָל בעשטעטיגט אין זיין אמט. אויב דיעזער אידישער עטנארך וואָלט זאָ־גאר איינגעשטיממט אז מען זאָלל ארעטירען איינוואהנער פון דמשק אונד שיקען געבונדען נאך ירושלים, איז אבער ניט מעגליך אז דיא אראבישע אדער רוימישע רעגיערער פון שטאָדט זאָללען אזא זאך ערלויבען, דען זייא האבען דאך ניט געקענט אנגעהמען דיא רעליגיעזע פראָפאגאנד פון דיא נוצרים זאָגאר אלס דאס מינדעס־טע פערברעכען. עס איז צוואר ריכטיג אז דיא נוצרים האבען זיך דאמאלס נאך גערעכענט אלס אידען אונד דער עטנארך האט געקענט אויף אירגענד איין אופן זייא בעשטראָפען אין דמשק גופא, אבער אבשיקען זייא צוליעב דיעזען צוועק נאך א פרעמדע פראָווינץ האט ער ניט געהאט קיין רעכט אונד קיינער וואָללט עס ניט צור־געלאָזען. וואס פאר א זינן האבען אלזא געקענט האבען דעם כהן־גדול׳ס פאָלל־מאכטס־בריעף. אונד וואס האט געקענט נוטצען שאולס שליחות? שליעסליך, וואָ־רום האט מען איהם געשיקט גראדע נאך דמשק אונד ניט נא אירגענד איין אנדער שטאָדט, וויא צום ביישפיעל נאך אנטיאך, וואו עס איז געווען פיללייכט נאך א גרעסערע געמיינדע פון נוצרים?

די וויעדערשפרעכונגען וועגען דיא געשטאַלט וואס זאָלל זיך האבען בעוויע־זען צו שאול׳ן אויף זיין וועג נאך דמשק איז נאך מעהר קאָמיש וויא אללע אנדערע וואונגעלישע לעגענדעס. דאָרט וויעדערשפרעכען זיך פערשיעדענע שרייבערס אין זייערע בעזונדערע בעריכטען. אבער דאָ ערצעהלט דערזעלבער פערפאסער דיעזע געשיכטע דרייא מאָלל אונד יעדעס מאָלל אנדערס. אין דער אפּאָסטעל־געשיכטע קאפּיטעל 9, הייסט ג׳ס, אז א ליכט פון היממעל האט א בליטץ געטהון אויף שאול׳ן אונד ער איז געשטירצט געוואָרען מיט זיין געזיכט צו דער ערד, דאן האט ער דער־הערט וויא א שטיממע זאָגט צו איהם: שאול, שאול, ווארום פערפאָלגסטו מיך?“ שאול האט דארויף געפרעגט:„ ווער ביזטו, מיין העררַ?“ אונד דיא שטיממע האט

איהם געענפערט: „איך בין יעזוס, וועלכען דוא פערפאָלגסט. שטעהע אויף, געהע אין שטאָדט אונד דאָרט וועט מען דיר שוין זאָגען וואס דוא זאָללסט טהון.“ שאול׳ס בעגלייטער זיינען געשטאַנען זעהר דערשראָקען בייא דיכזער סצענע, דען זייא האבען געהערט דיא שטיממע אונד ניט געזעהען קיין געשטאַלט. שאול אלליין איז בלינד געוואָרען אונד מען האט איהם אבגעפיהרט נאך דמשק, וואו ער האט דרייא טעג ניט געגעסען, ניט געטרונקען אונד איז ניט אים שטאַנד געוועזן קיין זאך צו זעהען שליעסליך איז געקומען צו שאול׳ן איינער פון דיא דאָרטיגע נוצרים, א געוויסער חנניה, וועלכער האט ארויפגעלעגט זיין האַנד אויף שאול׳ס אויגען אונד ער איז צוריק געוואָרען זעהענדיג. דאַן האט חנניה איהם ערקלערט, אז ער איז אויסגעוועהלט געוואָרען פון יעזוס׳ען צו פרעדיגען דעם גלויבען אין איהם.

אין דער צווייטער לעגענדע פון דיא אפּאָסטעל־געשיכטע (22, 6 א. וו.) ערצעהלט דערזעלבער שרייבער ווער שאול, וועלכער האט שוין דאַן געהייסען פּאָול, איז אייניגע יאָהר שפּעטער אררעטירט געוואָרען אין ירושלים אונד האט דאבייא אבגעהאַלטען א רעדע פאר דיא אידען, וועלכע ער ערצעהלט דעם צופאַלל וואס איז מיט איהם פאָרגעקוממען בייא דמשק. דאָ הייסט עס שוין פערקעהרט, אז דיא בעגלייטער וואס זיינען מיט איהם געוועזן אין וועג האבען געזעהען דיא הימליישע ליכט, אבער קיין שטיממע האבען זייא ניט געהערט. אלזאָ האבען זייא צוערסט ניט געזעהען, נור געהערט, אונד דאָ האבען זייא געהערט אונד ניט געזעהען. אבער אויסער דיעזען ווידערשפּרוך אין דער פאַנטאַסטישער אבטהיילונג פון דיעזער גע־שיכטע איז אין דיא היסטאָרישע ערצעהלונג גופא אויך א גרויסער אונטערשיעד. צוערסט הייסט עס אז שאול איז א לאַנגע צייט געבליעבען אין דמשק, אונד דאָרט געפּרעדיגט דיא אמונה אין יעזוס׳ען. ענדליך האבען דיא אידען איהם געוואָללט הרג׳ענען, דארום איז ער פון דאָרט ענטלאָפען אונד דאַן איז ער געקוממען נאך ירושלים. אבער אין דער צווייטער געשיכטע זאָגט ער, אז ער איז באַלד געקוממען נאך ירושלים אונד דאָרט מתפלל געוועזן אין טעמפּעל, וואו יעזוס האט זיך ווידער צו איהם בעוויזען אונד אנגעזאָגט ער זאָלל ענטלויפען פון דיעזער שטאָדט.

ווייטער גיעבט עס נאך אין דיעזער אפּאָסטעל־געשיכטע א דריטע לעגענדע. דערזעלבער שרייבער ערצעהלט. וויא פּאָול זייענדיג אררעטירט האט זיך פערט־היידיגט פאר דאס אידישען קעניג אגריפּא אונד רעדט וועגען דעם נס וואס האט איהם געטראָפען ביי דמשק. דאָ קוממט שוין ווידער אויס גאַנץ אַנדערס, אז דיא

ליכט פון הימעל האט בעשיינט איהם אונד אללע זיינע בעגלייטער. זייא זיינען נים געבליעבען שטעהען זאנדערן אלע זיינען געפאללען צו דער ערד צוזאמען מיט איהם. וועגען דעם אז ער איז בלינד געווארען אונד וועגען א חנניה אין דמשק, וואס האט איהם אויסגעהיילט, איז שוין א ווארט ניט ערינערט. גראדע פערקעהערט: יעזוס שיקט איהם ניט נאך דמשק, אז דארט וועט מען איהם זאגען וואס ער האט צו טהון, זאנדערן ער אלליין האלט פאר איהם אב א גאנצע רעדע אונד זאגט איהם אן ער זאל געהען צו אידען אונד צו אנדערע פעלקער, אום צו עפענען זייערע אויגען אונד רעטען פון דעם שטן'ס מאכט, דאמיט וואס ער וועט זיי בעקעהרען אז זיי זאללען גלויבען אין איהם, אין יעזוס'ן.

דאס זיינען דיא ווידערשפרעכענדע לעגענדעס, וועלכע דער אפאסטעל־שרייבער ערצעהלט וועגען דיעזען שאול, אדער פאול. דאגעגען איז אין זיינע אייגענע שריפטען גאר ניט געזאגט וועגען אזעלכע נסים. אין נייעם טעסטאמענט געפינע זיך פון איהם 13 זאגענאנטע עפיסטעלס, אדער לעהרע־בריעפע צו פערשיעדענע נוצרים־געמיינדען, אונד אין אייניגע פון זיי (גאלאטיער 1, 12, קארינטהיער 9. 1 אונד 15, 8) זאגט ער גאנץ איינפאך, אז ער איז געשיקט געווארען ניט פון מענשען, זאנדערן פון יעזוס'ען זעלבסט, וועלכער האט זיך צו איהם בעוויעזען אזויא וויא צו אללע אנדערע אפאסטעלס. וועגען דיא מעשה בייא דמשק רעדט ער דא קיין איינציגען ווארט נים.

דיא מאדערנע געשיכטע־שרייבער, וועלכע זיינען נים פערבלענדעט מיט אפאסטאלישע נסים, זוכען צו ערקלערען דיא בעקעהרונג פון פאול'ען אויף א נאטירליכען אופן. אין זיינע בריעפע שילדערט ער זיך אלליין, אז דיא קראנקהייט זיצט אין זיין קערפער וויא א דארן אונד דיעזע שמערצען פערשאפט איהם דער שטן, אום ער זאל נים צו פיעל שטאלץ ווערען. "מיט 14 יאהר צוריק" זאגט ער „האב איך געקענט א מאן, אין דעם גייסט פון משיה, (יעזוס), אויב ער איז געווען אין גוף, ווייס איך נים, אויב אויסער דעם גוף ווייס איך אויך נים. גאט ווייס עס. דיעזער מאן איז ארויף ביז אין דריטען הימעל. ער איז אריינגעקוממען אין פאראדיז אונד האט געהערט סודות, וועלכע קיין מענש דארף נים אויסזאגען." מען זעהט אלזא אז דיעזער פאול איז געווען א נערווען־קראנקער, א ליידענשאפטליכער, מיט א ברענענדיגע פאנטאזיע אונד דענאך פון איין אייזערנעם, ענערגישען גייסט. עס איז גאר קיין צווייפעל אז וועהרענד זיינע פערפאלגונגען געגען דיא נוצרים האבען זייא שוין פריעהער געמוזט מאכען אויף איהם א טיעפען איינדרוק. זייער עקסטאז, זייער בעגייסטערונג אונד פערצווייפלונג, דיא ווערטער פון א סטעפאנוס, וועלכער האט גע־

שריען, אַלס ער איז געפּיינינט געוואָרען, אז ער זעהט יעזוס'ען אין הימעל שטעהענ־דיג צו דיא רעכטע האנד פון גאָט—דיעזע אונד פיעלע עהנליכע ריהרענדע סצענעס האבען געמוזט ווירקען אויף שאול'ס היטציגע פאנטאזיע, אז ער זאָלל ביסלאבווייז אָנפאנגען וועגען דעם אנדערס צו דענקען, זוכענדיג איין ערקלערונג וועגען דיעזע בעגעבענהייטען וואס געהען פאָר פאָר זיינע אויגען.

דיעזער מענש, דער צווייטער יעזוס, דער גרינדער פון כריסטענטהום, האט קיין בעגריף ניט געהאט וואס וויסענשאפט אונד בילדונג איז. זיינע שריפטען וואס ער האט איבערגעלאָזען זיינען געשריעבען מיט פעהלערען, און א שלעכטע אַלט־גריעכישע שפּראַך. פון די אידישע לעהרע האט ער געוואוסט נאך וועניגער אונד די ליבעל איז איהם געווען בעקאַנט נור פון א גריעכישע איבערזעטצונג. בייא אזא אונוויסענדען פּערזאָן, מיט א געוואלטיגע איינבילדונס־קראַפט אונד איין איבער־טריעבענע פאנטאזיע האבען זיך געמוזט געפינען פראגען, אויף וועלכע ער האט קיין אנדער אנטוואָרט זיך ניט געקענט פאָרשטעללען נור אז יעזוס איז ווירקליך געווען א משיח. ער האט אויך זעהר לייכט געקענט גלויבען, אז יעזוס איז געבאָרען גע־וואָרען פון הייליגען גייסט, דען אַלס א גריעכישער איד, ערצויגען צווישען יענע הייד־דען, האט ער געוויס פון זיין יוגענד אָן זיך אנגעהערט אזעלכע לעגענדעס. צו וועל־כען צוועק ער איז געפאָהרען נאך דמשק איז וויא מיר האבען געזעהען ניט אין גאַנצען בעשטיממט, אבער יעדענפאללס איז ער וועהרענד דיעזע רייזע דורך דיא ברענענדיגע וויסטענים געווען אין אזא אויפרעגונג, אז עס האבען זיך איהם געקענט פאָרשטעללען פערשיעדענע פאנטאזיעס, איבערנאַטיליכע ערשיינונגען. פון דיא ביל־דער מיט וועלכע זיינע געדאנקען זיינען געווען שטענדיג בעשעפטיגט אונד אזא פער־זאָן וויא ער האט שליעסליך געוויס געגלויבט אז ער זעהט דאס אללעס אין דער ווירקליכקייט. איבערהויפּט ווען עס זאָלל זיין א שטיקעל ממשות אין דיא ערצעה־לונגען פון דעם אפּאָסטעל־שרייבער, אז גראדע דאן איז פּלוצלינג געוואָרען א גרוי־סער געוויטער מיט געוואלטיגע דונערען אונד בליטצען, האט דאס אויף שאול'ען מיט זיינע בעגליוטער געמוזט מאכען א שרעקליכען איינדרוק. אין יענע צייטען פון אַלטערטהום זיינען זאָגאר דיא געלעהרטע מענער געווען זעהר איבערגלויביש. אין דעם דונער האט זיך זייא געדוכט צו הערען א געטליכע שטיממע אונד דער בליץ איז געווען פאר זייא א היממלישע ערשיינונג. עס קען דארום זעהר מעגליך זיין אז דער פאַנאַטישער שאול, מיט זיין קראַנקהאפטען, אויפגע־רעגטען געהירן, האט אין דער טהאט געגלויבט צו זעהען יעזוס'ען אונד צו הערען זיין שטיממע.

זייענדיג אלזאָ זיכער אז יעזוס האט זיך צו איהם בעוויעזען איז דער האלב משוגענער פאנטאסט יעצט פאָללשטענדיג געקוממען צו דער איבערצייגונג אז יעזוס איז ווירקליך געווען דער משיח אונד זיין ערשיינונג צו איהם בעוויזט ריכטיג אז ער איז פון טויט לעבענדיג געוואָרען. מיט זיין לעבהאפטע איינבילדונגס־קראפט האט דיעזער מענש דאן אָנגעפאנגען וויימער צו דענקען וועגען דיא בעדייטונג פון א משיח. פון דיא אידישע פראָפעטען איז איהם געווען גענוג בעוואוסט אז צו דיא משיח־צייטען וועלען דיא היידנישע פעלקער בעקעהרט ווערען צו דיא אידישע רעליגיאָן, צו דעם גלויבען אין איין איינציגען גאָט. דיא שעהנע, ערהאבענע שילדערונגען פון דיא נביאים, וועגען דיעזע צייטען פון אללגעמיינע גליקזעלליגקייט, פון א וועלט מענשען פעראייניגט אין ברידערליכע ליעבע, האבען איהם בעגייסטערט ביז צו דיא העכסטע שטופפע, אונד דאָ האט ער געזעהען מיט זיינע אויגען אז דיעזע געטליכע פערשפרעכונגען פאנגען שוין אָן מקוים צו ווערען. אין דמשק אונד אין אנדערע שטעדט זיינען דאן ווירקליך מאססען היידען איבערגעגאנגען צום יודענטהום. דיא בעריהמטע קעניגין העלענע מיט איהרע זיהן האבען אָנגענוממען דיא אידישע רעליגיאָן אונד זיינען מיט גרויס פּאראד אונד טריאומף עמפפאנגען געווארען אין ירושלים.

דאס וואָרען אָהן א צווייפעל שאול׳ס געדאנקען, וועלכע האבען אין איהם געמוטה אויפוועקען אנדערע פראגען: וועט עס זיין מעגליך צו בעקעהרען אללע פעלקער צום יודענטהום, אויב מען זאָלל פאָרדערען אז זייא זאָללען ריכטיג ערפילען אללע שטרענגע געזעטצען פון דיא אידישע רעליגיאָן? דיא שווערע געבאָטען פון שבת, דיא דינים פון טומאה וטהרה, דיא שמערצליכע צערעמאָניע פון בעשניידונג—דאס אללעס זיינען דאך גרויסע הונדערניסע, וועלכע מוזען אבשטויסען דיא היידען, היינט וויא קענען דאָ מקוים ווערען דיא פערשפרעכונגען פון דיא נביאים? אבער איז אָפּט נים מעגליך אז מען זאָלל פיר דיזע היידען מאכען פערלייכטערונגען? זאָללען זייא נור אנערקענען דיא אידעע פון איין איינציגען גאָט אונד אנפאנגען א שעהנערען, מאָראלישען לעבען מוז דאך דאס זיין גענינענד. אבער וואס טהוט מען מיט די תורה, וועלכע איז דאך געגעבען געוואָרען פון גאָט, מיט דעם אויסדריקליכען בעפעהל, אז אללע איהרע מצות זאָללען פינקטליך ערפילט ווערען?

אויך אויף דיעזע פראגע האט שאול באלד געפונען איין אנטוואָרט. ער האט וואהרשיינליך געהערט אין דיא אידישע קרייזען וועגען א זאגע, אז דיא געבאָטען פון דער תורה דארפען ערפוללט ווערען נור ביז משיח וועט קוממען. דאן אבער וועללען אללע מצות בטל ווערען. אויב יעזוס איז געווען דער משיח, דאן האט ער

מיט זיין ערשיינונג דיעזע הינדערנים אבגעשאפט. דיא שטרענגע געבאָטען פון דער תורה דארפען מעהר קיין שוויעריגקייטען ניט מאכען. דער גלויבען אין יעזוס'ען איז פיעל וויכטיגער, דען דאמיט גלויבט מען דאך אין אללע נביאים, וועלכע האבען אויף איהם פראָפעצייעט, אלזאָ ענטהאלט זיך אין דיעזע אמונה אלליין די גאנצע תורה.

דיא סיסטעמע פון א נייעם גלויבען איז אלזאָ אין דיא צוהיצטע פאנטאזיע פון דיעזען מענשען פערטיג געווען. יעזוס איז צו איהם ערשיענען אונד האט איהם אויסגעוועהלט אלס א שליח, אלס א פראָפעט, וואס זאָלל געהען פרעדיגען פאר דיא גאנצע וועלט, אום דיא מענשהייט צו רעטען פון דעם פערדערבליכען, פינסטערען היידענטהום אונד בעקעהרען אללעמען צו דיא וואהרע ליכט פון דעם איינציגען גאָט, דעם הימלישען פאטער פון אללע מענשען. פון שאול'ן איז אלזאָ געוואָרען א פאָול, פון דעם אידישען פאנאטיק איז ער מיט זיין גאנצע לייךענשאפט־ליכע פייערדיגע נאטור געוואָרען נאך א גרעסערער שווערמער פיר דיא נייע יעזוס לעהרע, אין וועלכע ער האט געזעהען פון יעצט אָן דעם וואהרען יודענטהום. ער איז געקוממען נאך דמשק ניט אלס א נייער מענש, זאָנדערן מיט א נייעם גלויבען אונד נייע איבערצייגונגען פיר וועלכע ער איז פערטיג געווען יעצט צו קעמפפען, גראָדע מיט דיזעלבע ענערגיע מיט וועלכע ער האט ביז יעצט געקעמפפט פיר דיא אלטע אידישע רעליגיאָן.

מיט דיעזע שעהנע גייסטרייכע שילדערונגען וויללען דיא מאָדערנע געשיכטעד־שרייבער ערקלערען אויף א נאטירליכען אופן וויא אזויא שאול איז בעקעהרט געד־וואָרען פון א גרויזאמען יעזוס־פערפאָלגער צו א בעגייסטערטען יעזוס גלויבער. עס איז אויך מעגליך אז א מקצת, א טהייל פון דיעזע ערקלערונגען זיינען ריכטיג; אבער ווען מען בעטראכט גענויער שאול'ס פערזאָן אונד זיינע טהאטען מוז מען קוממען צו דער איבערצייגונג אז אייגענליעבע, זעלבסטזוכט פון א אונוויסענדען עם הארץ, וואס זוכט זיך צו מאכען בעריהמט מיט אירגענד וועלכע, זאָגאר מיט היפאָקריטישע מיטלען, האבען אויך געשפיעלט א גרויסע ראָללע אין דעם לעבען אונד טהעטיג־קייט פון דיעזען גרינדער דער כריסטליכען רעליגאָן. פון זיינע אייגענע ווערטער אין פערשיעדענע בריעפע, ערקלערט ער אלליין, אז ער האט זיך פריעהער געווענדעט צו דיא אידען, אז זייא זאָללען אנערקענען דיא אמונה אין יעזוס'ען אונד ערסט דאן אלס זייא האבען איהם אבגעשטויסען איז ער אוועק פרעדיגען צו דיא היידען. דאס אלליין בעווייזט אלזאָ, אז דיא שילדערונגען וועגען פאָול'ס אבזיכטען, צו בעקעהרען דיא היידען צום יודענטהום, זיינען ניט ריכטיג. ער האט אויך אין אנפאנג געוואָלט

זיין איינער פון דיא אידישע נוצרים־אנפיהרער, אבער זעהענדיג אז אויף דיזען וועג וועט ער ווייט ניט קוממען האט ער זיך בעשלאָסען צו גרינדען א נייע רעליגיאָן, אין וועלכע ער אלליין זאָלל שפּיעלען דיא ערסטע אונד דיא העכסטע ראָללע, אונד דאס איז איהם אויך פאָלשטענדיג גלונגען.

יעזוס האט גאָר ניט געהאט בדעה צו גרינדען א נייע רעליגיאָן, אין זיין נאָ־מען זאָגט דער עוואַנגעליסט: „דענקט ניט אז איך בין געקוממען אבצושאפּען דיא תורה אדער דיא נביאים, ניין, איך בין געקוממען זייא צו ערפיללען. דען איך זאָג אייך, הימעל אונד ערד וועלען פערגעהען, אבער דער קלענסטער בוכשטאב פון דער תורה וועט ניט בטל ווערען. ווער עס פאָלגט ניט דעם קלענסטען געבאָט פון דער תורה אונד לעהרט אנדערע דאצו, דער וועט זיין דער קלענסטער אין הימטעלרייך; דער וואס טהוט אונד לערנט אללעס וויא דיא תורה הייסט דער וועט זיין, גרויס אין הימטעלרייך.“ דאגעגען זאָגט פּאָול: מיט דיא געבאָטען וואס דיא תורה האט אָנגעזאָגט קען קיינער פאר גאָט ניט יוצא זיין, דען דורך דיא קענטניס פון דער תורה איז ארויסגעקוממען דיא קענטניס פון זינד. יעצט אבער איז אָהן דיא תורה ערשיענען גאָטעס גערעכטיגקייט פאר אללעמען גלייך, אָהן אונ־טערשיעד, פון אלעמען וועלכע גלויבען נור אין ישוע דעם משיח... א מענש קען גע־רעכט ווערען פאר גאָט נור דורך דעם גלויבען, אבער ניט דורך דיא געבאָטען פון דער תורה... איבער דיא תורה איז ארוסגעקוממען גאָטעס צאָרן, דען אז עס ניטאָ קיין געזעטץ, קען אויך קיין זינד ניט זיין... דיא תורה הערשט אויפ'ן מענשען אזויא לאַנג וויא ער לעבט... איהר זייט געשטאָרבען פאר דיא תורה מיט דעם קערפּער־ליכען טויט פון דעם משיח, אונד דאן זייט איהר ווידער לעבענדיג געוואָרען דורך זיין תחית המתים; אבער יעצט זיינען מיר פרייא פון דער תורה, מיר האבען איהר דאך אראָבגעוואָרפען פון זיך, נאכדעם וויא מיר זיינען פאר איהר געשטאָרבען, דאָ־רום דאַרפען מיר דיענען גאָט דורך דעם נייעם גייסט אונד ניט דורך דעם טעם פון דיא ווערטער וואס זיינען אנגעשריעבען אין דיא אלטע תורה.“

דאס איז דער אונטערשיעד פון יעזוס'ען ביז פּאָול'ן. יעזוס, אלס א איד פון דיא עסענישע סעקטע, איז צוואר געווען אין פיעלע הינזיכטען געגען דיא לעהרע פון דיא פרושים, אבער דיא תורת משה איז געווען בייא איהם הייליג, דארום שטעהט נאך יעזוס'עס פּרינציפּ אויף דעם באָדען פון יודענטהום, „אז דיא הויפּטזאך זיינען דיא מעשים, אז מען זאָלל ערפיללען דיא געבאָטען פון דער תורה; דען דער מענש קען יוצא זיין פאר גאָט נור דורך דיא מצות, אבער ניט מיט דעם גלויבען אלליין;

אבער בייא דעם משומד להבעים פאול קוממט עס אוים גראדע פעקעהרט, אז דיא געבאָטען פון דער תורה זיינען שוין אין גאנצען בטל, קיין מעשים טובים דארף מען נים, דען דאס קען גאָר נים העלפען, דיא הויפטזאך איז צו גלויבען אין יעזוס דעם משיח אונד פיר דיזע אמונה אליין שענקט גאָט זיין חסדים.

יעזוס אלס א איד, וועלבער האט געוואללט אויף אירגענד איין אופן רעפאָר־מירען דיא אידישע רעליגיאָן, זאָגט דייטליך אז ער איז געקוממען נור פיר אידען, פיר דיא פערלאָרענע שעפשעלאך פון בית ישראל. וועהרענד ער שוקט אָב זיינע תלמידים פרעדיגען זאָגט ער: נעהט נים אויף דעם וועג צו דיא היידען אונד אין דיא שטעדט פון דיא שמרונים זאללט איהר נים קוממען, נור צו דיא אידען זאָלט איהר געהען. (מאטהעאוס, 10, 5) „דען עס איז נים רעכט אוועק צונעהמען דאס ברויט פון דיא קינדער אונד אוועקווארפען פאר דיא הינד" (שם 15, 26). פאָול האט דאגעגען געוואָללט גרינדען א נייע רעליגיאָן פון גלויבינגע היידען אונד האט זיך נור בענוצט מיט יעזוס'עס נאמען אלס א מיטעל צו ערדייכען זיין ציעל; דארום זאָגט ער: „אברהם איז געווען א צדיק אָהן דיא תורה אונד ער איז אויך דער פאָ־טער נים נור פיר אידען אליין, זאָנדערן אויך פיר אללע היידען, דארום, האט גאָט נעגעבען זיין חסד אויך צו דיא היידען. וועלכע גלויבען אין איהם." אידען זיינען בייא פאָול איין עם סורר ומורה וועלבע זיינען געפאללען דורך זייערע זינד אונד דאפון איז ארויסגעקוממען איין אייביגע ישועה פיר אללע גוים, וועלכע זיינען שוין יעצט אנשטאט אידען געוואָרען דיא אויסגעוועהלטע פון גאָט, נים פיר אירגענד וועלכע גוטע מעשים, זאָנדערן נור דאפיר וואס זייא טויפען זיך אב אונד גלויבען אין יעזוס'ען.

אונד דערזעלבער יעזוס איז שוין בייא פאָול'ן אויך א גאַנץ אַנדערער אלס ביי דיא ערסטע דרייא עוואנגעליסטען. דאָרט איז יעזוס פאָרגעשטעללט אלס א מענש, וועלבער איז צוואר געבאָרען געוואָרען פון הייליגען גייסט, אבער זיין ציעל איז צו זיין א משיח פיר אידען, אויסצובעסערען זייער גייסטיגען צושטאנד אונד צו שאפען א הימטעלרייך פון צדיקים. בייא פאָול'ן איז שוין יעזוס גאָט'ס א זוהן, וועלבער איז פון אייביג אָן בעשטימט געוואָרען צו פערגיעסען זיין געטליכע בלוט, אום דאמיט מכפר צו זיין אויף דיא זינד פון דיא מענשהייט. יעזוס איז א צווייטער אונד איין אמת'ער אדם הראשון, דען וועהרענד דורך דעם ערסטען מענשען איז געקומען אויף דער וועלט דיא טומאה פון זינד, איז אבער דורך יעזוס'ען געבארען געוואָרען א נייע מענשהייט. ריין דורך זיין גייסט. יעזוס איז דער ריכטיגער משה, דען וועהרענד משה האט גע־

נעבען א תורה פיר דעם קערפער צו טהון מצות, האט יעזוס געגעבען א נייע תורה א תורה פון גנאדע, וועלכע לעגט נים ארויף קיין לאסט, פפליכט, זאנדערן נור גלויבען. יעזוס איז שליעסליך דער אייבינער כהן גדול, וועלכער האט זיך געבראכט פאר א קרבן אונד דאמיט איז אבגעמעקט געווארען דיא זינד פון דיא גאנצע וועלט.

דער אונטערשיעד צווישען דיא נאכפאלגער פון יעזוס׳ען, דיא אידישע נוצרים, אונד דיא נייע היידען־סעקטעס, וועלכע פאול האט געגרינדעט, אים נאמען פון דעמ־זעלבען יעזוס׳ען, איז אלזא זעהר גרויס.ביידע פארטייען האבען געגלויבט אז יעזוס וועט אין א קורצע צייט ווידער ערשיינען אונד גרינדען א נייע, גליקליכע וועלט, א רייך אין וועלכע טוגענדהאפטע מענשען וועלען לעבען אין פאללשטענדיגע, אייביגע גליקזעלליקיים; אבער וועהרענד דיא יעזוס׳עס נוצרים האבען זיך פארגע־שטעללט דיעזע הימעלרייך, אלס א אידישע, אין וועלכע עס קענען אנטהייל נעהמען אויך פרעמדע פעלקער נור דאן ווען זייא ערפיללען ריכטיג אללע געבאטען פון דיא אידישע רעליגיאן, קוממט עס אבער אויס בייא פאול׳ן פונקט פערקעהרט, אז דיעזע הימעלרייך וועט זיין פארבערייט נור פיר היידען וואס גלויבען אין יעזוס׳ען, אבער נים פיר אידען וועלכע האבען איהם פערווארפען אונד נים אנערקענט. דאמיט האט דיעזער ערנסטער פון אללע משומדים געלעגט דעם פונדאמענט פון האסס אונד פעראכטונג צו דיא אידען ביי די ערסטע גרינדונג פון זיין נייע ווילד־פאנאטי־שע אמונה, אונד וואס ווייטער דאס כריסטענטהום האט זיך פערברייטעט איז אויך דיעזע שנאה געווארען שטארקער אונד פירכטערליכער.

דוא אומשטאנדען פון יענע צייט האבען זעהר פיעל גענוצט פיר דיא פראפ־אגאנדא פון דיעזען פאול. דיא גריעכען אונד דיא רוימער זיינען פערהעלטניסמע־סיג געווען געבילדעטע נאציאנען אונד דיא נארדישקייטען פון דיא אלט היידנישע לעגענדעס האבען שוין נים געקענט בעפריעדיגען זייערע מאראלישע געפיהלען. דיא אידען פון דיא אידישע אמונה זיינען געווען ערהאבען אונד פערנינפטיג, אבער דיעזע אמונה איז געווען ארומגערינגעלט מיט א שטארקען מויער פון שוויעריגע געבאטען, וועלכע זעלטען ווער פון דיא היידען האט זיך געקענט ענטשליעסען אנצונעהמען. יעצט אבער איז געקוממען פאול מיט זיין עוואנגעליום, דיא פרעהליכע בשורה, אז דיעזע רעליגיאן איז אייגענטליך גאר קיין אידישע, אז פון אנפאנג אן איז זיא בעשטימט געווארען אלס א וועלט־רעליגיאן פיר אלעמען וואס גלויבען אין אזא מין יעזוס, וועלבען ער האט איבערגעמאכט נאך זיין אייגענע פאנטאזיע, קיין אידישע גע־באטען עקסיסטירען מעהר נים אונד דאס וואהרע יודענטהום איז דער יעזוסטהום,

פון וועלכע דיא אידען זיינען אויסגעשלאָסען אונד אנשטאט זייא זיינען פון יעצט אן דיא היידען אויסגעוועהלט אַלס קינדער פון געטליכען חיממעלרייך. מיט אזעלכע פרעדיגטען האט שאול געמוזט מאכען דעם גרעסטען ערפאָלג, זיינע אנהענגער האבען זיך פערמעהרט מיט יעדען טאָג אונד אין אַ קורצע צייט האט ער פיעלע שטעדט געגרינדעט צאָהלרייכע געמיינדעס פון זיינע נייע היידנישע גלויביגע.

דאס וויעגעלע פון כריסטענטהום איז געווען אין דער שטאדט אנטיאָך, אין סיריען, דארט האָבען דיא נוצרים, צוזאמען־געמישט פון היידען מיט אידען, צוערסט זיך אַ נאמען געגעבען כריסטען, דאס הייסט, משיחים, אדער דיא וואס גלויבען אין משיח. דורך די פּאָול־פּראָפּאַגאנדא האט דאס כריסטענטהום זיך אין גאנצען אבגע־ריסען פון דיא אידישע מוטער־רעליגיאָן אונד פּאָלקאָמען זיך אריינגעוויאָרפען אין די היידנישע וועלט. פון דאָן אָן האט שוין דיא נייע רעליגיאָן אויך איהר שפּראַכע פערענ־דערט. זיא האט שוין גערעדט ניט העבערעאיש אדער ארמית, וויא יעזוס, זאָנדערען גריעכיש אונד לאטיין. דער איינפלוס פון דיא היידען, דורך דיא לעהרען פון פּאָול׳ן, האט געמוזט ווערען איממער מעכטיגער. אַ קורצע צייט האבען נאך דיא אידען־כריסטען געקענט קעמפפען דאגעגען, אבער שליעסליך זיינען זייא בעזיעגט געוואָרען. נאַטירליך זיינען דיא היידען, טראָטץ זייער בעקעהרונג צום כריסטענטהום, דענאך געבליעבען ביי זייערע אַלטע אידעען, אונד אנדערס האט עס אויך ניט געקענט זיין, דען שאול האט זייא דאך קיין נייע לעהרע ניט געגעבען, אויסער אַ פוסטען פאנ־טאסטישען גלויבען. דיא איינציגע פונקען וואהרהייט וועלכע זיינען אריבערגעבראכט געוואָרען פון יודענטהום, זיינען באַלד פערשוואונדען געוואָרען אין דעם שטראָם פון היידנישע אבערגלויבענס.

פּאָול האט באַלד אנגעפאנגען זיין טהעטיגקייט צווישען דיא היידען אים נאָ־מען פון יעזוס׳ען, וועלכען ער האט קיין מאָל ניט געזעהען, אונד ניט פרעגענדיג קיין דעה בייא דיא אַפּאָסטעלס, דיא פּאָרשטעהער פון דיא נוצרים. דאס ערקלערט ער אַליין אין פערשיעדענע שטעלען פון זיינע בריעפע. „אונד איך זאָג אייך, ברידער, אז דיא לעהרע וועלכע איהר האט געהערט פון מיר, איז ניט פון אַ מענשליכע קוועלע, דען איך האב איהר אויך ניט ערהאַלטען פון אַ מענשען, זאָנדערן פון יעזוס דעם משיח זעלבסט... גאָט האט מיך דורך זיין גנאַדע אויסגעוועהלט, צו ענטדעקען אין מיר זיין זוהן, איך זאָל אנזאָגען זיין ישועה פאר דיא פעלקער, דארום האב איך ניט איין סעקונדע געטראכט אום צו פרעגען איין עצה בייא אַ בשר ודם, איך בין אויך ניט געגאנגען נאך ירושלים צו דיא אַפּאָסטעלס וואס ווארען פריעהער פאר מיר.“

(גאלאטיער קאפ. 1.) פון דיזע ווערטער שיינט עס אז פאָול האט געוואָללט ארבייטען זעלבסטשטענדיג אונד גאָר ניט האבען צו טהאן מיט דיא אפאסטעלס אין ירושלים, וויל ער האט זעהר גוט געוואוסט אז זיין היידען־פראָפּאגאנדא וועט מיט זייערע אידישע אנזיכטען ניט איינשטיממען. דענאָך האט ער וואהרשיינליך צום סוף געמוזט איינזעהען, אז אָהן דיא פאָללמאכט פון יעזוס׳עס תלמידים וועט ער גאר ניט קענען אויספיהרען ער איז אלזאָ געקוממען נאָך ירושלים אונד געוואָללט זיך אנשליעסען צו דיא תלמידים, אבער זייא האבען אללע מורא געהאט פאר איהם אונד ניט געגלויבט אז ער איז אויך א תלמיד, דאס הייסט, איין אנהענגער פון יעזוס׳ען, דאן האט איהם בר־נבא פאר געשטעללט צו דיא אפאָסטעלס אונד פאָול האט זייא ערצעהלט, אז ער האט געזעהען אין וועג דעם העררן, יעזוס׳ען, אונד אז ער האט שוין אין דמשק געפּרעדיגט אין יעזוס׳עס נאמען. „(אפּאָסטעל געשיכטע 9, 26—27). טראָטץ זיינע הויכשפרעכענדע ווערטער זעהט מען אז פאָול האט יאָ געפרעגט עצות בייא א בשר ודם אונד ווען דאס איז פיר זיין ציעל נויטהיג געווען האט ער זיך אונטערוואָרפען צו דיא אפּאָסטעלס אונד בעקומען פון זייא א פאָללמאכט, אז ער זאָלל געהן פּרעדיגען אין יעזוס׳עס נאמען צו דיא גוים. דענאָך האט איהם דאס ניט אבגעהאלטען נאכהער צו שימפּפען אויף דיזעלבע אפאָסטעלס, אלס ער האט שוין געקראָגען א מאסע נאכפאָלגער, וויא דאס איז צו זעהן פון פיעלע שטעללען אין זיינע בריעף.

אין דער טהאט זעהט מען פון פאָאולס איינענע ווערטער, אז דיזער ערסטער אונד גרעסטער משומד איז געווען דומם־שטאָלץ, ווילד־פאנאטיש, פאלש, פערדאָרבען אונד היפּאָקריטיש. „אונד איך זאָג אייך, גוים, דען איך בין א שליח צו אייך אונד איך האלט הויך אין עהרע מיין בערוף.״ (רעמער 9, 13), „אונד דארום פאָרדער איך פון אייך איהר זאָלט זיין מיינע נאכפאָלגער.״ (1 קאָר. 4, 16) „דען איך וויל זעהען אויב איהר פאָלגט אללע מיינע געבאָטען.״ (2 קאָר. 9.2) — אימּמער איך אונד ווידער איך. דאס רעדט ניט א מאן מיט א קלאָרען ענערגישען שכל, זאָנדערן א נאררישער עזות פנים, א משומד דאס איז א חוצפה אויף וועלכע נור א גראָבער יונג איז פעהיג.

פאר זיין בעקעהרונג, וועהרענד פאָול האט נאָך געהערט צו דיא אידישע געמיינדע, איז ער געווען א פינסטערער פאנאטיק אונד א גרויזאמער פערפאָלגער פון דיא נוצרים. אלס ער איז נאכהער אלליין געוואָרען א נוצרי, נאָך זיין אייגענעם פאסאָן, איז ער געבליעבען דערזעלבער ווילדער פאנאטיק, מיט א ברענענדיגע שנאה געגען די אידען אונד געגען דיא אנדערע נוצרים סעקטעס. „אויב יעמאנד פּרעדיגט

צו אייך אנדערס וויא איך זאָל ער זיין פערפלוכט." (גאלאטיער, 1, 9.) "ווער עס ליעבט ניט דעם העררן יעזוס כריסטוס זאָלל זיין פערדאממט." (קאָפּ. 16: 22.) מיט אזעלכע ווערטער זיינען פולל אלע זיינע בריעפע, שימפף, פלוך אונד פערדא־מונג זיינען בייא איהם דיא הויפט מאָראלישע לעהרען. שאול האט געביטען זיין נאמען אויף פּאָול, אבער זיין כאראקטער איז געבליעבען דערזעלבער.

אלס א היפאָקריט, אלס א פערזאָן אָהן אירגענד וועלכע עהרליכע פּרינצי־פּען אונד אָהן א ברעקעל עהרע־געפיהל, האט ער איממער געשפּיעלט א פאלשע ראָללע, ווען דאס איז נור נויטהיג געוועזען פיר זיין ציעל, אונד דער מענש איז נאך דאצו אזויא פרעך אז ער בעריהמט זיך זאָגאר דאמיט. "מיט דיא אידען האב איך געשפּיעלט א אידישע ראָללע, אום דאמיט דיא אידען צו געווינען; פאר דיא בעלי תורה האב איך זיך אויך געמאכט וויא א בעל תורה, אבוואהל איך בין קיין מאָלל ניט געוועזען א בעל תורה (דאָ איז ער אלליין מודה אז ער איז איין עם הארץ, וואס האט קיין בעגריף ניט פון דיא אידישע לעהרע.) אום דאטים זייא צו געווינען; פאר דיא וואס האבען קיין תורה בין איך אויך געוועזען וויא איינער פון זייא, אבוואָהל איך האב יא א געטליכע תורה, דיא תורה פון דעם משיח. אום דאמים צו געווי־נען דיעזע וואס זיינען אָהן א תורה; פאר דיא שוואכע בין איך אויך געוועזען א שוואַ־כער, אום זייא צו געווינען—אוך בין געוועזען אללעס ביר אללעמען (1 קאָרר. 9, 20־22) געווינען אונד געווינען, וואס מעהר אנהעגנגער צוזאמען צושלעפּען ארום זיך אום ער זאָלל קענען שפּיעלען דיא ראָללע פון א רעליגיאָן געזעטץ־געבער, דאס איז געוועזען דער גאנצער אידעאל פון דיעזען פאנאטישען צבוע'אק. אום ער זאָלל קענען פרייא טהון אונד רעדען אלעס וואס אונד ווען עס וועט איהם פאסען האט ער פער־וואָרפען דיא אידישע תורה. "דורך דיא מעשים וואס דיא תורה הייסט טהון קען קיינער ניט זיין א צדיק, דען דיא תורה איז א קוועללע צו ערקענען דיא זינד," (רעמער, 3, 20) "אין דער תורה גופא איז געשריעבען" פּלוידערט דיעזער שענד־ליבער מחרף ומגדף "אז אברהם האט געהאט צווייא זיהן, איינער געבאָרען וויא אללע מענשען, פון דיא דיענסט הגר, אונד דער צווייטער דורך גאָטעס וואָרט, פון דיא הערדין שרה. דאס איז נור א משל, דען עס גיעבט צווייא תורות, איינע פון בארג סיני, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקוממען שקלאפען־קינדער, אונד דיעזע תורה איז הגר, דיא דינסט הגר, אין דער וויסטע פון אראביען; דאס איז דיא היינטיגע ירושלים מיט איהרע קינדער פון דיא דינסט הגר; אבער דיא ירושלים פון אויבען איז א פרייע שטאדט אונד זיא איז א מוטער פיר אונז אללעמען, וויא עס שטעהט

געשריעבען: פרעהע זיך, דוא אונפרוכטבארע, דוא וועלכע האסט ניט געבאָרען אונד ניט געשוואַנגערט, דען דיא איינזאַמע האט מעהר קינדער, אַלס דיא וואס האט געהאַט אַ מאַן. (ישעיה׳ 54) דער משומד וויל דאפון דרש׳ענען, אז די איינזאַמע מיינט מען דיא היידען, וועלכע זיינען געוואָרען דיא אמת׳ע גאָטעס קינדער. איהם קיממערט ניט אז מיט אַ פּאָאר פּסוקים ווייטער זעהט מען דייטליך וויא זיין ערק־לערונג איז פאַלש. דיא „איינזאַמע“ מיינט דער נביא דיא אידישע נאַציאָן וואס איז פערטריעבען אין בבל, נענען דיא וואס „האט געהאַט אַ מאַן“, נענען דאס זעלבע אידישע פאָלק וואס איז אמאָל געוועזן פרייא אין איהר לאַנד, דען, זאָגט ווייטער דער פּראָפעט, איך האב דיך נור אַ קורצען אויגענבליק פערלאָזען; אבער מיט גרויס בארימהערציגקייט וויל איך דיך ווידער אויפזאַמלען. איך האב נור אין איין מאָ־מענט פון צאָרן פערבאָרגען מיין אַנגעזיכט פון דיר, אביער מיט אייביגע גנאַדע וויל איך זיך אויף דיר ערבארמען, דאס זאָגט דער הערר, דיין ערלעזער“—צו וועמען? צו דיא היידען? דאס וואלט שוין אפילו דער פעררעטהער פּאָול אויך ניט קענען בע־הויפּטען אונד דארום רעדט דאפון ניט, זאָנדערן ער כאַפּט ארויס איין איינצעלנעם פּסוק אונד פּלוידערט וואס איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, נור אום איינצוריידען זיינע היידנישע נאכפאָלגער פויגעלאך אין בוזעם, אונד אזוי געהען אַללע זיינע דרשות, אויף וועלכע מען וויים ווירקליך ניט צו זאגען, אויב זייא זיינען מעהר היפּאָקריטיש אדער מעהר לעבערליך, דען וועהרענד ער בעהויפּטעט אימער אז די תורה אונד די נביאים זיינען שוין בטל געוואָרען ברענגט ער דענאך פאַלשע ראיות פיר זיינע דרשות גראַדע פון דיזעלבע תורה.

ווייטער אין דעמזעלבען בריעף, ערקלערט דיעזער היידען־לעהרער: „אונד איך, פּאָול, זאָג אייך, אויב איהר וועט זיך בעשניידען, דאס הייסט נאָך דעם אידישען דין פון מילה, דאַן וועט אייך דער משיח ניט העלפען.“ עס הייסט אַלזאָ, אז אַ היידע וואס נעהמט אַן יאזוס׳עס גלויבען טאר זיך גאָר ניט מהל זיין, אונד דענאָך האט דיעזער היפּאָקריט אַליין מוהל געוועזן זיין ליעבלינגס־תלמיד, אַ גריעכע טימאָט־העאוס, נור דארום ווייל ער האט זיך דאַמיט געוואָללט מאַכען פּאָפּולער בייא דיא אידען וואס האבען געוואָהנט אין יענע ערטער. (אַפּאָסטעל־געש. 15, 3.) בייא איין אַנדער צופאַלל שפּיעלט ער אַ שענדליכע קאָמעדיע, לויט דיא עצה וואס דיא אַפּאָסטעלס האבען איהם געגעבען. (שם, 21.) נאכדעם וויא ער האט איבעראַלל געפּרעדיגט געגען דיא תורה, געגען דעם טעמפּעל אין ירושלים אונד געגען די אידען קומט ער צוריק נאָך דיא אידישע רעזידענץ אונד גנב׳עט זיך אריין מיט נאָך פיער נוצרים אין טעמפּעל, מיט דעם אויסרייד אז זייא ווילען ברענגען קרבנות אַלס

נזירים וואס האבען ערפילט דיא צייט פון זייער נדר, לויט די תורת משה. די גע־שיכטע האט זיך פיר איהם שלעכט אויסגעלאזען, דען מען האט איהם דערקענט אונד ארויסגעיאגט מיט שאנדע.

פאול אליין זאגט אויף זיך, אז ער איז א בעטריגער אונד א ליגנער. ער שרייבט צו דיא קארינטהער (2, 12, 16) אויף וועלכען אופן איהם איז געלונגען זייא איינ־צורעדען זייא זאללען אנגעהמען זיין נייע רעליגיאן: „וויל איך פערשטעהע וויא צו בעטריגען האב איך אויך דורך בעטרוג געפאנגען.“ צו דיא רוימער (3, 7. 8) שרייבט ער: דען אויב דיא וואהרהייט פון גאט קוממט ארויס הערדליכער דאדורך וואס איך זאג א ליגנען, ווארום זאל מען מיך דאפיר בעטראכטען אלס א זינדער? איז ניט גלייבער אז מיר זאללען טהאן גראדע וויא מען זאגט אויף אונז, מיר זאלען טהאן שלעכטעס, אום עס זאל דאפון ארויס קוממען גוטעס?“ אונד אזא מין פער־זאן וואס מיט זיין גאנצען לעבען אונד מיט יעדע איינציגע פון זיינע טהאטען שטעלט ער פאר דעם טיפ פון פאללשטענדיגע פארדארבענהייט, ער איז דאס געוועזען דער גרינדער פון דיא כריסטליכע רעליגיאן אונד דער פערפאסער פון זייער גאנצע תורה. עס איז דארום גאר קיין וואונדער ניט אז של יעסליך איז ביי זיי געגרינדעט געווארען איין ארדען פון יעזואיטען, וועלכע האבען אנגענומען א כלל גדול, אז „דער ציעל הייליגט דיא מיטלען,“ דאס הייסט, אום צו עררייכען א געוויסען ציעל מעג מען אללע מיט־לען אנווענדען, אונד דאמיט זיינען אויף דיעזע גלחים בעוואוסט אין דער וועלט־גע־שיכטע; זייא האבען אבגעטהאן דיא ערגסטע פערברעכענס, דיא שענדליכסטע מעשים תעתועים, נור וויא זייא זאגען Ad majorem dei gloriam, אום גאטעס נאמען זאל דאדורך בעריהמט ווערען. דאס איז דיא ערגסטע אונד דיא פערדערבליכסטע לעהרע, פון וועלכע עס זיינען ארויסגעקוממען דיא גרעסטע אונגליקען אויף דער וועלט אונד פון וועלכע דיא מענשהייט ליידעט נאך עד היום הזה.

אלס א ווילדער פאנאטיק אונד א מענש אהן שום בילדונג האט נור אזא מין פאול געקענט קוממען צו דיעזע משוגע'נע אידעע, אז דיא מענשהייט איז פון געבורטה פערדאממט אונד קיינע מעשים טובים קענען איהר פון דיעזע פערדאממונג ניט רעטען, נור דורך גנאדע פון יעזוס קריסטוס קען זיא ערלעזט ווערען; די זעליגקייט פון הימעלרייך, אדער עולם הבא, קען מען זיך ניט פערדיענען, זאנדערן גאט שענקט עס צו דיעניגע וועלכע גלויבע אין יעזוס'ן. אזא לעהרע איז פאר פאול'ן נויטהיג געוועזען, אום אנצוציעהען דיא היידנישע געצענ־דינער צו זיין נייע אמונה, אבער דיא ווילדע אידעען פון דיעזע לעהרע ערנידערונגען דיא מענשליכע געפיהלען,

מונטערען אויף יעדען פערברעכען אונד נעהמען אוועק דעם גאנצען מוטה עטוואס אויף דער וועלט אויפצוטהון.

די געזעללשאפטליכע בעציעהונגען דארפען לויט פאול'ס לעהרע זיין געגרינ־דעט אויף אונטערטהעניגקייט אונד שקלאפעריא. די פרויא דארף זיין אונטער־ווארפען אלס איין איינפאכע שקלאפין צום מאן אונד דער מאן מוז זיין געהארזאם צו די בעאמטע אונד רעגיערער. אין זיינע בריעפע געפינען זיך איבעראלל אזעלכע אויסדריקע וויא צום ביישפיעל: „איהר מוזט וויסען, אז דער הויפט פון יעדען מאן איז דער משיח (יעזוס) אונד דער הויפט פון יעדע פרויא איז דער מאן.“ (1 קאר. 11. 3) „גראדע וויא די מענער זיינען אונטערטהעניג צו יעזוס'ן אזויא זאללען די פרויען זיין אונטערטהעניג צו זייערע מענער (עפעזער 5 22). דיעזע לעהרען האבען זיך פערפלאנצט אין כריסטענטהום אונד וועהרענד דעם גאנצען מיטעלאלטער איז די פרויא געשטאנען אויף א נידעריגע, אונטערדריקטע שטופע, ביז די לעצטע צייטען, ווען די פעלקער זיינען געוועזען עטוואס מעהר ענטוויקעלט אונד די מאדערנע וויסענשאפט האט פערטריעבען אזעלכע בארבארישע אנזיכטען.

וואס אנבעטריפט דעם געזעלשאפטליכען צושטאנד אין אלגעמיין זאגט פאול:

„יעדער מענש זאלל בלייבען ביי זיין בעשעפטיגונג אונד ניט זוכען קיין אנדערע“ (1 קאר. 7, 90.) „יעדע זעעלע דארף זיין אונטערטהעניג צו די רעגיערונג פון די בעאמטע, דען זייער מאכט איז זיי געגעבען געווארען פון גאט אליין. יעדער וואס איז מורד געגען די רעגיערונג איז גראדע אזויא זינדיג וויא ער וואללט מורד געוועזען געגען גאט אליין. (רוימער 13, 1.) „די קנעכט זאללען טראגען דעם יאך פון זייער הערן אונד זייא אבגעבען כבוד, אום גאטעס נאמען אונד זיין תורה זאלל דאדורך ניט געלעסטערט ווערען (1 טימאט. 6, 1) „אונד איהר, קנעכט, פאלגט אייער הערען מיט עהרעפורכט אונד ציטערניס, גראדע וויא יעזוס'ען אליין.“ (עפעזער 9, 5.)דיעזע אללע לעהרען האבען אונטערדריקט דעם פרייען מענשליכען גייסט, צו שטרעבען זיין לאגע צו פערבעסערען אונד צו קוממען צו א העכערע צוש־טאנד; דיעזע לעהרען האבען בעשאפען א שותפות פון קרייץ אונד שווערט, א דאפפעלטען יאך פון קירכע אונד רעגיערונג, אונטער וועלכ ן די גאנצע מענשהייט האט געליטען צייט פיעלע יאהר הונדערטע, וויא מיר זעהען עס אין יעדען קאפיטעל פון דער וועלט־געשיכטע.

פאר אזא מין פערשקלאפטע נעזעללשאפט זיינען אויך גאנץ גוט פאול׳ס לעה־רען, אז זייא זאללען פערראכטען דיא גאנצע וויסענשאפט, וועלכע האט נאך זיין מיי־נונג קיין ווערטה: דייא זאללען פערהאססען אונד פערפלוכען יעדען איינעם וואס שטיממט נים איין מיט זיינע אידעען, וועלכע ער ערקלערט זייא. אויך וועגען דיעזע אנזיכטען רעדט ער איבעראל אין זיינע בריעפע. „וואו זיינען דיא געבילדעטע? וואו זיינען דיא געלעהרטע? וואו זיינען דיא וועלט־חכמים? האט דען גאט אין זיין ווייזהייט נים געמאכט דיא גאנצע וועלט צו נאררען? דען וויל דיא וועלט מיט איהרע גאנצע חכמות האט אנערקענט דיא געטליכע ווייזהייט דארום האט גאט דורך נאררישע פרעדיגטען זעליג געמאכט דיעניגע וואס גלויבען אין יעזוס׳ען.״ אויסער דיעזען האסס אונד פעראכטונג צו דיא וויסענשאפט הייסט פאול אנגעזאגט זיינע נאכפאלגער זיי זאלען פערדאמען און פערפלוכען ניט נור יעדען אונגלויביגען זאנדערן אפילו דיא כריסטען פון אנדערע סעקטעס, וואס נעהמען נים אן זיין לעהרע. עס געפינען זיך בייא איהם זאגאר אזעלכע פראזען: „ווען עס זאלל זאגאר קוממען א מלאך פון היממעל אונד אויך לעהרען אנדערש וויא דאס וואס איהר האט געהערט פון מיר, זאלט איהר איהם פערפלוכען.״ עס איז אלזא קיין וואונדער אז פון דיעזע זריעה איז אויסגעוואקסען א כריסטענטהום פון ווילדע, פינסטערע פאנאטיקער, א קריסטהנטהום וואס האט צערשטערט אונד פערניכטעט דיא ציוויליזאציאן פון דיא עלטערע געבילדעטע פעלקער אונד פערברייט איבער דער וועלט אונוויסענהייט אונד אבערגלויבען, פון דעם ערסטען מאמענט וויא דיעזע רעליגיאן איז געווארען א הערשענדע. אונד פיר דאס אללעס האט דיא וועלט צו פערדאנקען נור דיעזען זעלבסט־געמאכטען 13טען אפאסטעל, וועלכער איז דער הויפט־גרינדער פון דיזע אידעען אויף וועלכע דער גאנצער כריסטענטהום איז מיט דער צייט אויפגעבוים געווארען.

צו אללע דיעזע מעלות איז נאך פאול איינפאך א מאכער פון פאלשע איבער־זעטצונגען. וויא מיר האבען שוין געצייגט באפט ער ארויס פון אירגענד וואו א פסוק אונד דרשן׳ט איהם אין א פאלשען זינן, וויא עס פאסט איהם פיר זיין פראפאגאנדא. אבער דאס איז נאך פיר איהם ווענינ, ווען ער דארף נעהמט ער דעם אריגינאל פון פסוק אונד מאכט איבער, אום ער זאלל דאפון קענען ארויסנעהמען פאלשע ראיות. זא געפינען מיר צום ביישפיעל (רוימער 13) מאכט ער פון ותזכה בשפטך אויף ותזכה בהשפטך (תהלים נ״א) אין ערסטען פאלל הייסט עס אז דער פאעט זאגט צו גאט; „אום דוא נאט זאללסט גערעכט זיין אין דיין משפט״, אבער וויא פאול האט עס איבערגעמאכט קומט עס אויס, אז דער פאעט זאגט צום מענשען: „אום

דוא זאָללסט געדעבט זיין ווען דוא ווערסט געמשפט ווערען." אין דעמזעלבען בריעף (רוימער 9) האט ער געפעלשט א גאנצען פסוק פון ישעיה „אבן בחן פנת יקרת" א בעווערהרטען שטיין, א טהייערן גרונד־שטיין שרייבט פּאָול אבן נגף וצור מכשול, א שטיין פון אנשטויסונג א פעלזען פון שטרויכלונג; פון המאמין לא יחיש מאכט ער איבער והמאמין בו ליו יבוש דער וואס גלויבט אין איהם וועט ניט צו שאנדע ווערען, אום מיט דיעזע פעלשונג צו בעווייזען אז דער פּראָפעט האט עס געמיינט אויף יעזוס׳ען. פון דעם פסוק אין ישעיה (נ"ט. כ.) ובא לציון גואל, עס וועט קומען צו ציון אויסלעזער, ולשבי פשע ביעקב, או צו דיא וואס האבען תשובה געטהון פון זייערע זינד אין יעקב, מאכט ד׳ער משומד פּאָול ובא מציון גואל, עס וועט קוממען פון ציון איין ערלעזער, וישיב פשע מיעקב אונד ער וועט אבווענדען דיא זינדע פון יעקב. דאן לעגט ער צו צום צווייטען פסוק; ואני זאת בריתי אותם. דיא ווערטער. כי אסלח לעונם, פון וועלבע עס איז אין דעם אָריגינאַל גאָר ניט ערינערט. מיט דיעזע פערענדערונגען האט ער אומגדרעהט דעם גאנצען זינן, אום צו בעווייזען אז דורך דעם גואל, יעזוס׳ען, איז געגרינדעט געוואָרען א נייער בונד, א ברית חדשה, וועלבע בעשטעהט דאַרין, אז גאָט האט דורך איהם מוחל געווען דיא זינד פון דיא מענשען. דיעזע אונד נאָך אזעלבע שענדליכע פעלשונגען האט פּאָול געמאכט כמעט אויף יעדען טריט אונד שרים.

פון פּאָול׳ס בריעפע איז דער וויכטיגסטער דעריעניגער וואס ער האט געש־ריעבען אין קאָרינטה צו דיא כריסטען־געמיינדע פון רוים, אין יאָהר 58—59 נאָך כריסטוס׳ן. אין דיעזען בריעף ענטהאלט זיך כמעט זיין גאנצע משונה׳דיגע לעהרע אונד מען נעהמט אז ער איז ווירקליך פערפאסט פון איהם, אויסער דיא לעצטע צוויי קאַפּיטלען, אויף וועלכע אייניגע ביבעל־פאָרשער בעהויפּטען, אז זייא זיינען נאכהער צוגעשריעבען געוואָרען פון איין אנדערע. דען דיא ערטער וועלבע ער דערמאָנט ווע־גען זיין רייזע וואס ער בעאבזיכטיגט צו מאכען אונד דיא נעמען פון פערשיעדענע פערזאָנען קענען גאָר ניט האבען קיין בעציעהונג צו רוים אונד צו דיא דאָרטיגע געמיינדע.

דיא צוויי בריעפע צו דיא כריסטען געמיינדען, וועלבע ער האט געגרינדעט אין קאָרינטה, א שטאָדט אין גריעכענלאַנד, זיינען אויך געשריעבען געוואָרען צו דערזעלבער צייט, אָהן א צווייפעל פון איהם זעלבסט. דיא היסטאָרישע וויכטגקייט פון דיעזע בריעף איז, ווייל מען קען פון זייא ערפאַהרען פערשיעדענע צושטענדע אין דיא אור־כריסטליכע געמיינדען. אויך דער בריעף צו דיא כריסטליכע געמיינדען אין גאַלאַטיען, א פּראָווינץ אין קליין אזיען, איז אנערקענט אלס דיא פערפאסונג פון

פּאָול'ן, געשריעבען אין 56 אדער 57 יאהר. וויא עס איז צו זעהען פון דיעזען בריעף זיינען יענע כריסטען בעשטאנען מייסטענס פון בעקעהרטע היידען, וועלכע האבען אבער וויא עס וויזט אויס נאכהער פערוואָרפען זיין לעהרע אונד זיך אָנגעשלאָסען צו דיא אידען־כריסטען, וואס האבען נאך דאן געהאלטען אללע געזעטצען פון תורת משה. פּאָול פלוכט דאָרט אונד מוסר'ט זייא, אז זיי זאָלען אוועקוואַרפען די תורה אונד גלויבען נור אין זיין לעהרע פון אמונה.

דיא בריעפע צו דיא עפעזער, צו דיא קאָלאָסער אונד צו פילעמאָן, איז אונבעשטיממט ווען זייא זיינען געשריעבען געוואָרען אונד דאס גרעסטע טהייל פון דוא ביבעל קריטיקער זיינען געקוממען צו דעם בעשלוס אז דיעזע בריעפע זיינען גע־פעללשט, אז אירגענד איין אונבעקאנטער האט זייא פערפאסט נאכהער אויף פּאָול'ס נאמען. דיא בריעפע זיינען א מין סירקולארען צו פערשידענע געמיינדען אין אזיען, וועלכע פּאָול האט זעהר גוט געקענט אונד דעננאָך איז דאָרט ניט ערמאינערט וועגען אירגענד וועלכע לאָקאלע פערהעלטניסע, אָדער נעמען פון פערזאָנען וויא מען געפינט עס אין דיא בריעף וואס זיינען ווירקליך פון איהם געשריעבען געוואָרען, אויך צייגען דיא אויסדריקע פון דיעזע בריעף אז זיי זיינען פאלשע, נאכגעמאכטע אויף פּאָול'ס נאָמען.

דער בריעף אן דיא פיליפּער, איז געשריעבען אין יאהר 63 אָדער 64, וועה־רענד פּאָול איז געזעסען אין א געפעגגניס פון רוים. דיא אויסדריקע פון דיעזען בריעף זיינען אפילו גראדע אזעלכע וויא עס פאסט פיר אזא שענדליכען משומד. ער רופט דיא אידען כלבים, קצוצי ערלה, דענאך צווייפעלט מען אויב דער בריף איז עכט ריכטיג אָדער געפעללשט. דיב צווי בריעפע אין דיא טהעסאלאָניקער, א שטאָדט אין גריכענלאנד, ווענדעט פּאָול צו דיא כריסטליכע געמיינדען וואס זיינען דאָרט קירצליך געגרינדעט געוואָרען, אין וועלכע ער שילדערט זיי פאנטאזיעס, וויא יעזוס וועט באלד ווידער ערשיינען, אלס א היממלישער גענעראל, מיט א שופר, אויפצו־וועקען אללע וואס זיינען געשטאָרבען אונד נאך אזעלכע פלוידערייען. דיא נייעסטע ביבעל־קריטיקער צווייפלען אויך אין דיא עכטהייט פון דיעזע בריעפע, איבערהויפּט שיינט עס אז דער צווייטער איז פאלש.

דאן גיעבט עס נאך צוויא בריעף צו טימאָטהעאוס אונד איין בריעף צו טיטוס,ביידע פּאָול'ס תלמדים אונד געהילפע אין זיין פּראָפּאגאנדע צו פערברייי־טען דעם נייעם גלויבען. טימאטהעאוס איז געבאָרען אין לוקאניען, גריעכענלאנד, פון א אידישע־כריסטליכע פרויא אונד א גריעכע. דער פאטער האט איהם ער־צייגען אלס היידע, אבער פּאָול האט איהם בעקעהרט צום כריסטענטהום אונד, וויא

מיר האבען שוין ערקלערט, האט פּאָול איבער געוויסע אורזאַכען איהם נעלאזען מוהל זיין. דיא כריסטליכע לעגענדע ערצעהלט אז טימאטהעאוס איז נאכהער געווען א בישאף אין עפעזוס, וואו ער איז געשטאָרבען אלס מערטירער. דער צווייטער געהילפע טיטוס איז געווען א היידען־קריסט, ניט געמהלט אונד ער האט אויך בעגלייט פּאָול׳ן אין זיין לעצטע רייזע נאך ירושלים. אויך אויף איהם זאגט מען אז ער איז נאכהער געווען א בישאף אין קרעטא. אין דיא בריעפע צו זייאביידען גיעבט ער זיי אונסטרוקציאָנען, וויא זייא זאָללען פיהרען זיינע ניי־געגרינדעטע געמיינדען. אייך אויף דיזע דרייא בריעפע זאָגט מען אז זייא זיינען פאַלש.

שליעסליך איז דער בריעף צו דיא אידען אנערקענט אלס א פעלשונג. דיזע שריפטשטיק איז ערשיענען ערסט ביי׳ן ענדע פון צווייטען יאהרהונדערט. וויא דיא שפּראכע אונד אנזיכטען פון דעם בריעף בעווייזען האט עס פּאָול ניט געשריעבען. דיא אידען זיינען דורכאויס אידיש־כריסטליכע אונד האבען גאנץ ווענינ צו טהון מיט פּאָול׳ס היידנישע פּראָפּאַגאַנדע. דער בריעף איז דענאך אויפגענומען געוואָרען אין כריסטליכען נייעם טעסטאמענט אויף זיין נאָמען, לויט דיא בעשטיממונגען פון דיא קירכען־פאָרשטעהער אם ענדע פון 3טען יאהרהונדערט, איבערהויפט דורך דעם איינפלוס פון דעם קירכען־לעהרער אויגוסטינוס.

דאביי דארף מען בעמערקען, אז פּאָול ערינערט אין זיינע שריפטען ניט איין וואָרט וועגען יעזוס׳עס מוטער מאריא, אז זיא זאָלל איהם האָבען געבאָרען פון היי־ליגען גייסט, דיעזע אנזיכט איז א שפּעטיגערע, וועלכע דיא היידען־כריסטען האבען אָנגענוממען אין צווייטען יאהרהונדערט. דאס בעווייזט אויך אז דיא עוואנגעליומס, אין וועלכע דיא געשיכטע פון יעזוס׳עס געבורטה איז ערקלערט אויף דיעזען אופן, זיינען געשריעבען געוואָרען ניט פון יעזוס׳עס תלמידים אונד זייערע ערסטע נאכפאל־גער, זאָנדערן אין דיא שפּעטיגערע צייטען.

א ביאָגראַפּיע פון פּאָול׳ס לעבען אין היסטאָרישען זינן גיעבט עס ניט, אויסער דיא בעשרייבונגען אין נייעם טעסטאמענט, וועלכע האבען קיין געשיכטליכען ווערטה: דיא ערצעהלונגען וואס מען געפינט בייא דיא אלטע קירכען־שרייבער זיינען אונגע־ניענענד אינד גיעבען וועגען איהם קיין פּאָללקאָממענע ערקלערונג. מען ווייס זאָ־גאר נים אויב ער האט געהאט א פרוי, נור קלעמענט פון אלעכסאנדריא אונד נאך איהם עוזעביוס בעהויפּטען אז פּאָול איז געווען פערהייראטה אונד דאן פער־לאָזען זיין פרויא, אום ער זאָלל קענען אונגעשטער ארומרייזען פיר זיין וויכטיגע מיססיאָן. דיא אידען־כריסטען, וואס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאָמען „אביונים"

האבען בעהויפטעט, אַ פּאָול איז געווען איין איינפאכער בעטדינגער; ער איז איבער־נעגאַנגרן פון די אידען צו זייער סעקטע פון די נוצרים, נור דארום ווייל ער האט זיך פערליעבט אין זייערע אַ אידישע מעדכען אונד געוואָלט מיט איהר הייראטהען, אָבער מען האט איהם ענטזאגט. דאפיר איז ער זיי געוואָרען אַ ביטערער געגנער אונד אָנגעפאנגען אגיטירען געגען זיי, אז זייער לעהרע איז פאלש, ווייל זיי האלטען פון די אידישע תורה. ער האט אַלזאָ זיי אויף להכעיס נעגרינדעט איין אנדערע היידניש־קריסטליכע סעקטע, אויף גאנץ אנדערע פרינציפּען.

נאכדעם וויא דער איד שאול פון ירושלים איז געקוממען נאך דמשק אלס אַ משומד פּאָול האט מען איהם דאָרט, וויא עס ווייזט אויס, ניט זעהר פריינדליך מקבל פנים געווען. די אידען האבען אויף איהם אנדערש ניט געקענט קוקען וויא אויף אַ שענדליכען פעררעטהער, אונד די נוצרים האבען איבערהויפּט ווייניג צו־טרויען געהאט צו דעם מאן וואס איז ערסט מיט אַ קורצע צייט צוריק געווען זייער ביטערסטער, גרויזאמסטער פערפאָלגער. דער משומד האט אַלזאָ באלד נאכדעם געמוזט ענטלויפען פון דמשק אונד וועהרענד די נעכסטע דריי יאהר האט ער זיך ארומגעטריעבען אין אראביען, וואהרשיינליך זוכענדיג אנהענגער פיר זיין נייע תורה. שליעסליך איז ער אַ צווייטען מאָל געקוממען נאך דמשק, וואו ער האט שוין יעצט געהאט צווישען די נוצרים אַ געוויסע צאהל אנהענגער. זיין עפענט־ליכע פּראָפּאגאנדא, אז די תורה מיט אללע איהרע געזעטצען איז שוין בטל גע־אונד אז ער פּראָקלאמירט אנשטאט דעם אַ נייע לעהרע פון גלויבען אין יעזוס'ען, האט נאטירליך געמוזט ארויסרופען אַ גלוואלטיגען אויפרוהר צווישען די דאָרטי־גע אידען. דער פאָרשטעהער פון די אידישע געמיינדע אין דמשק האט איהם גע־וואלט נעהמען געפאנגען, אבער זיינע אנהענגער האבען איהם ביי נאכט דורך אַ פענסטער אראָבגעלאָזען איבער די מויער־וואנד פון שטאָדט אונד אויף דיעזען אופן איז פּאָול אַ צווייטען מאָל ענטלאָפען פון דמשק.

יעצט האט ער געמוזט אנפאנגען צו טראכטען וואוהין ער זאָל זיך ווענדען. וועהרענד די דרייא יאָהר פון זיין ארומטרייבען זיך האט ער גאנץ ווייניג אויפ־געטהון, דען די גאנצע נוצרים־סעקטע זיינען דאמאָס געווען אידען, וועלכע האבען בעטראכט אלס זייערע הויפּט־פאָרשטעהער די אַפּאָסטעלס אין ירושלים אונד אָהן זייער ווילען אונד ערלויבניס האט קיינער ניט געדארפט נעהמען אויף זיך די ראָללע פון אַ פּרעדיגער, אדער אירגענד אַ גרינדער פון זייערע געמיינדען. פּאָול איז אַלזאָ געצוואונגען געווען זיך צו בעגעבען צוריק נאך ירושלים, נאך דיזעלבע שטאָדט פון וועלכע ער איז מעהר וויא דריא יאָהר צוריק אָבגעפאָהרען אלס

נוצרים־פערפאָלגער אונד יעצט איז ער געקומען צוריק אום פון זייערע אנפיהרער אנערקענט צו ווערען, אז זיי זאָללען איהם אויפנעהמען אין זייער סעקטע.

קוממענדיג נאך ירושלים איז ער דארט זעהר שלעכט עמפפאנגען געווארען. דיא נוצרים־געמיינדע האבען נאך געוויס זיך ערינערט, אז מיט א פערהעלטניסמע־סיג קורצע צייט צוריק איז ער געוועזען זייער ערגסטער פערפאָלגער, דארום האבען זיי געוויס צו אזא מענשען קיין צוטרויען ניט געקענט האבען, גלובענדיג אז ער איז פיללייכט גאָר א שפיאָן. איינער פון זייא האט דענאך זיך פיר איהם אָנגענומען. דאס וואר א געוויסער יוסף, וועלכען זיי האבען א נאמען געגעבען בארנאבאס (בר נבואה), א גריעבישער איד פון ציפפערן, וועלכער איז געוועזען א פראָמינענטער מיט־גליעד אין זייער געמיינדע. אויף זיין פערמיטלונג איז פאָול אויפגענוממען געוואָרען פון דיא אפאָסטעלס פעטער, (שמעון), יעזוס׳עס ערסטער תלמוד, אונד יעקב, יע־זוס׳עס ברודער. דענאך האט וויא עס ווייזט אויס פאָול מיט זיי זיך ניט געקענט איינשטיממען, דען נאך פערלויף פון צוויי וואָכען איז ער אָבגעפאָהרען פון ירושלים וואו ער איז איבערהויפט ניט זיבער געוועזען מיט׳ן לעבען, אונד דאן איז ער געקומען צו דעם ענטשלוסס צו פרעדיגען זיין נייע רעליגיאָן ניט אזוי פיעל פיר אידען וויא איבערהויפט פור דיא היידען.

דאָ האט אבער פאָול געוואונען א וויכטיגען נאכפאלגער, נעמליך, דעמזעלבען בארנאבאס, וועלכער האט זיך צו איהם אָנגעשלאָסען אונד זייא זיינען צוזאממען אָבגעפאָהרען פון ירושלים. זיי האבען זיך בעגעבען צוערסט נאך סיליסיא, דיא גריעבישע פראָווינץ וואו פאָול איז געבאָרען, אונד פון דאָרט איבער פערשיעדענע שטעדט פון קליין־אזיען, מאסעדאָניען אונד דיא וויטערע אומגעגענדען. פאָול האט וועהרענד דיעזע רייזע געגרינדעט היידען־כריסטליכע געמיינדען, וויא צום ביישפיעל אין גאלאטעס, עפ עזוס, פיליפי. טהעסאליען אונד קאָררינטה. דיא הויפט־מאכט אבער האט פאָול געוואונען דאמיט וואס בארנאבאס האט איהם איינגעפיהרט צו דיא גרויסע סעקטע אין אנטיאָך, דיא הויפט־שטאָדט פון סיריען, וואו עס האט דאן שוין עקסיסטירט א גרויסע געמיינדע, צוזאממען־געמישט אידען און היידען, וועלכע האבען אויפגעגעבען דעם נאמען נוצרים אונד אנשטאט דעם זיך גערופען כריסטען. ביי אזא געמיינדע האט פאָול שוין געמוזט האבען א פיעל גרעסערען ערפאָלג, ווייל זיי האבען שוין וועניגער געהאלטען פון דיא אידישע תורה־געזע־צען אלס דיא נוצרים פון ירושלים.

בעפאָללמעכטיגט פון דיעזע גרויסע געמיינדע אלס פאָרשטעהער אונד אפאָס־טעלס, האבען פאָול אונד בארנאבאס זיך בעגעבען אויף א צווייטע מיססיאָנס־רייז־

זע, בייא וועלכע עס איז זיי געלונגען צו בעקערהען נאך מעהר היידען צום כריסטענ־טהום. פּאָול האט איבעראל מיט פייער געפּרעדיגט זיין נייע רעליגיאָן, אז מען דארף קיין תורה, קיין געזעטצען, אז דער אמת׳ער יודענטהום איז דאס גלויבען אין יע־זוס׳ען, אז ער איז געווען דער משיח. דיזע לעהרע האט געמוזט מאכען א טיעפען איינדרוק אויף דיא היידען, וועלכע האבען שוין צו יענער צייט וועניג וואס געהאל־טען פון זייערע אייגענע ווילדע צערעמאָניעס אונד ווען פּאָול איז געקוממען אונד פאָרגעשטעללט א העכערען בעגריף פון גאָט האבען זיי עס נאטירליך באלד אָנגענו־מען. עס איז צוואר ריכטיג אז פּאָול׳ס גאָט האט געהאט א זוהן, וועלכער האט מיט זיין טויט אויסגעקויפט דיא מענשען פון זינד אונד נאָבדעם וויא ער איז וויע־דער לעבענדיג געוואָרען איז ער יעצט א צווייטער גאָט, א פערמיטלער צווישען זיין פאטער, דעם הויפּט גאָט, אונד צווישען מענשען. אבער גראָדע דיזע לעגענדעס זיינען דיא היידען געפעלען געוואָרען, ווייל נאך זייערע אנזיכטען, אלס געטצענדיע־נער, איז דאס געווען פיר זיי פיעל בעגרייפליכער, אלס דיא ריינע אידישע אידעע פון אחדות הבורא.

נאך פערלויף פון איינינע יאהר, אלס פּאול אונד בארנאבאס זיינען צוריקגע־קוממען נאך אנטיאָך, האבען זיי דאָרט געפונען א גרויסע שפּאלטונג אונד צאנקע־רייען. דיא פאָרשטעהער פון דיא נוצרים.געמיינדע אין ירושלים זיינען שליעסליך אויפמערקזאם געוואָרען אז אין אנטיאָך פאנגט זיך אָן צו גרינדען א נייע רעליגיאָן, וועלכע אנערקענט נור דעם נאָמען יעזוס, אבער זיא פערוואָרפט אללע געזעטצען פון יודענטהום. אזא זאך האבען דיא אידישע נוצרים ניט געקענט צולאָזען, דען טראָטץ זייער גלויבען אין יעזוס׳ען, זיינען זייא געווען שטרענגע אנהענגער פון תורת משה. פון ירושלים האבען זויא אלזאָ ארויסגעשיקט שלוחים נאך אנטיאָך צו פּראָקלאמירען, אז פּאָול׳ס לעהרע איז פאלש, אז יעדער וואס גלויבט אין יעזוס׳ען איז פערפּפליכטעט פּינקטליך צו ערפיללען אללע געזעטצען פון דיא אידישע רע־ליגיאָן. דיא שפּאלטונג איז געווען אזויא גרויס, אז דיא אידען־כריסטען האבען זיך ענטזאגט צו עסען בייא איין טיש מיט דיא היידען־כריסטען אונד דיא ערסטע האבען אנגעפאנגען צו פערדאממען פּאָול׳ן אלס פעררעטהער אינד אפּיקורוס, אונד זאָגאר זיין נאכפאָלגער בארנאבאס האט אנערקענט אז דיא אידען־כריסטען האבען פאָלקאָמען רעכט.

טראָטצדעם וואס פּאָול איז שוין יעצט געווען מעכטיג גענוג, מיט די מאסען פון זיינע היידען־כריסטליכע נאכפאָלגער, האט ער דענאך געמוזט איינזעהען, אז עס איז פיר איהם נויטהיג זיך צו פערשטענדיגען מיט דיא פאָרשטעהער פון דיא

נוצרים אין ירושלים, אום דיא זאכע אין ארדענונג צו ברענגען, דען זאנסט וועט עס איהם זעהר פיעל שטערען אין זיין וויטערע פראפאגאנדא. דיא אפאסטעלס אין ירושלים, צווישען וועלכע עס וואָרען צוויא תלמידים פון יעזוס'ען אונד איינער זיינער א ברודער, זיינען געווען בעטראכט אלס דיא גרעסטע אויטהאריטעטען, זייערע אנזיכטען אונד מיינונגען, אז דער גלויבען אין יעזוס'ען מוז בלייבען צוזאממען געבונדען מיט דיא אידישע רעליגיאן, אז יעזוס איז ערשיענען נור פיר אידען אונד אויב א היידע וויל זיך צו זיי אנשליסען מוז ער זיך מגיר זיין אונד פינקטליך ערפיללען אללע געבאטען פון תורת משה,—דאס אללעס איז געווען פונקט פערקעהרט געגען דיא אידעען וואס פאול האט געפרעדיגט, אונד אויב דיא אפאסטעלס זאלען ענערגיש אויפטרעטען געגען איהם אונד פערדאממען זיין לעהרע אלס איין אפיקורס'ישע, וועט ער שליעסליך קיין ערפאלג ניט האבען, זאגאר ביי דיא היידען־כריסטען.

פאול איז אלזא געקוממען נאך ירושלים אונד דארט אבגעהאלטען א קאנפערענץ מיט דיעזע דריי אפאסטעלס, פעטער, (שמעון), יאהאנעס (יוחנן) אונד יעקב. דאס וואר אונגעפעהר אין יאהר 52 אונד אין דער קאטאלישער געשיכטע איז דיעזע בעגעבענהייט אנגענוממען געוואָרען אלס דיא ערסטע קירכען פערזאממלונג. בייא דיעזער קאנפערענץ, איז מען געקוממען צו א וויכטיגען קאמפראמיס: פאול אונד בארנאבאס זיינען אנערקענט געווארען אלס אפאסטעלס, אלס מיסיאנערען פיר דיא היידען, וועהרענד דיא אפאסטעלס אין ירושלים האבען פיר זיך געלאזען דיא אויפגאבע צו פראפאגאנדירען נור צווישען אידען. וואס אנבעטרעפט דיא בעקעהרטע היידען האט פאול דורכגעזעצט אז זיינע אידעען זיינען אנערקענט געוואָרען, דיא היידען, אלס א געוויסע קלאססע גרים, קענען אויפגענוממען ווערען אין דיא אידישע נוצרים־געמיינדע אונד זייא זיינען דאבייא ניט מחויב זיך צו לאזען מוהל'ען אדער צו ערפיללען די געזעטצען פון דער תורה, אויסער נור פיער, נעמליך: זייא דארפען ניט דינען קיין עבודה זרה, ניט מנאף זיין, ניט מארדען אונד ניט עסען קיין דערשטיקטע נבלות. דאגעגען מוזען אבער דיא נוצרים פון דיא געבארענע אידען פינקטליך האלטען אללע מצות פון דער תורה. דיעזער אבמאך איז ערקלערט געוואָרען אין א בריעף צו דיא נוצרים־געמיינדע, אין אנטיאך, אין וועלכען דיא אפאסטעלס האבען בעשטעטיגט, אז פאול אונד בארנאבאס זיינען אנערקענט אונד בעפאלמעכטיגט אלס היידען.מיסיאנערען.

דיעזער מאמענט דארף בעטראכט ווערען אלס איינער פון דיא וויכטיגסטע אין דער אור־געשיכטע פון קריסטענטהום. מיט דיא אנערקענונג פון דיא היידען

אלס פאָלשטענדיג בערעכטיגטע מיטגליעדער פון דיא נוצרים־געמיינדע, האט דיא נייע רעליגיאָן געמאכט דעם ערסטען שריט פון דיא פּאַלעסטינישע ענגע גרענעצען אין דיא וויטע גרויסע וועלט, אום פון אַ קליינע אידישע סעקטע פערברייטעט צו ווערען אַלס איין אַללגעמיינע רעליגיאָן פון פיעלע פעלקער אונד לענדער. צו דער־זעלבער צייט האבען אבער אויך דיא אַפּאָסטעלס דאמיט אונטערגעשריעבען דעם טאָדעס־אורטהייל פון זייער סעקטע. דיא היידען, אונטער דעם נאמען פון גרים, זיינען וואס ווייטער געוואָרען צאהלרייכער אונד מעכטיגער; זייא האבען מיט זיך אריינגעשלעפּט נייע, גאנץ פרעמדע אנזיכטען אונד אידעען, וועלכע האבען שוין גאר ניט געהאט צו טהון מיט דעם יודענטהום, פאר זייא איז יעזוס געוואָרען פון אַ געט־ליכען מאן אַ מענשליכער גאָט. דיא אידען־כריסטען האבען נאך אַ לענגערע צייט געקעמפּפט געגען זייערע היידנישע גלויבענס־גענאָסען, אבער מיט דיא פערמעהרונג פון דיעזע לעצטע איז אויך זייער מאכט אין דיא געמיינדעס געוואָרען, שטארקער. דער אידישער גייסט איז ביסלאכוויז איבעראל בייא זייא אויסגעשטאָרבען אונד דיא אידישע נוצרים זיינען שליעסליך פערשוואונדען געוואָרען אין דעם מעכטיגען, גרויסען שטראָם פון כריסטליכען היי־דענטהום.

מיט דיעזען פּאַללמאכטס־בריעף האבען פּאָול אונד בארנאבאס זיך בעגעבען צוריק נאך אנטיאָך. אויסערדעם זיינען מיט זייא מיטגעפאָהרען פון ירושלים אַ דער־פוטאציאָן פון צווייא פּראָמינענטע מיטגליעדער פון זייער סעקטע, אַ געוויסער יהודה בר שבא אונד סילא, אום פערזענליך איינצופיהרען אָרדנונגען אין דיא אנגעלעגענ־הייטען פון דיא דאָרטיגע ניצרים־געמיינדע. וועגען דיא ווייטערע טהעטיגקייטען פון דעם בר שבא גיעבט עס קיינע ווייטערע בעריכטע ניט, אָבער סילא האט אין דער אַפּאָסטאָלישער צייט נאכהער זעהר פיעל פּראָפּאָגאנדירט אונד בעגלייטעט פּאָול'ן אין איינינע פון זיינע שפּעטערע מיסיאָנס רייזען. וועגען דיא פערזאָן פו[illegible] דיעזען סילא איז דענאָך קיין היסטאָרישע דייטליכקייט ניט בעוויעזען. אין פּאָולס בריעפע איז ער ערינערט איינינע מאָל מיט דעם נאמען סילוואנוס אונד פיעלע קיר־כען־שרייבער בעהויפּטען אז סילא איז איין אבקירצונג פון דיעזען נאמען; דאגעגען זאגען דיא אלטע לעגענדעס, אז עס ווארען צווייא בעזונדערע פערזאָנען אונטער דיי־זען נאמען;סילא איז געוועזן בישאָף אין קאָררינטה אונד סילוואנוס אַ בישאָף אין טהעסאַליען.

דענאָך האט מיט דיעזען קאָמפּראָמיס דער קריעג ניט אויפגעהערט. איינער זייטס האט פּאָול שוין בעקוממען דיא פּאָללמאכט אונד דיא אנערקענונג אלס חיי־

דען־אפאסטעל; איהם איז שוין אלזא מעהר ניט נויטהיג געווען צו בעטען טובות ביי דיא נוצרים אפאסטעלס אין ירושלים אונד אלס א מענש מיט א געמיינעם כאראקטער האט ער יעצט עפענטליך אויפגעטרעטען געגען זייא אונד אין פיעלע פון זיינע בריעף געפינט מען איראָנישע אויסדריקע, וויא ער לאכט אב פון זייא אונד רופט זייא „דיעניגע וואס זיינען כלומרשט דיא זיילען פון דער קירכע" אדער „איך האב זיך אפילו ניט איין מאָמענט ערניעדריגט פיר דיעזע „תכשיטים", וועלכע האָבען מיר גאר ניט געקענט צו־געבען." אנדערערזייטס האבען דיא אידישע נוצרים דיעזען אָבמאך ניט געוואָללט אנערקענען אונד בשום אופן ניט געוואָללט איינשטימען, אז איינער וואס האט זיך מגיר געווען אונד געהערט צו זייער געמיינדע, זאָל מעגען עסען נבלות וטרפות. וויא שטרענג דיא נוצרים האבען בעטראכט אזא זינד איז צו זעהען דאפון, אז אלס פעטער האט געגעסען א מאָהלצייט ביי א געוויסען קאָרנעליוס, וועלכען ער האט בעקעהרט צום קריסטענטהום, איז דער אויפרוהר געגען דעם אפאָסטעל געוואָרען זעהר גרויס אונד פאול האט דאָ געפונען א געלעגענהייט איהם צו בעשולדיגען אין היפאָקריטיזם. (גאלאס. 2, 11—13) „אלס פעטער איז געקוממען נאך אנטיאָך" שרייבט פאָול אין דיעזען בריעף „האב איך איהם אין דיא אויגען געזאגט אז ער האט בעגאנגען א זינד, דען פריעהער, איידער עס זיינען געקוממען אייניגע פון יעקב׳ס לייטע, האט ער געגעסען מיט דיא היידען קריסטען, אָבער נאכדעם מורא האבענדיג פאר דיא אידן־כריסטען, האט ער זיך אבגעווענדעט, אונד אויך דיא אנדערע אידען, זאָגאר בארנאבאס, האבען אויך געמאכט אזעלכע הייכלערישע תנועות. אלס איך האב געזעהען אז זיי טהוען ניט וואס ריכטיג איז, האב איך צו פעטער׳ן געזאָגט עפענטליך: „דוא ביזט דאך א איד אונד לעבסט וויא א היידע, וואָרום וויללסטו אלזאָ צווינגען אז דיא היידען זאָללען לעבען וויא אידען?"

א קורצע צייט זאכדעם האט פאָול זיך אויך צוקריעגט מיט בארנאבאס, וועלכער האט צו איהם געוויזען אזוי פיעל פריינדשאפט; בארנאבאס האט זיך דאָן פון איהם אבגעטהיילט אונד פון דיעזער צייט אָן איז דער אָבענגענאנטער סילא אָדער סילוואנוס געוואָרען זיין שטענדיגער בעגלייטער אויף זיינע מיססיאָנס־רייזען אונד צוזאממען מיט איהם בעזוכט פערשיעדענע געגענדען אין סיריען אונד גריעכענלאנד, אום נייע קירכען צו גרינדען אונד דיא פריעהער געגרינדעטע צו פערשטארקען. דיעזע רייזע האט געדויערט אנדערטהאלב יאהר אונד וויא עס איז צו זעהען פון דיא אפאָסטעל־געשיכטע איז ער נאך פערלויף פון דיעזער צייט נאך אמאָל צוריקגעקוממען אין אנטיאָך.

דיא בעשולדיגונגען פון דיא בריסטליבע־געשיכטע שרייבער. אז אידען האבען פאָול'ן פערפאָלגט, איז דורכאויס א שקר. אידען האבען צו יענער צייט געהאט גע־נוג אייגענע צרות פון דיא מערדערישע רוימער, אונד פאָול'ס פראָפּאַגאַנדע איז זיי געוויס וועניג וואס געלעגען אין זינען. אין דער טהאט זיינען פאָול'ס חויפט געגנער געוועזן ניט אידען, אבער דיא אידישע נוצרים, וועלכע זיינען איהם נאכגעפאהרען איבעראלל, ניט נור אין אנטיאָך, א שטאָדט וואס איז ניט זעהר וויט פון ירושלים זאָנדערן אויך אין פערשיעדענע וויטערע געגענדען פון גריעכענלאַנד. דאס זעהט מען פון זיינע אייגענע בריעף, אין וועלכע ער רעדט נור פון זיינע געגנער דיא געמוהל'טע נוצרים זאָגאַר אין קאָררינטה, זיין ליעבלינגס־געמיינדע, וועלכע ער אלליין האט געגרינדעט, איז געפיהרט געוואָרען געגען איהם א גרויסע אגיטא־ציאָן, דורך דיא שלוחים פון דיא נוצרים אין ירושלים. „דארום בעט איך אייך" שרייבט ער צו זיי, „פערבלייבט מיינע נאכפאלגער, דען איהר זייט איינגעשלאָסען ביי מיר אין הערצען צו לעבען אונד שטארבען מיט אייך. אונד ווען איך בין זאָגאר קיין אפּאָסטעל ביי אנדערע, בין איך דאָך געוויס פיר אייך יא איין אפּאָס־טעל." דענאָך וויא ער איז נור פון דאָרט אַבגערייזט נאָך עפעזוס האט ער ער־פאהרען, אז דיא פּארטיי פון זיינע געגנער איז אין דער קירכע פון קאָררינטה גע־וואָרען נאָך שטארקער. דאָרט געפינען זיך שוין פיעלע וואס זאָגען: „איך בין פון פּעטער'ס פּארטיי. אונד דיזע געגנער פערדאממען איהם איבעראלל. זיי ערקלער־רען, אז ער האט גאָר קיין רעכט זיך צו רופען אפּאָסטעל, קיינער האט איהם דארויף קיין פאָללמאכט ניט געגעבען. זייא קוממען מיט פאָלל־מאכטען גראדע פון יעזוס תלמידים אין ירושלים אונד ערקלערען איבעראל, אז פאָול איז דער פערדערבער פון זייער לעהרע. (קאָררינט. 10 אונד 11.) דאָרט שרייבט ער אויך צו זייא, „ווען יעמאנד קוממט אונד פּרעדיגט אויך איין אנדער יעזוס, וועלכען איך האב אייך ניט געפּרעדיגט, ווען איהר ערהאלט פון איהם איין אנדער גייסט, וועלכען איהר האט פון מיר ניט ערהאלטען, אדער איין אנדער עוואנגעליום, וואס איך האב אייך ניט געלערענט. דענאָך פערטראגט איהר זיך מיט איהם זעהר גוט. אבער איך בין געוויס ניט קלענער וויא יענע גרויסע אפּאָסטעלס," אונד אזויא וויטער בעקלאָגט ער זיך אונד ריהמט זיך אונד זוכט זייא צו איבערצייגען אז זיין לעהרע איז דיא אמת'ע, דארום זאָללען זייא פון איהם ניט אבשטעהען.

וויא מען זעהט פון דיא געשיכטע וואס האט מיט איהם פּאסירט אין עפע־זאָס, אז נאָך פערלויף פון דרייא יאהר וויא ער איז דאָרט געוועזן בעשעפטיגט מיט

פרעדיגען, האט מען איהם שליעסליך פון יענער שטאָדט פערטריעבען, איז דאפון זיך לייכט פאַרצושטעללען, אז אזעלכע זאכען האבען מיט איהם זעהר אָפט פאסירט איבעראלל. פון זיין בריעף צו די רוימער (3, 8) איז צו זעהען, אז זאָגאר דאהין האָבען געגרייכט דיא נאַבריכטען וועגען זיינע פאלשע לעהרען. אז ער זאָגט מען מעג טהון בעגעהען אללע זינדע ווען עס קוממט נור דאפון ארויס גוטעס, דאס הייסט, ער בעהויפּטעט, אז מען מעג טהון אללע עברות, וואס זיינען פערבאטען פון דער תורה, ווען עס איז נור מעגליך דאמיט צו געווינען גלויביגע פיר יעזוס'ען. דיעזע בעשולדיגונגען געגען איהם האבען וואהרשיינליך געבראכט דאצו. אז ער איז נאך אמאל געצוואונגען געווען זיך צו בענעבען נאך ירושלים, דאס וואר בערך זיעבען יאהר שפּעטער, אין יאהר 59, אום זיינע געגנער דאָרט צו בעפריעדיגען, האט ער צוזאממען געקליבען פון זיינע היידנישע אנהעננגער א מאססע געלד, פיר דיא „ארמע הייליגע" אין ירושלים. יעצט איז ער וויעדער געקוממען מיט טריאומפף, זיכער אז ער וועט דאָ האבען איין טרפאלג, אָבער ער איז עמפפאנגען געוואָרען גאנץ אנדערס וויא ער האט געדעכענט. דאס געלד וואס ער האט מיטגעבראכט איז בעטראכט געוואָרען אלס א מיטעל צו געבען שוחד, אום אונטערצוקויפען דיא וואהרע אפאָסטעלס, אז זייא זאָללען איהם אנערקענען אלס זייער גלייבען. דאצו האט ער נאך וויא א ריכטיגער משומד להכעיס אָבגעטאָהן אין דער אידישער רעדידענץ א סקאנדאל וואס דאדורך איז ארויסגעקוממען א געוואלטיגער אויפרוהר; ער האט זיך מיט א פאלשען תירוץ אריינגענגב'עט אין טעמפּעל, מיט איינינע פון זיינע היידנישע בעגלייטער. מען האט איהם אבער דערקענט אונד ווען ניט דיא רוימער וואָללט איהם דער אויפגערעגטער המון געוויס קיין לעבענדיגען ניט ארויסגעלאָזען, אבער דיא רוימישע רעגיערער פון שטאָדט האבען איהם גערעטעט אונד אוועקגעשיקט ארעסטירט נאך סעזארעא, צו דעם פראָקוראטאָר, ער זאָלל דיא זאך אונטערזוכען. פון דיא בעשרייבונגען אין דער אפאָסטעל־געשיכטע, איז אויך בייא דיעזען צופאלל צו זעהען, אז דיא הויפט־בעשולדיגער געגען איהם זיינען געווען דיא גריעכישע אידען פון קליין־אזיען, דאס הייסט אלזאָ דיזעלבע צווישען וועלכע פּאוֹל האט זיך דיא גאנצע צייט ארומגעטריבען, אום זיי צו בעקעהרען צו זיין נייע יעזוס לעהרע. אָבער דאָ איז שוין געקוממען א סוף אויף זיין פראָפּאגאנדא, מעהר וויא 2 יאהר איז ער געווען ארעסטירט אין סעזארעא אונד דאן האט מען איהם אין הערבסט פון יאהר 61 אָבגעשיקט נאך רוים, ווייל ער האט זיך בערופען אויף דעם אורטהייל פון קייזער אונד ער האט געהאט א רעכט דאצו, דען אלס א געבאָרענער

אין דיא רוימיש־גריעכישע פראָווינצען האט ער זיך גערעכענט אַלס א רוימי־שער בירגער.

פערהאַסט פון אידען אַלס א שענדליכער משומד אונד פון זיין אייגענע סעק־טע אַלס אפיקורות, איז דיעזער פּאָול שליעסליך פערשוואונדען פון דער סצענע. אין רוים איז ער געבליעבען אין געפאַנגענשאַפט מעהר וויא צוויי יאהר, אזוי שרייבט מען אין דיא אַפּאָסטעל־געשיכטע, אבער ריכטיגער איז אנצונעהמען, אז ער איז שוין מעהר פון געפענגניס ניט בעפרייט געוואָרען, דען מעהר איז פון איהם ניט גע־וועזן צו הערען. אנדערע קירכליכע שרייבערס בעהויפּטען אפילו אז ער איז פון גע־פאַנגענשאַפט בעפרייט געוואָרען אונד האט דאַן אונטערגענומען מעהרערע מיסיאָנס־רייזען, איבערהויפּט נאָך שפּאַניען, אונד דאַן האט מען איהם ווידער אַרעטירט אונד ער איז אונטער דיא רעגיערונג פון קייזער נעראָ, אין איין צייט מיט דעם אַ־פּאָסטעל פּעטרוס, אין רוים הינגעריכטעט געוואָרען, נעמליך: מען האט זייא ביידען אראָבגעהאַנט דיא קעפּ. אבער היסטאָריש איז דאס ניט בעוויעזען אונד עס איז פיעל וואהרשיינליכער אנצונעהמען, אז דיעזע הינריכטונג האט שטאטגעפונען נאָך דיא צוויי יאהר פון זיין געפאַנגענשאַפט.

מען זעהט אז דיא רעליגיאָן פון ליעבע, וועלכע יעזוס האט געפּרעדיגט, האט שוין באַלד אין דיא ערסטע פּעריאָדע געבראַכט גראַדע פערקעהרטע רעזולטאַטען. זיינע נאכפאָלגער האבען איינע דיא אנדערע פערפאָלגט מיט דיא ערגסטע שנאה אונד דעם ווילדעסטען פאַנאַטיזמוס, ווייל אין זייער געמיינדע האבען שוין באַלד אין דיא ערסטע איינינע יאהר אויסגעבראָכען פיינדשאַפט אונד שפּאַלטונגען.

וועגען די טהעטיגקייט פון די אנדערע אַפּאָסטעלס אונד די לעבענס־בעשרייבונגען פון יעדען בעזונדער גיעבט עס נאָך וועניגער ריכטיגע היסטאָרישע פאַקטען אַלס פון פּאָול. דיא אורזאַכע איז ווייל דאס גאַנצע כריסטענטהום איז אייגענטליך ניט א יעזוסטהום, ניט אזא רעליגיאָן, וואס איז געגרינדעט אונד ענטוויקעלט אויף דיא פּרינציפּען פון דעם נוצרי אונד זיינע תלמידים, זאָנדערן א פּאָוליזמוס, א אמונה וואס דיעזער זעלבסט געמאַכטער אַפּאָסטעל האט אויסגעטראַכט, נאָך זיינע אייגע־נע פאַנאַטישע אידעען, אונד אויף דעם פונדאַמענט וואס ער האט געלעגט איז אויפ־געבוים געוואָרען דיא גאַנצע געביידע פון א קירכע, וועלכע רופט זיך מיט דעם נאָ־מען כריסטענטהום. יעזוס איז ביי זיי גאָר איין אנדער, ניט אזעלכער וויא ער האט פון זיך אַליין געקענט דענקען אונד ניט אזא פּערזאָן וויא דיא אַפּאָסטעלס אין ירושלים האבען זיך פאָרגעשטעלט. דער פּאָול׳נישער יעזוס איז א פאַנטאַזיע געבאָ־רען אין דעם צוהיצטען, קראַנקהאַפטען מוח פון א אונגוויסענדען אַגיטאַטאָר אונד א

ווילדען פאנאטיקער; דיעזע פאנטאזיע האט זיך ענטוויקעלט אין פיעשיעדענע, אי־
בערנאטירליכע לעגענדעס, וועלכע זיינען געבראכט געוואָרען אין א געוויסע סיסטעם
פון דאָגמען (עיקרי אמונה) אונד דאפון האט זיך אויסגעבילדעט א זאָגענאַנטע
כריסטליכע קירכע.

עס איז דארום זעהר נאטירליך אז דיא כריסטליכע געשיכטע האט זיך אינ־
טערעסירט מעהר מיט פאָול'ן, אלס דעם דירעקטען גרינדער פון זייער גלויבען אונד
דארום זיינען זיינע טהאטען אונד זיין לעבען גאנץ גענויא, וויא וויט דאס איז מעג־
ליך געווען דורכגעפאָרשט אונד בעשריעבען געוואָרען. וואס אנבטריפט די אנדערע
אפאָסטעלס האט מיט זייא אין דער קירכע פאסירט דאָסזעלבע וויא מיט יעזוס'ען
זעלבסט. פון זייערע לעהרע אונד אנזיכטען איז אין כריסטענטהום קיין שפור ניט
געבליעבען! זייערע אָריגענעלע נוצרים־געמיינדען זיינען אונטערגעגאנגען אין דעם
מבול פון דיא פאָולינישע־הייִדנישע גרים. אנשטאט דעם וואס אין אָנפאנג האבען
דיא אידישע נוצרים פערדאמט פאָול'ן אונד זיינע אנהענגער אלס 'אפיקורוס אונד
פאלשען לעהרער, האט זיך באלד דער רעדעל איבערגעדרעהט פונקט פערקעהרט,
דיא פאָול'נישע קירכען זיינען געוואָרען פערמעהרט אונד פערברייטעט; זיינע אי־
דעען אָנגענומען אלס דיא עכטע אונד וואהרע כריסטליכע לעהרען, דאגעגען
אבער זיינען דיא אנזיכטען פון דיא ·אידישע נוצרים אויסגעשטויסען אונד אויסגע־
מעקט געוואָרען, אלס אפיקורס'ישע, אלס אונכריסטליכע וואס זיינען געגען דיעזען
גלויבען. פון יעזוס'ען אונד זיינע תלמידים זיינען אין כריסטענטהום איבערגעבליע־
בען נור דיא פוסטע נעמען, אבער דיעזע נעמען האבען זיי פערהייליגט אונד אויס־
געפוצט מיט זאגען אונד לעגענדעס, ווייל דאס איז נויטהיג געווען, פאר דיא פראָ־
פאָגאנדע פון די ניי־געגרינדעטע רעליגיאָן, צו „בעווייזען" אז זיא איז געגעבען געוואָ־
רען פון גאָט אלליין, דורך דיא פערמיטעלונג פון זיין זוהן יעזוס כריסטוס.

דיא נעמען פון דיעזע אפאָסטעלס האבען מיר אנגעצייגט אויף איין אנדער
שטעללע פון דיעזען בוך אונד דאָרט איז אויך ערקלערט, פון וואס פיר א קלאססע
דער אידישער בעפעלקערונג זייא קוממען ארויס אונד פון וועלכען שטאנד זיי זיינען
געווען. דער ערסטער פון זיי שמעון, וועלכען זיי האבען נאכהער א נאמען געגעבען פעט־
טער (פעלזען אויף גריעכיש, ווייל איהם בעטראכט מען אלס דעם פעלזען אויף וועלכען
די קירכע איז געגרינדעט) איז געווען א פיישער, ניט וויט פון כפר נחום אין גליל.
איהם רעכענט מען אלס ערסטען אונד הויפט פון די 12 אפאָסטעלס אונד ביי פער־
שיעדענע אנגעלעגענהייטען זאָלל ער האבען אבגעהאלט'ן רעדעס אין זייערע פער־
זאממלונגען אונד אויך אין דער געגענווארט פון דיא אידישע סנהדרין. אלס ער

אונד זיינע קאָללעגען זיינען פראָצעסירט געוועזען פיר זייער פראָפּאַגאַנדע וועלכע
שטיממט ניט איין מיט דיא אידישע רעליגיאָן. זיין כאַראַקטער וויא זייא שילדערען
איהם אין נייעם טעסטאַמענט איז זיך שווער פאָרצושטעלען. זא הייסט עס, צום
ביישפיעל, אז וועהרענד מען איז געקוממען יעזוס'ען ארעסטירען האט ער אבגעהאַקט
מיט זיין שווערד דעם אויער פון דעם כהן גדול'ס דיענער, דאַן וויעדער, אַלס יעזוס
איז געבראַכט געוואָרען אין כהן גדול'ס הויז צום פערהער, האט פעטער זיך ארייג־
נעגנב'עט אין קיך אונד אַלס איינע פון דיא דינסטען האט אויסגעשפּראָכען איהר
מיינונג אז דיעזער מאַן מוז אויך זיין איינער פון דעם ארעסטירטען נוצרי'ס נאַכ־
פאָלגער האט זיך פעטער ענטזאַגט, אז ער קען גאַר קיין יעזוס'ען אונד קיין נוצרי.
דאסזעלבע האט ער באַלד נאַכדעם צוויוא מאַל וויעדערהאָלט אויף דיא אנפראגען
פון אנדערע פערזאָנען. עס קוממט אַלזאָ אויס, אז דערזעלבער מאַן, וואס האט
מיט א שטונדע פריעהער געקעמפּפט פיר זיין לעהרער מיט א שווערד אין האַנד,
איז באַלד נאַכדעם געוואָרען א שענדליכער פייגלינג אונד האט זיך פון איהם ענט־
זאַגט. אין געוועהנליכע ערצעהלונגען וואָללט מען געפרעגט וויא שטיממט עס צו־
זאַממען, אבער אויף דיא „היילינע" מעשות פון נייעם טעסטאַמענט פרעגט מען
קיין קשיות ניט. אין דער אפּאָסטעל־געשיכטע ווערען פון איהם ערצעהלט פער־
שיעדענע מערקווירדיגע נסים, וואס האבען זעלבסטפערשטענדליך קיין היסטאָרישען
ווערטה. אין דיא בעשרייבונגען וועגען פּאָול'ן האבען מיר געזעהען, אז זייא זיינען
ביידע געוועזען געגנער אונד פּאָול זעלבסט שילדערט איהם אַלס פאָרשטעהער פון די
אידען־כריסטען, וועלכע האבען ניט געוואָללט צולאָזען דיא היידען, אזויא לאַנג ווי
דיעזע האבען זיך ניט מוהל געווען אונד ניט אנגענוממען אַללע געזעטצען פון דיא
אידישע רעליגיאָן, דענאך ערצעהלען דיא זאגען פון איהם, אז ער זאָלל האבען געג־
רינדעט היידנישע קירכען אין פּאָנטוס, גאַלאַטיען, קאַפּאַדאָקיען אונד ביטהיניען,
זאָגאַר אין אנטיאָך, קאָררינטה אונד איבערהויפּט אין רוים, וואו ער זאָל זיך האבען
צוזאַמען געטראָפען מיט שמעון דעם מאַגיער* מיט וועלכען ער האט שוין פריעהר

*) שמעון דער מאַגיער, פון שומרון, איז געוועזען איינער פון דיא מערקווירדיגע
פערזאָנען וועלכע האבען צו יענער צייט זיך ארויסגעגעבען אַלס געטער, האלבע גע־
טער אָדער געשיקטע שלוחים פון גאָט, אום צו רעטען דיא וועלט פון זינד, גראַדע
וויא אויף יעזוס'ן האבען אויך זיינע אנהענגער אויף איהם געזאָגט, אז ער איז דער
צווייטער פון גאָט, געבאָרען ניט דורך א מענשליכע יונגפרוי, זאָנדערן דורך א די־
רעקטען אויספלוס פון דיא געטליכע מאַכט. ער האט ארומגעוואַנדעלט מיט זיינע

געהאט א דעבאטע אין רוים, וויא דאס איז ערצעהלט אין דער אפאסטעל־געשיכטע.

א פרוי, אדער א געליעבטע. מיט דעם נאמען העלענע, אין פערשיעדענע לענדער. אויך איהם האט מען גערופען מיט דיזעלבע טיטלען: „דער לאגאס", „דער אל־מעכטיגער", „דער פאללקאמענער" אונד זיין העלענא איז געווען „דיא ענעא", דער ערסטער פערקעפערטער געדאנקען פון גאט. דיא הויפט אידעען וועלכע מען ער־צעהלט פון דיזען שמעון מאגוס, זיינען גראדע דיזעלבע וויא פון די גריעכישע פילא־זאפישע פאנטאסטען, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט דעם נאמען גנאסטיקער, וויא מיר האבען עס גענויער ערקלערט אויף איין אנדער שטעללע פון דיזען בוך. אויך שמעון מאגוס זאל האבען בעוויזען פיעלע וואונדערבארע טהאטען, פונקט אזוי וויא יעזוס. דיא עלטערע כריסטליכע שרייבער זאגען, אז ער האט אנערקענט אדער גע־וואלט אנערקענען יעזוס'ען אונד אז דיא סעקטע וואס ער האט געגרינדעט זיינען געווען א בעזונדערער זארט כריסטען, וועלכע דיא קירכע האט אויסגעשטויסען אלס אפיקורסים. דיא נייעסטע היסטאריקער בעווייזען דענאך, אז דיזע בעהויפטונגען זיינען פאלש, אז שמעון מאגוס איז געווען א געגנער פון יעזוס'עס נאכפאלגער אונד א פיינד פון זייער קירכע. וואו אונד אויף וועלכען אופן ער איז געשטארבען איז היס־טאריש ניט בעוויזען. אויך פון איהם איז געבליבען א סעקטע, וועלכע האט איהם פערגעטערט אונד זייערע מיטגליעדער האבען עקסיסטירט אונגעפעהר אין פערלויף פון א דריי הונדערט יאהר. אין רוים, זאגט מען, איז זאגאר געווען אויפגעשטעללט זיינע א שטאטוע, צו וועלכע זיינע אנהעננגער האבען געדיענט. נאך שמעון מאגוס האט א געוויסער מענאנדער, אויך פון שמרון, אין פאלעסטינא, זיך ארויסגעגעבען אלס זיין נאכפאלגער, זאגענדיג אויף זיך אז ער איז אויך געבארען דורך א געטלי־כען איינפלוס אונד איז געשיקט, אום צו רעטען דיא מענשהייט פון שטן'ס מאכט אונד זיי צוריק צו ברענגען צום וואהרען גאט. דיא סעקטע וועלכע ער האט געגרינדעט איז געווען וועניגער בעדייטענד אונד האט ניט אזוי לאנג עקסיסטירט. מען זעהט אלזא אז יעזוס איז ניט געווען א בן יחיד אין זיין דור; עס האבען זיך דאמאלס געפונען פיעלע אזעלכע פאנטאסטען, וויא מיר וועלען עס זעהען אין דעם וייטערען פערלויף פון אונזער געשיכטע. זיי זיינען אללע פערשוואונדען געווארען אונד ווען ניט בעזונדערע היסטארישע אומשטענדע וואלט אויך פון דיא כריסטלי־כע סעקטע געבליעבען נור א היסטארישע עראינערונג.

פעטער איז געווען פטרהייראטה; זיין פרוי, וויא דיא זאגע ערצעהלט, האט געהייסען קאנקארדיא, אדער פערפעטוא, אונד זיא האט איהם בעגלייטעט אויף זיינע מיסיאנס־רייזען. זיי זיינעןביידע אין רוים ערמארדעט געווארען, אויף בעפעהל פון דעם קייזער נערא, אונגעפעהר אין יאהר 64, אזוי וועניגסטענס ערצעהלען דיא כריסטליכע שרייבער; אבער היסטאריש איז דאס ניט בעוויזען. אין נייעם טעס־טאמענט געפינען זיך צוויי בריעפע, געשריעבען פון זיין נאמען; אבער דיא נייעס־טע ביבעל קריטיק בעווייזט אז דיעזע בריעפע זיינען פאלש אונד אירגענד וועלכע אונבעקאנטע פעלשער האבען זיי פערפאסט אויף פעטערס נאמען בערך הונדערט יאהר שפעטער.

א פיעל קלענערע ראללע האט געשפיעלט פעטער׳ס ברודער, אויך איין אפאסטעל, מיט דעם נאמען אנדרעאס. אין דער עוואנגעלישער געשיכטע איז פון איהם גאנץ ווייניג ערינערט, אבער לויט וויא דיא לעגענדעס ערצעהלען, האט ער אויך ארומגעפרעדיגט דיא אמונה אין יעזוס׳ען אין פערשיעדענע מדינות, איבער־הויפט אין דיא געגענדען ארום טייך וואלגא, דארום רעכענט איהם רוססלאנד אלס איהר הייליגען. ער זאלל אויך האבען געגרינדעט דיא קירכע אין ביצאץ אונד אויף זיין צוריק רייזע האט ער אין אכיא ערליטען דעם מערטירער טויט, מען האט איהם נעמליך צוגעשלאגען אויף א בעזונדערען זארט קרייץ, נעמליך אין דער פאר־מא פון דעם בוכשטאב X. דיעזער קרייץ איז איבערהויפט הייליג אין דער גריעכ־שער קירכע, ווייל ער בעדייטעט דיא אבקירצונג פון נאמען כריסטוס. דער אנ־דענקונגס טאג פון דיעזען „הייליגען" איז דער 30טער נאוועמבער אונד דיא נאכט פאר דיעזען טאג גלויבען דיא כריסטען איז איין עת רצון, דיא געזעגנעטע צייט פון יאהר. יונגע מעדכען קענען אין דיעזע נאכט זעהען זייערע בעשערטע חתנים.

מיט דעם נאמען יעקב זיינען צווישען דיעזע ערסטע גרינדערס פון כריס־טענטהום געווען דריי פערזאן. דער ערסטער האט געהייסען יעקב דער עלטעס־טער, דער זוהן פון א פישער זבדי פון גליל. אויף איהם זאגט מען אז ער איז גע־וועזען אין שפאניען אונד דארט פראפאגאנדירט דעם נייעם גלויבען, דארום פערעה־רען איהם דיא שפאניער אלס דעם בעשיטצער פון זייער לאנד. ער איז אויף בע־פעהל פון הורדוס אגריפּס, אין יאהר 44, היגגעריכטעט געווארען. דער צווייטער יעקב דער יינגערער, דער זוהן פון חלפי, פון איהם איז אפילו קיין זאגע אויך ניט איבער געבליעבען וואס ער זאלל האבען אויפגעטהון. דער דריטער הייסט יעקב דער גרויסער, וועלכער איז בעצייכענט אין נייעם טעסטאמענט אלס יעזוס׳עס א

ברודער. דאגעגען בעהויפטען אנדערע היסטאָריקער אז דיעזער יעקב אונד דער צווייטער יעקב בן חלפי, איז איין אונד דיעזעלבע פערזאָן. ער איז געווען יעזוס'עס ניט א ברודער זאָנדערן א קאָזין, חייל זיין מוטער אונד מאַריא, יעזוס'עס מוטער, זיינען געוועזן שוועסטער. יעדענפאַללס האט יעקב דער גרויסער געשפיעלט א וויכטיגע ראָללע, אלס פרעזידענט פון דיא ערסטע נוצרים־געמיינדע אין ירושלים. זייא זאָגען אויף איהם אז ער איז זאָגאר געווען זעהר פרום אונד האט שטרענג ערפיללט אַללע דינים פון דער אידישער רעליגאָן. דענאָך האט ער וואהרשיינליך צופיעל פראָפאָגאנדירט וועגען זיין יעזוס'ען, דען אין יאהר 62 איז ער אויף דעם בעפעהל פון כהן־גדול חנניה פערשטייניגט געוואָרען. אין נייעם טעסטאַמענט געפינט זיך אויף זיין נאמען א בריעף. אינטערעסאַנט איז דיעזער בריעף דאַמיט ווייל דאָרט (2, 14־26) איז גענאַנט פונקט פערקעהרט גענגען דעם וואס פאָול דער משומד האט געפרעדיגט, אז דיא הויפט אויפגאַבע איז דיא אמונה, מען זאָל נור גלויבען אין יעזוס'ען, אונד דאן איז מען אויף אָהן מעשים טובים, אָהן דיא געבאָטען פון דער תורה א ריכטיגער בן עולם הבא. יעקב זאָגט אבער: „וואס העלפט דען א מענשען ווען ער גלויבט אונד האט קיין מעשים טובים ניט, קען איהם דען דיא אמונה העלפען? ווען א ברודער אָדער א שוועסטער זיינען נאַקעט אָדער הונגעריג אונד איהר זאָגט זייא צו אז זייא וועט זיין ווארם אונד זאט, אבער איהר גיעבט זייא ניט וואס עס פעהלט, וואס נוטצען זייא דאן אייערע ווערטער? פונקט דאַזעלבע איז אמונה אהן גוטע טהאטען א טויטע זאַך, וואס האט אין זיך קיין לעבען אונד איז גאר ניט ווערטה.—אזויא וויא א גוף אהן א נשמה אזויא איז אויך אמונה אָהן מעשים א געשטאָרבענע זאַך.“

וועגען יוחנן (יאָהאַנעס) אונד מאַטהעאוס (מתתיהו), דיא וואס אויף זייערע נעמען זיינען געשריעבען דיא עוואַנגעליומס, אויף וועגען יהודה איש קריות, האבען מיר ערקלערט אויף איין אנדער שטעללע פון אונזער געשיכטע. וועגען דיא טהאטען פון דיא איבריגע אפאָסטעלס איז אין דעם אור־קריסטענטהומס גאַנץ וועניג עראינערט אויסער פון יהודה בן יעקב, אויף וועלכען אנדערע בהויפטען, אז ער אונד תודי איז איין אונד דיעזעלבע פערזאָן. וועגען זיין לעבענס־געשיכטע ווערען ערצעהלט ווידערשפרעכענדע זאַגען. אייניגע בעהויפטען אז ער איז זאָגאר געווען אין פערזען אונד איז דאָרט געשטאָרבען אלס מערטירער. אויך פון איהם געפינט זיך א בריעף אין נייעם טעסטאַמענט, אין וועלכען ער שילט דיא אפיקורסים פון דיא גנאָסטישע סעקטע.

דיעזע אלע בעריכטען וועגען דיא טהאטען, דיא רייזען, דיא נסים אונד דעם מערטיערער־טויט פון אללע אפאסטעלס זיינען געגרינדעט נור אויף הערען און זאָגען, וועלכע דער עלטעסטער קירכליכער שרייבער עוזעביוס האט צוזאמענגעשטעלט אין זיין געשיכטע, אבער דיעזער עוזעביוס איז בעוואוסט אלס א גרויסער ליגנער אונד דארום צווייפעלט מען זעהר שטארק אויב מען קען זיך פערלאזען אויף זיינע בעהויפטונגען. איבערהויפט זיינען פאלש די בעריכטען אז אללע דיעזע אפאסטעלס, אויסער יוחנן זיינען געשטארבען אלס מערטירער. דאס איז נור געווען א פאליטיק פון די שפעטערע כריסטליכע אניטאטארס, צו שילדערן זייערע אלטע פארשטעהער מיט דיא עדעלסטע אונד ערהאבענסטע מעלות אונד דאן צו ערצעהלען אז מען האט זייא הינעריכטעט מיט גרויזאמע יסורים, אום דאמיט אויפצו־וועקען דעם מאראלישען געפיהל פון מיטלייד צו דיא פערפאלגטע אונשולד אונד אויף דיעזען אופן אנציעהען מעהר בעגייסטערטע אנהענגער צום כריסטענהום. מיט דיעזעלבע רחמנות־פאליטיק האבען אויך דיא אפאסטעלס אנגעפאנגען זייער פראפאגאנדא ויעגען יעזוס'ן אונד דיאשפעטיגערע כריסטליכע אניטאטארס האבען זייא נכאָגעטהון!

עס האט זאגאר צו יענער צייט עקסיסטירט ביי דיא כריסטען א מיינונג, אז ווער עס שטארבט ניט אויף קידוש השם פיר יעזוס'ען אלס מערטירער, זאנדערן מיט א נאטירליכען טויט, קען ניט אריינקומען אין היממעלרייך, דאגעגען ערווידערט איינער פון דיא עלטעסטע שריפטשטעללער העראקלעאן, (סטראמאטא, פון קלעמענט דעם אלעכסאנדרינער, 4, 9.) אז ווער עס גלויבט אין יעזוס'ען אונד טהוט גוטעס וועט געוויס זיין א בן עולם הבא אונד דאביי בעווייזט דערזעלבער שרייבער אז דיא זאגען וועגען דעם מערטירערם טויט פון דיא אפאסטעלס זיינען פאלש. דיעזעלבע בעהויפטונגען געפינט מען אויך ביי אנדערע געשיכטע־שרייבער פון יענע צייטען, אונד עס איז זאגאר א צווייפעל אויב עס איז ריכטיג דיא געשיכטע מיט יעקב, יעזוס'עס ברודער, וועלכען מען זאלל האבען פערשטיינערט אין ירושלים, אויף דעם בעפעהל פון כהן גדול חנניה. אבוואהל דאס געפינען מיר ערצעהלט ביי יאָזעפוס פלאוויוס, אבער מען קען אננעהמען אלס געוויס. אז דאס האבען שפעטער צוגעשריעבען דיא כריסטליכע קירכען־שרייבער, וויא זיי האבען עס געטהון מיט איינינע אנדערע שטעללען פון יאזעפוס'עס געשיכטע.

דיא לעגענדע, אז דיא אפאסטעלס זיינען אללע געשטארבען אלס מערטירער, איז ארויסגעקוממען שפעטער, אין אנפאנג פון 4טען יאהרהונדערטס, נאכדעם וויא קייזער קאנסטאנטין האט ערהויבען דעם כריסטענטהום אלס א הערשענדע

שטאאטס־רעליגיאָן. דיא כריסטען זיינען שוין דאמאָלס בעשטאַנען אין גאַנצען פון דיא געוועזענע גריעכישע אונד רוימישע געטצענדיענער, וואס זייערע עלטערען פלעגען ברענגען אָפּפער צו פערשיידענע מענשליכע געטער, האלבע געטער אונד צו דיא נאציאָנאַלע העלדען, וואס זיינען אויפגענוממען געוואָרען אין דעם גרויסען צאהל פון דיא געטער. דיא כריסטען האבען שוין אַזעלכע היידנישע רעליגיעזע צערעמאָניעס ניט נעדאַרפט מאכען, אָבער היידען זיינען זיי דענאָך געבליעבען אונד זייער גאַנצע בעקעהרונג צו דיא נייע רעליגיאָן איז בעשטאַנען דארין אז זיי האבען בלויז איבערגעביטען דיא נעמען אונד אנשטאדט דיא פיעלע היידנישע געטער האבען זיי אָנגעפאנגען צו דיענען צו זייערע נייע הייליגע, דיא מערטיערער, וואס האבען זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם פאר יעזוס׳ען. דאן איז נאַטירליך נויטהיג געווען אז מען זאָל דיא גרינדער פון דיא קירכע, דיא אַפּאָסטעלס, אויך אויפנעמען אין דעם צאהל פון דיעזע הייליגע מערטיערער, דען עס איז דאָך ניט מעגליך געווען אז זיי זאללען בלייבען שטעהען ניעדריגער וויא אירגענד וועלכע איינפאכע מיטגליעדער פון זייער קירכע. אויב דיא אַפּאָסטעלס זיינען ווירקליך גע־שטאָרבען אלס מערטירער אָדער ניט, דאריבער האט מען זיך ווענינ געקימערט דען אויף אויסטראכטען שקרים זיינען דיא פיהרער פון דיא כריסטליכע קירכע צו יעדער צייט געווען גרויסע בריות.

איבריגענס איז דיא בעדייטונג פון וואָרט מערטירער אזוי פערפלאָנטערט אז מען האט עס געקענט אויסלעגען אויף דיא אַפּאָסטעלס, זאָגאר דאן ווען זיי וואָל־טען ניט געשטאָרבען דורך אַ געוואַלטזאמען טויט. מערטיערער אויף גריעכיש בע־דייטעט יעדע ארט פון איין עדות, פון אַ א אויגענצייגע, וואס האט אליין בייגע־וואהנט אונד געזעהען אַ געוויסע זאך. דער נייער טעסטאמענט, דיא כריסטליכע תורה, איז פערפאסט געוואָרען אין גריעכיש אונד דאָרט הייסט עס אין פיעלע ערטער, אז דיא אַפּאָסטעלס זיינען געווען יעזוס׳עס מערטירער,, דאס הייסט, זיינע עדות, דיעניגע וואס האבען געזעהען מיט זייערע אויגען זיינע נסים. שפעטער האט מען דעם וואָרט מערטירער אויסגעלעגט אויף דיעניגע וואס האבען זיך אויפגעאָפּ־פערט פיר יעזוס׳ן, וועלכע האבען מיט זייער בלוט „מערטיערט“ עדות געזאגט, ווע־גען דיא וואהרהייט פון יעזוס׳ען אונד וועגען זייער גלויבען אין איהם. דיא אונגעביל־דעטע פון דיא נאכפאלגענדע דורות. לעזענדיג אין גריעכישען עוואנגעליום, אז דיא אַפּאָסטעלס וואָרען יעזוס׳עס מערטיער, האבען דאס אָנגענומען אין דעם זינן אז זייא זיינען אויף אירגענד וועלכען אופן געטויט געווארען פיר זייער גלויבען.

אויף דעמזעלבען אופן זיינען אויך שפעטער ארויסגעקוממען דיא לעגענדעס וועגען דיא וויטערע מיססיאָנס־רייזען וואס דיא אפאָסטעלס זאָללען האבען געמאכט, אין אזעלכע מדינות וואס זיינען דאמאָלס געווען בעוואהנט מיט האלב ווילדע, בארבארישע פעלקער, אָדער זאָגאר אזעלכע לענדער וואס זיינען צו יענער צייט גאָר ניט געווען בעוואוסט. עס גיעבען זאָגאר כריסטליכע שרייבערס וואס בעהויפטען, אז דיא אפאָסטעלס האבען בעזוכט אמעריקא, לאפּלאנדיען אונד דיא אינערליכע געגענדען פון אפריקא אונד האבען דאָרט געפּרעדיגט פאר דיא פראים זייער נייע תורה. פון דיא אייראָפּעאישע כריסטליכע נאציאָנען פּרעטענדירט יעדע איינע מיט א בעזונדערן שטאָלץ, אז איהר קירכע איז געגרינדעט געוואָרען אנטוועדער פון דיא אפּאָסטעלס זעלבסט, אָדער פון זייערע נעכסטע נאכפאָלגער. דיא שפּאניער בעריהמען זיך אז דיא גוטע בשורה פון יעזוס'עס ערשיינונג האבען צו זייא געבראכט דיא אפּאָסטעלס פּאָול, יעקב דער גרויסער אונד פיעלע פון דיא 70 שלוחים וואס יעזוס אלליין האט פאנאנדער געשיקט. דיא פראנצויזען גלויבען באמונה שלמה אז זייערע אור־עלטערן זיינען בעקעהרט געוואָרען צום קריסטענטהום דורך דיא פּרעדיגטען פון פּאָול'ס בעגלייטער, וויא צום ביישפּיעל דיאָניזיוס פון אטהען, וועלכער איז געווען א מיטגליעד פון דעם גריעכישען העכסטען געריכטס־הויז (ארעאָפּאג) אונד פּאָול האט איהם בעקעהרט צום כריסטענטהום. אנדערע פראנצויזישע לעגענדעס ערצעהלען אז זייער לאנד האט בעזוכט מאריא מאגדאלענע, דיזעלבע פון וועלכע יעזוס האט ארויסגעטריבען זיבען רוחות, אונד צוזאממען מיט איהר אויך אליעזר, וועלכען יעזוס האט פון טויט לעבענדיג געמאכט. אין איטאליען געפינט זיך כמעט קיין איינציגע שטאָדט וואס זאָל ניט פּרעטענדירען, אז דיא ערסטע בשורה פון כריסטענטהום איז צו זיי געבראכט געוואָרען אנטוועדער דורך פּעטער, אָדער דורך פּאָול, אונד אז זייערע ערסטע בישאָפען זיינען געווען איינגעזעצט אין זייערע עמטער דורך אירגענד איינעם פון דיעזע אפּאָסטעלס. דיא דייטשען בעהויפּטען אז דער אפּאָסטעל פּעטער האט געשיקט צו זייא זיינע תלמידים מאטערנוס, וואלעריאן אונד אנדערע, וועלכע האבען עטאבלירט קירכען אין איינינע שטעדט פון זייער לאנד אונד זיינען דאָרט ביז זייער טויט געווען דיא אנפיהרער אונד דיא פאָרשטעהער פון דיא כריסטליכע געמיינדען. דיא ענגלענדער, אלס זיי האבען נאך געהאלטען פון קאטאָלישען גלויבען, פלעגען בעהויפּטען, אז זייער קירכע איז געגרינדעט געוואָרען דורך פּאָול, דורך שמעון הקנאי, יעזוס'עס א תלמיד, אונד יוסף מן הרמתים, דערזעלבער וואס האט יעזוס'ען אראָבגענוממען פון קרייץ אונד בעערדיגט אין זיין גאָרטען. דיא רוססען, דיא פּאָלען אונד דיא פּרייסען פּערעהרען דעם

אפאסטעל אנדריאס אלס דעם גרינדער פון זייערע קירכען. דאס אללעס זיינען אבער נור לעגענדעס פין דיא אונוויסענדע גלחים אין דיא שפעטינערע דורות, וועלכע האבען דאמיט געוואלט בעוויזען דעם הייליגען אלטערטהום פון זייערע קירכען, אום דאמיט צו געווינען ביי זייערע גלויביגע חמורים מעהר אכטונג אונד דיא הויפטזאך מעהר געלד. דיא יעצטיגע געלעהרטע כריסטליכע היסטאריקער, זאגאר פון דיא פרוממע קלאססע, האבען שוין פערווארפען דיזע אונזיניגע געשיכטעס.

דיא ערסטע כריסטליכע געמיינדען זיינען בעשטאנען פון די ניעדריגסטע קלאסע, פון שקלאפען, ארבייטער, פרויען אונד איבערהויפט פון ארמע, אונוויסענדע פערזאנען, וועלכע זיינען געשטאנען אין דיא טיעפסטע פעראכטונג ביי דיא דאמאליגע געזעללשאפט. צו אזעלכע מענשען האט מען נאטירליך קיין גרויסע חכמות ניט געדאפט האבען; יעמאנד איז נור געקוממען אונד זיי דערצעהלט א מעשה, אז זיי דארפען נור גלויבען אין א מענשליכען גאט אונד דאפיר וועללען זייא אין קורצען זוכה זיין צו א גליקזעלליגע הימטעללרייך, באלד וייא ער וועט ווידער ערשיינען, האבען זיי געווים מיט גרויס בעגייסטערונג דיזע אמונה געמוזט אננעהמען; איבערהויפט נאך ווען דיא ארעמע האבען דא געפונען איין אומזיסטיגען לעבען אויף דעם חשבון פון דער געמיינדע, פון דיא נדבות וועלכע מען האט איבעראלל געקליבען. פון דער צווייטער זייטע ווען מען האט זיי.ערקלערט אז פאר דעם ניט־גלויבען אין יעזוס'ען וועללען זיי אויף אייביג פערלארען זיין אין גהינם, האט דאס געמוזט ארויפיאגען אויף זיי א געוואלטיגען שרעק. זאגאר אין אונזערע צייטען זעהען מיר, אז דיא אונענטוויקעלטע פינסטערע מאססע איז גאנץ לייכט צו בהעררשען מיט דיא דוממסטע אבערגלויבענס, אונד בפרט נאך ווען דאס פאלק איז בוכשטעבליך געשטאנען נאך פיעל וועניגער וויא דער יעצטיגער המון, דאן אלזא האט דיא פראפאגאנדע פון כריסטענטהום געמוזט מאכען א גרויסע ווירקונג אונד עס איז גאר קיין חידוש ניט אז דיזע נייע אמונה האט זיך אזוי שנעלל פערברייטעט צווישען דיא פראסטע קלאססע מענשען.

דאס כריסטענטהום האט אהן א צווייפעל נעוואונען פיעל אנהעגנער פון איידען נאכדעם וויא אין יאהר 67 נאך יעזוס'ען איז ירושלים חרוב געווארען, אונד איידען האבען פערלארען זייער פאליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. נאך אזעלכע ביטערע ליידען, נאך אזעלכע גרויזאמע בעגעבענהייטען, נאכדעם וויא פאלעסטינא איז פערטרונקען געווארען מיט טייכען בלוט פון איהרע בעסטע קינדער אונד קיין משיח איז דענאך ניט געקוממען, אום דאס אונגליקליכע אונטערדריקטע אידישע אלק צו רעטטען, האט זיך ביי זיי געמוזט געפינען א צווייפעל, פיללייכט איז ווירקליך דיע־

זער יעזוס פון נצרת געווען דער פערשפּראָכענער משיח. ער וועט באלד ווידער ערשיינען אונד בעגליקען אללעמען וואס גלויבען אין איהם, היינט פרוואס זאָללען זייא אויך ניט גלויבען, איבערהויפּט ווען דאביי פאָרדערט מען פון זיי ניט זיך צו ענטזאגען פון אלטען גלויבען ? גראָדע פערקעהרט. אלס אידען־כריסטען מוזען זיי ערפיללען אללע געזעטצען פון תורת משה אונד דאביי נור גלויבען אז יעזוס איז געווען דער משיח. דיעזער אומשטאנד האט געמוזט צו יענער צייט צופיהרען א מאססע אידען צו דיא נייע כריסטליכע אמונה.

צו גלייכער צייט האבען דיא רוימישע רעגיערער אָנגעפאנגען שרעקליכע בלוד־טיגע פערפאָלגונגען געגען דיא כריסטליכע סעקטע. דער ערסטער איז געווען דער רוימישער קייזער נערא, דער בעוואוסטער ווילדער טיראן, וועלכער האט זייא מאַ־סענווייז געמאָרדעט מיט דיא ערגסטע, בארבארישע מיתות משונות. אויך דיא נאכ־פאלגענדע רוימישע הערשער האבען מעהר אָדער ווייניגער פערפאָלגט דיא כריס־טען, אָבוואהל קיינער ניט אזוי גרויזאם וויא דער בלוטדורשטיגער נעראָ. אונד דיעזע רדיפות האבען זיך געצויגען בערך דריי הונדערט יאהר, ביז דאס כריסטענ־טהום איז געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן.

וואס איז געווען דיא אורזאכע פון דיעזע פערפאָלגונגען ? דיא רוימער זיינען איינענטליך ניט געווען זעהר פיינדליך צו פרעמדע רעליגיאָנען. זאָגאר דיא אידען האבען זייא ניט אזוי פיעל געמאָרדעט איבער זייער רעליגיאָן וויא איבער דיא אויפ־שטאנדען אונד דיא גרויסע מלחמות, מיט וועלכע דאס אונגליקליכע אידישע פאָלק האט געזוכט זיך צו בעפרייען פון אונטער זייער טיראנישע הערשאפט. עס איז צוואר ריכטיג, אז דיא רוימישע וועלט־איינשליגגער האבען יעדע בעזיעגטע לאנד אויסגעזויגען ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט, אבער ווען דאס פאָלק האט זיך גע־לאָזען רויבען אונד קיינע בונטען געמאכט, האבען דיא רוימער אין דיא רעליגיאָנס־אנגעלעגענהייטען פון דיעזע בעזיעגטע זיך ניט אריינגעמישט. זאָגאר אין רוים גופא האט יעדער בעזונדער אונד גאנצע געמיינדען געקענט גרינדען קירכען אונד עפענט־ליך אבהאלטען גאָטעס־דינסט, אזויא לאנג וויא דיעזע רעליגיאָן איז נור ניט געווען נעפעהרליך פיר דעם שטאט אונד דיא געזעללשאפט; אבער צו גלייכער צייט האט דיא רוימישע רעגיערונג נאטירליך ניט געקענט ערלויבען, אז יעמאנד זאָלל ערניעד־ריגען אונד אנגרייפען זייער נאציאָנאלע רעליגיאָן, וועלכע איז וויא יעדען לאנד בעט־ראכט געווען אלס דיא שטיטצע פון דער וועלטליכע רעגיערונג. דאס זעהט מען אויך זאָגאר אין די יעצטיגע צייטען, איבערהויפּט אין דיא דעספּאָטישע לענדער, אז דאָרט עקסיסטירט א שותפות צווישען קירכע אונד שטאאט. א געטרייער

אונטערטהאן הייסט נור דעריעניגער וואס איז פרום, לויט די מנהגים פון די לאנדעס־רעליגיאן, דאגעגען אבער איז דער רעליגיעזער פריידענקער בעטראכט אלס געפעהרליך פיר די רעגיערונג.

אויף די כריסטען קאן מען אונטערדעסען ניט זאגען אז זייא זיינען געווען פריידענקער, גראדע פערקעהרט, זייער ווילדער, ברענדיגער פאנאטיזם איז געווען נאך ערגער וויא פון די רוימישע געצענדינער. דענאך ווען זייא זאללען זייערע נייע רעליגיעזע צערעמאניעס האלטען פיר זיך אליין אונד קיינעם ניט בעריהרען, וואללטען די רוימער העכסטענס נור פון זייא אבגעלאכט, אבער עס וואלט ניע־מאלס געקענט קוממען צו אזא ברענענדיגען האסס אונד בלוטיגע פערפאלגונגען, וועלכע די רוימער האבען בעוויעזען געגען זייא נור פיר זייער פראפאגאנדע, צו בעקעהרען די רוימער צו זייער נייער אמונה. נור פור זייערע עפענטליכע פרעדיגונג אז די רוימישע בירגער זאללען אויפגעבען דעם היידנישען גלויבען אונד זיך אנ־שליעסען צו זיי, צו די „אמת׳ע" רעליגיאן פון כריסטענטהום. די רוימישע רעגיע־רונג האט זייא דאפיר אנדערס ניט געקענט בעטראכטען אלס די פיינדע פון דער בעשטעהענדער ארדנונג.

עס גיעבען פיעלע היסטאריקער, זאגאר פון די נייעסטע, וועלכע זוכען צו בעווייזען אז די רוימער האבען פערפאלגט די כריסטען ווייל די אידען האבען זייא דאצו אויפגעהעצט. אנדערע ווידער בעהויפטען אז די רוימער האבען א טעות געהאט אונד פערהאסט די כריסטען נור דארום, ווייל זיי האבען געמיינט אז זיי זיינען א אידישע סעקטע.ביידע מיינונגען זיינען דורכאויס פאלש, די ערסטע זיינען פון די מאדערנע כריסטליכע אנטיסעמיטען, וועלכע זוכען צו וואר־פען אין דער פערגאנגענהייט אלע בילבולים אויף אידען. די רוימער, דיא ערנסטע אידישע מערדער, וואללטען זיך געוויס ניט געלאזט אויפרייצען דורך אידישען איינ־פלוס אונד די כריסטען וואללטען גראדע פערקעהרט דאדורך געוואונען ווען די אידען זאללען רעדען אויף זייא שלעכטעס. וואס אנבעטריפט די צווייטע מיינונג זעהט מען פון די דאמאליגע רוימישע היסטאריקער טאציטוס אונד סיטאניוס, און זייא בעשולדיגען דורכאויס די כריסטליכע סעקטע, אלס שעדליכע אבערגלויבער אונד געפעהרליכע מענשען־פיינדע.

אונד אין דער טהאט האבען די רוימער געהאט גענוג אורזאכע אזויא צו דענקען וועגען זייא, דען דיא כריסטען האבען זיך נאך ניט אבגעשטעללט ביי זייער פראפאגאנדע געגען די רוימישע רעליגיאן אלליין, זאנדערן זיי האבען באלד אנגע־פאנגען צו פרעדיגען, אז יעדע אנדערע אמונה אין דער וועלט אויסער זייערע איז

אַבזאָלוט פאַלש; אז קיין מענש קען ניט געררעטעט ווערען אזוי לאַנג וויא ער גלויבט ניט אין יעזוס כריסטוס. דורך אזעלכע עפענטליכע ערקלערונגען האט מען אנדערס אויף דיא כריסטען ניט געקענט קוקען אלס אויף א סעקטע וואס איז גע־פעהרליך פיר דיא גאַנצע מענשליכע געזעללשאַפט.

דער האסס געגען דיא כריסטען איז באלד פערברייטעט געוואָרען אין אללע קלאַססען פון רוימישען פאָלק. ביי דיא געבילדעטע זיינען זיי געוועזען בעטראכט אלס א באַנדע פון שענדליכע, פינסטערע פאַנאַטיקער אונד דאס גאַנצע פאָלק אין אל־געמיין האט זיי געררעכענט אלס דיא ערגסטע פיינדע פון לאַנד. וויא געוועהנליך ביי אזעלכע צופעללע האט מען זיי אָנגעפאַנגען צו בעשולדיגען אין דיא ערגסטע, שרעקליכסטע פערברעכענס; מען האט געזאָגט, אז אין זייערע געהיימע רעליגיעזע פערזאַמלונגען דיענען זיי צו איין עזעל, פערגעטערען זייערע פריעסטער אונד בעגעהען דיא שמוציגסטע שאַנד־טהאַטען: אַנדערע וויעדער האבען ערצעהלט אז זייא גנב'ענען נייגעבאָרענע היידנישע קינדער, וועלכע זייא שטעכען מיט מעסערס, טרינ־קען זייער בלוט, דאַן צורייסען זיי דיא אונשולדיגע אָפּפער לעבעדיגערהייט אויף שטיקער אונד פרעסען זייער פלייש. נאכדעם פאַנגט זיך אן א צערעמאָניע פון וויל־דע טענץ אונד געזאַנגע, וועלכע ברענגען דיא אנוועזענדע אין א געוואַלטיגע אויפ־רעגונג אונד בייא א געוויסען מאָמענט ווערען פּלוצלינג אללע ליכט אויסגעלאָשען אונד דוא מענער מיט דיא פרויען קוממען צוזאממען וויא עס פאַללט זייא אריין, מוטערס מיט זיהן, שוועסטער מיט ברידער פאטערס מיט טעכטער אונד בלוט־שענדליכע פערברעכענס ווערען בעגאַנגען.

אין דעם 10טען יאָהר פון קייזער נעראָ'ס רעגיערונג האט אין רוים געטראָ־פען אזא גרויסע שרפה, וועלכע האט פערניכטעט דאס גרעסטע טהייל פון שטאָדט. פון דיא 14 קוואַרטאַלען אין וועלכע רוים וואר איינגעטהיילט זיינען נור פיער געב־ליעבען גאַנץ; דיא אַללע אַנדערע זיינען כמעט פערוואַנדעלט געוואָרען אין הויפענס אַש. נעראָ האט דאַן ארויפגעוואָרפען דיעזע בעשולדיגונג אויף דיא כריסטען, אז זייא האבען דיא שטאָדט אונטערגעצונדען, „אונד דאפיר "שרייבט טאַציטוס„ האט ער דיעזע מענשען בעשטראָפט מיט דיא ערגסטע מאַרטערונגען, וועלכע זיי האבען פאָללקאָממען פערדיענט. א קורצע צייט איז זייער שמוציגער אבערגלויבען געוועזען אונטערדריקט, אבער באלד האט ער וויעדער אויסגעבראָכען, אונד ער האט זיך פערשפרייט ניט נור איבער פאַלעסטינא, וואו דיעזע שעדליכע סעקטע איז געבאָרען געוואָרען. זאָנדערן זאָגאר אין רוים, אין דיעזע שטאָדט וועלכע נעהמט אריין אונד בעשיצט אַללעס, ניט קוקענדיג דארויף וואס עס איז אונריין, אדער געפעהר־

ליך. דיעניגע וואס זיינען אררעטירט געוואָרען האבען זיך מודה געווען אונד דאַ־דורך האט מען ענטדעקט מאססען פון זייערע מיט־שולדיגע, אונד זייא זיינען אַללע פערראורטהיילט געוואָרען, ניט אזויא פיעל איבער דעם פערברעכען פון אונטערציג־דען דיא שטאָדט, אלס איבער זייער האסס צום מענשליכען געשלעכט. מען האט זייא געטויט אויף פערשיעדענע מארטערפוללע אופנים; אייניגע האט מען צוגע־שלאָגען צו קרייצען, אנדערע זיינען איינגענעהט געוואָרען אין די פעללען פון ווילדע טהיערע אונד מען האט אויף זייא ארויסגעלאָזען גרויסע הינד, וועלכע האבען זייא צוריסען. נאך אנדערע האט מען אָבגעטונקט אין פעך אונד אנגעצונדען אלס פאקעלס. אום דאמיט צו בעלייכטען דיא פינסטערניס פון דער נאכט.

בייא דיעזע ערסטע פערפאָלגונג, וויא אייניגע געשיכטע־שרייבער בעהויפטען זיינען אויך געטויט געוואָרען פעטער אונד פאָול. דעם ערסטען זאָלל מען האבען צוגעשלאָגען צו אַ קרייץ מיט דעם קאָפּ אראָב אונד דעם צווייטען האט מען גע־קעפּט. ווענען דיא מאססען אַנדערע כריסטען וואס זיינען צו יענער צייט הינגע־ריכטעט געוואָרען ווייס מען קיין איינציגען נאמען ניט, דען צווישען זיי האט זיך דאָן ניט געפונען קיין פּערזאָן וואס זאָלל זיין בעוואוסט אלס אירגענד אַ פּראָמינענטער מאָן. דיעזע גרויסע פערפאָלגונגען האבען געדויערט גאנצע פיער יאָהר, ביז דעם יאָהר 68, ווען דער קייזער נעראָ איז געשטאָרבען דורך זעלבסט־מאָרד.

דיא צווייטע גרויסע פערפאָלגונג געגען דיא כריסטען איז פאָרגעקוממען מיט אַ 20 יאהר שפּעטער, אונטער דעם קייזער דאָמיציאָן, אין יאָהר 94 אדער 95. ווענען דיא אורזאכע פון דיעזע פערפאָלגונג איז נור אזויא פיעל בעוואוסט, אַז דיי־זער קייזערליכער באנדיט איז געווען אַ בלוטדורסטיגער מערדער אונד דיא אונ־גליקליכע, בעזונדערס אידען האבען פון איהם אויך זעהר פיעל געליטען. איבערהויפּט אבער האט ער מעהר פערפאָלגט דיעניגע רוימער וואס האבען זיך בעקעהרט צום אידישען אדער כריסטליכען גלויבען. ער האט זאָגאר זיין איינענעם ברודער'ס זוהן, דעם קאָנסול פלאוויאוס קלעמענס געלאָזען הינריכטען, דאפיר וואס ער האט אָנגענ־נוממען דעם אידישען גלויבען. זיין פרוי דאָמיציללאַ האט ערקלערט אז פאר זיין טויט האט ער זיך געלאָזען מוהל זיין. דער כריסטליכער קירכען־פאטער עוזעביוס, דער בעוואוסטער היסטאָרישער ליגנער, בעהויפּטעט רענאך, אַז פלאוויוס קלעמענס אונד זיין פרוי האבען זיך בעקעהט צום כריסטענטהום, אונד אויף דעם גרונד פון דיזע

פאַלשע לעגענדם האט דיא כריסטליכע קירכע אין דיא שפעטערע צייטען ארייננעטראָגען דיעזע ביידע נעמען אין דעם צאהל פון זייערע הייליגע מערטיערער,

טראָטץ דיעזע אַללע פערפאָלגונגען אין רוים האט דאס כריסטענטהום זיך פערברייטעט אימטער ווייטער אין דיא פּראָווינצען אונד פערשיעדענע לענדער פון דעם גרויסען רוימישען קייזערטהום. נייע וואנדער־פרעדיגער זיינען ענטשטאנדען, וועלכע זיינען בעוואוסט אין דעם נייעם טעסטאמענט אלס פּראָפעטען, „נביאים.“ וואָר זיי זיינען געוועזן אונד וואס זיי האבען נביאות געזאָגט איז אונבעשטיממט, נור דאס איז קיין צווייפעל אז עס האבען זיך געפונען צווישען זיי פילע מיט אַ שטארקער רעדענס־קראַפט אונד פון נערגישע טהעטיגקייט, דארום איז זיי אויך געלונגען צו גרינדען אימטער מעהר נייע קירכען, וועלכע זיינען געשטאנען איינע צו דיא אנדע־רע אין געוויסע בעציעהונגען, מיט זייער הויפּט־צענטרום, דיא קירכע וואס האט נאָך אימטער עקסיסטירט אין ירושלים, וואו עס זיינען שוין יעצט אויך געשטאנען אן דער שפיטצע מעהרע־ע אנהענגער פון דיא היידען־כריסטליכע סעקטע. אויך דיא זאָגענאנטע „פּראָפעטען“ האבען געפּיה־ט זייער פּראָפּאַגאנדע אויף דעמ־זעלבען אופן וויא דער משומד פּאָול. מען האט צוגעזאגט דיא היידען דיא גאנצע עולם הבא, נור פאר אַ קליינינקייט ווען זיי וועלען גלויבען אין יעזוס׳ען. דיא שיל־דערונגען וויא גאָט, דער פאטער פון ליעבע, האט רחמנות געהאט אויף דיא וועלט אונד געשיקט זיין זוהן, וועלכער האט זיך מקריב געוועזן פאר דיא מענשליכע זינד, דיעזע אונד נאָך אַזעלכע לעגענדעס, האבען געמוזט מאכען אַ טיעפען איינדרוק אויף דיא אונוויסענדע מאססע פון דיא היידען אונד זיי בעגייסטערען פיר דיא נייע רעליגיאָן.

מיט דיא פערמעהרונג פון איהרע אנהענגער האט אויך דיא קירכע זיך אנ־געפאנגען שטארקער אונד מעבטיגער צו אָרגאניזירען. אין דיא ערסטע געמיינד־ען האט מען נאָך ניט געוואוסט פון קיין פּריעסטער אונד גלחים אונד אַללעס האט זיך געפיהרט גאנץ אייגפאך. מען פלעגט צוזאממען קוממען אין דיע וואָהנונג פון אירגענד אַ מיטגליעד, וואו מען האט פּאָרגעלעזען געוויסע שטעללען פון דיא אלטע פּראָפעטען, אדער אירגענד וועלכע בריעף אונד בעריכטען פון זייערע שלוחים, אונד דערצעהלען נסים אונד לעגענדעס וועגען יעזוס׳ען, איבערהויפּט זיך פאָרשטעלענדיג פאנטאזיעס וועגען דעם וויא ער וועט ווירקליך ווידער קוממען, דיא וועלט מיט אַללע זינדיגע, אונגלויביגע מענשען וועט אונטערגעהען, אונד אַ נייע וועלט, אַ גן־עדן־וועלט, וועט געגרינדעט ווערען, אין וועלכע יעזוס׳עס געטרייע אנהענגער וועלען

לעבען אין אייביגע גליקזעלליגקייט. גענוממען האט זיך דאס דאפון ווייל יעזוס זאָל האבען געזאָגט — וויא מען זעהט עס פון דיא עוואנגעליום — אז „דיעזער דור וועט נאך ניט אויסשטארבען אלס דער מענשען־זוהן וועט ווידער ערשיינען". אונד דאמיט האבען זייערע פרעדיגער זעהר שטארק געווירקט אויף דיא אבערגלויבישע היידען, וועלכע האבען זעהר מורא געהאט פיר דעם נאָהענטען וועלט־אונטערגאנג.

דיא געמיינדע אין ירושלים איז בעשטאנען מייסטענס פון בעטלערישע לעדיגגעהער, וועלכע האבען געוואָלט לעבען אויף קהל'שע הוצאות. אונד אזוי וויא נעהמער איז געווען מעהר וויא געבער איז דיא געמיינדע איממער געווען נויטבעדירפטיג. דיא הויפט־אויפגאבע פון דיא פאָרשטעהער איז אלזאָ געווען צו זאממלען אונד צו פערטהיילען נדבות, וואס פלעגען צוזאממענגעקליבען ווערען פון די כריסטליכע געמיינדען אין פערשיעדענע שטעדט, וואו דיענינע אין ירושלים איז געווען פערעהרט אלס דיא מוטער־געמיינדע. אזוי לאנג וויא דער צאהל פון דיא כריסטען איז דאָרט געווען קליין האבען אללע אנגעלעגענהייטען געפיהרט איינינע פאָרשטעהער, אָדער פרעסביטערס (פון דעם גריעכישען וואָרט פרעסביטעראָי, דאס הייסט, דיא עלטעסטע); אבער אלס דער צאהל פון דיא כריסטען איז געוואָרען שטארק פערמעהרט אונד מעהרערע פרעסביטערס זיינען אויפגענוממען געוואָרען, איז נויטהיג געווען אויפצושטעללען א מאן וואס זאָל האבען א דעה איבער דיא פרעסביטער אונד וואס דורך איהם זאָלל דיא קירכע שטעהען מיט אללע אנדערע אין פערבינדונג. עס האט זיך אלזאָ געבילדעט א ראטה פון פרעסביטערס מיט איינעם אלס פרעזידענט, וועלכען מען האט אין דיא ערסטע צייטען גערופען „מלאך" אונד נאכהער האט מען איהם א נאמען געגעבען „בישאָף". (אויך פון דעם גריעכישען וואָרט עפיסקאָפאָי אויפזעהער). אויסערדעם זיינען געגרינדעט געוואָרען דיא עמטער פון דיאקאָנען אונד דיאקאָניסעס דאס הייסט, קירכען־דיענער אונד דיענערינען, וואס זייער עובדא איז געווען צו בעזאָרגען קראנקע אונד צו ערפיללען אללע אנדערע בעפעהלען פון דיא פרעסביטערס. מיט דער צייט האבען אללע אנדערע קירכען נאכגעטהון דיעזען ביישפיעל פון דיא ירושלים'ער געמיינדע אונד דאפון האט זיך שפעטער ענטוויקעלט דאס כריסטליכע פריעסטערטהום. דער ערסטער בישאָף אין ירושלים איז געווען, וויא דיא אלטע געשיכטעס ערצעהלען, יעקב, יעזוס'עס ברודער.

אין דיא ערסטע צייטען האט דיא גאנצע דעה געהאט נור דיא פערזאממלונג פון אללע מיטגליעדער, וועלכע פלעגט ערוועהלען דיא פרעסביטערס, דיא בישאָפען

אונד אנדערע בעאמטע; ענדערען דיא געזעטצען, אדער מאכען נייע וואס זיינען ביי דיעזער פערזאממלונג פארגעשלאגען געווארען אויסשטוישען אונווירדיגע מיטגליעדער אדער אויפנעהמען זייא צוריק. דיעזע אונד איבערהויפט אללע וויכטיגע אנגעלע־גענהייטען זיינען בעשטיממט געווארען פון דער געמיינדע־פערזאממלונג אונד דער בישאף מיט זיינע בעאמטע האבען נור געדארפט ערפיללען וואס דיא פערזאמלונג האט בעשלאסען. מיט דער צייט אבער איז דיא מאכט פון דיא פריעסטער ביס־לאכוויז אימער שטארקער געווארען. דיא העכערע פון זייא האבען אנגעפאנגען צו בעשטיממען גייסטליכע בעאמטע ניט פרעגענדיג קיין דעה בייא דיא קירכליכע גע־מיינדע. דיא פאלקס־פערזאמלונגען האבען אויפגעהערט אונד אנשטאט זיי האַ־בען אנגעפאנגען צו רעגיערען דיא פריעסטער־פערזאממלונגען, עס זיינען בעשאפען געווארען דיא עמטער פון העכערע אונד העכסטע גייסטליכע, ערץ־בישאפע, מיטראפאליטען, פאבסטען האבען בעקוממען אזא געוואלטיגע מאכט אז זיי האבען אונטערדריקט ניט נור דעם געוועהנליכען פאלק, זאנדערן אויך זייערע וועלטליכע רעגיערער.

אלס איינער פון דיא ערסטע בישאפע אין רוים רעכענט זיך קלעמענס, אויף וועלכען מען זאגט אז ער איז דער נאכפאלגער פון שמעון פעטער, יעזוס'עס תלמיד. אין וועלכע צייט פון דעם ערסטען יאהרהונדערט דיעזער קלעמענס איז געבארען וויים מען ניט. איינינע בעהויפטען אז דאס איז דערזעלבער פלאוויאוס קלעמענס וועלכען זיין אנקעל דער קייזער דאמיציאן האט געהייסען הינריכטען, פיר זיין איבער געהען צום יודענטהום. א שפעטערע לעגענדע זאגט א דאס איז איין אנדער קלע־מענס, וועלכער איז פערבאנט געווארען פון רוים נאך טהראקיען אונד איז דארט אין יאהר 102 גישטארבען. אללעס וואס פון איהם איז געבליעבען זיינען צוויא בריעף, פון וועלכען דער לעצטער איז געוויס א פאלשער, אונד דעם ערסטען וויים מען אויך ניט אויפריכטיג אויב עס איז געשריבען געווארען פון איהם. דיעזער ערסטער בריעף ענטהאלט אין זיך זעהר פיעל אונזינן. פון וועלכע פאלגענדע קור־יאזע ערקלרונג קען דיעזען אלס א פראבע; „לאמיר זעהן דיא ראיה(אז יעזוס איז פון טויט לעבענדיג געווארען) פון א זאך וואס פאסירט אין דיא מזרח־לענדער. דארט געפינט זיך א געוויסער פויגעל, וועלכען מען רופט פעניקס. דאס איז דער איינציגער פון זיין מין, וועלכער לעבט פונקט 500 יאהר; אונד ווען עס קוממט נאַ־הענט זיין צייט צו שטארבען, מאכט ער זיך א נעסט פון פערשידענע בשמים־גראזען, אין וועלכען ער געהט אריין אונד צו די בעשטימטע שטונדע בלייט ער טויט. פון זיין קערפער קומט דאן ארויס א ווערמעל, וועלכער שפייזט זיך א געוויסע צייט מיט דעם

פלייש פון פערשטארבענעם פויגעל, דאן וואקסען אויס אויף איהם פעדערען אונד ער ווערט א נייע פעניקס פויגעל. אלס ער איז שוין גענוג שטארק צו פערלאזען דעם נעסט, נעהמט ער צוזאממען דיא ביינער פון דעם אלטען פעניקס אונד טראגט זייא אוועק נאך עגיפטען, אין דער שטאדט העליאפאליס. דארט זעהען אללע אין מיטען העללען־טאג וויא ער קוממט צו פליעהען, לעגט אוועק דיא ביינער אויף דעם אלטאר פון דיא זונן אונד דאן פליעהט ער אוועק צוריק. דיא פריעסטער זעהען דאן נאך אין דיא יאהרעס־ביכער אונד געפינען אויס אז דער פעניקס איז געקוממען פונקט נאך פערלויף פון 500 יאהר צייט דער אלטער פעניקס איז דא געוועזען. אויב דיעזען שוואטץ האט ווירקליך געשריעבען קלעמענס, בעווייזט עס וואס פאר ווילדע משוגענע פאנאטיקער דיא ערסטע גרינדער פון כריסטענטהום זיי־נען געוועזען.

דער נעכסטער פון דיא לעצטע אפאסטעלישע צייט איז איגנאטיוס, אויף וועלכע מען זאגט, אז ער איז געוועזען 40 יאהר א בישאף אין אנטיאך אונד אז אויף דיעזע אמט האט ער געהאט סמיכה פון פעטער'ן, אדער פון יוחנן (יאהאנעס), יעזוס'עס ליעבלינגס־תלמיד. אין אנפאנג פון צווייטען יאהרהונדערט, האט מען איהם אוועקגעשלעפט נאך רוים אונד דארט, בייא דער אנוועזענהייט פון א גרויסען פובליקום, אריינגעווארפען אין צירק צווישען ווילדע טהיערע, וועלכע האבען איהם צורריסען אונד אויפגעפרעסען. עס זיינען פון איהם נור געבליעבען די ביינער, וועלכע דיא גלויביגע האבען אוועקגעפיהרט נאך אנטיאך. אין וועלכען יאהר דאס איז געוועזען איז אונבעקאנט; אייניגע זאגען אז דאס האט פאסירט אין 107, אנדערע ווילען בעווייזען אז וועהרענד דער רוימישער קייזער טראיאן איז געוועזען אין אנטיאך, אין יאהר 115 האט ער דאס דאן געהייסען אוועקשלעפען דעם אלטען בישאף נאך רוים. דיא גאנצע געשיכטע איז אזויא פערפלאנטערט אז פיעלע געלעהרטע צווייפ־לען אויב עס האט גאר אין דער טהאט עקסיסטירט אזא מין איגנאטיוס. פון דיא בריעפע וואס זיינען פון איהם געבליעבען, וועלכע ער זאלל האבען געשריעבען אויפ'ן וועג, וועהרענד מען האט איהם געפיהרט אלס געפאנגענעם פון אנטיאך נאך רוים, זיינען דאס גרעסטע טהייל אנערקענט אלס פאלשע אונד עס איז בעוויעזען, אז דאס האבען דיא שפעטערע קירכען־פאטערס געמאכט אויף זיין נאמען, אום דאמיט נאך א פוסטע לעגענדע אייסצוטראכטען. עס איז אבער דאבייא וויכטיג צו בעמערקען איז אין די אלע בריפע פון קלעמענס און איגנאטיוס איז קיין איינציגערווארט ניט געזאגט וועגען דיא עוואנגעליוםס פון נייעם טעסטאמענט. דאס איז ווידער א בע־

וויז אז דיא טוואנגעליומס, דיא גאנצע כריסטליכע תורה, פעסטעהט דורכאויס פון פעלשונגען.

דעמזעלבען צווייפעל ערקלערט מען אויך וועגען דיא לעגענדע מיט זייער דריי־טען הייליגען פאָליקארפּ, אז ער זאָלל וועז עס איז האבען עקסיסטירט. די כריסט־ליכע זאגע בעהויפּטעט, אז ער איז געווען א תלמיד פון דעם אפּאָסטעלס יאָהאנעס (יוחנן) אונד ער איז געשטאָרבען זייענדיג א בישאָף פון סמירנא, 86 יאהר אלט, אלס מערטירער אויף דעם שייטער הויפען, אויף דעם בעפעהל פון אירגענד א רוי־מישען פּראָקאָנסול, וועלכער האט געהייסען מיט איהם זוּאמען פערברענען נאך 11 אָדער 15 כריסטען. פון איהם איז אויך געבליעבען א בּריעף, צו דיא געמיינדע פון דיא פיליפּער, אין וועלכען עס זיינען געבראכט פערשיעדענע איבערזעצונגען אונד ערקלערונגען פון אלטען אידישען טעסטאמענט, מיט ראיות אויף יעזוס כריס־טוס. געשריבען איז דאס אונטער דעם נאמען פון בארנאבאס, דעם בעגלייטער פון פּאָול'ן, אבער דיא איבערזעצונגען זיינען געמאכט אזויא פאלש אז זאָגאר די כריס־טען אלליין מיזען דאס אנערקענען אונד דארום זאָגען זייא אויך, אז בארנאבאס, וועלכען זייא פערעהרען אלס דעם העכסטען אינטעללעגענטען מאן פון דיא ערסטע אידישע נוצרים, האט אזא מין בריעף געוויס ניט געשריעבען. עס הייסט אלזאָ אז דער הייליגער בישאָף פּאָליקארפּ האט פּשוט געמאכט א פאלשען דאָקו־מענט אויף דעם נאמען פון בארנאבאס.

דיא רייהע פון דיא אפּאָסטאָלישע אבות שליעסט זיך מיט דעם נאמען פון א געוויסען הערמאס, א הייליגער שרייבער פון 2טען יאהרהונדערט, א ברודער פון פּיוס, דעם בישאָף פון רוים. ער האט איבערגעלאָזען א בוך, געשריעבען אין גריע־כיש, פון וועלכען עס איז געבליעבען נור דיא לאטיינישע איבערזעטצונג. דאס בוך הייסט „דער הירט", (פּאסטור) אונד עס האנדעלט זיך דאָרט וועגען דעם, אז א מלאך, אין דער געשטאלט פון א הירט, רעדט מיט איהם, דעם פערפאסער, אונד גיעבט איהם איבער לעהרען אין דעם נאמען פון גאָט. הערמאס האט אלזאָ דא־מיט געוואָללט מאכען גלויבען דיא וועלט, אז זיין בוך איז ניט א פּשוט'ע זאך, גע־שריעבען פון א מענשען, זאָנדערן דירעקט פון גאָט אליין. אונטערדעסען איז אבער אין דיעזען בוך ציזאממענגעמישט אזוי פיעל לעבערליכע אבערגלויבענס אונד ווילדע דוממהייטען, אז א מענש מיט אירגענד א געזונדען פערשטאנד וואלט עס קיינמאָל ניט געקענט שרייבען. דער ווילדער פאנאטיק הערמאס איז אבער ניט געווען משוגע אין איין אָרט שטעללט ער פאָר וויא דיא כריסטליכע שכינה איז צו איהם ערשיע־

נען אונד אָנגעזאָגט, אַז דיא פּאָרשטעהער פון דער קירכע זאָללען דיעזען בוך פער־בריימען צווישען דיא גלויביגע אונד מען זאָל איהם לעזען עפענטליך אין אַללע זייערע פערזאַממלונגען. דער מאַן איז אלזאָ פשוט געווען א בעטריגער אונד האט פאַרגעשטעללט פאַלשע פאַנטאַזיעס, דען אויסער דעם בערופט ער זיך דאָרט אויף קלעמענס ראַמאַנוס, וועלכער איז שוין צו יענע צייט געוועזען טויט. דיא קירכען פאַ־טערס האבען דענאָך דיעזען בוך אויפגענוממען אין דעם צאהל פון זייער הייליגע שריפטען.

6טעס קאַפּיטעל.

דיא ערסטע קריסטליכע סעקטעס.

דער ערסטער מאָמענט פון כריסטענטהום, אָדער ריכטיגער צו זאגען פון יעזוסטהום, איז א ווידערשפרוך אין זיך זעלבסט. דיא ערסטע אַפּאָסטעלס, טראָצ־דעם וואס זייא זיינען געוועזען אידען, טראָטצדעם וואס זיי האבען ערפיללט דיא גע־באָטען פון דיא אידישע רעליגיאָן אונד געהייסען זייערע נאכפאָלגער טהון דאס זעלבע, האבען אבער צו גלייכער צייט אויפגעהויבען דיא פּערזאָן פון יעזוס'ען צו אזא הויכע שטופפע פון פערגעטערונג, אז דאמיט אַלליין זיינען זייא אבגעטרעטען פון דעם ריכטיגען יודענטהום, פון דיא שטרענגע, ריינע אידעען וועגען דיא גאָטהייט, וואס ענטהאַלטען זיך און תורת משה אונד אין דיא ערקלערונגען פון דיא פּראָפעטען. דאס יעזוסטהום האט אלזאָ נים געהאט קיין raison d' etre, דאס הייסט, קיין ריכטיגע אורזאכע צו עקסיסטירען, קיין געזונדע וואָרצלען אונד קיין באָדען, אויף וועלכען ער זאָלל קענען פערפלאַנצט ווערען אונד דיא גאנ־צע נוצרים־בעוועגונג וואָללט אָהן א צווייפעל אין א קורצע צייט אונטערגעגאנגען, נים איבערלאזענדיג זאָגאר אירגענד א שפור אין דער וועלט־געשיכטע.

מיט דעם אויפטרעטען פון דעם ערסטען משומד פּאָול האט דאס יעזוסטהום אנגעפאַנגען צו נעהמען איין אנדער ריכטונג אויף דעם וועג פערוואַנדעלט צו ווערען אין א כריסטענטהום. פּאָול מיט זיין פּראָפּאַגאנדא, אז עס איז שוין געקוממען דיא צייט ווען דיא געזעטצען פון תורת משה דארפען אבגעשאפט ווערען אונד

אנשטאַט דעם זאָלל מען נור גלויבען אין יעזוס'ען, האט איז דער טהאַט אויפגעטהון אַ נייע, בעזונדערע רעליגיאָן. מיט זיין ערצעהלונגען דיא טהורען פון יעזוסטהום, אז דיא גאַנצע וועלט היידען זאָללען קענען אריינקוממען, מיט גלייכע רעכטע וויא דיא אידישע נוצרים, האט ער דיא נייא רעליגיאָן געגעבען אַ קראַפט זיך צו פערשפרייטען איבער דיא גאַנצע וועלט. אַ לעבענדיגען ביישפיעל אונד אַ גרונד פירזיין טהעטיגקייט האט זיך איהם פאָרגעשטעללט אין אַנטיאָך, דיא הויפטשטאָדט פון סיריען, וואו דיא דאָרטיגע גריעכישע אידען האבען שוין געהאַט אַ נוצרים־געמיינדע, צוזאַממענגעמישט מיט היידען, אונד דאָרט איז אויך פאָרגעקוממען דער ערסטער צוזאַממענשטויס פון דיעזע צוויא מענשען־גרופפען, וועלכע זיינען געוועזען גרונד־פערשיעדען איינע פון דיא אנדערע, אין זייערע מנהגים, אנזיכטען אונד אידעען. אידען אונד גריעכען האבען נימאלס געקענט צוזאַממענשטעללען אַ פעראייניגטע קערפערשאַפט, זייער בונד איז געוועזען אַ קינסטליכער, איין אוננאַטירליכער אונד ווען דיא אומשטענדען האבען זייא געבראַכט אין איין געזעללשאַפט האט געמוזט ענטשטעהען איין אינערליכער קאַמפף, וועלכער האט ניט געקענט אויפהערען ביז איין עלעמענט זאָלל גובר זיין אונד פערשלינגען דעם אַנדערען.

אין אנפאַנג פון דיעזען קאַמפף זיינען דיא אידען־כריסטען געוועזען די שטאַרקערע פּאַרטייא. זייא, דיא נאַציאָנאַלע ברידער פון יעזוס'ען האבען זיך בעטראַכט אַלס העכערע מיוחסים נעגען דיא אַנדערע מיטגליעדער פון זייער געמיינדע, די בעקעהרטע היידען, אויף וועלכע זייא האבען געקוקט וויא אויף פרעמדע. לויט די דאַמאָליגע זיטע פון דיא ערסטע נוצרים, וועלכע זייא האבען איבערגענוממען פון דיא אידישע סעקטע עסענער, האט מען געשפייזט צוזאַמען בייא איין טיש, אבער דיא אידען האבען ניט געוואָללט זיטצען צוזאַממען מיט דיא היידען, וועלכע האבען נאַטירליך דאַגעגען שטארק פראָטעסטירט, דען ווען זייא זיינען שוין איינמאָל געוועזען אנגענוממען אין דער געזעללשאַפט קוממט זייא דאך אַ גלייכע רעכט מיט די אידישע מיטגליעדער. דיעזע לעצטע אבער האבען געשטעללט דיא פאָדערונג, אז אויב דיא היידען וויללען אַנערקענט יוערען אַלס וואהרע נוצרים מוזען זייא זיך לאָזען מוהל זיין אונד פינקטליך ערפיללען אַללע איבריגע געבאָטען פון דיא אידישע רעליגיאָן. אַלס דער שטרייט איז פאָרגעקוממען פאַר דיא אַפּאָסטעלס אין ירושלים האבען זייא דאָרט געמאַכט אַ פשרה, אז דיא נוצרים וואס זיינען געבאָרענע אידען מוזען געוויס טהון אַללע מצות ווס אַ איד איז פערפפליכטעט, אבער דיא נוצרים

פון דיא היידען זיינען פאָללקאָממען פרייא דאפון, אויסער דאס זייא דארפען ניט דיענען צו דיא געטצען זייא זאלען זיך ענטהאלטען פון געניעסען בלוט אונד פון עססען דערשטיקטע נבלות, דאן זיינען זייא דאמיט פאָללקאָמענע נוצרים צוגלייך מיט דיא אידישע.

אבער מיט אזא מין פשרה האבען דיא אפאָסטעלס נאך ערגער געמאכט, ריין דורך דיעזע אנערדענונג זיינען אין איין אונד דיזעלבע קירכע געגרינדעט געוואָר־־ען צוויא בעזונדערע געמיינדען, צווישען וועלכע עס אין געשטעללט געוואָרען איין אָפּפיציעלע גרענעץ, אז זייא זאָללען זיך קיינמאל ניט קענען צוזאמענשליעסען אונד פעראייניגען. דיעזע אידען־כריסטען האבען אויך זעהר פיעל געארבייט געגען דעם היידען. אפּאָסטעל פּאָול, וועלבען זייא האבען פערדאממט אלס א שענדליכען פערדעטהער, אונד שטענדיג אונטערגעשיקט שלוחים, אום אויפצורייצען געגען איהם אנדערע געמיינדען. דאפון זיינען ארויסגעקוממען ווייטערע שטרייטיגקייטען אונד צאנקערייען צווישען דיא נוצ־ים אין פערשיעדענע קירכען.

אונטערדעססען האט זיך דער צאהל פון דיא היידען פעמערעהרט אונד פּאָול׳ס פּראָפּאגאנדע געגען דיא אידישע תורה איז געוואָרען מעהר אונד מעהר פערברייי־טעט אונד האט געפונען מאססען אנהעננער, זאָגאר צווישען דיא אידען־כריסטען, איבערהויפּט אין דיא גריעכישע שטעדט, אויסער פּאלעסטינא. יענע גריעכישע אידען זיינען נאך אין דיא פריעהריגע צייטען, פאר יעזוס׳ען, געווען ענטפרעמ־עט פון יודענטהום אונד האלב צוזאמענגעמישט מיט דעם היידענטהום; דארום איז זיי נאטירליך יעצט אויך פיעל לייכטער געווען אוועק צו ווארפען אין גאנצען די אידי־שע רעליגיאָן אונד זיך אנצושלעסען צו זייערע נייע היידנישע ברידער אין כריסטוס. דער צאהל פון דיא אידען־כריסטען אין אלזא געוואָרען נאך וועניגער, אויסער אין פּאלעסטינא, וואו עס האבען זיך מיט דער צייט צו זייא אנגעשלאָסען די אידישע סעקטע עסענער, וועלבע איז אין דער טהאט דער אור־אנפאנג דער עלעמענט פון וועלבען עס איז ארויסגעקוממען דאס כריסטענטהום.

בייא דיא אידען זיינען דיעזע אידען־כריסטען געווען פערהאסט אונד פער־דאממט נאך מעהר אלס דיא היידען. אין דיא ערסטע צייטען, אזויא לאנג וויא דער טעמפעל איז נאך געשטאנען, האט מען גאנץ וועניג אויפמערקזאמקייט גע־שאָנקען אויף דיעזע אנהעננער פון דעם נוצרי, וועלבע זיינען געווען פון ניעדריגען שטאנד, וועניג אין צאהל אונד פעראכטעט אלס א לעבערליכע סעקטען וועלבע קען

קיין קיום ניט האבען אונד מוז באלד אונטערגעהען; אבער נאכדעם וויא דער טעמ־פעל איז חרוב געוואָרען האבען איינערזייטס פיעלע אידען פערלאָרען דיא האפנונג אויף איין אַנדער משיח אונד האבען אנגעפאנגען צו דענקען, אז דאס איז געווען ישוס, וועלכער וועט באלד ווידער ערשיינען אונד זיי קענען דאַן גערעטעט ווערן נור ווען זיי וועללען שוין יעצט גלויבען אין איהם; דארום האבען זיך פיעלע פון דיא אידען אנגעשלאָסען צוא דיא נוצרים־געמיינדע. פון דער אַנדערער זייט זיינען דיע־זע נוצרים אויך צושפּאָלטען געוואָרען אין פערשידענע סעקטעס, פון וועלכע אייניגע אנגעפאנגען צו פערעהרען ישוס׳ען אלס א צווייטען גאָט. אונד דאבייא האבען זייא טהיילוויז אויך אנגענוממען דיא אנזיכטען פון דיא היידען־כריסטען, אז מען דארף פערוואָרפען דיא געבאָטען פון דיא אידישע רעליגיאָן, איבערהויפּט דיא מצות וואס זיינען ניט געשריעבען אויסדריקליך אין תורת משה אונד אידען האבען עס אנגע־נוממען נאכהער, פון דיא אלטע טראדיציאָנען. דיא אידען כריסטען האבען נאך דאצו אנגעפאנגען זייער פּראָפּאגאנדע, וועלכע זייא האבען ביז יעצט געפיהרט מינד־ליך, צו פערברייטען דורך שריפטען.

פאר דעם יודענטהום איז אלזאָ דיא געפאהר פון דיא אידען־כריסטליכע פּראָפּאָגאנדא זעהר שטארק געוואָרען אונד עס איז נויטהיג געווען צו געפינען מיט־לען וויא זיך פון איהר צו בעשיטצען. דיא גליונים (עיואנגעליומס) אונד דיא ספרי מינים*) זיינען פערדאמט געוואָרען, אז מען דארף זיי פערברענען זאָגאר דאַן ווען עס געפינט זיך אויף זיי דער נאמען פון גאָט. היידענטהום, זאָגט ר׳ טרפון, איז ניט אזוי געפעהרליך וויא די אידיש־כריסטליכע סעקטע, דארום, ווען איין שלאנג זאָל איהם פערפאָלגען, וואָללט ער זיך בעסער רעטען אין א געטצען־טעמפּעל אלס אין א הויז פון דיעזע. אין דעמזעלבען זינן שפּרעכען זיך אוים אויך ר׳ ישמ״על, שמואל הקטן אונד פיעלע אַנדערע אידישע גרויסע מענער פון יענער צייט. פערשיעדענע שטרענגע געזעטצע זיינען דאַן ארויסגעגעבען געוואָרען, אום אָבצוזונדערען דיא אידען פון יעדען פערקעהר מיט דיא נוצרים. (ע״ז כ״ז; חולין י״ג א. ז. וו.)

---

*ווענען דיא בעדייטונג פון דעם וואָרט „מין" ווייס מען קיין בעשטימטע ערקלע־רונג. דיא מיינונג אז דאס איז א ראשי תיבות „מאמיני ישו נוצרי" איז ניט פון אַללעמען אנערקענט.

דיא הויפט סעקטעס פון דיעזע אידען־כריסטען זיינען געוועזען דיא נאזארענער (נוצרים) אונד די אביונים*). זיי האבען געהאט פערשיעדענע עוואנגעליומס, וועל־כע שטיממען ניט איין צווישען זיך אונד אויך ניט מיט דיא עוואנגעליומס וואס יינען אנגענוממען געווארען אין כריסטענטהום. דיא אביונים זיינען נאך איינגער־מאסען ניט זעהר ערווייטערט געוועזען פון יודענטהום. יעזוס איז געוועזען ביי זיי פער־הייליגט, אלס א געטליכער שליח, אלס א פראפעט, וועלכער איז א נאטירליכער זוהן פון יוסף אונד מרים אונד א שטערבליכער מענש וויא אללע אנדערע. זייער אנ־זיכט וועגען איהם אלס א משיח, איז געוועזען א ריכטיגע אידישע, וועלכע האבען אויך ערווארט א משיח וואס זאלל זיין א נאטירליך געבארענער מענש, פון דוד המלך'ס משפחה, אבער ניט אירגענד א מלאך, א האלבער גאט, אדער זאנסט איין איבער־נאטירליכעס וועזען. פאול דער משומד האט איבערהויפט געקעמפפט געגען דיעזע אביונים־סעקטע אונד בייא זיינע נאכפאלגער, דיא היידען, זיינען זייא פערדאממט אלס דיא ערגסטע אפיקורסים. איינער פון זייערע קירכען־פאטערס אירינעאוס געהט זאגאר אזויא וויט אויסצוטראכטען שענדליכע בלבולים, אז דיא אביונים האבען די שטאדט ירושלים בעטראכט אלס א גאטהייט, צו וועלכע זייא האבען געדיענט. עפיפאנוס, אויך א קירכען־פאטער, שימפפט אויף דיא אביונים אונד בעשולדיגט זייא אין אללע שענדליכע פערברעכענס. נאטירליך, זיינען דאס אללעס נור הייליגע ליגענס, וואס דיא פאנאטיקער האבען אויסגעטראכט אויף דיעזע זייערע געגנער.

בייא דיא אביונים זיינען געוועזען הייליג ניט נור דיא געזעטצען, פון תורת משה זאנדערן אויך אללע מנהגים וואס זיינען נאכהער אנגענוממען געווארען אין דיא אידישע רעליגיאן. דאס אללעס האבען זייא שטרענג ערפיללט אונד אויסערדעם איז בייא זייא געוועזען אנגענוממען, אז יעדער איינער פון דיא היידען וואס וויללט זיך אנשליעסען צו זייער סעקטע, מוז זיך לאזען פריעהער מוהל זיין אונד דאן ריכטיג

*) דעם נאמען אביונים, ארמע, האבען זייא אנגענוממען, אום דאמיט צו בעצייגען זייער פעראכטונג צו רייכטהום אונד צו דיא תענוגים פון דיעזע וועלט, גראדע אזוי וויא יעזוס, וועלכער האט ביי פערשיעדענע צופעללע זיך אויסגעשפרא־כען געגען דיא רייכע. דיא ערסטע קירכען־שרייבער, אלס געגנער פון דיעזע אידיש־כריסטליכע סעקטעס, וועלכע זיי פערדאממען אלס אפיקורסישע, האבען אויסגע־קלערט אז „אביונים" מיינט ארמע אין פערשטאנד, אנדערע וויעדער בעהויפטען אז דער גרינדער פון דיעזע סעקטע האט געהייסען אביון.

ערפיללען אללעס לויט דיא תורה אינד דיא דינים. ווער עס טהוט עס ניט דער קען קיין כריסט ניט זיין. דיא היידען־כריסטען האבען זייא בעטראכט אלס אנהעננער פון פאול׳ס לעהרע, וועלכעס איז א פאלשער כריסטענטהום, אונד דיא נאכפאלגער פון דיעזע לעהרע האבען נאך דיא מיינונג פון דיא אביונים גאר קיין רעכט זיך צו בערופען אויף יעזוס׳עס נאמען.

דיא סעקטע נוצרים, אדער נאזארענער זיינען. פון דיא ערשטע קירכען־פא־טערם ניט אנערקענט געווארען אלס אפיקורסים, אבער עפיפאנוס וואר דער ערס־טער וואס האט זיי פערדאממט אונד פון דאן אן רעכענען זיי זיך אין דער כריסט־ליכער קירכע אלס א שעדליכע סעקטע. דיעזער עפיפאנוס איז געבארען אין פא־לעסטינא פון אידישע עלטערן אונד האט זיך געטויפט נאך אין דיא יונגע יאהרען, דאן איז ער אין יאהר 367 געווארען א בישאף אין סאלאמים אונד האט געגרינדעט איינינע קלויסטערס. עפיפאנוס איז געווען א פינסטערער כריסטליכער פאנאטיקער אונד ברענענדיגער שונא פון יעדען איינעם וואס האט ניט געגלויבט אז יעזוס איז א גאט, אונד דאס איז נעמליך געווען דער פאלל מיט דיא נוצרים; זיי האבען צוואר געגלויבט אז יעזוס איז געבארען פון היילינען גייסט, אבער ער איז ביי זיי ניט גע־ווען פאללשטענדיג אנערקענט אלס גאט׳ס א זוהן. פון דיא אידישע רעליגיאן הא־בען זייא געהאלטען, נור פון תורת משה, אבער דיא פפליכט צו ערפיללען דיא גע־באטען פון דער תורה ליעגט נור אויף דיא אידען־כריסטען, דיא היידען וואס נעה־מען אן דיעזע אמונה זיינען פאללשטענדיג פריי דאפון. דיא אנדערע אידישע מנהגים אונד געזעטצען וואס זיינען אנגענוממען געווארען אלס מינדליכע, דיא תורה שבעל פה, האבען זיי מיט דעת צייט אין גאנצען פערווארפען.

דיא אידען־כריסטען, פון זייער זייט, וואס מעהר זייא האבען זיך ערוויי־טערט פון יודענטהום זיינען זיי געווארען אימער גרעסערע שונאים פון אידישען פאלק. גרא־דע וויא דיא היידען האבען זייא אויך געשימפפט אויף דיא לעהרע פון די אידישע גרויסע מענער. אללע אויסדריקע פון האסס צו דיא אידישע סופרים ופרושים, וואס געפינען זיך אין דיא עוואנגעליומס, שטאממען פון דיעזע אידען־כריסטען. מיט ראיות פון פסוקים, פון וועלכע זייא האבען דעם ריכטיגען זינן פערדרעהט, זיינען זיי בעפאללען אויף דיא אידישע לעהרער מיט אנגריפע פון זלזולים אונד פערליימדונגען.

אבער גראדע מיט דיעזע בענעהמונגען האבען דיא אידען־כריסטען געבראכט זיך זעלבסט דעם גרעסטען שאדען, דען דאדורך זיינען ענטשטאנדען שטרייטינקיי־טען צווישען זייא גופא אונד זייער קליינער צאהל איז נאך מעהר אבגעשוואכט

געוואָרען דורך דיא שפּאַלטונג אין פערשיעדענע סעקטעס, וועלכע האבען מייס־טענס פערוואָרפען אייניגע אידישע געזעטצען, אדער זאָגאר דיא גאנצע תורה, זא דאס דיא לעהרע פון פּאָול האט דאדורך געוואונען איממער מעהר אנזעהען אונד מאכט, וועלכע איז שליעסליך אנערקענט געוואָרען אַלס דאס איינציגע וואהרע כריס־טענטהום. דאפון האט נאַטירליך געמוזט ארויסקוממען אז דיא פערשיעדענע סעק־טעס פון דיא אידען־כריסטען זיינען ביסלאכווייז פערשוואונדען געוואָרען צווישען די גרויסע מאססען היידען־כריסטען, וועלכע זיינען איממער מעהר פערשטארקט גע־וואָרען אין צאהל, וועהרענד דיא אידען־כרויסטען זיינען געוואָרען איממער קלענער, פערפאָלגט פון ביידע זייטען, הן פון דיא אידען, הן פון דיא היידען, אַלס אבטריני־גע אונד אפיקורסים.

אונד אין דער טהאַט זיינען זיי ווערטה געווען אז מען זאָל זיי פערהאַסען אונד פעאכטען, דען אויסער זייערע אנגריפען געגען דיא אידישע רעליגאָן, זיינען זיי געוועזן פשוט׳ע מוסרים, גראדע וויא דיא אמאָליגע שענדליכע העללעניסטען. אויך זיי האבען געזוכט ביי יעדע געלעגענהייט צו בעשולדיגען אידען מיט פערשיע־דענע בלבולים פאר דיא רוימישע רעגיערער, אום ביי דיעזע לעצטע זיך איינצו־שמייכלען, אונד דאמיט צו בעווייזען אז זיי, די אידען־כריסטען, געהערען ניט מעהר צום אידישען אונטערדריקטען פאָלק. גראדע וויא אַללע משומדים האבען עס גע־טהון אין דיא נאכפאָלגענדע דורות ביז היינטיגען טאָג.

דיא אידען זיינען שוין אבער יעצט ניט אים שטאנד געווען צו קעמפּפען גע־גען דיא אידען־כריסטען מיט מאכט, וויא דיא אמאָליגע חשמונאים געגען דיא העל־לעניסטען אונד אַללעס וואס עס איז יעצט איבערגעבליעבען צו טהון איז בעשטאַ־נען דאָרין נור וויא מעגליך זיך צו דערווייטערען פון זייא. צו יענער צייט האבען דיא אידישע לעהרער איינגעפיהרט דיא בעוואוסטע ברכת המינים, אין וועלכע עס ווערען פערדאממט אונד פערפלוכט דיא מלשינים, דיא מוסרים, דיא פיינדע פון אידישען פאָלק. דיא אידען־כריסטען האבען זיך דאמיט בענוצט צו בעשולדגען די אידען, אז זייא פערפלוכען יעזוס׳ען אין זייער תפילות דרייא מאָלל א טאָג, א בלבול פון משומדים וועלכע די אידען האבען אין דיא שפּעטיגערע צייטען אויך זעהר פיעל עליטען. אונד דאס איז ווירקליך נור א בלבול פון משומדים; דען דיא פערפאַ־סער פון דיא ברכת המינים האבען ניט געמיינט דאמיט צו פלוכען יעזוס׳ען, אדער דיא כריסטען אין אללגעמיין, זאָנדערן נור דיעזע מינים, די אידישע מוסרים, וואס האבען דורך זייער ווילדען פאנאטיזמוס אזויא פיעל אונגליק געבראכט אויפ׳ן אידישען פאָלק.

דיא קירבען־פאטערס יוסטין מארטיר אונד אנדערע, בעשולדיגען דיא אידען, אז וועהרענד דיא צייט פון דיא גרויסע רעוואָלוציאָנס־קריעג וועלכע שמעון בר־כוכבה האט אנגעפאנגען אין יאהר 132, געגען דעם רוימישען קייזער האדריאן, זיינען דיא אידען כריסטען אונטערוואָרפען געוואָרען צו דיא גרויזאמסטע פערפאָלגונגען. ווען יעמאנד פון זייא איז אריינגעפאללען אין דיא הענד פון דיא אידישע קריעגער האט מען איהם געמארטערט אונד געפייניגט מיט דיא גרעסטע יסורים, ער זאָלל זיך ענטזאגען פון דעם גלויבען אין יעזוס׳ען אונד אז אידען האבען דאן פיעלע פון זיי אויסגעהרג׳עט. דיעזע אונד נאך עהנליכע בעשולדיגונגען זיינען נור בלבולים פון די פיינדליכע כריסטען־שרייבער, וועלכע זיינען פון אנפאנג אן געווען די ערגסטע אידי־שע שונאים. דער פאקט איז, אז דיא אידען־כריסטען האבען נים נור זיך ענטזאגט אנטהייל צו נעהמען אין דיעזען נאציאָנאלען בעפרייאונגס־קריעג, זאָנדערן אלס עכטע פעררעטהער זיינען זיי צוגעשטאנען צו דיא רוימער אונד געדיענט פיר זייא אלס שפיאָנען. עס איז דארום קיין וואונדער ניט אז דיעניגע געגען וועלכע אזא פער־ברעכען איז בעוויזען געוואָרען האט מען בעשטראפט וויא געוועהנליך יעדען שפיאָן אין א קריעגס־צייט. דאס טהוען נאך יעצט אללע כריסטליכע נאציאָנעז אונד דאס האט אויך בר־כוכבא געהאט א פוללע רעכט צו טהון.

דיא אידישע רעוואָלוציאָן איז פערטרונקען געוואָרען מיט טייכען בלוט פון איהרע טאפפערע קריעגער. דיא צערשטערונג פון דער שטאָדט ביתר, וואו בר־כוכבא האט געגרינדעט א נייע קעניגרייך, איז געווען נאך שרעקליכער וויא דער חורבן פון ירושלים. דער רוימישער קייזערליכער מערדער האדריאן האט דאן אָנ־געפאנגען צו פערפאָלגען דיא אידען מיט דעם וואוטה פון א בלוטדורסטיגען טיגער. דאס גרעסטע טהייל פון אידישען פאָלק איז געפאללען אויפ׳ן שלאכטפעלד אונד פון דיא וואָס זיינען איבער געבליעבען האט ער טויזענדע ערמאָרדעט מיט דיא שרעקליכסטע יסורים. צווישען דיעזע מערטיערער, וואס האבען געליטען דעם גרוי־זאמסטען טויט אויף קידוש השם, וואָרען דיא בעריהמטע אידישע מענער פון דעם צווייטען דור תנאים, וויא צום ביישפיעל: ר׳ ישמאל כהן גדול, ר׳ שמעון (בן גמליאל ?), ר׳ עקיבא בן יוסף, ר׳ חנינא בן תרדין, וואס זיין טראגישער שיקזאל איז בעזאָנדערס שרעקליך. מען האט איהם איינגעוויקעלט אין א ספר תורה אונד פערברענט. זיין פרוי איז אויך צוזאממען מיט איהם ערמאָרדעט געוואָרען אונד זיין שעהנע טאָכטער האבען זיי אוועקגעשלעפט נאך רוים אין איין עפענטליכע חויז. מיט אזעלכע אונד טויזענדע אנדערע ניעדערטרעכטיגע מערדערייען האבען דער בלוטיגער טיראן האדריאן אונד זיין הענקער גאָווערנאָר רופוס געפייניגט דיא אונ־

גליקליכע בעזיעגטע אידען, דיא שטאָדט ירושלים האט ער חרוב געמאכט ביז צום גרונד אונד אויף דיעזער שטעללע, עטוואס וויטער צו צפון זייט, איז אויפגעבויעט געוואָרען א נייע שטאָדט אונד מען האט איהר א נאמען געגעבען עליא קאפּיטאָלי־נא. אויף דעם אָרט וואו דער ביה המקדש איז געשטאַנען האט דער מאַיעסטעט־טישער באנדיט אויפגעשטעללט א טעמפּעל, פיר דעם געטץ יופּיטער קאפּיטאָלינוס. אויף אַללע אנדערע עפענטליכע פּלעצער זיינען אויפגעשטעללט געוואָרען שטאַטוען פון פערשיעדענע רוימישע אונד גריעכישע געטצען אונד אויף דעם טהויער וואס פיהרט נאך בית לחם, דעם קאָפּ פון א שוויין. אידען איז פערבאָטען געוואָרען אונ־טער דיא שטראָפע פון טויט צו ערפיללען דיא געזעטצען פון זייער רעליגיאָן אונד בעזונדערע בעאַמטע זיינען בעשטימט געוואָרען, וועלכע האבען געדארפט זעהען אז דיעזע פורכטבארע גזרות זאללען פּינקטליך ערפיללט ווערען, אונד ווען זיי האָ־בען געכאפּט בייא אזא פערברעכען איז אונטערוואָרפען געוואָרען צו א מארטערפוללען טויט.

פיעלע פון דיעזע אונגליקליכע זיינען ענטדעקט געוואָרען נור דאדורך, ווייל דיא שענדליכע אידען־כריסטען האבען געדיענט אלס שפּיאָנען ביי דיא רוימישע בלוטיגע מערדער אונד אָנגעציינגט דיא אידען וואָס ערפילען אין געהיים דיא גע־זעטצען פון זייער רעליגיאָן. פיעלע פון דיעזע שענדליכע פעררעטהער האבען עס גע־טאָהן גאנץ איינפאך פיר געלד אונד אַללע צוזאממען האבען דאמיט בעצוועקט צוויי זאכען: ערסטענס, זיך צו צייגען פאר דיא רוימער אז זיי זיינען ניט אידען אונד דיא רעגיערונג דארף זייא ניט פערפאָלגען, אונד צווייטענס, מיטצוהעלפען אז דיא אידישע רעליגיאָן, געגען וועלכע זייא זיינען געווען דיא ערגסטע שונאים, זאָלל פערניכטעט ווערען.

אונד ווירקליך האבען דיא שענדליכע אידען־כריסטען דאמיט זייער ציעל ער־רייכט. אנפאנגס האבען דיא רוימישע בעאַמטע זיי אויך פערפאָלגט, גלויבענדיג אז זייא זיינען אידען. אבער צווייא פון זייערע קירכען־לעהרער, קוואדראַטוס אונד אַריסטידעס, האבען זיך געווענדעט מיט א שריפטליכע ביטע צום קייזער אונד בע־וויעזען, אז כריסטענטהום שטעהעט מיט יודענטהום אין קיין פערבינדונג. צו גלייך־בער צייט האט אויך דער פּראָקאָנסול פון אזיען סערענוס גראַניאַנוס פאָרגעשטעלט דעם קייזער א בעריכט וועגען דיא כריסטען, אז עס איז איין אונרעכט צו פערפאָל־גען אונשולדיגע מענשען פיר זייער רעליגיאָן, נור דארום ווייל דיא היידנישע פּריי־עסטער רייצען אויף געגען זייא דיא בעפעלקערונג. דאס אַללעס האט געווירקט אזויא ווייט אז האדריאן האט ארויסגעגעבען איין עדיקט, צו דיא גאָווערנאָרס פון

אַללע פּראָווינצען, מיט וועלכען עס איז פערבאָטען געוואָרען צו פערפאָלגען דיא כריסטען פאר זייער רעליגיאָן, אויב זייא האבען קיין אַנדער פערברעכען ניט בעגאַנ־ גען. האדריאַן האט זאָגאר געלאָזען אויפבויען טעמפּלען אהן געטצען אונד דארום האט מען געגלויבט אז זיין ציעל איז אין דיעזע טעמפּלען צו פעה־געטערען יעזוס בריסטוס אונד איהם אויפצונעהמען אין דעם צאהל פון דיא פיעלע רוימישע אבגעטער.

פון דיעזער צייט אן האבען דיא אידען־כריסטען עפענטליך אונד פאָלשטענ־ דיג אויפגעגעבען דיא אידישע רעליגיאָן, וועלכע זייערע סעקטעס האבען ביז דאַן מעהר אדער וועניגער געהאַלטען, אונד האבען אָנגענוממען דיא לעהרע פון דיא היידען־כריסטען. דיא פערבינדונג צווישען אידען אונד אידען־כריסטען האט פון דאַן אן אין גאַנצען אויפגעהערט; זייא וואַרען שוין מעהר ניט צווייא פיינדליכע גרופּפען פון איין אונד דערזעלבער רעליגיאָן, זאָנדערן גאַנץ בעזונדערע אמונות וועל־ כע האבען איינע מיט דיא אַנדערע גאָר ניט צו טהון. דיא אידען־כריסטען האט דיא רוימישע רעגיערונג דאַן ערלויבט צו פערבלייבען אין דיא נייע־ אויפגעבויעטע שטאָדט ירושלים, וואוהין אַ אידען איז געווען פערבאָטען אונטער טויטעס־שטראַפע אריינצוקומען. אום צו בעווייזען אז זיי ענטזאַגען זיך אין גאַנצען פון אידען האבען דיא אידען כריסטען אין זייער קירכע פון ירושלים צום ערסטען מאָל אויפגענוממען אַלס בישאָף אַ היידען־כריס״, אַ געוויסען מארקוס, אונד פון דאַן אָן איז אויך דיא קירכע פון ירושלים, גראַדע וויא דיעניגע אין אַנטיאָך אונד רוים געוואָרען אַ פאָללשטענדיג כריסטליכע, אידען־כריסטען האבען אַלזאָ שוין פון אויפ־ געהערט צו עקזיסטירען אונד זייא זיינען צוזאַממענגעמישט געוואָרען מיט דיא היידען, אויסער אַ גאַנץ קליינעם צאהל, וועלכע האבען ניט געוואָללט אויפגעבען די תורת משה אונד זיך צוריקגעצויגען אין איין אַנדער געגענד פון פאַלעסטינא, וועל־ כע איז בעוואוסט מיט דעם נאמען פערמום דאָרט האבען זייא געגרינדעט אַ בעזונ־ דערע קירכע אין וועלכע אַל״ע געבאָטען פון דיא אידישע רעליגיאָן וואַרען שטרענג בעאָבאַכט. דיעזע קירכע פון דיא לעצטע אידען־כריסטען איז איבער געבליעבען קליין אונד אונבעדייטענד, דען מיט זייערע פאָרינגע גלויבענס־געגאָסען זיינען זייא מעהר אין בעריהרונג ניט געקוממען אונד פון אידען זיינען זייא שוין לאַנג געוועזן אבגעפרעמדעט, דיזע געמיינדע האט עקזיסטירט איז פאַלעסטינא איינינגע יאהרהונ־ דערטע. ביז נאָך דוא צייטען פון קאָנסטאַנטין דעם גרויסען, וועלכער האט גע־ מאַכט דאס קריסטענטהום פיר אַ הערשענדע רעליגיאָן, וועלכע איז דאַן געוואָרען מעכטיג, מיט דיא הילפע פון דיא וועלטליכע רעגיערונג, אונד זייערע רעליגיעזע

פאַרשטעהער האבען אנגעפאנגען בלוטיג צו פערפאָלגען אַללע זייערע אפיקורסי'טע סעקטעס, ביז זייא זיינען פערניכטעט געוואָרען אונד מיט זיי איז אויך אונטערגעגאנגען דיעזע לעצטע אידיש כריסטליכע גע־מיינדע.

נאך מעהר וויא דיא אידען־כריסטען האבען אין דיא ערסטע צייטען געמאכט א שפאלטונג אין דיא נייגעגרינדעטע רעליגיאָן דיא סעקטע וואס זיינען בעוואוסט אונטער דעם נאמען דיא גנאָסטיקער. דיא ריכטיגע צייט ווען דיעזע סעקטעס זיי־נען ענטשטאנדען איז היסטאָריש ניט ערקלערט. קלעמענס פון אלכסאנדריען בע־הויפטעט אז נאך דעם טויט פון דיא אפאָסטעלס, וועהרענד דיא רעגיערונגס־צייט פון דעם רוימישען קייזער האדריאן, זיינען געגרינדעט געוואָרען איינינע פון דיעזע אפיקורס'ישע סעקטעס. אנדערע אלטע קירכען־שרייבער זאָגען אז דאס איז גע־ווען פריעהער, זאָגאר אין דער צייט ווען דיא אפאָסטעלס האבען נאך געלעבט.

דיא סיסטעמע פון דיעזע גנאָסטיקער איז א צוזאמענמישענעס פון דיא גריע־כיש־פילאָזאָפישע פאנטאזיעס מיט דיא אלט־היידנישע אנזיכטען. גנאָזיס אויף גריעכיש הייסט דיא וויסענשאפט אונד דיא גנאָסטיקער האבען זיך זעלבסט גערו־פען טהעאָזאָפיסטען, דאס הייסט, דיא געטליכע חכמים. אין זייער לעהרע האט ווירקליך געמוזט זיין עטוואס אנציעהענדעס, איבערהויפט פיר דיא מענשען פון יענע צייטען, וועלכע האבען זיך שטארק אינטערעסירט מיט דיא פראגע וועגען דיא נא־טור, וועגען דיא בעציעהונגען פון גאָט צו דיא וועלט, אין וועלכע עס הערשט אזויא פיעל שלעכטעס, טראָטצדעם וואס גאָט זעלבסט איז דאך דער אור־אנפאנג פון אללעם וואס עס איז נור גוט. אויך דיא פאָרשטעהער פון דיא אידישע רעליגיאָן האבען געפונען פיר נויטהיג אנצונעהמען מיטלען געגען דיא גנאָסטיקער, וועלכע האבען זיך דענאך שנעל פערברייטעט אין פאלעסטינא, עגיפטען, סיריע, אונד קליין־אזיען, איבערהויפט מעהר וויא איבעראל אין רוים, דיא דאמאָליגע וועלט־הויפט־שטאדט, וואו אללע רעליגיאָנען אונד גלויבענס האבען געפונען גענוג נאכפאָלגער.

אללע גנאָסטיקער האבען געפיהרט א בעזונדערע שפראך מיט משלים, וועל־כע זיי האבען צוזאמענגעשלעפט פון דיא אידישע כריסטליכע אונד הייד נישע לעה־רען. איינינע פון זייערע סעקטען האבען מיט זייערע מערקווירדיגע נעמען אלליין געצייגט זייערע האלב־וואהנזיניגע אידעען. זאָ איז צום ביישפיעל ביי זיי געווען א סעקטע פון קינים, אויף דעם נאמען פון קין, אדם הראשון'ס זוהן, וועלכער האט ערמאָרדעט זיין ברודער הבל. לויט זייערע משוגענע לעהרען איז אויסגעקוממען אז

קין איז געווען געלעבט. זיי האבען אויך אזוי וויא אויף להכעיס הויך פערעהרט דיא אויסגעלאסענע אנשי סדום, דעם ווילדען עשו, דעם קריעגער קרח אונד אי־בערהויפט אללע פערזאָנען וועלכע די ביבעל שילדערט אלס העכסט פערדאָרבענע. דאַן איז ביי זיי געווען אַ מערקווירדיגע סעקטע פון דיא אָפיטען, אדער נחשים (פון דעם העברעאישען ווארט נחש, שלאַנגע,) דאס הייסט אלזאָ „שלאַנגען־ברידער“, אונד זייא האבען אין דער טהאַט פערגעטערט דיא שלאַנגע, ווייל דורך איהר האט דיא ערסטע מענשליכע פּאאר מורד געווען אַן גאָט אונד בעקוממען דעם בעוואוסטזין צו אונטערשיעדען צווישען גוטעס אונד שלעכטעס, אונד דאָפון האט זיך ווייטער ביי זייא אויסגעבילדעט דער אנזיכט, אז אין דער שלאַנגע איז פעראייניגט דער פיזי־שער אונד גייסטיגער לעבען פון דיא וועלט־זעעלע.

מיר האבען שוין אויף איין אנדער שטעלע פון דיעזען בוך עטוואס ערינערט וועגען דיא לעהרע פון די גנאָסטיקער, דענאָך געפינען מיר פאר נויטהיג יעצט דייטליכער אונד גענויער דיעזע לעהרע צו ערקלערען. גאָט איז אונענדליך, פאָללקאָממען, הייליג, גוט אונד פולל מיט גנאדע. פון איהם דירעקט, האט אלזאָ ניט געקענט ארויסקוממען אזא וועלט, וועלכע איז ענדליך, אונפאָללקאָממען, בייז, שלעכט אונד פולל מיט פעהלערען אונד זינד, אום זיך דיעזען געגענזאַטץ צו ערקלערען האבען זיי אנגענוממען, אז גאַט זעלבסט שטעהט אין קיין פערבינדונג מיט דיא וועלט אונד שאַפט איבערהויפט גאָר ניט; נור דיא׳קרעפטע וואס געפינען זיך אין זיין וועזען אונד פליעסען אויס פון איהם זיינען דיא אור־קוועלען פון אללע ווייטערע ענטוויק־לונגען. דיעזע קרעפטע הייסען עאָנען אונד פון זייא קוממען ארויס אנדערע עאָנען, פון דיעזע נאָך אנדערע, אין אַ לאַנגע רייהע, אימער נידעריגער אונד נידעריגער, ביז עס קוממט צו דיעזע קערפּערליכלע וועלט.

דיעזע אידעע איז איין אללגעמיינע, וועלכע דיא גנאָסטיקער פון דיא פערשי־עדענע סיסטעמען האבען אנגענוממען. אללע גלויבען אין דיעזע סיסטעמע פון עאָנען, דיא העכסטע גייסטיגע וועלטען, וואס פליעסען אויס פון דיא געטליכע קרעפטען; אבער אין דער ענטשטעהונג פון דיעזע קערפּערליכע וועלט זיינען זייערע מיינונגען פערשיעדען. דיא אלעכסאנדרינישע גנאָסטיקער האבען בעהויפּטעט, אז דיא עאָגען אויף זייער ניעדריגסטע שטופּע זיינען אראָבגעזונקען אין תהום, אין אבגרונד, וואו זייא האבען מעהר קיין שייכות ניט מיט דיא אויבערסטע גייסטיגע וועלטען. דער תהום ווירד דאָדורך בעלעבט, אבער מיט אַ לעבען וואס איז ניט געטליך, אונפאָל־קאָממען אונד פעהלערהאַפט, אונד דאפון קוממט ארויס דיעזע קערפּערליכע אדער מאַטעריעללע וועלט. דאַגעגען זיינען דיא סירישע גנאָסטיקער געווען פון אַ גאַנץ

אנדער מיינונג, אז ארום דיא ליכטיגע, גייסטיגע וועלט פון דיא עאָנען רוישט דיא פינסטערע בייזע מאכט פון דער מאַטעריע אונד דורך דעם אנגריף פון דיעזע מאכט אויף דיא געטליכע איז ארויסגעקוממעז א צוזאַמענמישונג א כאאָס, פון וועלכען דיעזע וועלט איז ענטשטאנדען.

דער אונטערשיעד פון דיעזעביידע סיסטעמען איז זעהר גרויס. נאך דיא אידעע פון דיא אלעכסאנדרינישע גנאָסטיקער עלדאך איין אבשטאממונג פון דיא געטליכע קראַפט אונד דער וועלט־בעשעפער (דעמוירגאָס) איז איין אונטערגעאָרדנעטער עאָן. עס גיעבט אלזאָ נור איין איינציגע מאכט, וועלכע קוממט ארויס פון איהר אור־קוועללע, פון גאט דיזע אנזיכט איז נעהענטער צום יודענטהום אונד דיא סעקטע האט דארום אויף דעם אידישען אלטען טעסטאמענט בעטראכטעט אלס געטליכען, אבוואהל ער שטאממט ניט פון גאָט זעלבסט, זאָנדערן פון דעם וועלט בעשעפער, דעם דעמיורגאָס. דאגעגען קוממט עס אויס נאך דיא אנזיכטען פון דיא סירישע גנאָסטיקר, אז עס גיעבט צוויי בעזונדרע קרעפטע, דיא גוטע, געטליכע, אונד דיא בייזע, דיא מאַטעריעללע, וועלכע שטעהען פיינדליך איינע צו די אנדערע. דער בעשעפער פונדיזע וועלט, דער דעמיורגאָס, איז די בייזע קראַפט, דער געגנער פון גאָט, אדער ריכטיגער צו זאגען פון דיא גייסטיגע וועלט וואס קוממט ארויס פון גאט. דער אידישער אלטער טעסטאמענט, דיא אידעע פון צאָרן אונד ראַכע, קוממט ארויס פון דיעזען דעמיורגאָס, וועלכער זוכט אימער צו פערניכטען דיא געטליכע פונקען וואס זיינען אויף דיעזער וועלט צוזאמענגעמישט מיט דיא מאַטעריע.

אללע גנאָסטיקער זיינען דענאָך געווען איינשטיממיג אין דער אנזיכט, אז דיא געטליכע זעעלע, דער גייסט, געפינט זיך אויף דיעזער וועלט אין געפאנגענשאַפט ביי דיא בייזע מאַטעריע, דארום איז דיא אויפגאַבע פון מענשען דורך הייליגקייט אונד דורך בטהערשעןז פון דיא קערפערליכע ליידענשאַפט, צו שטרעבען צו א העכערע שטופפע פון פאָללקאָממענהייט. דיא גנאָסטיקער האבען אין דער טהאַט געפיהרט אזא זאָרט לעבען, וואס וועניגער צו בעפריעדיגען זאָגאר דיא נויטהווענדיגסטע געלוסטען פון קערפער, גלויבענדיג אז דאדורך קען דער גייסט פערשטארקט אונד געלייטערט ווערען. דאמוט האבען זייא געוואונען א גרויסען איונפלוסס אויף דיא דאמאָליגע וועלט אינד זייערע אנהענגער האבען זיך שנעל פערבריימעט אונד פערמעהרט איבער פערשיעדענע שטעדט אונד לענדער.

דיא גנאָסטיקער האבען געהאט וועגען יעזוס'ען גאנץ אַנדערע עוואַנגעלוומס, אויף וועלכע זייא האבען געזאָגט אז דאס זיינען די ריכטיגע, דיא אמת'ע, וועהרענד דיא עוואַנגעליומס פון דיא כריסטען זיינען פאַלשע. יעזוס איז נאך זייער מיינונג געווען איינער פון דיא עאָנען, בייא איינינע סעקטעס האט ער זיך גערעכענט פון די העכערע אונד בייא אַנדערע פון דיא ניעדריגע עאָנען, אבער יעדענפאַללס איז דיע־זער עאָן־יעזוס גאנץ פערשיעדען פון דעם מענשליכען יעזוס, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען ניט פון א הייליגען גייסט, זאָנדערן געוועהנליך וויא אַללע מענשען. בייא דער טויפע איז אויף איהם אראָבגעשטויגען דער עאָן־יעזוס, אום דורך איהם צו ווירקען אז דיא זינדיגע מענשהייט זאָלל קוממען צו דעם העכערען בעגריף פון דיא אייבזגע געטליכע ליכטיגקייט אונד אויף דיזען אופן צו בעפרייען דעם גייסט פון געפאַנגענשאַפט בייא דיא מאַטעריע. יעזוס איז ניט געקוממען אלס אָפפער, זיך מקריב צו זיין פאר דיא וועלט, דען גאָט דאַרף קיין קרבנות ניט, אונד א גאָט, אדער זאָגאר איין עאָן, קען ניט אונטערוואַרפען ווערען צום טויט. אלס יעזוס דער מענש איז געשטאָרבען איז דער עאָן־יעזוס צוריק ארויפגעשטויגען אין דיא אייבינע, ליכטינע גייסטיגע וועלט, וועהרענד יעזוס'עס מאַטעריעללער קערפער איז פערניכטעט געוואָרען, גראַדע וויא דיא קערפער פון אַנדערע שטערבליכע מענשען.

דיא פערשיע־ענע גנאָסטישע סעקטעס האבען אנגעפאַנגען פערקלענערט צו ווערען פון דיא לעצטע צייטען אין דריטען יאהרהונדערט, דענאך האבען אייניגע זיך נאך נעהאַלטען ביז צום 6טען יאהרהונדערט ווען זייא זיינען אין גאַנצען פערשוואונ־דען. דורך דיא שרעקליכע פערפאַלגונגען פון די כריסטליכע קירכע. זייערע אידעען האבען זיך דענאך פערפלאַנצט ווייטער ביי פערשיעדענע שפּעטינערע סעקטעס אונ־טער אַנדערע נעמען, איבערהויפּט בייא דיא אלביגענזער אין זיד־פראַנקרייך. ביז צום 12טען יאהרהונדערט, ווען דיא פראַנצוזישע רעגיערונג האט אויף דעם וואונש פון רוימישען פּאַבסט אויסגעראָט דורך פייער אונד שווערט. פילע טויזענדע מענער פרויען אונד קינדער זיינען אויסגעשלאַכט געוואָרען זאָ דאס עס איז פון זייא כמעט קיין איינציגער ניט איבערגעבליעבען.

אלס דעם ערסטען פון דיא גנאָסטישע אפּיקורסים רעכנען די אלטע קירכען־שרייבער שמעון מאַגוס, פון שמרון, אונד זיין נאכפאָלגער מטנאַנדער, פון וועלכע מיר האבען ערינערט אויף איין אַנדער שטעללע פון דיעזען בוך; און אין דער טהאַט איז דיעזען שמעון'ס לעהרע כמעט פאָללשטענדיג גלייך מיט דיא גנאָסטיקער, איבער־הויפּט מיט דיא סירישע סעקטע, וועלכע האבען בעהויפּטעט וועגען צווייא בעזונדע־

רע קרעפטען אין דער נאַטור. דענאך איז דער אונטערשיעד צווישען די גנאָסטיקער אונד שמעון מאגוס זעהר גרויס. אללע גנאָסטישע סעקטעס זיינען געווען כריסטען, דאס הייסט, זייא האבען פערעהרט יעזוס׳ען, אלס א העכערען אָדער א ניעדריגערען וועזען פון דיא היממלישע עאָנען, וועהרענד שמעון מאגוס האט אויף זיך אלליין גע־זאָגט, אז ער זעלבסט איז איינער פון דיא גרעסטע אונד מעכטיגסטע עאָנען. שמעון מאגוס איז אלזאָ געווען ניט א גרינדער פון א בעזונדערע כריסטליכע סעקטע, זאָנדערן א פאללשטענדיגער געגנער פון כריסטענטהום אין אלגעמיין.

אין יענע צייטען ווען דיא פעלקער זיינען געווען אין א טומעל פון רעליגיעזע צומישענעס, ווען דער אלטער אבערגלויבען פון דיא געטצענדיענער האט אָנגעפאַנ־גען צו זינקען אונד קיין נייע רעליגיאָן, וואס זאָלל זיין פאַסענד פיר דיא אנזיכטען פון דיא היידנישע וועלט איז נאך ניט געפונען געוואָרען, — צו אזעלכע צייטען איז עס קיין וואונדער אז עס האבען זיך געפונען אייניגע אזעלכע פערזאָנען וויא יעזוס. זייא אללע זיינען געווען ענטוועדער בעטריגער, אָדער בעטראָגענע בעטריגער; ענט־וועדער זיי האבען געשפיעלט א פאָלשע ראָללע אום דוא וועלט אָבצונאררען, אָדער זיי זיינען ווירקליך געווען בעהעררשט מיט א וואהנזיניגע אידעע פון ווילדען אבער־גלויבען אונד געגלויבט אויף זיך באמונה שלמה, אז אין זייא איז אריינגעפ־לויגען א גאָט, א הייליגער גייסט, אָדער א מין גרויסער מלאך פון היממעל.

גלייכצייטיג מיט יעזוס׳ען, אָדער פיללייכט אייניגע יאהר שפעטער, איז אין שמרון ערשיענען א געוויסער באָסיטהעאוס, אָדער דאָסטאי, וועלכער האט זיך אויף ארויסגעגעבען אלס איין איבערנאַטירליכער משיח. די בעריכטען וועגען איהם ענטהאַלטען זיך אין דיא אלטע שריפטען פון זיינע כריסטליכע געגנער אונד זייא אלליין זיינען מודה אז ער איז ניט געווען א בעטריעגער זאָנדערן א מטורף, וואס האט ווירקליך געמיינט אז ער איז א משיח. אלס עס האבען זיך צו איהם אנגע־שלאססען פיעלע נאכפאָלגער אונד דער אויפרוהר אין לאַנד איז געוואָרען צו גרויס, האט דער כהן גדול פון דיא שמרונים ארויסגעגעבען א בעפעהל אז מען זאָל איהם אררעטירען; אבער ער האט בעוויזען צו ענטלויפען אונד זיך בעהאַלטען אין א הייל פון אירגענד א וויסטע געגענד, וואו ער איז געשטאָרבען פון הונגער. דענאך האט ער אויף געגרינדעט א סעקטע פון גלויבענס־נאכפאָלגער, וועלכע האט עקזיס־טירט אין עגיפּטען זאָגאר ביז צום 6טען יאהרהונדערט.

אין דעם 1טען יאהרהונדערט האט געלעבט א געוויסער גריעכישער פילאזאָף, אפּאָללאָניוס פון טיאַנא, אויף וועלכען זיינע נאכפאָלגער זאגען, אז ער איז געשטאָר־

בען פועל העבער וויא יעזוס. צו זיין מוטער האט זיך בעוויזען דעם עגיפטישער גאָטט פראָעטאוס אונד איהר אנגעזאגט, אז ער זעלבסט וועט זיך אין איהר פערקערפערען, אום אלס מענש געבארען צו ווערען. דאס איז געוועזען גראדע צו דער צייט אויף וועלכע מען רעכענט אז יעזוס אין דאן אויפגעטרעטען אין עפענטליכען לעבען מיט זיין פראָפאגאנדא. אלס דיא מוטער פון אפאָלאָניוס האט איהם געבאָרען איז אראָבגעפלויגען א בליטץ־שטראמל פון היממעל אונד ניט מאכענדיד קיין שאדען דעם נייגעבאָרענעם איז דער שטראהל צוריק ארויפגעשטויגען אין דער הויך. אין דער יוגענד האט ער געמאכט רייזען איבער פערשיעדענע גריעכישע שטעדט אונד אין עגנעע האט ער ביי עקסענאָס געלערענט דיא ניי־פיטהאָגארישע פילאָזאָפיע, צו דערזעלבער צייט איז ער א יך געוועזען איבערגעגעבען פיר דיא דאמאָליגע געהיימניספאָלע מאגישע לעהרע אונד האט נביאות געזאָגט אין טעמפעל פון עסקולאפ. דעם פערמעגען וואס איז איהם איבערגעבליבען פון זיין פאטער האט ער צוטהיילט פיר אָרמע אונד אליין איז ער אַוועק נאך אינדיען, וואו ער האט געלערנט די געהיימניסע פון דיא גימנאָזאָפיסטען*). ווערענד דיא רעגיערונג פון קייזער נעראָ איז ער ערשיענען אין רוים, אבער אויף דעם בעפעהל פון דיא רעגיערונג האט ער געמוזט די שטאָדט פערלאָזען. ווייל דורך זיינע וואונדער־טהאטען אונד מאָראלישע פרעדיגטען זיינען צו איהם אנגעצויגען געוואָרען מאססען פון פאָלש. אפאָלאָניוס האט דאן ארומגעוואנדערט איבער עגיפטען, עטהאָפיען אונד אנדערע מדינות אונד איז געשטאָרבען אין עפעזאָס, גריעכענלאנד, בערך 96 אדער 104 נאך כריסטוסען. אנדערע בעהויפטען אז מען האט איהם דאָרט געקרייציגט. שפעטער איז ער געוועזען זעהר פערגעטערט, זאָגאר פון דיא רוימישע קייזערן אונד מעדאלען ווארען געגאָסען צו זיין אנדענקונג. אין פיעלע ערטער, איבערהויפט אין קליין אזיען אונד גריעכענלאנד, האבען עקזיסטירט טעמפלען, מיט אלטארען אונד שטאטוען, וואו מען האט צו איהם געדיענט, וויא צו א גאָטט, אדער גאָט'ס א זוהן.

דיעזע אונד נאך פיעלע עהנליכע ערצעהלונגען פון יענע צייטען בעווייזען, אז יעזוס מיט זיין פראָפאגאנדע האט קיין נייעס ניט אויפגעטהון אונד אזעלכע סעק־

*) גימנאָזאָפיסטען, הייסט אויף גריעכיש „נאקעטע חכמים“. אין אינדיען איז געוועזען א מין פילאָזאָפישע סעקטע, וועלכע זיינען פשוט ארומגעגאנגען נאקעט, ווייל נאך זייער משוגעת איז אויסגעקוממען אז מען דארף דעם אייגענעם קערפער פויניגען אונד ניט אָבהיטען דורך בעקליידונג. זיי פלעגען זיך זעלבסט פערברענען, אום צו קוממען אין א העכערען, רייגערען צושטאנד.

טעס וויא פון דיא ערסטע נוצרים זיינען דאמאלס ענטשטאנדען פיעלע אנדערע אין פעשיעדענע ערטע. דער אונטערשיעד איז נור אז יענע האבען ניט געהאט קיי פעסטען באָדען, דאס הייסט, קיין ריינע רעליגיאָן פון יודענטהום, אויף וועלכען זיי זאָללען זיך קענען בענרינדען. ביי זייא איז ניט געוועזען קיין משומד פּאאול, וועלכער זאָל אנווענדען דיא תורת משה אום פון איינער זייט געגען איהר צו קעמפּ־פען אונד פון דער צווייטער מיט איהר זיך צו בענוטצען פיר זיין להכעים־פּראָפּאַ־גאנדא. זייא זיינען דארום אונטערגעגאנגען, וועהרענד דאס כריסטענטהום איז גע־וואָרען א וועלט־רעליגיאָן אונד עסיסטירט נאך ביז היינטיגען טאָג, נור אויף דעם פונדאמענט פון דער אלטער אידישער ביבעל, טראָטצדעם וואס אידען זיינען פון זיי אויסגעשטאנען דיא גרעסטע רדיפות אונד ביז היינטיגען טאָג זיינען זיי מייסטענ־טהיילס דיא ערגסטע אידישע שונאים.

עהנליך צו דיא גנאָסטיקער איז דאן ענטשטאנדען דיא סעקטע פון דיא ניקאָ־לאיטען, פון וועלכע מען וויס נור אזוי פיעל אז זיי זיינען געגרינדעט געוואָרען פון א געוויסען ניקאָלאי, איינעם פון דיא ערסטע זיעבען פאָרשטעהער, וועלכע דיא אפּאָס־טעלם אין ירושלים האבען ערוועהלט. דער אלטער קירכען־שרייבער עוזעביוס וועלכער איז צייטענוויז א ליגנער, ערצעהלט א געשיכטע, אז ניקאָלאי איז געוועזען בעשולדיגט פארוואס ער איז צופיעל אייפערזיכטיג אונד צו שטארק פערליבט אין זיין שעהנע פרוי, דארום האט ער פאָרגעשלאָגען אז ער איז פערטיג איהר אבצוגע־בען יעדען איינעם וואס וויל מיט איהר חתונה האבען, אום דאמיט צו בעווייזען פערקעהרט, אז יעזוס׳עס עולם הבא איז בייא איהם וויכטיגער וויא דיא עולם הזה מיט זיין פרוי. זיינע נאכפאָלגער האבען דארום געגרינדעט א סעקטע אין וועלכע דיא ווייבער האבען געהערט בשותפות צו דיא גאנצע געמיינדע צוזאממען. איינע נייעסטע היסטאָריקער בעווייזען אז ניקאָלאי איז איין איבערזעטצונג פון דעם העברעאישען נאמען בלעם, אונד אין דיביידע שפּראכען האט עס גטראט א בע־דיטונג פון שעדליכע מענשען, וועלכע זיינען בעטראכט אלס פערדערבער פון פאָלק. דיא סעקטע איז בעשטאנען פון היידען כריסטען וועלכע האבען געהאט זייער קירכע אין פערגאמאָן, אונד אויסער דעם אונמאָראלישען לעבען מיט שותפות־ווייבער ווע־רען זייא אין נייעם טעסטאמענט בעשולדיגט, אז זיי עסען נבלות וטרפות אונד ברענגען אָפּפער צו געטצען. דיעזע וואונגעלישע בעשולדיגונגען אויף דיא געגנער זיינען וואהרשיינליך איבערטריעבען, נור ערקלערען ריכטיג קען מען עס ניט, וויל פון ניקאָלאיטען זעלבסט איז קיין זאך ניט איבערגעבליבען. דיא שפּעטיגערע כריסט־

ליכע היסטאָריקער בעהויפטען, אז זייא האָבען אָנגענוממען דיא לעהרען פון דיא גנאָסטיקעקר נעמליך פון דיענינע וואס האבען געגלויבט אז עס עקסיסטירען צוויא געטליכע מעכטע, איינע וואס טהוט גוטעס אונד דיא אַנדערע וואס פעראורזאכט שלעכטעס.

פון דיא בעריהמטע פערזאָנען, וועלכע זיינען אין דער קירכען־געשיכטע פער־שריעבען אלס אפיקורס׳ישע לעהרער, פון דיא גנאָסטישע אונד אַנדערע סעקטעס, איז צוערדט גערעכענט דער גריכישער איד סערינטהוס, וועלכער האט געלעבט אין ערסטען, אָדער וויא אַנדערע בעהויפטען אין 2טען יאהרהונדערט. זיין סיסטעם איז א צוזאממענמישענגעס פון אידישע, כריסטליכע אונד גנאָסטישע פרינציפען. גראַדע וויא דיא גנאָסטיקער בעהויפטעט ער אויך, אז דער וועלט־בעשעפער איז נים גאָט אלליין, זאָנדערן א וועזען וואס שטעהט ניעדריגער אַלס דער העכסטער גאָט, נענען וועלכען ער האט מורד געוועזן אונד פערפיהרט דיא מענשען צו טהון שלעכטעס אונד צו זינדיגען. גאָט האט שליעסליך אראָבגעשיקט איינעם פון דיא העכסטע מלאכים. וועלכער הייסט כריסטוס, אונד דיעזער מלאך איז אין דעם גע־שטאַלט פון א טויב אריינגעפלויגען אין יעזוס׳ן, גראַדע אין דעם מאָמענט, ווען יע־זוס האט זיך טובל געווען אין ירדן. יעזוס זעלבסט איז א נאַטירליכער מענש וויא אַלע אַנדערע, געבאָרען פון יאָזעף אונד מאריא, אונד ווען ער איז געשטאָרבען אויפן קרייץ איז דער מלאך כריסטוס צוריק אוועקגעפלויגען אין הימעל. דער וואס גלויבט אין יעזוס׳ען מוז פאָלגען אַלע געבאָטען פון דער תורה, נעמליך, דיענינע וועלכע ער האט אויסדריקליך אָנגעזאָגט ; אבער דיא איבריגע מצות, וואס יעזוס האט נים עראינערט, איז אויך נים נויטהיג צו האַלטען. נאך פערלויף פון א גע־וויסע צייט וועט יעזוס דער מענש אויפשטעהען תחית המתים. מיט אַלע אַנדערע געשטאָרבענע. דער מלאך כריסטוס וועט צוריק אין איהם אריינפליהען אונד יעזוס וועט גרינדען אין ירושלים א קעניגרייך פון גליק אונד הערליכקייט, וואו ער וועט רעגיערען טויזענד יאהר.

דיעזער גלויבען אין א טויזנד־יעהריגען רייך פון יעזוס׳ען איז געוועזן זעהר שטארק אין אוור־אפאנג פון כריסטענטהום, פון יעזוס׳ען אלליין איז געזאגט אין עוואַנגעליום, אז דיעזער דור וועט זיך נאך נים ענדיגען אלס דיא הימלישע קעניג־רייך וועט שוין זיך אנפאנגען אין דיא עוואַנגעליומס וואו עס ווערען פאַרנעשטעללט פערשיעדענע געשפרעכען וואס זיינע תלמידים האבען מיט איהם געהאט, פער־נעהמט יעדער פון זיי א פלאַטץ אויבען אָן אין דיא נעקסטע מלוכה וועלכע ער וועט

גרינדען. נאך יעזוס'ען זיינען דיא אפאסטעלס אונדזיינע פאכאלגער געוועזען בעגייסטערט מיט דיעזע אידעע אונד פאללשטענדיג איבערצייגט אז יעזוס וועט געוויס נאך אין זייער לעבענס צייט ווידער ערשיינען. פאול (טהעס. 4, 16 17) זאגט; „ אונזער הערר וועט אראבקוממען פון הימעל בייא דעם קלאנג פון א שופר וועלכען עס וועט בלאזען דער היממלישער גענעראל, אונד דיא וואס זיינען געשטארבען פאר כריסטוס'ען וועלען צוערסט אויפשטעהען; דאן וועלען מיר, וועלכע זיינען געבליעבען לעבען, אויך אויפגענוממען ווערען אונד אויפשטייגען צוזאמען מיט זייא אין די וואלקענס, צו עמפפאנגען דעם הערען, מיט וועלכען מיר וועלען פערבלייבען אויף אייביג.„

מיט אזעלכע פאנטאזיעס זיינען פולל אויך אללע בריעפע פון דיא אנדערע אפאסטעלס, וועלכע האבען פאזיטיוו ערווארט אז נאך אין זייערע צייטען וועט די וועלט אונטערגעהען אונד א נייע וועלט וועט ערשיינען. דיעזער גלויבען האט אויך אין דעם אור־כריסטענטהום ניט אויפגעהערט, נור ביא זייא איז ער עטוואס געענדערט געווארען, אז נאך דיא צווייטע ערשיינונג פון יעזוס'ען וועט זיך אנפאנגען זיין טויזענד־יעהריגע וועלט־רעגיערונג. דיא ערסטע קירכען־פאטערס פאנטאזירען וועגען דיא הערליכקייט פון דיעזען רייך, וויא דיא גאנצע נאטור וועט זיך ענטוויקלען אין איהר שענסטען גלאנץ אונד פראכט; וויא יעזוס'עס געטרייע וועללען לעבען אין א גן־עדן אונד בעהררשען די וועלט. געגרינדעט זיינען דיעזע איינבילדונגען אויף דיא נבואה פון יוחנן (20, 4 א. ו.) וואו דאס אללעס ווירד געשילדערט מיט פאנטאסטישע פארשטעללונגען! דראט איז אויך געזאגט, אז נאך פערלויף פון דיא טויזענד יאהר וועט דיא וועלט אונטערגעהען אונד דאן ערסט וועט זיך אנפאנגען דיא אמת'ע עולם הבא.

אלס עס זיינען אבער פיעלע דורות פארביי געגאנגען אונד דיא נבואה איז ניט מקוים געווארען, האט דיא כריסטליכע קירכע אבגעלעגט דיא צווייטע ערשיינונג פון יעזוס'ען אויף 1000 יאהר שפעטער. אלס דיעזע צייט איז געקוממען איז דיא אויפרעגונג אין דער גאנצער כריסטליכער וועלט געוועזען אזוי גרויס פונקט וויא אין אנפאנג פון כריסטענטוזום, דען זיי האבען פאללשטענדיג געגלויבט אז דער וועלט־אונטערגאנג קוממט שוין אין זייער דור. שליעסליך האט דיא כריסטליכע קירכע דיעזע אידעע פון א טויזענד־יעהריגען יעזוס־קעניגרייך אין גאנצען פערווארפען, בעהויפטענדיג אז דיא יעזוס'עס וועלטליכע רעגיערונג האט זיך שוין אנגעפאנגען דאמיט וואס דאס כריסטענטהום איז געווארען א הערשענדע רעליגיאן,

אונד אז דיעזע וועלטליכע רעגיערונג איז ניט אבגעגרענעצט אויף טויזענד יאהר, זאנדערן ביז דיא צווייטע ערשיינונג פון יעזוס׳ען, וועלכע איז אונבעשטיממט. דער גלויבען אין א טויזענד־יעהריגען רייך איז פערבליעבען נור ביי איינינע כריסטליכע סעקטעס.

דיא אלטע קירכען־שרייבער וויא עפיפאנוס אונד עוזעביוס עראינערען אויף וועגען א בעזונדערע אידיש־כריסטליכע סעקטע, וועלכע האט עקזיסטירט אין אנפאנג פון 2טען יאהרהונדערט. דער גרינדער פון דיעזע סעקטע איז געוועזען א איד, מיט דעם נאמען עלקאסא, אונד ער האט זיך אזויא בעליעבט געמאכט בייא א אידישע סעקטע, וועלכע עפיפאנאס רופט דיא אססענס״, (ער מיינט וואהרשיינליך דיא בעוואוסטע עססענער,) אז זיי האבען אללע נאכגעפאלגט זיינע לעהרען, וועלכע איז בעשטאנען אין א צוזאממען־שטעללונג פון דיא אלעכסאנדרינישע מיט דיא אידיש־כריסטליכע אידעען. דיעזע סעקטע האט זיך גערופען אויף זיין נאמען דיא „עלסאיסטען״, אונד עס איז זעהר וואהרשיינליך אז זיא איז בעשטאנען איבערהויפט פון דיא לעצטע אידישע עססענער, וועלכע האבען זיך ניט געוואללט אנשליסען צו דיא היידען־כריסטען, אבער שליסליך זיינען זיי אויך פערשוואונדען געווארען אין דעם גרויסען מבול פון כריסטענטהום.

צו דערזעלבער צייט האבען זיך דיא גנאסטישע אידעען ווייטער פערברייטעט אונד ענטוויקעלט אין פערשידענע פאנטאזיעס. א געוויסער סאטורנינוס, אויף וועלכען מען זאגט אז ער איז געוועזען א תלמוד פון מענאנדער, אלזא א געגנער פון כריסטענטהום, האט זיך ענדליך אנגעשלאסען צו דיעזע אמונה, אבער דאבייא האט ער מיטגעבראכט זיינע לעהרען, וועלכע ווארען געגען דיא פרינציפען וואס זיינען שוין געוועזען אנערקענט אין דיא דאמאליגע קירכע. סאטורנינוס איז געוועזען דער ערסטער וואס האט בעהויפטעט, אז די מענשען זיינען פון דער נאטור צוטהיילט אין צווייא קלאססען, גוטע אונד שלעכטע .דער פאנאטיק האט געפארדערט אז מענשען זאלען פייניגען זייערע קערפערס אונד האט פערדאמט דיעניגע וואס הייראטהען, ווייל דאמיט פערקויפען זייא זיך צו דיא מאכט פון שטן. וועגען יעזוס׳ען האט ער אויך בעהויפטעט, אז ער איז ניט געוועזען גאט, אדער גאט׳ס א זוהן, זאנדערן נור א שליח, אום דיא וועלט צו פערבעסערען. דיא סעקטע פון דיעזען סאטורנינוס האט עקסיסטירט אין אנטיאך.

איינינע יאהר שפעטער איז אויפגעטרעטען אין אלעכסאנדריא א מאן וועלכען דיא כריסטליכע קירכע בעטראכט אלס דעם גרעסטען אפיקורוס. זיין נאמען איז געוועזען באזילידעס, געבארען אין פערזיען, אדער וויא אנדערע זאגען אין סיריען, וואו ער

איז געווען א תלמיד פון דעם בעוואוסטען מענאנדער. באזילידעס זעלבסט אבער האט בעהויפטעט, אז זיין לעהרער איז געווען גלאסיאס, איינער פון פעטערס תלמידים אונד פון איהם האט ער ערהאלטען די סודות פון דעם גרויסען אפאסטעל. זיין סיסטעמע איז געווען געגרינדעט אויף די לעהרען פון די אלטע עגיפטישע פילאזאפען אונד די רעליגיעזע אנזיכטען פון די פערזיער. ער זאגט ניט ווי די גנאסטיקער אז גאט שאפט ניט אונד שטעהט אין קיין פערבינדונג מיט די וועלט, זאנדערן אז גאט איז טהעטיג אין דער נאטור. פון איהם, דעם אונענדליכען פאטער, קומען ארויס די זיעבען הויפט־קרעפטע: גייסט, פערנונפט, (לאגאס), אינטעליגענץ (די קראפט צו דענקען), וויסענשאפט, מאכט, גערעכטיגקייט אונד פריעדען. דיעזע זיעבען קרעפטע צוזאממען מיט גאט זיינען דער אגדאאס, דער ערסטער הימעל; אזעלכע הימלען, אין איין אימער אבשטייגענדע שטופפע, גיעבט עס 365 אונד צוזאממען מיט דעם ערסטען הייסט דאס בייא איהם אבראקסאס. די אייגענטליכע בעדייטונג פון דיעזען ווארט איז ניט אין גאנצען ערקלערט, נור וויא אייניגע בע־הויפטען בעטרעפען די בוכשטאבען, ווען מען זאל זייא איבערטראגען אין ציפער דעם צאהל 365.

פון דעם לעצטען אונטערסטען הימעל האבען זיך די גייסטיגע קרעפטע צו־מישט מיט די מאטעריע אונד דאפאן איז בעשאפען געווארען די ערדען־וועלט. אין דעם מענשען געפינען זיך דארום צוויא נשמות, די טהיערישע אונד די הימלישע; דארום דארף עס זיין דעם מענשען'ס אויפגאבע צו אונטערדריקען אין זיך די ניעדריגע ליידענשאפטען, וועלכע קוממען ארויס פון די טהיערישע נשמה אונד דורך א שטרענגען מאראלישען לעבען קוממען צו די שטופפע, אז זיין גייס־טיגע נשמה זאלל צוריק קעהרען אין העכסטען הימעל, פון וואנען זיא שטאמט אב, זאנסט מוז דיעזע נשמה, נאכ'ן מענשען'ס טויט ווערען מגולגל אין אנדערע מענשען, אדער זאגאר אין טהיערע. שליסליך מוז זיא אבער ווערען געלייטערט, אונד אויפגענומען ווערען צו איהר ערסטע קוועללע.

די קרייציגונג פון יעזוס קריסטוס איז נאך די ערקלערונג פון באזילידעס אין דער ווירקליכקייט גאר ניט פארגעקומען, אנשטאט איהם האט מען דאמאלס געקרייציגט א געוויסען שמעון פון קירענא. דארום איז די גאנצע געשיכטע מיט יעזוס'ן, אז ער האט זיך געאפפערט פיר די מענשהייט, דורכאויס פאלש. גאט האט אראבגעשיקט זיין גייסט אויף יעזוס'ען, אבער גלויבען דארף מען ניט אין איהם, דעם מענשען יעזוס, זאנדערן אין דעם עוויגען געטליכען גייסט.

דיא סעקטע וועלכע באזילידעס האט געגרינדעט איז געווען זעהר צאהלרייך אונד האט עקסיסטירט מעהר וויא 300 יאהר, פון דיזער סעקטע האט זיך אויס־געבילדעט א געהיימער אָרדען, מיט א בעזונדערע רעליגיעזע סיסטעם, וועלכע איז מיט דער צייט פערענדערט געוואָרען דורך דעם איינפלוס פון דיא סטאָאישע פילאָ־זאָפיע. דיא לעהרען פון דיזע סעקטע זיינען געווען הויך מאָראליש, אבער דיא קירכע האט זייא פערדאממט אלס דיא געפעהרליכסטע אפיקורסים, ווייל זייא האבען גע־לייקענט אז יעזוס איז געקרייציגט געוואָרען אונד דאצו האָבען זייא בעהויפטעט, אז עס מאכט ניט אוים דורך וועלכע צערמאָניעס מען דיענט צו גאָט, עס איז אויך רעכט דאס זעלבע צו טהון דורך חיידישע צערמאָניעס, ווען דאס זאלל נור פיהרען דעם מענשען צו א העבערען מאָראלישען צושטאנד.

דיא סעקטע פון דיא קארפאָקראטען איז אויך געווען אזעלכע וואס האט גע־לייקענט דיא געטליכקייט פון יעזוס׳ן. דער גרינדער פון דיזער סעקטע האט געלעבט בערך 150 יאהר נאך יעזוס׳ען אונד זיין סיסטעמע איז געווען פיעל איינפאכער וויא פון אללע אנדערע אפיקורס׳ישע סעקטעס. גאָט, הייסט עס, האט בעשאפען דיא וועלט דורך זיינע מלאכים, וועלכע זיינען וויט ניט אזוי פאָלקאָממען וויא דיא גאָט־הייט אונד דארום קוממען ארויס אויף דער וועלט זעהר פיעלע פעהלערען. גאָט האט קיין מאל ניט געשיקט אירגענד וועלכע שלוחים דיא וועלט צו פערבעסערען, זאָנדערן עס גיעבען מענשען מיט העבערע נשמות, וועלכע טרעטען אויף פון צייט צו צייט, אום זייערע מיט־מענשען צו בעלעהרען. איינער פון דיזע הויך־מאָראלישע פערזאָנען איז אויך געווען יעזוס־כריסטוס. דיא גאַנצע מאָראל בעשטעהט נור אין גלויבען אונד וואָהלטהאט. אללע אנדערע געבאָטען זיינען אויסגעטראכט פון מענ־שען אונד האבען קיין ווערטה. איבער דיזע אורזאכען, ווייל זייא האלטען ניט פון דיא מענשליכע געזעטצען, האָט מען דיא קארפאָקראטען בעשולדיגט, אז זייא זיינען קאָמוניסטען און דיא ווייבער האָבען זייא אויך אללע בשותפות; אבער דיא פאָרשונגען פון דיא נייע היסטאָריקער בעווייזען, אז דיזע בעשולדיגונגען פון דיא אלטע קירכען שרייבער געגען דיא קארפאָקראטען זיינען זעהר צווייפעלהאפט. נאך קארפאָקראטעס איז געווען דער הויפט פון דיא סעקטע זיין זוהן עפיראנעס, וועלכער האט געשריעבען א בוך De Justilia Dei וועגען גאָטעס־גערעכטיגקייט, אבער דאס בוך איז פערלאָרען געגאנגען אונד מען געפינט נור פון איהם אויסציגע אין דיא שריפטען פון זיינע כריסטליכע געגנער.

דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט פון דיא דאמאליגע וועלט האט אויף זיך געצויגען דער בעריהמטער אפיקורוס וואלענטין, וועלכער שטאמט פון אלעכסאנדריען

אין עניפטען, אונד אין 141 איז ער נעקומען נאך רוים, וואו ער האט אָנגעפאנגען צו פראָפּאגאנדירען זיינע לעהרען אונד האָט געפונען מאססען נאכפאָלגער צווישען דיא דאָרטיגע כריסטען. דיא קירכען־פאָרשטעהער האבען איהם דאפיר צווייא מאָל ארייננעלעגט אין חרם אונד שליעסליך צום דריטען מאָל האבען זייא איהם אין גאנצען אויסגעשטויסען פון דיא כריסטליכע געמיינדע. ער איז דאן אוועק פון איר־טאליען אונד זיך בעזעצט אויף דעם אינזעל ציפּפּערן, וואו ער האט געגרינדעט א בעזונדערע סעקטע, וועלכע האט זיך דאן פערברייטעט איבער גאנץ אזיען, אפריקא אונד אייראָפּא. דיא אלטע קירכען־שרייבער בעהויפּטען, אז דיעזער וואלענטין איז געוועזען איין עהרגייציגער מאן אונד האָט געגרינדעט א נייע סעקטע נור דארום ווייל דיא קירכע האט איהם ענטזאגט צו געבען דיא אַמט פון א בישאָף; אבער וויא פיעל מען ווייס פון זיין לעבענס־געשיכטע איז צו זעהען, אז דיעזע בעשול־דיגונג איז פאלש.

וואלענטין איז וויא עס ווייזט אויס געוועזען א הויך־געלעהרטער מאן, אבער זיין סיסטעם איז פול מיט זאגען אונד פאנטאזיעס, פונקט אזוי וויא בייא דיא הייד־נישע פילאָזאָפען. דער העכסטער הימעל, אדער דיא גייסטער־וועלט איז ביי איהם איינגעטהיילט אין 15 פערשיעדענע פאאר פון גייסטיגע קרעפטע, פון וועלכע דיא מענליכע גיעבט לעבען אונד דיא ווייבליכע עמפּפאנגט דאס לעבען. דיא לעצטע פון דיעזע גייסטער־פאאר סאָפיא, (דיא חכמה), האָט א טהייל פון איהר קראפט פערלאָרען אין תהום אונד דאדורך איז ענטשטאנדען דיא קערפּערליכע וועלט, פון וועלכע דיא מענשליכע נשמות זיינען אויסגעלעזט געוואָרען דורך דיא העכסטע געטליכע קראפט. דיעזע גרונד־אידעע איז ביי דיא וויטערע וואלענטינישע שילער ענטוויקעלט געוואָרען אין א פאָללשטענדיג אויסגעבילדעטע סיסטעם, אין וועלכע עס איז צוזאממען געמישט פילאָזאָפיע מיט פאנטאזיע.

אינטערעסאנט איז אין וואלענטין׳ס לעהרע דיא איינטהיילונג פון מענשען, וועלכער בעזיצט נאך זיין מיינונג א צווייפאכיגען קערפּער אונד א צווייפאכיגע זעעלע. דער אינערליכער קערפּער איז א פליסינקייט; דער אויסערליכער איז א דונקעלע מאססע, וועלכער דיענט פאר דעם אינערליכען אלס א חיללע. דיעזע היללע, אָדער דיא בעקליידונג בעזיצט געפיהלען, דארום ווייל זיא ווערט בעלעבט דורך דעם אינערליכען קערפּער. קיין תחית המתים גיעבט עס נים, דען דיא קערפּערס ווערען אויפגעלעזט אין דיא אללגעמיינע אירדישע עלעמענטען פון דער נאטור. פון דיא צווייא נשמות איז איינע א טהייל פון דיא אללגעמיינע וועלט־זעעלע, פון דעם מא־טעריעללען שטאָף, פון וועלכען דיא הימלען זיינען געמאכט. דיעזע זעעלע ענט־

האלט אין זיך דעם לעבענס־קראפט, דיא אייגענשאפטען פון געפיהל אונד בעגריף. דיעזע זעעלע געהט אויף איביג פערלאָרען אָדער זיא ווערט גערעטעט. דער הויך־מאָראַלישער מענש, וואס האט געלעבט נאך דיא אידעען פון דיא העכסטע גאָט־זייט אונד בעצוואונגען זיינע לייִדענשאפטען, פעראייניגט זיך בייא איהם דיעזע זעעלע מיט דיא ערסטע, דיא העכערע, וועלכע שטאמט אב פון גאָט אליין; אבער בייא דעם ניעדעריגען מענשען בלייבען דיא זעעליִן אבגעטהיילט אונד ווען דער קערפער שטארבט ווערט דיא ניעדעריגע זעעלע פערשלונגען אין דיא וועלט־מאטע־ריע. דיא העכערע זעעלע אבער, וועלכע איז פון איהר נאטור זעלבסט אונשטערב־ליך, קען קיין מאָל ניט פערניכטעט ווערען. דען זיא איז דאָך א טהייל פון גאָט, אונד פריהער אָדער שפעטער מוז זיא אויך צוריק קעהרען אין דיא העכערע גייסטיגע וועלטען.

פון וואלענטין׳ס נאכפאָלגער „האבען אייגיגע געגרינדעט בעזונדערע סעקטען, ווייל יעדער פון זייא האט ערקלערט זיין לעהרע אויף איין אנדער אופן. פון דיעזע נאכפאָלגער זיינען איבערהויפט בעריהמט צווייא פערזאָנען; באַרדעסאנעס אונד טאצואן. דער ערסטער האָט געלעבט אין עדעססא, ביי׳ן קעניגליכען הויף, וואו ער וואר געבאָרען פון בריסטליבע עלטערן אונד האָט דאָרט געגרינדעט א סעקטע, זיין לעהרע איז געווען עטוואס נעהענטער צו דיא בריסטליבע, נור ער האט בעהויפטעט אז יעזוס איז אין דער ווירקליכקייט נאר ניט געבאָרען געוואָרען אונד אויך ניט גע־שטאָרבען. דאס איז געווען א מלאך וועלבער איז אראבגעשטיינען פון הימעל אונד האָט זיך פארשטעלט פאר א מענשען. באַרדעסאנעס אונד זיין זוהן הארמאָניוס האבען זיך אויסגעצייכענט אלס גרויסע פּאָעטען אונד די רעליגיעזע ליעדער, וועלבע וואַרען פון זייא פערפאסט זיינען צייט מעהר וויא 200 יאהר געזונגען געוואָרען פון טויזענדער בעגייסטערטע נאכפאָלגער אין גאנץ סיריען. באַרדעסאנעס האט אויפ־געשריעבען 150 אזעלכע ליעדער, נאך דעם צאהל פון דיא קאפּיטלאך אין אידישען תהילים, אונד מען פלעגט זייא זינגען מיט א פּראכטפאָללע מוזיקאלישע בעגלייטונג.

דער צווייטער שילער טאציאן שטאממט פון אססיריען, וואו ער איז געבאָ־רען אלס היידע, אונד קוממענדיג נאך רוים האט איהם דער קירבען־פאטער יוסטין דער מערטירער בעקעהרט צום קריסטענטהום. נאך יוסטין׳ס טויט האט טאציאן געגרינדעט איין אייגענע סעקטע, וועלבע איז מיט א קליינע אויסנאהמע עהנליך צו דיא יעניגע פון באַרדעסאנעס; אבער טאציאן האט אין זיין סעקטע איינגעפיהרט איין אונגעוועהנליך שטרענגען סאָרט לעבען. זיינע נאכפאָלגער האבען ניט געדארפט

טרינקען קיין שום וויין, ניט עסען קיין פלייש, זיך ענטזאגען פון אללע וועלטליכע פערגניגען אונד פערברענגען דיא צייט אין געבעטען אונד העכערע היממלישע בעטראכטונגען. דיא סעקטע האט עקסיסטירט בערך 200 יאהר.

דער לעצטער אין דער רייהע פון דיא גנאָסטישע אפיקורסים איז געווען מארסיאָן פון פאָנטוס, געבאָרען אונגעפעהר אין יאהר 105 אָדער 110. זיין פאטער איז געווען אַ בישאָף אין סינאָפע, וואו ער זאָלל האבען פערפיהרט אַ יונגע פרויא, אונד דאפיר האט איהם זיין פאטער אויסגעשטויסען. מאירסאָן איז דאן אין יאהר 140 געקומען נאך רוים אונד געוואָללט אז דיא פרעסביטערס זאָללען איהם צוריק אויפנעהמען אין דיא קירכען־געמיינדע, אבער זייא האבען איהם עגטזאגט, אזוי לאנג וויא זיין פאטער וועט עס ניט ערלויבען. מארסיאָן האָט דאן געגרינדעט אַ בעזונדערע סעקטע מיט איין אייגענע לעהרע, צו וועלכע עס האבען זיך אנגעשלאָסען מאססען אנהענגער, איבערהויפט פון דיא העכערע קלאססע אין רוים. מארסיאָן האָט פערוואָרפען דעם גאנצען כריסטליכען עוואנגעליום, אויסער איינינע בריעפע פון פאָול'ן. זיין פרינציפ איז אויך בעשטאנען פון אזא מין פאָוליניזם, וועלכען ער האט איבערטריעבען ביז צו דיא העכסטע שטופפע, ביז איהם הייסט עס, אז דער אלטער טעסטאמענט, איז אַ רעליגיאָן פון געזעטץ, געגעבען פון דעם ניעדעריגען גאָט פון פינסטערניס, וועלכער איז אַ געגנער צו דעם העכערען גאָט פון ליכט. דיעזער לעצטער האט געשיקט זיין מלאך יעזוס, אום צו ברענגען פאר דיא מענשען אַ וואהרע רעליגיאָן פון גלויבען. דער אמת'ער כריסטענטהום האָט אלזאָ גאָר ניט צו טהון אונד שטאממט ניט אָב פון יודענטהום. יעזוס איז אויך גאר ניט געווען דער פערשפראָכענער משיח, אויף וועלכען דיא אלטע אידישע פראָפעטען האבען נביאות געזאָגט. אידען וועללען האבען א בעזאָנדערען משיח, וועלכער וועט נאך פאר זייא קוממען. אונד זיי וועללען זיך גרינדען אַ בעזונדערע קעניגרייך, אָהן אירגענד וועלכע בעציהונגען צום קריסטענטהום.

מארסיאָן האָט אייגעפיהרט אין זיין סעקטע א שטרענגע דיסציפלינע, זיינע נאכפאָלגער האבען ניט געדארפט עסען קיין פלייש־שפייזען אונד קיין וויין. זייא האבען זיך געמוזט בעגניגען נור מיט ברויט, וואסער, איינינע פריכטע אונד פיש, אבער אויך נור אזוי פיעל אום דעם לעבען צו ערהאלטען. אללע פערגניגונגען זיינען זייא געווען שטרענג פערבאָטען. ער האט זאָגאר פערדאממט דיענינע וואס הייראטהען, וויייל דאדורך פערמעהרען זייא דעם מענשען־געשלעכט, וועלכע זיינען פערשקלאפט בייא דיא כוחות הטומאה פון דעם ניעדעריגען אירדישען גאָט.

אלע גנאָסטישע סעקטעס, איבערהויפּט דיענינע פון זיי, וואס זיינען בעוואוסט מיט דעם נאָמען דיא סירישע, זיינען געווען פיינדליך צו דעם יודענטהום, נאך מעהר וויא דיא אָרטהאָדאָקסישע כריסטען. דיעזע לעצטע האבען אנגענוממען אז זייער גלויבען שטאממט פון אידען, אדער ריכטיגער צו זאגען, אז זייא זיינען דיא וואהרע נייע אידען. דיא כריסטען האבען פערהאסט דיא אידען פאר וואס דיעזע ווילען ניט אנערקענען זייער נייע תורה; אבער זייא האבען ניט פערהאסט דעם יודענטהום, דען דיא אלטע אידישע תורה איז בייא זייא געבליעבען הייליג אונד הויכגעאכטעט, אלס דיא קוועללע פון וועלכע זייער נייער טעסטאמענט איז ארויס־געקומען, אונד דער אידישער גאָט איז געבליעבען בייא דיא כריסטען דער איינצי־גער, וואהרער גאָט. דאגעגען זיינען אללע גנאָסטישע לעהרען געגרינדעט אויף דיא סיסטעמע פון דיא אלטע פערזער אונד דיא גריכישע טהעאָלאָגיע, אז עס גיעבען צווייא געטער, צווייא מעכטע אין דער נאטור. דער גאָט פון ליכט, דער גאָט פון דיא העכסטע היממלען, פון גנאדע, גערעכטיגקייט אונד ליעבע איז צוואר דיא שטארקערע מאכט, דער אור־אנפאנג פון אלעס וואס עקסיסטירט, אבער דער איר־דישער גאָט, דער גאָט פון דיא בייזע מאטעריע, דער גאָט פון פערדאָרבענהייט, פון ראכע אונד פינסטערניס, האט א בעזונדערע מאכט אונד פון איהם, האבען דיעזע וואהנזיניגע פאנטאסטען בעהויפּטעט, קוממט ארויס דער אידישער אלטער טעסטאמענט.

דיא גרונד אידעע פון דיעזע סיסטעם איז גענוממען געוואָרען פון דעם משומד פּאָול, וועלכער האט דער ערסטער געזאגט, אז די געזעטצען פון דיא אידישע תורה זיינען שעדליך, דאמיט וואס זייא גיעבען דעם מענשען א בעגריף פון זינד, דיא אידישע רעליגיאָן פון געזעטץ איז בטל געוואָרען אונד אנשטאט דעם האָט יעזוס געבראכט א נייע, בעסערע אונד וואהרע רעליגיאָן פון גלויבען. דער גנאָסטיציזם איז אלזאָ נור א פערברייטונג פּאָוליניזם, צוזאמענגעמישט מיט דיא לעהרען פון דיא אלטע געטצענדיענער.

דאגעגען איז פיעל פערנינפטיגער דיא לעהרע פון דיא אלעכסאנדרינישע גנאָסטיקער, וועלכע איז מעהר גענייגט צום יודענטהום. זייא האבען אויך אנער־קענט צווייא מעכטע, צווייא פּרינציפּען אין דער נאטור, אבער דיא ניעדריגע, פינסטערע מאכט, איז א מין שטן, א גייסט. וואס געהערט צו דיא גייסטער־וועלט איבער וועלכע עס הערשט אין אללגעמיין איין איינציגע געטליכע קראפט, אונד דיעזער גאָט איז דעריעניגער וואס האט געגעבען דיא אידישע תורה. דארום זיינען אויך דיא אנזיכטען וועגען יעזוס'ען בייא זייא וויט פערשיעדען; וועהרענד

דיא סירישע גנאָסטיקער האבען איהם בעטראכט אלס איינעם פון דיא העכסטע מלאכים, אלס א וועזען וואס האט קערפערליך גאר ניט עקסיסטירט, זאָנדערן א גייסט האט זיך אויף א געוויסע צייט פערשטעללט וויא א מענש, האבען אבער דיא אלעקסאנדרינישע גנאָסטיקער בעהויפטעט פיעל פערנינפטיגער אונד נאטירליכער, אז יעזוס איז געווען א געוועהנליכער מענש וויא אלע שטערבליכע מענשען, געבאָרען פון יאָזעף אונד מאריא, נור אז ער האט בעזעסען א העכערע קראפט, אָדער העכסטענס אז אין איהם איז אריינגעפלויגען דער גייסט פון א מלאך, וועלכער איז דאן ארויפגעשטויגען צוריק אין הימעל, אלס יעזוס איז געשטאָרבען.

וועהרענד דיעזע פערשיעדענע גנאָסטישע סעקטען האבען זיך געגרינדעט בעזונדערע געמיינדען, אויף גאנץ פערשיעדענע פרינציפען, אויסערהאלב פון דיא כריסטליכע קירכע, מיט וועלכע זיי זיינען אויף דיעזען אופן ניט געשטאנען כמעט אין קיינע בעציהונגען, האבען מיט א קורצע צייט שפעטער אנגעפאנגען אין דער קירכע גופא פאָרצוקומען שפאלטונגען, עס זיינען געפּרעדיגט אונד פערשפרייטעט געוואָרען דעות פון אזעלכע פערזאָנען וואס האבען געוואָלט פערענדערן, איבערמאכען אָדער וויא זייא האבען געזאגט, פערבעסערען דיא קריסטליכע קירכע, לויט נאך זייערע מיינונגען, אונד דאפיר האָט זייא דיא קירכע אנערקענט אלס נאך פיעל מעהר געפעהרליכע אפיקורסים וויא דיא גנאָסטיקער. יענע זיינען געווען גאנץ בעזאָנדערע סעקטעס, וועלכע האבען מיט שטאָלץ פון זיך בעהויפטעט, אז זייא בעזיצען דיא וואהרע, העכסטע וויסענשאפט פון יעזוס'ען אונד עס פאסט זיי גאר ניט זיך צו מישען מיט דיא געוועהנליכע כריסטען, וועהרענד אבער דיעזע אינערליכע אפיקורסים זיינען געווען מיטגליעדער פון דערזעלבער קירכע, אין וועלכע זייא האבען געוואָללט אריינפיהרען אנדערע, נייע מנהגים, וואס זיינען ווירקליך אין פיעלע הינזיכטען געווען נאך מעהר פאנאטיש, נאך מעהר ווילד אונד אבערגלויביש וויא דאס כריסטענטהום זעלבסט.

איינער פון דיעזע פאנאטישע אפיקורסים איז געווען א געוויסער מאָנטאנוס, געבאָרען אין א דערפעל פעפוזא, פריגיען, פון א ניעדעריגען שטאנד. אין 2טען יאהרהונדערט איז דיעזער משוגע'נער פאנאטיק אויפגעטרעטען אין רוים אונד ערקלערט, אז דער הייליגער גייסט, איז דורך דיא געטטליכע בעשטימונג אריינגעפלויגען אין איהם אונד ער האט אנגעפאנגען צו זאגען נביאות אונד צו פראקלאמירען איין אנדער זאָרט כריסטענטהום, וואס זאָלל זיין מעהר מאָראליש אונד מעהר פאָללקאָמען וויא דיא קירכע פון דיא אפּאָסטעלס. קיין רעליגיעזע פא־

נאטיקער האט אין יענער צייט ניט געפעהלט אונד באלד האט ער ארום זיך גע־האט א צאהלרייכע באנדע, אונטער דער אנפיהרונג פון צוויי שווערמערישע פרויען פריסצילא אונד מאקסימילא, אין וועלכע עס איז אויך אריינגעפלויגען דער הייליגער גייסט אונד זיי האבען אנגעפאנגען נביאות צו זאגען. דיזע נביאות זיינען בעשטא־נען איבערהויפט אין דעם, אז יעזוס, לויט וויא ער האט פערשפראכען, וועט באלד ווידער ערשיינען אונד דיא וועלט וועט אונטערגעהן, א נייע טויזענד־יעהריגע רייך וועט געגרינדעט ווערען אונד יעזוס׳עס נייע רעזידענץ וועט זיין אין דעם דער־פעל פעפוזא. דארום, אום זיך פארצובערייטען צו דיזע נייע וועלט, דארף מען אויפגעבען אללע בעציהונגען מיט דיא יעצטיגע וועלט. דיא צייט זאלל מען פער־ברענגען נור אין געבעטען צו יעזוס׳ען, אין תשובה טהון אונד פייניגען דעם זינדיגען קערפער. הייראטהען איז ניט רעכט, אבער ווען מען טהוט עס שוין יא איז דאס ערלויבט נור איין מאלל, א צווייטען מאלל טאר מען גאר ניט הייראטהען. וואס אנבעטרעפט קונסט, בילדונג אונד וויססענשאפט איז דאס א מעשה שטן אונד איין עהרליכער פרוממער קריסט מוז דאס אללעס פעראכטען, אלס פערפלוכטע, אונריינע זאכען.

א לאנגע צייט האבען דיא קירכען־פארשטעהער געגען מאנטאנוס אונד זייער נאכפאלגער גאר ניט גערעדט, דען פאר זיין איבערטריבענעם ווילדען פאנאטיז־מוס וואלטען זייא אייגענטליך צו איהם גאר ניט געהאט. אלס ער האט אבער אנגעהויבען צו פיעל צו פרעדיגען אז ער איז דער הייליגער גייסט, דער שותף פון יעזוס׳ען און גאט, האבען דיא בישאפען פון דיא אזיאטישע קירכען אבגעהאלטען איינינע פערזאממלונגען אונד שליעסליך אנגענוממען א רעזאלוציאן, אז מאנטאנוס מיט אללע זיינע אנהענגער אונד נאכפאלגער, זיינען אויסגעשטויסען פון דער כריסטליכער געמיינדע, אלס גאטעס־לעסטערער. אנדערע בישאפען האבען באלד אויך ארויסגעגעבען אזא דעקרעט, אונד דאן האט מאנטאנוס מיט זיין סעקטע געגרינדעט א בעזונדערע כריסטען־געמיינדע, פון וועלכע דיא הויפט־קירכע איז גע־ווען אין דעם דערפעל פעפוזא. דיא סעקטע האט זיך דענאך וויט פערברייטעט אונד האט געהאט מאססען אנהענגער, צווישען וועלכע עס געפינט זיך זאגאר דער נאמען פון דעם גרויסען קירכען־פאטער טערטולליאן, א פעהיגער געלעהרטער, אבער א גרויסער פאנאטיקער, וועלכער האט זיך אויך אנגעשלאסען צו דיא מאנ־טאניסטען. אויך וויקטאר דער בישאף פון רוים, האט א געוויסע צייט געגלויבט, אז מאנטאנוס איז ווירקליך א נביא. דיא סעקטע האט עקסיסטירט ביז צום 5טען

יאהר־הונדערט, ווען דיא רוימישע קייזערען האבען אנגעפאנגען זייא שטרענג צו פערפאָלגען, ביז זייא זיינען אין גאנצען פערניכטעט געוואָרען.

אויסער דעם מאָנטאנוס זיינען צו יענער צייט אויפגעטרעטען נאָך איינינע אזעלכע אפּיקורסים. א געוויסער פּראקסעאַס, וועלכער האט זיך צוערסט ערוואָרבען איין גרויסען נאָמען אין דער קירכע, האט אנגעפאנגען צו קעמפּפען געגען דיא פאלשע לעהרע פון מאָנטאנוס, שליעסליך אבער האט ער אלליין פּראָקלאמירט אזעלכע אַנזיכטען וועגען יעזוס׳ען וואס האבען ניט איינגעשטיממט מיט דיא מיינונגען פון דער קירכע, אונד דאפיר איז ער אויך אויסגעשטויסען געוואָרען פון דער כריסטען־געמיינדע. א קורצע צייט פארדעם איז געקוממען פון קאָנסטאנטינאָפּאָל נאָך רוים א געוויסער טהעאָדאָטוס, אויף וועלכע מען זאָגט אז ער איז געווען א גרויסער געלעהרטער מאן. ער האט אנגעפאנגען פּראָפּאגאנדירען אז יעזוס איז ניט געווען קיין גאָט, זאָנדערן א מענש, אָבוואָהל מאריא האט איהם געבאָרען פון היי־ליגען גייסט. דיעזע אונד נאָך איינינע אזעלכע אפּיקורסים האבען דענאָך קיין בע־זונדערע סעקטעס ניט געגרינדעט, אויסער טהעאָדאָטוס, וועלכער האט געהאט א קליינע צאָהל נאכפאָלגער, אבער זייא האבען ניט לאנג עקסיסטירט.

וועהרענד דיא קריסטליכע קירכע האט געקעמפּפט מיט אויסערליכע אונד אינערליכע אפּיקורסים איז אין פּערזיען ענטשטאנדען א גאנץ נייע רעליגיאָן, וועלכע וואָר זעהר עהנליך צו דיא כריסטליכע, צוזאממען געמישט מיט דיא אמונה פון דיא אַלטע פּערזער, אונד דיעזע רעליגיאָן האט אין א קורצע צייט געמאכט אזא גרויסען פאָרטשריט, אז זיא האט איבערגעשטויגען דעם גאנצען כריסטענטהום אונד עס האט געהאלטען ניט ווייט דאפון אז דיא גאנצע קירכע זאָלל פון היעזע נייע רעליגיאָן ווערען פערפלייצט אונד פערניכטעט. דער גרינדער פון דיעזע רעלי־גיאָן איז געווען א געוויסער פּערזער מאַנעס, געבאָרען אין יאהר 215. דער מאן האט זיך אויסגעצייכענט פון געבורט מיט גרויס פעהינקייטען. זיין לעבענס־געשיכטע ווירד ערצעהלט אויף פערשיעדענע אופנים, נור וויפיעל מען קען פון דיזע ערצעה־לונגען ארויסנעהמען זיינען פאָלגענדע פאקטען אונצווייפעלהאפט ריכטיג:

מאַנעס איז געווען זעהר געבילדעט אין מוזיק, מאטהעמאטיק, אסטראָנאָמיע, מעדיצין אונד געאָגראפיע. אין יאהר 243 איז ער אויפגעטרעטען מיט זיין נייע רע־ליגיאָן, ערקלערענדיג אויף זיך אז ער איז א הייליגער גייסט, געשיקט פון יעזוס׳ען, אום אויסצובעסערען דיא פעהלערען וועלכע דיא כריסטליכע קירכע האט איינגע־פיהרט אונד צו גרינדען איין אַנדערע גאנץ נייע קירכע, וועלכע איז דיא ריכטיגע נאָך יעזוס׳עס רצון. דער קעניג פון פּערזיען שאבור האט בעקוממען צו איהם זעהר

פיעל צוטרויען אונד אנפאנגס איז איהם דיא נייע אמונה פון מאנעס זעהר געפעל־לען געװאָרען. דורך דיעזען ערפאָלג איז מאנעס זעהר מוטהיג געװאָרען אונד זיין פּראָפּאגאנדא האט זיך אזוי שנעלל פערברייטעט אז אין א קורצע צייט האבען זיך צו איהם אנגעשלאָסען מאססען אנהענגער. אלס דיעזער אויפרוהר איז געװאָרען גרעסער האבען דיא פערזישע פריעסטער געמאכט א געװאלד, אז ער פערדערבט דיא לאנדעס־רעליגיאָן אונד דער קעניג שאבור איז געצװאונגען געװען איינצושטימ־מען, אז מען זאָלל דעם אפיקורוס טוידטען. מאנעס האט בעװיענען צו אנטלויפען נאך טורקעסטאן װאוהין פיעלע פון זיינע אנהענגער האבען איהם נאכגעפאָלגט. אין יענע געגענד איז ער מיט זייא פערבליעבען א לענגערע צייט אונד שליעסליך איז ער פון זייא פערשװאונדען, ערקלערענדיג אז נאך פערלויף פון א יאהר װעט ער װיעדער קוממען. װעהרענד דיעזען יאהר האט ער געלעבט פערבאָרגען אין א הייל, װאו ער האט אנגעשריעבען א נייעם עװאנגעליום, איללוסטרירט מיט פּראכט־פאָלל שעהנע בילדער. אלס דער יאהר האט זיך געענדיגט איז ער ארויסגעקוממען פון הייל אונד זיך צוריק צו זיינע נאכפאָלגער, ערקלערענדיג אז ער איז געװען אין הימעל אונד פון דאָרט געבראכט דיעזע נייע תורה.

אונטערדעסען איז דער קעניג שאבור געשטאָרבען אונד אויף זיין אָרט האט רעגיערט זיין זוהן האָרמיזדאס. מאנעס איז צוריק געקוממען נאך פערזיען אונד פאָרגעשטעללט זיין בוך דעם נייעם קעניג, װעלכער האט אנערקענט אז דאס מוז װירקליך זיין א היממלישע װערק. האָרמיזדאס האט אנגענוממען דיעזע נייע רעלי־גיאָן אונד האט מאנעס'ען בעזעצט א בעפעסטיגטען שלאָסס, װאו ער זאָלל זיין זיכער געגען דיא אנגריפע פון זיינע פיעלע אונד מעכטיגע שונאים, נעמליך, פון דיא פערזישע פריעסטער אונד זייערע אנהענגער. איין אנדער ערצעהלונג ערקלערט נאך דאבייא איין זעהר װאהרשיינליכען פאקט, אז דער קעניג האָרמיזדאס איז ניט אזוי פּלוצלינג געװאָרען בעקעהר'ט צו דיעזע רעליגיאָן, זאָנדערן אז מאנעס איז געװען זיין לעהרער נאך דאמאלס אלס האָרמיזדאס איז געװען א קרוין־פּרינץ אונד שוין דאמאלס האט ער אנגענוממען אללע זיינע אידעען.

מאנעס'עס גליקליכע צייטען האבען אבער ניט לאנג געדויערט. נאך פערלויף פון צװייא יאהר איז האָרמיזדאס געשטאָרבען אונד זיין זוהן בעהראם איז אין אנ־פאנג אפילו אויף געװען פריינדליך צו מאנעס'ען, אבער ענדליך האט ער בעשלאָ־סען איהם צו פערניכטען. מיט דיעזען ציעל האט ער איהם ארויסגערופען פון זיין בעפעסטיגטען פּאלאסט, אונטער דעם אויסרייד אז ער זאָלל האבען א דעבאטע

מיט דעם פערזישען הויפט־פריעסטער, אונד דאן איז מאַנעס אויף זיין בעפעהל געקרייציגט געוואָרען. דאס וואר אין יאהר 276.

דיא אנהענגער פון מאַנעס האבען דאן זיך נאך שטארקער פערמעהרט אונד פערברייט איבער פיעלע לענדער. זייער רעליגיעזער גאָטעס־דיענסט איז געווען גאַנץ איינפאך. ביי זיי זיינען ניט געווען קיין טעמפלען, קיין בילדער קיינע אלטארען אונד זייא האבען ניט בעאָבאכט אירגענד וועלכע כריסטליכע צערעמאָניעס. אין זייערע פערזאַממלונגען פלעגען זייא בעטען צו גאָטט מיט טיעפע, פרוממע געפיהלען אונד דאס געזיכט האט געדארפט זיין געווענדעט נאך יענע היממעלסגעגענד וואו דיא זונן האט זיך דאן געפונען. זייערע גייסטליכע ליעדער האבען ענטהאלטען לויב־זאַגונגען צו גאָטט, צו דיא זונן אונד צו דיא לבנה. דאן האט מען פאָרגעלעזען געוויסע שטעללען פון מאַנעס'עס רעליגיעזע ביכער אונד א פרעדיגער האט געהאלטען א פאָרטראג, עראיננערענדיג דיא פערזאממלונג אז זייא זאָללען זיך אבהאלטען פון זינד אונד אללע געלוסטען פון דיעזער וועלט. זונטאג איז אויך בייא זייא געווען א הייליגער טאג, אבער זייא פלעגען דעם טאג פאסטען. פון זייערע יעהרליכע פייערטעג איז דער גרעסטער געווען דער „בעמא", דעם טאג ווען דער גרינדער פון זייער סעקטע מאַנעס איז גרויזאם ערמאָרדעט געוואָרען, אויף דעם בעפעהל פון פערזישען קעניג.

דיעזע סעקטע האט לויט נאך זייער גרינדער זיך גערופען דיא מאַניכעער. דיא כריסטליכע צערעמאָניע פון טויפען זיך איז בייא זייא ניט געווען אנגענוממען. זייער געמיינדע איז געווען איינגעטהיילט אין צווייא קלאסען, דיא געוועהנליכע מיטגליעדער אונד דיא גייסטליכע. אדער פאָללקאָממענע. דיא ערסטע האבען געלעבט מיט פרויען, געארבייט אונד ערנעהרט דיא פאָללקאממענע, וועלכע האבען ניעמאלס געדארפט הייראַטהען אונד אויך ניט ארבייטען. יעדען מאַניכעער איז געווען שטרענג פערבאָטען צו געניעסען וויין אָדער פלייש. קיינער פון זייא האט ניט געדארפט טויטען א טהיער אָדער זאָגאר בעשעדיגען א פלאַנצונג. זייער קירכע איז בעשטאנען פון איין הויף־פריסטער, 12 מאַגיסטערס, 72 בישאָפס אונד אונטער יעדען בישאף פערשיעדענע פרעסביטערס, דעקאנס אונד עוואנגעליסטען, וועלכע האבען איבערהויפט זיך בעשעפטיגט מיט פראָפאַגאַנדא, דיא סעקטע אימער מעהר צו פערברייטען. דיא אנזיכטען פון דיעזע סעקטע וועגען יעזוס'ען זיינען געווען כמעט וויא בייא אלע אנדערע סירישע גנאָסטיקער, נור זייא האבען אויסער דעם פערהייליגט מאַנעס'ען אלס א געזאנדטען פון גאָט, אלס א מאַן, אין וועלכען דער הייליגער גייסט האט זיך בעוויעזען.

די סעקטע פון די מאניכעער האט עקסיסטירט ביז צום 5. יאהרהונדערט ביז זיא איז ענדליך אין גאנצען אונטערדריקט געוואָרען דורך די פערפאָלגונגען פון די כריסטליכע אונדדיא פערזישע קירכען.

קאַפּיטעל 7.

די כריסטליכע אבות.

מיט די אפאָסטאָלישע צייט האָבען אויפגעהערט צו עקסיסטירען די זאָגענאנטע פּראָפעטען, די נביאים, וואס האבען געוואנדערט פון לאנד צו לאנד, איבעראלל פּראָפּאגאנדירט צווישען די היידען, אום זייא צו בעקעהרען צום כריסטענטהום. פון דאַן אן האט זיך אנגעפאנגען בוסלאכוויז אימער שטארקער צו אָרגאניזירען א בעזונדערע קלאססע פון גייסטליכע, פון פריעסטער, אונד דאמיט איז אויך ענטשטאנדען דער אלטער קאטאָליציזמוס.

בייא דעם צושטאנד פון די מענשהייט פון יענע צייטען האט עס אויך אַנדערש ניט געקענט זיין. די איינפאכע מאָראלישע לעהרע פון די עוואנגעליומס, אויף וועלכע עס זיינען געגרינדעט געוואָרען די ערסטע כריסטליכע געמיינדען, וואָללט זייא לאנג ניט געקענט צוזאממענהאלטען. דיעזע היידען, וועלכע זיינען געוואָהנט געווען צו פּראכט־טעמפּלען מיט קונסטפאָללע געטצען־בילדער, צו טהעאטראלע סצענעס מיט אויסגעפוצטע פריעסטער — פאר זייא איז געווען וועניג אזא נייע רעליגיאָן, בייא וועלכע עס גאר ניט געווען וואס צו זעהען, זאָנדערן נור צו הערען מאָראלישע דרשות, אז גאָט איז דער פאטער פון אללע מענשען, וועלכע זיינען ברידער אונד שוועסטער, אונד דארום דארפען זייא זיך איינע די אנדערע ליעבען. דאס איז דאך געווען צו איינפאך, צו פיעל זעלבסטפערשטענדליך, אז אזא לעהרע זאָלל קעננען יעמאנד׳ן אנציהען. די מענשהייט פון דאמאלס האט אין דער רעליגיאָן געזוכט עטוואס געהיימניספאָללעס, איבער נאטירליכעס אונד דארום וואָללט אזא לעהרע קיין מאָלל ניט געקענט ווערען א וויט פערברייטעטע, א העררשענדע וועלט־רעליגיאָן.

פאָול איז געווען דער ערסטער וואס האט דיעזע איינפאכע לעהרע אנגעפאנגען צו בעקליידען מיט נסים, מיט איבער־נאטירליכע וואונדער. ער האט אנגעפאנגען

צו פרעדיגען, אז דער געקרייציגטער יעזוס איז געווען נאַטעס־זוהן, דער וועלט־רעטער, דער ערלעזער פון דיא מענשהייט, אז דורך זיין טויט האט גאָטט מוחל געווען אללעמען דיא עבֵרות אונד דאמיט וואס ער איז לעבענדיג געוואָרען זיינען אויך אללע וואס גלויבען אין איהם בעלעבט געוואָרען מיט א נייעם גייסט. פּאָול איז אויך געווען דער ערסטער וואס האט אויף זיך געזאגט, אז ער איז אונפעהל־באר, אז אין זיינע רייד קען קיין טעות ניט זיין, און דאס האט זיך ווייטער פער־פלאַנצט אין אלטען קאַטאָליציזמוס, ביז צו דיא רוימישע פּעבסטע, וועלבע גילטען נאך היינט אויך אלס א זאָרט געטליכע וועזענס, וואס זיינען אונפעהלבאר. — אין דער טהאט איז ניט יעזוס דער גרינדער פון געשיכטליכען כריסטענטהום, זאָנדערן דער פאנאטיק פּאָול, אונד ניט פעטרוס איז געווען דער ערסטער פּאַבסט, זאָנדערן דער זעלבער משומד פּאָול.

פּאָולס לעהרע איז שוין געווען א זאָרט רעליגיאָן מיט וועלבע דיא היידנישע וועלט האט שוין געקענט מעהר בּזפריעדיגט ווערען, א מעשה מיט א גאָט, אבער א האלבען גאָט, וואס איז ערשיענען, געקרייציגט געוואָרען, אונד דאן ווידער אוועקגעפלויגען אין הימעל! — דאס איז שוין געווען נאך זייער געשמאַק נאך זייערע היידנישע אנזיכטען, וועלבע האבען געקענט אנגעצויגען ווערן נור דורך אונבעגרייפליכע נסים. אונד באמת איז דא געווען וועגען וואס צו דענקען, אדער ריכטיגער צו זאגען מיט וואס דיא פאנטאזיע זאָלל זיך בעשעפטיגען. פון איינער זייטע האט יעזוס געהאט מענשליכע עלטערן, געלעבט אונד געשטאָרבען וויא אללע שטערבליכע מענשען, פון דער אנדערער זייט, לויט דיא נייע פּאָולינישע לעהרע הייסט עס, אז ער איז געווען געשיקט פון הימעל, אלס א טהייל פון גאָט, אלס א געטליכע קראַפט, וואס האט אנגענוממען א מענשליכע געשטאַלט. דאס זיינען שוין געווען וואונדערבארע נסים, אונד גראדע אזעלבע נסים האט מען פערלאנגט, נור דורך זייא, דורך דיזע דוממע אבערגלויבענס איז ערעפענט געוואָרען דער וועג פון זיעג פאר דעם כריסטענטהום.

פאָרלויפיג אבער, אין דיא ערסטע צייטען, האט דיזע וואונדער־לעהרע גע־פאָדערט פערשיעדענע ערקלעהרונגען, מען האט זיך אנגעפאנגען צו גריבלען אין א תהום פון פאנטאזיעס אונד עס זיינען ענטשטאַנדען פערשיעדענע איינבילדונגען אונד וואהנזיניגע סיסטעמעס. גאָטעס קראַפט, גאָט'ס א זוהן — דאס זיינען אזעלבע ווערטער וואס מען קען אויסלעגען אויף פערשיעדענע אופנים, אונד איבערהויפּט וויא קען עס שטיממען צוזאממען מיט א יעזוס וואס האט געלעבט וויא אללע אנ־דערע מענשען? ווען יענע דורות וואָללטען געווען געגנוג ענטוויקעלט, מעהר געביל־

דעם. דאן וואָללטען זייא באלד געפונען דארויף דיא אנטוואָרט, אז דאס איז א פוסטע פאַנטאַזיע. ווען איינער זאָלל קוממען אין אונזערע צייטען אונד ערצעהלען דיעזעלבע כריסטען אזא געשיכטע וואָללטען זייא זיך פון איהם אויסגעלאכט וויא פון א משוגע'נעם; אבער גראַדע וויל דאס איז א געשיכטע פון פארצייטיגע יאהרען, דארום גלויבט מען עס, דארום איז עס היילינ. יענע מענשען אבער זיינען נאך געווען אין אזא אונטנטוויקעלטען צושטאנד אז אזעלכע נסים האבען אויף זייא געקענט מאכען דיא גרעסטע ווירקונג. בייא זייא איז גאר קיין פראגע ניט געווען, אויב דיא געשיכטע איז אין דער טהאט פאָרגעקוממען, זאָנדערן מען האט אנגע־פאנגען צו קלערען וויא, דאס הייסט, אויף וועלכען אופן דאס איז פאָרגעקוממען. דאפון זיינען ענטשטאנדען פערשיעדענע דעות, פערשיעדענע מיינונגען, איבער וועלכע עס זיינען ארויסגעקומען צאנקערייען, ליידענשאפטליכע דעבאטען, פיינד־שאפט, פערפאָלגונגען, אונד געוואַלט־טהאטען, וועלכע האבען זיך אבגעשפיעלט אין דיא גאנצע געשיכטע פון כריסטענטהום ביז צו לעצטע צייטען.

עס איז איין אללגעמיין בעוואוסטער פאקט, אז ווען מענשען קענען ניט איינ־שטיממען ווענען א זאך וואס איז נוגע דעם שכל, ווענען א וויססענשאפטליכע פראגע, בלייבען זייא דענאָך צווישען זיך גוטע פריינד אונד זוכען נור צו בעווייזען דיא ריכטיגקייט פון זייערע בעהויפטונגען מיט פריעדליכע איבערצייגונג. דאגעגען אבער, ווען עס האנדעלט זיך ווענען פאַנטאַזיעס, ווענען גלויבענס־זאכען, דאן ווע־רען דיא געגנער איינע דיא אנדערע דיא ערגסטע, בלוטיגסטע שונאים, אונד דער וואוטה פון האסס פאנגט אן צו ברענען וויא א העלישער פייער. דענאָך איז בייא דיעזע כריסטליכע דעבאַטעס דאמאלס נויטהיג געווען שליעסליך צו קוממען צו אירגענד וועלכע רעזולטאטען, אום עס זאָלל אנגענוממען ווערען איין אלגעמיינער גלויבענס־זאטץ. זייא האבען דאָן געגלויבט אז ווען דיעזע ענטשיידונג זאָלל אבגעשטיממט ווערען דורך דיא מעהרהייט טהוען זייא דאמיט אויף א גרויסע חכמה, גראַדע וויא אזעלכע פראַגען ווענען איבערנאַטירליכע רעליגיאָנס־אנגעלעגענהייטען קענען דורך אירגענד וועלכע מעהרהייט בעשטיממט ווערען. דאמיט איז אבער געמאכט געווא־רען דער ערסטער געפעהרליכער שריט, אז יעדע פרייע, זעלבסט־שטענדיגע מיינונג איז אונטערדריקט געוואָרען. דיא אויטהאָריטעט פון דער מעהרהייט, פון דעם רבים, אין אזעלכע פראגען איז געוואָרען א מאכט, אונטער וועלכע יעדער איינער האט זיך געמוזט בייגען. מיט דער צייט איז דיא מאכט פון דיעזע מעהרהייט אין דער נעמיינדע איבערגעגאנגען צו דיא פריעסטער־קלאססע, וועלכע האט לויט דיעזע אומשטענדען איממער מעהר געמוזט פערשטארקט ווערן, אונד דיזע אויטהאָריטעט,

האט זיא געגעבען אין דיא הענד א געוואלדיגע ממשלה, צו פערשקלאפען דיא געדאנקען פון דיא גלויביגע אונד צו הערשען מיט איין אונבעגרענעצטער מאכט אויף זייערע רעליגיעזע געפיהלען. פאָול איז געווען דער ערסטער וואס האט אויסגעשפראָכען א פלוך פון חרם אויף יעדען איינעם וואס שטיממט ניט איין מיט זיינע בעהויפטונגען, זאָגאר דאן ווען דיעזער געגנער זאלל זיין א מלאך פון הימעל, אונד דיעזען ביישפיעל פון פאָול'ען האבען שפעטער נאכגעטהאן אללע גייסטליכע רעליגיאָנס־הערשער אין דער כריסטליכער וועלט.

דיא ערסטע גרינדער פון דיא גייסטליכע קלאססע זיינען דיא זאָגענאננטע כריסטליכע אבות, דיא קירכען-פאטערס. וועהרענד די אפאָסטאָלישע צייט איז דיא מוטער־געמיינדע פון דיא אידישע נוצרים אין ירושלים געווען דיא גרעסטע אויטהאָריטעט, דיא הויפט־קירכע, אונטער וועלכע עס זיינען געשטאנען אללע אנדערע קירכען אונד געמיינדען אין פאלאסטינא אונד אנדערע לענדער, אבער נאך דיא צייטען פון חורבן, ווען דיא אידען־כריסטען האבען אנגעפאנגען פערשלונגען צו ווערען אין דעם גרויסען מבול פון דיא היידנישע כריסטען, איז אויך דיא קירכע אין ירושלים געוואָרען איממער קלענער אונד אונבעדייטענדער. אנשטאט איהר זיינען ענטשטאנדען צוויא גרויסע קירכען־געמיינדען, איינע אין דיא הויפט־שטאדט פון סיריען, אנטיאָך, אונד דיא צווייטע, אין דיא הויפט־שטאדט פון עגיפטען, אלעכסאנדריא. אין דיעזע ביידע געמיינדען זיינען געגרינדעט געוואָרען דיא זאָגענאנטע קאטעכעטען־שולען, א זאָרט רעליגיעזע הויך־שולען, אין וועלכע מען האט אונטעריכטעט אונד שטודירט דיא גלויבענס־לעהרען נאך א געוויסע מעטהאָדע. פון דיעזע שולען זיינען ארויסגעקוממען דיא קירכען־פאטערס, דיא כריסטליכע שריפטשטעללער. אונד נאך אזעלכע פערזאָנען, וואס האבען זיך בעריהמט געמאכט אין דעם אלט־קאטהאָלישען כריסטענטהום.

דיעזע ביידע שוללען זיינען דענאך ניט געווען צוויא אבטהיילונגען פון איין בעשטיממטען גלויבען. דאס כריסטענטהום האט נאך דאן געהאלטען אין אנפאנג פון זיין ענטוויקלונג אונד דיא פערשיעדענע לעהרען אונד מיינונגען זיינען נאך ניט געווען אללגעמיין אנגערקענט אונד פעסטגעשטעללט. דארום זיינען אויך צווישען דיעזע ביידע שוללען פאָרגעקוממען שטרייטיגקייטען איבער פערשיעדענע פראגען. דער הויפט־אונטערשיעד צווישען זייא ביידען איז בעשטאנען דארין: דיא אלעכסאנדרינער האבען בעטראכט דעם כריסטענטהום פון א גריכיש־פילאָזאָפישען שטאנד־פונקט אונד געזוכט אויסצוגעפינען אין יעדען וואָרט סודות אונד אללעגאָריעס, גראדע נאך דיא סיסטעמע וואס דיא כריסטען האבען איבערגענוממען פון

דיא אידיש־עסענישע סעקטע אונד פון פילא דעם אלעכסאנדרינער. דאגעגען האבען זייא אין אנטיאָך זיך שטרענג געהאלטען אן דעם בוכשטאב פון דיא ביבלישע שריפט אונד האבען ניט געוואָללט אננעהמען קיינע זייטיגע פרושים.

דיעזער שטרייט האט זיך געצויגען גאנצע 200 יאהר, ביז צו דיא ערסטע קירכען־פערזאממלונג אין ניקעא, אונטער קאָנסטאנטין דעם גרויסען. דענאָך זיינען נאך בייא דיעזער פערזאממלונג אויך ניט בעשטיממט געוואָרען אללע עוקרים פון זייער אמונה. נאכדעם וויא כריסטוס איז אנגערקענט געוואָרען אלס איין פערזאָן מיט גאָט איז ענטשטאנדען דיא פראגע וויא אזוי האט ער דען געקענט זיין א מענש? אויך וועגען דעם האט מען זיך געשטריטען א 150 יאהר, ביז אויף א קירכען־פערזאממלונג איז בעשלאָסען געוואָרען אז אין יעזוס'ען זיינען צוויי נאַטורען, א געטליכע אונד א מענשליכע, וועלכע זיינען דענאָך איין אונד דאס זעלבע. אונד אום דיעזען וואהנזינן נאָך פאָללשטענדיגער צו מאכען איז דאבייא אנגענומ־מען געוואָרען אלס א דריטער גאָט דער הייליגער גייסט. עס איז אלזאָ ענטשטאנ־דען דיא הייליגע דרייא־איינינקייט: גאָט פאטער, גאָט זוהן, אונד גאָט הייליגער גייסט. אללע זיינען איינס אין געטליכען וועזען, אבער יעדער פון זייא האט עטוואס בעזונדערעס, וואס איז איהם נור אייגענטהימליך, אונד דארום זיינען זייא אויך פערשיעדענע פערזאָנען. גאט דער פאטער האט אייגענטליך ניט געהאט צו טהון מיט מאריא'ן, נור גאָט דער זוהן האט זיך אין איהר פערקערפערט אונד זיך אויף אימער פעראייניגט מיט א פאָלקאָממען מענשליכען וועזען, עס קומט אלזאָ אוים אז דער גאָט פאטער איז גאר ניט מענשליך, נור דער גאָט זוהן איז געטליך אונד מענשליך אונד צוגלייכער צייט איז ער זיין אייגענער פאטער.

נאך שפעטער מיט 200 יאהר איז ווידער ענטשטאנדען איין אנדערע העכסט „וויכטיגע" פראגע וועגען מאריא'ן. ווען יעזוס איז גאָט אונד מענש צו־זאממען, געבאָרען פון מאריא, דאן וואס איז זיא אזעלכע? האט זיא געבאָרען נור א מענשען, אדער א גאָט? דיא פראגע איז בעשטיממט געוואָרען אויפ'ן לעצטען אופן, אז מאריא איז אין דעם בוכשטעבליכען זינן גאָט'ס מוטער אונד דאס מוז זיין איינער פון דיא הויפט־עיקרים אין כריסטליכען גלויבען. פון דאן אן האט זיך אָנגע־פאנגען דער מאריע'ן קולטוס, דער דינסט צו די גאָטעס מוטער. דיזען קולטוס אונד אללע געשיכטליכע פערהאנדלונגען וועגען דיעזע אונד פיעלע אנדערע פראגען, וואס זיינען פאָרגעקוממען אין דיא שפעטערע דורות, בייא פערשיעדענע קירכען־פער־זאממלונגען, — דאס אללעס וועללען מיר בייא איין אנדער געלעגענהייט גענויער בעשרייבען.

דיא קירכען־פאטערס, אָדער דיא קירכען־לעהרער, רעכענען זיך בייא דיא פּראָטעסטאַנטען וואס האבען זיך בעריהמט געמאַכט אין כריסטענטהום מיט זייערע שריפטען אונד טהאטען, פון דעם 2טען ביז צום 6טען יאהרהונדערט. דיא קאטאָ־ליקען רעכענען דיא רייהע פון דיעזע מענער ביז צום 13טען יאהרהונדערט. אלס דעם גרעסטען פון דיא אלעכסאנדרינישע קירכען־לעהרער רעכענט זיך אָריגענעס, געבאָרען אין יענער שטאדט, אין יאהר 185, וואו זיין פאטער לעאָנידאס איז אין יאהר 202 געשטאָרבען אלס מערטירער. דיעזער אָריגענעס האט געלערנט פילאָ־זאָפיע אין דער שוללע פון אנטאָניוס פאקאס, דענאָך איז זיין רעליגיעזע בעגייסטע־רונג ענדליך פערשטארקט געוואָרען ביז צו דיא העכסטע שטופּפע פון פאנאטיזם. נאָך אין דיא יונגע יאהרען האט ער אויף זיך אלליין געמאכט דיא בעוואוסטע אָפּפעראַציאָן פון אויסשניידונג, אום זיך צו בערויבען דיא מעגליכקייט, אונד דאָ־מיט מקיים צו זיין וואס עס איז געזאגט פון יעזוס'עס נאמען (מאטה. 19־12) אז דיא יעניגע וואס פערשניידען זיך זעלבסט זייגען געווים זיכער אריינצוקוממען אין היממעלרייך. זעלבסטפערשטענדליך האט דיעזער נפש קיין מאָל ניט געהייראטה אונד ניט געוואוסט וואס א פאמיליע איז. זיין גאנצען לעבען האט ער פערבראכט אין פייניגען זיך זעלבסט אונד קעמפּפען מיט זיין פעדער פיר יעזוס'ען אונד כריסטענטהום.

מען מוז דענאָך צוגעבען אז אָריגענעס איז געווען א גרויסער געלעהרטער מאַן אונד האט אנגעשריעבען א מאססע ביכער, אין וועלכע זיין געלעהרזאמקייט איז דענאָך איינזייטיג, פערפינסטערט מיט פאנאטיזם. אלס בייספּיעל איז אינטע־רעסאנט צו בעטראכטען זיין ווערק אין 8 ביכער, וואו ער דעבאטירט געגען דעם פילאָזאָף סעלזוס. זיין ווערק „איין אמת'ער וואָרט" האט סעלזוס געשריעבען אונ־געפעהר פון יאהר 170 ביז 180, דיעזעס ווערק איז פערלאָרען געגאנגען נור אָריגע־נעס ברענגט פון איהר לאנגע ציטאטען, אבשריפטען, פון וועלכע עס איז צו זעהן, אז סעלזוס גרייפט אן דאס כריסטענטהום מיט זעהר לאָגישע אַרגומענטען. דיא כריסטען זייגען אללע בלינדע גלויביגער, האבען זייא זיך דאך אייגענטליך ניט איבער וואס צו קריעגען, און דענאָך ווערען זייא אימּמער צושפּאַלטען אין פערשיעדענע פּארטייען. זייא פערגעטערען א מענשען אלס גאָט, אָדער זייא מאַכען פון גאָט א מענשען, אונד דענאָך פאנטאזירען זייא וועגען איבערנאטירליכע אונד אונבעגרייפ־ליכע וועזענס. זייא בעהויפּטען אלליין אז דער מענש איז א זינדיגע בעשעפעניס אונד קען זיך אלליין ניט העלפען אָהן יעזוס'עס גנאַדע, דענאָך שטאָלצירען זייא נאָך מיט אזא אידעע, וועלכע מוז ערניעדעריגען יעדען איינעם וואס האט עטוואס

אבטונג צו זיך זעלבסט. ווייטער ערקלערט סעלזוס פון א פילאָזאָפישען שטאַנד פונקט, אז דיא גאַנצע כריסטליכע לעהרע וועגען דיא רעטטונג דער מענשהייט דורך יעזוס'ען האלט ניט אויס דיא מינדעסטע קריטיק. סעלזוס בעווייזט אויך וועגען אייניגע פעלשונגען וואס דיא כריסטען האבען געמאכט, איבערהויפט וועגען סיבילינישע ביכער*)

אין דיא אנטוואָרטען פון אָריגענעס אויף דיזע וויכטיגע פראגען געפינט מען דענאָך פאסט קיין איינציגען פערניכטינגען וואָרט ניט, אויסער זלזולים, וויא דאס איז דער שטייגער פון אללע כריסטען, אז ווען זייא זיינען ניט אימשטאנדע אבצושלא־דיא טענות פון זייערן געגנער מיט ריכטיגע ראיות פאַנגען זייא אן צו שימפפען אונד בעליידיגען, אונד אין דער טהאט קען מען פון א כריסט קיין בעסערעס ניט ער־וואַרטען, דען בייא זייא איז דיא מענשהייט צוטהיילט אין גלויביגע אונד זינדער: דיזע לעצטע פעראכטען זייא אלס אונווירדיגע, מיט וועלכע מען דאַרף קיין פיעל צערעמאָניעס ניט מאכען. אויסער דעם איז פון אָריגענעס'עס אנטוואָרטען צו זעהן, אז ער האט זאָגאר ריכטיג ניט געוואוסט אין וועלכע צייט סעלזוס האט געלעבט אונד האט צומאל ניט פערשטאנען צו וועלכע פילאָזאָפישע שולע זיין געגנער געהערט.

דיא לעהרע פון אָריגענעס בעשטעהט אין פאָלגענדעס: 1) אז אין דער דרייאיניגקייט איז דער פאטער גרעסער וויא דער זוהן אונד דער זוהן גרעסער וויא דער הייליגער גייסט. 2) אז דיא נשמות עקסיסטירען פון אייביגע צייטען אונד זייא ווערען געשיקט אין דיא קערפערס אלס א שטראפע, זייא זאָללען אבקוממען פיר דיא זינד וואס זייא האבען בעגאנגען אין דיא פריהערינע גלגולים. 3) אז דיא זעעלע פון יעזוס'ען איז געווען פעראייניגט מיט דעם לאָגאָס דעם געטליכען וואָרט. נאך פריהער איידער יעזוס האט זיך פערקערפערט אין מאריא'ן. 4) אז דיא זונן, דיא לבנה אונד דיא שטערען זיינען לעבענדיגע וועזענס אונד יעדע פון זייא בעזיצט א דענקענדע זעעלע. 5) אז נאך תחית המתים וועללען קערפער זיין קיילאכדיגע פיגורען. 6) אז דיא מארטערונגען פון דיא רשעים אין גיהנום ענדיגען זיך ביז א געוויסע צייט; אונד אז יעזוס איז געקרייציגט געווען אויף דיזער וועלט אום צו רעטען דיא מענשהייט, דאן וועט ער אויך אין דער נעכסטער וועלט גע־קרייציגט ווערען, אום צו רעטען דיא בייזע רוחות, אז זייא זאָללען אויך ווערן פרום.

*) וועגען דיזע כריסטליכע פעלשונגען האבען מיר גענויער ערקלערט אין 1טען קאפיטעל פון דיזען בוך.

איינינע פון דיעזע לעהרען שטיממען ניט איין מיט דעם אָרטהאָדאָקסישען כריסטענטהום אונד דארום זיינען זייא אנערקענט געוואָרען אלס פאלש, בייא דיא קירכען־פערזאממלונג אין קאָנסטאנטינאָפּאל, אונטער דעם קייזער יוסטיניאן, אין יאהר 544.

אטהאנאזיוס, וועלכע זייא רופען „דער גרויסער", א בישאָף אונד הייליגער, האט זיך בעריהמט געמאכט אויף דער קירכען־פערזאממלונג אין ניקעא, אין יאהר 325, מיט זיין שטרייט געגען דיא אריאנער. בייא דיעזע פערזאמלונג האט זיך געהאנדעלט וועגען צווייא וויכטיגע געגענשטענדע. דיא ערסטע איז געווען וועגען דיא צייט פון פייערען דעם פסח. דיא אידען־כריסטען פלעגען האלטען דיעזען יום טוב צוגלייך מיט דיא אידען, דעם 14טען טאג אין חודש ניסן. איבערהויפּט נאכדעם וויא דיא לעגענדע ערצעהלט וועגען יעזוס'ען זעלבסט, אז ער האט געגעסען דעם קרבן פסח, אָדער זיין לעצטען אבענד־מאהלצייט, דעם ערסטען אבענד פון פסח. מיט דער צייט אבער איז בייא דיא היידען־כריסטען איינגעפיהרט געוואָרען דיא זיטטע צו פאסטען אונד טרויערען דיא גאנצע וואָך פאר פסח. דיעזער מנהג האט עקסיסטירט כמעט בייא אללע געטצענדיענער, צו טרויערען א געוויסע צייט פאר דיא גרויסע פייערטאגע, לכבוד דיא געטער אדאָניס, אָזירים אונד פיעלע אנדערע. דיא היידען האבען דאס אויך מיטגעבראכט אין כריסטענ־טהום, וויל דא האבען זייא דאָך געוויס געהאט דיא אורזאכע, צו בעוויינען דעם טויט פון יעזוס קריסטוס. דעם פייערטאג פון פסח האבען זייא אלזאָ איבערגע־טראגען אויף דעם זונטאג נאכ'ן 14 ניסן. ווען יעזוס איז, וויא דיא לעגענדע זאגט, פון טויט לעבענדיג געוואָרען. דאגעגען האבען פיעלע כריסטליכע געמיינדעס אין אזיען דאס ניט געוואָללט אנעהמען, האלטענדיג דאבייא אז מען דאַרף טהון וויא וויא עס שטעהט אין עוואנגעליום, אז מען דאַרף מאכען פסח דעם 14 טאג ניסן, פונקט אזוי וויא יעזוס האט געטהון, דאן זאָלל מען טרויערען צווייא טעג אויף זיין טויט אונד דעם דריטען טאג האלטען א נייעם פרעהליכען יום טוב צו דער עראינער־רונג ווען ער איז ווידער לעבענדיג געוואָרען. דיעזער יום טוב פון דעם דריטען טאג נאכ'ן 14טען ניסן האט נאטירליך געקענט אויסקוממען ניט גראדע זונטאג, זאָנדערן אין אירגענד וועלכען אנדערן טאג פון דער וואָך. וועגען דיעזע פראגע איז געפיהרט געוואָרען א ביטערער שטרייט וועהרענד גאנצע צווייא הונדערט יאהר. דיא געגנער פון דיא אזיאטישע כריסטען האבען זייא בעשולדיגט אז זייא זיינען גע־פעהרליכע אפּיקורסים, דאמיט וואס זייא פייערען פסח צוזאממען מיט אידען אונד זיינען זיך משמח דעם טאג ווען יעזוס איז געקרייציגט געוואָרען. ענדליך האט מען

ביי דיא קירכען־פערזאממלונג אין ניקעא איינשטיממיג אנגענוממען, אז דער כריסט־ליכער פסח מוז געפייערט ווערען דעם זונטאג וואס קוממט נאך דעם פאָללמאָנד פון חודש ניסן.

דאגעגען איז אבער וועגען דיא צווייטע פראגע פאָרגעקוממען בייא דיעזער פערזאממלונג א שווערער קאמפף. עס האט זיך נעמליך געהאנדעלט וועגען דעם: יעזוס איז גאָט'ס א זוהן, אין דעם האבען אללע איינגעשטיממט, אבער אלס זוהן מוז ער דאך זיין איינער וויא דער פאטער, אונד דיא פאַרטיי פון דיא אנטיאָכישע שיללער, אונטער דעם בישאָף אריאס, האבען ווירקליך בעהויפּטעט, אז דער זוהן איז צוואר עהנליך דעם פאטער, אבער ער איז פון איהם בעשאפען, אלזאָ הייסט עס אז יעזוס איז נור א האלבער גאָט, א מיטעל־שטופפע צווישען גאָט אונד מענש. דיא אלעכסאנדרינער פאַרטייא, אונטער זייער בישאָף אלעכסאנדער, האבען דורכ־אויס געוואָללט האבען, אז דער זוהן אונד דער פאטער זיינען גלייך אונד יעזוס איז אויך א פאָללקאָממענער גאָטט, אטהאנאזיוס איז געוועזען דער פערטרעטער פון דיעזע לעצטע אלעכסאנדרישע פאַרטייא אונד דורך זיין רעדנערס־קראפט איז איהם געלונגען צו זיעגען איבער זיינע געגנער. דיא קירכען־פערזאממלונג האט בעשלאָסען אז יעזוס אונד גאָט איז איין אונד דיעזעלבע זאך. דיא לעהרע פון דעם אנטיאָכי־שען בישאָף אריאס איז אנערקענט געוואָרען אלס איין אפיקורסישע, זיינע שריפ־טען האט מען פערברענט אונד ער זעלבסט איז פערשיקט געוואָרען נאך איללירייען.

אטהאנאזיוס האט זיך אבער דאמיט געקויפט א שטארקע פאַרטייא פון בלוטיגע שונאים, דען דיא אנטיאָכישע כריסטען, אָדער וויא מען רופט זייא נאך דעם נאמען פון זייער בישאָף דיא אריאנער, האבען דעם בעשלוס פון ניקעא ניט געוואָללט אנערקענען.ביידע פאַרטייען אין דיא נעכסטע צייטען האבען אָבגעהאל־טען קירכען־פערזאממלונגען, וועלכע האבען איינע דיא אנדערע פערפלוכט אונד פערדאממט. יעדע פון דיעזע פאַרטייען האט געזוכט צו געווינען אויף איהר זייט דיא וועלטליכע מאכט פון די נאכפאָלגענדע קייזערען, וועלכע האבען בליטיג פער־פאָלגט דיא אדער יענע פאַרטייא, לויט נאך דיא אנזיכטען מיט וועלכע זיי האבען געהאלטען. דער שטרייט האט זיך ווייטער געצויגען ביז צום יאהר 381, אלס דער קייזער טהעאָדאָזיוס, איינער פון דיא ניעדערטרעכטיגסטע מערדער, וואס איז געוועזען אין דער וועלט געשיכטע, האט צוזאממען גערופען איין אללגעמיינע קירכען־פער־זאמלונג אין קאָנסטאנטינאָפּאָל, אונד אויף זיין בעפעהל איז נאך אמאל אנערקענט געוואָרען דער בעשלוס פון דיא ניקעאישע פערזאמלונג אין יאהר 325. טהעאָדאָזיוס

דער בלוטיגער טיראן אונד דער פרומער קאטהאָליטער כריסט האט דאן דיא אריאנער אויסגעראָט מיט פייער אונד שווערט. דיא אַלעכסאַנדרינישע פּארטייא האט פאָללשטענדיג געזיעגט אונד יעזוס איז געבליעבען א גלייכער יחסן מיט גאָט אללוין אין דער גאַנצער כריסטליכער וועלט. אונד דיא כריסטליכע היסטאָריקער ריהמען דאפיר דעם מערד׳ער טהעאָדאָזיוס אלס דעם גרעסטערן וואָהלטהעטער דער מענשהייט.

דער גרויסער יעזוס־קעמפפער אַטהאַנאַזיוס האט אבער דעם נחת ניט דער־לעבט, ער איז געשטאָרבען איי יאהר 373, נאכדעם וויא ער איז זעהר שטאַרק פערפאָלגט געוואָרען פון זיינע געגנער. 5 מאָלל האט מען איהם געשיקט אין פער־באַנונג אונד אבגעזעצט פון אמט. דיא גייסטליכע פון דיא אריאַנער האבען איהם אריינגעלעגט אין חרם אונד איינמאָל איז ער פערקלאַגט געוואָרען אלס הויב־פער־רעטהער. נאך זיין טויט, אלס זיינע אידעען זיינען אנערקענט געוואָרען, האט איהם די קירכע פּראָקלאַמירט אלס הייליגען. זיינע ווערקע, וועלכע ער האט איבער געלאָזען, זיינען אנגענוממען אלס דיא וויכטיגסטע אין דער קירכען־לעהרע.

פון דיא אנדערע קירכען־פאטערס פון דיא אַלעכסאנדרישע פּארטייא איז בעריהמט באַזיליוס דער גרויסער, א געבאָרענער היידע, וועלכען זיין מוטער האט ערצויגען אלס כריסט אונד מיט דער צייט איז ער אין יאהר 360 געוואָרען א בי־שאָף אין סעזערעא, פאַלעסטינא. זיין הויפט-טהעטיגקייט איז בעשטאַנען דארין צו צו פערשטארקען דיא מאַכט פון דיא גלחים אונד נאָנעס, אונטער דעם נאָמען באַזיליאַנער, אונד ער זעלבסט איז פּראָקלאַמירט אלס הייליגער. זיין ברודער גרעגאָר פון ניסא, רעכענט זיך אויך אלס איינער פון דיא קירכען־פאטערס.

עוזעביוס, פון וועלכען באַזיליוס האט איבער גענוממען דיא אמט פון א בי־שאָף אין סעזערעא, איז בעריהמט אין דער קירכע אלס גרויסער, טאַלענטפאָללער היסטאָריקער. אונד ווירקליך האט ער אנגעשריעבען מאַסען ביכער, פו וועלכע א טהייל זיינען פערלאָרען געגאַנגען אונד דיא איבעריגע וואס זיינען געבליעבען צייגען דייטליך גענוג, אז דיא כריסטען האבען גאַנץ ווייניג וואס מיט דיעזען מאַן צו שטאָלצירען. יעדער אונפּארטהייאישער קריטיקער זעהט פון זיינע ווערקע, אז דער מאַן האט בענוצט זיין טאַלענט, אום צו פערדרעהען היסטאָרישע פאַקטען, צו חנפ׳ענען דיא ערגסטע מאַיעסטעטישע אויסוואורפען, וועלכע האבען נור בעשיצט דעם כריסטענטהום, אונד שליעסליך האט דיעזער הייליגער פערפאַסער זיך

ערלויבט אריינצושרייבען אין פרעמדע ביכער אזעלכע פאקטען וואס זיינען יעצט פון אללע היסטארישע פארשער אנערקענט אלס פעלשונגען.

קייזער קאנסטאנטין דער גרויסער, דער ערסטער וואס האט געמאכט דעם כריסטענטהום פאר א הערשענדע רעליגיאן, האט גענעבען עווזעביוס'ען איין אויפ־טראג ער זאלל שרייבען זיין ביאגראפיע, אונד דיעזער בישאף האט פערפאסט א בוך וואס איז פולל מיט דיא ניעדערינגסטע חניפות צו דעם מאיעסטעטישען אויסוואורף, דען קאנסטאנטין איז בעוואוסט אין דער געשיכטע אלס א בלוטיגער טיראן, א באנדיט, וואס האט ערמארדעט זיין אייגענע מוטער, זיין זוהן אונד זיין פרויא, אויסער דיא מאסען גרויזאמע רציחות וואס ער האט בעוויעזען נעגען זיינע אונטערטהאנען. אויסער דעם איז קאנסטאנטין זעלבסט זאגאר ניט געוועזען קיין כריסט, ער האט זיך קיין מאל ניט געטויפט, נור פיר זיינע פאליטישע צוועקען איז איהם נויטהיג געוועזען צו שפיעלען דיא ראללע פון א כריסטליכען בעשיטצער. עווזעביוס פערגעטערט איהם דענאך אלס א גאטטגעזאלבטען מאנארך.

דיא בעוואוסטע שטעללע אין דער געשיכטע פון דעם גרויסען אידישען היסטאריקער יאזעפוס פלאוויאוס, וואו עס איז עראינערט וועגען יעזוס'ען (אידישע אלטערטהימער בוך 18. קאפיטעל 3. פאראגרף 3.) וועלכע איז יעצט זאגאר פון אללע כריסטליכע געלעהרטע אנערקענט אלס א פעלשונג, דיעזע שטעללע האט עווזעביוס צוגעשריעבען.*) ער איז אויך אהן א צווייפעל דער פערפאסער פון דעם בעוואוסטען בריעף, וועלכען יעזוס זאלל האבען געשריעבען צו אגבארוס, דעם קעניג פון עדעססא. עווזעביוס האט דאמיט געוואללט בעווייזען אז יעזוס'עס בעריהמטהייט איז נאך צו זיינע צייטען שוין געוועזען פערברייטעט איבער דיא גרענעצען פון פא־לאסטינא, ווייל דער קעניג אגבארוס האט געשיקט צו איהם שלוחים אונד איינ־געלאדען ער זאלל קוממען אין זיין לאנד. דיא אנטווארט וועלכע יעזוס שיקט צו איהם איז איין אומגעלומפערטע פעלשונג, דען ער רעדט דארט אזעלכע ווערטער וואס זיינען געשריעבען געווארען א צייט נאך זיין טויט, אונד שטעללט זיך אלליין פאר אלס א פערזאן וואס איז געשיקט געווארען מיט זיין טויט מכפר צו יין דיא

---

*) מיר האבען אויף אנדער שטעללע פון דיעזען בוך אנגעצייגט דיא פאקטען לויט וועלכע עס איז קלאר בעוויעזען אז דיעזער פאראגראף אין יאזעפוס איז געפעללשט.

זונות פון דער וועלט. אויב יעזוס האט ווירקליך ווען עס איז געלעבט איז ניט מעגליך געוועז צו דענקען אז ער זאָלל ווענען זיך דאן קענען האבען אזעלכע אנזיכ־טען. דאס האבען אויסגעטראכט זיינע נאכפאָלגענדע אנהענגער, אונד אום דיעזע לעגענדעס צו בעשטעטיגען מיט א פאקט האט טועביוס פאבריצירט א בריעף אונד אריינגעשטעללט אין זיין געשיכטע פון דיא כריסטליכע קירכע.

אויף דיא קירכען־פערזאמלונג אין ניקעא האט ער אויך געשפּיעלט א צוויי־זייטיגע ראָללע. זיינע אייגענע אנזיכטען ווענען דיא דרייאייניגקייט זיינען געוועזן מעהר עהנליך צו דיא אריאנישע לעהרע אונד אלס דער שטרייט האט אויסגע־בראָכען צווישען זייא אונד דיא אלעכסאנדרינער, האט עוזעביוס געזוכט צו פער־מיטטלען צווישען ביידע פארטייען. שליעסליך אבער, אלס דיא אלעכסאנדרינער האבען געזיעגט אונד דיא קירכען־פערזאממלונג האט אנערקענט דיא פאָרמע פון דעם אלעכסאנדרינישען פאָרשטעהער אטהאנאזיוס, האט עוזעביוס אונטערגע־שריעבען מיט דיא זיעגרייכע פארטייא, געגען זיין אייגענע איבערצייגונג.

זיין הויפּט־ווערק איז דיא קירכען־געשיכטע, וועלכע ער פאנגט אן פון דיא ערסטע צייטען פון כריסטענטהום, ביז צו דיא פערזאממלונג פון ניקעא, אין יאהר 325. דער ציעל פון דיעזע געשיכטע איז זעלבסטפערשטענדליך פארטייאיש אונד איינזייטיג, אום צו צייגען דיא געטליכקייט פון כריסטענטהום; דיא נסים וויא דיעזער גלויבען האט זיך פערברייטעט, טראָטץ אללע פערפאָלגונגען: דיא שעהנע מידות פון דיא קירכען־פאטערס, דעם מוטה פון דיא מערטיערער אונד אין אללגע־מיין דיא ערהאבענהייט פון דיעזע נייע רעליגיאָן איבער אללע אנדערע וואס האבען ביז דיא צייטען פון כריסטענטהום עקסיסטירט.

אזעלכע זאכען וואָללט מען איבערגענס עוזעביוס'ן געקענט מוחל זיין, אב־וואָהל אלס היסטאָריקער האט ער געדארפט שרייבען אונפארטייאיש, אום זיך צו האַלטען ביי דיא וואהרהייט; אבער עזעביוס איז ווייט פון וואהרהייט ער שרייבט ניט געשיכטע נאך דיא פאקטען, זאָנדערן ער מאכט פאקטען אום צו שרייבען גע־שיכטע. ער פערענדערט, פערדרעהט, גיעבט איין אנדער זינן דיא היסטאָרישע בעד־געבענהייטען פון דיא פריהערינע צייטען, אום זייא זאָללען שטיממען מיט דאס וואס ער וויל בעווייזען. בייא איהם איז צום ביישפּיעל רעכט אנצורופען פילאָ דעם אלעכסאנדרינער אלס „איינעם פון אונזערע", דאס הייסט אלזאָ אז פילאָ איז געוועזן א כריסט. פילאָ האט געלעבט אין דיא צייטען פון יעזוס'ען אונד נאך עט־וואס שפּעטער. אין אללע זיינע ווערקע, וועלכע עקסיסטירען נאך יעצט, איז קיין וואָרט ניט ערמאנערט וועגען א יעזוס, וועגען אירגענד א נוצרים־סעקטע, וועגען

אפאסטעלס, אדער אירגענד עטוואס וואס זאלל האבען א שייכות מיט כריסטענ־שהום, דענאך רופט איהם עזעביוס כריסט, ווייל דאס איז נויטהיג צו זיין געשיכטע־מאכערייא. אין איין אנדער שטעללע פון זיין געשיכטע בעהויפטעט ער ווידער, אז דיא געוויסע אידישע סעקטע טהעראפעוטען, (עגיפטישע עסענער), זיינען גע־ווען כריסטען, אבוואהל עס איז א פאקט, אז דיעזע סעקטע האט עקסיסטירט מיט פיעלע צייטען פריהער איידער עס איז נאך אויף דער וועלט געווען א זכר פון א יעזוס אונד פון אירגענד א כריסטענטהום.

עזעביוס איז געווען א ווירדיגער שיללער פון זיין לעהרער טערטוליאן, וועלכער איז געבארען געווארען אין קארטהאגא, אונגעפעהר אין יאהר 160. אלס טערטוליאן האט אנגענוממען דעם כריסטליכען גלויבען איז ער מיט דער צייט געווארען א בישאף אונד האט געשריעבען אייניגע ווערקע, אדרעסירט צו דיא רוימישע רע־גיערונג, אום צו פערטהיידיגען דעם כריסטענטהום אונד וועגען פערשיעדענע אנדערע געגענשטאנדען. אויך אין דיעזע ווערקע פון טערטוליאן געפינען זיך פאלשע בעריכ־טען, פון וועלכע ער נעהמט ארויס בעשליעסע וויא עס פאסט איהם צום רומעל, אונד דאצו איז דאס אללעס בייא איהם געשריעבען מיט פערשטעללטע פראזען, אז עס איז ערטערוויז קוים מעגליך צו פערשטעהן וואס ער מיינט צו בעהויפטען. אויסער דעם זיינען דיא אויסדריקע ביי איהם ברוטאל, אנגרייפענד, פול מיט זלזולים אויף זיינע געגנער, זא דאס מען זעהט דאפון אלליין, אז דער מאן איז געווען א ברענענ־דיגער, ווילדער פאנאטיקער.

טערטוליאן איז דעריעניגער, וועלכער האט געענטפערט מיט א פאנאטישע בעגייסטערונג: Credo quia absurdumest איך גלויב גראדע דארום ווייל דאס איז איין אונזינן, דען זאנסט, ווען דאס וואללט געווען פערנינפטיג, דארף מען דאך ניט האבען דעם גלויבען. דיא כריסטען זיינען נאך עד היום ענטציקט מיט דיעזע פראזע, אלס פון א העכסט קלוגען ווערטעל, אבוואהל אין דער טהאט ענטהאלט זיך אין דיעזען שפרוך דער גרעסטער אונזינן, דען אויב מען זאלל אננעהמען דיעזען כלל דארף מען גלויבען ניט נור אין כריסטענטהום אלליין, זאנדערן אויך אין אללע אנדערע לעגענדעס אונד פאלשע אמונות פון דיא פארצייטיגע געטצענדיענער. אונד טערטוליאן האט ווירקליך געגלויבט באמונה שלמה אין אללע הבלים; אין א פויגעל וואס לעבט 500 יאהר אונד ווערט נאכ'ן טויט ווידער לעבענדיג, אז געוויסע חיות בייטען יעדען יאהר זייער געשלעכט אונד ווערען אמאל א זכר, אמאל א נקבה, אז אללע קראנקהייטען קוממען ארויס פון דיא שדים, בייזע רוחות, וועגען וועלכע זיין גאנצע ווערק איז פולל מיט נעניוע בעשרייבונגען. טערטוליאן פערזיכערט אויך, אז

ער האט אלליין געזעהן וויא א טויטער קערפער האט זיך אבגערוקט, אום צו מאַ־
כען פלאטץ פיר איין אנדער טויטען קערפער צו בעגראבען.

פון דיא קירכען־פאטערס דער אנטיאָכישער פארטיי איז בעוואוסט עוזעביוס
פון עמאַזא, אויף וועלכען מען זאגט אז ער איז געווען א גרויסער רעדנער. ער האט
א גרויסען אנטהייל גענוממען אין דיא קירכען־פערזאממלונגען וועלכע זיין פארטייא
האט אין דיא פאָלגענדע צייטען אין דיא יאהרען 341 אונד 349 אבגעהאלטען,
אום צו פערדאממען אונד פערפלוכטען זייערע געגנער, דיא אלעכסאנדרינער. דיא
לעצטע פערזאממלונג איז בעוואוסט אין דער געשיכטע מיט דעם נאממען ,,דיא
רויבערישע", ווייל דיא הייליגע מיטגליעדער האבען זיך דאָרט אזויא צו׳הרג׳עט,
אז דער בישאָף פלאוויאנוס פון קאָנסטאנטינאָפּאָל איז קורץ נאכדעם געשטאָרבען
פון דיא קלעפּ. עוזעביוס איז צווייא מאל פערטריעבען געוואָרען פון זיין אמט, ווייל
מען האט איהם חושד געווען אז ער איז ניט גענוג פרומם. פון זיינע ווערקע איז
גאנץ ווייניג וואס איבערגעבליעבען.

מיט דעם נאַמען סירילוס געפינען זיך אין דעם רעגיסטער פון דיא קירכען־
פאטערס צווייא פערזאָנען. דער ערסטער איז געווען סאיללוס פון ירושלים, געבאָרען
אין יאהר 315. אין יאהר 350 איז ער געוואָרען א בישאָף אונד אין דיא אריאנישע
שטרייטיגקייטען, וועגען דיא דרייאייניגקייט, האט ער אויך געשפּיעלט א צווייאזיי־
טיגע ראָללע, ביז ער האט שליעסליך אויף דיא קירכען־פערזאממלונג פון קאָנ־
סטאנטינאָפּאָל, אין יאהר 381 זיך איינגעשלאָסען צו דיא אלעכסאנדרינישע
מיינונג וועלכע איז דאן פּאָזיטיוו אננערקענט געוואָרען אלס דיא רעכט־
גלויביגע.

דער צווייטער סיריללוס, פון אלעכסאנדריא, האט שוין אין דיזען שטרייט
קיין אנטהייל ניט געדארפט נעהמען, ווייל דאס וואר שוין צו זיין צייט כמעט וויא
געענדיגט. דיזער סיריללוס איז געווען א נעפּפע פון דעם אלעכסאנדרינישען פּאט־
ריארך טהעאָפילוס, אונד אין יאהר 412 נאך דעם טוידט פון זיין אָנקעל איז ער
געוואָרען דער פּאטריארך. אלעכסאנדריען איז דאמאלס געווען ניט נור דיא רייכסטע
האנדעלס־שטאדט אין דער וועלט, זאָנדערן אויך דער הויפּט־פּלאַטץ פון דיא דאַ־
מאליגע וויסענשאפט. אין דיזער עגיפּטישער הויפּט־שטאדט זיינען דאמאלס געווען
פערזאממעלט דיא גרעסטע פילאָזאָפען אונד געלעהרטע פון יענע צייטען. דאָרט
האבען זיך געפונען פּאָטאנישע אונד זאָאָלאָגישע גערטנער, כעמישע לאבאראטאָ־
רען, אנאטאָמישע אונד אסטראָנאָמישע שוללען אונד נאך אזעלכע אנשטאלטען
פון פערשיעדענע וויססענשאפטען. אין דעם אוניווערזיטעט פון אלעכסאנדריען

האבען דאן שטודירט ביז 14 טויזענד יונגע מענער אונד אין צווייא בעריהמטע ביבליאָטהעקען ווארען איבער 700 טויזענד ביכער. דאס כריסטענטהום, וועלכע איז נאָך פריהער פאר סילירוס׳עס צייטען געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן, האט שוין דאן אנגעפאנגען צו בעגעהן אין אלעכסאנדריען דיא שענדליכסטע אונד דיא גרויזאמסטע מערדערייען, צו פערגיעסען טייכען בלוט, אים נאמען פון אונוויסענהייט אונד אבערגלויבען, אונד צו אונטערדריקען דיא וויסענשאפט, אויסראָטען דיא געלעהרטע מענער אונד צו פערניכטען דיא לעצטע שפורען פון דיא הערליכע קלאססישע קונסט. דיזען קרייצצוג האט אנגעפאנגען דערזעלבער פאטריארך טהעאָפילוס. דער בעוואוסטער מאיעסטעטישער מערדער, דער רוימישער קייזער טהעאָדאָזיוס, האט דעם ווילדען פאנאטישען פאטריארך געגעבען א פאָללמאכט, צו מזהון אין אלעכסאנדריען וואס ער וועט נור געפינען אלס נויטהיג פאר יעזוס׳עס כבוד אונד פיר דיא נוטצען פון כריסטענטהום. דער פאטריארך האט דאן געהיירסען צערשטערען דיא הערליכע געביידע סעראפיאָן, אין וועלכע עס איז געוועזען א בעזונדערע ביבליאָטהעק, מיט 400 טויזענד וויסענשאפטליכע ווערקע אונד מיט דיא טהייערסטע אינסטרומענטען, זאגענדיג אז דאס אללעס איז ערפונדען געוואָרען פון טייפעל. דיא שווארצע גלחים־באנדעס פון ניטיאו האבען אונטער דיא פיהרונג פון זייער פאטריארך גאנץ אָפט געמאכט אין אלעכסאנדריען שוידערהאפטע פאָגראָמען אונד טיראניזירט יעדען איינעם וואס האט ניט געוואָללט אננערקענען זייער פאנאטישען גלויבען.

דאס אללעס איז אבער געוועזען נור א קינדער־שפיעל געגען דעם וואס דער גרויסער הייליגער מערדער סידיללוס האט אבגעטהון, נאבדעם וויא ער איז געוואָרען פאטריארך. ערצייגען האט זיך דיזער פינסטערליג אין דעם קלויסטער פון ניטריא אונד פון נאטור איז ער געוועז א באנדיט, געוואלד־טהעטיג, גרויזאם אונד א ניעדערטרעכטיגער מענשען־פיינד. זיין ערסטע ארבייט איז געווען אויפצוטרעטען געגען דיא דאָרטיגע אידען. דער ווילדער פאנאטיק האט צוזאמען געקליעבען ארום זיך א באנדע פון טויזענדע כריסטליכע גאסס־יונגען, וועלכע ער האט אויפגערייצט מיט פלאממענדע ווערטער אונד איז בעפאללען מיט זיי אויף דיא אידישע שוללען, וועלכע ער האט אוועקגענוממען, אום דאָרט צו מאכען כריסטליכע קלויסטערס. שליעסליך האט ער געמאכט א פירכטערליכען פאָגראָם אויף אללע אידישע הייזער, אויסגערויבט אללעס וואס ער האט געפונען אונד דאן ארויסגעטריעבען דיא אידען פון שטאדט האלב נאקעט, רואינירט אונד פערוונגליקט. עס האבען דאָמאָלס אין אלעכסאנדריען געוואָהנט ביז 40 טויזענד אידען, וועלכע זיינען ביז איינעם

פערטריעבען געוואָרען. זאַגאר דער רוימישער גאָווערנאר פון שטאדט אָרעסטעס, האט ניט געקענט צו זעהן אזעלכע בארבארישע מערדערייען, אבער העלפען דיא אידען איז ער ניט געווען אימשטאנדע, אללעס וואס ער האט געקענט טהון איז געווען צו אפפעללירען צום קייזער טהעאָדאָזיוס, אבער בייא דיעזען מאיעסטעטישען שופט האט נאטירליך סיריללוס געוואונען. אום צו נעהמען ראכע דאפיר פון אָרעסטעס'ען האט סיריללוס באלד נאכדעם אנגערייצט אויף איהם זיינע ווילדע טהיערישע גלחים פון דעם קלויסטער ניטריא, וועלכע זיינען בעפאללען אויף דעם גאָווערנאר מיט שטיינער, זאָ דאס ער האט זיך קוים בעוויעזען צו רעטטען פון זייא מיט א צושפּאָלטענעם מוח.

ניט ווענינער גרויזאם האט סיריללוס געפיהרט זיינע שאנדע־טהאטען געגען דיא געבילדעטע היידען אונד דאבייא האט ער בעגאנגען אזא שוידערהאפטען, בלור־טיגען מאָרד, פיר וועלכע זיין פלוכווירדיגע אנדענקונג איז ביז היינטיגען טאג פון יעדען רעכטדענקענדען מענשען פערדאממט, צוזאמען מיט זיין פאנאטישען כריסטענטהום. צווישען דיא לעצטע געלעהרטע פילאָזאָפען פון יענער צייט האט דאן געוואָהנט אין אלעכסאנדריען א יונגע מעדכען מיט דעם נאמען היפּאטיא, א בעריהמטע שעהנ־הייט, דיא טאָכטער פון דעם מאטהעמאטיקער טהעאָן. דיעזעס מעדכען האט זיך אויסגעצייכענט מיט א הויכע בילדונג אונד מיט איהר גרויסע פעהיגקייט פאָפולער צו ערקלערען, פערשיעדענע סיסטעמען פון דיא אלטע פילאָזאָפען אונד דיא שריפ־טען פון דיא בעריהמטעסטע מאטהעמאטיקער.

טהעאָן איז געווען איינער פון דיא רייכסטע לייטע אין אלעכסאנדריען. טעג־ליך פלעגען בייא זיין טהיר שטעהען גאנצע רייהען פון קאראָטען אונד דער גרויסער זאאל איז אימער געווען געפּאקט, אום צו הערען דיא בעריהמטע שעהנע רעדנערין היפּאטיא. אין דיעזע פערזאממלונגען האבען אנטהייל גענוממען דיא העכסטע אריסטאָקראטישע פערזאָנען, ניט נור פון היידען אליין, זאָנדערן אויך פון כריסטען. דאס האט אויפגעוועקט דעם האס פון דעם פינסטערען סיריללוס, וועלכען עס האט פערדראָסען פארוואס מען געהט הערען דיא אפּיקורס'ישע פּאָרטרעגע פון היפּאטיא, וועהרענד צו זיינע הייליגע דרשות וויל קיינער ניט קוממען. ער האט עס ניט גע־קענט ערטראגען, אז דיעזע חיידנישע „מכשפה" זאָל אין אזא גרויסע שטאדט זאָגאר זיך אונטערשטעהען צו קאָנקורירען מיט א פּאטריארך, אז דיא רייכסטע אונד דיא עדעלסטע יונגע לייטע זאָללען פערפיהרט ווערען דורך איהרע „שווארצע קונצען".

היפאטיא איז געוועזען מעכטיג דורך איהרע מאססען אנהענגער אין דער געבילדעטער וועלט, וועלכע וואָללטען פערטיג געוועזען פאר איהר זייער לעבען צו אָפּפערן. דאס האט סיריללוס גוט געוואוסט אונד דארום האט ער דורך זיינע שווארצע גלחים־באנדעס אנגעפאנגען צו אגיטירען געגען איהר אין דער ניעדעריגער פאָלקס־קלאססע אונד אויפצורייצען געגען איהר דעם ווילדען המון, פון וועלכע סיריללוס האט פיעלע אונטערגעקויפט מיט געלד, אלס געדונגענע מערדער. איין טאג, וועהרענד היפאטיא איז געפאהרען צו איהר אקאדעמיע, איז אזא באנדע גאסס־יונגען, אונטער דיא אנפיהרונג פון גלחים אויף איהר בעפאללען. אויגענבליקליך איז זיא ארויסגעשלעפט געוואָרען פון קאראט אונד דיא באנדיטען האבען פון איהר אראָבגעריסען דיא קליידער זאָ דאס זיא איז געבליעבען שטעהען אויפ׳ן מיטען גאסס נאקעט. באלד האבען זייא איהר אריינגעשלעפט האלב־טויט פון שרעק און קלעפּ אין דיא נעכסטע קירכע, וואו מען האט איהר בייא יעזוס׳עס אלטאר גרויזאם ערמאָרדעט. דעם מאָרד האט בעגאנגען סיריללוס׳עס א גלח מיט דעם נאמען ,,פעטער דער פאָרלעזער‘‘ וועלכער האט מיט זיין אייגענע האנד איהר טויט געשלאגען. דעם קערפער פון דיא אונגליקליכע האבען דיא פרוממע באנדיטען בוכשטעבליך צורריססען אויף שטיקער אונד דאן, אויף דעם בעפעהל פון סידיללוס, האבען זייא דיא שטיקער פערברענט.

דאס איז דיא רעליגיאָן פון כריסטליכע ליעבע אונד דאס איז א כריסטליכער קירכען־פאטער, וועלכער איז יעצט אויך אין דיעזער קירכע פארגעטערט אלס א הייליגער.

אויסער דיא אפאָסטעלס אונד קירכען־פאטערס, וועלכע זיינען נאטירליך גערעכענט אלס הייליגע, גיעבט עס נאך אין דער קירכע, פיעלע הונדערטע אנדערע פערזאָנען וועלכע זיינען אויך פערהייליגט. זיי זיינען אנערקענט אלס דיא נאהענסטע צו גאָטט אונד צו זייא דארף דער פרוממער כריסט בעטען, וויל דורך זייער פערמיטטלונג, אלס מליצי יושר בייא גאָטט, קען מען פיעל גוטעס ערוואַרטען. דיא ערסטע הייליגע זיינען געוועזען איבערהויפּט אזעלכע וואס האבען געליטען פאר דעם גלויבען אין יעזוס׳ען אונד זיינען געשטאָרבען אלס מערטירער. שפּעטער, אלס דאס כריסטענטהום איז געוואָרען א הערשענדע רעליגיאָן אונד עס האט שוין מעהר קיין מערטיערער ניט געגעבען, האט מען אנגעפאנגען צו פערהייליגען אזעלכע וואס האבען בעוויעזען א גרויסען פאנאטיזמוס, וואס האבען זיך אלליין געפייניגט אונד געמאַרטערט לכבוד יעזוס׳ען. דער צאהל פון דיא הייליגע ארמעע איז וואס וויטער פערמעהרט געוואָרען. מען האט אנגעפאנגען צו בויען אויף זייער נאמען קירכען. פיר

יעדען פון זיי איז בעשטיממט געווארען א געוויססער טאג אין יאהר ווען מען בעט צו איהם אונד מיט דער צייט האבען זיך ענטוויקעלט וועגען זיי משונה'דיגע לעגענדעס אונד זאגען, מיט וועלכע עס זיינען פולל בעשריעבען זייערע קירכען־ביכער. אויסער דעם איז יעדער הייליגער גערעכענט אלס א בעשיטצער פון א געוויססע לאנד, זאגאר ווען אירגענד א שטאדט אדער א שטעדטעל. הייליגע זיינען אים שטאנד צו בעשירמען פון פערשיעדענע געפאהרען אונד קראנקהייטען; הייליגע קענען העלפען פערשיעדענע אונטערנעהמונגען אונד פראפעסיאנען אונד עס גיעבט אויך אזעלכע הייליגע וואס זייער שפעציעלע עובדא איז צו בעשיטצען געוויססע מינים חיות אונד בהמות. צו דעם צאהל פון דיזע הייליגע געהערען מעניער אונד פרויען, מיט די מוטער־גאטטעס מאריא אן דער שפיטצע. דער דיענסט צו די הייליגע איז אין אללגעמיין דאס זעלבע ווי פון די אמאליגע היידען, וועלכע האבען פונקט אויף דיזען אופן געדיענט צו זייערע געטצען, נור די כריסטען האבען גע־ענדערט זייערע נעמען. זא, צום ביישפיעל, האבען די יוריסטען זייער הייליגען איווא, די סטודענטענטען זייער הייליגען גרעגאריוס, די מאלער דעם הייליגען לוקאס. געגען פעסט דארף מען בעטען צו דעם הייליגען ראכוס, געגען אויגען־קראנקהייט צו די הייליגע טיליא, קלארא אדער לוסיא. דער הייליגער גאללוס איז דער בעשיטצער פון די גענז, דער הייליגער ווענדעלין איז דער בעשיט־צער פון שעפסען, א. ז. וו. פונקט ווי איז געווען ביי די אמאליגע געטצען־דיענער.

די צאהל פון די הייליגע איז נאך איממער ניט אבגעשלאסען. פארצייטען האט יעדער בישאף געהאט דאס רעכט צו פאבּרוצירען הייליגע, געוויסע פערזאנען ועהרענד די צייט פון זייער לעבען אדער נאכ'ן טויט אנצוערקענען אלס הייליג. שפעטער האבען דיזען רעכט אוועקגענוממען פאר זיך די רוימישע פאבסטען, ווייל דאפון האבען זיי איינע פון זייערע גרעסטע הכנסות. די פאבסטען האבען דאס סיסטעמאטיזירט אין צוויי זארטען: הייליגע אונד צדיקים (זעליגע). פיר ווענען מען בעצאהלט מעהר דער קריעגט דעם טיטעל פון א הייליגען; פיר א קלענערע סומע אנערקענט מען איהם נור אלס א צדיק. אין פערלויף פון אונזער געשיכטע וועלן מיר פארשטעלען א גענויע בעשרייבונג פון אלע צערעמאניעס ווי מען מאכט הייליגע אונד צדיקים, אונד דאביי אויך ערקלערען די מערקווירדיגסטע געשיכטעס פון בע־זונדערס בעריהמטע הייליגע, ווי מען פערגעטערט אין די קירכען אירגענד א שמאטע אלס דעם ראק פון א הייליגען, א ביסעל פליסיגקייט, אלס דאס מילך פון א הייליגע אונד נאך אזעלכע לעבערליכע אבערגלויבענס.

קאפיטעל 8.

דיא פערברייטונג פון כריסטענטהום.

עס גיעבט זעהר וועניג גלויבווירדיגע היסטאָרישע דאָקומענטען, פון וועלכע מען זאָל קעננען גענויא זעהען וויא דיא נייע כריסטליכע רעליגיאָן האט זיך דאמאלס פערברייטעט איבער דיא וויטעסטע שטעדט אונד לענדער, ווען דאס איז פאָרגעקוממען, וועלכע אומשטענדען עס האבען געבראכט צו דיזען רעזולטאט אונד ווער עס זיינען געווען דיא מאססען פערשיעדענע פראָפאגאנדירער. נור אזוי פיעל איז געוויס, אז צום אנפאנג פון 2טען יאהרהונדערט נאך יעזוס'ען איז שוין דאס כריסטענטהום געווען פערברייטעט אין פערשיעדענע וויטע מדינות פון אזיען, אפריקא אונד אין פיעלע לענדער פון אייראָפא. דיא אלטע קירכען־שרייבער ערצעהלען, אז צו יענער צייט זיינען געקוממען צו דמעטריוס, דעם בישאָף פון אלעקסאנדריען, דעלעגאטען פון אינדיען, וועלכע האבען איהם געבעטען ער זאָלל שיקען צו זייא א לעהרער, אום דיא נייע רעליגיאָן אין זייער לאנד צו גרינדען. אבער נאך דיא מיינונג פון דיא נייעסטע היסטאָריקער זיינען דיזע דעלעגאטען געווען ניט אינדיער, זאָנדערן אידען פון אראביען, נעמליך פון יעדען, בייא וועלכע א געוויססער מיססיאָנער פאנטענוס האט געפונען א עוואנגעליום, וועלכען איינער פון יעזוס'עס תלמידים בר תלמי זאָלל זייא האבען איבערגעלאָזען. פון דיזע אידען זאָלל זיך דאן האבען פערברייטעט דאס כריסטענטהום נאך אינדיען אונד דיא וויטערע לענדער. אויב דיזע השערה זאָלל זיין ריכטיג איז יעדענפאלס דער צאהל פון דיא אידישע משומדים אין אראביען געווען גאנץ קליין, דען וויא עס איז בעוואוסט פון דיא אידישע געשיכטע זיינען דיא אידען אין אראביען צו יענער צייט געווען מעכטיג אונד זייער איינפלוס אויף דיא אראבער איז געווען אזוי גרויס, אז זאָגאר איינער פון דיא אראבישע רעגיערער אונד מיט איהם זיין גאנצער שטאמם האבען אנגענוממען דעם אידישען גלויבען.

דענאָך, טראָטץ דיא פערברייטונג פון כריסטענטהום, דארף מען נוט אננעהמען אז דיזע רעליגיאָן האט שוין דאן געהאט אירגענד א ווערטה אָדער איין אנזעהען. דיא נייא־בעקעהרטע כריסטען זיינען בעשטאנען דורכשניטליך פון דיא ניעדעריגסטע פאָלקס־קלאסען, פון שקלאפען, אלטע ווייבער, אונד איבערהויפט פון אזעלכע וואס האבען ניט געקענט אפילו עטוואס לעזען אונד זיינען געשטאנען אין דער טיעפסטער פעראכטונג בייא דיא געוועהנליכע אונד העכערע בירגערשאפט.

דאמיט איז אויך ערקלערליך דער פאקט, אז טראָטץ זייער בעדייטענדען צאהל האבען דיא כריסטען אין דיא ערסטע צוויא יאהרהונדערטע ניט געהאט קיין אָפפיציעל אנערקענטע געמיינדען, קיין עפענטליך עטאבלירטע קירכען, וויל דיא רעגיערונג האט זייא שטרענג פערפאָלגט, אלס א סעקטע וואס איז שעדליך פיר דיא אָרדנונג אין לאנד. אזעלכע פערפאָלגונגען וואָללטען ניט מעגליך געווען, ווען צו דעם גרויסען צאהל פון דיא כריסטען וואָללטען דאן געהערט אירגענד וועלכע בעדייטענדע מענער, פון דיא העכערע קלאססען, וועלכע האבען אין דיא רוימישע מדינות אימּמער געהאט דיא גרעסטע מאַכט אין זייערע הענד אונד דעם שטאַרקסטען איינפלוס אויף דיא רעגיערונג אונד אויף אללע פערהעלטניסע אין לאנד.

דיא אורזאכען ווארום דאס כריסטענטהום האט זיך אזוי שנעלל אונד וויט פערברייטעט איז, וויא געזאגט, אויף א שטרענג היסטאָרישען וועג ניט צו בעוויי־זען. דיא אלטע קירכען־שרייבער, פון דיא נאכפאָלגענדע צייטען, זאגען נאטירליך אז דאס איז געקוממען דורך דעם רצון פון גאָטט, דורך דיא מאכט פון הייליגען גייסט, וועלכער האט בעאיינפלוסט דיא דאמאָליגע היידנישע וועלט, אז זיי זאָללען לויפען מאססענווייז זיך אנצושליעסען צו דיא נייע אמונה. ווארום האט אבער דער הייליגער גייסט זיך אויסגעקליבען גראדע נור דיענסט־מיידלאך, שקלאַפען אונד דעם ניעדעריגסטען, פּראָסטען המון? פארוואס האט ער ניט בעססער בעאיינפלוסט דיא רייכע אונד געבילדעטע פאטריציער, דיא מעכטיגע ריכטער אונד סענאטאָרען, דיא גענעראלען אונד קיסרים? ווארום האט גאָט אויף דיעזען אופן ניט געוואָללט פערהיטען, אז דיא גלויביגע כריסטען זאָללען ניט דארפען וועהרענד 300 יאהר ליידען אזעלכע גרויסע פערפאָלגונגען אונד אונטערדריקונגען? — אויף דיעזע אונד פיעלע עהנליכע פראגען געפינט מען בייא דיא הייליגע שרייבער קיין אנטוואָרט ניט אונד עס איז איבערהויפּט ניט צו ערוואַרטען אז זייא זאָללען קענען זייערע היסטאָרישע פלוידערייען אויף אירגענד וועלכען פערנינפטיגען אופן ערקלעהרען.

דיא מאָדערנע כריסטליכע שרייבער גיעבען נאטירליך אן גאנץ אנדערע אור־זאכען, פון וועלכע מיר וועללען זיך נור אבשטעללען אויף דעם הויפּט־ארגומענט, נעמליך: דיא היידנישע וועלט איז דאמאלס געווען טיעף געזונקען אונד מאָראליש פערדאָרבען; דאס פאָלק האט פערלאָרען דעם צוטרויען צו דיא אלטע געטער אונד צו דיא פאלשע צערעמאָניעס פון דיא היידנישע פריעסטער, אין זייער אונ־טערדריקטער לאגע, אונטער דעם שווערען יאָך פון דיא העכערע קלאססע אונד

דיא טיראנישע רעגיערונג, האבען דער המון זאָגאר ניט געהאט קיין ליכטיגען שטראהל פון טרייסט אין זיין פינסטערע פערצוויפלונג. דאס כריסטענטהום איז דאן ערשיענען אונד האט זייא געבראכט דיא וואהרהייט פון רעליגיאָן אונד א פערשפרעכען פון א נאָהענטע בעסערע וועלט, וועלכע ווערט זייא ברענגען ערלעזונג פון אללע זייערע ליידען אונד א צושטאנד פון גליקזעלליגקייט אונד פרייד.

מען מוז צוגעבען אז אין דיעזער אנזיכט ענטהאלט זיך א גרויסער טהייל היסטאָרישע וואהרהייט, נור דיא פראגע איז האט דאס כריסטענטהום ערפיללט זיינע פערשפרעכונגען? האט ער ווירקליך געבראכט א מאָראלישע ערלעזונג פיר דיא מענשהייט? אויב מען זאָלל שוין ווירקליך אננעהמען אז יעזוס׳עס מאָראל שטעהט העכער וויא דיא היידנישע, אבער וויא פיעל איז פון איהר געבליעבען אין דער קירכע, וועלכע האט זיך א קורצע צייט נאכדעם ענטוויקעלט? דיא ערסטע כריסטליכע געמיינדען האט מען געוואונען מיט הבטחות, אז קירצליך, זאָגאר נאך אין זייער לעבענס-צייט, וועט דער משיח, אָדער דער וועלט-ערלעזער, ווידער ער־שיינען אין זיין פוללע הערליכקייט, מיט זיין היממלישע מאכט וועט ער פערניכטען דיא זינדיגע וועלט אונד גרינדען א גליקליכע רייך פיר דיעיענינע וואס גלויבען אין איהם. יענע ערסטע כריסטען, פון דעם לייכט גלויביגען המון, האט מען דאמיט בעגייסטערט ביז צו דעם העכסטען עקסטאז, אז זיי זאָלען זיך לאָזען אויפאָפפערען אונד טוידטען צוליעב דיא נייע רעליגיאָן, אין דער איבערצייגונג אז באלד נאָכ׳ן טוידט וועללען זייא אויך, פונקט אזוי וויא יעזוס, ווידער לעבענדיג ווערען אונד זייא וועללען ארייננפליהען מיט דעם קערפער מיט אללעמען אין הימעל; אבער אנשטאט דעם ערווארטעטען משיח איז באלד נאָכדעם אין מיטען פון 3טען יאהר־הונדערט געקוממען א קירכע, וועלכע האט אבזאָלוט מעהר ניט געהאט צו טהון מיט דיא מאָראלישע פרינציפען פון דעם ערסטען כריסטענטהום; א קירכע מיט היפּאָקריטישע פריעסטער, מיט פאנאטישע בישאָפען אונד מיט א גרויזאמע מאכט, וועלכע האט פערניכטעט די אנטיקע בילדונג אונד די הויכע ציוויליזאציאָן פון אל־טערטהום אונד אנשטאט דעם פעַרבריים פינסטעדניס אונד אונוויסענהייט אויף דער וועלט; א קירכע, וואס האט צובראָכען דיא מאכט פון דיא היידנישע טהראָ־נען אונד אנשטאט איהר געגרינדעט איין אנדערע, נאך מעהר שענדליכע, נאך מעהר בארבארישע אונד מעהר שרעקליכע; א קירכע וואס האט פערשקלאפט ניט נור דעם קערפער, זאָנדערן זיא האָט אויך אנגעטהון א יאָך אויף דעם גייסט דער מענשהייט. דיעזע קירכע איז וואס ווייטער געוואָרען מעהר טיראניש, מערדעריש

אונד נאָך מעהר אויסגעלאַסען וויא די אַמאַליגע היידען־פּרועסטער, אונד די מענשהייט איז נאָך פיעל טיעפער געזונקען אלס אין יענע צייטען פון היידענטהום.

פון דיעזע פערדערבליכע קירכע איז נאָך אין יענע פעריאָדע, וועלכע מיר בע־האנדלען יעצט קיין שפור ניט געוועזען. דאמאלס איז נאָך קיין רייד ניט געוועזען וועגען פערפאָלגען אנדערע, דען דער אלטער כריסטענטהום איז נאָך זעלבסט געוועזען אונטערדריקט אונד פערפאָלגט, עס איז נאָך דאן נויטהיג געוועזען דיעזען נייעם גלויבען צו פערטהיידיגען אונד צו בעשיטצען פון זיינע מעכטיגע געגנער. דאס איז געווען די צייט פון די בעוואוסטע אפּאָלאָגעטען, אָדער פערטהיידיגער, וועלכע האבען מיט וואָרט אונד שריפט ווירקליך זעהר פיעל בייגעטראָגען אום דאס כריסטענטהום זאָלל פערברייטעט ווערען אונד אָפט האבען זייא זאָגאר ביי דיא רעגיערונג דאמיט גע׳פּועל׳ט, אז די פערפאָלגונגען געגען די כריסטען זאָללען אויף א געוויסע צייט אויפהערען.

דער ערסטער אונד וויכטיגסטער פון דיעזע אפּאָלאָגעטען איז געוועזען יוסטין דער מערטיערער, געבאָרען אין דעם 100טען יאהר אין פּאַלעסטינא. אנפאנגס האט ער געלערנט דיא פּלאַטאָנישע פילאָזאָפיע אונד דאן האָט ער אנגענומען דעם כריסטענטהום. ער איז געקוממען נאָך רוים וועהרענד דיא רעגיערונג פון קייזער אנטאָנינוס פּיוס, וועלכער איז געוועזען עטוואס פריינדליכער צו אידען אלס זיין פאָר־געגנער, דער שרעקליכער מערדער האדריאן, פּיוס האט באלד צוריק־גערופען האד־ריאַן׳ס געזעטצען לויט וועלכע אידען איז געווען פערבאָטען צו ערפיללען זייער רע־ליגיאָן. די כריסטען האט ער דאנגען בעטראכט אלס א שעדליכע סעקטע, וואס האט ניט קיין ריכטיגען גלויבען, אונד פון איבעראלל האבען זיך אנגעהויבען צו הערען געגען זייא בעשולדיגונגען, אז זייא זיינען אטהעאיסטען. יוסטין האט דאן צום קייזער פאָרגעשטעללט, אין יאהר 150, א פערטהיידיגונגס־שריפט, אין וועלכע ער האט בעוויעזען אז דיעזע בעשולדיגונגען זיינען פאלש. דער קייזער האט דאן בעשטעטיגט דעם בעפעהל פון זיין פאָרגענגער האדריאַן, אז מען זאָלל קיין כריסט ניט טויטען אזוי לאַנג וויא ער האט ניט בעגאַנגען אירגענד א פערברעכען. אבער דער האסס פון פאָלק צו די כריסטען איז געוועזען אזוי גרויס, אז דעם קייזער׳ס בעפעהל האט וועניג וואס געהאָלפען. א קורצע צייט נאכדעם איז אין אזיען פאָר־געקוממען אייך ערד־ציטערניס אונד דער המון, גלויבענדיג אז דאס איז א שטראפע פון די געטער פאר די זינד פון די כריסטען, זיינען בעפאללען אויף דיעזע לעצטע אונד געמאכט אויף זייא א גרויסע הריגה. דער קייזער האט דאן ארויסגעגעבען צו

אללע גאָווערנאָרס א צווייטען בעפעהל, אז דיעיעניגע וואס וועללען אָנגרייפען כריסטען בלויז פיר זייער גלויבען זאָללען שטרענג בעשטראפט ווערען.

וועניגער ערפאָלג האט געהאט יוסטין׳ס צווייטע פערטהיידיגונגס־שריפט, אונטער דיא נעכסטע רעגיערונג פון קייזער מארקוס אורעליוס. דיעזער קייזער איז איינער פון דיא בעריהמטעסטע רוימישע הערדשער, וועהרענד ער איז נאָך געווען א קרוין־פרינץ האט ער שטודירט דיא סטאָאישע פילאָזאָפיע אונד אלס ער איז בע־שטיגען דעם טראָהן האט ער זיך געפיהרט שטרענג נאָך דיא הויכ־מאָראלישע פרינציפען פון דיעזע פילאָזאָפישע שולע. פון באראקטער איז ער געווען זעהר מילד אונד גוטהערציג. ער האט געגרינדעט פיעלע וואָהלטהעטיגע אנשטאלטען אונד אין דיא שפעטערע יאהרען פון זיין רעגיערונג, אלס עס האט אין לאנד אויסגעבראָכען א פעסט אונד א הונגער, האט מארקוס אורעליוס געשאָנקען דעם פאָלק אללע אויפגאבען, אונד זעהר פיעל געהאָלפען די נויטבעדירפטיגע פון זיינע אייגענע מיט־לען. פון דיעזען מאיעסטעטישען פילאָזאָף איז איבערגעבליעבען א ווערק אין 12 בענדער, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם נאמען „זעלבסט־בעטראכטונגען" אין וועלכע עס שפיעגעלט זיך אב זיין ריינע, עדעלע זעעלע.

אין דער אידישער געשיכטע איז מארקוס אורעליוס בעטראכט אלס איינער פון דיא בעסערע רעגיערער, פון וועלכע דאס פאָלק האט וועניגער געליטען. אויף דיא ביטטע פון ר׳ שמעון בן יוחאי האט ער מבטל געווען פיעלע שלעכטע גזרות, וועלכע האדריאן האט ארויסגעגעבען געגען אידען אונד האט זייא אויך געגעבען דיא ערלויבעניס צו קוממען נאָך ירושלים בעטען בייא דיא רואינען פון דעם צער־שטערטען טעמפעל. דאגעגען האט דיעזער קייזערליכער פילאָזאָף פערהאססט דיא כריסטען, בלויז פיר זייער וואהנזיניגען אבערגלויבען אונד זייא האבען אין זיין צייט געליטען זעהר גרויסע פערפאָלגונגען. דענאָך קען מען ניט זאגען אז ער האט געגען זייא ארויסגעגעבען אירגענד וועלכע שלעכטע גזרות, נראדע פערקעהרט: דאס געזעטץ פון זיינע פאָרגענגער אז מען זאָלל קיין כריסט ניט טויטען אָהן א ריכטיגע בעשולדיגונג, איז וועהרענד זיין רעגיערונג איז געבליעבען אין קראפט; ער האט זייא נור ניט געוואָלט בעשיטצען געגען דעם וואוטה פון פאָלק אונד פון דיא ריכטער, וועלכע האבען מיט אללע מיטטלען זייא געזוכט צו פערניכטען.

אויסער יוסטין׳ען האבען זיך צו דערזעלבער צייט געווענדעט צום קייזער מיט פערטהיידיגונגס־שריפטען מעליטאָ דער בישאָף פון סארדוס, אטהענאגאָראס, א פילאָזאָף פון אטהען, טהעאָפילוס פון אנטיאָך, טאציאן, דער אסיריער אונד אייניגע

אנדערע, דענאָך האבען דיזע שריפטען אויף דעם קייזער קיין איינדרוק ניט גע־מאכט. צווישען פיעלע אנדערע כריסטען איז אויך דערזעלבער יוסטין געטויטעט געוואָרען אין רוים, אונד פאָליקארפ אין סמירנא. דיא גרעסטע פערפאָלגונגען זיינען פאָרגעקוממען אין ליאָנס, וואו מען האט מאססען פון זייא אויסגע׳הרג׳עט, אונטער דיא בעשולדיגונג פון גרויסע מאָראַלישע פערברעכענס.

דיא כריסטען וויללען דענאָך בעווייזען אז דער פיליזאָפישער קייזער איז אין דיא שפעטערע יאהרען געווען פיעל גנעדיגער צו זייא אונד אז דאס איז געשעהן דורך א נס. דאס איז געמליך געווען בייא א געוויסען צופאלל, אלס מארקוס מיט זיין ארמעע איז געשטאנען אין קריעגס־פעלד געגען דיא גערמאנישע נאַציאָנען, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט פון אללע זייטען, אין איין אויסגעטרוקענטע זאמדיגע געגענד, זאָ דאס ער האָט ניט געקענט צו קוממען צו קיין אום צו קריעגען וואססער אונד ער וואָללט געוויסס מיט זיין גאנצע מיליטער געמוזט שטארבען פון דורסט. אין דיזער ארמעע איז געווען איין רעגימענט פון כריסטען, וועלכע האבען אנגעפאנגען צו שרייען צו גאָטט אונד בעטען ער זאָלל זייא רעטטען פון טוידט. פלוצלינג האט זיך דער הימטעל פערוואָלקענט, בליטצען אונד דונערען האבען אויס־געבראָכען, אויף דיא רוימישע ארמעע האט זיך געגאָססען איין ערקוויקענדער רעגען, אויף זייערע געגנער האבען דיזעלבע וואָלקענס געשאָטטען מיט גרויסע האָגלען. ערקוויקט אונד געשטארקט האבען דיא רוימער באלד אויסגעפאָכטען א גלענצענדען זיעג געגען זייערע ערשראָקענע געגנער. עס קען זיין אז דיזע לעגענדע איז אויך ריכטיג, דען א רעגען מיט בליטצען, דונערען אונד האָגעלס איז דאָך א געוועהנ־ליכע ערשיינונג אין דער נאטור; אבער אויב דאס זאָלל האבען געמאכט אירגענד איין איינדרוק אויף מארקוס אורעליוס איז אונבעקאנט. וועניגסטענס איז פון זיין רעגיערונגס צייט ניט איבערגעבליעבען אירגענד א שפעציעלעס געזעטץ, וואס זאָלל זיין בעזונדערס גנעדיג צו כריסטען.

נאכדעם וויא דאס כריסטענטהום איז געוואָרען א שטאאטס־רעליגיאָן האט מען אייגענטליך אזעלכע אפאָלאָגעטען, אָדער בעשיטצער אונד פערטהיידיגער מעהר ניט געדארפט האבען, דענאָך האט דיזער זאָרט שרייבער ניעמאלס אויפגע־הערט אין דער קירכע, עס האבען זיך דאן געפונען אפאָלאָגעטען פון איין אנדער זאָרט, דאס הייסט, ניט אזעלכע וואס זאָללען פערטהיידיגען דעם כריסטענטהום, זאָנדרן אום צו ערניעדעריגען אונד שענדען אנדערע רעליגיאָנען. דער ערסטער פון דיעזער זאָרט אפאָלאָגעטען איז געווען דער הייליגער אגוסטין, וועלכער האט אין 5טען יאהרהונדערט געשריעבען געגען דיא מאניכעער אונד דיא היידען. אין דיא

יוננע יאהרען איז דיעזער אויגוסטין געווען העכסט אויסגעלאסען אונד פערדאָרבען, אבער נאכדעם וויא מען האט איהם געמאכט פאר א בישאָף איז ער געוואָרען איי־נער פון דיא פינסטערסטע פאנאטיקער. אין דיא שפעטערע דורות האבען געשרי־בען געגען אידען אנאָבאר, א בישאָף פון ליאָן, אונד דער דאָמיניקאנער גלח מארטין רייטונד, ווערקע וואס זיינען פולל מיט גיפט אונד האבען זעהר פיעל געווירקט אויפצורייצען דיא כריסטען געגען אידען. אין דיא מאָדערנע צייטען האבען זיך גע־פונען איין אנדער זאָרט אפאָלאָגעטען, אום צו בעשיטצען דעם כריסטענטהום געגען דיא פילאָזאָפען אונד פריידענקער, וועלכע האבען פון צייט צו צייט אנגעגרי־פען דעם אבערגלויבען פון דיעזע רעליגיאָן. געגויערע ערקלערונגען וועגען דעם לעבען אונד דיא ווערקע פון דיעזע אונד נאָך אזעלכע אפאָלאָגעטען וועללען מיר פאָר־שטעללען אין דעם וויטערען פערלויף פון אונזער געשיכטע.

צו דיעזער צייט, אין דיא לעצטע צעהנדלינגע פון 2טען יאהרהונדערט, האט זיך שוין אָנגעפאנגען צו אָרגאנאזירען דיא קאטהאָלישע, דאס הייסט, דיא אללגע־מיינע כריסטליכע קירכע. ביז יענע צייטען האט יעדע קירכע אין איהרע ווירטה־שאפטליכע אנגעלעגענהייטען זיך פאָללשטענדיג זעלבסט רעגיערט, דורך בעזונדערע געזעטצען, וועלכע דיא מיטגליעדער פון יעדע בעזונדערע קירכע האבען פיר זיך גע־מאכט. דער בישאָף אונד דיא אנדערע בעאמטע זיינען געשטאנען אונטער דעם אויטהאָריטעט פון דיא מיטגליעדער, וועלכע פלעגען זייא ערוועהלען. דיא קירכען זיינען אויף דיעזען אופן איבעראלל געווען גלייך אונד אונאבהעננגיג איינע פון דיא אנדערע, נור אין רעליגיעזער הינזיכט זיינען געשטאנען העבער דיא דרייא אפאָס־טאָלישע קירכען, נעמליך: אין רוים, אלעקסאנדריען אונד אנטיאָך, וויל דיעזע קירכען זיינען געגרינדעט געוואָרען פון דיא אפאָסטעלס זעלבסט. ווען עס פלעגט פאָרקוממען א מיספערשטענדניס אָדער א שטרייט אין רעליגיעזע פראגען, פלעגען דיא כריסטען פון דיא וועסט־לענדער זיך ווענדען וועגען ערקלערונגען נאָך רוים; פון דיא אפריקאנער מדינות — נאָך אלעקסאנדריען אונד דיא כריסטען פון אזיען האבען בעטראכט דיא קירכע פון אנטיאָך אלס זייער רעליגיעזען צענטרום.

אין דער נאָך־אפאָסטאָלישער צייט האט דיא מאכט פון דיא בישאָפען אנ־געפאנגען ביסלאכווייז אימער זיך מעהר צו פערשטארקען. פריהער פלעגן די בישאָפס פון פערשיעדענע קירכען זיך פערזאממלען אין געוויסע צייטען, אום וועגען דיא אללגעמיינע אנגעלעגענהייטען פון זייערע קירכען זיך צו בעראטהען אונד בעשליעסען. בייא דיעזע פערזאממלונגען, אָדער סינאָדען, פלעגען דיא בישאָפס זיך אלליין

בעטראכטעט נור אלס דעלעגאטען, אלס בעפאללמעכטיגטע שלוחים פון פאלק. שליעסליך האבען זיי אבער אנגעפאנגען צו זאגען אויף זיך אז זיי זיינען די גע־זעצליכע נאכפאלגער פון די אפאסטעלס, אונד דארום האבען זיי דאס רעכט צו רעגירען איבער'ן פאלק. דען אין זייערע סינאדען הערשט דער הייליגער גייסט אונד דארום זיינען די געזעצען וואס זיי מאכען געגעבען פונקט ווי פון די אפאסטעלס, אדער פון יעזוס'ען אליין. פון בעאמטע זיינען אלזא די בישאפס גע־ווארען די רעגירער איבער די מיטגלידער פון זייערע קירכען, אבער דאן איז באלד ארויסגעקומען די אונגלייכהייט צווישען די בישאפס גופא. ווי געוועהנ־ליך האט פון די אלע בישאפס געדארפט אויפגענומען ווערען איינער אלס א פארזיצענדער, א מין פרעזידענט, וואס זאל האבען דאס רעכט פון צייט צו צייט זיי צוזאמען צו רופען אונד בעשטימען דעם ארט פון אזעלכע פערזאמ־לונגען, אדער סינאדען. גרעסטענטיילס האט מען דיזע מאכט איבערגעגעבען צו דעם בישאף פון די הויפט־שטאדט פון לאנד, זא דאס ער איז שוין געווען בע־טראכט אלס א העכערער פון אלע אנדערע בישאפס, אונד דאפון האט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט דער טיטעל „מיטראפאליט". דאן ווידער ווען עס איז געקומען צו איין וויטערע פעראייניגונג פון די כריסטליכע קירכען אין אלע מדינות, האט מען שוין געדארפט בעשטימען א העכסטען גייסטליכען, וואס זאל האבען די דעה אויף די גאנצע כריסטליכע וועלט. אונד אלס דיזען גרעסטען פון אלע בישאפס איז אנערקענט געווארען דער בישאף פון רוים, די אפאסטאלישע קירכע אין דער דאמאליגער הויפט־שטאדט פון דער גאנצער וועלט, א קירכע וואס איז, ווי זייער לעגענדע ערצעהלט, געגרינדעט געווארען פון פעטער זעלבסט, דעם גרעסטען פון אלע אפאסטעלס. דער בישאף פון רוים האט זיך אנגעפאנגען צו רעכענען אלס דער נאכפאלגער פון פעטער'ן אונד אלס דער שטעל־פערטרע־טער פון יעזוס'ן אויף דיזער וועלט. אין פערלויף פון אונזער וויטערע געשיכטע וועלען מיר זעהען ווי דיזע בישאפען פון רוים האבען דורך פאלשע דאקומענטען, וועלכע זיינען בעוואוסט מיט דעם נאמען „איזידארישע דעקרעטאליען", ארייג־געכאפט אין זייערע הענד די הויפט־מאכט איבער די גאנצע כריסטליכע וועלט אונד ווען זיי האבען מיט זייער ממשלה זיך בענוצט אום די קירכען־רעגירונג אימער מעהר צו פערשטארקען, א רעגירונג וועלכע האט געבראכט פינסטערניס אונד פערדערבען אויף די מענשהייט.

דער אנפאנג פון דיזע קירכען־רעגירונג איז געגרינדעט געווארען אויף דעם חורבן פון דעם טעמפעל אונד פון די אידישע פריסטערשאפט אין ירושלים. אין

דיא ערסטע צייט נאָכ'ן חורבן, אזוי לאַנג וויא עס איז נאָך געוועזן דיא קלענסטע אויססיכט אז ירושלים וועט ווידער אין קורצען אויפגעבויעט ווערען, האבען דיא קירכען־פאטערס אונד דיא בישאָפס זיך ניט געקענט ערלויבען צו נעהמען אויף זיך אירגענד וועלכע הויכע טיטולען אונד זיך צו בעטראַכטען אלס דיא וואהרע געזעטצליכע פריעסטער, דען דיא כריסטען אין אללגעמיין, וועלכע זיינען נאָך צו יענע צייטען געשטאַנען נעהענטער צום יודענטהום, וואָלטען אזא זאַך בשום אופן ניט אנערקענט. שליעסליך איז דיא בעריהמטע אידישע קעניגס־שטאדט אין גאַנצען פערניכטעט געוואָרען. דער בלוטיגער מערדער, דער רוי־מישער קייזער האדריאַן, האט זאָגאר אויסגעמעקט דעם נאָמען ירושלים, אונד אויף איהר פלאַטץ אויפגעבויעט א נייע היידנישע שטאדט, מיט דעם נאָמען עליא קאפיטאָלינא, פולל מיט געטצען־טעמפלען אונד מיט א בעפעלקערונג פון רוימער אונד גריכען. א איד האט זיך אונטער דיא שטראפע פון טויט מעהר ניט געטאָרט בעוויזען ניט אין דיעזע שטאדט אונד זאָגאר אויך ניט אין דיא ארומיגע געגענדען. יעדע האָפנונג אז דער אידישער טעמפעל מיט דיא פריעסטערשאפט זאָלל ווידער עטאבלירט ווערען, איז דאַן פערשוואונדען. דיא בריסטען האבען צו גלייכער צייט זיך אין גאַנצען אבגעטהיילט פון אידען אונד אנגעפאנגען זיך צו בע־טראכטען אלס איין אויסערוועהלטעס פאָלק, אונד זעלבסט־פערשטענדליך האט זיך פערשפריוטעט בייא זייא דיא אידעע אז אויך זייערע פריעסטער זיינען דיא נאָכ־פאָלגער פון דיא אידישע כהנים. יעדער בישאָף האט באלד אנגעפאנגען אין זיין קירכע צו שפיעלען דיא ראָללע אלס א כהן גדול, וועלכער האט איבערגענוממען דיא רעכטע פון דעם אמאָליגען אידישען הויך־פריעסטער; דיא פרעסביטערס זיינען אנערקענט אלס דיא געוועהנליכע כהנים, דיא דעקאַנס אונד דיא קלענערע גייסט־ליכע, אלס דיא געוועזענע אידישע לוים, אונד שליעסליך האט בייא זייא דיא קירכע אין אללגעמיין פערנוממען דיא שטעללע פון דעם אמאָליגען טעמפעל, דאמיט איז אנערקענט געוואָרען דיא קירכע אונד איהרע פריעסטער, מיט דיא פערשיעדענע ראַנגעס, אלס פון גאָט זעלבסט געגרינדעט אונד בעפאָללמעכטיגט.

דיא כריסטליכע רעליגיאָן האט זיך פון דעם ערסטען מאָמענט וויא זיא איז געבאָרען געוואָרען בעטראַכט אלס דיא נאָכפאָלגעריןָ, דיא יורש'טע פון דיא אידישע, אז דאס כריסטענטהום איז א רעפאָרמירטער פערבעססערטער יודענטהום. ראיות דאצו האבען זייא גענוממען פון דעם אלטען טעסטאמענט דורך פערשיע־דענע פרושים אונד אללעגאָריעס, נאָך דיא סיסטעמע פון פילאָ דעם אלעכסאַנ־דרינער אונד זיין פילאָזאָפישע שוללע, זוכענדיג אויף דיעזען אופן צו בעווייזען

אז אין דער תורה גופא ענטהאלטען זיך פסוקים אונד רמזים וועגען יעזוס'עס געטליכ־קייט. מיר האבען שוין אויף איין אנדער שטעללע אנגעצייגט א ביישפיעל וויא זייא האבען זיך בענוצט מיט איין פסוק, אום פון דיא געטליכע איינהייט צו מאכען א דרייאייניגקייט. בדבר ד' שמים נעשו, דורך גאָטעס „וואָרט" (לאָגאָס) זיינען בע־שאפען געוואָרען דיא הימעלען. דיעזער לאָגאָס, דאס געטליכע וואָרט, דיא געט־ליכע פערזאנפט, איז יעזוס. דער אנדערער טהייל פסוק, וברוח פיו כל צבאם, דורך דעם הויך פון זיין מויל, דורך זיין גייסט, האט ער בעשאפען אללע הימלישע מעכטע, הייסט עס, אז דער הייליגער גייסט איז אויך א דריטע פערזאָן אין דיא גאָטהייט. דעם ערסטען פסוק אין חומש, בראשית ברא אלהים, האבען זייא פער־טייטשט ניט לויט דעם ריכטיגען געוועהנליכען זינן אין אָנפאנג האט גאָט בעשאפען, זאָנדערן דורך דעם ראשית, דורך דיא מאכט פון דיעזען אנפאנג, פון דעם לאָגאָס, דאס הייסט אלזאָ ווידער יעזוס, האט גאָט בעשאפען דעם הימעל אונד דיא ערד. מיט אזעלכע פלוידערהאפטע אלעגאָריעס זיינען זיי דורכגעגאנגען דיא גאנצע ביבעל אונד וואו עס איז שוין ניט מעגליך געוועזן צו מאכען פון דיעזען וואָרט פרושים האבען זייא גאנץ איינפאך געפעלשט, צו געשריעבען אָדער פערענדערט ווערטער, אין דער גריכישער איבערזעטצונג פון דער תורה, וועלכע האט שוין פון פריהער עקסיסטירט אונטער דעם בעוואוסטען נאמען „סעפטואגינטא." אונד ווען דיא אידישע געלעהרטע האבען דאן, אדער אין דיא שפעטערע צייטען, אנגעצייגט אויף דיעזע פעלשונגען, זיינען דיא כריסטען געוועזן אזוי פרעך צו ערוויעדערען, אז דיא אידען האבען אין דעם טעקסט פון דער תורה געמאכט פעלשונגען אונד אז ריכטיג איז דאס וויא עס איז אנגעשריעבען אין זייער איבערגעזעטצטע אונד פערקריפעלטע סעפטואגינטא.

אין אנפאנג פון דריטען יאהרהונדערט האט דיא כריסטליכע רעליגיאָן זיך פערברייט צווישען דיא ווילדע שטאממען וואס זיינען בעוואוסט מיט דעם נאמען גאָטהען, וועלכע האבען דאן געפיהרט א לענגערע צייט קריעג מיט דיא רוימער. דיא כריסטען, וועלכע וואָרען פון דיעזע לעצטע פערפאָלגט, האבען זיך דאמיט בע־נוצט, אום זיך אנצושליעסען צו דיא גאָטהען אונד זייא בעקעהרען צו זייער אמונה, פיעלע כריסטליכע פריעסטער זיינען אוועק מיט דיא מחנות פון דיעזע פראים אונד געפרעדיגט פאר זייא יעזוס'עס תורה, וועלכע בעשטעהט נור אין דעם אז יעזוס איז געוועזן גאָט'ס א זוהן, אונד אזא מין תורה איז געווים דיא גאָטהען זעהר געפעללען געוואָרען אונד זייא האבען איהר געקענט גאנץ לייכט בעגרייפען. נאטירליך אין אָס ניט אזוי שנעלל צוגעגאנגען אונד פיעלע גאָטהען זיינען נאך געבליעבען

נעטצען־דיענער; אבער אין דער נעכסטער צייט געפינען מיר אין דער כריסטליכער געשיכטע, אז בייא דיא קירכען־פערזאממלונג פון ניקעא האט שוין אנטהייל גע־נוממען א געוויסער טהעאָפילוס, אלס בישאָף פון דיא גאָטהען, דאס בעווייזט אלזאָ אז אין א פערהעלטניסמעסיג קורצע צייט האבען מאססען פון דיזע ווילדע פעל־קער זיך אנגעשלאָסען צום כריסטענטהום.

אין גאול, דער יעצטיגער פראנקרייך, אין דייטשלאנד אונד שאָטלאנד, וועלבע זיינען דאמאלס געווען בעזעצט מיט ווילדע פעלקער, האט אויך דאס כריסטענטהום צו יענער צייט געמאכט גרויסע פאָרטשריטע. פיעלע מיסיאָנערען זיינען פון דיא בישאָפען ארויסגעשיקט געוואָרען נאך יענע לענדער אונד זייא האבען געגרינדעט קירכען אין אזעלכע שטעדט וויא פאריז, טור, ארל, טולוז, אויך אין קעלן, מעטץ אונד פעשיעדענע אנדערע. דיא פראָפאגאנדא פון דיא נייע רעליגיאָן איז אין דיזע מדינות געווען פיעל לייכטער אלס אין רוים, נאך שנעלער אלס אין די נעהענטערע פראָווינצען וואס זיינען געשטאנען דירעקט אונטער איהר רעגיערונג, וואו דיא כריסטען זיינען פון צייט צו צייט געווען זעהר שטרענג פערפאָלגט.

דער רוימישער קייזער סעווערוס האט אין יאהר 203 ארויסגעגעבען איין עדיקט, אז קיין רוימישער בירגער דארף ניט פערלאָזען דעם גלויבען פון זיינע על־טערן אונד אננעהמען דאס כריסטענטהום אונד דער וואס וועט עובר זיין אויף דיזען בעפעהל וועט זעהר שטרענג בעשטראפט ווערען. דיא בעקעהרונג צום כריס־טענטהום אין גרעסערע מאססען איז דאדורך אויף א געוויסע צייט אבגעהאלטען געוואָרען, אבער דיא פערפאָלגונג געגען דיעיעניגע וואס זיינען שוין פריהער געוואָרען כריסטען איז דאדורך נאך מעהר פערשטארקט געוואָרען. פיעלע פון זייא האט מען הינגעריכטעט אונד אנדערע וואס זיינען אימשטאנד געווען אונטערצוקויפען דיא גאָווערנאָרס אונד דיא בעאמטע, האבען זיך געראַטעט פון צופיעל אונטערדריקונג.

סעווערוס איז געשטאָרבען אין 211 אונד פון דאן אָן האבען דיא נאכפאָלגענ־דע קיסרים, אין פערלויף פון אונגעפעהר 40 יאהר קיינע אונטערדריקענדע בעפעהלען געגען דיא כריסטען ניט ארויסגעגעבען. אייניגע פון דיזע קיסרים זיינען זאָגאר גע־ווען פריינדליך צו זייא אונד דאס כריסטענטהום האט זיך דאדורך וועהרענד דיזע צייט נאך מעהר פערברייטעט. ענדליך איז אין יאהר 249 בעשטיעגען דעם טהראָן דעציוס טראיאנוס, א טיכטיגער מאַן, א פעהיגער פעלד־העלד אונד א געבילדעטער מאַן. דאס כריסטענטהום האט ער איבערהויפט פערהאסט, אלס א נייע בעוועגונג, וועלבע ברענגט אונרוהען אונד שטערונגען אין לאנד. זיין ערסטע

טהאט איז געווען ארויסצוגעבען א בעפעהל צו אלע גאָווערנארס אונד מאגיסטראַ־טען, זייא זאָללען איבעראלל אויסוואורצלען אונד פערניכטען דיעזע סעקטע; מען זאָלל דיא כריסטען צווינגען זיך צו ענטזאגען פון זייער גלויבען אין יעזוס'ען אונד זייא זאָללען אנגעהמען דיא אללגעמיינע לאנדעס־רעליגיאָן. פיעלע פון דיא כריסטען זיינען דאן היינגעריכטעט געוואָרען אונד מאססען האבען אבגעשוואָרען זייער נייע אמונה אונד צוריקגעקעהרט צום היידענטהום. דיא כריסטען וואָללטען אונטער דיעזע פערפאָלגונגען אין גאנצען אויסגעראָטט געוואָרען, אבער צו זייער גליק איז דעצ־יוס נאך פערלויף פון 2 יאהר, אין 251, געפאללען אויף דעם שלאכט־פעלד אונד מיט זיין טויט האבען באלד אויפגעהערט דיא גרויסע פערפאָלגונגען גע־גען זייא.

אין דערזעלבער צייט האט אויסגעבראָכען א נייע שפאלטונג אין דער כריסט־ליכער קירכע, וועלכע עס האט אויפגעטהון א געוויסער נאָוואציאן, איינער פון דיא רוימישע פרעסביטערס. דיעזער נאָוואציאָן איז געווען א געבאָרענער געטצען־דיענער אונד נאכדעם וויא ער האט אנגענוממען דעם כריסטענטהום איז ער געוואָרען א גרויסער פאנאטיק. מען בעשרייבט איהם אלס א פערזאָן מיט א מעלאנכאָלישען כאראקטער אונד אלס א פינסטערען מענשען־פיינד. דיא אורזאכע פון זיין קריעג מיט דיא פאָרשטעהער פון דיא קירכע איז ארויסגעקוממען כמעט איבער א קליי־ניגקייט. נאך דעם טויט פון דעציוס טראיאנוס, אלס דיא גרויסע פערפאָלגונג געגען כריסטען האט אויפגעהערט, האבען זיך געוואָללט צוריק אנשליעסען צו דער קירכע פיעלע פון דיעיעניגע וואס זיינען געצוואונגען געווען זיך צו ענטזאגען פון כריסטענטהום. דאס גרעסטע טהייל פון דיא רוימישע פרעסביטערס, מיט איינעם פון זייא א געוויסען קאָרנעליוס אן דער שפיטצע, האבען גאר ניט געהאט דאגעגען אז מען זאָלל אזעלכע צוריקקעהרענדע כריסטען ווידער אויפנעהמען אין דיא קירכע; אבער נאָוואציאָן, מיט איינינע פון זיינע אנהעננער, האבען שטארק פראָטעסטירט דאגעגען, דען נאך זייער מיינונג איז אויסגעקוממען, אז דיעיעניגע וואס האבען זיך איינמאל ענטזאגט פון כריסטענטהום, געלעסטערט יעזוס'עס נאמען אונד גע־אָפפערט צו דיא היידנישע געטער, דארפען מעהר ניט צוגעלאָזען ווערען אין דיא קירכע.

צו דערזעלבער צייט איז גראדע דאמאלס געשטאָרבען דער בישאָף פון רוים פאביאן, אונד נאוואציאן מיט זיינע אנהעננער האבען געקעמפפט דאגעגען, אז קאָרנעליוס זאָלל אויף דיעזע אמט ניט ערוועהלט ווערען, אבער זיי האבען גאר ניט אויסגעפיהרט, דען ניט נור אין רוים אליין, זאָנדערן אויך אין אנדערע ערטער

זיינען אללע בישאָפען געווען געגען דיא צו שטרענגע אנזיכטען פון נאָוואציוס, וועלבע וואָללטען דאָך יעדענפאללס געבראכט שאדען אונד פערהינדערט דיא פערברייטונג פון כריסטענטהום. קאָרנעליוס איז אלזאָ ערוועהלט געוואָרען אלס בישאָף פון רוים, טראָטץ דיא פראָטעסטען פון נאָוואציאן אונד זיינע אנהענגער, אז מען טאָהר מיט איהם קיין מגע ומשא ניט האבען. קאָרנעליוס האט דאגעגען צוזאמען גערופען אין רוים א סינאָד פון פיעלע בישאָפען, אין יאהר 251, אונד עס איז בעשלאָסען גע־וואָרען, דעם נאָוואציאן מיט זיינע אנהענגער אויסצושטויסען פון דער קירכע. דיעזע אויסגעשטויסענע האבען געגרינדעט א קירכע פיר זיך זעלבסט אונד אויפגענוממען נאָוואציאן אלס בישאָף. זייער סעקטע האט באלד געוואונען נאך פיעלע אנהענגער אונד איז געוואָרען פערברייטעט אין פערשיעדענע מדינות.

דער אונטערשיעד פון דיעזע נאָוואציאנער פון די אלגעמיינע כריסטען איז אין אלע רעליגיעזע הינזיכטען ניט בעזונדערס גרויס געווען, דיא הויפטזאך אבער האט דיעזע סעקטע אנגענוממען א מעהר שטרענגע, מעהר פאנאטישע אויפפיהרונג. זיך זעלבסט האבען זייא א נאמען געגעבען Cathari, דיא ריינע, אונד יעדער וואס האט זיך צו זייא געוואָללט אנשליעסען, זאָגאר א כריסט, וואס איז שוין פאר דעם געווען גע־טויפט, האט זיך געמוזט נאך א מאל טויפען, דען דיא ערסטע טבילה פון דיא גע־וועהנליכע כריסטען, האט זיך בייא זייא גערעכענט אלס אונפאָללקאָממען, אלס אונריין. ווען יעמאנד פון זייא האט זיך פערזינדיגט איז ער באלד אויסגעשטויסען געוואָרען פון דער געמיינדע, אונד ער האט שוין מעהר ניט געקענט אויפגענוממע; ווערען, דיא נאָוואציאנער האבען עקסיסטירט אלס א בעזונדערע סעקטע ביז צום 5טען יאהרהונדערט.

אזעלבע אָפטע שפאלטונגען אין דיא כריסטליכע קירכע זיינען וואהרשיינליך ארויסגעקומען דארום וויל זייערע פריעסטער זיינען שוין דאן געווען ניעדריג גע־זונקען אין פערדאָרבענהייט, אונד בייא אזא זאָרט מענשען מוז געוועהנליך אימער ארויסקוממען צאנקערייען. איבערהויפט ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזעלבע אי־דעאלע אנגעלעגענהייטען וויא רעליגיאָן. אלסביישפיעל קען דיענען דיא געשיכטע מיט פאָול פון סאמאָזאטא, וועלבער איז געווען דער מיטראָפאָליט פון אנטיאָך. דיא גרויסע רייכטהימער פון דיעזען קירכען־פירסט איז שוין געווען א געניגענדער בעווייז פון זיין שולד, דען פון זיינע עלטערן האט ער קיין ירושה ניט בעקוממען אונד קיין אנדערע הכנסות האט ער אויך ניט געהאט פון וואנען ער זאָלל קעננען פיהרען אזא לעבען. אין דער טהאט האט פאָול אויסגענוצט זיין גייסטליכע אמט. אום נור וואס מעהר געלד צו רייסען. וואו ער האט נור געוואוסט אז אירגענד

יעמאנד בעזיצט א פערטעגען האט ער אנגעווענדעט אללע אינטריגעס איהם זיין איינענטהום צו בערויבען. זאגאר דיא קלענטרע פרועססערס, וואס זיינען געוועזן פון איהם אבהענגיג, האבען איהם געמוזט צאהלען אבגאבען אונד ער פלעגט אזעלבע גייסטליכע עמטער פערקויפען פאר געלד דעמיעניגען וואס האט מעהר געגעבען.

פאול איז געוועזן א צווייאפאכיגער טיראן; אלס פאטריארך האט ער בעהערשט, אויך די נשמות פון זיינע גלויביגע נארען, אבער ער איז אויסער דעם געשטאנען אין גיצוויסע נאהענטע בעציהונגען מיט זענאביא, דיא אויסגעלאסענע קעניגין פון פאלמירא, וועלכע האט איהם געגעבען דעם טיטעל פון א פראקוראטאר, זא דאס ער האט אויף דיעזען אופן געהאט אויך א וועלטליכע מאכט, אונד דיעזע מאכט האט ער אויסגענוצט נור אום זיך צו באדען אין לוקסוס. זיין פאלאסט, זיין טהראן, זיין גלענצענדע אומגעבונג מיט דיא מאססען בעאמטע, דאס אללעס האט געגעבען פאול'ן דעם אנזעהען ניט וויא פון א בעשיידענעם גייסטליכען, זאנדערן וויא פון א מעכטיגען דעספאט. דיעיעניגע וואס זיינען ניט געוועזן גענוג אונטערטהעניג אונד געהארכזאם צו איהם האט ער אונטערדריקט אונד פערפאלגט מיט דיא גרויזאמסטע טיראנייא; דאגעגען האט ער פערשווענדעט מאססען געלד אויף זיינע ליעבלינגע, אויף אזעלכע ניעדערטרעכטיגע פערזאנען וואס האבען איהם געדיענט אום זיינע שענדליכע געלוסטען צו בעפריעדיגען. אין זיין פאלאסט זיינען אימטער געוועזן בעללער, מיט שעהנע פרויען, פון וועלכע צווייא האבען שטענדיג בייא איהם געוואהנט.

עס איז זעהר מעגליך אז צו יענעד צייט זיינען געוועזן פיעלע אזעלכע קירכליכע באנדיטען, אבער דיא געשיכטע וויס פון זייא ניט, אונד אויך פון דיעזען פאול וואללט מען וואהרשיינליך ניעמאלס ערפאהרען, וואס פיר א זארט לעבען פון שאנדע אונד ניכטסווירדינקייט ער האט געפיהרט, דען מען זעהט דאך אז אלע סקאנדאלען וועלכע ער האט אבגעטהון צייט פיעלע יאהרען, זיינען קיינעם נאר ניט אויפגעפאללען אונד קיין איינציגער פון דיא אנדערע בישאפס אין דער בריסטליכער וועלט האט דאגעגען זאגאר מיט א ווארט ניט פראטעסטירט. ער וואללט געוועסס וויא פיעלע אנדערע פון דיא גרויסע גלחים גענענדיגט זיין לעבען אין אמט אונד דאן וואללט מען אויך איהם אנערקענט אלס הייליגען, אלס קעמפפער פיר דעם בריסטענטהום. צו זיין אונגליק האט אבער פאול זיך פערוועלט אנצופאנגען א שטרייט וועגען רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען, בעהויפטסטנדיג אין זיינע דרשות, אז יעזוס איז ניט געוועזן א גאטט אונד אז עס ניעבט ניט קיין דרייא געטער אין איין פערזאן.

דאמיט האט ער ארויסגערופען געגען זיך א געוואלטיגען שטורם פון אללע קירכען־פארשטעהער. די בישאפען האבען איבעראלל אבגעהאלטען פערזאממלונגען, לאנגע דעבאטען זיינען געפיהרט געווארען, מען האט געמאכט פארשטעללונגען, דעקרעטירט חרמים, אבגעשלאסען פערהאנדלונגען, ביז עס האבען זיך ענדליך פער־זאמעלט אונגעפעהר 80 בישאפס אין א גרויסען סינאד אונד פאול איז אבגעזעצט געווארען פון זיין אמט. דענאך האט פאול געפיהרט זיין אמט נאך פיער יאהר, אונטער דעם מעכטיגען שוטץ פון זיין געליעבטע, די קעניגין זענאביא, ביז דיזע לעצטע איז בעזיעגט געווארען פון רוימישען קייזער אורעליאן, אונד דאן איז אויך פאול געשטירצט געווארען.

אונטערדרעססען איז די פראפאגאנדא פון כריסטענטהום וועהרענד די לעצטע יאהרען פון 3טען יאהרהונדערט געפיהרט געווארען מיט נאך מעהר ענערגיע אונד זייער ערפאלג איז געווען אזוי גרויס, אז אין די רוימישע מיליטער האבען א גרויסע טהייל פון די סאלדאטען זיך בעקעהרט צו דיזען גלויבען. עס ווארען שוין צו יענער צייט גאנצע לעגיאנען פון כריסטען, דורך וועלכע די מאכט פון די קירכע איז פערשטארקט געווארען. די אלטע דריקענדע געזעטצען געגען די כריסטען זיינען צוואר נאך ניט בטל געווארען, אבער מען האט עס מעהר ניט אנ־געווענדעט אום זייא צו פערפאלגען; זייערע קירכען האבען שוין עפענטליך עק־סיסטירט, אונד זייער רעליגיאן איז שוין אויף דיזען אופן האלב אנערקענט געווא־רען פון די רעגירונג. אלס דער רוימישער קייזער דיאקלעטיאן איז בעשטיגען דעם טהראן, אין יאהר 284, איז שוין דאס כריסטענטהום געווען איין אנגעזעהענע מאכט אונד די פארשטעהער פון זייערע קירכען האבען דורך פערשיעדענע אינ־טריגעס, דורך דעם איינפלוס אויף די קייזערין פריסקא אונד איהר טאכטער וואלעריא, האבען זיי געשטרעבט נאך מעהר מאכט צו געווינען. דעם קייזערס לייב־דיענער, אונד פיעלע פון זיין הויז־געזינד האבען שוין געהערט צו די כריסטליכע קירכע. אויך אין די פאלאסטען פון אללע אנדערע רוימישע מאגנאטען האבען זייא געוואוסט אויף דיזען אופן זיך אריינצושמוגלען אונד דאס כריסטענטהום איז געגאנגען מיט ריעזען־שריט אויף דעם וועג צו ווערען א וועלט־מאכט.

דיאקלעטיאן זעלבסט איז געווען איינער פון יענע לעצטע רוימישע קייזערען, וועלכע האבען מיט זייערע העלדענטהאטען אונד גרויסע רעגירונגס־פעהיגקייטען געזוכט ווידער אויפצושטעללען די מאכט פון רוים, וועלכע האט שוין דאן געהאל־טען ביי'ן אונטערגעהען. שטענדיג בעשעפטיגט מיט זיגרייכע מלחמות האט ער

וועגען רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען איבערהויפט זיך וועניג נעקימערט אונד אין אללגעמיין איז ער געוועזן זעהר טאָלעראנט, זאָ, דאס זאָגאר צו אידען האט ער בעוויעזען פיעל פריינדליכקייט. דאס כריסטענטהום איז געוואָרען אימער מעכטי־גער אונר גלייכצייטיג זיינען דיא גייסטליכע געזונקען אין דיא שענדליכסטע אויס־געלאַסענהייט. זאָגאר דיא קירכליכע געשיכטע־שרייבער עוזעביוס ערצעהלט, אז אין דיא קירכען האבען דאן געהעררשט אינטריגעס, קנאה, שווינדעל אונד פערדאָרבענהייט. דיא פּרעסביטערס האבען מיט אזעלכע מיטלען געשטרעבט צו העכערע קירכליכע ראנגעס אונד דיא בישאָפּס האבען געצאנקט אונד געקעמפּפט צווישען זיך, ווייל יעדער איינער האט געוואָללט בעקוממען א גרעסערע מאכט איבער אללע אנדערע אונד שפּיעלען דיא ראָללע פון א טיראנישען זעלבסט־העררשער.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, אז דער אַלטער האסס פון דיא היידען, איבערהויפט פון דיא געבילדעטע קלאססע, האט וויעדער אויפגעלעבט געגען דיא כריסטען, דיא קנאה איז נאָך גרעסער געוואָרען, זעהענדיג אז דיעזע אבערגלויבישע סעקטע, טראָטץ איהר פערדאָרבענהייט, געווינט אזוי פיעל ערפאָלג. דיא מיט־רעגיערענדע פון קייזער דיאָקלעטיאן, מאַקסימיאן אונד גאַלעריוס, האבען איהם שליעסליך אויפמערקזאם געמאכט, אז דאס כריסטענטהום איז דיא גרעסטע גע־פאהר פאר דעם לאנד. עס האבען זיך גראדע דאן געמאכט איינינע צופעללע, פון וועלכע עס איז געוועזן דייטליך צו זעהען וויא דיא כריסטען פון זייער זייט פער־האססען דיא היידנישע רעגיערונג. זאָ האט צום ביישפּיעל א כריסטליכער אָפּפיציער מארסעללוס עפפענטליך אראבגעוואָרפען פון זיך דיא וואפפען אונד דעם מונדיר, אויסרופענדיג אז ער אנערקענט אויף זיך קיין אנדערער העררשער אויסער יעזוס כריסטוס, דעם אייביגען קעניג. מארסעללוס איז דאפיר געקעפּט געוואָרען אונד פיעלע אנדערע כריסטליכע אָפּפיצירען האט מען ארויס געטריעבען פון דיא רעגימענטען.

קייזער דיאָקלעטיאן, אום זיך צו בעפרייען פון דיא רוימישע אינטריגאנטען, האט איבערגעטראגען זיין רעזידענץ פון רוים נאָך ניקאָמעדיא, וואו אין זיין דאָר־טיגען פּאלאסט האט גאַלעריוס מיט איהם געהאט איינינע קאָנפערענצען אונד דער קייזער, נאָך פערלויף פון איין 18 יעהריגע רעגיערונג, האט אין יאהר 303, איינגעשטיממט אנצופאנגען געגען דיא כריסטען א נייע פערפאָלגונג. אין איין עדיקט וואס איז וועגען דעם ארויסגעגעבען געוואָרען איז ערקלערט, אז דיא כריס־טען זיינען א בעזונדערע רעגיערונג אין א רעגיערונג, זייא ווילען קיינעם ניט

געהארכען אויסער זייערע בישאָפס אונד זיינען געהיימע פיינדע פון שטאאט. עס איז אלזאָ ארויסגעגעבען געוואָרען א בעפעהל, אז אללע כריסטליכע קירכען מוזען גע־שלאָסען ווערען, זייערע הייליגע שריפטען זאָלל מען פערברענען אונד אז קיין כריסט זאָלל ניט האבען דאס רעכט אירגענד וועלכע אמט צו בעזיצען.

עס איז דענאָך זעהר מעגליך אז דאס אללעס וואָללט זיך געענדיגט אהן בלוט־פערגיעסונג, אבער דיא כריסטען האבען גענען זיך אלליין ארויסגערופען דעם גרעסטען שטורם. באלד נאכדעם וויא דיעזער עדיקט איז פובליצירט געוואָרען האט מען אין פערלויף פון 15 טעג 2 מאָלל אונטערגעצונדען דעם קייזערליכען פאַלאַסט, גראדע אין דער אבטהיילונג וואו עס איז געוועזען דיאָקלעטיאַן'ס שלאף־צימער. עס האט נאטירליך גאר קיין צווייפעל ניט געקענט זיין אז דאס איז גע־ווען דיא ארבייט פון דיא כריסטען. פיעלע פון דיא איינוואָהנער אין פאלאסט, אויף וועלכע עס איז געפאללען א פערדאכט, זיינען ארעטירט געוואָרען, איינינע האט מען הינגעריכטעט אונד דיא אללגעמיינע פערפאָלגונג געגען דיא כריסטען אין גאנצען לאנד האט זיך אנגעפאנגען מיט א בלוטיגען ערנסט. מאססען פון זייא האבען בעצאהלט מיט זייער לעבען אונד פיעלע האבען זיך ענטזאגט פון זייער גלויבען אונד אויסגעליפערט זייערע הייליגע ביכער צו דיא מאגיסטראטען, וועלכע האבען זיי פערברענט. צווישען דיעזע אבטריניגע פון יעזוס'ען זיינען געווען מאססען פון דיא העכערע גייסטליכע אונד בישאָפען.

דיעזע פערפאָלגונגען האבען גידויערט אין פערלויף פון 2 יאהר, ביז דעם יאהר 305, ווען דיאָקלעטיאַן האט זיך פרייוויללינ ענטזאגט פון דער רעגיערונג אונד האט זיך בעזעצט אין סאלאָנא, אין א פאלאסט וואס איז פריהער דאָרט אויפגעבויעט געוואָרען, וואו ער האט נאך איינינע יאהר געלעבט אלס פריוואט מאן. דיא נאכפאָלגענדע רוימישע הערשער האבען ניט שטארק פערפאָלגט דיא כריסטען, ווייל זייא זיינען שוין פיעללייכט ניט אים שטאנד געוועזען צו קעמפפען געגען זייער אונגעהויערע מאכט.

דיעזע כריסטליכע מאכט איז געקוממען צו איהר העכסטע שטופע אין יאהר 320, ווען קייזער קאָנסטאנטין האט פראָקלאמירט דעם כריסטענטהום אלס א הערשענדע שטאאטס־רעליגיאָן, אונד דאמיט האט זיך אויף אנגעפאנגען א נייע פעריאָדע אין דער געשיכטע דער מענשהייט.

ענדע.

א נייער דריי שפראכיגער

ווערטערבוך

— פון —

אלכסנדר הארקאווי

אידיש, העברעאיש און ענגליש

אלכסנדר הארקאווי, וואס האט זיך בעריהמט געמאכט מיט זיינע ווערטער ביכער, וועלכע האבען געדינט פאר א וועג ווייזער א גאנצען דור צו ערלערנען די ענגלישע שפראך, האט יעצט בעקרוינט זיין ארבייט מיט דעם נייעם ווערק, וועלכע שיינט איבער אלע זיינע פריהעריגע שאפונגען.

דער ווערטערבוך איז דאס ערשטע ווערק וואס פעראייניגט אלע דריי שפראכען צוזאמען דורך יודיש. און שטעהט העכער פון א טרוקענעם ווערטערבוך ווייל אויסער וואס ער פערטייטשט ריכטיג יעדען ווארט אין דריי שפראכען איז ער אויך א זאמלונג פון אלע אלטע און נייע שפריכווערטער, ליטערארישע פראזען און פאלקסטימלכע אויסדרוקען פון טעגליכען לעבען, וועלכע ער טראגט אריבער אין א זאפטיגען העברעאיש און ענגליש.

שעהן געדרוקט, געבונדען אין סילק קלאטה

פרייז 5 דאללאר

HEBREW PUBLISHING COMPANY

632-34 Broadway, New York.

געזאמעלטע שריפטען

פון

יהואש

דער גרעסטער אידישער דיכטער פון אונזער צייט

באנד 1. געזאמעלטע ליעדער

באנד 2. נייע שריפטען 1טער באנד

באנד 3. נייע שריפטען 2טער באנד

באנד 4. ה י י א ו ו א ט ה א

באנד 5. פּ א ב ל ע ן

באנד 6. צווישען זונן און נעבעל

באנד 7. פון דער וועלט און יענער

באנד 8. פון ניו יארק ביז רחובות און צוריק I

באנד 9. פון ניו יארק ביז רחובות און צוריק II

באנד 10. אין געוועב

די געזאמעלטע שריפטען פון י ה ו א ש ענטהאלטען פּערלען פון אידישער דיכטונג און שאפונגס-קונסט: מאהלערישע און פארבענרייכע נאטור-שילדערונגען; לירישע הארציגע טרעלען און שטימונגען; טיעף דורכפיהלטע און דורכטרוימטע ראמאנסען, פול גלוט און ליעבעס פרייד און וועה; בעצויבערענדע און זיסע לעגענדען און האלב-לעגענדען; געדאנקען-רייכע און פילאזאפיש-ערהאבענע דיכטונגען פון אייביגע וועלט פּראבלעמען, וועלט שמערץ און פרייד; הייסע דורכוועהטאגטע נאציאנאל-ליעדער; אויך א שאך פון פּראזא ערצעהלונגען, שעהן און רייצענד, לעבענס-וואהר, פּסיכאלאגיש עכט און גלענצענדע טיעפזיניגע פילאזאפישע שטודיען און עסייען.

די געזאמעלטע שריפטען פון י ה ו א ש זיינען אן אמת'ער שאך פיר יעדעס אידישעס הויז.

10 פּראכטפולע בענדער געבונדען אין קלאטה $15.00

HEBREW PUBLISHING COMPANY

682 Broadway, New York